STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09972

# DI GROYSE FRANTZOYZISHE REVOLUTSYE 1789-1793

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די גרויסע
# פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן
## 1789—1793

פון

## פעטער קראָפּאָטקין

אידיש פון

## ש. יאַנאָווסקי

ארויסגעגעבען פון דער
„פרייע ארבייטער שטימע“
.1912

# די גרויסע
# פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן
# 1789–1793

## ערשטער באַנד

די פאַסירונגען ביז צו די סעפטעמבער טעג פון 1792.

# אינהאַלטס־פערצייכניס.

קאַפּיטעל | זייטע


1. די צוויי גרויסע שטרעמונגען פון דער רעוואָלוציאָן....3
2. די אידעע..............................9
3. האַנדלונג.............................17
4. דאָס פאָלק פאַר דער רעוואָלוציאָן...............24
5. דער גייסט פון רעוואָלט: די ראַיאָטען.............29
6. די איינבערופונג פון די גענעראַל־שטאַאַטען ווערט אַ נויטוועגדיגקייט.........................46
7. די אויפשטענדע פון די לאַנד־דיסטריקטען אין די ערשטע מאָנאַטען פון 1789......................54
8. ראַיאָטען אין פאַריז און אומגעגענד..............70
9. די גענעראַל־שטאַאַטען........................77
10. די פאָרבערייטונגען צום שטאַאַט־שטרייך............86
11. פאַריז ערב דעם 14טען יולי....................101
12. די שטירצונג פון דער באַסטיל...................118
13. די פאָלגען פון דעם 14טען יולי אין ווערסאַיל........133
14. די פאָלקס־אויפשטענדע.........................142
15. די שטעדט...................................148
16. די בויערען־אויפשטענדע.......................164
17. דער 4טער אויגוסט און זיינע פאָלגען..............178
18. די פעאָדאַלע רעכטע בלייבען ווי געוועזן............196
19. די ערקלערונג פון די רעכטע פון מענשען............214
20. דער 5טער און 6טער אָקטאָבער 1789................221
21. די מורא פאַר די מיטעלקלאַסען — די נייע מוניציפּאַלע אָרגאַניזאַציאָן...........................238

קאַפּיטעל — זייטע


22. פינאַנציעלע שוועריגקייטען — דער פערקויף פון דעם קירכען־אייגענטהום.......................... 252
23. דער פעסט פון 14טען יולי 1790................ 261
24. די „דיסטריקטען" און „סעקציאָנען" פון פאַריז...... 270
25. די סעקציאָנען פון פאַריז אונטער דעם נייעם מוניציפּאַל־געזעץ.................................. 282
26. די פערציהונג אין דער אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע. 291
27. די פעאָדאַלע געזעצגעבונג אין 1790............... 306
28. דער שטילשטאַנד פון דער רעוואָלוציאָן אין 1790...... 317
29. דער קעניג אַנטלויפט. — רעאַקציע. — דער סוף פון דער גרינדונגס־פערזאַמלונג.......................... 334
30. די לעגיסלאַטיווע פערזאַמלונג. — רעאַקציע אין 1791—1792.................................. 351
31. די קאָנטר־רעוואָלוציע אין זיד־פראַנקרייך............ 366
32. דער 20סטער יוני 1792...................... 377
33. דער 10טער אויגוסט און זיינע באַלדיגע פאָלגען...... 396
34. די איבערגאַנגס־צייט — די פעררעטהערייען......... 416

# פֿאָרוואָרט.

וואָס מעהר איינער שטודירט די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, דאָס קלערער ווערט פֿאַר איהם, ווי ניט פֿאָלשטענדיג עס איז נאָך די געשיכטע פֿון יענער גרויסער עפּאָכע; וויפֿיעל לעכער עס איז נאָך דאָ צו פֿערשטאָפּען, און וויפֿיעל דונקעלע פּונקטען מען דאַרף נאָך בעלייכטען.

און ווי קען עס דען אַנדערש זיין? די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט געמאַכט אַזאַ איבערקעהרעניס איבער גאַנץ אייראָפּאַ, וועלכע האָט אומגעוואָרפען אַלעס און האָט אָנגעפאַנגען די ארבייט פֿון אַן אַלוועלטליכער איבערבויאונג אין דעם משך פֿון עטליכע יאָהרען, איז געווען ווי די אַרבייט פֿון נאַטור־כוחות, וועלכע צושטערען און שאַפֿען איבער אַ וועלט. און אויב אין די ווערק פֿון די פֿריהערע געשיכט־שרייבער, וועלכע האָבען בעהאַנדעלט דיזע פּעריאָדע, און בעזאָנדערס ביי מישלע, מוזען מיר בעוואונדערען די גרויסע ארבייט, וואָס זיי האָבען אויפֿגעטהאָן אין פֿאַרנאַנדערפֿלאָנטערען און צוזאַמענשטעלען די מאַסען פֿאַקטען פֿון די פֿערשיעדענע, פּאַראַלעל־לויפֿענדע בעוועגונגען, וועלכע אַלע צוזאַמען האָבען געבילדעט מיט זיך די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע, מוזען מיר אָבער אין דער זעלבער צייט איינזעהען די גרויסקייט פֿון דער אַרבייט, וואָס בלייבט נאָך איבער צו טהאָן.

די אויספֿאָרשונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אין די לעצטע דרייסיג יאָהרען פֿון מ. אָלאַר און פֿון דער „סאָסייעטע דע לא רעוואָלוסיאָן פֿראַנסע“, האָבען זיכער צוגע-

שטעלט שעצבארען מאטעריאל. זיי האָבען פערשפּרייט פיעל ליכט אויף די פערשיעדענע רעוואָלוציאָנערע פּאסירונגען, אויף איהר פּאָליטישע געשיכטע און אויף די קעמפפע פאר הערשאפט, וועלכע זיינען פאָרגעקומען צווישען די פערשיעדענע פּארטייען. אָבער די ערפאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער זייט איז ביז איצט נאָך פערנאכלעסיגט געוואָרען, און אום צו ערפילען דיזע אויפגאבע, איז נויטיג אָבצוגעבען דערפאר די ארבייט פון א גאנצען לעבען, ווי מ. אָלאר בעמערקט גאנץ ריכטיג. אָהן דער ערפאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער זייט פון דער רעוואָלוציע בלייבט די געשיכטע גאנץ אונפאָלשטענדיג און אין פיעלע פונקטען גאנץ אונפערשטענדליך. און ווירקליך, א לאנגע רייהע פון גאנץ נייע פּראָבלעמען שטעלען זיך פאר דעם געשיכט-פאָרשער אזוי שנעל, ווי ער ווענדט זיין אויפמערקזאמקייט צו דער עקאָנאָמישער זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער אומוועלצונג.

און מיט דער אבזיכט צו ווארפען א ביסעל ליכט אויף דיזע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, האָב איך אָנגעהויבען אין 1886 צו מאכען בעזאָנדערע פאָרשונגען פון די סאמע ערשטע רעוואָלוציאָנערע אונרוהען צווישען די בויערען; די בויערען-אויפשטענדע אין 1789; די קעמפּפע פאר און געגען די פעאָדאלע געזעצע; די ווירקליכע אורזאכען פון דער בעוועגונג פון מאי 31 און אזוי ווייטער. אונגליקליכערווייזע האָב איך ניט געקאָנט מאכען מיינע אויספאָרשונגען אין דעם נאציאָנאלען ארכיוו פון פראנקרייך און מיינע שטודיומס זיינען דערפאר בעגרענצט געוואָרען מיט די זאמלונגען פון דעם געדרוקטען מאטעריאל אין דעם בריטיש מוזעאום, וועלכע זיינען אן און פיר זיך זעהר רייך.

גלויבענדיג, אז עס וואָלט ניט לייכט געוועזן פאר דעם אלגעמיינעם לעזער צו ווירדיגען די בעזאָנדערע אויספאָרשונגען פון אזא סאָרט אָהן אן אלגעמיינעם איבערבליק איבער די גאנצע ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָן, ווי זי ווערט פערשטאנען אין דעם ליכט פון דיזע פאָרשונגען, האָב איך עס באלד געפונען פאר נויטיג צו שרייבען א מעהר אָדער ווייניגער לענגערען און קלעהרערען און מעהר צוזאמענהענגענדען בעריכט פון די פא-

סירונגען. איך האָב ניט געהאַט בדעה צו ווידערהאָלען די דראַמאַטישע זייט פון דיזע גרויסאַרטיגע עפּיזאָדען, וועלכע זיינען שוין אזוי אָפט דערצעהלט געוואָרען. איך האָב הויפּטזעכליך געוואָלט בענוצען די אויספאָרשונגען פון דער נייערער צייט, אום צו בעלייכטען דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג און די מאָטיווען פון די פערשיעדענע פּאַסירונגען, וועלכע אַלע צוזאַמען בילדען יענע גרויסע עפּאָכע, וואָס קרוינט דעם 18טען יאהרהונדערט.

די מעטאָדע ביי דער דאַרשטעלונג פון דער רעוואָלוציע צו בעהאַנדלען אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע איהרע איינצעלנע טהיילען, האָט געוויס איהרע פעהלערען: זי מאַכט נויטווענדיג אָפטע ווידערהאָלונגען. דאָך האָב איך גערן געוואָלט נעהמען אויף זיך דיזען פאָרוואורף, אום דאָס שטאַרקער צו בעאיינפלוסען דעם לעזער׳ס געדאַנק מיט די צוויי מעכטיגע שטרעמונגען פון געדאַנק און טהאַט, וועלכע זיינען געקומען אין צוזאַמענשטויס אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן — שטרעמונגען, וועלכע זיינען אזוי ענג פערקניפּט מיט דעם סאַמע עצם פון דער מענשליכער נאַטור, אז זיי מוזען אויך אונפערמיידליך ווידער פאָרקומען אין די היסטאָרישע פּאַסירונגען פון דער צוקונפט.

אַלע, וועלכע קענען די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועלען פערשטעהן, ווי שווער עס איז געווען אויסצומיידען פאַקטישע טעות׳ען אין די איינצעלהייטען פון די ליידענשאַפטליכע קעמפּפע, ווענעס ענטוויקלונג מען וויל שילדערען. איך וועל דאַרום זעהר דאַנקבאַר זיין צו די יעניגע, וועלכע וועלען מיר אָנווייזען אויף אירגענד אַ טעות, וואָס איך האָב געמאַכט. און איך ווינש דאָ אויסצושפּרעכען מיין הערצליכסטען דאַנק צו מיינע פריינד זשיימס גילליאַם און ערנסט ניס, וועלכע זיינען געווען אַזוי גוט צו לעזען מיין מאַנוסקריפּט און צו העלפען מיר אין דיזער אַרבייט מיט זייער וויסען און קריטיק.

פעטער קראָפּאָטקין.

ערשטער קאפיטעל.

# די צוויי גרויסע שטרעמונגען פון דער רעוואָלוציאָן.

די הויפט־אורזאכען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. — די פאָריגע אויפשטענדע. — וואָס מיינט עס רעוואָלוציאָן? — די פעראייניגונג פון דער מיטעל־קלאַס מיט׳ן פאָלק נויטיג. — די וויכטיגקייט פון דער ראָלע, וואָס דאָס פאָלק האָט געשפּיעלט.

---

צוויי גרויסע געזעלשאַפטס־שטרעמונגען האָבען פאָרבערייט די רעוואָלוציאָן, האָבען איהר געבראַכט און איהר אויסגעפיהרט. איין שטרעמונג, די אידעעלע, דער מבול פון נייע אידעען איבער די פּאָליטישע בעניייאונג פון שטאַאט — איז געקומען פון דער בורזשואזיע. די צווייטע שטרעמונג, די שטרעמונג פון טהאַט, איז געקומען פון די פאָלקסמאַססען, פון די דאָרף־בויערען און פון די שטאָדט־פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבען געזוכט באַלדיגע און גרינדליכע פערבעסערונגען פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע. אָט, ווען דיזעביידע שטרעמונגען האָבען זיך צוזאַמען געטראָפען אין איין ציעל, און ווען זיי האָבען פאַר א געוויסע צייט זיך געגענזייטיג געהאָלפען, דאַן איז עס געקומען די רעוואָלוציאָן.

שוין זייט א לאַנגער צייט האָבען די פילאָזאָפען פון דעם 18טען יאהרהונדערט אונטערגעגראָבען דעם פונדאמענט פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אין וועלכער די פּאָליטישע מאַכט

און אויך זעהר א גרויסער טהייל פון דעם נאציאָנאַל־פערמעגען האָט געהערט צום אדעל און דער קירכע, וועהרענד די מאַסע פון דער בעפעלקערונג האָט געקרעכצט אונטער דעם שווערען יאָך פון די רייכע און מעכטיגע. זיי, די פילאָזאָפען, האָבען פראָקלאַמירט די הערשאַפט פון פערשטאַנד, האָבען געפּרעדיגט צוטרוי צו דער מענשליכער נאַטור, וועלכע, זיי האָבען ערקלערט, איז נור פערדאָרבען געוואָרען צוליעב די שלעכטע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען, וואָס האָבען אין לויף פון דער געשיכטע געמאַכט דעם מענשען צום שקלאַף. די מענשליכע נאַטור וועט ווידער גענעזען ווערען, און קומען צו דאָס איהריגע, צו איהרע גוטע אייגענשאַפטען, ווען זי וועט ערקעמפפען איהר פרייהייט.

מיט אזעלכע לעהרען האָבען די פילאָזאָפען געעפענט נייע האָריזאָנטען פאַר דער מענשהייט. זיי האָבען געפּרעדיגט די גלייכהייט פון אַלע מענשען, גאָר אָהן אונטערשיעד פון אָבשטאַמונג: זיי האָבען פערלאַנגט, דאָס יעדער בירגער — סיי קעניג, סיי בויער — זאָלען זיין אונטערוואָרפען דעם געזעץ, וועלכער, לויט זייער מיינונג, דריקט אויס דעם ווילען פון פאָלק, ווען ער ווערט פערפאַסט פון די פערטרעטער פון פאָלק. ענדליך האָבען זיי פערלאַנגט די פרייהייט פון אָבמאַך און די אָבשאַפונג פון אַלע פעאָדאַלע שטייער; אָט דורך די אויפשטעלונג פון אַלע דיזע פאָדערונגען, וועלכע זיינען געוועזען אזוי ענג פערבונדען איינע מיט די אַנדערע, האָבען זיי גאָר אָהן שום ספק פאָרבערייטעט דעם שטורץ פון דער אַלטער אָרדנונג, וועניגסטענס אין די מענשליכע מחות.

אָבער דאָס אַליין האָט ניט געקאָנט זיין גענוג פאַר דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציאָן. מען האָט געמוזט אריבערגעהן פון דער טהעאָריע צו דער טהאַט, פון דעם אידעאַל, וועלכער

האָט געשוועבט אין דער מענשליכער פאַנטאַזיע, צו זיין פּראַק־טישער דורכפיהרונג דורך פערשיעדענע טהאַטען. און, וואָס די געשיכטע האָט פריהער פון אלץ צו ערפאָרשען, איז עס די אומ־שטענדען, וועלכע האָבען אין א בעשטימטען מאָמענט געגעבען די מעגליכקייט דעם פראַנצויזישען פאָלק דיזע ארבייט אויפצו־טהאָן; די פערווירקליכונג פון דעם אידעאַל.

פון דער אַנדערער זייט איז פראַנקרייך שוין זעהר לאַנג פאַר 1789 אריינגעטראָטען אין אַ פעריאָדע פון אויפשטענדע. די טהראָן־בעשטייגונג פון לודוויג דעם 16טען אין 1774 איז גע־ווען דער סיגנאַל פון אַ גאַנצע רייהע פון הונגער־רעוואָלטען. זיי האָבען אָנגעהאַלטען ביז 1783. דאַן איז געקומען אַ פעריאָדע פון אַ פערהעלטניסמעסיגער בערוהיגונג. אָבער פון 1786 און בעזאָנדערס פון 1788 האָבען זיך אָנגעפאַנגען די בויערען־אויפ־שטענדע מיט אַ נייער ענערגיע. די הונגער־נויט איז געווען דער הויפּט־גרונד פון די ערשטע רעוואָלטען. דער מאַנגעל אין ברויט איז אימער געווען איינע פון די הויפּט־אורזאכען פון די בויערען־אויפשטענדע. אָבער מעהר פון אלץ איז עס געווען דער וויע־דער־ווילען פון די בויערען צו צאָהלען די פעאָדאַלע שטייערען, וואָס האָט זיי געטריבען אין דעם אויפשטאַנד. ביז 1789 איז די צאָהל פון דיזע אויפשטענדע געוואָרען אלץ גרעסער, און אין 1789 זיינען זיי געוואָרען אַלגעמיין אין דעם גאַנצען איסט און זיד־איסט פון פראַנקרייך.

אזוי איז צופאַלען דער קערפּער פון דער געזעלשאַפט. דאָך, אַ בויערען־אויפשטאַנד איז נאָך ניט קיין רעוואָלוציאָן, ווען ער נעמט זאָגאַר אָן אזעלכע שרעקליכע פאָרמען, ווי דער רוסישער בויערען־אויפשטאַנד פון 1773 אונטער דער פיהרערשאַפט פון פּוגאַ־טשאָוו. אַ רעוואָלוציאָן איז ניט דער ערך מעהר ווי אַ רייהע

אויפשטאנדס־בעוועגונגען אין דארף און אין שטאדט. א רע־וואלוציאן איז מעהר, ווי אן איינפאכער קאמפף צווישען פאר־טייען; מעג ער זיין ווי בלוטיג. פיעל מעהר, ווי א גאסען־מלחמה, און פיעל מעהר, ווי די בלויזע ענדערונג פון דער רע־גיערונג, ווי פראנקרייך האט עס פרובירט אויסצופיהרען אין 1830 און אין 1848. די רעוואלוציאן איז דער שנעלער, אין א פאר יאהר אויסגעפיהרטער, שטורץ פון אינסטיטוציאנען, וועלכע עס האט גענומען יאהרהונדערטע זיך איינצואווארצלען, און וועלכע האבען אויסגעזעהען צו שטעהען אזוי פעסט, דאס די ווילדעסטע רעפארמער האבען קוים געוואגט זיי אנצוגרייפען אין זייערע שריפטען. די רעוואלוציאן מיינט דאס פאנאנדערפאלען, דאס צוברעקלען זיך — א פאר יאהר זיינען גענוג — פון אלעם דעם, וואס האט ביז דאן געבילדעט מיט זיך דעם סאמע עצם פון דעם סאציאלען, רעליגיעזען, פאליטישען און עקאנאמישען לעבען. די רעוואלוציאן מיינט דער אבשטארבען פון די אלע עקזי־סטירענדע אידעען און בעגריפע איבער אלע ערשיינונגען און אויך איבער די פערפלאנטערטע בעציהונגען פון דער מענשען מאסע. ענדליך מיינט רעוואלוציאן די געבורט פון נייע בעגריפע איבער די אלע פיעלפאכע שייכות צווישען די בירגער; און דיזע בעגריפע ווע־רען באלד ווירקליכקייטען און הויבען אן באלד צו האבען זייער ווירקונג אויף די שכנ׳ישע פעלקער, אזוי, דאס זיי קעהרען איבער די גאנצע וועלט און גיבען דעם קומענדען יאהרהונדערט זיין בעשטימטען שטעמפעל, זיינע פראבלעמען, זיין וויסענשאפט, זיינע טענדענצען און זיין עקאנאמישע, פאליטישע און מאראלישע ענטוויקלונג.

אום ארויסצוברענגען אין לעבען א פאסירונג פון אזא בע־דייטונג; אום א בעוועגונג זאל אננעהמען די גרויסקייט און כא־ראקטער פון א רעוואלוציאן, ווי דאס איז געווען אין 1789—1793 אין פראנקרייך, איז עס ניט גענוג, אז עס זאל בלויז פארקומען אן אידעעלע בעוועגונג אין די געבילדעטע קלאסען, מעג זי געהן ווי טיעף; און עס איז פונקט אזוי ניט גענוג, אז עס זאלען פארקומען בלויזע פאלקס־אויפשטענדע, מעגען זיי זיין ווי פיעל

און ווי שטאַרק. דערצו איז נויטיג, אז דאָס רעוואָלוציאָנערע האַנדלען, וואָס קומט פון פאָלק, זאָל צוזאַמענפאַלען מיט דעם רעוואָלוציאָנערען דענקען, וואָס קומט פון די קלאַסען. די פעראייניגונג פון דיזעביידע איז נויטיג.

דאַרום איז ענטשטאַנען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, פּונקט ווי די ענגלישע רעוואָלוציאָן מיט אַ יאַהרהונדערט פריהער, געראַדע אין דעם אויגענבליק, ווען דער בירגערטהום, וואָס האָט פריהער טיעף געטרונקען פון די קוועלען פון דער פילאָזאָפיע פון זיין צייט, איז געקומען צום בעוואוסטזיין פון זיינע רעכטע, האָט געמאַכט אַ נייעם פּלאַן פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן און, שטאַרק דורך דאָס וויסען, האָט זיך מיט דורשטיגקייט גענומען עס דורכצופיהרען, האָט זיך געפיהלט בכח צו בעמעכטיגען זיך איבער די רעגיערונג און ארויסרייסען איהר פון דעם אדעל, וועלכער האָט דורך זיין אונפעהיגקייט, לייכטזין און פערשווענדונג געבראַכט די געזעלשאַפט צום שוועל פון באַנקראָט. אָבער אַליין וואָלטען דער בירגערטהום און די געבילדעטע קלאַסען גאָר ניט אויסגעפיהרט, ווען די בויערען-מאַסען, צוליעב אַ גאַנצע רייהע פון אומשטענדען, וואָלטען אויך ניט רעבעלירט און ווען זיי וואָלטען, אין אַ רייהע פון אויפשטענדע, וועלכע האָבען אָנגעהאַלטען אונאונטערבראָכען פיער יאָהר, ניט געגעבען די מעגליכקייט צו די אונצופריעדענע פון די מיטעלקלאַסען צו קעמפּפען געגען דעם קעניג, אומשטירצען די אַלטע איינריכטונגען און גענצליך צו ענדערען די פּאָליטישע לאַגע פון דעם קעניגרייך.

איז אָט דיזע געשיכטע פון דער צוויפאַכער בעוועגונג דאַרף נאָך געשריבען ווערען. די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז געשריבען געוואָרען ביז איצט פון דעם שטאַנדפּונקט פון די פערשיעדענסטע פּאַרטייען, אָבער ביז היינטיגען טאָג האָבען די געשיכט-שרייבער מעהר פון אַלץ דערצעהלט די פּאָליטישע געשיכטע, די געשיכטע פון דעם זיעג פון דער בורזשואַזיע איבער די האָף-פּאַרטיי און איבער די פערטהיידיגער פון די אינסטיטוציאָנען פון דער אַלטער מאָנאַרכיע.

דערפאר קענען מיר זעהר גוט די בעוועגונגען פון דעם געדאנק, וועלכע זיינען געווען די פארלויפער פון דער רעוואלוציאן. מיר קענען די פרינציפען, וועלכע האבען בעהערשט די רעוואלוציאן, און וועלכע האבען זיך נאכהער אומגעוואנדעלט אין די געזעצע, וועלכע די רעוואלוציאן האט פערפאסט. מיר ווערען בעגייס־טערט פון די גרויסע אידעען, וועלכע דיזע רעוואלוציאן האט אריינגעשליידערט אין די גרויסע וועלט, און וועלכע דער נייג־צעהנטער יאהרהונדערט האט שפעטער פרובירט צו פערווירקלי־כען אין פערשיעדענע ציוויליזירטע לענדער. קורץ, די פארלא־מענטארישע געשיכטע פון דער רעוואלוציאן, איהרע ויכוחים, מלחמות און פאליטיק זיינען אויסגעפארשט און געשילדערט גע־ווארען אין אלע איינצעלהייטען. אבער די רעוואלוציאנס־גע־שיכטע פון פ א ל ק, די דארף נאך געשריבען ווערען. די ראליע, וועלכע דאס פאלק האט געשפיעלט אין דארף און אין שטאדט, איז נאך קיינמאל ניט אין גאנצען אויסגעפארשט און געשילדערט געווארען. פון די צוויי שטרעמונגען, וועלכע זיינען געווען די טאטעס פון דער רעוואלוציאן, איז נור בעקאנט די שטרעמונג פון געדאנק, אבער די אנדערע שטרעמונג, וואס שטעלט מיט זיך פאר דאס האנדלען, די טהעטיגקייט פון פאלק, דיזע איז צומאל ניט געשילדערט געווארען אין איהרע גרעבסטע שטריכען.

און דארום מוזען מיר, וועלכע זיינען די יורשים פון די, ווע־מען די מענשען פון יענער צייט האבען אנגערופען „אנארכיס־טען“, זיך נעהמען פאר די אויספארשונג פון דיזער צווייטער שטרעמונג. וועניגסטענס מוזען מיר זיך נעהמען די מיה איהר ארויסצוברענגען אין איהרע סאמע עיקר־שטריכען.

צוויטער קאפיטעל.

# די אידעע.

די מאָדערנע שטאַאטען. — דער איינפלוס פון דער ענגלישער און אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציאָנען אויף די פראנצויזישע. — די לאַגע און ציעלען פון די מיטעל־קלאַסען. — צענטראַליזאציאָן פון דער אויטאָריטעט. — די שטעלונג פון די בויערען. — דער איינפלוס פון דער פילאָזאָפיע פונ'ם 18טען יאהרהונדערט.

---

אז מען וויל ריכטיג פערשטעהן די אידעע וועלכע האָט בע־גייסטערט דעם בירגערטהום פון 1789, מוז מען זי בעראורטהיי־לען נאָך איהרע רעזולטאטען, וועלכע זי האָט ארויסגעבראכט, נאָך די מאָדערנע שטאאטען.

די קאָנסטיטוציאָנס־שטאאטען, ווי מיר זעהען זיי איצט אין אייראָפּא, האָבען זיך ערשט אויסגעבילדעט ביין סוף פונ'ם 18טען יאהרהונדערט. די צענטראליזאציאָן פון מאכט און הער־שאפט פון היינט־צו־טאָג האָט ניט געהאַט ניט די געענדיגטקייט, ניט די סיסטעמאטישקייט, וועלכע מיר געפינען איצט. דיזע שרעקליכע מאשין, מיט דער הילפע פון וועלכער עס ווערען בע־וואפענט אויף איין איינציגען בעפעהל די מענער פון א גאנצען פאָלק, און ווערען ארויסגעשיקט אָנצומאכען שוידערליכע חורבונות און צו ברענגען טרויער אין טויזענדע פאמיליען; די לענדער, וועלכע זיינען בעצויגען מיט א נעץ פון נאטשאלניקעס, וועמעס פערזענליכקייט איז אין גאנצען דערשטיקט דורך זייער ביוראָקראטישען לעבענסגאנג, און וועלכע פאָלגען מעכאניש די בעפעהלע, וועלכע קומען ארויס פון דעם צענטראל־ווילען; דיזע

פּאַססיווע אונטערטהעניגקייט פון דעם שטאַאט־בירגער אונטער דעם געזעץ, און דיזער דיענען און פאַלען אויף די קניע פאַר דעם געזעץ, דעם פּאַרלאַמענט, דעם ריכטער און זיינע שמשים, וואָס מיר זעהען היינט־צו־טאָג; דיזע היעראַרכישע פּיראַמידע פון גע־בונדענע, איינגעשנורעוועטע טשינאָווניקעס; דיזער נעץ פון שו־לען, וועלכע ווערען אויפגעהאַלטען אָדער געפיהרט פון'ם שטאַאט, וואו מען לערענט צו דיענען און צו געהאָרכען אַלעס, וואָס די מאַכטהאָבער ווילען; דיזע אינדוסטריע, וועלכע צו־קוועטשט דעם אַרבייטער מיט איהר גרויסען רעדער־ווערק, וועל־כען דער שטאַאט לאָזט איהר איבער; דיזער האַנדעל, וועלכער לאָזט אָנזאַמלען אונגעהייערע אוצרות אין די הענד פון די, וועל־כע האָבען פערכאַפּט פאַר זיך דאָס לאַנד, די מינען, די גאַסען און די אוצרות פון דער נאַטור, און וועלכער גיט דערפאַר דעם שטאַאט זיין לעבענס־חיונה; און, ענדליך, דיזע וויסענשאַפט, וועלכע האָט, אמת, בעפרייט דעם געדאַנק און האָט פערהונדערט־פאַכט די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון דער מענשהייט, וועלכע האָט אָבער ערקלערט, אז דאָס רעכט צו הערשען געהערט דעם שטאַרקערען און דעם שטאַאט — דאָס אַלעס איז ניט געוועזען פאַר דער רעוואָלוציאָן.

און דאָן שוין האָט דער פראַנצויזישער בירגערטהום, דער דריטער שטאַנד, איידער מען האָט נאָך געהערט דעם גראָללען פון דער אָנקומענדער רעוואָלוציאָן, געהאַט שוין אין אויג די גרינדונג פון דעם פּאָליטישען אָרגאַניזמוס, וועלכער זאָל אויפ־געבויט ווערען און זיך אויסברייטען אויף די רואינען פון דעם פעאָדאַלען קעניגטהום. עס איז זעהר וואהרשיינליך,דאָס די ענגלישע רעוואָלוציאָן פון דער בורזשואַזיע האָט זעהר פיעל גע־האָלפען דעם פראַנצויזישען מיטעל־קלאַס צו בעגרייפען די ראָליע, וואָס ער דאַרף שפּיעלען אין דער פיהרונג פון דער גע־זעלשאַפט. און עס איז זיכער, אז די אַמעריקאַנישע רעוואָלו־ציאָן האָט אויפגעוועקט און ארויסגערופען אין לעבען די ענערגיע פון די בירגערליכע רעוואָלוציאָנערען אין פראַנקרייך. שוין אין אָנפאַנג פון דעם 18טען יאהרהונדערט איז דער שטודיום פון

שטאאט און די פערפאסונג פון געזעלשאפטען, אויף דעם פרינ־
ציפ פון דעם וואהל פון פערטרעטער, געווען א זעהר בעליעבטע
בעשעפטיגונג. דערפאר דארף מען דאנקען די ווערק פון יום,
מאָנטעסקיו, רוססאָ, וואָלטעיר, מאבלי א. ז. וו. טורגאָ און
אדאם סמיטה האָבען נאָך מוסיף געווען דערצו דעם שטודיום
פון די עקאָנאָמישע פראגען און די ראָליע, וואס דער אייגענטהום
שפיעלט אין דער פאָליטישער צוזאמענשטעלונג פון שטאאט.

דערפון איז געקומען, וואס לאנג נאָך איידער די פראנצוי־
זישע רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען, איז שוין פארטיג געווען
דער אידעאל פון א צענטראליזירטען שטאאט, וואס זאָל געפיהרט
ווערען פון די קלאסען, וואס האָבען אייגענטהום אָדער וואס
האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער גייסטיגער ארבייט. דיזער
שטאאט איז שוין דאָן אויסגעפּאָרשט און געפּרעדיגט געוואָרען
אין א גרויסער צאָהל פון ביכער און בראָשורען. און פון דיעזע
ביכער האָבען דאס שפּעטער די מענער פון דער טהאט געשעפּט
זייערע אימפולסען, זייער ענערגיע און זייערע ארגומענטען.

דערפון איז עס געקומען, וואס דער פראנצויזישער בירגער־
טהום האָט גאנץ גענוי געוואוסט, וואס ער האָט געוואָלט, ווען
עס איז געקומען די רעוואָלוציאָן אין 1789. זיכער, ער איז ניט
געווען רעפּובליקאניש. ער איז עס נאָך איצט ניט. אָבער דאס
האָט ער געוואוסט בעשטימט, אז ער וויל ניט די הפקר־הערשאפט
פון דעם קעניג, די רעגיערונג פון די פירשטען, די פּריווילעגיען
פון אדעל, וועלכער האָט פערכאפט פאר זיך די בעסטע רע־
גיערונגס־שטעלען, כאָטש ער האָט גאר־ניט פערשטאנען, אחוץ,
ווי צו בערויבען דעם שטאאט. דער בירגערטהום איז געווען רע־
פּובליקאניש אין זיין פיהלען, און די בעסטע צווישען איהם הא־
בען געוואָלט די רעפּובליקאנישע איינפאכקייט פון זיטען, ווי
דאס איז געווען דער פאל אין די נור־וואס אויפקומענדע רעפּוב־
ליקען פון אמעריקא. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער גע־
וואָלט די הערשאפט, די פיהרונג פון די בעזיצענדע קלאסען.

ער איז ניט געווען אויסגעשפּראָכען אטהעאיסטיש, נור
צימליך פריידענקעריש. ער האָט ניט געפּיהלט קיין האס צום

קאטוילישען גלח. אָבער ער האָט פערהאַסט בעזאָנדערס די קירכע מיט איהרע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבען געשלאָסען חברותא מיט די פירשטען, און איהרע גלחים, וועלכע זיינען גע־וואָרען געהאָרכזאַמע ווערקצייג אין די הענד פונ׳ם אדעל.

דער בירגערטהום פון 1789 האָט בעגריפען, דאָס עס איז געקומען דער מאָמענט אין פראנקרייך, פונקט ווי מיט הונדערט און פערציג יאהר צוריק אין ענגלאַנד, ווען דער דריטער שטאַנד קען פערכאַפּען פאר זיך די מאכט, וועלכע דער קעניגטהום האָט ניט געקאָנט מעהר האַלטען, און ער האָט געוואוסט, וואָס פאר א געברויך צו מאכען פון דעם.

זיין אידעאַל איז געווען צו געבען פראנקרייך א קאָנסטי־טוציע נאָך דעם מוסטער פון דער ענגלישער. דער קעניג זאָל נור שפּיעלען די ראָליע פון א קאָנטראָל־אַפּאַראַט — מאַנכעס מאָל אפשר מיט דער אויפגאַבע צו ברענגען אין גלייכגעוויכט די פער־שיעדענע קרעפטען, און מעהר פון אַלץ צו זיין דער סימבאָל פון דער נאַציאָנאַלער איינהייטליכקייט. וואָס אנבעטרעפט די ווירקליכע מאכט, דאַרף זי זיין אין די הענד פון א געוועהלטען פּאַרלאַמענט, אין וועלכען דער געבילדעטער בירגערטהום, וועל־כער רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם טהעטיגען און דענקענדען טהייל פון פאָלק, זאָל זיין די הויפּט־קראַפט.

צו דער זעלבער צייט האָט דער בירגערטהום געהאָט דעם געדאנק אָבצושאַפען אַלע לאָקאַלע מעכטע, וועלכע זיינען, זאָ־צו־זאָגען, שטאַאַטען־אין־שטאַאַט, און איבער־צוגעבען די רעגיערונג פון גאַנצען לאַנד צו א צענטראַלער עקזע־קוטיוו־מאַכט, וועלכע זאָל שטרענג קאָנטראָלירט ווערען פון פּאַרלאַמענט, און וועלכער זאָל אריינגעהמען אין זיין מאַכט אַלעס: שטייערן, געריכטע, פּאָליציי, קריעג־פיהרונג, שולע, די רעגולירונג פון האַנדעל און אינדוסטריע — אַלעס! איבעריגעס דאַרף פּראָקלאַמירט ווערען האַנדעלס־פרייהייט און אין דער זעל־בער צייט דאַרף די אינדוסטריעלע אונטערנעהמער געגעבען ווע־רען די פולע פרייהייט פאר די עקספּלואַטאַציאָן פון די נאַטור־

רייכטהימער און ארבייטער, וועלכע פון דאַן אַן און ווייטער זייַ־נען אין דער פולער מאכט פון די באַסעס.

דאַס אַלעס זאָל געשטעלט ווערען אונטער דעם קאָנטראָל פון שטאַאַט, וועלכער וועט נאַטירליך קוקען זעהר גינסטיג אויף די אַנזאַמלונג פון גרויסע רייכטהימער אין די הענד פון פריַ־וואַט־מענשען — אויף וואָס דער בירגערטהום פון יענער צייט האָט נאַטירליך געלעגט זעהר פיעל געוויכט, ווייל אפילו די גע־נעראל־שטאַאַטען זיינען דאָך איינבערופען געוואָרען מיט דעם צוועק, אום צו געפינען מיטעל געגען דעם באַנקראָט פון שטאַאַט.

וואָס אנבעטרעפט די עקאָנאָמישע פראַגען, איז אויך דאַן די אידעע פון די טהאַט־קרעפטיגע מענער פון דעם בירגערטהום געוועזען גאַנץ קלאָר און בעשטימט. דער פראַנצויזישער בירגער־טהום האָט גוט שטודירט טורגאַ און אדאַם סמיטה, די טאַטעס פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע. ער האָט געוואוסט, דאַס זייערע טהעאָריען ווערען שוין פראַקטיצירט אין ענגלאַנד, און ער האָט מקנא געווען זייגע שכנים אויף דער אַנדערער זייט פון קאַנאַל ווי פאַר זייער מעכטיג־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן, אַזוי אויך פאַר זייער פאָליטישע מאַכט. ער האָט געטרוימט אריינצונעה־מען דעם גרונד און באָדען דורך די גרויס־און קליין־בורזשואזיע; ער האָט געטרוימט פון דער עקספּלואַטאַציאָן פון די אוצרות פון דער ערד, וועלכע זיינען ביז איצט געבליבען ניט בענוצט אין דעם בעזיץ פון׳ם אדעל און דער קירכע. און אין דעם האָט ער געהאַט אַלס פערבינדעטע און מיטהעלפער די דאָרפישע קליינ־בירגער, וועלכע זיינען געוואָרען גרויס אין צאָהל און אין מאכט נאָך פאַר דער רעוואָלוציאָן. ער האָט שוין געזעהען דעם שנעלען וואוקס פון דער אינדוסטריע און די מאַסען־פּראָדוקציאָן פון סחורות מיט דער הילפע פון מאַשינעריע און דעם האַנדעל איבער די ימים; די מערק אין איסט, און — די ריעזען־פערמעגענס.

דער בירגערטהום האָט פערשטאַנען, דאַס אום צו דערגריי־כען דיעזע ציעלען, מוז מען פריהער פון אַלץ צורייסען די שטריק, וועלכע האַלט דעם בויער צוגעבונדען צום דאָרף. דערצו איז געוועזען נויטיג, דאַס דער בויער זאָל קריגען זיין פרייהייט צו

פערלאָזען זיין חאטקע, און, אויב ער וויל עס ניט טהאָן פרייווי־
ליג, זאָל ער געצוואונגען ווערען דאָס צו טהאָן; ער זאָל גע־
בראכט ווערען דערצו, אז ער זאָל מוזען אויסוואנדערען אין די
שטעדט און זוכען דאָרט ארבייט; אז ער זאָל מוזען בייטען זיין
בעל־הבית, און זאָל מוזען ברענגען גאָלד פאר דער אינדוסטיע,
אָנשטאָט די צינזען, וואָס ער האָט ביז איצט געצאָהלט דעם
לאַנד־אייגענטהימער, און וועלכע זיינען פאר איהם געווען זעהר
שווער, כאָטש דעם פריץ האָט עס גאַנץ ווייניג איינגעטראָגען.
ענדליך האָט דער בירגערטהום פערשטאַנען, אז עס פאָדערט זיך
אַן אָרדנונג אין די שטאַאַט־פינאַנסען און אנדערע שטייערען,
וועלכע עס זאָל זיין אי לייכטער צו צאָהלען און וועלכען זאָלען
דאָך וואָס מעהר איינברענגען.

קורץ, דער בירגערטהום האָט זיך געניטיגט אין דעם, וואָס
די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען רופען אינדוסטריעלע און האַנדעלס־
פרייהייט, וואָס אָבער אין דער אמת'ען איז פאָלגענדעס: פון
איין זייט די בעפרייאונג פון דער אינדוסטריע פון דער שמערצ־
ליכער און מערדערישער קאָנטראָלע פון שטאַאַט, און פון דער
אַנדערער זייט צו האָבען די פרייהייט אויסצוזויגען דעם ארביי־
טער, פון וועמען די פרייהייט ווערט אין גאַנצען צוגענומען.
קיינע פאַך־פעראיינען, קיין געזעלען־פערבאַנדען, קיינע צעכען,
קיינע מייסטערשאַפטען, וועלכע זאָלען קענען אויף וועלכען־עס־
איז אופן בעשרענקען די עקספּלואַטאַציאָן פון דעם לוין־ארביי־
טער. אויך טאָר ניט זיין קיין שטאַאַט־קאָנטראָל, וועלכער זאָל
פאַלען צו לאַסט דער אינדוסטריע, קיינע שטייערען, קיינע פערבאָ־
טונגען. גענצליכע פרייהייט פאר די געשעפטען פון די אונטער־
נעהמער, און אַ שטרענגער פערבאָט געגען די פעראייניגונג פון
די ארבייטער. פולע פרייהייט פאר די באָסעס — און פאָל־
שטענדיגע שקלאַפעריי פאר די ארבייטער.

דאָס איז געווען דער דאָפּעלטער פּלאַן, וועלכען דער ביר־
גערטהום האָט געהאַט אין אויג. און ער האָט זיך גענומען איהם
אויסצופיהרען, לויט די אומשטענדען האָבען עס פערלאַנגט,
שטאַרק דורך זיין וויסען, און אָהן אירגענד א ספק אין זיינע אב־

זיכטען, מיט זיין גאנצער ענערגיע, ניט אָבוויכענדיג אויף דאָס מינדעסטע פון דעם פאָרגענומענעם פּלאַן. און ער האָט פער־שטאַנען עס דורכצופיהרען מיט א בעוואוסטער און קאָנזעקווענ־טער ענערגיע, ווי דאָס פאָלק האָט עס קיינמאָל ניט געהאַט, ווייל דאָס פאָלק האָט קיינמאָל ניט געהאַט און ניט אויסגעאַר־בייט אַן אידעאַל, וועלכען ער זאָל קענען ענטגעגענשטעלען דעם אידעאַל פון דריטען שטאַנד, פון בירגערטהום.

געוויס וואָלט עס געווען אונגערעכט, ווען מען וואָלט גע־זאָגט, אַז דער בירגערטהום פון 1789 האָט זיך אויסשליסליך גע־לאָזט פיהרען פון ענגהערציגע עגאָאיסטישע אבזיכטען. ווען דאָס וואָלט טאַקי אזוי געווען, וואָלט ער קיינמאָל ניט דערגרייכט זיין אויפגאַבע; עס איז אימער נויטיג אַ טראָפּען אידעאַל, אַ גרויסע איבערקעהרענישען זאָלען קענען פּאַסירען. די בעסטע פערטרע־טער פון'ם דריטען שטאַנד האָבען אין דער ווירקליכקייט געטרונ־קען פון יענעם ערהאַבענעם קוואַל פון דער פילאָזאָפיע פון 18טען יאהרהונדערט, וועלכע האָט געהאַט אין איהר וואָרצעל אַלע גרויסע געדאַנקען, וועלכע האָבען שפּעטער אויסגעשפּראָצט. דער דורך־און־דורך וויסענשאַפטליכער גייסט פון דיעזער פילאָזאָפיע, איהר מאָראַלישער כאַראַקטער — חאָטש זי האָט אָבגעלאַכט פון דער קאָנווענציאָנעלער מאָראַל — איהר פערטרויען אויף דעם פערשטאַנד, אויף די קראַפט און גרויסקייט פון דעם פרייען מענ־שען, ווען ער וועט זיין ארומגערינגעלט פון פונקט אַזעלכע מענ־שען; איהר האַס געגען די אַלע אינסטיטוציאָנען פון דעספּאָ־טיזמוס, דאָס אַלעס געפינט מען ווידער ביי די רעוואָלוציאָנערען פון 1789. פון וואַנען דען וואָלטען זיי גענומען די קראַפט פון איבערצייגונג און אויפאָפּפערונג, פון וואָס זיי האָבען געוויזען אַזעלכע גרויסע ביישפּיעלע? מען מוז אויך דאָס אַנערקענען, דאָס זאָגאר צווישען די יעניגע, וועלכע האָבען אַם מייסטען גע־ארבייט פאַר די דורכפיהרונג פון דעם פּראָגראַם, ווי דעם ביר־גערטהום רייך צו מאַכען, האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבען עהרליך געגלויבט, אַז דאָס רייך־ווערען פון איינצעלנע איז דער בעסטער מיטעל רייך צו מאַכען די נאַציאָן, אַלס גאַנ־

צעס. די בעסטע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמען, און סמיטה מעהר ווי אַלע, האָבען עס דאָך פּראָקלאַמירט מיט אזא איבערצייגונג!

אָבער, ווי הויך עס האָבען געמעגט זיין די אבסטראקטע אידעען פון פרייהייט, גלייכהייט און פרייען פּאָרטשריט, פאר וועלכע עס זיינען בעגייסטערט געווען די פּאָרקעמפּפער פון׳ם בירגערטהום פון 1793—1789, אָבער משפּט׳ן מוזען מיר זיי לויט דעם פּראקטישען פּראָגראם זייערען, לויט דער אָנוועגדונג פון זייער טהעאָריע אין דער פּראקטיק. אין וואָס פאר א פּאַקטען עס ווערט אומגעוואנדעלט דער אבסטראקטער געדאנק — דאָס וועט זיין די אמת׳ע מאָס.

נון, אַלזאָ, חאָטש די גערעכטיגקייט פערלאַנגט, אז מען זאָל אנערקענען, אז דער פראנצויזישער בירגערטהום פון 1789 איז געווען בעגייסטערט פאר די אידעען פון פרייהייט, פון גלייכהייט (פאר׳ן געזעץ) און פון דער פּאָליטישער און רעליגיעזער אונאבהענגיגקייט, דאָך איז עס א פּאַקט, דאָס דיעזע אידעען, אזוי שנעל ווי זיי האָבען אָנגענומען א בעשטימטע געשטאַלט, זיינען זיי געוואָרען די פערקערפּערונג פון דעם דאָפּעלטען פּראָגראם, וועלכען מיר האָבען פריהער געשילדערט: פרייהייט צו פערוועגדען אלערליי אוצרות פון דער נאַטור פאר די פּערזענליכע בערייכערונג און פּונקט אזוי די פרייהייט צו עקספּלואַטירען די ארבייטער; און, פון דער אַנדערער זייט, זאָלען די אויסגעבוי־טעטע ניט האָבען קיין אַנדער ברירה, ווי נור צו פּאַלען אַלס קרבנות פון די אויסבייטער. מיר וועלען ווייטער זעהען, וואָסערע שוידערליכע מלחמות עס זיינען פּאָרגעקומען אין 1793, ווען א טהייל פון די רעוואָלוציאָנערען האָבען געוואָלט געהן ווייטער פון דיעזען פעסט־בעשטימטען פּראָגראם.

## דריטער קאפיטעל.

# האנדלונג.

דאס פאלק. — רעוואלוציאן און סאציאליזמוס. — גלייכע רעכטע פון אלע אויף דאס לאנד. — „קאממוניזמוס“. — דאס פאלק פערשטעהט ניט גוט די לאגע. — דעם פאלק׳ס האס צו דער אריסטאקראטיע און גלחים. — דער האס צום פעאדאליזם. — דאס פאלק איז פערטיג צום קאמפף.

---

און וואס מכח דעם פאלק? וואס איז געווען זיין אידעע?

אויך דאס פאלק האט געפיהלט ביז צו א געוויסען גראד דעם איינפלוס פון דער פילאזאפיע פון יענער צייט. דורך טויזענדע אינדירעקטע קאנאלען האבען זיך די געדאנקען פון פרייהייט און בעפרייאונג דורכגעשפארט ביז צו די דערפער און געסלאך פון די גרויסע שטעדט. דער רעספעקט פאר דאס קעניגטהום און די אריסטאקראטיע האט געהאלטען אין פערשווינדען, אידעען פון גלייכהייט האבען זיך דורכגעשפארט צו די נידריגסטע רייהען פון דער געזעלשאפט. פונקען פון רעבעליאן האבען דורכגעבליצט דורך פיעלע מחות. די האפנונג אויף א קומענדע ענדערונג האט אנגעקלאפט אין די הערצער פון די דערשלאגענסטע און ערנידריגסטע. „עטוואס דארף געטהאן ווערען פון די גרויסע פאר אזעלכע ארימע“, האט געזאגט אן אלטע פרוי צו ארטהור יאנג, וועלכער האט געמאכט א רייזע איבער פראנקרייך ערב דער רעוואלוציאן, און וועלכע ער האט בעשריבען אין זיין בוך „טרעוועלס אין פראנס“. דיעזער „עטוואס“ האט געמוזט ברענגען אן ערלייכטערונג פאר דעם פאלק׳ס עלענד.

עס איז ניט לאַנג צוריק דיסקוטירט געוואָרען די פראַגע, צו די בעוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דער רעוואָלוציאָן, האָט געהאַט אין זיך אירגענד אַן עלעמענט פון סאָציאַליזמוס. דער וואָרט סאָציאַליזמוס איז נאַטירליך נאָך דאַן ניט געווען, ווייל ער שטאַמט ערשט פון דער מיטע פון 19טען יאהרהונדערט. די אידעע פון שטאַאַט, אלס קאַפּיטאַליסט, צו וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראַקציאָן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בעמיהט זיך צו רעדוצירען דעם סאָציאַליזמוס, איז נאָך דאַן ניט געווען אַזוי בולט, ווי איצט, ווייל די גרינדער פון׳ם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען „קאָלעקטיוויזמוס“, וויד אַל און פּעקער, האָבען ניט געשריבען ביז דער פּעריאָדע פון 1840 און 1849. אָבער עס איז אונמעגליך צו לעזען די ווערק פון די פאָר־רעוואָלוציאָנערע שרייבער און ניט ווערען איבעראַשט פון דעם פאַקט, דאָס זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט די אידעען, וועלכע זיינען דער סאַמע עיקר פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזמוס.

צוויי גרונד־אידעען — די גלייכע רעכטע פון אַלע בירגער אויף דאָס לאַנד און דאָס, וואָס מיר קענען היינט אונטער דעם נאָמען קאָממוניזמוס, האָבען געפונען טרייע אנהענגער צווישען די מעהר פּאָפּולערע שרייבער פון יענער צייט, מאַבלי, ד׳ארגענסאָן, און אַנדערע פון קלענערער בעדייטונג. די פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען אופן איז נאָך דאַן געווען אין איהר קינדהייט, אַזוי, דאָס די לאַנד איז געווען די הויפּט־פאָרם פון קאַפּיטאַל און דער הויפּט־אינסטרומענט פאַר די עקספּלאָאַטירונג פון מענשליכער ארבייט, וועהרענד די פאַבריק איז נאָך קוים, קוים געווען ענטוויקעלט. עס איז דארום געווען נאַטירליך, דאָס די געדאַנקען פון די פילאָזאָפען און שפּעטער פון די רעוואָלוציאָנערען זאָלען זיך צילעווען אין דער ריכטונג פון דעם געמיינשאַפט־ליכען בעזיץ פון לאַנד. האָט דען ניט מאַבלי, וועלכער האָט פיעל מעהר ווי רוססאָ בעגייסטערט די רעוואָלוציאָן, האָט ער דען ניט ערקלערט אין 1768, דאָס עס מוזען זיין גלייכע רעכטע פון אַלע אויף דאָס לאַנד, און אז אַלע זאָלען עס בעזיצען

קאָמוניסטיש? דאָס רעכט פון דער נאַציאָן אויף דעם גאַנצען לאַנד־אייגענטהום און אויף דעם גאַנצען נאַטור־רייכטהום — וועלדער, טייכען, וואסער־פאַלען און ז. וו. — איז דאָס דען ניט געוועזן די הערשענד׳ע אידעע פון די פאָר־רעוואָלוציאָנערע שרייבער, אזוי, ווי דאָס איז געוועזן פון דעם לינקען פליגעל פון די רעוואָלוציאָנערע מאסען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן?

אונגליקליכערווייזע זיינען די קאָמוניסטישע שטרעבונגען ניט געוועזן פאָרמולירט קלאָהר גענוג און קאָנקרעט אין די מוחות פון די, וועלכע האָבען געוואונשען דעם פאָלק׳ס גליק. וועהרענד צווישען די געבילדעטע מיטעלקלאַסען האָבען די אידעען פון בע־פרייאונג אָנגענומען די פאָרמע פון אַ פאָלשטענדיגען פראָגראַם פאַר אַ פאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן, זיינען דיזע אידעען פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר׳ן פאָלק אין דער פאָרמע פון דונקעלע נעבעלהאַפטע שטרעבונגען. אָפט זיינען זיי געוועזן בלויז פערניינונגען. די, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צום פאָלק, האָבען זיך ניט גענומען די מיה צו געבען די קאָנקרעטע פאָרמע, אין וועלכע זייערע ווינשע זאָלען קומען צום לעבען. עס איז זאָגאר וואהרשיינליך, דאָס זיי האָבען אויסגעמידען צו זיין בעשטימט און קלאָהר. בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט האָבען זיי געשיינט צו דענקען: „וואָס איז די פּעולה צו רעדען צום פאָלק פון דעם, ווי ער וועט זיך שפּעטער אָרגאַניזירען? דאָס וועט נור אָבקיהלען זייערע רעוואָלוציאָנערע התלהבות. אלעס, וואָס זיי האָבען נויטיג, איז דעם כח צו אַטאַקירען און אומוואר־פען די אלטע אינסטיטוציאָנען. שפּעטער וועלען מיר שוין זע־הען, וואָס קען געמהאָן ווערען פאַר זיי״...

זיינען דען איצט ניטאָ פיעלע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיס־טען, וועלכע האַנדלען פּונקט אזוי? אין זייער איילעניש צו טרייבען וואָס גיכער צום טאָג פון אויפשטאַנד, האַלטען זיי עס פאַר פּוסטע רעד צו פערשפּרייטען ליכט איבער דאָס, וואָס דאַרף זיין דער צוועק פון דער רעוואָלוציאָן.

עס מוז אויך געזאָגט ווערען, דאָס די אונוויסענהייט פון די שרייבער — אַלץ שטאָדט־מענשען און בוך־מענשען — איז גע־

וועו פיעל שולדיג אין דעם. אין דער גאנצער מאסע פון געלע־
רענטע און געניטע געשעפטס־לייט, וועלכע האבען צוזאמענגע־
שטעלט די נאציאנאל־פערזאמלונג — אדוואקאטען, זשורנאליס־
טען, פאבליט און ז. וו., זיינען געוועו נור צוויי־דריי מענשען,
וועלכע האבען שטודירט די פעאדאלע געזעצע, און מיר ווייסען,
אז צווישען זיי זיינען געוועו גאר זעהר ווינציג פארשטעהער פון
די בויערען, וועלכע זאלען דורך פערזענליכע ערפאהרונג זיין בע־
קאנט מיט די בעדירפניסע פון דעם דארף־לעבען.

אט דערפאר זיינען די אידעען פון די מאסען אויסגעדריקט
געווארען הויפטזעכליך דורך איינפאכע פערניינונגען: „לאמיר
פערברענען די ביכער, אין וועלכע די פעאדאלע אבצאהלונגען
זיינען פערשריבען!" „ניעדער מיט מעשר!" „ניעדער מיט מא־
דאם וועטא!" „הענגט די אריסטאקראטען!" אבער וועמען דארף
געהערען דאס בעפרייטע לאנד? ווער זאלען זיין די יורשים פון
די גילאטינירטע אדעלליט? ווער זאל אויפנעהמען די פאליטי־
שע מאכט, ווען זי וועט ארויספאלען פון די הענד פון „מאדאם
וועטא", די מאכט, וועלכע איז אין די הענד פון דעם מיטעל־
קלאס געווארען א פיעל שטארקערע וואפע, ווי זי איז עס געוועו
אונטער דעם אלטען רעזשים?

דיעזער מאנגעל אין קלאהרהייט אין דעם מח פון פאלק וועגן
גען דעם, וואס עס דארף ערווארטען פון דער רעוואלוציאן, האט
איבערגלאזען זיין שטעמפעל אויף דער גאנצער בעוועגונג.
וועהרענד דער מיטעל־קלאס האט מארשירט מיט פעסטע און
ענטשלאסענע טריט צו דער גרינדונג פון זיין פאליטישער מאכט
אין א שטאאט, וועלכע ער האט געוואלט פארמירען לויט זיינע
אידעען, איז דאס פאלק געוועו אונבעוואוסט און אונענטשלאסען.
בעזאנדערס אין די שטעדט האט דאס פאלק ניט געוואוסט, ווי
צו פערווענדען פאר זיין אייגענעם נוצען די מאכט, וואס ער האט
ערקעמפפט. און שפעטער, ווען די אידעען וועגען אגרארישע גע־
זעצע און די אויסגלייכונג פון די איינקינפטע האט אנגעהויבען
אנצונעהמען א בעשטימטען געשטאלט, האט דאס פאלק זיך אנ־

געשטויסען אַן א גאַנצע הורבע אייגענטהומס־פּאַראורטהיילע, מיט וועלכע עס זיינען געווען געפּלאַגט זאַגאר די, וועלכע האָבען אמת געמיינט די בעפרייאונג פון פאָלק.

אַן עהנליכער קאָנפליקט איז אויך ארויסגערופען געוואָרען דורך די בעגריפע איבער די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פון שטאַאט. מיר זעהען עס בעזאָנדערס אין דעם קאמפּף, וועלכער איז ענטשטאַנען צווישען די רעגיערונגס־פּאַראורטהיילע פון די דעמאָקראַטען פון יענער צייט און די אידעען, וועלכע האָבען אויפגעטאָגט אין הארץ פון פאָלק איבער פּאָליטישע דעצענטראַליזאַציאָן, און דעם פּראָמינענטען פּלאַץ, וואָס דאָס פאָלק האָט געוואָלט עס זאָלען האָבען די לאָקאַלע פערוואַלטונגען (די מוניציפּאַליטעטען) אין דער צוטהיילונג פון די גרויסע שטעדט און אין די דאָרף־פערזאַמלונגען. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון א גאַנצע רייהע פון קעמפּפע, וועלכע האָבען אויסגעבראָכען אין דער קאָנווענציאָן. דערפון איז ארויסגעוואַקסען די אונבעשטימטקייט פון די רעזולטאַטען, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעפיהרט פאר די פאָלקס־מאַסען אין אלע הינזיכטען, א חוץ דעם, וואָס עס איז פון די פּריצים צוגענומען געוואָרען א טהייל לאַנד און וואָס דאָס גאַנצע לאַנד איז בעפרייט געוואָרען פון די פעאָדאַלע שטייערען, וועלכע עס האָט פריהער געמוזט צאָהלען.

אָבער וועהרענד דעם פאָלק׳ס געדאַנקען זיינען געווען שטארק צוטומעלט איבער דער פראַגע, וואָס צו טהאָן, וואָס אויפצובויען, זיינען זיי אָבער געווען גאַנץ בעשטימט און קלאָר אין דעם ענין, וואָס צו פערניינען, וואָס מען מוז פערניכטען.

ערשטענס, דער האַס, וואָס די אָרימע האָבען געפיהלט צו דער גאַנצער פוילענצענדער, פערדאַרבענער אריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט געהערשט איבער זיי, וועהרענד דער שוואַרצעסטער עלענד האָט געהערשט אין די דערפער און אין די פינסטערע געסלעך פון די גרויסע שטעדט. דאַן, דער האַס צו די גלחים, וועלכע האָבען דורך זייער סימפּאַטהיע געהערט מעהר צו דער ארי־

סטאָקראטיע, ווי צום פאָלק, וועלכער האָט זיי געפּאַשעט; דאַן, דער האַס צו אַלע אינסטיטוציאָנען אונטער דעם אַלטען רעזשים, וועלכער האָט געמאַכט די אָרעמקייט נאָך שווערער אריבערצו־טראָגען, ווייל זיי האָבען בערויבט די אָרימע פון אירגענד וועל־כע מענשליכע רעכט. א האַס צו דער פעאָדאַלער סיסטעם און איהרע רויבערייען, וועלכע האָבען געהאַלטען דעם ארבייטער אין א צושטאַנד פון שקלאַפעריי צו די לאַנד־אייגענטהימער אפילו דאַן, ווען די לייב־אייגענשאַפט האָט שוין ניט מעהר עקזיסטירט. ענדליך, די פערצווייפלונג פון די בויערען, וועלכע האָבען אין דיעזע יאָהרען פון הונגער געזעהן לאַנד ליגענדיג אונקולטיווירט אין די הענד פון פריץ, אָדער דיענענדיג בלויז אַלס א פערגני־גונגס־פּלאַץ פאר דעם אדעל, וועהרענד דער הונגער האָט אויס־געמאָרעט גאַנצע דערפער.

עס איז געווען דיעזער גאַנצער אָנגעזאַמעלטער האַס פון לאַנגע יאָהרען נאָך דעם, ווען די זעלבסט־זיכטיגקייט און גרויזאַמקייט פון די פּריצים איז געוואָרען אַלץ קלעהרער אין דעם משך פון דעם 18טען יאהרהונדערט. און עס איז געווען די בע־דירפנים אין לאַנד, דיעזער לאַנד־הונגער, דער געשריי פון די הונגעריגע אין אויפשטאַנד געגען דעם לאָרד, וועלכער האָט זיי ניט צוגעלאָזען צום לאַנד, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם גייסט פון רעבעליאַן זייט 1788. און עס איז געווען דער זעלבער האַס, און די זעלבע נויט, צונויפגעמישט מיט דער האָפנונג אויף ער־פּאָלג, וועלכער האָט ארויסגערופען די שטענדיגע אויפשטענדע פון די בויערען אין די יאָהרען 1789־1793, אויפשטענדע, וועל־כע האָבען געהאָלפען דעם מיטעל־קלאַס אומצושטירצען דעם אַל־טען רעזשים און צו אָרגאַניזירען זיין אייגענע מאכט אונטער דעם נייעם רעזשים פון א רעפּרעזענטאַטיווע רעגיערונג.

אָהן דיעזע אויפשטענדע, אָהן דיעזער צושטערונג פון דער אויטאָריטעט אין די פּראָווינצען, וועלכע האָבען זיך געענדיגט אין שרעקליכע אויסשלאַכטונגען, אָהן יענער פערטיגקייט פונ'ם פּאָלק פון פּאַריז און אַנדערע שטעדט זיך צו נעהמען צו די וואַפען,

און צו מאַרשירען געגען די פעסטונגען פון קעניגטהום, וואו עס איז נור געמאַכט געוואָרען אַן אַפּיעל פון די רעוואָלוציאָנערען צום פאָלק, אָהן דעם אַלעם וואָלט דער מיטעל־קלאַס קיינמאָל גאָרניט אויסגעפיהרט. אָבער גראַדע דיעזען אמת׳ען קוואַל און אורשפּרונג פון דער רעוואָלוציאָן — דעם פאָלק׳ס פערטיגקייט זיך צו נעהמען צו די וואפען, — דאָס האָבען די געשיכטס־שרייבער פון דער רעוואָלוציאָן פערנאַכלעסיגט. זיי האָבען איהר ניט געטהאָן די גערעכטיגקייט, וועלכע עס קומט איהר פון דער געשיכטע פון ציוויליזאציאָן.

פיערטער קאפיטעל.

# דאָס פאָלק פאַר דער רעוואָלוציאָן.

די לאַגע פון פאָלק פאר 1789. — דער משונה׳דיגער לוקסוס פון די אריסטאָקראַטען. — די אָרעמקייט פון דער מאַיאָריטעט בויערען. — דאָס אויפשטייגען און די וויכטיגקייט פון אַ קלאַס בויערען, וואָס זיינען גוט אָב.

---

אַ שאָד די צייט צו בעשרייבען דאָ באריכות די לאַגע פון די בויערען אין דאָרף און פון די אָרעמערע קלאַסען אין שטאָדט ערב 1789.

אַלע היסטאָריקער, וועלכע האָבען געשריבען וועגען דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, האָבען זעהר פיעל און מיט גרויס בערעדזאמקייט געשריבען וועגען דעם. דאָס פאָלק האָט געקרעכצט אונטער דער משא פון די שטייערען, וואָס דער שטאַאט האָט אויסגעזויגען, פון די רענטען און קאָנטריבוציעס, וואָס דער לאָרד האָט אויסגעזאפט, פון דעם מעשר, וואָס דער גלח האָט אויפגעמאָהנט און פון דער געצוואונגענער ארבייט, וועלכע עס האָבען ארויסגעפרעסט פון פאָלק אַלע דריי צוזאמען. גאַנצע בעפעלקערונגען זיינען געבראכט געוואָרען צו דער טאָרבע און אין יעדער פראָווינץ האָבען ארומגעוואנדערט אַלס בעטלער פינף, צעהן און צוואַנציג טויזענד מענער, פרויען און קינדער. אין יאָהר 1777 זיינען אַ מיליאָן און הונדערט טויזענד נפשות ערקלערט געוואָרען אָפיציעל אַלס בעטלער. אין די דערפער איז דער הונגער געוואָרען כראָניש און האָט פערוויסטעט גאַנצע פראָ־

ווינצען. אין די הונדערטער, אין די טויזענדער זיינען די בוי־ערען געלאָפּען פון זייערע אייגענע דערפער אין דער אומזיסטער האָפנונג צו געפינען עטוואָס בעסערעס ערגעץ אנדערש. צו גלייכער צייט איז געוואקסען די צאָהל פון די אָרימע אין שטאָדט, און דאָס פעהלען פון ברויט איז געוואָרען א גאַנץ געוועהנליכע זאַך. דאָס האָט געפיהרט צו אויפשטענדע, צו ברויט־רייאָטען, וועלכע האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז, געענדיגט מיט מאַ־סען־אויסשלאַכטונגען.

פון דער אַנדערער זייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דער העכסט עלעגאַנטער אריסטאָקראַט פון 18טען יאהרהונ־דערט, וואָס האָט פערשווענדעט אונגעהייערע פערמעגענס — הונדערטע טויזענדע און מיליאָנען פראנקען א יאָהר — אין א ווילדען און אונזיניגען לוקסוס. היינט־צו־טאָג קען אזא גע־שיכט־שרייבער, ווי טעין, קומען אין געוואַלדיגע התפעלות פון דעם לעבען, וואָס דיעזע אריסטאָקראַטען האָבען געפיהרט, ווייל ער קען איהם נור פון דער ווייטענס, פון א ווייטקייט פון הונ־דערט יאָהר, און פון די ביכער; אָבער אין דער ווירקליכקייט האָבען זיי בעהאַלטען הינטער זייערע שעהנע מאַניערען אַלערליי ווילדע הולטאַיסטוואָס און די גרעבסטע פערגעניגענס־זוכט. דאָס זיינען געווען מענשען אָהן אירגענד אַן אינטערעס, אָהן אירגענד א געדאַנק, אָהן זאָגאַר דאָס איינפאַכסטע מענשליכע פיהלען. דערפאר האָט לאַנגווייליגקייט אימער געקלאָפּט ביי די טהירען פון די רייכע; לאַנגווייליגקייט אין דעם קעניגליכען הויף פון ווערסאַיל; לאַנגווייליגקייט אין זייערע פּאַלאַצען; און אומזיסט איז געווען זייער מיה צו רעטען זיך פון איהר דורך פערשיעדענע נוצלאָזע און נאַרישע מיטלען. מיר ווייסען אויך, וואָס פאר א גאָרנישטען עס האָבען זיך ארויסגעוויזען דיעזע אריסטאָקראַ־טען, ווען די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען; ווי זיי האָבען פערלאָזען „זייער“ קעניג און „זייער“ קעניגין זיך אליין צו העל־פען און אַליין האָבען זיי אין איילעניש עמיגרירט, בעטענדיג ביי פרעמדע מלוכות אריינצודרינגען אין זייער לאַנד און בע־

שיצען זייערע מאַיאָנטקעס און פּריווילעגיעס געגען דעם רעבע־לירענדען פאָלק. זייער ווערטה און זייער איידעלקייט פון כאַ־ראַקטער האָט מען זעהר גוט געקאָנט אָבשעצען, בעטראַכטענדיג זייערע עמיגראַנטען־קאָלאָניען, וועלכע זיי האָבען עטאַבלירט אין קאָבלענץ, ברוסעל און מיטאַו.

דיעזע שאַרפע געגענזעצע פון לוקסוס און עלענד, מיט וועל־כע עס איז געוועזען איבערפילט דאָס לעבען פון'ם 18טען יאהר־הונדערט, זיינען אויסגעצייכענט געשילדערט געוואָרען פון יע־דען היסטאָריקער פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. נור איין שטריך דאַרף בלויז צוגעגעבען ווערען. די וויכטיגקייט פון דיעזען שטריך ווערט בעזאָנדערס גרויס, ווען מיר שטודירען די לאַגע פון די בויערען אין דיעזען מאָמענט אין רוסלאַנד ערב דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָן.

דער עלענד פון דער גרויסער מאַסע פון די פראַנצויזישע בויערען איז אָהן שום ספק געוועזען שרעקליך. ער איז געוואָרען גרעסער פון טאָג צו טאָג זייט דער הערשאַפט פון לואי דעם 16טען, ווען די אויסגאַבען פון שטאַאט זיינען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר און ווען דער לוקסוס פון די לאָרדען איז געוואָ־רען אַלץ פערפיינערטער אין די משונה'דיגע פערשווענדונגען, פון וועלכע מיר דערוויסען זיך אין געוויסע מעמואַרען פון יע־נער צייט. וואָס עס האָט געמאַכט די ערפּרעסונגען פון דעם אַדעל נאָך מעהר אונערטרעגליך, איז געוועזען דער פאַקט, וואָס אַ גרויסער צאָהל פון אַדעל איז רואינירט געוואָרען. און וועלענדיג פערבעהאַלטען זיין אָרעמקייט אונטער אַן אָנשטעל פון לוקסוס, האָט ער אין זיין פערצווייפלונג גענומען זיך אויסצופּרעסען פון די בויערען די אַלע קליינע אָבצאָהלונגען, וועלכע נור דער מנהג האָט עטאַבלירט. דיעזע רואינירטע אַדעל־לייט האָבען בעהאַנ־דעלט די בויערען, דורך די פערמיטלונג פון זייערע פערוואַלטער, מיט די שטרענגקייט פון בלויזע וואָכערניקעס. זיי זיינען פון אַריסטאָקראַטען געוואָרען איינפאַכע געלד־רויבער, וועלכע האָבען אָבער ניט געהאָט קיין אנדער פעהיגקייט און ניט געפונען קיין

אַנדערע מיטלען, ווי נור די עקספּלואַטירונג פון די אַלטע פּרי־ווילעגיעס, די איבערבלייבאַכץ פון פעאָדאַליזמוס. דערפאַר געפינען מיר עס אין געווויסע דאָקומענטען, אין די 15 יאָהר פון לואי דעם 16טען׳ס הערשען, אַלזאָ אין די יאָהרען פאר דער רע־וואָלוציאָן, אונבעשטרייטבאַרע סמנים פון דעם, דאָס געוויסע אָבצאָהלונגען, וועלכע זיינען שוין לאַנג טוידט געווען, זיינען צו־ריק געקומען אין לעבען.

אָבער כאָטש די היסטאָריקער זיינען גערעכט, ווען זיי שיל־דערען דאָס לעבען פון די בויערען מיט זעהר שווארצע פאַרבען, וואָלט עס דאָך געווען א טעות צו בעצווייפלען די וואהרהייטליכ־קייט פון יענע היסטאָריקער, וועלכע, ווי ט אָ ק ו ו י ל, ריידען פון אַ ג ע ו ו י ס ע ר פ ע ר ב ע ס ע ר ו נ ג אין דער לאַגע פון לאַנד אין דעם משך פון די זעלבע יאָהרען פאר דער רעוואָ־לוציאָן. דער פאקט איז, דאָס א דאָפּעלטע ערשיינונג איז גע־ווען צו בעמערקען אין די דערפער צו יענער צייט: די פעראָרע־מונג פון דער גרויסער מאַסע בויערען און די פערבעסערונג פון דער לאַגע פון איינִיגע צווישען זיי. דאָס קען מען זעהן היינט אין רוסלאַנד זייט פאַנסטשינע איז אָבגעשאַפט געוואָרען.

די גרויסע מאַסע בויערען איז געוואָרען אָרעמער. יאָהר נאָך יאָהר איז זייער ארט לעבען געוואָרען אלץ קלעגליכער. די קלענסטע ניט־גערעטעניש אויפ׳ן פעלד האָט געבראַכט מאַנגעל און הונגער. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך געהאַלטען אין אויסבילדען א נייער קלאַס בויערען, א ביסעל בעסער אָב, מיט מעהר אמביציאָן, בעזאָנדערס אין די פלעצער, וואו די ארי־סטאָקראַטישע מאַיאָנטקעס האָבען געהאַלטען אין אַ שנעלען אונ־טערגעהן. דער דאָרפישער מיטעל־קלאַס, די גוט־אָפּיגע בויערען, איז געבאָרען געוואָרען, און ווען די רעוואָלוציאָן האָט זיך אָנגע־הויבען דערנעהענטערען, האָט עס דיעזער קלאַס בויערען ארויס־געבראַכט פון זיך די רעדנער געגען די פעאָדאַלע רעכטע און האָ־בען געפאָדערט זייער אָבשאַפונג. עס איז געווען דיעזער קלאַס, וועלכער איז אין די פיער, פינף יאָהר, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט

געדויערט, געשטאנען פעסט אויף דער פאָדערונג, אז דיעזע פע־אָדאלע רעכטע זאָלען אָבגעשאפט ווערען אָהן די מינדעסטע בע־לוינונג, און דאָס די מאיאָנטקעס פון די קעניגליכע אדעל־לייט זאָלען קאָנפיסקירט און פערקויפט ווערען איינצעלוויז. עס איז געווען אויף דיעזער קלאַס, וועלכער איז געווען מעהר פון אלע אנדערע אין 1793 ביטער געגען די געוועזענע לאָרדען.

דערוויל, ביין אָנקומען פון דער רעוואָלוציאָן, איז עס גע־ווען דורך דיעזען בויער, וועלכער איז געוואָרען פון א געוויסער וויכטיגקייט אין זיין דאָרף, וואָס האָפנונג האָט אָנגעהויבען אָנ־צופילען די מענשליכע הארץ און האָט געוועקט דעם גייסט פון ווידערשטאנד.

צייכענס פון דיעזער ערוואכונג זיינען גאנץ קלאָהר, וויל זייט לואי דער 16טער האָט בעשטיגען דעם טהראָן אין 1776, האָבען זיך די אויפשטענדע געהאלטען אין איין פערמעהרען. מען מעג דארום זאָגען, דאָס אויב פערצווייפלינג און עלענד האָ־בען געמאכט מענשען צו שלאָגען און ברעכען אליין ניט וויסענ־דיג צו וואָס, איז עס געווען די האָפנונג צו בעקומען איר־גענד וועלכע ערלייכטערונג, וואָס האָט געמאכט די מענשען צו ר ע־ב ע ל י ר ע ן.

ווי אירגענד וועלכע אנדערע רעוואָלוציאָן, איז די רעוואָלו־ציאָן פון 1789 געווען בעגייסטערט פון דער האָפנונג צו דער־גרייכען געוויסע וויכטיגע רעזולטאטען.

## פינפטער קאפיטעל.

# דער גייסט פון רעוואָלט.

רעפאָרמען אין אָנפאַנג פון לואי דעם 16טען'ס הערשאַפט. — טיורגאָ. — די פראגע פון נאַציאָנאַלער רעפרעזענטאַציאָן. — דער כאַראַקטער פון לואי דעם 16טען. — די רעוואָלוציאָן אין אַמעריקאַ. — די רייאָטען ביין אָנפאַנג פון לואי'ס הערשאַפט. — זייערע פאָלגען. — די רעבעליאָן אין גרויסע שטעדט. — די פאַרלאַמענטען און די „פלענאר" געריכטען. — דער פאַריזער פאַרלאמענט ענטזאַגט זיך צו בעוויליגען געלד פאר'ן קעניגליכען הויף. — די האַנדלונג פון קעניג. — אויפשטענדע אין דער ברעטאָן. — גרענאָבעל. — דער קעניגין'ס בריעף צום גראף דע מערסי. — די שטופענווייזע ערוואכונג פון'ם רעוואָלוציאָנערען גייסט. — לואי געצוואונגען איינצורופען די נאָטאַבעלען-פערזאַמלונג און די גענעראל-פרזאמלונג.

---

ווי עס פיהרט זיך ביי יעדער נייער הערשאַפט, האָט אויך די פון לואי דעם 16טען זיך אָנגעפאַנגען מיט מאַנכע רעפאָרמען. צוויי מאָנאַטען נאָך דעם, ווי ער האָט בעשטיגען דעם טהראָן, האָט לואי דער 16טער איינגעלאַדען צום מיניסטעריום טיורגאָ און אַ מאָנאַט שפּעטער האָט ער איהם בעשטימט צום גענעראל-קאָנטראָלער פון פינאַנס. ער האָט איהם זאָגאר אָנפאַנגס אונטערשטיצט געגען די שטאַרקע אָפּאָזיציאָן, וואָס טיורגאָ, אַלס עקאָנאָמיסט און קאַרגליכער מיטעל-קלאַס מענש און אלס פיינד

פון דער פערדארבענער אריסטאקראטיע, האט געמוזט ערווארטען פון דער הויף־פארטיי.

פריי־האנדעל אין קארן איז פראקלאמירט געווארען אין 1776*) און די געצוואונגענע ארבייט פאר'ן פריץ איז אבגע־געשאפט געווארען אין 1776. אין דעם זעלבען יאהר זיינען אויך אבגעשאפט געווארען די צעכען־אנשטאלטען אין די שטעדט, וועלכע האבען איצט נור געדיענט, אום אויפצוהאלטען אן איג־דוסטריעלע אריסטאקראטיע. אט דורך דעם האבען אויפגע־וואכט האפנונגען אויף פיעלע אנדערע רעפארמען צווישען פאלק. די ארימע זיינען געוועזן גליקליך צו זעהען דעם פאלען פון די ראַ־גאטקעס, וועלכע זיינען געוועזן אויפגעבויט איבער גאנץ פראנק־רייך, און האבען געשטערט דער פרייער צירקולאציאן פון קארן, זאלץ און אנדערע זאכען פון דער העכסטער נויטווענדיגקייט. פאר זיי האט עס געמיינט די ערשטע לאך אין די פערהאסטע פריווילעגיען פון די לאנד־אייגענטהימער. און די בויערען, וועל־כע זיינען געוועזן בעסער אב, זיינען געוועזן גליקליך צו זעהען די אבשאפונג פון דעם אלגעמיינעם חיוב צו צאהלען די שטייֿ־ערען**). ענדליך אין אויגוסט, 1779, איז אויף דעם קעניג'ס פריוואט־מאיאנטקעס אבגעשאפט געווארען די פערזענליכע לייב־אייגענשאפט, און דעם פאלגענדען יאהר איז בעשלאסען געווא־רען אבצושאפען די מארטער־שטראף, וועלכע איז געברויכט גע־ווארען אין די גרויזאמסטע פארמען, לויט אן ארדינאנץ פון

*) פאר דעם האט דער פארמער ניט געטארט פערקויפען זיין קארן פאר דריי מאנאטען לאנג נאך דעם, ווי ער איז שוין אראבגענו־מען געווארען פון פעלד. דאס האט געמעגט טהאן נור דער פריץ פון דער מאיאנטקע. דאס איז געוועזן איינע פון די פעאדאלע פריווילע־גיען, וועלכע האבען געגעבען דעם פריץ די מעגליכקייט צו פערקויפען זיין קארן און ווייץ פאר א זעהר הויכען פרייז.

**) דאס איז אויך אבגעשאפט געווארען אין רוסלאנד.

1670*). מען האָט אויך אָנגעהויבען צו רעדען פון א רע־פּרעזענטאַטיווער רעגיערונג, ווי דאָס איז געווען אין ענגלאַנד, און וועלכע איז שטארק פערטהיידיגט געוואָרען אין די ביכער פון פילאָזאָפען פון יענער צייט. מיט דיעזען צוועק אין אויג האָט טיורגאָ זאָגאַר פערטיג געמאכט אַ פּלאַן פון פּראָווינציעלע פערזאמלונגען, נאָך וועלכע שפּעטער האָט געזאָלט פאָלגען אַ רע־פּרעזענטאַטיווע רעגיערונג איבער גאַנץ פראנקרייך, אין וועלכער די אייגענטהומס־קלאַסען זאָלען האָבען די אויפגאַבע צו קאָנ־סטיטואירען א פּאַרלאַמענט. לואי דער זעכצעהנטער האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון דיעזען פּאָרשלאַג, און האָט טיורגאָ אוועק־געשיקט. אָבער פון יענעם מאָמענט אָן האָט גאַנץ פראנקרייך אָנגעהויבען צו רעדען פון אַ קאָנסטיטוציע און פון א נאַציאָנאַ־לער רעפּרעזענטאַציאָן**). עס איז באַלד געוואָרען אונמעג־

---

*) דער סטאַטוט פון אויגוסט 26, 1670. דאָס ברעכען אויפ'ן ראָד האָט נאָך עקזיסטירט אין 1785. די פּאַרלאַמענטען, טראָץ דעם וואָלטעריאַניזמוס פון יענער צייט און די אַלגעמיינע אייי־דעלקייט אין דעם בעגריעף פון לעבען, האָבען ענטהוזיאסטיש פער־טהיידיגט דעם געברויך פון מאַרטער־שטראָף, וועלכע איז ערשט אָב־געשאַפט געוואָרען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג. עס איז אינטערע־סאַנט צו וויסען, דאָס בריססאָ, מאַראַט און ראָבעספּיער האָבען מיט זייערע שריפטען פיעל בייגעטראָגען צו דער אַגיטאַציאָן פאר די רע־פאָרמירונג פון דעם שטראָף־קאָדעקס.

**) די אַרגומענטען, וועלכע לואי דער זעכצעהנטער האָט געברויכט געגען טיורגאָ'ס פּלענער, זיינען העכסט אינטערעסאַנט. אָט וואָס ער האָט געשריבען וועגען טיורגאָ'ס געפּלאַנעוועטע רעפאָרמען: „חאָטש עס קומט פון אַ מאַן, וואָס האָט גוטע אידעען, דאָך וואָלט זיין קאָנסטיטוציע געשטירצט דעם עקזיסטירענדען שטאַאַט.... די סיסטעם פון אַ רענט־צאָהלענדע וועהלערשאַפט וואָלט געמאַכט אונצופריעדענע פון די קלאַסען, וואָס האָבען ניט קיין אייגענטהום, און ווען דיעזע וואָלט מען געלאָזט זיך פערזאמלען, וואָלטען זיי פעראורזאכט אַ גיהנום

ליך אויסצומיידען די פראגע פון נאציאָנאלער רעפּרעזענטאציאָן, און ווען נעקער איז געוואָרען מיניסטער אין יולי, 1777, האָט מען ווידער אָנגעהויבען צו דיסקוטירען וועגען דעם. נעקער, וועלכער האָט זעהר גוט געקאָנט די ווינשע פון זיין בעל־הבית און האָט זיך געמאָטערט צו ברענגען זיינע אריסטאָקראטישע אידעען אין וועלכע־עס־איז הארמאָניע מיט די פאָרדערונגען פון פינאנץ, האָט געמאכט א פּערזוך צו מאכען א מאנעווער און פאָרשלאָגען בלויז די איינפיהרונג פון פּראָווינציעלע פערזאמלונגען און פעררוקען די מעגליכקייט פון א נאציאָנאלער רעפּרעזענטאציאָן אין די ווייטע צוקונפט. אָבער אויך איהם האָט דער קעניג גלייך אָבגעשניטען דעם וועג. „וואָלט עס ניט געווען א גליקליכער אויסוועג", האָט געשריבען דער כיטרער פינאנציסט, „דאָס אייער מאיעסטעט, ווערענדיג א פערמיטלער צווישען אייערע מאיאָנטקעס און אייער פאָלק, אז אייער אויטאָריטעט זאָל נור ערשיינען, אום צו בעצייכענען דעם גרענעץ צווישען שטרענגקייט און גערעכטיגקייט?" און אויף דעם האָט לואי געענטפערט: „ע ס א י ז א י ן ד ע ם ע צ ם פ ו ן מ י י ן א ו י ט אָ ר י ט ע ט נ י ט צ ו ז י י ן א פ ע ר מ י ט ל ע ר, נ ו ר צ ו ז י י ן אָ ן ד ע ר ש פּ י צ ע." עס איז ווערטה צו געדענקען דיעזע ווערטער אין אנבעטראכט פון די סענטימענטאליטעטען, וועלכע ווערען פערברייטעט פון די היסטאָריקער, וועלכע געהערען צו דער פּארטיי פון רעאקציאָן. ער איז ווייט, ווייט ניט געווען דער זאָרגלאָזער, שטילינקער גוטינקער מענש, וואָס איז נור פעראינטערעסירט אין יאגד־פערגניגענס, ווי זיי ווינשען איהם אויסצומאָלען. פאר די

---

פון אונאָרדנונג. דער איבערגאנג פון דער אָבגעשאפטער סיסטעם צו דער, וועלכע טיורגאָ שלאָגט פאָר, דארף בעטראכט ווערען. מיר זעהען זעהר גוט, וואָס איז דאָ, אָבער נור אין אונזערע געדאנקען זעהען מיר דאָס, וואָס איז נאָך ניטאָ. און מיר טאָרען ניט מאכען געפעהרליכע עקספּערימענטען, אויב מיר זעהען ניט וואו זיי וועלען זיך ענדיגען."

פופצעהן יאָהר פון זיין הערשאַפט, האָט לואי דער זעכצעהנטער ביז 1789 געטהאָן אַלעס אין זיינע כחות צו וועהרען זיך געגען די עטאַבלירונג פון די נויטיגע נייע רעפאָרמען, וועלכע זאָלען פער־נעהמען דעם פּלאַץ פון'ם קעניגליכען דעספּאָטיזמוס און די העסליכקייט פון'ם אַלטען רעזשים.

די וואַפע, וואָס לואי דער זעכצעהנטער האָט געברויכט מעהר ווי אַלע אַנדערע, איז געווען נאַרעריי. נור די מורא האָט איהם געצוואונגען נאָכצוגעבען; און, געברויכענדיג אימער די־זעלבע וואַפען, נאַרעריי און היפּאָקריטסטווא, האָט ער זיך גע־וועהרט געגען אַלעס נייע ניט נור ביז 1789, נור ביז צום לעצ־טען מאָמענט, ביז צו דער סאַמע תליה. יעדענפאַלס, אין 1778, אין אַ צייט, ווען עס איז שוין געווען קלאָר פאַר אַלעמען, בע־גאַבט מיט עטוואָס שאַרפזין, ווי דאָס איז געווען קלאָר פאַר טורגאָ און נעקער, דאָס די אבסאָליוטע מאַכט פון קעניג האָט שוין אָבגעלעבט, און דאָס עס איז געקומען די שטונדע פאַר איהר אָבצוטרעטען איהר פּלאַץ פאַר אירגענד אַ פאָרמע פון נאַ־ציאָנאַלער רעפּרעזענטאַציאָן, האָט לואי דער זעכצעהנטער נור נאָכגעגעבען קלייניגקייטען. ער האָט איינבערופען די פּראָ־ווינציעלע פערזאַמלונג פון צוויי פּראָווינצען (1778-1779), אָבער זעהענדיג, ווי די פּריווילעגירטע קלאַסען זיינען דאַגעגען, האָט ער באַלד אויפגעגעבען דעם פּלאַן צו געבען דיעזע פערזאַמ־לונגען אויך צו די איבעריגע פּראָווינצען, און נעקער איז אין 1781 אַוועקגעשיקט געוואָרען.

צו דער זעלבער צייט האָט די רעוואָלוציאָן אין אַמעריקא שטאַרק מיטגעהאָלפען אין דער ערוואַכונג פון די מענשליכע מחות און זיי צו בעגייסטערען מיט אַן אָטהעם פון פרייהייט און פון אַ רעפּובליקאַנער דעמאָקראַטיע. דעם 4טען יולי, 1776, האָ־בען די ענגלישע קאָלאָניען אין נאָרד־אַמעריקא פּראָקלאַמירט זייער אונאבהענגיגקייט און די נייע פעראייניגטע שטאַאַטען זיי־נען אַנערקענט געוואָרען פון פראַנקרייך אין 1778, וואָס דאָס האָט געפיהרט צו אַ מלחמה מיט ענגלאַנד, וועלכע האָט געדויערט

ביז 1783. אַלע געשיכטס־שרייבער דערמאָנען אָן די ווירקונג, וואָס דיעזע מלחמה האָט געהאַט אויף די מענשליכע מחות. און ווירקליך, עס איז קיין שום ספק ניטאָ, דאָס דער אויפשטאַנד פון די ענגלישע קאָלאָניעס און די גרינדונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען האָט געהאַט אַ וויט־גרייכענדע ווירקונג אין פראַנק־רייך און האָט מעכטיג געהאָלפען אין דעם ערוואַכען פון׳ם רע־וואָלוציאָנערען גייסט. מיר ווייסען אויך, דאָס די „ערקלערונג פון רעכטע“, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון די „יונגע אַמערי־קאַנער שטאַאַטען“, האָט געהאַט איהר טיעפען איינפלוס אויף די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערען, און איז פון זיי גענומען גע־וואָרען אַלס מוסטער פאַר זייער ערקלערונג פון די מענשליכע רעכטע. מען מעג אויך זאָגען, דאָס די מלחמה אין אַמעריקא, אין דעם משך פון וועלכער פראַנקרייך האָט געמוזט בויען אַ גאַנצע פלאָטע, אום צו קענען וועהרען זיך געגען ענגלאַנד, האָט געמאַכט פאָלשטענדיג דעם פינאַנציעלען באַנקראָט פון דעם אַל־טען רעזשים און האָט אונטערגעאיילט זיין באַלדיגען שטורץ. אָבער עס איז אויך זיכער, דאָס דיעזע מלחמה איז אויך געווען דער אָנפאַנג פון יענע שרעקליכע מלחמות, וועלכע ענגלאַנד האָט באַלד אָנגעהויבען צו פיהרען געגען פראַנקרייך, און פון די פער־בינדונגען, וועלכע זי האָט אָרגאַניזירט געגען די רעפּובליק. אַזוי שנעל ווי ענגלאַנד איז גענעזען געוואָרען פון די אויסגעשטאַנענע מפּלות און האָט דערפיהלט, אַז פראַנקרייך איז אָבגעשוואַכט דורך אָן אינערליכען קאַמפּף, האָט זי געברויכט אַלערליי מיטלען, אָפענע און בעהאַלטענע, אום צו ברענגען צו דיעזע מלחמות, וועלכע, ווי מיר וועלען באַלד זעהען, זי האָט געפיהרט אָהן אַן אָבשטעל פון 1793 ביז 1815.

אַלע דיעזע אורזאַכען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן מוזען קלאָר אָנגעוויזען ווערען. ווייל, ווי יעדע פּאַסירונג פון גרויסער וויכטיגקייט, איז זי געווען דער רעזולטאַט פון פיעלע אורזאַכען, וועלכע זיינען אַלע צוזאַמענגעפלאָסען אין אַ געוויסען מאָמענט און האָט בעשאַפען די מענער, וועלכע האָבען פון זייער זייט פיעל

בייגעטראָגען, אום צו פערשטאַרקען די ווירקונג פון דיעזע אור־זאכען. אָבער עס מוז בעגריעפּען ווערען, דאָס טראָץ די אַלע אורזאכען, וועלכע האָבען פאַרבערייטעט די רעוואָלוציאָן און טראָץ דער גאַנצער אינטעליגענץ און אמביציאָנען פון די מי־טעל־קלאַסען, וואָלטען דיעזע אייביג־קלוגע מענשען נאָך א לאַנגע, לאַנגע צייט געמוזט וואַרטען אויף אירגענד אַן ענדערונג, ווען דאָס פאָלק וואָלט איהר, דיעזע ענדערונג, ניט אונטערגעיאָגט. די פאָלקס־אויפשטענדע, וואַקסענדיג און פערמעהרענדיג זיך אין צאָהל און אָננעהמענדיג אזעלכע פּראָפּאָרציעס, וואָס מען האָט עס גאָר ניט ערוואַרטעט, זיינען געווען די נייע עלעמענטען, וועלכע האָבען געגעבען דעם מיטעל־קלאַס די מאַכט צו אַטאַקי־רען, די מאַכט, וועלכע זי אַליין האָט ניט געהאַט.

דאָס פאָלק האָט געדולדיג אריבערגעטראָגען עלענד און אונ־טערדריקונג אונטער לואי דעם פופצעהנטען; אָבער אַזוי שנעל, ווי דער קעניג איז געשטאָרבען, אין 1774, האָט עס אָנגעהויבען צו רעוואָלטירען, וויסענדיג גאַנץ גוט, דאָס ביי דער ענדערונג פון בעלי־בתים אין פּאַלאַץ, קומט אימער די אונפערמיידליכע אָבשוואַכונג פון דער אויטאָריטעט. א ניט־אונטערבראָכענע ריי־הע פון אויפשטענדע האָט אויסגעבראָכען צווישען 1775 און 1777.

דאָס זיינען געווען די הונגער־רייאָטען, וועלכע זיינען ביז דאַן אונטערדריקט געוואָרען נור פון געוואַלט. דער יאָהר 1774 איז געווען א זעהר ניט־געראָטענער אויפ'ן פעלד, און ברויט איז גע־ווען זעהר וועניג. דערפאַר איז געווען א הונגער־רייאָט אין אַפּריל, 1775: אין דייזשאָן האָבען די מענשען גענומען בעזיץ פון די הייזער פון די מאָנאָפּאָליסטען, האָבען פערניכטעט זייי־ערע מעבעל, און האָבען צושטערט זייערע מעהל־מיהלען. עס איז געווען דאַן, ווען דער גובערנאַטאָר פון שטאָדט — איינער פון יענע פיינע הערען, וועגען וועלכע טעין האָט געשריעבען מיט אזא ענטציקונג — האָט געזאָגט צום פאָלק דיזע פאַטאַלע ווער־טער, וועלכע זיינען אַזוי אָפט וויעדערהאָלט געוואָרען אין דער

ציים פון רעוואָלוציאָן : „דאָס גראָז האָט שוין אויסגעשפּראָצט. געהט אויפ׳ן פעלד און פּאַשעט זיך.“ אָקסער, אמיען, ליל האָבען נאָכגעפאָלגט דיזשאָן. איינינע טעג שפּעטער האָבען די „רויבער“ — ווייל אזוי רופען די היסטאָריקער דיעזע הונגעריגע רעבעללען — זיך פערזאמעלט אין פיעלע שטעדט און אָנגעהויבען געהן נאָך ווערסאַיל. לואי דער זעכצעהנטער האָט געוואָלט ארויסקומען אויפ׳ן באַלקאָן פון פּאַלאַץ צו ריידען צו זיי און צו זאָגען זיי, דאָס ער וועט פערקלענערען דעם פּרייז אויף ברויט. אָבער טיורגאָ, אַלס אַ ריכטיגער עקאָנאָמיסט, איז געווען געגען דעם. און דער פּרייז אויף ברויט איז ניט פערקלענערט געוואָרען. די רויבער זיינען דערווייל אריין אין פּאַריז און האָבען געפּלינדערט די בעקערייען, צוטהיילענדיג די גאַנצע שפּייז, וואָס זיי האָבען געקאָנט געפינען, צווישען דער מאַסע. אָבער זיי זיינען פּארנאַנדערגעטריבען געוואָרען פון סאָלדאַטען, און צוויי פון די בונטאָוושטשיקעס זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען אויף דעם פּלאַס דע לאַ גרעוו, און, וועהרענד מען האָט זיי געהאַנגען, האָבען זיי אויסגעשריען, דאָס זיי שטאַרבען פאַר׳ן פאָלק. זייט יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען אין פראַנקרייך די לעגענדע וועגען „רויבער“, וואָס איבערפלייצען די לאַנד — אַ לעגענדע, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ וויכטיגע ווירקונג אין 1789, דאָס זי האָט געגעבען דעם מיטעל־קלאַס אין די שטעדט אַן אויסרייד זיך צו בעוואַפענען. און פון יענער צייט אָן האָבען זיך אויך אָנגעפאַנגען די פּלאַקאַרדען מיט בעליידיגונגען פאַר׳ן קעניג און זיינע מיניסטאָרען, וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אין ווערסאַל. אין דיעזע פּלאַקאַרדען האָט מען געסטראַשעט אויף דעם קעניג מיט׳ן טוידט נאָך זיין קרוינונג און זאָגאַר מיט דער אויסקאָרעניאונג פון דער גאַנצער קעניגליכער פאַמיליע, אויב דער ברויט זאָל בלייבען אזוי טהייער. געפעלשטע רעגיערונגס־אוקאזען האָבען אָנגעהויבען צירקולירען איבער׳ן לאַנד. איינער פון זיי האָט בעהויפּטעט, דאָס דער שטאַאַטראַטה האָט פערקלענערט דעם פּרייז אויף ווייץ.

דיעזע רייאָטען זיינען נאַטירליך אונטערדריקט געוואָרען, אָבער זיי האָבען געהאַט ווייט־גרייכענדע פאָלגען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקער קאַמפף צווישען די פערשיעדענע פאַר־טייען. עס האָט גערעגענט מיט פאַמפלעטען. מאַנכע פון דיעזע האָבען בעשולדיגט דעם מיניסטער, וועהרענד אַנדערע האָבען גע־רעדט פון אַ פערשווערונג פון די פרינצען געגען קעניג אָדער האָ־בען געמאַכט חוזק פון דער קעניגליכער אויטאָריטעט. אין קור־צען די מענשליכע מחות זיינען געווען אין אַ צושטאַנד פון געהע־רונג, פון אויפרעגונג און די אויסבריכע פון פאָלק זיינען געווען די פונקען, וועלכע האָבען אָנגעצונדען דעם פולווער. מען האָט דיסקוטירט פון מאַכען דעם פאָלק אַזעלכע קאָנצעסיאָנען, פון וועלכע קיינער האָט ביז דאַן גאָר ניט גע'חלום'ט; מען האָט אָנ־געפאַנגען עפענטליכע ארבייטען; מען האָט אָבגעשאַפט געוויסע שטייערען, און דאָס האָט געפיהרט דאָס פאָלק אין רוען צום גע־דאַנק, אַז מען האָט אָבגעשאַפט אַלערליי שטייערען, און זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען די צאָהלונג פון אַלערליי שטייי־ערען. די אונצופריעדענע האָבען, ווי עס ווייזט אויס, ניט פער־לאָרען קיין צייט און האָבען צו נוצען געמאַכט דיעזע געלעגענ־הייט אום אויסצושפרייטען די פאָלקס־אויפשטענדע.

מיר האָבען ניט די נויטיגע דאָקומענטען, אַז מיר זאָלען קע־נען געבען אַ פולען צעטעל פון די אַלע פאָלקס־אויפשטענדע אין דער צייט פון לואי דעם זעכצעהנטען'ס הערשאַפט — די גע־שיכטע־שרייבער האָבען זיך ניט געזאָרגט וועגען דעם; די אַר־כיוועו זיינען ניט אונטערזוכט געוואָרען, און עס איז נור דורך אַ צופאַל, ווען מיר דערוויסען זיך, דאָס אין אַזאַ־און־אַזאַ פלאַץ זיינען געווען רייאָטען. אַזוי זיינען געווען רייאָטען פון אַ גאַנץ ערנסטען כאַראַקטער אין פאַריז נאָך דעם, ווי עס זיינען אָבגע־שאַפט געוואָרען די האַנדעלס־צעכען אין 1776 — און איבער גאַנץ פראַנקרייך אין דעם משך פון דעמזעלבען יאָהר אַלס אַ רעזולטאַט פון די פאַלשע ידיעות איבער די אָבשאַפונג פון איר־גענד וועלכער געצוואונגענער ארבייט, וואָס די לאַנד־אייגענטהי־

מער האָבען געפאָדערט. אָבער, לויט די געדרוקטע דאָקומענ־טען קומט אויס, אַז עס איז געוואָרען פיעל רוהיגער אין די יאָה־רען 1777 ביז 1783. עס קען זיין, אַז די אַמעריקאַנער מלחמה האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג.

ווי עס איז, אין 1782 און 1783 האָבען די רייאָטען וויע־דער אָנגעפאַנגען, און פון יענער צייט זיינען זיי אָנגעגאַנגען ווע־רענדיג אַלע מאָל שטאַרקער ביז צו דער רעוואָלוציאָן. פ א י ט י ע ר האָט רעוואָלטירט אין 1782. אין 1786 איז גע־קומען די רייהע אין ו ו י ז י ל, און אַזוי אין פיעלע אַנדערע טהיילען פון פראַנקרייך. די אונצופריעדענע, וועלכע האָבען גע־קראָגען דעם צונעמענעש פון „מאַסקאַראַטס“, וועלענדיג בע־שטראָפען די אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען געמאַכט קריעג צווי־שען די בויערען, כדי זיי זאָלען האָבען „פּראַקטיקע“, האָבען זיך אַריינגעבראָכען אין די געריכטס־הייזער און אין די הייזער פון נאָטאַרען און אַדוואָקאַטען און האָבען פערברענט אַלע דאָקומענ־טען און קאָנטראַקטען. דריי פון דיעזע פיהרער זיינען אויפגע־האַנגען געוואָרען, אַנדערע זיינען פערשיקט געוואָרען נאָך שטראָף־קאָלאָניען, אָבער די רייאָטען האָבען אויפ׳ס־ניי אויס־געבראָכען, אַזוי שנעל ווי די צושליסונג פון די פּאַרלאַמענטען (די געריכטס־הייזער) האָט זיי געגעבען אַ נייעם אויסרייד. אין 1786 איז עס געווען ליאָן, וואָס האָט רעוואָלטירט. די זיידען־וועבער זיינען אַרויס אויף אַ סטרייק. מען האָט זיי צוגעזאָגט אַ לוין־העכערונג, אָבער באַלד האָט מען געשיקט נאָך סאָלדאַטען, עס איז געקומען צו אַ קאַמפף, און דריי פון די פיהרער זיינען גע־האַנגען געוואָרען. פון יענעם מאָמענט אָן ביז צו דער רעוואָלו־ציאָן איז ליאָן געוואָרען דער מיטעל־פּונקט פון אויפשטאַנד און אין 1789 זיינען עס געווען די רעבעלען פון 1786, וועלכע זיי־נען אויסגעקליבען געוואָרען אַלס וואהל־מענער.

מאַנכעס מאָל האָבען דיעזע אויפשטענדע געהאַט אַ רע־ליגיעזען כאַראַקטער; מאַנכעס מאָל האָבען זיי געוועהרט זיך געגען זיך נעהמען אין סאָלדאַטען; און אַ מאָל איז עס געווען

דער זאַלץ־שטייער, געגען וואָס זיי האָבען רעבעלירט, נור די אויפשטענדע זיינען אַנגעגאַנגען אָהן אַן אונטערברעכונג, און עס איז געווען אין די איסט, זיד־איסט און נאָרד־איסט — די צוקינפטיגע צענטערס פון דער רעוואָלוציאָן — וואו דיעזע רע־וואָלטען זיינען אויסגעבראָכען אין דער גרעסטער צאָהל. און זיי זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער אין וויכטיגקייט און ענדליך, אין 1788, נאָכדעם ווי די געריכטס־הייזער זיינען אויפ־געלייזט געוואָרען, וועלכע מען האָט גערופען פאַרלאַמענטס, און אויף זייער פּלאַץ האָט מען עטאַבלירט די „פּלענאַר"־געריכטע, האָבען אויפשטענדע אויסגעבראָכען איבער גאַנץ פראַנקרייך.

עס איז קלאָר, דאָס פאַר די גרויסע מאַסען איז עס געווען גאָר אַ קנאַפּע נפקא מינה צווישען אַ פּאַרלאַמענט און אַ פּלע־נאַר־געריכט. ווען די פּאַרלאַמענטען האָבען אַ מאָל ענטזאַגט זיך אָנצונעהמען און פערצייכנען בעפעהלע, ארויסגעגעבען פון קעניג און זיינע מיניסטאָרען, האָבען זיי אָבער פון דער אַנדערער זייט ניט ארויסגעוויזען קיינמאָל קיין איבעריגס גרויסע ליעבע צום פאָלק. אָבער די פּאַרלאַמענטען האָבען ארויסגעצייגט אַן אָפּאָזיציאָן צום הויף — און דאָס איז שוין געווען גענוג, און ווען די שלוחים פון די מיטעל־קלאַסען האָבען געזוכט די אונטער־שטיצונג פון פאָלק דורך רייאָטען, האָבען זיי עס גאָר שנעל בע־קומען, ווייל דאָס איז דאָך געווען דער וועג, ווי זיי האָבען גע־קאָנט דעמאָנסטרירען געגען קעניגטהום און די רייכע.

אין יוני, 1787, האָט דער פּאַריזער פּאַרלאַמענט געמאַכט זיך זעהר פּאָפּולער מיט דעם, וואָס ער האָט זיך ענטזאַגט צו בע־וויליגען אַ געוויסע סומע געלד צום קעניגליכען הויף. דער גע־זעץ פון לאַנד איז געווען, דאָס די פּאַרלאַמענטען זאָלען רע־גזשיסטרירען די קעניגליכע בעפעהלע, און דער פּאַריזער פּאַר־לאַמענט האָט געוויסע בעפעהלע וועגען דעם קאָרן־האַנדעל, די איינבערופונג פון פּראָווינציעלע פערזאַמלונגען און וועגען צוואַנגס־ארבייט יא רעגזשיסטרירט, אָבער ער האָט זיך ענט־זאָגט צו רעגזשיסטרירען דעם בעפעהל, וואָס האָט געזאָלט

עטאבלירען א נייע שטייער. דאן האט דער קעניג צוזאמענגערו־פען א זאגענאנטע „בעט פון גערעכטיגקייט“ און האט געצוואונ־גען, אז זיינע בעפעהלע זאלען רעדזשיסטרירט ווערען. דער פארלאמענט האט פראטעסטירט און האט דערמיט געוואונען די סימפאהיע פון די מיטעל־קלאסען און פון פאלק. ביי יעדער זי־צונג זיינען געווען מאסען מענשען ארום דעם געריכטס־הויז, שרייבער, נייגעריגע ליידיג־געהער און איינפאכע מענשען האבען זיך פערזאמעלט, אום צו אפלאדירען די מיטגליעדער פון פאר־לאמענט. אום צום מאכען א סוף צו דעם, האט דער קעניג פער־שיקט דעם פארלאמענט נאך אנאנדער שטאדט. דאן האבען אויסגעבראכען רייאטס איבער גאנץ פאריז. דער פאלקס־האס איז געווען געצילעוועט מייסטענס געגען די פרינצען און געגען די קעניגין, וועלכע האט געקראגען דעם שארפען צונאמען מא־דאם דעפיציט.

אלעם האט פראטעסטירט, און די אגיטאציאן איז געווארען אזוי שטארק, דאס דער קעניג איז געווען געצוואונגען צוריק צו רופען דעם פערשיקטען פארלאמענט. דאס איז געשעהן דעם 9טען סעפטעמבער און האט ארויסגערופען פרישע דעמאנסטרא־ציאנען אין פאריז, ווען דער מיניסטער קאלאן איז ב י ל ד ל י ך פערברענט געווארען.

דיעזע רוהע־שטערונגען זיינען הויפטזעכליך פארגעקומען צווישען די נידריגערע מיטעל־קלאסען. אבער אין אנדערע פלע־צער האבען זיי אנגענומען א גרעסערען פאלקס־כאראקטער.

אין 1788 האט אן אויפשטאנד אויסגעבראכען אין דער ברעטאן. ווען דער מיליטער־קאמאנדיר פון דען און דער גובער־נאטאר פון דער פראווינץ זיינען אוועק צו דעם ברעטאנישען פארלאמענט צו אנאנסירען דעם בעפעהל, דורך וועלכען דיעזע קערפערשאפט איז אבגעשאפט, איז די גאנצע שטאדט ארויס אין גאס. די מאסע האט געשטויסען און בעליידיגט די צוויי רע־גיערונגס־בעאמטע. דאס פאלק האט געהאסט דעם גובערנאטאר, בערטראן דע מאלוויל, און דער מיטעל־קלאס האט זיך בענוצט

דערמיט און האָט פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין דיזען בעפעהל איז שולדיג נור דער גובערנאַטאָר, וועלכער „איז אַ מאָנסטער און פערדיענט צו ווערען אויפגעהאַנגען". ווען ער איז ארויס־געקומען פון פּאַלאַץ, האָט מען איהם בעשאָטען מיט שטיינער און אימיצער האָט פּרובירט ארומצואווארפען אַ שטריק מיט אַ פּעטליע ארום זיין האלז. עס האָט שוין געהאַלטען ביי אַ קאַמפּף — די יונגע מענער פון פאָלק אריינברעכענדיג זיך אין די רייהען פון די סאָלדאַטען — ווען אַן אָפיציער האָט ארונטער־געוואָרפען זיין שווערד און האָט ערקלעהרט ברודערשאַפט מיט'ן פאָלק.

שפּעטער האָבען אויסגעבראָכען עהנליכע אויפשטענדע אין אַנדערע שטעדט אין ברעטאַן, און אויך די בויערען האָבען זיך ערהויבען, ווען דער קאָרן איז אוועקגענומען געוואָרען אין קווימ־פּער, סענט בריוק, מאָרלאַו, לאַמבאַל און אַנדערע פּלעצער. עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען די אַקטיווע ראָליע, וועלכע עס האָבען געשפּיעלט אין דיזע רייאָטס די סטודענטען פון רען, און וועלכע האָבען פון יענער צייט אָן פראַטערניזירט מיט די ריי־אָטערס. אין דאָפין, בעזאָנדערס אין גרענאָבעל, האָט דער אויפ־שטאַנד אָנגענומען גאָר אַן ערנסטען כאַראַקטער. אזוי שנעל, ווי עס איז ארויסגעלאָזען געוואָרען דער קעניגליכער בעפעהל, אַז דער פּאַרלאַמענט איז אויפגעלייזט, האָט זיך דאָס פאָלק ערהוי־בען. מען האָט געקלונגען אין שטאָדט־גלאָק, און די מענשען פון די ארומיגע דערפער, דערשרעקענדיג זיך, זיינען געקומען צולוי־פען אין גרויסע מאַסען אין שטאָדט. עס איז געקומען צו אַ בלוטיגען קאַמפּף און פיעלע זיינען גע'הרג'עט געוואָרען. דעם קאָמאַנדיר'ס וואַכע איז געוועזן הילפלאָז און זיין פּאַלאַץ איז צו־שטערט געוואָרען. קלערמאָנט־טאָנער, מיט אַ האַק, געהאַלטען איבער זיין קאָפּ, האָט געמוזט צוריקרופען דעם קעניגליכען בע־פעהל.

עס איז געוועזן דאָס פאָלק, און הויפּטזעכליך די פרויען, וועלכע האָבען געארבייט אין אזעלכע פעלע. וואָס אנבעלאַנגט

די מיטגליעדער פון פארלאמענט, האט דאס פאָלק געהאט אַ היבש ביסעל מיה, ביז עס האט זיי אויסגעפונען. זיי האבען זיך פערבעהאלטען און האבען געשריבען נאָך פאריז, אז דאָס פאָלק האט געמאכט דיעזען אויפשטאנד געגען זייער ווילען, און ווען דאָס פאָלק האט זיי דערטאפּט, האט עס זיי געמאכט פאר גע־פאנגענע — זייער אנוועזענהייט האט געגעבען אַן אַנשטעל פון געזעצליכקייט צו זייער אויפשטאנד. די פרויען האבען געהאַל־טען וואָך איבער דיעזע ארעסטירטע מיטגליעדער, ניט וועלענ־דיג זיי פערטרויען צו די מענער, טאָמער וועלען זיי לאָזען זיי אנטלויפען.

די מיטעל־קלאסען פון גרינאָבעל זיינען געווען אין א צור־שטאנד פון שרעק. אין משך פון דער נאכט האבען זיי אָרגאני־זירט א מיליץ פון בירגער, וועלכע האט גענומען בעזיץ פון שטאָדט־טויער ווי אויך פון מאנכע מיליטערישע פאָסטען, וועלכע זיי האבען באלד נאָכגעלאָזען צו די סאָלדאטען. מען האט זיך געצילעוועט מיט א קאנאָנע אויף די רעבעלען, און דער פארלא־מענט האט זיך בענוצט מיט דיעזער סומאטאָכע און איז פער־שוואונדען. פון 9טען ביז דעם 14טען יוני האט די רעאקציאָן טריאומפירט, אָבער דעם 14טען יוני איז געקומען די ידיעה, אז עס האט פּאסירט אַן אויפשטאנד אין בעזאנסאָן און דאָס די שווייצארישע סאָלדאטען האבען זיך ענטזאגט צו שיסען אויף דאָס פאָלק. דאן האט זייער גייסט אויפס־ניי אויפגעלעבט, און עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען צוזאמענצורופען די אלע שטענדע פון דער פראָווינץ. זיינען אָבער באלד אָנגעקומען פרישע סאָל־דאטען, און דער אויפשטאנד איז ביסלעכווייז איינגעשטילט גע־וואָרען. די אגיטאציאָן אָבער, אויפגעהאלטען מייסטענס פון פרויען, האט אָנגעהאלטען נאָך גאָר א היבשע ווייל.

אַ חוץ דיעזע צוויי אויפשטענדע, וועלכע ווערען דערמאָנט פון די מייסטע היסטאָריקער, זיינען פיעלע אנדערע אויסגעבראָ־כען אין פראָווינס, לאנגעדאָק און אין פיעלע אנדערע פלעצער. און אפילו דאָרט, וואו עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע ערנסטע

דרייאַטען, האָט מען זיך בענוצט מיט דער ערשענדער אויפרע־גונג, אום אָנצוהאַלטען די אונצופריעדענהייט און אום צו מאַכען דעמאָנסטראַציאָנען.

און אויך אין פּאַריז צו יענער צייט האָבען שטאַטגעפונען פיעלע דעמאָנסטראַציאָנען און צוזאַמענשטויסונגען צווישען דעם פאָלק און סאָלדאַטען. די פיהרער פון דיעזע אַלע דעמאָנסטראַ־ציאָנען זיינען שפּעטער אויך געווען די, וואָס האָבען געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אין דער פאָלקס־רעוואָלוציאָן. מאַריע אַנטאָאינעט'ס בריעף צום גראַף דע מערסי אין דיעזער הינזיכט איז זעהר אינטערעסאַנט. דער בריעף איז דאַטירט אויגוסט 24, 1788, און אין דיעזען בריעף דערצעהלט זי איהם פון איהרע בע־פירכטונגען, פון דעם וואָס מען האָט געמאַכט זיך צוריקציהען פון זיין אַמט דעם אַרטשבישאָף פון סענס און פון די שריט, וואָס זי האָט גענומען אום צוריקצורופען נעקער. די ווירקונג פון די רייאַטען אויף דעם קעניגליכען הויף קען מען לייכט זעהן פון דיעזען בריעף. די קעניגין האָט פאָראויסגעזעהען, אַז דאָס צו־ריקרופען פון נעקער וועט פערקלענערען דעם קעניג'ס אויטאָרי־טעט. זי האָט מורא געהאַט, דאָס „זיי קענען נאָך געצוואונגען ווערען צו נאָמינירען אַ פּריים־מיניסטער", אָבער „דער מאָמענט דריקט. עס איז העכסט וויכטיג, אַז נעקער זאָל אַקצעפּטירען."

דריי וואָכען שפּעטער, סעפּטעמבער דעם 14טען, 1788, ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז לאַמאָניאָן האָט זיך צוריקגעצויגען, זיינען די רייאַטען געוואָרען נאָך שטאַרקערע. מען האָט אונ־טערגעצונדען די הייזער פון די צוויי מיניסטאָרען, לאַמאָניאָן און בריען, ווי אויך פון דובאָיס. מען האָט אַרויסגערופען די אַרמיי, און אין פיעלע גאַסען האָט שטאַטגעפונען אַ שוידערליכע אויסשלאַכטונג פון אָרעמע מענשען, וועלכע האָבען זיך ניט גע־קענט פערטהיידיגען. נאָך שפּעטער, אין אָקטאָבער, ווען דער פּאַרלאַמענט, וואָס איז פערשיקט געוואָרען נאָך טראָיעס, איז צוריק גערופען געוואָרען, האָבען די קליינע בעאַמטע און די בע־פעלקערונג אילומינירט דעם פּלאַץ דאָפין פאַר אייניגע אָבענדען

כסדר. זיי האָבען געפּאָדערט געלד פון די פערבייגעהער אום אויסצוגעבען אויף פייער־ווערק, און זיי האָבען געצוואונגען די פייגע הערדען ארויסצושטייגען פון זייערע קאָטשען און פערנייגען זיך פאַר דעם בילד פון העגרי דעם 4טען. פיגורען, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט קאלאָן, ברעטייל און די דאַטשעס דע פּאָלינאַק, זיינען פערברענט געוואָרען. מען האָט אויך פאָרגעשלאָגען צו פערברענען דאָס בילד פון דער קעניגין.

דיעזע רייאָטען האָבען זיך שטופּענווייז פערשפּרייט איבער אַנדערע טהיילען פון שטאָדט, און אַן ארמיי איז געשיקט געוואָרען צו אונטערדריקען זיי. בלוט איז פערגאָסען געוואָרען און פיעלע זיינען געטוידטעט און פערוואונדעט געוואָרען אויף דעם פּלאַס דע לאַ גרעוו. דיעזע, וועלכע זיינען פּראָצעסירט געוואָרען פאַר די פּאַרלאַמענט־ריכטער, זיינען אָדער אין גאנצען פריי־געלאָזען געוואָרען, אָדער מען האָט זיי גאַנץ לייכט בעשטראָפט.

אויף אזא אופן האָט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ער־וואַכט און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר ענטוויקעלט אין דעם וועג פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. די איניציאַטיווע איז געווים געקומען פון די מיטעל־קלאַסען — מייסטענס פון די נידריגערע מיטעל־קלאַסען — אָבער, אין אלגעמיין גערעדט, האָבען די מיטעל־קלאַסען זיך געזאָרגט ניט צו קאָמפּראָמעטירען זיך, און די צאָהל פון זיי, וועלכע האָבען אָפען ארויסגעוויזען זייער אָפּאָזיציאָן צום קעניגטהום, איז געווען גאַנץ קליין. ווען עס וואָלטען נור געווען זייערע אייגענע פערזוכען צו וועהרען זיך, וואָלט פראנקרייך געמוזט נאָך ווארטען יאָהרען־לאַנג אויף דעם שטורץ פון דעם קעניגליכען דעספּאָטיזמוס. גליקליכערווייזע האָבען אַ טויזענד אומשטענדען געצוואונגען די מאַסען צו רע־וואָלטירען. און טראָץ דעם פאקט, דאָס נאָך יעדען אויסברוך זיינען געווען פיעל הפקר־הענגערייען, מאַסען־ארעסטען און זאָגאַר פּייניגונגען פאַר די ארעסטירטע, האָט דאָס פאָלק דאָך רע־וואָלטירט, געדריקט פון איין זייט דורך זייער פערצווייפעלטען עלענד, און געשטופּט פון דער אַנדערער זייט פון יענע אונקלאָרע

האפנונגען, פון וועלכע די אלטע פרוי האט געערדט צו ארטהור יאנג. אין גרויסער צאהל האבען זיי זיך ערהויבען געגען די רע־גיערונג אין די פראווינצען, געגען די טאקס־קאללעקטארס, געגען די זאלץ־טאקס אגענטען און זאגאר געגען דער ארמיי. און אזוי האנדלענדיג, האבען זיי פאלשטענדיג צורודערט די רעגיערונגס־מאשינעריע.

פון 1788 זיינען די בויערען־אויפשטענדע געווארען אזוי אלגעמיין, דאס עס איז געווען אונמעגליך צו קריגען דאס געלד פאר די נויטיגע שטאאטס־אויסגאבען, און לואי דער זעכצעהנ־טער, נאכדעם, ווי ער האט פאר פערצעהן יאהר ענטזאגט זיך איינצוברופען די רעפרעזענטאנטען פון דער נאציאן טאמער וועט דערביי זיין קעניגליכע אויטאריטעט ליידען, איז איצט גע־ווען געצוואונגען איינצוברופען צוערשט די צוויי פערזאמלונ־גען פון די נאטאבעלען, און ענדליך, דעם „גענעראל־שטאאט“.

## זעקסטער קאפיטעל.

# די איינבערופונג פון די גענעראל־שטאאטען.

די אונפעראנטוואָרטליכקייט פון'ם אַלטען רעזשים. — די עלענדע לאַגע פון די בויערען. — די אונצופריעדענהייט פון דער מיטעל־קלאַסע. — אַן ענדערונג אין דער פּאָליטישער סיסטעם פון פראנקרייך. — נעקער. — דער פינאַנציעלער קריזיס. — די אסעמבלי פון די נאָטיבעלס (מיוחסים, אריסטאָקראטען) ווערט איינבערופען. — לואי רופט איין די אַלגעמיינע פערזאמלונג. — דער דריטער שטאַנד קריגט אַ גרעסערע רעפּרעזענטאַציאָן.

---

יעדער איינער, וואָס האָט געקענט די לאַגע אין פראנקרייך, איז געווען זיכער, דאָס די אונפעראנטוואָרטליכע הערשאַפט אין פראנקרייך קען לאַנג ניט אָנהאַלטען. דער עלענד אין די לאַנד־דיסטריקטען איז געוואַקסען פון יאָהר צו יאָהר, און עס איז געוואָרען אַלע מאָל שווערער און שווערער אויפצומאָנען די שטייערען, און אין דער זעלבער צייט צו צווינגען די בויערען צו צאָהלען רענט צו די לענדלאָרדס און צו ערפילען די פערשיעדענע פעסטגעשטעלטע ארבייטס־לייסטונגען, וועלכע עס האָט געפאָדערט די אָפיציעלע רעגיערונג. די שטייערען אַליין האָבען פערשלונגען אַ העלפט און אָפט צוויי־דריטעל פון דעם, וואָס די בויערען האָבען געקענט אויסארבייטען אין דעם משך פון אַ יאָהר. בעטלעריי און רייאָטען זיינען געוואָרען די נאָרמאַלע פערהעלטניסע פון דעם דאָרף־לעבען. און דאן זיינען עס ניט גע־

ווען די בויערען אליין, וועלכע האָבען פּראָטעסטירט און רעבעלירט. אויך די מיטעל־קלאַסען האָבען בקול רמה אויסגעדריקט זייער אונצופריעדענהייט. זיי האָבען אודאי פּראָפּיטירט דורך די פערמערונג פון די בויערען, און זיי אריינגענומען צו ארבייטען אין די פאַבריקען, און זיי האָבען זיך אויך בענוצט מיט דער דעמאָראליזאציאָן פון דער רעגיערונגס־פערוואַלטונג און מיט די פינאַנציעלע פּלאָנטערס פון דעם מאָמענט, און אריינגעכאַפּט פאר זיך אלערליי סאָרטען מאָנאָפּאָליען, און זיי זיינען אויך רייך געוואָרען דורך פערשיעדענע הלוואות צום שטאַאט.

אָבער דאָס האָט ניט צופריעדענגעשטעלט די מיטעל־קלאַסען. פאַר אַ ווײַלע האָבען זיי גע'פועל'ט ביי זיך און האָבען זיך צוגעפּאַסט צום קעניגליכען דעספּאָטיזמוס און צו דער הויף־רעגיערונג. באַלד איז אָבער געקומען אַ מאָמענט, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען מורא צו האָבען צו פערלירען זייערע מאָנאָפּאָליען; ווען זיי האָבען געפיהלט, אז זיי זיינען ניט זיכער מיט דעם געלד, וואָס זיי האָבען געבאָרגט דעם שטאַאט; זיי האָבען אויך ניט געפיהלט זיך גאַנץ זיכער אין דעם בעזיץ פון לאַנד, וואָס זיי האָבען געקראָגען, פון די פאַבריקען, וואָס זיי האָבען אויפגעבויט, און זיי האָבען אָנגעהויבען שפּעטער אויפצומונטערען דאָס פאָלק אין זיין אויפשטאַנד, כדי צו שטירצען די רעגיערונג און גרינדען זייער אייגענע פּאָליטישע מאַכט. דיעזע ענטוויקלונג קען זעהר לייכט נאָכגעפאָלגט ווערען אין דעם משך פון די ערשטע דרייצעהן אָדער פערצעהן יאָהר פון לואי דעם זעכצעהנטען'ס הערשאַפט, פון 1774 ביז 1788.

עס איז געווען בעשיינפערליך, דאָס עס קומט פאַר אַן ענדערונג אין דעם גאַנצען פּאָליטישען סיסטעם פון פראַנקרייך. אָבער לואי דער זעכצעהנטער און זיין הויף האָבען זיך געוועהרט געגען דיעזע ענדערונג, און זיי האָבען זיך אזוי לאַנג געוועהרט אַז, ווען דער קעניג האָט שוין בעשלאָסען נאָכצוגעבען דיעזע רעפאָרמען, וועלכע וואָלטען אין אָנפאַנג אויפגענומען געוואָרען מיט אַזאַ פרייד, זיינען זיי שוין מעהר ניט געווען צופריעדענשטע־

לענד און געניגענד פאר די נאציאָן ; וועהרענד אין 1775 וואָלט א רעזשים פון דער אריסטאָקראטיע, געמישט מיט א נאציאָנאַלער רעפּרעזענטאציאָן, פאָלשטענדיג צופריעדענגעשטעלט די מיטעל־קלאסען, איז 12 יאָהר שפּעטער, אין 1787, דער קעניג געשטאנען פּנים אל פּנים מיט אן עפענטליכער מיינונג, וועלכע האָט שוין מעהר ניט געוואָלט וויסען פון קיינע קאָמפּראָמיסען, און האָט געפאָדערט א רעפּרעזענטאנטיווע רעגיערונג מיט דער פולער בעשרענקונג פון דער קעניגליכער מאכט.

מיר האָבען געזעהען, ווי לואי דער זעכצעהנטער האָט פערוואָרפען די גאנץ־געמעסיגטע פאָרשלעגע פון טיורגאָ. שוין דער געדאנק בלויז פון בעגרענצען עטוואָס די קעניגליכע מאכט איז איהם געווען העכסט אבשטויסענד. דערפאר האָבען טיורגאָ׳ס רעפאָרמען — די אָבשאפונג פון געצוואונגענער ארבייט — די אָבשאפונג פון די האנדעלס־וועכטער און א שרעקעדיגער פערזוך צו מאכען די צוויי פּריווילעגירטע קלאסען — דעם אדעל און פּריסטערטהום — צו צאָהלען עטוואָס פון די שטייערען — ניט געהאט קיין ממשות׳דיגען רעזולטאט. אלעס אין א שטאאט איז שטארק פערבונדען איינס מיט דאָס אנדערע, און אלעס אין דעם אלטען רעזשים איז צופאלען געוואָרען אין חורבונות צו־זאמען.

נעקער, וועלכער איז געקומען באלד נאָך טיורגאָ, איז גע־ווען מעהר פינאנסיסט ווי שטאאטסמאן. ער האָט געהאט דעם פינאנסיסט׳ס שמאָלען מח, וועלכער זעהט זאכען נור אין זייער קליינליכער שייכות און הינזיכטען. זיין ריכטיגער עלעמענט איז געווען פינאנציעלע אָפּעראציאָנען און צו קריגען געלד געבאָרגט. מען דארף נור איבערלעזען זיין בוך וועגען דער עקזעקוטיווע גע־וואלט, אום צו פערשטעהען, ווי אזוי זיין מח, געוועהנט נור צו טראכטען איבער די טהעאָריע פון רעגיערונג, האָט ניט גע־קענט קומען צו א געוויסער קלאָרהייט ווען די געזעלשאפט איז

געוועזן צוריסען אין שטיקער פון פערשיעדענע ליידענשאפטען, ווי דאָס איז געוועזן דאַן דער פאַל מיט פראנקרייך.*)

נאָך מעהר, נעקער האָט קיין מאָל דעם מוטה ניט געהאַט צו בענוצען זיך פאר לואי דעם זעכצעהנטען מיט דעם קלאָרען, שטרענגען און מוטהיגען לשון, וואָס די אומשטענדען האָבען געפאָדערט. ער האָט גערעדט צו איהם גאנץ שרעקעדיג איבער רעפּרעזענטאַטיווער רעגיערונג, און איז געגאַנגען מיט זיינע רעפאָרמען בלויז אזוי ווייט, דאָס זיי האָבען ניט געקענט לייזען די שוויעריגקייטען און ניט צופריעדענשטעלען קיינעם, כאָטש זיי האָבען אין דער זעלבער צייט געמאַכט יעדען פיהלען די נויטווענדיגקייט פון א פונדאַמענטאַלער ענדערונג.

די פּראָווינץ־פערזאַמלונגען, אכטצעהן פון וועלכע נעקער

---

*) די עקזעקוטיווע געוואלט אין די גרויס־שטאַאטען", צוויי בענדער, 1792. די אידעע פון דיעזען בוך איז, דאָס דער קריזיס, וועלכען פראנקרייך האָט דורכגעמאַכט אין 1792, קומט נור פון דעם, וואָס די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האָט פערנאַכלעסיגט צו געבען דעם קעניג א שטאַרקע עקזעקוטיווע מאַכט. „אַלעס וואָלט געגאַנגען מעהר אָדער וועניגער כשורה, ווען מען וואָלט נור געזאָרגט צו גרינדען אַ שטאַרקע אויטאָריטעט", שרייבט נעקער אין דער פאָררעדע צו זיין בוך, און אין בוך אַליין פערברייטערט ער זיך איבער די גרויסע, גרענצלאָזע רעכטע, וואָס דער קעניג וואָלט בעדארפט האָבען. עס איז אמת, דאָס אין זיין בוך „געזעצגעבונג און קאָרנהאַנדלונג", פון 1776, האָט ער ענטוויקעלט אייניגע אידעען, וועלכע ווייזען זיין סימפּאַטהיע מיט די אָרעמע; ער האָט דאָרט גע'טענה'ט, דאָס דער שטאַאט דארף זיך אריינמישען און בעשטימען דעם פּרייז פון ווייץ צו גונסטען פון די אָרעמע, אָבער ווייטער פון דעם איז זיין „שטאַאַטס־סאָציאליזמוס" ניט געגאַנגען. דער עיקר, לויט זיין מיינונג, איז געוועזן אַ שטאַרקע רעגיערונג, אַ טהראָן, וואָס זאָל רעספּעקטירט ווערען און וואָס זאָל, צוליעב דיעזען צוועק, זיין אַרומגערינגעלט מיט הויבע טשינאָווניקעס און מיט אַ שטאַרקער עקזעקוטיוו־מאַכט.

האט צוגעגעבען צו די, וועלכע טיורגא האט איינגעפיהרט, און וועלכע האבען געפיהרט צו דער עטאבלירונג פון דיסטריקטען און דארף־פערזאמלונגען, האבען זיך בעשעפטיגט דערמיט, וואס זיי האבען דיסקוטירט איבער די שווערסטע און ברענענדסטע פראגען און דערמיט האבען זיי בולט ארויסגעשטעלט די שרעקליכע קאררופציאן פון דער אונבעגרענצטער מאכט פון קעניגטהום, און דיזע דיסקוסיאנען, וועלכע האבען געוויס זיך פערשפרייט איבער אלע דערפער און שטעדטלעך, האבען זעהר פיעל געהאלפען דעם שטורץ פון דעם אלטען רעזשים. אויף אזא אופן האבען די פראווינץ־פערזאמלונגען, וועלכע וואלטען אין 1770 געקענט דיענען אלס בליץ־אבלייטערס און וואלטען קלענער געמאכט די מאכט פון'ם שטורם, האבען גאר מעכטיג געהאלפען דעם אויפשטאנד פון 1788. אויך איז נעקער'ס רעפארם פון 1781, אייניגע מאנאטען פאר זיין פערלאזען זיין אמט, געווען א שווערער קלאפ פאר די קעניגליכע אריסטאקראטיע. ווי דאס פאסירט אימער אין אזעלכע פעלע, האט ער געהאלפען א טרייסעל טהאן די סיסטעם, וואס האט שוין געהאלטען ביים פאלען, אבער ער איז געווען מאכטלאז ניט צו דערלאזען, אז דער פאל זאל זיך ניט אומוואנדלען אין א רעוואלוציאן. וואהרשיינליך האט ער גאר ניט בעגריפען, אז עס דערנעהערט זיך די רעוואלוציאן.

דער פינאנציעלער קראך איז געקומען נאך דער ערשטער אוועקשיקונג פון נעקער, אין די יאהרען 1781—1787. די פינאנסען זיינען געווען אין אזא שלעכטער לאגע, דאס די חובות פון'ם שטאאט, פון די פראווינצען, די שטאאט־דעפארטמענטס, און זאגאר פון דער קעניגליכער הויז־ווירטהשאפט האבען געהאלטען אין איין וואקסען. צו אירגענד וועלכען מאמענט וואלט דער שטאאט געקענט ערקלערט ווערען באנקראט, א באנקראט, וועלכען די מיטעלקלאסען, וואס זיינען איצט געווען פעראינטערעסירט אין די שטאאטס־פינאנסען, אלס קרעדיטארען, האבען בשום אופן ניט געוואלט. צו דעם אלעם איז די מאסע פון פאלק געווען אזוי פעראָרעמט, אז זי האט ניט מעהר געקענט בעצאהלען די שטייערען, און האט ניט געצאהלט און האט רעוואל־

מירט. און די פריסטער און אריסטאָקראַטען האָבען זיך פון זייער זייט ענטזאגט מיט עטוואָס צו אָפּפערען פאר'ן שטאַאט. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָבען די אויפשטענדע אין די דערפער נויטווענדיגערווייזע געבראכט אַלץ מעהר און נעהענטער דאָס לאַנד צו דער רעוואָלוציאָן. און עס איז געווען אין מיטען פון דיזער שווערער לאַגע, ווען דער מיניסטער קאַלאָן האט איינבערופען די פערזאמלונג פון דער אריסטאָקראַטיע אין ווערסייל פאר פעברואר דעם 22טען, 1787.

איינצורופען דיזע פערזאמלונג פון „נאָטאַבילימעטען” איז געווען דאָס, וואָס האָט געראדע ניט געטאָרט געשעהען אין יענעם מאָמענט. עס איז געווען געראדע יענע פּאָליאַטיווע, וועלכע פון איין זייט האט געמאכט נויטווענדיג די איינבערופונג פון דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, און פון דער אנדערער זייט האָט זי פערשפּרייט מיסטרויען צום קעניגליכען הויף און צו די צוויי פּריווילעגירטע קלאסען, דעם אדעל און דעם פריסטערטהום. דורך יענע פערזאמלונג האָט מען זיך דערוואוסט, דאָס דער נאַציאָנאַלער חוב האָט שוין דערגרייכט ביז צו זעכצעהן הונדערט און זעקס און פופציג מיליאָן — אַן ערשרעקענדע סומע צו יענער צייט — און דאָס דער יעהרליכער דעפיציט איז יעהרליך געוואקסען מיט אַ הונדערט און פופציג מיליאָן. און דאָס אַלעס אין אַ לאַנד, אזוי רואינירט, ווי פראנקרייך איז יעמאָלט געווען! מען האָט זיך עס דערוואוסט — און יעדער האָט גערעדט וועגען דעם. און נאָכדעם, ווי יעדער האָט גערעדט וועגען דעם, האָבען די „נאָטאַבילימעטען”, וועלכע זיינען גענומען געוואָרען פון די העכערע קלאַסען, און וועלכע זיינען פּראקטיש געווען אַ פערזאמלונג פון מיניסטאָרען, זיך פונאנדערגעגאנגען דעם 25טען מאַי, ניט האָבענדיג אויפגעטהאָן דאָס מינדעסטע. וועהרענד זייערע בעראטהונגען, איז קאַלאָן געוואָרען אוים מיניסטער, און אויף זיין פּלאַץ איז אָנגעקומען לאָמעניע די בריען, דער ארטשבישאָף פון סען. אָבער דער נייער מיניסטער דורך זיינע אינטריגען און דורך זיין שטרענגקייט, וועלכע ער האָט פּרובירט אָנצונעהמען, האָט נור אויסגעפיהרט דאָס, וואָס ער האָט אויפגעבראכט

געגען זיך די פּאַרלאַמענטען, אַרויסגערופען רייאַטען, ווען ער האָט געוואָלט זיי אויפלייזען, און האָט נאָך שטאַרקער אויפגע־רעגט די עפענטליכע מיינונג געגען דעם קעניג. ווען מען האָט איהם משלח געווען פון זיין אַמט דעם 25טען אויגוסט, 1788, איז גאַנץ פראַנקרייך געווען אין היילער פרייד. און אַזוי ווי ער האָט קלאָר בעוויזען די אונמעגליכקייט פון אַ דעספּאָטישער רעגיערונג, האָט דער הויף קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי נאָכצוגעבען. דען 8טען אויגוסט, 1788, איז לואי דער זעכ־צעהנטער ענדליך געצוואונגען געווען איינצורופען די נאַציאָ־נאַל־פערזאַמלונג, און צו בעשטימען איהר ערעפנונג פאַר דעם ערשטען מאַי, 1789.

און זאָגאַר אין דעם האָט דער הויף און נעקער, וועלכער איז צוריקגערופען געוואָרען, אַלס מיניסטער אין 1788, גע־טהאָן אַלעס, אום צו ערגערען אַלעמען. עס איז געווען די אַל־געמיינע מיינונג אין פראַנקרייך, דאָס אין דער נאַציאָנאַל־פער־זאַמלונג, אין וועלכער דריי קלאַסען האָבען בעדאַרפט זיין בע־זונדער רעפּרעזענטירט, דאַרף דער דריטער שטאַנד האָבען צוויי מאָל אַזוי פיעל מיטגליעדער, ווי די צוויי אַנדערע, און דאָס די אַבשטימונג דאַרף זיין אַ פּערזענליכע, אָבער לואי דער 16טער און נעקער זיינען געווען געגען דעם, און זיי האָבען זאָגאַר איינ־בערופען אַ צווייטע פערזאַמלונג פון די נאָטאַבּיליטעטען אויף נאָוועמבער דעם 6טען, 1788, וועלכע וועלען, ווי זיי זיינען עס זיכער געווען, פערוואַרפען די דאָפּעלטע צאָהל מיטגליעדער פון דעם דריטען שטאַנד און די פּערזענליכע אַבשטימונג. דאָס איז געווען טאַקע, וואָס עס האָט פּאַסירט. אָבער טראָץ דעם, איז די עפענטליכע מיינונג געווען אַזוי שטאַרק צו גונסטען פון׳ם דריטען שטאַנד דורך די פּראָווינץ־פערזאַמלונגען, דאָס נעקער און דער קעניג האָבען געמוזט ענדליך נאָכגעבען. דעם דריטען שטאַנד איז בעוויליגט געוואָרען אַ דאָפּעלטע רעפּרעזענטאַציאָן, ד. ה., דאָס פון אַ טויזענד דעפּוטאַטען וועט דער דריטער שטאַנד האָבען אַזוי פיעל, וויפיעל דער אַדעל און דער פּריסטערטהום וועט־לען האָבען צוזאַמען. אין קורצען, דער קעניג און נעקער האָבען

געטהאָן אַלעס, וואָס זיי האָבען נור געקאָנט, אום צו מאַכען זיך פאר א שונא די עפענטליכע מיינונג, און גאָר ניט געווינענדיג דערמיט פאר זיך. דאָס וועהרען זיך פון דעם קעניג געגען די איינבערופונג פון א נאַציאָנאַל־פערזאמלונג איז געוועזן אומזיסט. „די גענעראַל־שטאַאטען“ זיינען צוזאַמענגעקומען אין ווערסאַיל דעם 5טען מאַי, 1789.

ז י ע ב ע ט ע ר  ק א פ י ט ע ל.

# די אויפשטענדע פון די לאַנד־דיסטריקטען און די ערשטע מאָנאַטען פון 1789

די העלדישקייט פון די מיטעל־קלאַסען ביי׳ן אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן שטאַרק איבערשעצט. — די אָבשאַפונג פון לייב־אייגענשאַפט. — די געצוואונגענע ארבייט און אַנדערע געמיינהייטען געגען די בויערען. — די ניט־גערעטעניש אין 1789. — עס קומען רייאָטען. — וואָס פאַר אַ סאָרט רייאָטען. — „וויוו לא ליבערטע!“ — די רייאָטען אין אַגדע. — וואָס מען גיט נאָך דעם פאָלק. — די ווירקונג פון די רייאָטען אויף די וואַהלען. — די אגיטאַציע אין די דערפער. — די וויכטיגקייט פון דעם בויערען־אויפשטאַנד.

---

קיין זאַך קען ניט זיין קיין גרעסערער מעות, ווי צו מיינען אָדער צו שילדערען פראַנקרייך אלס אַ נאַציאָן פון העלדען ביז 1789, און דער געשיכטס־שרייבער קווינעט איז געוועזן פאָלשטענדיג גערעכט, ווען ער האָט אַ תל געמאַכט פון דיעזער לעגענדע, וועלכע מאַנכע היסטאָריקער האָבען זיך געמאַטערט צו פערשפרייטען. עס איז קלאָהר, דאָס אויב מיר זאָלען צונויפזאַמלען אין איינינע זייטלעך די צופעליגע פּאַסירונגען, זעהר זעלטענע נאָך אַלעמען, פון אַן אָפענעם וועהרען־זיך געגען דעם אַלטען רעזשים פון דער זייט פון דער מיטעל־קלאַס — ווי, למשל, ד׳עספרעמענים אָפּאָזיציאָן — וואָלטען מיר געקענט צונויפשטעלען אַ נישקשה׳דיג איינדרוקספאָלען בילד. אָבער

וואָס עס וואַרפט זיך בעזאָנדערס אין די אויגען, ווען מען בעטראַכט די פערהעלטניסע פון דער צייט, איז די אַבוועזענ־הייט פון ערנסטע פּראָטעסטען, פון דער פעסטקייט און בעהויפּ־טונג פון דעם אינדיווידואום און פון די אונטערטהעניגקייט פון דעם מיטעל־קלאַס. „קיינער מאַכט זיך ניט מיט עפּעס בעקאַנט", זאָגט קווינעט גאַנץ ריכטיג. „עס איז גאָר ניטאָ קיין געלעגענהייט צו דערקענען איינעם". און ער פרעגט: „וואָס האָבען זיי געטהאָן — באַרנאַוו, טהורעט, סער, ווערגניסוד, גאָדיט, ראָלאַנד, דאַנטאָן, ראָבעספּיער און די אַלע אַנדערע, וועלכע זיינען אַזוי שנעל געוואָרען די העלדען פון דער רעוואָלוציאָן?"

שטומפּפּקייט און שטומקייט האָט געהערשט אין די פּראָ־ווינצען און שטעדט. די צענטראַל־מאַכט האָט געמוזט רופען מענשען צו שטימען און איינצולאַדען זיי צו זאָגען אין דער הויך דאָס, וואָס זיי האָבען זיך געשושקעט אין דער שטיל, איידער דער דריטער שטאַנד האָט אַרויסגעלאָזען זיין בעריהמטע ערקלעהרונג. און זאָגאַר דאָן! אויב אין מאַנכע פון די ערקלעה־רונגען געפינען מיר מוטהיגע ווערטער פון רעבעליאָן, וואָס אָבער פאַר אונטערטהעניגקייט און שרעקעדיגקייט געפינט מען אין די מייסטע ערקלעהרונגען, און וואָס פאַר אַ געמעסיגקייט אין זייערע פאָדערונגען! ווייל, נאָך דעם רעכט צו טראָגען וואַפען; און נאָך אירגענד וועלכע גזעצליכע גאַראַנטיען געגען הפקר־אַרעסטען, איז עס געווען הויפּטזעכליך אַביסעלע מעהר פרייהייט אין די מוניציפּאַלע אַנגעלעגענהייטען, וואָס עס איז געפאָדערט געוואָרען אין די ערקלעהרונגען און אויפרופע פון דעם דריטען שטאַנד.*) עס איז געווען ערשט נאָכהער, ווען די

*) וואָס אַנבעטרעפט די פאָדערונגען, וועלכע האָבען שפּעטער אַרויסגערופען דעם גאַנצען צאָרן פון די לאַנד־אייגענטהימער, איז נויטיג צו נאָטירען די פאָלגענדע: די טאַקסע אויף ברויט און פלייש זאָל בעשטימט ווערען לויט די דורכשניטליכע פּרייזען, האָבען געפאָדערט ליאָן, טראָיעס, פּאַריז און שאַלאָן. „דאָס דער אַרבייטס־לוין זאָל רעגולירט ווערען פּעריאָדיש, לויט די טעגליכע בעדירפניסע", האָט

דעפּוטאַטען פון דעם דריטען שטאַנד האָבען געזעהן זיך אונטער־שטיצט פון פּאַריזער פאָלק, און ווען די מורמלעריי פון די בויערען־אויפשטענדע האָט זיך אָנגעהויבען הערען, ערשט דאַן זיינען זיי געוואָרען מוטהיגער אין זייער שטעלונג צום קעניג־ליכען הויף.

גליקליכערוויזע האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען צו רעוואָל־טירען איבעראַל, נאָך די שטערונגען וועלכע זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך די פּאַרלאַמענטען וועהרענד דעם זומער און הערבסט פון 1788, און דער שטראָם פון אויפשטאַנד, ווערענדיג אַלץ מעכטיגער און געוואַלטיגער, האָט דערגרייכט שוין ביז די אויפשטענדע אין די דערפער אין יולי און אויגוסט פון 1789.

עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, דאָס די לאַגע פון די בויערען און אַרבייטער אין די שטעדט איז געווען אַזעלכע, דאָס אַן איינציגע ניט־גערעטעניש איז געווען גענוג, אום צו מאַכען אַ שרעקליכען ברויט־יקרות אין די שטעדט און אַ הונגער־צייט אין די דערפער. די בויערען זיינען שוין ניט מעהר געווען קיין לייב־אייגענע, די לייב־אייגענשאַפט איז שוין לאַנג צוריק אָבגע־שאַפט געוואָרען אין פראַנקרייך, ווענינגסטענס אויף די פּריוואַט־גיטער. נאָך דעם, ווי לואי דער 16טער האָט זי אָבגעשאַפט אויף די קעניגליכע גיטער אין 1779, זיינען געבליבען אין 1788 נור אַרום 80 טויזענד פּערזאָנען, וועלכע זיינען נאָך געהאַלטען

---

רענן געפאָדערט; דאָס עס זאָל גאַראַנטירט ווערען אַרבייט צו אַלע אַרבייטס־פעהיגע מענשען, האָבען געפאָדערט אַנדערע שטעדט. וואָס ווידער אָנבעלאַנגט די ראָיאַליסטען קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, וועלכע זיינען געווען גאַנץ שטאַרק אין צאָהל, קען מען זעהן פון די פּאָר־שלעגע, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער „אַלגעמיינער פאָדע־רונג", אַנאַליזירט פון טשעססין (די וואַהלען און די אויפרופע פון פּאַריז אין 1789, באַנד 3, 1889) דאָס זיי האָבען נור געוואונשען, אַז „די גענעראַל־שטאַאַטען" זאָלען זיך בעגרענצען בלויז מיט בעראַטהונגען איבער פינאַנס און איבער איינשפּאָרונגען אין די ווירטהשאַפטס־אויסגאַבען פון דעם קעניג און די פּרינצען.

געוואָרען אַלס לייב־אייגענע אין דער יורא, און אין גאַנץ פראַנק־רייך העכסטענס אַ מיליאָן און אַ האַלב, און אפשר זאָגאַר נאָך וועניגער ווי אַ מיליאָן. און דיעזע לייב־אייגענע זיינען עס שוין ניט געווען אין דעם שטרענגען זין פון וואָרט. וואָס אַנבעטרעפט די מאַיאָריטעט פון די בויערען, האָבען דיזע שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין לייב־אייגענע, אָבער זיי האָבען נאָך געהאַלטען אין צאָהלען מיט געלד און מיט אַרבייט זייערע אַמאָליגע הערען, די פּריצים. די צאָהלונגען, זעהר שווערע, זיינען אויפגעמאָהנט געוואָרען פון זיי פאַר דאָס רעכט צו האַלטען דאָס לאַנד, צי קאָלעקטיוו, אַלס גאַנצע געמיינדע, אָדער פּריוואַט, אַלס פאַרם־לאַנד. און יעדע שטיקעל לאַנד אָדער פאַרם האָט געהאַט איהרע אָבצאָהלונגען אַזוי פערשיעדענאַרטיג ווי צאָהלרייך, און זיי אַלע זיינען פערשריעבען געוואָרען אין די פעאָדאַלע ביכער.

אחוץ דעם האָט נאָך דער פּריץ געהאַט דאָס אויסשליסליכע רעכט פון צו זיין ריכטער, אָדער, ווען ער האָט עס אַליין ניט געוואָלט טהאָן, האָט ער נאָמינירט דעם ריכטער. און אָט אַ דאַנק דיעזער אַלטער פּריווילעגיע האָט ער בייבעהאַלטען אַלערליי פערזענליכע רעכטע איבער זיינע געוועזענע לייב־אייגענע.*) ווען אַן אַלטע פרוי האָט געלאָזען בירושה איהר טאָכטער איינעם אָדער צוויי בוימער אָדער אייניגע אַלטע

*) אין אַן אויסגעצייכענטען פּאַמפלעט, אַרויסגעגעבען פון איינעם ד.... (אַפּריל 10, 1789) געפינען מיר אַן ערקלעהרונג פון די אורזאַכען, וועלכע שטערען דער ענטוויקלונג פון דער אַגריקולטור: די גרויסע טאַקסעס, די מעשר־אָבצאָהלונגען און אַלערליי אַנדערע אָבצאָהלונגען, און וועלכע האַלטען אַלץ אין איין וואַקסען, אויך די גרויסע מאַסע פון ווילד־פאַנג, וואָס ווערט פערהאַלטען דורך דעם מיסברויך פון פּריווילעגיען און ספּאָרט, און דעם מיסברויך פון דער ריכטער־שטעלע — דאָס אַלעס מאַכט מעגליך די פּריצים צו האַנדלען ווי דעספּאָטען און צו האַלטען די איינוואוינער פון די לאַנד־דיסטריקטען אין די קייטען פון שקלאַפעריי.

קליידער — ווי, למשל, „מיין שווארצע וואטאָווע ספּאָדניצע", א צואה, וועלכע איך האָב געזעהן, — איז געקומען דער נאָבעלער לאָרד אָדער די גרויסמוטהיגע ליידי פון שלאָס, און האָט ארויפ־געלעגט א טאַקס אויף דיזע ירושה. דער בויער האָט אויך געצאָהלט פאַר דאָס רעכט פון חתונה, פון ווערען בעגראָבען, פון אָנשליסען זיך אָן דער קירכע. ער האָט אויך געצאָהלט אויף אַלץ, וואָס ער האָט געקויפט אָדער פערקויפט, און דאָס רעכט גופא צו פערקויפען זיין תבואה אָדער זיין וויין איז געווען בעשרענקט. ער האָט ניט געטאָרט פערקויפען, איידער דער לאָרד האָט פערקויפט זיין סחורה. ענדליך זיינען געווען אַלערליי אָבצאָהלונגען פאַר דעם געברויך פונ'ם מילל, פונ'ם וויין־פּרעס, פון דעם עפענטליכען באַק־הויז, פון דעם וואַש־פּלאַץ, אַלעס וואָס איז געווען איינגעפיהרט זייט די צייט פון לייב־אייגענ־שאַפט, ווי אויך די בעשטייערונג פון נים, שוועמלעך, לייוועגט, פּאָדעס, וועלכע זיינען פריהער בעטראַכט געוואָרען אַלס מתנות צו פערשיעדענע שמחות.

וואָס אָנבעטרעפט די פאָרגעשריבענע ארבייט, האָט זי אָנגענומען זעהר פיעלע פאָרמען: די ארבייט אין די פעלדער פון דעם פּריץ, די ארבייט אין פּאַרק און אין זיינע סעדער און אר־בייט צו בעפריעדיגען אַלע סאָרטען קאַפּריזען. אין מאַנכע דער־פער איז זאָגאַר געווען א פערפּליכטונג צו קלאַפּען אין טייך ביינאַכט, כדי די זשאַבעס זאָלען ניט שטערען דעם פּריץ אין זיין שלאָף.

פערזענליך איז דער מענש געווען פריי, אָבער דיזער גאַנצער נעץ פון צאָהלונגען, וועלכער איז ביסלעכווייז געוועבט געוואָרען דורך די כיטרעקייט פון דעם פּריץ און זיינע סטיור־אַרדס אין די יאָהרהונדערטע פון לייב־אייגענשאַפט, אין דיזען נעץ האָט זיך נאָך דער בויער געהאַלטען אין איין וואַרפען.

און נאָך דעם פּריץ איז געקומען דער שטאַאט מיט זיינע טאַקסעס, מיט זיינע געלד־שטראָפען, מיט זיינע צוואַנציגער, מיט זיין פּליכטמעסיגער ארבייט ווערענדיג אַלץ גרעסער. און דער שטאַאט, פונקט ווי דער פּריץ, האָבען זיך געהאַלטען אין:

איין קליגען, ווי צו ענטדעקען נייע פּרעטענזיעס פאַר די בערוי־בונג פונ׳ם בויער.

עס איז אמת, דאַס זייט טורגאָ׳ס רעפאָרמען האָט דער בויער אויפגעהערט צו צאָהלען געוויסע פעאָדאַלע טאַקסעס, און מאַנכע גובערנאַטאָרען אין די פּראָווינצען האָבען זאָגאַר ענטזאַגט זיך צו געברויכען געוואַלד פאַר די אויפמאָהנונג פון געוויסע טאַקסעס, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאַר אונגע־רעכטע. אָבער די הויפּט פעאָדאַלע טאַקסען, וואָס מען האָט גע־צאָהלט פאַר דאָס לאַנד, דיעזע זיינען אויפגעמאָהנט געוואָרען ביז א פּרוטה, און זיי זיינען געוואָרען אַלץ שווערער און שווע־רער, ווייל די שטאַאט־ און פּראָווינץ־טאַקסעס, צו וועלכע זיי זיינען צוגערעכענט געוואָרען, האָבען געהאַלטען אַלץ אין איין וואַקסען. עס איז דערפאַר ניטאָ קיין וואָרט פון איבערטרייבונג אין די פינסטערע בילדער פון לעבען אין די דערפער, געשיל־דערט פון יעדען געשיכטס־שרייבער פון דער רעוואָלוציאָן; אבער עס איז אויך ניטאָ קיין איבערטרייבונג אין דער בעהויפּטונג, דאָס אין יעדען דאָרף זיינען געוועזען מאַנכע בויערען, וועלכע האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט צו א געוויסען גראַד פון וואוילהאַבענהייט, און דאָס דיעזע בעזאָנדערס זיינען געוועזען די מענשען, וועלכע האָבען געוואונשען אַראָבצוטרייסלען פון זיך אַלערליי פעאָדאַלע פערפּפליכטונגען און צו געווינען אינדיווידועלע פּרייהייט. די צוויי טיפּען, געשילדערט פון ערקמאַן און שאַטריאַן אין זייער „געשיכטע פון בויער“, פון דעם מיטעלקלאַס מענשען פון דאָרף און פון דעם בויער, וואָס איז צוריבען געוואָרען אונטער דער משא פון זיין אָרעמקייט — זיינען לעבענס־געטריי. זיי ביידע האָבען געלעבט. דער ערשטער האָט צוגעגעבען פּאָליטישע מאַכט דעם דריטען שטאַנד, וועהרענד די חברות רעבעלען, וועלכע האָבען זייט דעם ווינטער פון 1788־1789 אָנגעהויבען צו צווינ־גען די אדעללייט אויפצוהערען צו מאָהנען די פעאָדאַלע טאַקסען, וואָס זיינען פערשריעבען אין די ביכער, האָבען זיך געבילדעט פון די הונגערענדע בויערען אין די דערפער, וועלכע האָבען נור

געהאט שטיבלעך פון בלאָטע, אום צו לעבען אין זיי און אייניגע קאַשטאַנען, אַלס זייער נאַהרונג.

דאַס זעלבע איז אויך אָנווענדבאַר אויף די שטעדט, וואו די פעאָדאַלע רעכטע האָבען פונקט אַזוי געגאָלטען, ווי אין די דערפער. די אָרעמע קלאַסען אין די שטעדט זיינען געווען פונקט אַזוי דערשטיקט אונטער די פעאָדאַלע טאַקסעס, ווי די בויערען; דאָס רעכט פון פריץ אַלס עלטסטער, אַלס ריכטער, איז געבליבען אין זיין גאַנצער מאַכט אין פיעלע גרויסע שטעדט, און די באַטקעס פון די בעלי־מלאכות האָבען געצאָהלט דיזעלבע טאַקסעס אין פאַל פון אַ פערקויף אָדער אַ ירושה, ווי די לעבער פון די בויערען. מאַנכע שטעדט האָבען זאָגאַר געהאַט צו צאָהלען אַ שטענדיגען שטייער, אַלס אַן אויסלייז־געלד פון זייער געוועזענער פעאָדאַלער אונטערוואָרפענהייט. אחוץ דעם האָט די מאַיאָרי־טעט פון די שטעדט געמוזט צאָהלען דעם „פריוווילִיגען געשענק“ צום קעניג, אום נור אויפצוהאַלטען דעם שאָטען פון מוניצי־פאַלער אונאַבהענגיגקייט, און די לאַסט פון דיזע טאַקסעס האָט אַם שטאַרקסטען געדריקט די אָרעמע. אויב מיר גיבען נאָך צו צו דעם אַלעם די שווערע קעניגליכע טאַקסעס, די פראָווינץ־שטייערען, די געלד־שטראָפען, דעם זאַלץ־טאַקס און די איבע־ריגע, ווי אויך די קאַפּריזען פון די בעאַמטע, די שווערע אויסגאַ־בען פון אַ געריכט און די אונמעגליכקייט, אַז אַ געוועהנליכער מענש זאָל קריגען גערעכטיגקייט געגען אַן אדעלמאַן, ווען ער זאָל אפילו זיין אַ רייכער מיטגליעד פון דעם מיטעלקלאַס, און ווען מיר נעהמען נאָך אין אָנבעטראַכט די פיעלע פאָרמען פון אונטערדריקונג, בעליידיגונג און ערניעדריגונג, אונטער וועלכע די ניעדריגערע קלאַסען האָבען געמוזט ליידען, וועלען מיר דאַן זיין אימשטאַנד צו מאַכען זיך אירגענד אַ בעגריעף פון די לאַגע פון די אָרעמע ערב 1789.

עס איז אַלזאָ געווען דיעזע אָרעמע קלאַסען, וועלכע, דורך זייער רעוואָלטירען אין די שטעדט און די דערפער, האָבען געגעבען דעם דריטען שטאַנד אין די גענעראַל־שטאַאַטען דעם

מוטה צו שטעלען זיך געגען קעניג און צו ערקלעהרען די פער־זאמלונג אלס א קאנסטיטואירענדע קערפערשאפט.

א טריקעניש האט פעראורזאכט אן אונגערעטעניש פון די תבואה אין 1786, און דער ווינטער איז געווען זעהר א שטרענ־גער. אויך פאר דעם זיינען געווען, נאטירליך, פונקט אזעלכע שטרענגע ווינטערס און פונקט אזעלכע אונגערעטענישען. יעדען יאהר איז אין אירגענד א טהייל פון פראנקרייך געווען א הונגער־צייט. און אפט האט דער הונגער זיך פערשפרייט אויף א פערטעל און זאגאר אויף א דריטעל פון פראנקרייך. אבער דיעזעס מאל זיינען די האפנונגען אויפגעוועקט געווארען דורך די פריהערדיגע פאסירונגען — דורך די פראווינץ־פערזאמלונגען, דורך די איינ־בערופונג פון דעם אדעל, דורך די רוהע־שטערונגען אין פערבינ־דונג מיט די פארלאמענטען אין די שטעדט, וועלכע האבען זיך פערשפרייט, ווי מיר האבען געזעהן, אויך ביז צו די דערפער, וועניגסטענס אזוי איז געווען אין ברעטאן. און דיעזע אויפ־שטענדע אין 1789 זיינען געווארען באלד זעהר היבשע סיי אין זייער צאהל און סיי אין זייער כאראקטער.

איך לערען דורך פראפעסאר קארעעף, וועלכער האט שטו־דירט די ווירקונג פון דער גרויסער רעוואלוציאן אויף די פראנ־צויזישע בויערען, דאס אין די נאציאנאל־ארכיווען איז דא א גרויסער פאק דאקומענטען, וואס דערצעהלען איבער די אויפ־שטענדע פון די בויערען פאר די איינגעהמונג פון דער באסטיליע.*) וואס מיר אנבעלאנגט, ניט זייענדיג קיינמאל אין שטאנד צו שטודירען די ארכיוועו אין פראנקרייך, נור פאר־שענדיג אין פיעלע פראווינץ־געשיכטען פון יענער צייט, בין איך שוין פריהער, אין אנדערע ווערק,**) געקומען צום שלום, דאס

---

*) עס איז בעקאנט, דאס טעין, וועלכער האט פרעטענדירט, דאס ער האט שטודירט די רעפארטען פון די פראווינץ־גובערנאטארען וועגען דיעזע אויפשטענדע, האט נור א בליק געטהאן אין זעקס און צוואנציג רעפארטען, וועלכע האבען צו טהאן מיט דעם יאהר 1779.

**) „די גרויסע רעוואלוציאן" (פאמפלעט), פאריז, 1893 ; „די

א גרויסע צאהל אויפשטענדע האט אויסגעבראכען אין די דערפער נאך יאנואר 1789, און זאגאר נאך דעצעמבער 1788. אין געוויסע פראווינצען איז די לאגע געווען א שוידערליכע צוליעב דעם מאנגעל אין נאהרונג, און איבעראל האט געהערשט א גייסט פון רעוואלט, וועלכער איז ביז יענער צייט גאר ווענינ בעקאנט געווען. אין פריהלינג איז דער אויפשטאנד געווארען אלץ אפטער אין פאיטו, בריטאני, טוראין, ארלעאינס, נארמאנדי, איל דע פראנס, פיקארדי, שאמפיין, אלזאס, בורגונדי, ניווערנייס, אווערגען, לאנגעדאק און פראווענס.

אלע דיעזע אויפשטענדע זיינען געווען כמעט פון איין און דעם זעלבען כאראקטער. די בויערען, בעוואפענט מיט מעסער, סערפען, דובינען, זיינען געגאנגען צוזאמען אין שטאדט, און האבען געצוואונגען די ארבייטער און די בויערען, וועלכע האבען געבראכט דעם קארן צום מארק צו פערקויפען עס פאר א געוויסען „עהרליכען“ פרייז, ווי למשל, דריי ליווערס דעם בושעל, אדער זיי זיינען אוועק צו די קארן־הענדלער, האבען ארויסגענומען דעם ווייץ און „צוטהיילט איהם צווישען זיך אויף א רעדוצירטען פרייז“. פערשפרעכענדיג צו בעצאהלען דערפאר נאך דער קומענדער שניט־צייט. אין אנדערע פלעצער האבען זיי געצוואונגען דעם לאנד־אייגענטהימער זיך צו ענטזאגען אויף א פאר מאנאטען פון זיינע שטייערען אויף מעהל, וואס איהם האט געקומט, אדער זיי האבען געצוואונגען די מוניציפאליטעט צו טעקסען ברויט און מאנכעס מאל צו פערגרעסערען אויף פיער סו דעם טעגליכען ארבייטס־לוין. דארט, וואו דער הונגער איז געווען אם שטארקסטען, ווי אין טהיערס, זיינען די שטאדט־ארבייטער אוועק זאמלען ווייץ אין די דערפער. אפט האבען זיי אויפגעבראכען די שפייכלער, — וואס האבען געהערט צו רעליגיעזע אנשטאלטען און צו קארן־הענדלער, מאנאפאליסטען, אדער

גרוסע פראנצויזישע רעוואלוציאן און איהר לעהרע“, א יאהר־צייט־ארטיקעל אין דער „נייִנטינטה סענטשורי“, דזשון, 1889; ארטיקלען איבער דער רעוואלוציאן אין „לא רעוואלט“.

זאָגאַר אַזעלכע, וואָס האָבען געהערט צו פּריוואַט־פּערזאָנען, און האָבען פערזאָרגט די בעקערס מיט מעהל. נאָך מעהר, פון דיעזער צייט אָן דאַטירט דאָס בילדען־זיך פון באַנדעס, וואָס זיינען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון בויערען־האָלץ־העקער, מאַנכעס מאָל זאָגאַר פון קאָנטראַבאַנדיסטען, וועלכע זיינען געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פערנעהמענדיג דעם קאָרן, וואָס זיי האָבען געפונען. שפּעטער־צו האָבען זיי אויך אָנגעהויבען פערברענען די ביכער און צו צווינגען די פּריצים אָבצוזאָגען זיך פון זייערע פעאָדאַלע רעכטע — דיעזע זיינען עס געווען דיזעלבע באַנדעס, וועלכע האָבען געגעבען דעם מיטעלקלאַס די פּרעטענזיע פאַר די בעוואַפנונג פון זייער מיליץ אין 1789.

און זייט יאַנואַר האָט מען אויך אימער געהערט אין דיעזע רייאָטען דעם געשריי: „וויוו לאַ ליבערטע!“ און פון יענער צייט אָן און נאָך שטאַרקער נאָך דעם מאָנאַט מערץ, געפינען מיר די בויערען דאָ און דאָרט, ענטזאַגענדיג זיך צו צאָהלען די צעהנער און אַנדערע שטייערען און זאָגאַר די טאַקסעס. אַחוץ די דריי פּראָווינצען בריטאַני, אַלזאַס און דאָפין, וועלכע טעין גיט אָן, קען מען געפינען שליאַדען פון אַזעלכע בעוועגונגען איבער דעם גאַנצען מזרח־טהייל פון פראַנקרייך.

אין זיד־פראַנקרייך, אין אַגדע, נאָך די רייאָטען פון אַפּריל, 19, 20, 21 „האָט דאָס פאָלק אין זיין נאַרישקייט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַלעס“, האָבען געשריעבען דער מעיאָר און די קאָנסולס, „און דאָס ער מעג טהאָן אַלעס לויט דעם כלומרשט׳־דיגען ווילען פון קעניג אין דער שייכות פון גלייכהייט פון אַלע. דאָס פאָלק האָט געסטראַשעט צו פערניכטען די שטאָדט, אויב דער פּרייז אויף אַלערליי עסענוואַרג וועט ניט פערקלענערט ווערען, און אויב די פּראָווינץ־טאַקסען אויף וויין, פיש און פלייש וועלען ניט אָבגעשאַפט ווערען. נאָך מעהר — און דאָ זעהען מיר דעם ק אָ מ ו נ אַ ל י ס ט י ש ע ן געזונדען פער־שטאַנד פון דעם פראַנצויזישען פאָלק — „זיי האָבען געוואונשען צו נאָמינירען קאָנסולס, מאַנכע פון וועלכע זאָלען גאָר זיין פון זייער אייגענעם קלאַס“, און דיעזע פאָדערונגען זיינען בעוויליגט

געוואָרען די בונטאָווטשטשיקעס. דריי טעג נאָכדעם האָט דאָס פּאָלק געפאָדערט די פערקלענערונג פון דער אָבצאָהלונג אויף דעם מיהל אויף אַ גאַנצע העלפט, און אויך דאָס איז נאָכגעגעבען געוואָרען.

דיעזער אויפשטאַנד האָט געהאַט הונדערט עהנליכע צו זיך. צו קריגען ברויט — דאָס איז געוועזען די הויפּט־פאָרזעהונג פון דער בעוועגונג, אָבער באַלד זיינען אויך געווען פאָדערונגען איז דער ריכטונג, וואו עס בעגעגענען זיך עקאָנאָמישע פאָדערונגען און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן; די ריכטונג, אין וועלכער די פאָלקס־אַגיטאַציאָן געהט אָן אימער פאָרווערטס מיט דעם גרעס־טען צוטרוי און געווינט גלייך מאַנכע באַלדיגע רעזולטאַטען.

אין פּראָווענס, וועניגסטענס אין מערץ און אַפּריל פון 1789, האָבען מעהר ווי פערציג גרויסע דערפער און שטעדט אָבגעשאַפט דעם שטייער אויף מעהל, און דאָ און דאָרט זיינען געפלינדערט געוואָרען די הייזער פון די בעאַמטע, וועמעס פליכט עס איז געווען אויפצומאָהנען דעם שטייער אויף מעהל, פלייש, א. ז. וו. די פּרייזען אויף די נאַהרונגס־מיטעל זיינען רעדוצירט געוואָרען, און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ מאַקסימום־פּרייז אויף אַלע נאַהרונגס־מיטעל; און ווען די הערען פון די העכערע קלאַסען האָבען פּראָטעסטירט, האָט מען זיי מכבד געווען מיט שטיינער, אָדער מען האָט פּאַר זייערע אויגען אָנגע־הויבען גראָבען אַ גרוב אין דער ערד, וואָס האָט געקאָנט זיי דיענען אַלס קבר. מאַנכעס מאָל האָט מען זאָגאַר ארויסגעבראַכט אַ טרונע, אום צו מאַכען אַ טיעפערען איינדרוק אויף די איינגע־עקשן'טע, וועלכע האָבען אָבער נאָכדעם זיך שוין מעהר ניט גע־עקשן'ט. דאָס אַלעס האָט שטאַטגעפונען אין אַפּריל אין 1789, אָהן די פערגיסונג פון אַ טראָפּען בלוט. עס איז „אַ סאָרט מלחמה געגען די אייגענטהימער און אייגענטהום“, דערצעהלען די רעפּאָרטען פון די גובערנאַטאָרען פון די פּראָווינצען. „דאָס פאָלק ערקלעהרט נאָך אַלץ, דאָס עס וועט גאָר ניט צאָהלען, ניט קיין טאַקסעס, ניט קיין אָבצאָהלונגען און ניט קיין חובות“.

פּאַר דעם, זייט אַפּריל, האָבען די בויערען אָנגעהויבען צו

פלינדערען די גרויסע לאנד־הייזער און צו צווינגען דעם אדעל צו ענטזאגען זיך פון זייערע רעכטע. אין פעמניער האבען זיי געצוואונגען דעם פריץ צו אונטערשרייבען א דאקומענט, אין וועלכען ער ענטזאגט זיך פון אלע זיינע רעכטע. אין ריעז האבען זיי פערלאנגט פון בישאפ ער זאל פערברענען די אלע ביכער. אין הייערעס און אנדערע פלעצער האבען זיי פערברענט די אלע פאפירען איבער די פעאדאלע רענטס און טאקסעס. אין קורצען, אין פראווענס, פון דעם מאנאט אפריל, קענען מיר שוין זעהן דעם אנפאנג פון דיעזען גרויסען בויערען־אויפשטאנד, וועלכער האט געצוואונגען דעם אדעל און פריסטערטהום צו מאכען זייערע ערשטע הנחות דעם 4טען אויגוסט 1789.

עס איז לייכט צו דערקענען דעם איינפלוס, וואס דיעזע רייאטען און דיעזע אויפרעגונג האבען אויסגעאיבט אויף די וואהלען צו דער נאציאנאל־פערזאמלונג. כאססין, אין זיין בוך „דער געניוס פון דער רעוואלוציאן“, זאגט, דאס אין מאנכע פלעצער האט דער אדעל אויסגעאיבט א גרויסען איינפלוס אויף די וואהלען, און דאס אין דיעזע פלעצער האבען די בויערען־וועהלער ניט געהאט דעם מוטה צו מאכען אירגענד וועלכע קלאגען. אין אנדערע פלעצער, בעזאנדערס אין רענן, האבען די אדעל־לייט בענוצט זאגאר מיט דער זיצונג פון די גענעראל־שטאאטען פון בריטאני ביין סוף פון דעצעמבער 1788 און אין יאנואר 1789, און האבען פרובירט אויפצוהעצען דאס הונגערענדע פאלק געגען דעם מיטעלקלאס. אבער וואס האבען געקענט אויפטהאן דיעזע לעצטע קאנוואולסיווע אנשטרענגונגען פון דעם אדעל געגען דעם פאלקס־שטראם, וואס איז געווארען אלץ שטארקער? דאס פאלק האט געזעהן מעהר ווי א העלפט פון לאנד, ליגענדיג אונבענוצט אין די הענד פון דעם אדעל און די גלחים, און זיי האבען פערשטאנען פיעל בעסער, ווי ווען סטא־טיסטיקער וואלטען עס דעמאנסטרירט פאר זיי, דאס אזוי לאנג, ווי די בויערען וועלען ניט נעהמען בעזיץ פון דעם לאנד, אום צו קולטיווירען איהם, וועט דער הונגער אייביג הערשען צווישען די בויערען.

די סאמע נויט צו לעבען האָט געמאַכט דעם בויער ערהוי־בען זיך געגען די פערכאַפּער פון לאַנד. אין דעם ווינטער פון 1788־1789 איז ניט אוועק אַ טאָג, זאָגט כאַסין, ווען גאַנצע טראַנספּאָרטען פון ווייץ זיינען ניט געפּלינדערט געוואָרען. די מיליטער־אויטאָריטעטען האָבען ניט געקענט טראַכטען פון קיין אַנדער זאַך, ווי נור ווי צו אונטערדריקען די רייאָטען. אָבער די געריכטען האָבען זיך ענטזאַגט צו פעראורטהיילען אָדער זאָגאַר צו משפּט'ן די פערהונגערטע רעבעלען. עהנליכע רייאָטען האָבען אויסגעבראָכען איבעראַל, אין נאָרד, אין זידען, איסט און וועסט.

די וואהלען האָבען געבראַכט מיט זיך אַ בענייאונג פון לעבען און פון האָפנונג אין די דערפער. דער איינפלוס פון אדעל איז געווען גרויס איבעראַל, אָבער איצט האָט מען אין יעדען דאָרף געקענט געפינען איינעם אַ מיטעלקלאַס־מענשען, אַ דאָק־טאָר אָדער אַן אדוואָקאַט, וועלכער האָט געלעזען זיין וואָלטער אָדער סעי. אַלעס האָט זיך געהאַלטען אין ענדערען איבעראַל, וואו עס איז נור געווען אַ וועבער אָדער אַ מוליער, וועלכער האָט נור געקענט לעזען און שרייבען, און זאָל עס זיין זאָגאַר בלויז געדרוקטעס. די בויערען זיינען געווען זעהר גערען צו האָבען פערשריעבען אויפ'ן פּאַפּיער זייערע קריוודעס. עס איז אמת, אַז דיעזע אַלע קריוודעס זיינען געווען אורזאַכען פון אַן אונטער־געאָרדענטער וויכטיגקייט, אָבער איבעראַל זעהען מיר אויפ־שפּראָצען די פאָדערונג, ווי דאָס איז געווען אין דעם אויפשטאַנד פון דער דייטשער בויערנשאַפט אין 1523, אַז די פּריצים זאָלען ב ע ו ו י י ז ע ן דאָס רעכט אויף זייערע טאַקסעס. ווען די בויערען האָבען אריינגעשיקט זייערע ערקלעהרונגען, האָבען זיי געדולדיג געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט. אָבער די לאַנגזאַמקייט פון די גענעראַל־שטאַאטען און פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט זיי אויפגערייצט, און אַזוי שנעל, ווי דער שרעקליכער ווינטער פון 1787־1788 איז געקומען צו אַ סוף און עס האָט אויפגעשיינט די זון, ברענגענדיג מיט זיך די האָפנונג אויף אַ קומענדען גערעטעניש, זיינען די רייאָטען אויסגעבראָכען אויף

דאָס ניי, בעזאָנדערס נאָך דעם, ווי די פריהלינגס־ארבייט אויף די פעלדער האָט זיך געענדיגט.

די אינטעלעקטועלע מיטעלקלאסען האָבען נאַטירליך זיך בענוצט מיט די וואהלען, אום צו פערברייטען רעוואָלוציאָנערע אידעען. עס האָט זיך געבילדעט „א קאָנסטיטוציאָנעלער קלוב“ און זיינע פיעלע אָבטהיילונגען האָבען זיך פערשפרייט ביז אין די קלענסטע שטעדטלעך. די גלייכגילטיגקייט, וועלכע האָט איבערראשט ארטהור יאָנג אין די מזרח־שטעדט פון פראנקרייך, האָט, אָהן צווייפעל, עקזיסטירט. אָבער אין מאַנכע אַנדערע פראָווינצען האָט דער מיטעלקלאָס ארויסגעצויגען דעם גאַנצען פראָפיט, וואָס ער האָט נור געוואונשען, פון דער וואהל־אגיטאַציאָן. מיר קענען זאָגאר זעהן, ווי אַזוי די פּאַסירונגען, וועלכע האָבען שטאַטגעפונען אין יוני אין ווערסאַיל אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, זיינען שוין פאָרבערייטעט געוואָרען מיט מאָנאַטען פריהער אין די פראָווינצען. אזוי איז די פעראייניגונג פון די דריי שטענדע און די אָבשטימונג פון דער פערזאָן איז שוין בעשלאָסען געוואָרען אין דאָפין זייט דעם מאָנאַט אויגוסט אין 1788 פון די שטענדע פון דער פראָווינץ אונטער דעם דרוק פון די לאָקאַלע אויפשטענדע.

מען דארף אָבער ניט מיינען, דאָס די מיטעלקלאַס־מענשען, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ פראָמינענטע ראָליע אין די וואהלען, זיינען געווען אויף דעם מינדעסטען גראד רעוואָלוציאָנער. זיי זיינען געווען געמעסיגטע, „פריעדליכע רעבעלען“, ווי כאַססין רופט זיי אָן. וואָס אָנבעטרעפט רעוואָלוציאָנערע מאַסרעגעלען, איז עס געוועהנליך געווען דאָס פאָלק, וואָס האָט גערעדט פון זיי, זייט געהיימע געזעלשאַפטען האָבען זיך אָנגע־הויבען גרינדען צווישען די בויערן, און אונבעקאַנטע פערזאָנען האָבען אָנגעהויבען אַפּעלירען צום פאָלק ניט צו צאָהלען מעהר קיינע טאַקסעס, נור צו מאַכען דעם אַדעל זיי צאָהלען. אָדער עס זיינען ארומגעגאַנגען אַזעלכע שלוחים, וועלכע האָבער ער־קלעהרט, דאָס דער אַדעל איז שוין איינפערשטאַנדען צו צאָהלען די טעקסעס, נור אַז דאָס איז בלויז אַ כיטרער טריק. „דאָס פאָלק פון זשענעוואַ איז בעפרייט געוואָרען אין אַ טאָג... ציטערט,

איהר פריצים!" עס זיינען אויך געווען בראשורען, אדרעסירט צום בויער, און פערטהיילט צווישען זיי אין געהיים. אין קורצען, ווי כאססין זאגט, — און קיינער האט ניט פארזיכטיגער שטודירט דיעצע צייט פון דער רעוואלוציאן, — „אזוי שטארק איז געווען די אגיטאציאן אין די דערפער, דאס ווען אפילו דאס פאלק אין פאריז וואלט בעזיעגט געווארען דעם 14טען יולי, איז עס שוין ניט געווען מעהר מעגליך צוריקצוברענגען די לאגע, אין וועלכע דאס לאנד איז געווען פאר יאנואר 1789". אום דאס צו טהאן, וואלט געווען נויטיג צו בעקעמפפען יעדען דארף בעזונדער. נאך דעם מאנאט מערץ האט שוין קיינער ניט געצאהלט מעהר די פעאדאלע טעקסעס.

די וויכטיגקייט פון דיעזער טיעפער אגיטאציאן אין די לאנד־דיסטריקטען קען זעהר לייכט בעגריפען ווערען. כאטש די געבילדעטע מיטעלקלאססען האבען אהן צווייפעל געצויגען נוצען פון די צוזאמענשטויסונגען צווישען קעניגליכען הויף און די פארלאמענטען, אום אנצופאנגען א פאליטישע קאבעניש, און כאטש זיי האבען געארבייט שווער אום צו פערברייטען אונצופריעדענהייט, פון דעסטוועגען איז עס זיכער, דאס דער בויערן־אויפשטאנד, געווינענדיג אויף זיין זייט די שטעדט, איז געווען דער פונדאמענט פון דער רעוואלוציאן און האט געגעבען די דעפוטאטען פון דריטען שטאנד די פעסטקייט, די ענטשלאסענהייט, וואס זיי האבען באלד ארויסגעוויזען אין ווערסאיל, אום צו רעפארמירען די גאנצע רעגיערונגס־סיסטעם אין פראנקרייך, און צו מאכען דעם אנפאנג פון א פאלשטענדיגער רעוואלוציאן אין דער פערטהיילונג פון רייכטהום.

אהן דעם בויערן־אויפשטאנד, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען אין ווינטער און איז ווייטער געגאנגען אלץ וואקסענדיג ביז 1793, וואלט דער אומשטורץ פון דעם קעניגליכען דעספאטיזמוס קיינמאל ניט אויסגעפיהרט געווארען אזוי פאלשטענדיג, און ער וואלט אויך ניט געבראכט מיט זיך אזא גרויסע ענדערונג, א פאליטישע, אן עקאנאמישע און א סאציאלע. פראנקרייך וואלט

אפשר געקראָגען אַ קאַריקאַטור פון אַ פּאַרלאַמענט, ווי פּרייסען האָט עס געהאַט אין 1848, אָבער דיעזע בענייאונג וואָלט ניט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציאָן. עס וואָלט געבליבען אויבערפלעכליך, ווי דאָס איז געווען אין די דייטשע שטאַאַטען נאָך 1848.

## אכטער קאפיטעל.

# פיעלע ראַיאָטען אין פּאַריז און אומגעגענד.

די טהעטיגקייט אין פּאַריז. — די רעוועליאָן־פּאַסירונג. — דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישען דעם פּאַריזער פאָלק און די רייכע. — „ענגליש גאָלד". — פּאַריז ווערט דער מיטעלפּונקט פון דער רעוואָלוציאָן.

---

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז עס גאַנץ לייכט צו בעגרייפען, וואָרום פּאַריז האָט ניט געקענט בלייבען רוהיג. ווי איבעראַל, איז אויך דער הונגער בעפאַלען די אָרעמע בעפעלקערונג פון לאַנד אַרום פּאַריז. נאַהרונגס־מיטעל זיינען געווען פּונקט אַזוי וועניג אין פּאַריז, ווי אין אַנדערע גרויסע שטעדט; און די, וועלכע זיינען געקומען זוכען אַרבייט אין דער גרויסער שטאָדט, האָבען ניט געקענט טהאָן קיין אַנדער זאַך, ווי נור פערגרעסערען די אַרמעע פון אָרעמע, ווען פּאַריז האָט צוגעצויגען מיט די בעזאָנדערס גרויסע אויסזיכטען אויף די גרויסע פּאַסירונגען, וועלכע, יעדער האָט געפיהלט, זיינען ניט ווייט.

צו ענדע ווינטער — אין מערץ און אַפּריל — ווערען מאַנכע הונגער־רייאָטען און פּלינדערונגען פון קאָרן דערמאָנט אין די רעפּאָרטען פון די פּראָווינץ־גובערנאַטאָרען פון אָרליענס, קאַזנעס, ראַמבאָלעט, דזשאָו, פּאָנט־סאַנט־מאַקסענס און אין פיעלע אַנדערע פּלעצער. אין די וועלדער אַרום פּאַריז האָבען די בויערען שוין אַזוי פריה, ווי אין מערץ, אויסגעראָטעט די קראָליקעס און די האָזען; זאָגאַר די וועלדער, וואָס האָבען געהערט צו דעם מאָנאַסטיר סט. דעניס זיינען אויסגעשניטען און אוועקגענומען

געוואָרען גאַנץ אָפען אָהן דעם מינדעסטען פערזוך צו בעהאַלטען זיך דערמיט.

פאַריז האָט ממש געשלונגען די רעוואָלוציאָנערע פאַמפּלעטען, וועלכע זיינען צו צעהן, צוועלף און זאָגאר צו צוואַנציג ארויסגעקומען יעדען טאָג. שנעל זיינען זיי איבערגעגאַנגען פון די הענד פון די, וועלכע האָבען זיי געקענט קויפען אין די הענד פון די אָרעמסטע. די מענשען האָבען זיך געוואַלדיג אויפגערעגט איבער ס ע י ׳ ס בראָשורע „וואָס איז דער דריטער שטאַנד?“ „איבער די בעטראַכטונג און די אינטערעסען פון דעם דריטען שטאַנד“ פון ראַבאָ, א ביכעל, וואָס איז געווען אָנגעהויכט פון סאָציאַליזמוס, איבער „די רעכטע פון די גענעראַל־שטאַאטען“ פון ד׳ענט ראַים, און איבער הונדערטע אַנדערע ווענינגער בעקאַנטע, אָבער אָפט נאָך פיעל שאַרפערע, ווי די אויבענדערמאָנטע. גאַנץ פאַריז איז געווען אויפגערעגט געגען דעם קעניגליכען הויף און דעם אַדעל, און באַלד זיינען די מיטעלקלאַס רעוואָלוציאָנערען אוועק אין די אָרעמסטע געסלעך און אין די שענקען פון עק שטאָדט, צו ערווערבען די הענד און די פיקעס, אין וועלכע זיי האָבען זיך גענויטיגט, אום צו געבען א טוידט־קלאַפּ דעם קעניגטהום. דערווייל, דעם 28טען אַפּריל, האָט אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „די רעוועליאָן־פאַסירונג“, א פאַסירונג, וועלכע האָט אויסגעזעהן צו זיין איינער פון די פאָרלויפער פון די גרויסע טעג פון דער רעוואָלוציאָן.

דעם 27סטען אַפּריל זיינען די אויסערוועהלטע דעפּוטאַטען צוזאַמענגעקומען אין פאַריז, און עס שיינט, דאָס וועהרענד זיי האָבען געהאַלטען אין פערפערטיגען זייערע דאָקומענטען אין דעם פאַבורג סט. אַנטואַן, האָט פאַסירט א חלוקי דעות צווישען די מיטעלקלאַסען און די אַרבייטער. די לעצטע האָבען אין דעם דאָקומענט ערקלערט זייערע קריוודעס, און די מיטעלקלאַס־מענשען האָבען זיי געענטפערט אויף דעם מיט בעליידיגונגען. רעווילליאָן, א פאַפּיר־פאַבריקאַנט, אליין א געוועזענער אַרבייטער, און איצט, דורך א גרויסע און קונציגע עקספּלואַטאַציע,

א באָס, וואָס האָט בעשעפטיגט דריי הונדערט ארבייטער, האָט זיך געמאַכט בעזאָנדערס פּראָמינענט דורך די ברוטאַליטעט פון זיינע ווערטער. זיי זיינען זייט דאַן שוין אָפט ווידערהאָלט געוואָרען: „דער ארבייטער קען זיך בענוגענען מיט שוואַרץ־ברויט און לינזען. ווייצענס איז ניט פאַר זיין גלייכען".

איז דאָ עפּעס אמת אין דער בעהויפּטונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פון די רייכע, נאָך דער אונטערזוכונג פון דיעזער רעווילליאָן־פּאַסירונג, אַז אין דער צייט, ווען עס האָט פּאַסירט דיעזער אויפשטאַנד איז א גרויסע מאַסע פערדעכטיג־אויסזעהענדע אָרעמע מענשען, געקליידעט אין שמאַטעס, אריינגעקומען אין פּאַריז? וועגען דיעזען פּונקט קענען זיין נור סברות, אין גאַנץ פּוסטע סברות נאָך אַלעמען. נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט דעם גייסטיגען צושטאַנד פון יענער צייט, און די רעבעלישע שטימונג פון אַרום פּאַריז, איז דען רעווילליאָן'ס שטעלונג צו די ארבייטער אַליין ניט גענוגענד צו ערקלעהרען דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט דעם פאָלגענדען טאָג?

דעם 27טען אַפּריל האָט דאָס פאָלק, אויפגערייצט פון דער געגנערשאַפט פון דעם רייכען פאַבריקאַנט און זיינע ברוטאַלע בעמערקונגען, געטראָגען א פיגור, וואָס האָט איהם פאָרגעשטעלט צום פּלאַץ דע לאַ גרעוו, פאַר זיין פעראורטהיילונג און הינריכטונג. אויף דעם פּלאַס ראָיאַל האָט זיך פערשפּרייט א קלאַנג, דאָס דער דריטער שטאַנד האָט פעראורטהיילט רעווילליאָן צום טוידט. אָבער עס איז געוואָרען נאַכט, און דער עולם איז זיך צוגאַנגען, אַניאָגענדיג א שרעק אויף די רייכע מיט זיינע געשרייען, וועלכע האָבען זיך געהערט איבער די גאַסען דורך די גאַנצע נאַכט. ענדליך, דעם 28טען אַפּריל אין דער פריה, זיינען די מאַסען אוועק צו רעווילליאָן'ס פאַבריק און האָבען געצוואונגען די ארבייטער אויפצוהערען צו ארבייטען. דאַן זיינען זיי בעפאַלען דאָס וואַארען־הויז און איהם אויסגעפּלינדערט. עס זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטען, און די מאַסע האָט גלייך אָנגעהויבען וואַרפען אויף זיי מיט שטיינער, ברעטער און מיט מעבעל דורך די פענסטער. די סאָלדאַטען האָבען ניט געשוויגען און אָנגע־

הויבען צו שיסען. און פאר עטליכע שטונדען איז אָנגעגאנגען אַ בלוטיגע מלחמה צווישען דעם פאָלק און די סאָלדאטען. דער רעזולטאט איז געווען, דאָס 12 סאָלדאטען זיינען געטויטעט און 80 פערוואונדעט געוואָרען. אויף דעם פאָלק'ס זייט זיינען געווען 200 טוידטע און דריי הונדערט פערוואונדעטע. די אַרבייטער האָבען גענומען בעזיץ פון די טוידטע קערפּער פון זייערע קאַמע־ראדען און זיי געטראָגען דורך די גאסען. עטליכע טעג שפּעטער האָט אַ מאַסע פון עטליכע הונדערט רעבעלען זיך פערזאמעלט אין ווילדזשויף, און פּרובירט צו צוברעכען די טהירען פון דעם ביסעטער געפענגניס.

דאָ, אַלזאָ, איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען דעם פאָלק פון פאריז און די רייכע, אַ צוזאמענשטויס, וואָס האָט געמאכט אַ טיעפען איינדרוק. עס איז געווען דער ערשטער אנבליק פונ'ם פאָלק, געטריעבען צו פערצווייפלונג, אַן אנבליק, וועלכער האָט געהאַט אַ מעכטיגען איינפלוס אויף די וואהלען מיט דעם, וואָס די רעאקציאָנערען האָבען אין זיי קיין אנטהייל ניט גענומען.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען, דאָס די מיטעל־קלאַס־סערען האָבען זיך בעמיהט צו בעווייזען, דאָס דיעזער אויסברוך איז שוין געפלאנעוועט געוואָרען פון די שונאים פון פראנקרייך. ווארום זאָל דאָס גאנצע פאָלק פון פאריז מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען אַ פאבריקאנט? „עס איז געווען ענגליש געלד, וואָס האָט איהם אויפגערייצט צו דיעזען אויפשטאַנד", האָבען מאַנכע געזאָגט; „דאָס גאָלד פון די אריסטאָקראטען", האָבען געזאָגט די מיטעל־קלאַס־רעוואָלוציאָנערען. קיינער איז ניט געווען פער־טיג צוצוגעבען, אז דאָס פאָלק האָט רעוואָלטירט איינפאַך דער־פאַר, ווייל עס האָט געליטען, און האָט שוין גענוג אריבערגע־טראָגען די חוצפה פון די רייכע, וועלכע האָבען דערצו נאָך גע־שאָטען איהם זאַלץ אויף די וואונדען מיט זייערע בעליידיגונ־גען. דראָז, אַ רעאקציאָנערער היסטאָריקער, האָט גאַנץ ריכטיג בעמערקט, אז דאָס געלד, וואָס מען האָט געפונען אין די קעשע־נעס פון מאַנכע, וואָס זיינען געטוידטעט געוואָרען, איז עס גע־

ווען דאָס, וואָס זיי האָבען געפּלינדערט. פון יענער צייט אָן זעהען מיר דאָס וואקסען פון דער לעגענדע, וועלכע שפּעטער צו איז געברויכט געוואָרען דערצו, דאָס פון דער גאַנצער רעוואָלו־ציאָן האָט מען נור געזעהן די פּאַרלאַמענטאַרישע אַרבייט און אַלע אויפשטענדע פון די גאַנצע פיער יאָהר פון דער רעוואָלו־ציאָן האָט מען רעפּרעזענטירט בלויז אַלס צופעלע, אַלס די אַר־בייט פון רויבער אָדער פון אַגענטען, געדונגען פון ענגלאַנד אָדער פון דער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי. און שוין פיעל שפּע־טער האָבען די געשיכטס־שרייבער צוריקגערופען אין לעבען דיעזע לעגדער: „אזוי ווי דער קעניג איז געווען פעהיג צו בענו־צען דיזען אויפשטאַנד, אַלס אָן אויסרייד צו פּערוואַרפען די פּאָ־דערונג פון די גענעראַל־שטאַאטען, דערפאַר האָט עס געמוזט זיין די אַרבייט פון די רעאַקציאָנערען.“ ווי אָפט האָבען מיר עס געהערט די זעלבע מעטהאָדען פון דענקען געברויכען אין אונזער צייט!

אין דער אמת'ען אָבער זיינען די טעג פון אַפּריל 24 ביז 28 געווען בלויז די פאָרלויפער פון די טעג פון יולי דעם עלפטען ביז יולי דעם 14טען. א רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט זיך אָנ־געהויבען וויזען צווישען דעם פּאַריזער פּאָלק פון יענע טעג אָן און ווייטער. נאָהענט ביי דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, דער רעוואָ־לוציאָנערער ברענפּונקט פון די מיטעל־קלאַסען, זיינען געווען די פּאַבורגען, די מיטעל־פּונקטען פון די פּאָלקס־אויפשטענדע. פון דאַן אָן איז פּאַריז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון דער רעוואָ־לוציאָן, און די גענעראַל־שטאַאטען, וועלכע עס האָבען בעדאַרפט זיך פערזאַמלען אין ווערסאַיל, האָבען זיך אין גאַנצען געשטיצט אויף פּאַריז אין זייערע פּאָדערונגען און אין זייער קאַמפף געגען קעניגטהום.

## ניינטער קאַפּיטעל.

# די גענעראַל שטאַאַטען.

די ערעפנונג פון די גענעראל שטאַאַטען. — דעם קעניג׳ס מיסטרוי. — דאָס פאָלק ניט רעפּרעזענטירט. — די עטאַבלירונג פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. — די שבועה אין טעננים קאָרט. — דער קעניג איז מבטל די רעזאָלוציאָנען פון דער פערזאַמלונג. מיראבאָ׳ס רעדע. — דאָס פאָלק סטראַשעט מיט געוואַלד.

---

דעם 4טען מאַי, 1789, זיינען די 12 הונדערט דעפּוטאטען פון די גענעראַל־שטאַאטען, פערזאַמעלט אין ווערסאַיל, אוועק אין די קירכע פון סט. לואיס, אום צו פראווען דאָרט א תפלה לכבוד דער ערעפנונגס־צערעמאָניע, און אויף מאָרגען האָט דער קעניג ערעפענט די זיצונג אין דער אַנוועזענהייט פון א גרויסער מאַסע צושויער. און שוין ביין אָנפאַנג פון דיעזער פערזאמלונג האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען די טראַגישע אונפערמיידליכ־קייט פון דער רעוואָלוציאָן.

דער קעניג האָט געפיהלט בלויז מיסטרויען צו די פאָר־שטעהער פון דער נאַציאָן, וועמען ער האָט צוזאמענגערופען. ער האָט ענדליך ביי זיך גע׳פּועל׳ט זיי איינצורופען, אָבער ער האָט זיך בעקלאָגט פאר די דעפּוטאַטען גופא איבער „די אונ־רוהיגקייט פון גייסט“, איבער די אַלגעמיינע קאָכעניש אין לאַנד, אזוי ווי עפּעס דיזע אויפרעגונג וואָלט געוועזן געמאכט געקינצעלט, און ניט געוועזן דער נאַטירליכער רעזולטאַט פון די ווירקענדע צושטענדע אין פראנקרייך; אַזוי ווי דיזע פערזאַמ־

לונג וואָלט געוועזן אַן אומנוצליכע און קאַפּריזנע פערגוואַלטיגונג פון די קעניגליכע רעכטע.

פראַנקרייך, פון וועמען אירגענד וועלכע רעפאָרמען זיינען אזוי לאַנג צוריקגעהאַלטען געוואָרען, האָט ענדליך אָנגעהויבען צו פיהלען די נויטווענדיגקייט פאַר אַ פאָלשטענדיגע רעוויזיאָן פון אַלע איהרע אינסטיטוציאָנען — און דער קעניג האָט דער־מאָנט בלויז איינינע אונבעדייטענדע רעפאָרמען אין פינאַנץ אַנ־געלעגענהייטען, פאַר וועלכע עס וואָלט געוועזן גאַנץ גענוגענד אַ קליינע עקאָנאָמיע אין די אויסגאַבען. ער האָט געפאָדערט „די איינפערשטענדיגונג פון די פערשיעדענע שטענדע“ דאַן, ווען די פראָווינץ־פערזאַמלונגען האָבען שוין געוויעזען גאַנץ קלאָר, אַז די עקזיסטענץ פון דיזע פערשיעדענע שטענדע איז שוין גע־ווען עטוואָס גאַנץ אָבגעלעבטעס — אַ טוידטער געוויכט, אַן אי־בערבלייבאכץ פון דער פערגאַנגענהייט. אין אַ צייט, ווען אַלעס, ווי עס איז איצט דער פאַל אין רוסלאַנד, האָט זיך גענויטיגט אין אַן איבערבויאונג, האָט דער קעניג מעהר פון אַלץ אויסגע־שפּראָכען זיין מורא פאַר „בענייאונג“. אויף אַזאַ אופן האָט מען שוין אין דעם קעניג׳ס רעדע געקענט פאָראויסזעהן דעם קאַמפּף אויף טוידט און לעבען, וואָס האָט געזאָלט זיך אָנהויבען צווישען דער קעניגליכער זעלבסטהערשאַפט און דער רעפּרעזענ־טאַטיווער מאַכט.

וואָס אַנבעטרעפט די רעפּרעזענטאַנטען פון דער נאַציאָן, האָבען זיי שוין דאַן אין זייערע פאַרנאַנדערטהיילונגען ארויס־געוויזען די סמנים פון דער טיעפער שפּאַלטונג, וועלכע האָט זיך שפּעטער אזוי בולט ארויסגעצייגט דורך דער צייט פון דער רע־וואָלוציאָן; אַ שפּאַלטונג צווישען די יעניגע, וועלכע זיינען בע־שטאַנען אזוי פעסט אויף זייערע פּריווילעגיען און די, וועלכע האָבען אָנגעווענדעט אַלע זייערע כחות זיי צו פערניכטען.

די נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַציאָן, ווי די ווירקליכקייט איז, האָט שוין דאַן ארויסגעוויזען איהר הויפּט־חסרון. דאָס פאָלק איז גאָר ניט געוועזן רעפּרעזענטירט. די בויערען זיינען געווען גענצליך

א ב ו ו ע ז ע נ ד. דאָס זיינען געווען די מיטעל־קלאַסען, וועל־כע האָבען גענומען אויף זיך די ראָליע צו ריידען פאַר דאָס פאָלק אין אַלגעמיין. און וואָס אנבעלאַנגט צו די בויערען, זיינען געווען אין דער גאַנצער פערזאַמלונג, צונויפגעשטעלט פון אַדוואָקאַטען, נאָטאַרען און נאָך אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע מענ־שען, אפשר פינף אָדער זעקס, וועלכע האָבען עטוואָס פערשטאַ־נען איבער דער ווירקליכער לאַגע, און נאָך וועניגער איבער די געזעצליכע לאַגע פון דער געוואַלטיג־גרויסער מאַסע בויערען. זיי אַלע, אַליין שטאָדט־מענשען, זיינען געווען בלויז פעהיג צו פערטהיידיגען דעם שטאָדט־מענשען. וואָס אָבער דעם בויער אנבעלאַנגט, האָבען זיי אפילו ניט געוואוסט, וואָס ער האָט פער־לאַנגט, אָדער וואָס עס איז שעדליך פאַר איהם.

בירגער־קריעג עקזיסטירט שוין אין יענע געגענדען, וואו דער קעניג, ארומגערינגעלט פון דעם אדעל, רעדט ווי א הער־שער צו דעם דריטען שטאַנד און דערמאָנט זיי אָן די „טובות". דער זיעגעל־האַלטער, באַרענטאַין, ענטפּלעקענדיג די ריכטיגע אבזיכט פון׳ם קעניג, רעדט נור צו זיי וועגען דעם, מיט וואָס די גענעראַל־שטאַאטען האָבען זיך צו בעגרענצען אין זייער טהעֿ־טיגקייט. זיי דאַרפען נור בעראַטהען זיך איבער די שטייערען, איבער וועלכע מ׳ועט פערלאַנגען זייער אבשטימונג; זיי דאַרפען נור דיסקוטירען איבער די רעפאָרמען פון דעם בירגערליכען און קרימינאַל־געזעץ; זיי דאַרפען נור שטימען איבער א געזעץ וועגען דער פּרעסע, אום צו בעגרענצען די פרייהייט, וועלכע זי האָט זיך מיט חוצפּה גענומען אין דער לעצטער צייט, און דאָס וועט זיין אַלעס. עס טאָרען ניט געמאַכט ווערען קיינע געפעהרליכע רעפאָרמען: „אַלע גערעכטע פאָדערונגען זיינען בעוויליגט געוואָ־רען. דער קעניג איז ניט צוריקגעהאַלטען געוואָרען פון יענע ניט־איידעלע קלאַנגען. ער האָט גנעדיג זיי איגנאָרירט; ער האָט זאָגאַר פערצייהעט דעם אויסדרוק פון יענע פאַלשע און איבער־טריבענע פּלענער, אונטער וועמענס מאַנטעל מען האָט געהאַט בדעה אריינצוברענגען שעדליכע פאַנטאַזיעס אויף דעם פּלאַץ פון די אונפערענדערליכע פּרינציפּען פון מאָנאַרכיע. מיינע

הערדען, איהר וועט פערוואָרפען מיט צאָרן דיעזע אַלע געפעהר־ליכע בענייאונגגען.״

אַלע קעמפּפע פון די פיער נאָכפאָלגענדע יאָהרען זיינען שוין געווען ענטהאַלטען אין דיעזע ווערטער. און נעקער, וועלכער האָט גערעדט נאָך דעם קעניג און דעם זיעגעל־האַלטער, האָט אין זיין רעדע, וואָס האָט געדויערט דריי שטונדען, גאָרניט געזאָגט ניט איבער דער גרויסער פראַגע פון רעפּרעזענטאַטי־ווער רעגיערונג, וועלכע האָט אַזוי אינטערעסירט די מיטעל־קלאַסע, און ניט איבער דער לאַנד־פראַגע און די פעאָדאַלע טעק־סעס, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט די בויערען. דער כיטרער פינאַנסיסט האָט פערשטאַנען, ווי צו האַלטען אַ דריי־שטונדיגע רעדע און זיך ניט צוקריעגען ניט מיט'ן קעניג און ניט מיט'ן פאָלק. דער קעניג, טריי צו די אַנזיכטען, וועלכע ער האָט שוין אויסגעשפּראָכען פאַר טורגאָ, האָט ניט פערשטאַנען די ערנסטקייט פונ'ם מאָמענט און האָט עס איבערגעלאָזען פאַר די קעניגין און די פּרינצען די אויפגאַבע צו אינטריגירען, אום ניט צו דערלאָזען די נאָכגעבונגען פון די פאָדערונגען פון פאָלק.

אָבער אויך נעקער האָט ניט פערשטאַנען, אַז דאָ האָט זיך ניט געהאַנדעלט בלויז אום אַ פינאַנציעלען קריזיס, נור אויך אום אַ פּאָליטישען און סאָציאַלען קריזיס פון דער העכסטער וויכטיגקייט און דאָס אונטער דיעזע אומשטענדען האָט דאָס מאַנעווורירען צווישען דעם קעניגליכען הויף און דעם דריטען שטאַנד געמוזט זיך ענדיגען מיט אַן אונגליק. וואָרים, אויב עס איז ניט געווען שוין צו שפּעט אום אָבצואוועגדען אַ רעוואָלו־ציאָן, איז אָבער, לכל הפחות נויטיג געווען צו מאַכען אירגענד אַן עהרליכען פערזוך צו מאַכען ממשות'דיגע רעפאָרמען אין אַלגעמיינהייטען, וואָס זיינען געווען נוגע דער רעגיערונג. די צייט איז געקומען פאָרצובערענגען אין זייער גאַנצער ערנסטקייט די גרויסע לאַנד־פּראָבלעמען, פון וועלכע עס איז אָבגעהאַנגען דאָס וואויל־זיין אָדער דער עלענד פון אַ גאַנצער נאַציאָן.

און וואָס אַנבעטרעפט די רעפּרעזענטאַנטען גופא, האָט קיין איינציגער פון די פּריווילעגירטע שטענדע און אויך זאָגאר

דער דריטער שטאַנד ניט בעגריפען די גאַנצע גרויסקייט פון דעם פּראָבלעם, וואָס פראַנקרייך האָט געמוזט לייזען. דער אַדעל האָט געטרוימט פון צו קריגען זיין אויבערהערשאַפט איבער דער קרוין. דער גלחים־שטאַנד האָט נור געטראַכט פון צו בלייבען ביי זיינע אַלטע פּריווילעגיען. און דער דריטער שטאַנד, כאָטש ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, וואָס מען מוז טהאָן אום צו קריגען די מאַכט צו גונסטען פון די מיטעלקלאַסען, האָט ניט בעגריפען, אַז עס איז דאָ נאָך אַ פּראָבלעם, וואָס איז ניט דער ערך וויכ־טיגער — דער פּראָבלעם פון אָבצוגעבען צוריק דאָס לאַנד צום בויער, כדי, האָבענדיג דאָס לאַנד פריי פון די שווערע פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען, ער זאָל קענען פערדאָפּלען און פערדרייפאַכען די פּרוכט פון דער ערד און אויף אַזאַ אופן מאַכען אַ סוף צו די פעריאָדען פון שטענדיגען מאַנגעל און הונגער, וועלכע האָבען אונטערגראָבען דעם כח פון דער פראַנצויזישער נאַציאָן.

האָט דאָ געקענט זיין אירגענד אַן אַנדער אויסוועג פון דיעזע פערהעלטניסע, אַז ניט דער וועג פון צוזאַמענשטויס און קאַמפף? די רעבעליאָן פון פאָלק: דער אויפשטאַנד פון די בויערען, די דזשאַקעריע, דער אויפשטאַנד פון די אַרבייטער אין די שטעדט, און פון די אָרעמע אין אַלגעמיין — אין איין וואָרט, די רעוואָלוציאָן, מיט אַלע איהרע קעמפּפע, איהר האַס, איהרע שרעקליכע צוזאַמענשטויסונגען און איהרע שוידערליכע נקמות — זיינען זיי דען אַלע ניט געווען אונפערמיידליך?

פינף לאַנגע וואָכען האָבען די דעפּוטאַטען פונ'ם דריטען שטאַנד געמאַטערט זיך איינצורייידען די דעפּוטאַטען פון די אַנדערע צוויי שטענדע צו זיצען צוזאַמען, וועהרענד די רעגיע־רונגס־קאָמיטעט פון זייער זייט האָבען אַלעס אַנגעווענדעט, אַז די שטענדע זאָלען בלייבען צושיידט. די פערהאַנדלונגען האָבען געפיהרט צו גאָר ניט. אָבער דאַן האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז אָנגעהויבען אָנצונעהמען אַלץ אַ מעהר און מעהר סטראַשענדע שטעלונג.

אין פּאַריז איז דער קעניגליכער פּאַלאַץ אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רשות הרבים, אין אַן אָפענעם קלוב, וואוהין

יעדער האָט געקענט אריינקומען און אויסדריקען דעם אַלגע־
מיינעם צאָרן. עס האָט גערעגנט מיט פּאַמפּלעטען, וועלכע דער
עולם האָט פערשלונגען ממש. „יעדע שטונדע ברענגט עטוואָס
נייעס", שרייבט ארטהור יאַנג אין זיין בוך „רייזען אין פראַנק־
רייך". „דרייצעהן פּאַמפּלעטען זיינען היינט ערשיענען, זעכצעהן
נעכטען און ניין־און־צוואַנציג לעצטע וואָך... ניינצעהן צוואַנ־
ציגסטעל פון דיעזע זיינען צו גונסטען פון פרייהייט; די
קאָכעניש אין פּאַריז איז קוים זיך פּאָרצושטעלען: די רעדנער,
וועלכע האָבען גערעדט צום פּאָלק אין גאַס, שטעהענדיג אויף
א שטוהל אין פראָנט פון א קאַפע, האָבען שוין גערעדט צום
פּאָלק פון נעהמען אין בעזיץ די פּאַלאַצען פון די אַדעל־לייט. מען
האָט שוין געקענט הערען, ווי דעם גראָלען פון א קומענדען
שטורם, דעם שוידער־ליארם פון דעם קומענדען טעראָר, וועה־
רענד אין ווערסאיל האָט זיך דאָס פּאָלק פערזאַמעלט ביי די
טהירען פון דער פערזאַמלונג אום צו בעליידיגען די אריסטאָ־
קראַטען.

די דעפּוטאַטען פון'ם דריטען שטאַנד האָבען געפיהלט,
אז זיי ווערען אונטערשטיצט. וואָס ווייטער, זיינען זיי געוואָרען
אַלץ מוטהיגער, און דעם 17טען יוני, אויף א פאָרשלאַג פון סעי,
האָבען זיי זיך ענדליך ערקלעהרט אַלס א „נאַציאָנאַל פערזאַמ־
לונג". אויף אזא אופן איז געמאַכט געוואָרען דער ערשטער
טריט צו דער אָבשאַפונג פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, און דאָס
פּאָלק פון פּאַריז האָט בעגריסט דיעזען ערשטען שריט מיט א
דונערענדער איינשטימיגקייט. אויפגעמונטערט אויף אזא שטיי־
גער, האָט די פערזאַמלונג אָבגעשטימט, דאָס די עטאַבלירטע
שטייערען, זייענדיג אונגעזעצליך, זאָלען נור אויפגעמאַהנט
ווערען פאַר א געוויסע צייט, און דאָס נור אזוי לאַנג ווי די
פערזאַמלונג וועט אָנהאַלטען. דאָס פּאָלק זאָל ניט זיין מעהר
פערפפליכטעט צו צאָהלען די שטייערען, ווען די פערזאַמלונג
וועט אויפגעלעזט ווערען. א קאָמיטע איז בעשטימט געוואָרען,
אום צו קעמפפען געגען דעם הונגער, און די קאַפּיטאַליסטען
זיינען בערוהיגט געוואָרען מיט דעם, וואָס די נאַציאָנאַל־

פערזאַמלונג האָט איבערגענומען אויף זיך דעם נאַציאָנאַלען חוב — אַ זעהר קלוגע טהאַט אין יענעם מאָמענט, ווייל די נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַציאָן האָט געמוזט אויפגעהאַלטען ווערען, האָט עס געמעגט קאָסטען וויפיעל עס איז, און מיט דיעזען בעשלוס איז צוגענומען געוואָרען די וואַפע פון אַ מאַכט, פון דער מאַכט פון דעם געלד־פערלייהער, וועלכער וואָלט געווען געפעהרליך, ווען ער שטעלט זיך אויף דער זייט פונ׳ם קעניג.

אָבער דאָס אַלעס האָט געמיינט אויפשטאַנד געגען די קעניגליכע אויטאָריטעט. דערפאַר האָבען די פּרינצען צוזאַמען מיט דעם זיגעל־האַלטער אָנגעהויבען צו פּלאַנעווען אַ שטאַאַט־שטרייך. אין אַ בעשטימטען טאָג האָט דער קעניג בעדאַרפט געהן אין זיין גרויסען שטאַט צו דער פערזאַמלונג. דאָרט דאַרף ער צו גאָרניט מאַכען די אַלע בעשליסע איהרע, ער דאַרף בעפעהלען די פונאַנדערשיידונג פון די שטענדע, און אַליין בעשטימען די איינינע רעפאָרמען, וועלכע זאָלען אָנגענומען ווערען פון די דריי שטענדע, זיצענדיג יעדער בעזונדער.

און וואָס האָט נעקער געטהאָן, דיעזער פאָלקאָמענער רעפּרעזענטאַנט פון די מיטעלקלאַסען, אום ניט צו דערלאָזען צו דיעזען שטאַאַט־שטרייך, וועלכער איז געפּלאַנעוועט געווען פון קעניגליכען הויף? אויך ער האָט געוואָלט אַ דעמאָנסטראַציאָן פון אויטאָריטעט, אַ קעניגליכע זיצונג, און אין דיעזער זיצונג האָט עס דער קעניג געזאָלט בעוויליגען אַ קאָפּ־אָבשטימונג אָהן אונטערשיעד צווישען אַלע דריי שטענדע, אָבער פאַר אַלץ, וואָס איז נוגע די פּריווילעגיען פון אַדעל און גייסטליכע דאַרפען אויפגעהאַלטען ווערען די בעזאָנדערע זיצונגען פון די שטענדע. נון עס איז קלאָהר, אַז דיעזער פּלאַן איז געווען נאָך װעניגער אויספיהרבאַר, ווי דער פאָלקאָמענער שטאַאַט־שטרייך, וואָס איז געפּלאַנעוועט געוואָרען פון די פּרינצען. אַ שטאַאַט־שטרייך ווערט ניט אונטערנומען פאַר אַ׳ האַלבע זאַך, וועלכע, אין בעסטען פאַל, וואָלט ניט געקענט אָנהאַלטען מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען. ווי וואָלט די שטייער־צאָהלונג געקענט רעפאָרמירט ווערען, ניט אָנריהרענדיג דערביי די פּריווילעגיען פון די העכערע שטענדע?

עס איז געווען דעם 20סטען יוני, ווען די דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד, ווערענדיג אַלץ מוטהיגער דורך די פעסטע האַלטונג פון דעם פאָלק אין פּאַריז און זאָגאַר אין ווערסאַיל, האָבען בעשלאָסען צו וועהרען זיך געגען די פּלענער פון דער אויפלייזונג פון דער פערזאַמלונג. פאַר דיעזען צוועק האָבען זיי זיך פערפפליכטעט צו שטעהן צוזאַמען דורך אַ שבועה. זעהענדיג זייער פערזאַמלונגס־פּלאַץ געשלאָסען צוליעב די פּאַרבערייטונגען, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר די קעניגליכע זיצונג, זיינען זיי אַוועק אין אַ פּראָצעסיאָן צו אַ פּריוואַט־האָל, צום האָל פון טעניס קאָרט אין דער גאַס סאַן פראַנסאַא. אַ גאַנצע מאַסע מענשען האָט מאַרשירט מיט דער פּראָצעסיאָן צום האָל איבער די גאַסען פון ווערסאַיל, מיט באַילי אָן דער שפּיצע. מאַנכע פּריוויליגע סאָלדאַטען האָבען פאַרגעשלאָגען זייערע דיענסטע צו בעוואַכען און בעשיצען זיי. דער ענטהוזיאַזמוס פון דער מאַסע, וועלכע האָט זיי ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען, האָט געמאַכט די דעפּוטאַטען צו בלייבען פעסט.

אָנקומענדיג צום האָל פון טעניס קאָרט, אויפגערעגט און גערירט פון אַן איידעלען געפיהל, האָבען אַלע, אחוץ איינעם, געשוואָרען ניט צו שיידען זיך, איידער זיי וועלען ניט געבען פראַנקרייך אַ קאָנסטיטוציע.

קיין צווייפעל, אַז דאָס אַלעס איז געווען בלויז ווערטער. עס איז געווען זאָגאַר עטוואָס טהעאַטראַלישעס אין דיעזער שבועה. אָבער דאָס מאַכט גאַנץ ווייניג אויס. עס זיינען דאָ מאָמענטען, ווען ווערטער זיינען נויטיג, אום צו מאַכען די הערצער בעוועגט און ציטערענד. און די שבועה אין דעם האָל פון טעניס קאָרט האָט געמאַכט די הערצער פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגענד אויפציטערען דורך די גאַנצע לייגג און ברייט פון פראַנקרייך. וועה צו יענע פערזאַמלונגען, וועלכע זיינען אונפעהיג אָנצונעהמען אַזאַ שטעלונג און ארויסצורייידען אַזעלכע ווערטער!

אחוץ דעם, דיעזע מוטהיגע האַנדלונג פון דער פערזאַמלונג האָט געבראַכט באַלדיגע רעזולטאַטען. צוויי טעג שפּעטער, ווען

דער דריטער שטאַנד האָט געהאַט זיין זיצונג אין דער סאַנט לואיס קירכע, זיינען צוגעקומען צו איהם די גייסטליכע, אום אנטהייל צו נעהמען אין זייערע פערהאַנדלונגען.

דער גרויסער קלאַפּ פון דער קעניגליכער זיצונג איז דער־לאַנגט געוואָרען דעם קומענדען טאָג, דעם 23סטען יוני, אָבער זיין ווירקונג איז שוין שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך די שבועה אין טעניס קאָרט און דורך די זיצונג אין דער סט. לואיס קירכע. דער קעניג איז ערשיענען פאַר די דעפּוטאַטען. ער האָט מבטל געוועזען אַלע רעזאָלוציאָנען פון דער פערזאַמלונג, אָדער ריכטיגער פון דעם דריטען שטאַנד. ער האָט בעפוילען די אויפרעכט־ערהאַלטונג פון די שטענדע, האָט בעשטימט די גרע־נעצען פון די רעפאָרמען, וואָס דאַרפען אויסגעפיהרט ווערען און האָט געסטראַשעט די געענראַל־שטאַאַטען מיט אויפלייזונג, אויב זיי וועלען ניט פאָלגען, און פאַר דערוייל האָט ער בעפוילען אַלע דעפּוטאַטען זיך פונאַנדערצוגעהן. דער אַדעל און די גייסט־ליכע האָבען געהאָרכזאַם פערלאָזען די האַל, אָבער די דעפּוטאַ־טען פון דריטען שטאַנד זיינען זיצען געבליבען אויף זייערע פּלעצער. דאַן איז עס געוועזן, ווען מיראַבאָ האָט געהאַלטען זיין גרויסע און בעריהמטע רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז דער קעניג איז בלויז זייער בעפאָלמעכטיגטער, דאָס זיי האָבען זייער אויטאָריטעט פון פאָלק, און אַזוי ווי זיי האָבען געשוואָרען, קענען זיי זיך ניט פונאַנדערגעהן, איידער זיי וועלען ניט געבען פראַנקרייך אַ קאָנסטיטוציע. אַזוי ווי זיי זיינען דאָ אויף דעם וואונש פון פאָלק, וועלען זיי נור פערלאָזען דיעזען פּלאַץ, ווען מען וועט זיי צווינגען דורך דער געוואַלט פון שווערד.

אָבער דיעזע געוואַלט האָט דער קעניג גראַדע שוין מעהר ניט געהאַט. נעקער האָט שוין געזאָגט דעם קעניג אין פעברואַר, דאָס עס איז אין ערגעץ ניט צו געפינען קיין געהאָרכזאַמקייט, און דאָס עס איז אונמעגליך זיך צו פערלאָזען אויף דער אַרמעע.

וואָס אָנבעלאַנגט דאָס פאָלק אין פּאַריז, האָבען מיר געזעהן דאָך, אין וואָס פאַר אַ שטימונג ער איז געווען דעם 27סטען אַפּריל. יעדען מאָמענט האָט מען ערוואַרטעט אַן אַלגעמיינעם

אויפשטאַנד פון פאָלק געגען די רייכע, און איינינגע פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען זיינען אַוועק אין די פינסטערע, חושך'דיגע גאַסען צו זוכען מענשען, וואָס זאָלען זיין פערטיג צו העלפען אין קאַמפף. זאָגאַר אין ווערסאַיל, ערב דער קעניגליכער זיצונג, האָט דאָס פאָלק שיער ניט געטויטעט אַ גייסטליכען דעפּוטאַט, דעם גלח מאורי, ווי אויך ד'עספּרעמעניל, אַ דעפּוטאַט פון דריטען שטאַנד, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צו איהם פון דעם אדעל. אין דעם טאָג פון דער קעניגליכער זיצונג, זיינען דער זיגעל-האַלטער און דער ארטשבישאָף פון פּאַריז אַזוי פערשעהמט און אויסגעפייפט געוואָרען אין מיטען גאַס, דאָס דעם קעניג'ס סעקרעטער, פּאַססערע, וועלכער האָט בעגלייט דעם מיניסטער, איז „געשטאָרבען פון אויפרעגונג דעם זעלבען טאָג". דעם 24טען איז דער בישאָף פון באַוואַי שיער גע'הרג'עט געוואָרען דורך אַ שטיין אין קאָפּ. דעם 25סטען האָבען מענשען אין גאַס אויס-געפייפט די דעפּוטאַטען פון אדעל און גייסטליכע. אַלע פענסטער זיינען אויסגעבראָכען געוואָרען אין דעם פּאַלאַץ פון דעם ארטש-בישאָף פון פּאַריז. „די סאָלדאַטען האָבען זיך ענטזאָגט צו שיסען אויפ'ן פאָלק", דערצעהלט ארטהור יאַנג. אַט דערפאַר איז דעם קעניג'ס סטראַשונאַק געוועזען גאַנץ בעדייטונגסלאָז. די שטעלונג פון פאָלק איז געוועזען אַ צו פעסטע און צו סטראַשענדע, אַז דער קעניגליכער הויף זאָל וואַגען אַנווענדען געוואַלט, און דערפאַר האָט לואי דער זעכצעהנטער ארויסגעלאָזען זיין בעריהמטען „[illegible]: „[illegible] בלייבען!"

וואָס אנבעטרעפט דעם דריטען שטאַנד גופא, האָט ער דען ניט זיך בעראַטהען אונטער די אויפפּאַססענדע אויגען און סטראַ-שונקעס פון פאָלק, וועלכער האָט אָנגעפילט די גאַליאָרקע? שוין אַזוי פריה, ווי דעם 17טען יוני, ווען דער דריטער שטאַנד האָט זיך ערקלעהרט, אַלס נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג, איז יענער דענק-ווירדיגער בעשלוס אָנגענומען געוואָרען אונטער דעם גרויסען אַפּלאָז פון דער גאַליאָרקע און פון צוויי-דריי טויזענד פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום דעם פערזאַמלונגס-פּלאַץ. אַ צעטעל פון דריי הונדערט פּערזאָנען, דעפּוטאַטען פון דריטען

שטאנד, וועלכע זיינען געווען דאגעגען, איז ארומגעגאנגען צווי־שען דעם פאריזער עולם, און מען האט זאגאר געשמועסט וועגען אונטערצינדען זייערע הייזער. און ווען די שבועה איז אנגענומען געווארען אין טענים קארט, און איינער, מארין דאש, איז געווען דאגעגען, האט באילי, דער פרעזידענט פון דער פערזאמלונג, געטהאן גאנץ קלוג, וואס ער האט איהם ארויסגעלאזען דורך א הינטער־טהיר, אום איהם זאל ניט אויסקומען צו בעגעגענען זיך מיט'ן עולם ביין פראנט פון זאל, און פאר עטליכע טעג האט ער זיך געמוזט פערבעהאלטען.

אהן דיעזען דרוק פון פאלק אויף די פערזאמלונגען, איז עס גאנץ מעגליך, דאס די בראווע דעפוטאטען פון דעם דריטען שטאנד, וועמעס נעמען זיינען פערשריבען אין דער געשיכטע, וואלטען קיינמאל ניט אויסגעפיהרט בייצוקומען דאס וועהרען זיך פון די שרעקעדיגע.

און וואס מכח דעם פאלק גופא? ער האט געמאכט עפענט־ליך פארבערייטונגען צום אויפשטאנד, וואס דאס איז געווען זיין ענטפער אויף דעם מיליטערישען שטאאט־שטרייך, וועלכען דער קעניגליכער הויף האט פארבערייטעט געגען פאריז דעם 16טען יולי.

## צעהנטער קאַפּיטעל.

# די פאָרבערייטונגען צום שטאַאַט־שטרייך.

דער פיערצעהנטער יולי. — די מיטעלקלאַס טרויט ניט דעם פאָלק. — די ראָיאַליסטען אָרבערייטען אַ שטאַאַט־שטרייך. — די מיטעל־קלאַס רעדט איין דעם פאָלק צו בעוואַפענען זיך. — דאָס פאָלק נעהמט איין די אַסטיל. — די מיטעלקלאַס פיהרט צוריק איין אָרדנונג. — דער קעניג און די פעאָדאַלע רעכטע. — די וויר־קונג פון דער קעניגליכער זיצונג. — די אַטמאָספערע פון קאָנ־ספּיראַציע אין קעניגליכען הויף. — די גרינדונג פון ברעטאָן קלוב. — מיראַבאָ און דאָס פאָלק. — נעקער מאַכט אַ פערזוך אָבצואוועגדען דעם הונגער. — די אונפעהיגקייט פון דער נאַציאָ־נאַל פערזאַמלונג. — די ראָיאַליסטען־פערשווערונגען ווערען פאָרטגעזעצט. — די פּעטיציע פון דער פערזאַמלונג.

---

דער שטייגער, ווי עס ווערט איבערגעגעבען די געשיכטע פון דעם 14טען יולי איז געוועהנליך פון פאָלגענדען נוסח: די נאַציאָנאַל פערזאַמלונג האָט געהאַט איהרע זיצונגען. אַם ענדע יוני, נאָך צוויי מאָנאַטען פון רעדעריי און פערציהונגען, ווערען די דריי שטענדע ענדליך פעראייניגט. די מאַכט האַלט זיך ביים אַרויסגליטשען פון די הענד פון הויף, און דערפאַר האָט ער אָנגע־הויבען פאָרבערייטען אַ שטאַאַט־שטרייך. מען האָט צוזאַמענגע־רופען גאַנצע אַרמייען סאָלדאַטען, און זיי צוזאַמענגעקליבען אַרום ווערסאַיל; זיי האָבען דאָס בעדאַרפט צוטרייבען די פער־זאַמלונג, און דאַן מאַכען פאַריז קומען צו זיין פערשטאַנד.

און ווייטער, איז דער געוועהנליכער שטייגער פון דער ער־צעהלונג, האָט דעם 11טען יולי דער הויף בעשלאָסען צו האַנד־לען. נעקער איז אָבגעזאָגט און אַוועקגעשיקט געוואָרען. פאַריז האָט

זיך דערוואוסט וועגן דעם דעם 12טען, און די בירגער האָבען פעראַנשטאַלט אַ דעמאָנסטראַציאָן, וועלכע איז דורכגעגאַנגען די גאַסען פון פּאַריז, טראָגענדיג אַ בילד פון דעם געשטירצטען מיניסטער. אין פּאַלאַס ראָיאַל האָט קאַמיל דע מאָלין געהאַלטען זיין בעריהמטע רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק צו בעוואפענען זיך. דאָס פאָלק ענטפערט אויף דיעזען אויפ־רוף, און פופציג טויזענד שפּיזען ווערען געשמידט אין 36 שטונ־דען. דעם 14טען יולי מאַרשירט דאָס פאָלק צו דער באַסטיל, וועלכע גיט זיך באַלד אונטער. די רעוואָלוציאָן האָט געוואונען איהר ערשטען זיעג.

דאָס איז די געשיכטע, ווי זי ווערט דערצעהלט ביי פער־שיעדענע פייערונגען פון דער רעפּובליק. און דאָך איז זי נור אַ האַלבער אמת. זי איז אמת וואָס אַנבעטרעפט די טרוקענע בעשטעטיגונגען פון פאַקטען, אבער זי דערצעהלט ניט, וואָס עס דאַרף דערצעהלט ווערען איבער דער ראָלע, וועלכע דאָס פאָלק האָט געשפּיעלט אין דיעזען אויפשטאַנד. און אויך דערצעהלט ניט דיעזע געשיכטע וועגען די אמת'ע שייכות צווישען די צוויי עלעמענטען פון דער בעוועגונג, דעם פאָלק און דער מיטעל־קלאַס. ווייל אין דעם פּאַריזער אויפשטאַנד, וואָס פיהרט צו דעם 14טען יולי, ווי דורך דער גאַנצער רעוואָלוציאָן, זיינען געווען צוויי פערשיעדענע שטרעמונגען פון פערשיעדענער אָבשטאַמונג: די פּאָליטישע בעוועגונג פון די מיטעלקלאַסען און די פאָלקס־בעוועגונג פון די מאַסען. אין געוויסע מאָמענטען אין דעם משך פון די גרויסע טעג פון דער רעוואָלוציאָן האָבען דיעזע צוויי בעוועגונגען געמאַכט יד־אחת פאַר אַ צייטליכע פעראייניגונג, און דאַן האָבען זיי עס געוואונען זייערע גרויסע זיעגע איבער דעם אַלטען רעזשים. אָבער די מיטעלקלאַסע האָט אימער געפיהלט אַ מיסטרוי צו איהר צייטליכען שותף, צו דעם פאָלק, און האָט דאָס אַם בעסטען בעוויזען אין יולי 1789. דיעזע פעראייניגונג איז ניט־ווילענדיג אָנגענומען געוואָרען פון דער מיטעלקלאַס; און אויף מאָרגען נאָך דעם 14טען, און זאָגאַר ווען דער אויפ־

שטאנד איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָט די מיטעלקלאַס זיך אונטער־געאיילט און זיך אָרגאַניזירט, אום צו קענען אָנטהאָן אַ צוים אויף דאָס רעבעליש־געוואָרענע פאָלק.

זייט דער רעוואָלוציאָן־פאַסירונג האָט דאָס פאָלק פון פאַריז, ליידענדיג פון דחקות, זעהענדיג דאָס ברויט ווערען טהייערער פון טאָג און אָבגענאָרט פון אַלערליי פּוסטע פערשפּרעכונגען, געמאַכט פערשיעדענע פּראָבען צו רעבעלירען, אָבער, ניט פיה־לענדיג זיך אונטערשטיצט און זאָגאר ניט פון די יעניגע פון דער מיטעלקלאַס, וועלכע זיינען געוואָרען זעהר בעקאַנט אין דעם קאַמפּף מיט דער קעניגליכער אויטאָריטעט, איז איהם, דעם פאָלק, ניט געבליבען קיין אַנדער ברירה ווי נור צו קריצען מיט די צייהנער. דערוויילע האָט די הויף־פּאַרטיי, אָנגעפיהרט פון דער קעניגין און די פּרינצען, בעשלאָסען צו דערלאַנגען אַ טוידט־קלאַפּ דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און צו דער פאָלקס־אַגיטאַציאָן אין פאַריז. זיי האָבען קאָנצענטרירט מחנות סאָלדאַטען, וועמעס צוגעבונדענקייט און טרייהייט צום קעניג און קעניגין מען האָט סטימולירט און אויפגעהאַלטען מיט אַלערליי מיטלען, און האָבען אָפען פּאָרבערייטעט אַ שטאַאַט־שטרייך געגען די נאַציאָ־נאַל־פערזאַמלונג און געגען פאַריז. דאָן האָט די פערזאַמלונג, פיהלענדיג זיך אין סכנה, געלאָזט אַ פרייען וועג פאַר די פון איהרע מיטגליעדער, וועלכע האָבען פערלאַנגט „דעם אויפרוף צום פאָלק“, דאָס הייסט, אַן אויפרוף פאַר אַ פאָלקס־אויפשטאַנד. און דאָס פאָלק פון די פינסטערע געסלעך, ניט וועלענדיג גאָר קיין בעסערע זאַך, האָט גלייך געענטפערט אויף דיעזען אויפרוף. ער האָט גאָר ניט געוואַרט, ביז נעקער איז אָוועקגעשיקט געוואָ־רען, נור ער האָט אָנגעהויבען צו רעבעלירען שוין אַזוי פריה, ווי דעם 8טען יולי, אָדער זאָגאר דעם 28סטען יוני. בענוצענדיג זיך דערמיט, האָט די מיטעלקלאַס צוגערעדט דעם פאָלק צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד, און האָט איהם געלאָזען זיך בעוואַפענען. צו דערזעלבער צייט איז זי געווען פאָרזיכטיג געווען אַליין אויך צו זיין בעוואַפענט, כדי זי זאָל קענען קאָנטראָלירען דעם פאָלקס־

אויסברוך. און ניט דערלאָזען איהם אוועקצוגעהן „צו וויט". אָבער וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרען דער אויפשטאַנד, האָט דאָס פאָלק, צו־ווידער דעם ווילען פון דער מיטעלקלאַס, איינגענומען די באַסטיל, דעם סימבאָל און די שטיצע פון דער קעניגליכער מאַכט. אָט דאַן האָט די מיטעלקלאַס, האָבענדיג אָרגאַניזירט איהר אייגענע מיליץ, ניט פערלאָרען קיין איבעריגע מינוט, האָט אונטערדריקט די רעבעלען מיט די שפּיזען, און האָט אייגעפיהרט צוריק אָרדנונג.

דאָס איז די צווייפאַכע בעוועגונג, וועלכע דאַרף געשילדערט ווערען.

מיר האָבען געזעהן, דאָס דער צוועק פון דער קעניגליכער זיצונג פון דעם 23סטען יוני איז געוועזן צו ערקלעהרען די גענעראַל־שטאַאַטען, דאָס זיי זיינען ניט די מאַכט, וואָס זיי האָבען געוואונשען צו זיין; דאָס די אַבסאָלוטע מאַכט פון קעניג בלייבט ניט געריהרט; און דאָס די גענעראַל־שטאַאַטען האָבען גאָר ניט וואָס צו ענדערען אין איהר.*) און דאָס די צוויי פּריווילעגירטע שטענדע, דער אַדעל און דער פּריסטערטהום, זאָלען אַליין אויסאַרבייטען די רעפאָרמען, וועלכע זיי וועלען האַלטען פיר נויטיג פאַר די גערעכטערע צוטהיילונג פון טאַקסעס, די בענעפיטען, וועלכע זאָלען אַלזאָ, בעוויליגט ווערען דעם פאָלק, דאַרפען דאַרום קומען פון דעם קעניג פערזענליך, און דיעזע בענעפיטען וואָלטען געוועזן: די אָבשאַפונג פון געצוואונגענער אַרבייט, וואָס איז שוין געוועזן גרעסטענטהיילס אויסגעפיהרט, די אָבשאַפונג פון אַלערליי טעקסעס, די בעשרענקונג פון דעם וואָרט „טאַיללע" (אַזוי האָט געהייסען די טאַקסע, פון וועלכע

*) נעקער'ס אָריגינעלער פּלאַן האָט ערלויבט דער פערזאַמלונג צו ברענגען די רעוואָלוציאָן אַזוי וויט, ווי אויסצופיהרען אַ טשאַרטער, ענהליך צום ענגלישען, זאָגט לואי בלאַן; מען האָט אָבער געזעהן אויסצושליסען פון דער געמיינזאַמער בעראַטהונג די פאָרמע פון דער קאָנסטיטוציאָן, וואָס די קומענדע גענעראַל־שטאַאַטען דאַרפען געבען. („די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן", ל. בלאַן).

די אדעליגע און די גייסטליכע זיינען פריי געווען) און די אָרגאַ־ניזירונג פון די פּראָווינץ־בעאַמטע. דאָס אַלעס האָט אָבער געהערט צום קעניגרייך פון פּוסטע פערשפּרעכונגען, אָדער, ווי דער אמת איז, איז עס נור געווען דער נאָמען פאַר רעפאָרם, ווייל דאָס אַלעס, וואָס דיעזע רעפאָרמען האָבען געמיינט, דער גאַנצער עצם פאַר דעם אויספיהרען פון דיעזע אַלע פאָדערונגען — דאָס האָט ערשט בעדאַרפט זיין אָנגעגרייט. און ווי האָט עס געקאָנט זיין אָנגעגרייט אָהן די גרונטעהראַקונג פון די פּריווילעגיען פון די צוויי העכערע שטענדע? אָבער דער וויכטיגסטער פּונקט אין דער רעדע פון קעניג, ווייל באַלד האָט זיך די גאַנצע רעוואָלו־ציאָן געדרעהט אַרום דיעזען פּונקט, איז געווען דעם קעניג'ס ערקלערונג איבער די אונבעריהרליכקייט און די הייליגקייט פון די פעאָדאַלע רעכטע. ער האָט ערקלעהרט, דאָס די מעשר־אָבצאָהלונגען, אויסלייז־געלד, רענט פון אַלערליי סאָרטען און אַלע אַנדערע פעאָדאַלע רעכטע זיינען אבסאָלוטע אייגענטהומס־רעכטע, וועלכע טאָרען ניט אָנגעריהרט ווערען.

מיט אזא ערקלעהרונג האָט דער קעניג אפּנים געוואָלט געווינען דעם אדעל אויף זיין זייט געגען דעם דריטען שטאַנד. אָבער צו מאַכען אזא פערשפּרעכונג האָט געמיינט שוין פון אָנפאַנג אָן אזוי איינצושרענקען די רעוואָלוציאָן, אז זי זאָל זיין אונמעכטיג אויסצופיהרען אירגענד וועלכע רעפאָרם אין די פינאַנצען פון שטאַאט און אין דער גאַנצער אינערליכער אָרגאַ־ניזאַציאָן פון פראַנקרייך. דאָס האָט געמיינט פּראַקטיש איבער־לאָזען דעם אַלטען רעזשים אין פראַנקרייך מיט אַלע זיינע קליי־פּערלעך, און מיר וועלען ווייטער זעהן, ווי אזוי אין דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָן זיינען אין דעם געדאַנק פון פאָלק געוואָרען איין זאַך דער קעניגטהום און די אויפהאַלטונג פון די פעאָדאַלע רעכטע, ד. ה., די אַלטע פּאָליטישע און די אַלטע עקאָנאָמישע פאָרם.

עס מוז צוגעגעבען ווערען, דאָס דיעזע מאַנעוורע פון דעם קעניגליכען הויף האָט געהאַט ערפאָלג ביז צו אַ געוויסען גראַד,

נאָך דער קעניגליכער זיצונג האָט דער אדעל געגעבען דעם קעניג און בעזאָנדערס דער קעניגין אַן אָוואציאָן אין פּאַלאַץ, און אויף מאָרגען זיינען געבליבען בלויז זיבען און פערציג אדעל־ליים, וועלכע האָבען נאָך געהאַלטען מיט די צוויי אנדערע שטענדע, נור אין איניגע טעג אַרום, ווען עס האָט זיך געלאָזט הערען, דאָס הונדערט טויזענד פּאַריזער מאַרשירען נאָך ווער־סאַיל, זיינען די מענשען אין פּאַלאַץ געוואָרען פערציטערט פון דיעזער ידיעה, און אויף אַ בעפעהל פונ׳ם קעניג, בעפעסטיגט מיט דער צושטימונג פון דער קעניגין — ווייל דער אדעל האָט זיך שוין מעהר ניט פערלאָזען אויפ׳ן קעניג — זיינען די מייסטע פון דעם אדעל צוריק צוגעשטאַנען צו די פאָרשטעהער פון די צוויי אנדערע שטענדע. אָבער זאָגאַר דאַן האָבען זיי קוים בעהאַלטען זייער וואונש צו זעהן באַלד דיעזע רעבעלען צוטריבען דורך געוואַלד.

אין דער זעלבער צייט זיינען אַלע טריקס פון פּאַלאַץ, אַלע זיינע קאָנספּיראַציעס און זאָגאַר אַלע געשפּרעכען פון אַזעלכען־און אַזעלכען פּרינץ אָדער אדעלמאַן ניט אויף איין קורצע ווילע געבליבען פערבאָרגען פון די רעוואָלוציאָנערען. אַלעס האָט דערגרייכט פּאַריז אויף טויזענדע פערשיעדענע געהיימע אופנים, וועלכע זיינען פּאָרזיכטיג איינגעפיהרט געוואָרען, און די קלאַנגען, וועלכע זיינען געקומען פון ווערסאַיל, האָבען געהאָלפען צו פער־שטאַרקען די אויפרעגונג פון פּאַריז. עס קומט אימער דער מאָמענט, ווען די מעכטיגע קענען זיך מעהר ניט פערלאָזען זאָגאַר אויף זייערע געטרייע דיענער. און דיעזער מאָמענט איז געקומען אין ווערסאַיל. עס איז, אַלזאָ, אַזוי געווען: וועהרענד דער אדעל האָט זיך געפערעהט מיט דעם קליינעם ערפאָלג פון דער קעניגליכער זיצונג, האָבען מאַנכע מיטעלקלאַס רעוואָלו־ציאָנערען געגרינדעט אַ קלוב אין ווערסאַיל, דעם ברעטאָן קלוב, וועלכער איז באַלד געוואָרען אַ גרויסער פעראייניגענדער מיטעל־פּונקט און איז שפּעטער געוואָרען דער בעריהמטער יאַקאָבינער קלוב. און אין דיעזען קלוב זיינען דאָס געקומען די דיענער פון

קעניג און קעניגין, אום צו דערצעהלען, וואָס זיי האָבען געהערט אָדער געזעהן אין פּאַלאַץ. מאַנכע ברעטאָנישע דעפּוטאַטען זיינען דאָס געוועזען די גרינדער פון דיעזען קלוב, און מ י ר א ב אָ, פ י ר ש ט אָ ג י ל י אָ ן, ס ע ר ב א ר נ א ו, פ ע ט י אָ ן, דער גלח ג ר ע ג אָ א ר און ר אָ ב ע ס פּ י ע ר זיינען געווען זיינע מיטגליעדער.

זייט די גענעראַל־שטאַאַטען האָבען געהאַט זייערע זיצונגען אין ווערסאַיל, האָט אין פּאַריז געהערשט די העכסטע אויפרעגונג. דער פּאַלאַס ראָיאַל מיט זיינע גאָרטענס און קאַפעס איז געוואָרען אַ רשות־הרבים, וואוהין צעהן טויזענד מענשען פון אַלערליי קלאַסען זיינען געגאַנגען יעדען טאָג צו דערצעהלען און צו הערען נייעס, צו דיסקוטירען איבער די פּאַמפלעטען, וואָס זיינען ערשיענען כמעט יעדער שטונדע, אום אויפצופרישען אין דער מאַסע איהר ענטהוזיאַזמוס פאַר די צוקינפטיגע טהעטיגקייט און אום צו קענען און צו פערשטעהן איינער דעם צווייטען. דאָ זיינען צוזאַמענגעקומען די מענשען פון דער ניעדריגער מיטעל־קלאַס און די אינטעליגענטען. אַלע קלאַנגען, אַלע נייעס, וואָס דער ברעטאָן קלוב אין ווערסאַיל האָט ערהאַלטען, זיינען גלייך מיטגעטהיילט געוואָרען דיעזען גאַס־קלוב, זאָ־צו־זאָגען. און פון דאָרט האָבען זיך די אַלע קלאַנגען און נייעסען פערשפּרייט איבער אַלע גאַסען. און אויב צו די נייעס, מאַכענדיג זייער רייזע, איז נאָך עטוואָס צוגעטראַכט געוואָרען, איז עס געוועזען, ווי עס איז אָפט דער פאַל מיט פאָלקס־לעגענדען, אמת׳ער, ווי דער אמת אַליין, ווייל דיעזע אויסטראַכטונגען האָבען פאַראויסגעזאָגט און ענטפּלעקט אונטער דער מאַסקע פון דער לעגענדע די בעהאַלטענע אורזאַכען פון אַלערליי טהעטיגקייטען און האָבען אינסטינקטיוו געגעבען אַ בעסערע אָבשעצונג איבער מענשען און פּאַסירונגען, ווי דאָס קענען מאַנכע חכמים. ווער האָט בעסער ווי די פינסטערע מאַסען פון די געסלעך געקאָנט מאַריע אַנטאָאַנעטע, די דאָטשעס ד׳פּאָלינאַק, דעם געמיינעם קעניג און די פעררעטהערישע פּרינצען? ווער האָט זיי בעסער פערשטאַנען, ווי דאָס פּאָלק?

זייט דעם טאָג פון דער קעניגליכער זיצונג, האָט די גרויסע

שטאָדט געקאָכט מיט אויפשטאַנד. דער האָטעל דע־וויל האָט געשיקט גראַטולאַציאָנען צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דער פּאַלאַס ראָיאַל האָט ארויסגעלאָזען א פאָלקס־אויפרוף, פערפאַסט אין א שפראַך פון קאַמפף און אויפשטאַנד. פאַר דעם אויסגע־הונגערטען פאָלק, פעראַכטעט און פערשטויסען, איז דער פאָלקס־אויפשטאַנד געווען א שטראַהל פון האָפנונג, און אויפשטאַנד האָט אין זייערע אויגען געמיינט דער מיטעל צו קריגען דאָס ברויט, אין וואָס זיי האָבען זיך אַזוי גענויטיגט. אין דער צייט, ווען דער הונגער איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר ביטער, ווען אפילו די פערזאָרגונג פון שלעכטען מעהל, געלען און פערברענ־טען, האָט שטענדיג אויסגעפעהלט, האָבען די מענשען געוואוסט, דאָס אין פּאַריז און אין דער נאַכבאַרשאַפט איז דאָ גענוג שפּייז פאַר יעדען, און די אָרעמע לייט האָבען געזאָגט איינער צום אַנדערען, דאָס אָהן אַן אויפשטאַנד וועלען די מאָנאָפּאָליסטען קיינמאָל ניט אויפהערען אויסצוהונגערען דאָס פאָלק.

אָבער אַז די מורמלעריי פון פאָלק אין זיינע פינסטערע געס־לעך איז געוואָרען אַלץ העכער, האָבען די פּאַריזער מיטעלקלאַס מענשען און די פאָרשטעהער פון פאָלק אין ווערסאַיל אָנגעהויבען זיך צו פיהלען אונרוהיג פון א מעגליכען אויפשטאַנד אין די פּראָווינצען. בעסער האָבען א קעניג און א פּאַלאַץ, איידער א פאָלק אין אויפשטאַנד.*) אין דעם זעלבען טאָג, וואָס די דריי

*) די, וועלכע האַלטען פּייערליכע רעדען ביי דער יעהרליכער פייערונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האַלטען עס פאַר גלייכער צו באַפּען אַ שוויג איבער דיעזען זעהר קיצעלדיגען ענין און זיי ריידען פון דער ריהרענדער אויסשטימיגקייט, וועלכע, זיי מאַכען אַן אָנשטעל, איז געווען צווישען פאָלק און זיינע פאָרשטע־הער. אָבער לואי בלאַן האָט שוין אָנגעוויזען אויף דעם שרעק פון דער מיטעלקלאַס, ווען דער 14טער יולי האָט זיך דערנעהנטערט, און די מאָדערנע פאָרשונג בעשטעטיגט דיעזען שטאַנדפּונקט. די ווייטערע פאַקטען, וועלכע איך גיב דאָ אין שייכות צו די טעג פון דעם 2טען ביז דעם 12טען יולי, ווייזען אויך, דאָס דער אויפשטאַנד פון פּאַריזער פאָלק איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, גאַנץ אונאַבהענגיג פון די מיטעלקלאַס מיטגליעדער פונ׳ם דריטען שטאַנד.

שטענדע האבען זיך פעראייניגט, דעם 27סטען יוני, נאך דעם ערשטען זיעג פון דעם דריטען שטאנד, האט מיראבא, וועלכער האט ביז דאן אלץ אפעלירט צום פאלק, איצט זיך פאלשטענדיג אבגעטרייסעלט פון איהם, און האט גע'טענה'ט, אז די פארשטע־הער זאלען בלייבען אבגעזונדערט פון פאלק. ער האט זאגאר געווארענט די מיטגליעדער זיך צו היטען פאר די „פעררעטהע־רישע מיטהעלפער". אין דעם קענען מיר שוין זעהן דעם צוקינפ־טיגען פראגראם פון די זשיראנדיסטען, וועלכער האט זיך אויס־געארבייט אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג. מיראבא האט פער־לאנגט, אז די פערזאמלונג זאל בייטראגען „צו דער אויפהאלטונג פון ארדנונג, צו דעם עפענטליכען פריעדען, צו דער אויטאריטעט פון די געזעצע און זייערע מיניסטארען". ער איז זאגאר געגאנגען נאך ווייטער. ער האט פערלאנגט, אז די דעפוטאטען זאלען זיך ארומזאמלען ארום דעם קעניג, ווייל דער קעניג מיינט דאך גוט; אויב עס האט פאסירט, דאס ער האט געטהאן אמאל אן עולה, איז עס נור דערפאר, ווייל מען האט איהם אבגענארט, אדער, ווייל מען האט איהם געגעבען א שלעכטע עצה!

די פערזאמלונג האט מיט פייער אפלאדירט דיעזע רעדע. „דער אמת איז", זאגט לואי בלאן גאנץ ריכטיג, „דאס ווייט, ווייט פון צו ווינשען דעם אומשטורץ פונ'ם טראהן, האט די מיטעלקלאס שוין אנגעהויבען פרובירען צו זוכען שוץ הינטער איהם. פערלאזען פון דעם אדעל, איז עס געווען אין די רייהען פון דער מיטעלקלאס, וועלכע איז איין צייט געווען אזוי איינגע־עקשן'ט, וואו לואי דער זעכצעהנטער וואלט געפונען זיינע אם מייסטען געטרייע און שטארק צושראקענע קנעכט. ער האט אויפגעהערט צו זיין דער קעניג פון די הערען, ער איז געווארען דער קעניג פון די אייגענטהומס־בעזיצער".

דיעזער איבערליכער פעהלער פון דער רעוואלוציאן איז געלעגען אויף איהר אלס א שווערע משא די גאנצע צייט, ווי מיר וועלען זעהן, ביז צו דעם מאמענט, ווען די רעאקציאן האט געקראגען די אויבערהאנד.

דערווייל איז דער עלענד אין שטאדט געוואקסען פון טאג

צו טאָג. עס איז אמת, דאָס נעקער האָט אָנגעווענדעט מיטלען, אום אָבצואוועגדען די געפאַהרען פון א הונגער. דעם 7טען סעפּ־טעמבער, 1788, האָט ער פערבאָטען די עקספּאָרטאַציאָן פון קאָרן, און האָט בעשיצט די אימפּאָרטאַציאָן דורך דעם פערטהיי־לען פון פּרעמיעס. זיבעציג מיליאָן ליוורען זיינען אויסגעגעבען געוואָרען פאַר דעם איינקויף פון אויסלענדישען ווייץ. צו גלייכער צייט האָט ער געלאָזט ווייט און ברייט פערעפענטליכען דעם בעשלוס פון דעם קעניגליכען ראַטה פון 23סטען אַפּריל, 1789, וועלכער האָט בעפאָלמעכטיגט די ריכטער און די פּאָליציי־בעאַמטע צו בעזוכען פּריוואַטע קאָרן־שפּייכלער, צו זעהן, וויפיעל קאָרן עס איז דאָרט דאָ, און אין פאַל פון נויט צו ברענגען דעם קאָרן אויפ'ן מאַרק. די דורכפיהרונג פון דיעזע בעפעהלע איז אָבער געווען אָנגעטרויט צו די אַלטע בעאַמטע און — מעהר וועגען דעם איז שוין ניט נויטיג צו רעדען.

דאַן, אין יולי האָט די רעגיערונג אויסגעטהיילט פּרייזען צו די, וועלכע האָבען געבראַכט ווייץ נאָך פּאַריז; אָבער דער אימ־פּאָרטירטער ווייץ איז אין געהיים צוריק אַרויסגעשיקט געוואָרען, כדי ער זאָל קענען צוריק אַריינגעבראַכט ווערען, און מען זאָל קריגען פאַר איהם א צווייטען פּרייז. אין די פּראָווינצען האָבען די מאָנאָפּאָליסטען צוליעב דעם אָבגעקויפט דעם גאַנצען קאָרן. זיי האָבען זאָגאַר אָבגעקויפט די תבואה, וואָס איז נאָך געשטאַנען אויפ'ן פעלד.

אָט דאַן איז עס געווען, ווען מען האָט דערקענט דעם אמת'ען כאַראַקטער פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. זי האָט פערדיענט בעוואונדערונג געוויס, ווען זי האָט געגעבען איהר שבועה אין טעננים קאָורט, אָבער, מעהר פון אַלץ, האָט זי זיך פעסט געהאַלטען ביי איהר מיטעל־קלאַס־שטעלונג אין שייכות צום פאָלק. דעם 4טען יולי, ווען דער בעריכט פון דעם קאָמי־טעט פאַר פאָלקס־ערנעהרונג איז אָבגעגעבען געוואָרען, האָט די פערזאמלונג דיסקוטירט די מיטלען, וואָס מוזען אָנגעווענדעט ווערען, אום צו גאַראַנטירען שפּייז און ארבייט פאַר'ן פאָלק. זיי האָבען גערעדט שטונדען־לאַנג, און געמאַכט פאָרשלעגע אויף

פאַרשלעגנע. פּעטיאָן האָט פאַרגעשלאָגען אַן אַנלייהע, אנדערע האָבען פאַרגעשלאָגען אַ בערעכטיגונג פאַר די פּראָווינץ־פערזאמלונגען אָנצונעהמען די נויטיגע מיטלען, אָבער קיין זאַך איז ניט בעשלאָסען און ניט אונטערנומען געוואָרען. און ווען איינער האָט אויפגעהויבען די פראגע פון די ספּעקולאַנטען און האָט פערדאמט מאנכע פון זיי, איז די גאנצע פערזאמלונג גע־ווען געגען איהם. צוויי טעג שפּעטער, דעם 6טען יולי, האָט באוש ע ערקלערט, אַז מען וויים, ווער עס זיינען די פערברע־כער, און דאָס מען וועט מאכען געגען זיי אַ פאָרמאַלנע בעשול־דיגונג דעם קומענדען טאָג. „אַן אַלגעמיינער שרעק האָט ארומ־געכאַפּט די גאנצע פערזאמלונג", שרייבט גאָרזאַס אין זיין צייטונג „קוריער פון פּאריז און ווערסאַיל", וועלכע ער האָט נור וואָס אָנגעהויבען ארויסצוגעבען. אָבער דער פאָלגענדער טאָג איז געקומען און קיין וואָרט מעהר איז ארויסגערעדט געוואָרען איבער דיעזער אנגעלעגענהייט. זי איז פערשטיקט געוואָרען. פאַר וואָס? אוים מורא — ווי די וויטערע פּאַסירונגען וויזען — אַז עס זאָלען ניט געמאכט ווערען גאַר שטארקע קאָמפּראָמיטי־רענדע ענטדעקונגען.

יעדענפאַלס, אזוי שטארק האָט די פערזאמלונג זיך גע־שראָקען פאַר אַ פאָלקס־אויפשטאנד, דאָס ביי דער געלעגענהייט פון אַ ראַיאָט אין פּאַריז דעם 30סטען יוני, נאָך די פערהאַפטונג פון די עלף סאָלדאטען, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט צו שיסען אויפ'ן פאָלק, האָט די פערזאמלונג געשטימט צו שיקען אַן אדרעס צום קעניג, וואָס איז געווען פערפאַסט אין די העכסט־קנעכטישע פראַזען און וועלכער האָט ערקלעהרט „זיין טיעפע צוגעבונדענ־קייט צו דער קעניגליכער אויטאָריטעט.*)

*) „די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג בעדויערט די אונרוהיגקייטען, וועלכע רעגען איצט אויף פּאַריז... זי וועט שיקען אַ דעפּוטאַציע צום קעניג צו בעטען זיין גענאַד אָנצונעהמען פאַר די צוריק־ברענגונג פון אָרדנונג די אונפעהלבאַרע מיטלען פון רחמנות און פריינדליכקייט, וועלכע זיינען אָנגעבאָרען צו זיין הארץ, צוזאַמען מיט דעם צוטרוי, וועלכען זיין גוט פאָלק וועט אימער פערדיענען".

קליין ווי עס וואָלט געמעגט זיין דער חלק אין רעגיערונג, וואָס דער קעניג וואָלט, ניט פערגינענדיג, בעוויליגט דער מיטעלקלאַס, וואָלט זי דאָך זיך פערזאַמעלט אַרום איהם און געהאָלפען איהם מיט איהר גאַנצער מאַכט פון אָרגאַניזאַציאָן צו האַלטען דאָס פאָלק אונטערדריקט. אָבער — און זאָל דאָס דיענען אַלס ווארנונג אין צוקינפטיגע רעוואָלוציאָנען — אין דעם לעבען פון איינצעלנע, פון פּאַרטייען און זאָגאַר פון אינסטיטוציאָנען, איז דאָ אַ לאָגיק, וועלכע איז איבער די מענשליכע מוחות צו ענדערן. דער קעניגליכער דעספּאָטיזמוס האָט ניט געקענט קומען צו אַן איינפערשטענדניס מיט דער מיטעלקלאַס, וועלכע האָט פון איהם געפאָדערט איהר טהייל אין דער רעגיערונג. ער איז געווען לאָגיש געצוואונגען צו בעקעמפּפען איהר, און איינמאָל האָט זיך די מלחמה אָנגעפאַנגען, האָט דער דעספּאָטיזמוס געמוזט אונטערגעהן און אָבטרעטען זיין פּלאַץ פאַר דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגיערונג — די פאָרמע, וועלכע האָט זיך אַם בעסטען צוגעפּאַסט צו דער הערשאַפט פון דער מיטעלקלאַס. פון דער אַנדערער זייט, האָט דער דעספּאָטיזמוס ניט געקאָנט מאַכען אירגענד וועלכע הנחות פאַר די מיטעלקלאַס, די פּאַרטיי פון פאָלק, און ניט פערראַטהען אין דער זעלבער צייט דעם אַדעל, זיין נאַטירליכען העלפער און שותף. און ער האָט געטהאָן טאַקע דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט צו פערטהיידיגען דעם אַדעל און זיינע פּריווילעגיען, אום צו דערזעהן זיך שפּעטער פערראַטהען פון דיזעלבע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען פּריווילעגירט דורך זייער געבורט.

דערווייל זיינען די ידיעות איבער די פערשווערונגען פון קעניגליכען הויף געקומען פון אַלערליי קוועלען סיי צו די אַנהענגער פון דעם דיוק פון אָרלעאַנס, וועלכע פלעגען זיך צוזאַמענקומען אין מאָנטראָג, און סיי צו די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע פלעגען בעזוכען דעם ברעטאָן קלוב. סאָלדאַטען האָט מען צוזאַמענגעבראַכט אין ווערסאַיל און אויפ'ן וועג פון ווערסאַיל נאָך פּאַריז. אין פּאַריז אַליין האָבען זיי בעזיץ גענומען פון די וויכטיגסטע פּונקטען אין דער ריכטונג פון ווערסאַיל. פינף און דריי־

סיג טויזענד סאָלדאַטען, האָט מען ערקלעהרט, זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דיעזען שטח, און צוואַנציג טויזענד האָבעי נאָך בעדאַרפט צוגעגעבען ווערען צו זיי אין אייניגע טעג שפּע־טער. די פּרינצען און די קעניגין, איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, פּלאַנעווען אויפצולייזען די פערזאַמלונג און צו דערשטיקען פּאַריז אין פאַל פון אַן אויפשטאַנד, צו אַרעסטירען און צו טוידטען ניט נור די הויפּט־פיהרער און דעם דיוק פון אָרלעאַנס, נור אויך יענע מיטגליעדער פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אַזעלכע, ווי מיראַבאָ, מוניע און לאַלי־טאָלענדאַל, וועלכע האָבען געוואונשען צו מאַכען לואי דעם 16טען פאַר אַ קאָנסטיטוציאָ־נעלען מאָנאַרך. צוועלף מיטגליעדער, האָט לאַפאַיעט שפּעטער דערצעהלט, האָבען געזאָלט אויפגעאָפּפערט ווערען. דער באַראָן דע ברעסטעל און מאַרשאַל דע בראָגלי זיינען גערופען געוואָרען אויסצופיהרען דיעזען פּלאַן — ביידע פון זיי פאַלשטענדיג בערייט צו טהאָן עס. „אויב עס איז נויטיג פּאַריז צו פערברענען, וועט פּאַריז פערברענט ווערען", האָט דער ערשטער ערקלעהרט. וואָס אַנבעטרעפט מאַרשאַל דע בראָגליע, האָט ער געשריבען צום פּרינץ דע קאָנדע, דאָס „אַביסעל פולווער וועט באַלד צוטריי־בען דיעזע פּלוידערזעק און וועט אומקעהרען די מאַכט דעם אַבסאָלוטיזמוס, וואָס געהט אויס, אויף דעם פּלאַץ פון דעם רעפּובליקאַנער גייסט, וואָס קומט אריין".

מען דאַרף ניט גלויבען, אַז דיעזע קלאַנגען זיינען געווען פּוסטע מעשות, ווי מאַנכע רעאַקציאָנערע געשיכטס־שרייבער האָבען בעהויפּטעט. דער בריעף פון דער דאַטשעס דע פּאָליגנאַק, אַדרעסירט דעם 12טען יולי צו פּלעסעל, דעם שטאַדט קאָמאַנ־דאַנט, וואָס מען האָט שפּעטער געפונען, און אין וועלכען אַלע פערמישטע פּערזאָנען זיינען דערמאָנט אונטער פערשטעלטע נעמען, איז אַ גענוגענדער בעוויז פאַר די פערשוועהרונג, וואָס איז געפּלאַנעוועט געוואָרען פון הויף פאַר דעם 16טען יולי. אויב עס וואָלט נאָך געקענט זיין אירגענד אַ ספק אין דיעזער אַנגעלעגענהייט, וואָלטען די ווערטער אַדרעסירט צו דומאַריעץ אין קאַיען דעם 10טען יולי פון דער פּירשטין דע בוואוראָן, אין

דער אנוועזנהייט פון 60 טריאומפירענדע אדעל־לייט, געווען גענוג דאָס צו בעווייזען.

— נו, דומאריעץ — האָט די פירשטין געזאָגט, — ווייסט איהר די גרויסע נייעס? אייער פריינד נעקער איז ארויסגעוואָרפען, און דער רעזולטאַט איז, דאָס דער קעניג שטייגט ווידער ארויף אויף זיין טהראָן און די פערזאַמלונג ווערט צוטריבען. אייערע פריינד, די 47, זיינען פונקט אין דיעזען מאָמענט אין דער באַסטיל, אפשר, צוזאַמען מיט מיראבאָ, טיורגאָ און א הונדערט אַנדערע פון דיעזע חוצפה׳דיגע יונגען פון דעם דריטען שטאַנד, און דע בראָגליע איז איצט זיכער מיט זיינע דרייסיג טויזענד מאַן אין פּאַריז. (דומאָריעץ, מעמאָארען).

די פירשטין האָט געהאַט אַ טעות. נעקער איז ניט אַוועק־געשיקט געוואָרען ביז דעם 11טען, און דע בראָגליע איז געווען פּאָרזיכטיג ניט אַריינצוקומען אין פּאַריז.

אָבער וואָס האָט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג דאַן געטהאָן? זי האָט געטהאָן, וואָס פערזאַמלונגען האָבען אימער געטהאָן און וועלען אייביג טהאָן. זי האָט גאָרניט בעשלאָסען. וואָס האָט זי געקענט בעשליסען?

אין דעם זעלבען טאָג, ווען דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט אָנגעהויבען צו רעבעלירען, דאָס הייסט, דעם 8טען יולי, האָט די פערזאַמלונג בעאויפטראַגט ניט קיין אַנדערען, ווי מיראבאָ, דעם פאָלקס־טריבון, מיט דער פערפאַסונג פון אַן אונטערטהע־ניגע ביטע צום קעניג ער זאָל צוריקציהען די סאָלדאַטען, וויל דאָס פאָלק האָט ליעב זיין קעניג און דאַנקט גאָט פאַר די מתנה, וואָס ער האָט זיי געשענקט...

וויפיעל מאָל וועלען אַזעלכע ווערטער און חניפות אדרע־סירט ווערען צום קעניג דורך פאָרשטעהער פון פאָלק אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן? דער פאַקט איז, דאָס די רעוואָלו־ציאָן קען גאָר אין גאַנצען ניט פערשטאַנען ווערען, אויב עס וועלען איגנאָרירט ווערען דיעזע אָפטע אָנשטרענגונגען פון דער זייט פון דעם אייגענטהומס־קלאַס צו געווינען דעם קעניגטהום אויף זיין זייט אלס אַ שוץ געגען פאָלק. אלע די דראַמען, וועלכע

מיר וועלען זעהן שפּעטער זיך אָבשפּיעלען אין 1793, אין דער קאָנוועגשאָן, זיינען שוין געווען ענטהאלטען אין עצם אין דיזער ביטע פון דער נאַציאָנאל־פערזאמלונג, אונטערשריעבען בלויז איינינע טעג פאר דעם 14טען יולי.

עלפטער קאפיטעל.

# פאַריז ערב דעם 14טען יולי.

די רעוואָלוציאָן האָט איהר מיטעלפונקט אין פאַריז, ניט אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. — פאַריז פאַרטיג פאַר אַן אויפשטאַנד. — דיסטריקטען אָרגאַניזירען דאָס פאָלק. — די פערהאַפטונג פון די סאָלדאַטען פון דער „פראַנצויזישער גוואַרדיע". — דער מאַנגעל אין ברויט. — דער צאָרן פון פאָלק וואַקסט. — די ענט־לאַסונג פון נעקער. — קאַמיל דעמאָלין מאַכט אַן אויפרוף צו בעוואַפנונג. — דער קאַמפף פאַנגט אָן. — דער אַלאַרם־גלאָק געקלונגען. — דאָס פאָלק קריגט נאַהרונג און וואַפען. — א „שטענדיגער קאָמיטעט" צונויפגעשטעלט. — די בילדונג פון א נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. — די מיטעלקלאַס מאַכט א פערזוך צוצו־נעהמען די וואַפען פון פאָלק.

---

די אויפמערקזאַמקייט פון די געשיכט־שרייבער ווערט מייסטענס פערנומען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. די פאָר־שטעהער פון פאָלק, פערזאַמעלט אין ווערסאַיל, שיינען צו פער־זאָניפיצירען מיט זיך די רעוואָלוציאָן, און זייערע לעצטע ווער־טער אָדער האַנדלונגען ווערען פערצייכענט מיט א פרומער איבערגעבענהייט. און דאָך איז עס ניט דאָרט, וואו די לײדענ־שאַפטליכע האַרץ פון דער רעוואָלוציאָן האָט געשלאָגען אין דעם משך פון יענע יולי־טעג. אין פאַריז האָט עס דיעזע לײדענשאַפט־ליכע האַרץ געקלאַפט.

אָהן פאַריז, אָהן זיין בעפעלקערונג, איז די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג גאָרניט. ווען די מורא פאַר פאַריז אין אויפשטאַנד

וואָלט ניט אָבגעהאַלטען דעם קעניגליכען הויף, וואָלט די פערזאַמלונג זיכער צוטריבען געוואָרען, ווי דאָס האָט שוין זייט דאַן פּאַסירט אַזוי פיעל מאָל — דעם 18טען ברומעיר און דעצעמבער דעם 2טען אין פראַנקרייך, און אויך ניט לאַנג צוריק אין אונגאַרן און אין רוסלאַנד. געוויס, די דעפּוטאַטען וואָלטען פּראָטעסטירט; קיין ספק, דאָס זיי וואָלטען געהאַלטען מאַנכע פיינע רעדען; און מאַנכע פון זיי וואָלטען אפשר פּרובירט צו ברענגען צו אַן אויפשטאַנד אין די פּראָווינצען. אָבער אָהן אַ פּאָלק, פּערטיג צום אויפשטאַנד; אָהן די פאָרבערייטענדע רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט צווישען די מאַסען; אָהן אַן אויפרוף צום פּאָלק פאַר אַן אויפשטאַנד, וואָס איז געמאַכט געוואָרען דירעקט פון איין מענשען צו אַ צווייטען און ניט דורך מאַניפעסטען, קען אַ רעפּרעזענטאַטיווע פערזאַמלונג זעהר וועניג אויפטהאָן, ווען געגען איהר שטעהט אַ פעסט־געבויטע רעגיערונג, וועלכע ווערט געשטיצט פון איהרע לעגיאָנען פון בעאַמטע און איהר אַרמעע.

גליקליכערווייזע איז פּאַריז געוועזען ערוואַכט. ווערענד די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט געדרעמעלט אין אַן איינגערעדטער זיכערהייט, און דעם 10טען יולי האָט זי נאָך אויפגענומען די דיסקוסיאָן פון דעם פּלאַן פון אַ קאָנסטיטוציאָן, האָט דאָס פּאָלק פון פּאַריז, צו וועמען די מוטהיגסטע און די ווייט־זעהענדסטע פון דער מיטעלקלאַסע האָבען ענדליך אַפּעליערט, זיך פאָרבערייטעט פאַר אַן אויפשטאַנד.

די איינצעלהייטען וועגען דער מיליטערישער פּאָסטקע, וואָס דער קעניגליכער הויף האָט פאָרבערייטעט פאַר דעם 16טען, זיינען געוועזען דער געשפּרעך־געגענשטאַנד אין אַלע גאַסען און געסלעך פון פּאַריז. אַלעס האָט מען געוואוסט, זאָגאַר וועגען דעם קעניג׳ס סטראַשונאַק צוריקצוציהען זיך נאָך ס אָ י ס־כ אָ נ ס, און איבערלאָזען פּאַריז צו דער אַרמעע. און פּאַריז, דיעזער גרויסער גליה־אויווען, האָט זיך אָרגאַניזירט אין זיינע פערשיעדענע סעקציאָנען, אום צו ענטפערען מיט געוואַלט אויף געוואַלט. מען האָט אַפּעליערט צו „די רעבעלישע הילפס־סאָלדאַטען״, מיט וועלכע מיראַבאָ האָט געסטראַשעט דעם קעניג־

ליכען הויף, און אין די פינסטערע וויינ־שענקען פון די הינטער־געסלעך האָבען די פּאַריזער פּראָלעטאַריער דיסקוטירט וועגען די מיטלען „צו רעטען דאָס פאָטערלאַנד“. זיי האָבען זיך בעוואָפענט אַזוי גוט, ווי זיי האָבען געקענט.

הונדערטע פּאַטריאָטישע אַגיטאַטאָרען „אונבעקאַנטע פּערזענליכקייטען“, נאַטירליך, האָבען געטהאָן אַלעס, אום אויפצוהאַלטען די אויפרעגונג, און אום אַרויסצוציהען דאָס פאָלק אויפ׳ן גאַס. פערשיעדענע פייערווערקע, לויט די עדות פון אַרטהור יאָנג, זיינען געוועזן איינע פון די געברויכטע מיטלען. זיי זיינען פערקויפט געוואָרען צו אַ ביליגען פּרייז, און וואו נאָר אַ המון מענשען האָט זיך פערזאַמעלט צו זעהן דעם פייערווערק־ספּעקטאַקעל, פלעגט אימיצער אַן אונבעקאַנטער אָנהויבען ריידען צו זיי וועגען די פערשווערונג פון דעם קעניגליכען הויף. „ווען עס וואָלט פריהער געבוג געווען אַ קאָמפּאַניע שווייצאַרישע סאָלדאַטען, אום צו אונטערדריקען דאָס אַלעס, וואָלט מען איצט דערצו בעדאַרפט אַ גאַנצען פאָלק, וואָס ווערט געקאָמאַנדעוועט פון אַ פעסטען ווילען. נור זאָל נאָך אַ פּאָר וואָכען אַוועקגעהן, און עס וועט נויטיג זיין אַ גאַנצע אַרמעע“, האָט אַרטהור יאָנג ערקלעהרט אין זיין בוך „רייזען אין פראַנקרייך“ ערב דעם 14טען יולי.

און ווירקליך, צו ענדע יוני איז דאָס פאָלק פון פּאַריז געוועזן אין דער העכסטער אויפרעגונג און האָט זיך פאָרבערייטעט צו אַן אויפשטאַנד. אין אָנפאַנג פון מאָנאַט זיינען שוין פאָרגעקומען רייאָטען צוליעב די טהייערקייט פון קאָרן, שרייבט האַרדי, דער ענגלישער בוך־הענדלער; און אויב פּאַריז איז געבליבען רוהיג ביז דעם 25סטען, איז עס געוועזן נור דערפאַר, ווייל ביז דער קעניגליכער זיצונג האָט דאָס פאָלק נאָך אַלץ געהאָפט, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג וועט דאָך עפּעס אויפטהאָן. אָבער זייט דעם 25סטען האָט פּאַריז שוין פערשטאַנען, דאָס עס איז ניט געבליבען קיין אַנדער ברירה אחוץ אַן אויפשטאַנד.

איין פּאַרטיע פּאַריזער האָט אַוועקגעמאַרשירט יענעם טאָג צו ווערסאַיל, פערטיג אָנצוהויבען אַ קאַמפּף מיט די סאָלדאַטען.

אין פּאַריז גופא האָבען זיך געבילדעט גאַנצע חברותות, „פּערטיג צו געהן צו די אויסערסטע גרענעצען", ווי מיר לייענען עס אין די געהיימע בעריכטען אַדרעסירט צום מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, און וועלכע זיינען פערעפענטליכט געוואָרען פון ה אָ ס י ן. „דאָס פאָלק איז געווען אין אַן אויפרוהר די גאַנצע נאַכט, זיי האָבען געמאַכט גרויסע פייערען אין די גאַסען און האָבען אויסגעשאָסען אַ גרויסע צאָהל פייערווערק אין פראַנט פון פּאַלאַס ראָיאַל און פון דעם אָפּיס פון דעם דזשענעראַל־קאָנטראָלער. זיי האָבען געשריען: עס לעבע דער דיוק פון אָרליאַנס!"

דעם זעלבען טאָג, דעם 25סטען, האָבען די סאָלדאַטען פון דער פראַנצויזישער גוואַרדיע פערלאָזען זייערע קאַזאַרמעס, שלינגענדיג ברודערשאַפט און טרינקענדיג מיט'ן פאָלק, וועלכעס האָט זיי געפיהרט איבער די פערשיעדענע שטאָדט־פירטלען, שרייענדיג: „ניעדער מיט די גלחים!"

דערווייל האָבען זיך פערזאַמעלט רעגולאַרנע די „דיסטריקטען" פון פּאַריז, ד. ה. די ערשטע קערפּערשאַפטען פון די וואַהלמענער, בעזאָנדערס די יעניגע פון די אַרבייטער־קוואַרטאַלען, און האָבען אָנגענומען פערשיעדענע מיטלען, ווי אָנצופיהרען דעם וועהר־קאַמפּף אין פּאַריז. די „דיסטריקטען" זיינען געשטאַנען אין פערבינדונג איינע מיט די אַנדערע, און זייערע רעפּרעזענטאַנטען האָבען געמאַכט פיעלע, פיעלע אַנשטרענגונגען צו גרינדען אַן אונאָבהענגיגע מוניסיפּאַלע קערפּערשאַפט. זאָגאַר דעם 25סטען האָט באָנעוויל געמאַכט אַן אויפרוף פאַר בעוואָפנונג צו אַ פערזאַמלונג פון וואַהל־מענער און האָט פאָרגעשלאָגען, אַז זיי זאָלען זיך בילדען אין אַ קאָמונע, ברענגענדיג ראיות פון דער געשיכטע פאַר זיין פאָרשלאָג. דעם פאָלגענדען טאָג, נאָכדעם, ווי די פאָרשטעהער פון די „דיסטריקטען" האָבען געמאַכט אַ פערזאַמלונג אין דעם מוזעאום, ד י ד אָ פ י ן, האָבען זיי ענדליך אריבערגעצויגען אין דעם האָטעל דע וויל, און דעם 1טען יולי האָבען זיי געהאַט זייער צווייטע זיצונג, אַ מינדליכער רעפּאָרט פון וועלכער ווערט איבערגעגעבען פון האָסין. אויף אַזא אופן

האָבען זיי געגרינדעט דעם „שטענדיגען קאָמיטעט“, וועלכען מיר וועלען זעהן האַנדלענדיג דעם 14טען יולי.

דעם 30סטען יוני איז אַן איינפאַכע פּאַסירונג — די פער־האַפטונג פון עלף סאָלדאַטען פון דער פראַנצויזישער גוואַרדיע, וועלכע זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען צו דעם אבבאַי־געפענגניס, ווייל זיי האָבען זיך ענטזאַגט אָנצולאָדען זייערע ביקסען, — געווען גענוג אַרויסצורופען אַן ערנסטען ראַיאָט אין פּאַריז. ווען ל ו ס ט אַ ל אָ, דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „רעוואָלוסיאָן דע פּאַרי“, איז אַרויף אויף אַ שטוהל אין פראָנט פון דער קאַפע פאָאַ אין פּאַלאַס ראָיאַל, און האָט דערצעהלט דעם פערזאַמעלטען עולם וועגען דעם, זיינען פיער טויזענד מענשען גלייך אַוועק צום געפענגניס, און האָבען בעפרייט די אַרעסטירטע סאָלדאַטען. די געפענגניס־וועכטער, זעהענדיג אָנקומען אַזאַ עולם, האָבען בע־גריפען, אַז דאָ וועט זיי ניט העלפען קיין וועהרען־זיך, און האָבען זיי איבערגעגעבען די געפאַנגענע; און די דראַגונער, רייטענדיג אין פולען גאַלאָפּ, אום צו מאַכען אַ שחיטה צווישען עולם, האָבען זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט, האָבען אַריינגעטהאָן די סאַבליעס אין די שיידען און האָבען געשלאָסען ברודערשאַפט מיט דער מאַסע. אַ שוידער האָט אַרומגעכאַפּט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, ווען זי האָט זיך אויף מאָרגען דערוואוסט פון דיעזער פערברידערונג צווישען די סאָלדאַטען און די רעבעלען. „זיינען מיר די טריבונען פון אַ פאָלק פון רעבעלען?“ האָבען דיעזע העררען געפרעגט איינער דעם צווייטען.

אָבער דער אויפשטאַנד האָט שוין געהאַלטען אין וואַקסען אויך אין די קליינע שטעדטלעך אַרום פּאַריז. אין נ אַ נ ג י האָט דער עולם ענטזאַגט זיך צו בעצאָהלען די טעקסעס, אַזוי לאַנג, ווי זיי זיינען ניט פעסט־געשטעלט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמ־לונג; און אַזוי ווי עס איז געווען אַ מאַנגעל אין ברויט (בלויז צוויי בושעלס ווייצען זיינען פערקויפט געוואָרען צו יעדען קונה) און דאָס פאָלק איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, איז דער מאַרק געווען אַרומגערינגעלט פון דראַגונער. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, זיינען אין נאַנגי און אין פיעלע אַנדערע פלעצער פאָרגע־

קומען ראיאַטען. „דאָס פאָלק קריעגט זיך מיט'ן בעקער", דער־צעהלט יאַנג, „און דאַן לויפען זיי אוועק מיט דעם ברויט און וויצען, גאַר ניט בעצאָהלענדיג דערפאַר".

די צייטונג „מערקור דע פראַנס" דערמאָנט איינינע פער־זוכען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין איינינע פלעצער, בעזאָנדערס אין סאַן קווענטין, אום אָבצושניידען די תבואה, וואָס איז נאָך גאָר ניט צייטיג געווען. אַזוי גרויס איז געווען דער מאַנגעל.

אין פאַריז, דעם 30סטען יוני, האָבען שוין די פאַטריאָטען געלאָזט זיך איינשרייבען אין קאַפע דע קאָוואָ צום אויפשטאַנד, און ווען זיי האָבען געהערט דעם פאָלגענדען טאָג, דאָס בראָגליע האַט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע, האָבען זיי אָפען ערקלעהרט דורך פלאַקאַרדען, אַז „זאָלען די סאָלדאַטען ארויסלאָזען איין־און־איינציגען שאָס, וועלען זיי אַלעס פערברע־נען און פערניכטען". „פיעלע אַנדערע זאַכען, און נאָך פיעל שטאַרקערע ווי דיעזע, זיינען געזאָגט געוואָרען", איז מוסיף דער אָפיציעלער רעפאָרט. „קלוגע מענשען האָבען מורא צו ווייזען זיך אויפ'ן גאַס".

דעם 2טען יולי איז דער צאָרן פון דער בעפעלקערונג אויס־געבראָכען געגען דעם גראַף ד'ארטאַי און פאָלינאַק. מען האָט גערעדט פון טוידטען זיי און פערניכטען זייערע פאַלאַצען. מען האָט גערעדט פון פערכאַפּען די קאַנאָנען, וואָס זיינען געווען פערטהיילט איבער פאַריז. די מאַסען אין די גאַסען פון פאַריז זיינען געוואָרען גרעסער, און דער צאָרן פון פאָלק אונבעגרייפליך, דערצעהלען דיעזע רעפאָרטען. „דעמזעלבען טאָג", שרייבט האַרדי, דער בוך־הענדלער, אין זיין זשורנאַל, „האָט אַ דערצאָרנ־טע מאַסע געהאַלטען דערביי אוועקצומאַרשירען פון פאַלאַס ראָיאַל, און ראַטעווען די מיטגליעדער פון דריטען שטאַנד, וועלכע, מען האָט געזאָגט, זיינען אין געפאַהר ערמאָרדעט צו ווערען פון די אַריסטאָקראַטען". דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען ריידען פון צו פערכאַפּען די וואַפען אין דעם האָטעל דע אינוואַליד.

דער גרויסער פּאָלקס־צאָרן, אַרויסגערופען דורך דעם הונגער, האָט געהאַלטען שריט מיט דעם צאָרן געגען דעם קעניג־ליכען הויף. דערפאַר, דעם 4טען און 6טען יולי, האָט מען געמוזט אַרויסשיקען פּאַרטיעס סאָלדאַטען פון דער פראַנצויזישער גוואַרדיע, אום צו פּאַטרולירען די גאַסען און אויפּפּאַסען אויף די פערטהיילונג פון ברויט. דעם 8טען יולי איז אַ פּאָרשפּיעל צום אויפשטאַנד פּאָרגעקומען אין פּאַריז גופא, אין דעם לאַגער פון די צוואַנציג טויזענד אַרבייטסלאָזע אַרבייטער, בעשעפטיגט פון דער רעגיערונג, אַלס גאַסען־פּלאַסטערער אין מאָנמאַרטה. 2 טעג שפּעטער, דעם 10טען, האָט שוין בלוט געפלאָסען, און דעם זעלבען טאָג האָבען זיי אָנגעהויבען אונטערצינדען די ראָגאַט־קעס. די ראָגאַטקע אין שאָסע ד'אַנטין איז פערברענט געוואָרען, און דאָס פּאָלק האָט זיך בענוצט דערמיט אַריינלאָזענדיג פער־שיעדענע פּראָוויזיעס און ווייִן פריי פון אַלערליי שטייערען.

וואָלט קאַמיל דעמאָלין דען געמאַכט זיין אויפרוף צו בע־וואַפנונג דעם 12טען, ווען ער וואָלט ניט זיכער געווען, אַז דאָס פּאָלק וועט זיך צוהערען צו איהם; ווען ער וואָלט ניט געוואוסט, אַז פּאַריז איז שוין אין אויפשטאַנד, און דאָס שוין מיט 12 טעג פריהער האָט לוסטאַלאָ אויפגערעגט אַ מאַסע מענשען צום האַנדלען וועגען אַ זאַך, וואָס איז פיעל וועניגער וויכטיג, און דאָס פּאַריז און די געגענדען אַרום פּאַריז האָבען זאָגאַר שוין דאַן געוואַרט נור אויף אַ סיגנאַל פון וועמען־עס־איז אָנצופאַנגען, אום עס זאָל זיך פונאַנדערפלאַקערען דער אויפשטאַנד?

די אונגעדולד פון די פּרינצען, וועלכע זיינען געווען זיכער מיט אַן ערפאָלג, האָט געמאַכט, אַז דער שטאַאַט־שטרייך, וואָס איז געווען געפּלאַנעוועט פאַר דעם 16טען, זאָל פּאָרגענומען ווערען מיט אייניגע טעג פריהער, און דער קעניג איז געווען געצוואונגען צו האַנדלען נאָך איידער עס איז אָנגעקומען די פערשטאַרקונג פאַר די סאָלדאַטען אין ווערסאַיל.

נעקער איז אָבגעזאָגט געוואָרען דעם 11טען; דער גראַף ד'אַרטאָי האָט געטרייסעלט זיין פויסט אין דעם מיניסטער'ס פּנים, ווען ער איז אַריין אין דעם בעראַטהונגס־צימער פון די

מיניסטאָרען; און דער קעניג, מיט זיין געוועהנליכער צבוע׳צסטווע, האָט זיך געמאַכט כלומרשט ווי גאָר ניט וויסענדיג וועגען דעם, כאָטש ער האָט שוין דאָן אונטערגעשריעבען זיין ענטלאַסונג. נעקער האָט זיך אונטערוואָרפען זיין הערר׳ס בעפעהל, ניט אויסרייידענדיג קיין וואָרט. ער איז זאָגאר איהם אנטקעגען געקומען אין זיינע פּלענער, און האָט אזוי איינגעאָר־דענט זיין אָברייזע נאָך ברוסעל, אז מען זאָל עס ניט בעמערקען אין ווערסאַיל.

פּאַריז האָט זיך ערשט דערוואוסט וועגען דעם פּאָל־גענדען טאָג נאָכמיטאָג, זונטאָג, דעם 12טען. יעדער איינער האָט ערוואַרטעט דיעזע ענטלאַסונג, וועלכע איז עס געווען דער אָנפאַנג פון דעם שטאַאַט־שטרייך. דאָס פאָלק האָט געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען די ווערטער פון דעם דיוק בראָגליע, וועלכער, מיט זיינע דרייסיג טויזענד סאָלדאַטען, פערזאַמעלט צווישען פּאַריז און ווערסאַיל, „איז געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר פּאַריז“, און אזוי ווי פינסטערע קלאַנגען האָבען שוין צירקולירט דעם גאַנצען פריהמאָרגען וועגען די מענשען-הריגות, וואָס ווערען געפּלאַנעוועט פון דער רעגיערונג, איז דער גאַנצער רעוואָלוציאָ־נערער פּאַריז געלאָפען צום פּאַלאַס ראָיאַל. פונקט דאָן איז אָנגע־קומען דער קוריער, ברענגענדיג די נייעס פון נעקער׳ס פּערשי־קונג. די רעגיערונג האָט אלזאָ בעשלאָסען אָנצופאַנגען דעם קריעג... דאָן איז קאַמיל דעמאָלין ארויסגעקומען פון איינעם פון די קאַפעס פון פּאַלאַס ראָיאַל, פון דעם קאַפע פאָאַ, מיט א שווערד אין איין האנד און מיט א פּיסטאָלעט אין דער צווייטער, איז ארויף אויף א שטוהל, און האָט געמאַכט זיין בעקאַנטען אויפרוף צו בעוואַפענען זיך. אָבברעכענדיג א צווייג פון א בוים, האָט ער געמאַכט, ווי בעקאַנט, דעם גרינעם בלאַט, אלס דעם בעדזש, אלס דעם בונד־צייכען. און זיין געשריי: „עס איז ניטאָ קיין מינוט צו פערלירען, שנעל נעהמט זיך צו די וואַפען“, האָט זיך פערשפּרייט דורך די גאַסען פון פּאַריז.

צו נאָכמיטאָג צו איז א גרויסע פּראָצעסיאָן, טראָגענדיג די ביוסטען פון דעם דיוק פון אָרליאַנס און נעקער, איינגעוויקעלט

אין שווארצע טול (מען האָט גערעדט, אַז אויך דער דיוק פון אָרליאַנס איז פערשיקט געוואָרען) דורכגעגאַנגען דעם ראָיאַל פּאַלאַס, איבער די רישעליאָ און האָט זיך געווענדעט צו דעם פּלאַס לואי 15טען (איצט פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד), וועלכער איז געווען בעזעצט מיט סאָלדאַטען — שווייצאַרישע, פראַנצויזישע אינפאַנטעריע, הוזאַרען און דראַגונער — אונטער דער פיהרער־שאַפט פון מארקיז דע בעזענוואַל. די סאָלדאַטען האָבען זיך באַלד געפונען אַרומגערינגעלט פון פאָלק. זיי האָבען פּרובירט זיי צוריקהאַלטען מיט זייערע סאַבליעס, און געשטאָכען אין זיי; זיי האָבען זאָגאַר געשאָסען אויף זיי; אָבער פאַר אַזאַ גרויסע מאַסע, וועלכע האָט זיך געשטופּט און געשטויסען, אַריינדריי־קענדיג זיך און צוברעכענדיג זייערע רייהען פון אַלע זייטען, זיינען די סאָלדאַטען געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען. פון אַנדערע קוועלען דערוויסען מיר זיך, דאָס די פראַנצויזישע גוואַרדיע האָט אויסגעשאָסען אַ פּאָר מאָל אויף דעם „קעניגליך דייטשען" פאָלק, וואָס איז געשטאַנען פעסט ביין קעניג, און דאָס די שווייצאַרישע האָבען זיך ענטזאָגט צו שיסען אויפ'ן פאָלק. בעזענוואַל, וועלכער האָט הפנים ניט געהאַט קיין גרויסען צוטרוי צום קעניגליכען הויף, האָט זיך צוריקגעצויגען פאַר דעם גרויסען פאָלקס־שטראָם און האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אויף דעם שאַמפּ־דע־מאַרס.*)

*) „די פראַנצויזישע גוואַרדיע, זייענדיג אויף דער זייט פון דער בעפעלקערונג, האָט געשאָסען אויף אַן אָבטהיילונג פון דעם קעניגליך־דייטשען רעגימענט, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף דעם בולוואַר אונטער מיינע פענסטער. צוויי מענער און צוויי פערד זיינען געטוידטעט געוואָרען", האָט געשריבען סימאָלין, דער אַמבאַ־סאַדאָר פון יעקאַטערינע דער צווייטער אין פּאַריז, צו דעם קאַנצלער אָסטערמאַן, דעם 13טען יולי. און ער האָט נאָך צוגעלעגט: „נעכטען און אַ טאָג פריהער האָט מען פערברענט די באַריערע בלאַנשע און די פון דעם פאָבורג פּאָיסאָניער". (קאָנשע, בריעף פון לואי דעם 16טען, זייטע 223).

אזוי האָט זיך אָנגעפאנגען דער קאמפף. אָבער וואָס וואָלט געווען דער ענדליכער רעזולטאט, אויב די סאָלדאטען, וואָס זיינען נאָך געבליבען טריי צום קעניג, וואָלטען ערהאלטען א בעפעהל צו געהן אויף פאריז? אין אזא פאל האָבען די מיטעלקלאסען בעשלאָסען אָנצונעהמען, מיט א געפיהל פון פערדרוס, דעם סאמע עקסטרעמען מיטעל, דעם צורוף צום פאָלק. דער אלארם־גלאָק איז געקלונגען געוואָרען דורך גאנץ פאריז, און די פאָבורגען האָבען אָנגעהויבען צו שמיעדען שפיזען. *)

ביסלעכווייז האָבען בעוואפענטע מענער אָנגעהויבען ווייזען זיך אין די גאסען. דורך די גאנצע נאכט האָבען מענער פון פאָלק געצוואונגען די פערבייגעהער צו געבען זיי געלד צו קויפען פול־ווער. די ראָגאטקעס זיינען געווען אין פלאמען. אלע טהויערען אויפ'ן רעכטען ברעג פון דעם פאָבורג סאן אנטוען ביז צום טהויער סט. האָנאָר, ווי אויך די טהויערען ביין סאן מארסעל און סאן דזשען זיינען פערברענט געוואָרען, און אלערליי נאהרונגס־מיטלען און וויין זיינען אריין פריי אין פאריז. די גאנצע נאכט האָט דער אלארם־גלאָק געקלונגען און די מיטעלקלאסען האָבען געציטערט פאר זייערע רייכטהימער, ווייל מענשען, בעוואפענט מיט פיקעס און האמערס, האָבען זיך פערשפרייט איבער יעדען פערטעל און האָבען אויסגערויבט די הייזער פון מאנכע מאָנאָ־פאָליסטען, וועלכע זיינען געווען בעקאנט אלס די שונאים פון פאָלק, און קלאפענדיג אין די טהירען פון די רייכע, האָבען זיי געפאָדערט געלד און וואפען.

דעם פאָלגענדען טאָג, דעם 13טען, איז דאָס פאָלק אוועק־געגאנגען פריהער פון אלץ צו יענע פלעצער, וואו עס איז געווען נאהרונג. זיי האָבען אטאקירט דעם מאָנאסטיר סאן לאזאר מיט דעם געשריי: „ברויט! ברויט!“ צוויי און פופציג וועגען אָנגע־לאָדען מיט מעהל, אָנשטאָט זיי אויסצוליידיגען גלייך אויפ'ן

---

*) פון דיעזע „זיינען 50 טויזענד ווי אויך אנדערע אלע סאָרטען קליינע וואפען געמאכט געוואָרען אויף דעם חשבון פון שטאָדט“, דערצעהלט ד ו ס א י ל.

פלאַץ, זיינען געשלעפּט געוואָרען צו די מאַרק־האַלען, כדי דאָס עסען זאָל קענען אָנקומען צו יעדען, וואָס איז הונגעריג. אויף צו דיעזע מאַרק־האַלען האָט דאָס פאָלק געשיקט די אַלע נאַהרונגס־מיטעל, וואָס זיינען אַריינגעלאָזען געוואָרען אין פּאַריז פריי פון שטייער. *)

צו דער זעלבער צייט האָט דאָס פאָלק זיך בעמעכטיגט איבער דעם געפענגניס לאַ פאָרס, וואו די בעלי־חובות זיינען געוועזן פערשפּאַרט, און די בעפרייטע זיינען אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטאָדט, דאַנקענדיג. אָבער אַן אויסברוך אין דעם גע־פענגניס שאַטעל איז דערשטיקט געוואָרען, ווי עס ווייזט אויס, דורך מאַנכע פיהרער פון דער מיטעלקלאַס, וועלכע האָט זיך בעוואַפענט אין ברענענדער איילעניש און האָט שוין בעוואַכט די גאַסען.

אַרום אַ זייגער זעקס איז שוין געבילדעט געוואָרען די מיטעלקלאַס־מיליץ, און האָט מאַרשירט צום האָטעל דע וויל, און אַרום צעהן, דערצעהלט האַסין, איז זי שוין געוועזן אויף איהר פּאָסטען און האָט געטהאָן איהר פפליכט.

דער געשיכט־שרייבער טעין און זיינע נאָכפאָלגער, טרייע ווידערקלאַנגען פון דער מורא פון דער מיטעלקלאַס, ווילען אונז מאַכען גלויבען, דאָס דעם 13טען איז פּאַריז געוועזן אין די הענד פון גנבים. אָבער דיעזע בעהויפּטונג ווערט ווידערשפּראָכען פון אַלע עדות פון יענער צייט. געוויס זיינען געוועזן פערבייגעהער, וואָס זיינען פערהאַלטען געוואָרען פון מענשען מיט פּיקעס,

---

*) פון אַלע טהיילען לאַנד זיינען צוגעקומען צום האָטעל דע וויל אַן אונענדליכע צאָהל פון פוהרען, קאַטשען, האָבען זיך אָבגע־שטעלט ביי די טהויערען פון שטאָדט און אָנגעלאָדען מיט אַלע סאָרטען פון געשיר, און אַנדערע נויטיגע זאַכען, ווי מעבעל, עסענוואַרג און ז. וו. דאָס פאָלק, וועלכעס האָט נור פערלאַנגט וואַפען און אַמוניציע... איז געקומען צו אונז מאַסענווייז, און איז געוואָרען יעדע מינוט אַלץ מעהר פאָדערענדיג", דערצעהלט ד׳סאַול דעם 13טען יולי אין זיינע מעמאָארען וועגען די איינעהמונג פון דער באַסטיל.

וועלכע האָבען געפאָדערט געלד, אום צו קריגען וואַפען; און עס זיינען אויך געווען אין די נעכט צווישען דעם 12טען און 14טען יולי בעוואַפענטע מענשען, וועלכע האָבען אָנגעקלאַפּט אין די טהירען פון די רייכע און פערלאַנגט עסען און טרינקען אָדער וואַפען און געלד. עס ווערט אויך בעהויפּטעט, אַז עס זיינען געמאַכט געוואָרען פערזוכען צו רויבען; צוויי גלויב־ווירדיגע עדות דערצעהלען אויך פון פערזאָנען, וועלכע זיינען הינגעריכטעט געוואָרען ביינאַכט, צווישען דעם 13טען און 15טען, פאַר אַזאַ סאָרט פערזוך *), אבער מען איבערטרייבט פאָרט דאָ, ווי איבעראַל.

צי די היינטיגע מיטעלקלאַס רעפּובליקאַנער גלייבען עס, צי ניט, זיכער איז, דאָס די רעוואָלוציאָנערען פון 1789 האָבען אַפּעלירט צו די „רעבעלישע הילפס־סאָלדאַטען“, מיט וועלכע מיראַבאָ האָט געסטראַשעט די רעגיערונג. זיי זיינען אַוועק אין די אָרימסטע, פינסטערסטע פּלעצער אויסערען שטאָדט צו געפינען זיי. און זיי זיינען געווען גאַנץ גערעכט, האַנדלענדיג אַזוי, ווייל,

*) די אויסציגע, וועלכע זשול פלאַמערמאָנט גיט אין זיין ווערק וועגען דעם 14טען יולי, זיינען גאַנץ ענטשיידענד אין דיעזער אַנגעלעגענהייט — פיעל מעהר ענטשיידענד, ווי זיין טעקסט, וועלכער שיינט אונז צו זיין ווידערשפּרעכענד ביז צו אַ געוויסען גראַד.

„נאָכמיטאָג“, דערצעהלט דער גראַף דע סאַלמור, „האָט די גוואַרדיע פון דער מיטעלקלאַס, וועלכע האָט זיך שוין געבילדעט, אָנגעהויבען צוצונעהמען די וואַפען ביי אַלערליי וואַגאַבונדען. דאָס זיינען געווען זיי און די בעוואַפענטע מיטעלקלאַס־מענשען, וועלכע האָבען מיט זייער וואַכזאַמקייט ווידער גערעטעט פּאַריז יענע נאַכט... די נאַכט איז פערבייגעגאַנגען רוהיג און מיט פיעל אָרדנונג: גנבים און טרעמפּס זיינען אַרעסטירט געוואָרען און פאַר מעהר ערנסטע פערברעכענס זיינען זיי אויפגעהאַנגען געוואָרען אויפ׳ן שטעל“. (בריעף פון דעם גראַף דע סאַלמור, דאַטירט יולי 10, 1789, אין די אַרכיווען פון דרעזדען).

דער פאָלגענדער זאַץ פון אַ בריעף פון ד ר. ר י ג ב י, וועלכען הערר פלאַמערמאָנט גיט אַלס בעמערקונג, דערצעהלט דיזעלבע זאַך: „ווען די

אויב עס זיינען געווען אפילו אייניגע פעלע פון רויבעריי, האָבען די מייסטע פון דיעזע „רעבעלישע“ העלפער, פערשטעהענדיג די ערנסטקייט פון דער לאַגע, געשטעלט זייערע וואַפען אין דיענסט פון דער אַלגעמיינער זאַך, פיעל מעהר, וויפיעל זיי האָבען זיי געברויכט, אום צו בעפריעדיגען זייערע פערזענליכע געפיהלען פון האַס, אָדער אום לייכטער צו מאַכען זייער אייגענעם עלענד.

עס איז יעדענפאַלס זיכער, דאָס פעלע פון רויבעריי זיינען געווען העכסט זעלטען. אומגעקעהרט, דער גייסט פון די בעוואַפענטע מאַסען איז געוואָרען זעהר ערנסט, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט פון דעם קריעג צווישען די סאָלדאַטען און די מיטעל־קלאַסען. די מענער מיט די פיקעס האָבען, ווי עס ווייזט אויס, בעטראַכט זיך, אַלס די פערטהיידיגער פון דער שטאָדט, אויף וועלכע אַ שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט איז געלעגען. מארמאָנטעל, אַן אויסגעשפראָכענער פיינד פון דער רעוואָלוציאָן, בעמערקט פון דעסטוועגען דיעזען אינטערעסאַנטען שטריך. „די גנבים אַליין, בעהערשט פון דעם אַלגעמיינעם טעראָר (?) האָבען ניט בעגאַנגען קיינע פערברעכענס. נור די אייזען־קראָמען זיינען

---

נאַכט איז אָנגעקומען, האָט מען געזעהן זעהר ווייניג מענשען פון דעם סאָרט, וועלכען מען האָט געזעהן אַ נאַכט פריהער. מאַנכע אָבער האָבען זיך ענטזאַגט אָבצוגעבען זייערע וואַפען און אין לויף פון דער נאַכט האָבען זיי בעוויזען, ווי גערעכט עס זיינען געווען די פערדעכטיגונגען פון די איינוואוינער געגען זיי, ווייל זיי האָבען אָנגעהויבען צו רויבען; אָבער עס איז געווען צו שפּעט פאַר זיי צו קענען עס טהאָן אונבעשטראָפט. זיי זיינען באַלד ענטדעקט און געכאַפּט געוואָרען, און דעם פאָלגענדען פריהמאָרגען האָט מען אונז דערצעהלט, זיינען מאַנכע פון דיעזע אונגליקליכע, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרען ביין סאַמע פערברעכען, היגגעריכטעט געוואָרען“. (דר. ריגבי'ס בריעף, זייטען 17—56). לעזענדיג דיעזעס, גיבען מיר צו, אַז עס איז דאָ אַ געוויסע וואַהרהייט אין די עדות פון מאָרעללעט, לויט וועלכען „אין דער נאַכט צווישען דעם 13טען און 14טען זיינען מאַנכע שלעכטע טהאַטען בעגאַנגען געוואָרען געגען פערזאָנען און אייגענטהום“.

איינגעבראָכען געוואָרען, און נור וואפען זיינען גע'גנב'עט גע־וואָרען", דערצעהלט ער אין זיינע מעמאָארען. און ווען די מענשען האָבען געבראַכט צושלעפען די קאָטש פון דעם פרינץ דע ל א מ ב ע ס ק צו דעם פּלאַץ דע לאַ גרעוו צו פערברענען עס, האָבען זיי צוריקגעשיקט דעם קאסטען און אַלעס, וואָס זיי האָבען געפונען דאָרט, צום האָטעל דע וויל. אין דעם לאַזאַר מאַנאסטיר האָבען די מענשען ענטזאגט זיך צו נעהמען געלד און זיי האָבען גענומען בלויז מעהל, וואפען און וויין, וואָס זיי האָבען אַלעס געבראַכט צום פּלאַס דע לאַ גרעוו. „קיין זאַך איז ניט אָנגעריהרט געוואָרען יענעם טאָג, ניט אין דער טרעזשורי און ניט אין דער באַנק", בעמערקט דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין זיין רעפּאָרט.

וואָס עס איז יאָ גאַנץ ריכטיג, איז די מורא, וואָס די מיטעל־קלאַסען האָבען געפיהלט ביים אָנבליק פון דיעזע מענער און פרויען, אָבגעריסענע, אויסגעדאַרטע פון הונגער און בעוואפענט מיט קלאָבס און פּיקעס פון „אַלערליי פאָרמען"! דער שרעק, ארויסגערופען דורך דיעזע געשפּענסטער פון הונגער, אָנפילענדיג די גאסען, איז געוועזען אַזעלכער, דאָס די מיטעלקלאסען האָבען איהם בשום אופן ניט געקאָנט בייקומען. שפּעטער, אין 1791 און אין 1792, האָבען זאָגאר די צווישען זיי, וואָס האָבען געוואָלט מאכען אַ סוף צום קעניגטהום, בעסער אויסגעקליבען די רעאַק־ציאָן, איידער צו זיין געצוואונגען צו מאכען אַ פרישען אויפרוף צו אַ פאָלקס־רעוואָלוציאָן. די עראינערונג אָן דיעזע פערהונגערטע מענשען, אָנפילענדיג די גאסען, אויף וועלכע זיי האָבען געכאַפּט אַ בליק יולי דעם 12טען, 13טען און 14טען, האָט זיי פערפאָלגט.

„וואפען!" דאָס איז געוועזען דער געשריי פון פאָלק נאָך דעם, ווי עס האָט געקראָגען אַ שטיקעל ברויט. זיי האָבען זיי געזוכט איבעראַל, און ערגעץ ניט געפינענדיג זיי, וועהרענד טאָג און נאכט זיינען געשמידט געוואָרען אין די הינטער־געסלעך פּיקעס פון יעדער פאָרמע און פון אירגענד וועלכען אייזען, וואָס איז נור געקומען צו דער האַנד.

די מיטעלקלאסען האָבען דערווייל, ניט פערלירענדיג אַ

רגע, פעסטגעשטעלט זייער עקזעקוטיווע מאַכט אין דער מוניסי־פאַליטעט אין האָטעל דע וויל און זיי האָבען אויך געבילדעט זייער מיליץ.

מיר ווייסען, דאָס די וואַהלען צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמ־לונג זיינען געווען אינדירעקטע. אָבער, ווען די וואַהלען זיינען געווען פאָראיבער, האָבען די וואַהל־מענער פון דריטען שטאַנד, צו וועלכע עס זיינען צוגעגעבען געוואָרען מאַנכע פון די וואַהל־מענער פון פריסטער־שטאַנד און אדעל, אָנגעהאַלטען זייערע פער־זאַמלונגען אין האָטעל דע וויל, זייט דעם 27טען יוני, מיט דער הסכמה פון דעם שטאָדט־ראַטה און „די מיניסטאָרען פון פּאַריז“. אָט איצט האָבען דיעזע וואַהל־מענער גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו אָרגאַניזירען די מיטעלקלאַס־מיליץ. מיר האָבען זיי שוין געזעהן האָבענדיג זייער צווייטע זיצונג דעם ערשטען יולי.

דעם 12טען יולי האָבען זיי געגרינדעט א „שטענדיגען קאָמיטעט“, מיט דעם פאָרשטעהער פון די געשעפטס־לייט, הערר פלעססעלס, אלס פרעזידענט, און זיי האָבען בעשלאָסען, דאָס יעדער פון די 60 דיסטריקטען זאָל אויסקלייבען 200 גוט־בעקאַנטע בירגער, פעהיגע צו טראָגען וואַפען, וועלכע זאָלען בילדען א קערפערשאַפט פון מיליץ, וואָס זאָל צעהלען צוועלף־טויזענד מענער, אום אויפצופּאַסען אויף די עפענטליכע זיכער־הייט. דיעזע מיליץ האָט בעדאַרפט פערגרעסערט ווערען אין דעם משך פון 4 טעג צו א צאָהל פון 48 טויזענד. דערווייל האָט דיעזער קאָמיטעט פרובירט צונעהמען די וואַפען פון פאָלק.

אויף אזא אופן, זאָגט לואי בלאַן גאַנץ ריכטיג, האָבען די מיטעלקלאַסען געקראָגען פאַר זיך א פרעטאָריאַנער־גוואַרדיע פון 12 טויזענד מענשען, און אויף די געפאַהר צו אונטערשטיצען די רעגיערונג, האָבען זיי געוואָלט צונעהמען די וואַפען ביים פאָלק.

אָנשטאָט דעם גרינעם בונדעס־צייכען פון די פריהערדיגע טעג, האָט דיעזע מיליץ געהאַט איצט צו טראָגען די רויטע און בלויע קאָקאַרדע, און דער שטענדיגער קאָמיטעט האָט אָנגענומען מיטלען צו שטערען דעם פאָלק, וועלכעם האָט זיך אַליין בעוואַ־

פענט, אריינצוגעהן אין די רייהען פון דיזער מיליץ. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס אירגענד־וועלכער מיט וואפען און טראָגענדיג די בלוי־רויטע קאָקארדע, וואָס זאָל זיך ניט האָבען איינגעשריבען אין איינעם פון די דיסטריקטען, מוז געבראַכט ווערען צום געריכט פאר דיזען קאָמיטעט. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דיזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז נאָמינירט געוואָרען פון דעם „שטענדיגען קאָמיטעט" אין דער נאַכט פון יולי דעם 13טען און 14טען; ער איז געווען אַ אַריסטאָקראַט, דער דיוק ד'אָמאָנט. אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָננעהמען דיזען פּאָסטען, און אַ אַנדער נאָבעלמאַן, דער מארקיז דע לא סאַל, וועלכער איז געווען נאָמינירט אַלס דער צווייטער אין טשין, האָט פערנומען זיין פּלאַץ.

אין קורצען, וועהרענד דאָס פאָלק האָט געשמידט שפּיזען און האָט זיך בעוואפענט; וועהרענד דאָס פאָלק האָט אָנגענומען אַלערליי מיטעל ניט צו דערלאָזען, אַז די אַמוניציאָן זאָל ארויסגעפיהרט ווערען פון פּאַריז; וועהרענד דאָס פאָלק האָט פערכאַפּט די נאַהרונגס־מיטעל און געשיקט זיי צו די מארק־פּלעצער; וועהרענד דעם 14טען האָט דאָס פאָלק געבויט באַריקאַדען, אום צו שטערען די סאָלדאַטען אריינצודרינגען אין פּאַריז, און האָט זיך בעמעכטיגט איבער די וואפען פון האָטעל דע אינוואַלידס און האָט מארשירט אין זיין גאַנצער מאַכט צו דער באַסטיל און געצוואונגען איהר זיך אונטערצוגעבען — וועהרענד דאָס אַלעס האָט געטהאָן דאָס פאָלק, האָבען די מיטעלקלאַסען אַם מייסטען געזאָרגט און געטראַכט וועגען די מיטלען, ווי נור צו בעהאַלטען די ערשט־געוואונענע מאַכט אין זייערע הענד. זיי האָבען געבילדעט די מיטעלקלאַס־קאָמונע פון פּאַריז, וועלכע האָט זיך געמאַטערט איינצוהאַמעווען די פאָלקס־בעוועגונג, און אָן דער שפּיצע פון דיזער קאָמונע האָבען זיי אָוועקגעשטעלט הערר פלעססעל, דעם פּאָרשטעהער פון די געשעפטס־לייט, וועלכער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט דער דאָטשעס דע פּאָלינאַק וועגען דער אונטערדריקונג פונ'ם אויפשטאַנד אין פּאַריז. מיר ווייסען עס, אַלס אַ פּאַקט, דאָס דעם 13טען, ווען דאָס פאָלק איז געגאַנגען צו פלעס־

סעל'ן נאָך וואפען, האָט ער זיי געשיקט קאסטענס, אין וועלכע עס איז געלעגען אלטע שמאטעס, אָנשטאָט ביקסען, און דעם פאָלגענדען טאָג האָט ער אָנגעווענדעט זיין גאנצען איינפלוס צו שטערען דעם פאָלק פון איינצונעהמען די באסטיל.

אזוי האָט זיך אָנגעפאנגען פון דער זייט פון די ביטרע מיטעלקלאס־פיהרער דער סיסטעם פון פעררעטה צו דער רעוואָ־לוציאָן, וועלכער, ווי מיר וועלען זעהן, האָט זיך אזוי שטארק ענטוויקעלט אין דעם משך פון די איניגע נאָכפאָלגענדע יאָהרען.

## צוועלפטער קאפיטעל.

# די ערָאבערונג פון דער באַסטיל.

„צו דער באַסטיל!" — די וויכטיגקייט פון דער באַסטיל. — דעם פאָלק'ס האַס געגען די געפענגניסע אין אלגעמיין. — ביקסען ווערען גענומען פון האָטעל דע אינוואַלידס. — דעפּוטאַציעס געשיקט צו גראף דע לאָוני. — דער אָנהויב פון דער אַטאַקע אויף דער באַסטיל. — די פערטהיידיגער פון דער באַסטיל שיסען אויפ'ן פאָלק. — אַ צווייטע דעפּוטאַציע ווערט געשיקט. — דאָס שיסען האַלט אָן. — עס קומען קאַנאָנען פאַר'ן פאָלק. — דער גאַרריזאָן גיט זיך אונטער. — דער טוידט פון דע לאָוני און פלעססעלס. — דער ערשטער זיעג פון פאָלק.

---

שוין פון סאמע פריהמאָרגען פון דעם 14טען יולי איז די אויפמערקזאַמקייט פון פאַריזער אויפשטאַנד געווען געצילעוועט אויף די באַסטיל, יענע פינסטערע פעסטונג מיט איהרע פעסטע טהורעמס פון בעדייטענדער הויכקייט, וועלכע איז געווען אויפ־געבויט צווישען פיעלע הייזער פון אַ געדיכט־בעפעלקערטען געגענד, ביין אריינגאַנג פון דעם פאָבורג סט. אַנטואַן. די היס־טאָריקער האַלטען נאָך אַלץ אין איין פאָרשען, ווי אַזוי עס איז געקומען, דאָס די געדאַנקען פון פאָלק האָבען זיך געווענדעט אין דיעזער ריכטונג, און מאַנכע פון זיי זאָגען אַרויס אַ השערה, אַז דאָס איז געוועזן די „שטענדיגע קאָמיטע" אין האָטעל דע וויל, וועלכע האָט געוואָלט געבען אַ בעשטימטע ריכטונג דעם אויפ־שטאַנד; און דערפאַר האָט זי איהם געריכטעט געגען דעם עמב־לעם פון קעניגטהום. אָבער עס זיינען ניטאָ גענוג פאַקטען, וועלכע

זאָלען בעשטעטיגען דיעזע השערה, וועהרענד איינִיגע וויכטיגע פאַקטען ווידערשפּרעכען איהר. עס איז מעהר וואהרשיינליך, דאָס דער פאָלקס־אינסטינקט, וועלכער האָט שוין זייט דעם 12טען, אָדער דעם 13טען, געפיהלט, דאָס אין די פּלענער פון דער רעגיע־רונג צו דערשטיקען דאָס פאָלק וועט די באַסטיל שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע, האָט עס געמאַכט דעם פאָלק געהן אויף די באַסטיל און איהר איינצונעהמען.

מיר ווייסען, דאָס אין דער וועסט האָט דער קעניגליכער הויף געהאַט אָנגעגרייט בעזענוואַל מיט זיינע 30 טויזענד מאַן, וועלכע האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער אין דעם שאַמפּ־דע־מאַרס, און אין דער איסט האָט ער זיך פערלאָזען אויף די הילפע פון דער באַסטיל, מיט איהרע קאַנאָנען אָנגעשטעלט אויף דעם רעוואָלוציאָנערען פאָבורג סט. אַנטואַן און אויף זיין הויפּט־גאַס, ווי אויך אויף די צווייטע גרויסע אַרטעריע, די רי סיינט־אַנטואַן, וועלכע פיהרט צום האָטעל דע וויל, צום פּאַלאַס ראָיאַל און צו די טולעריען. די וויכטיגקייט פון דער באַסטיל איז אַלזאָ געווען קלאָהר פאַר אַלעמען, און פון סאַמע פריהמאָרגען פון דעם 14טען זיינען איבערגעגאַנגען די ווערטער „צו דער באַסטיל" פון מויל צו מויל פון איין עק שטאָדט צו דער צווייטער.*)

עס איז אמת, דאָס דער גאַרריזאָן פון דער פעסטונג האָט אין גאַנצען געצעהלט בלויז הונדערט און פערציג מענשען, פון וועלכע 84 זיינען געווען פּענסיאָנערען און 30 — שווייצאַרען, און דאָס דער גאָווערנאָר פון דער באַסטיל האָט גאָר ניט געטהאָן, אום צו פערזאָרגען דעם פּלאַץ מיט פּראָוויזיע; אָבער דאָס בע־

*) אין מאַנכע וואַהל־העפטען האָבען די וועהלער שוין פריהער אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, דאָס די באַסטיל זאָל פערניכטעט ווערען. די וועהלער האָבען געהאַט גוטע גרינדע פאַר דיעזע פאָדערונג, ווייל נאָך דער רעוואָלוציאָן־פּאַסירונג איז געגעבען געוואָרען אַ בעפעהל צו פערשטאַרקען די באַסטיל. דערפאַר האָט מען שוין אין דער נאַכט פונ'ם 30סטען יוני געשמועסט פון עראָבערען די פעסטונג, לויט די אָנגאַבען פון דעם היסטאָריקער חאַסין.

ווייזט נור, דאָס די מעגליכקייט פון אן ערנסטע אטאקע אויף דיעזע פעסטונג איז בעטראכט געוואָרען אַלס עטוואָס אונזיני־געס. דאָס פאָלק אָבער האָט געוואוסט, אז די קעניגליכע פער־שווערער לעגען גרויסע האָפנונגען אויף די באסטיל, און פון די איינוואוינער פון דיעזען פירטעל האָט מען זיך דערוואוסט, אז אין דער נאַכט צווישען דעם 12טען און 13טען האָט מען אריבער־גענומען וואפען פון דעם ארסענאַל אין דער באסטיל. זיי האָבען אויך בעמערקט, דאָס דער גאָווערנאָר פון דער באסטיל, גראף דע לאוני, האָט אין דעם פריהמאָרגען פון דעם 14טען אזוי אוועק־געשטעלט די קאַנאָנען, אז זיי זאָלען קענען שיסען גלייך אויפ'ן פאָלק, ווען עס זאָל זיך צוזאמענקלייבען אין דער ריכטונג פון האָטעל דע וויל.

עס מוז אויך געזאָגט ווערען, אז דאָס פאָלק האָט אין אַל־געמיין געהאסט אזעלכע געפענגניסע, ווי די אין ביסעטער, ווינסענס און די באסטיל. אין דעם משך פון די רייאָטען אין יאָהר 1783, ווען דער אדעל האָט פראָטעסטירט געגען די הפקר־פערהאפטונגען, האָט דער מיניסטער ברעטיול בעשלאָסען אָבצושאפען דעם ווינסענס־געפענגניס. דיעזע בעריהמטע גע־פענגניס איז דאן פערוואנדעלט געוואָרען אין א קאָרן־שפייכ־לער, און אום צוצושמייכלען זיך צו דער עפענטליכער מיינונג, האָט דער מיניסטער ערלויבט בעזוכער אַנצוקוקען די שוידער־ליכע אנבליקען, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען אין דיעזען געפענגניס. מען האָט פיעל גערעדט, דערצעהלט דער געשיכטס־שרייבער דראָז, וועגען די שוידערליכקייטען, וואָס מען האָט זיך דאָרט אָנגעזעהען, און מען האָט אויך גערעדט, דאָס אין דער באסטיל קען מען נאָך זעהען ערגערע זאַכען.

יעדענפאַלס איז עס זיכער, דאָס אין דעם אבענד פון דעם 13טען יולי איז פאָרגעקומען א שיסעריי צווישען די אבטהיי־לונגען פון די בעוואפענטע פאַריזער, וועלכע זיינען צוגעגאנגען נאָהענט צו דער פעסטונג, און איהרע פערטהיידיגער; און דאָס דעם 14טען, פון די פריהסטע פרימאָרגען שטונדען, האָבען די מענשען־מאסען, מעהר אָדער ווייניגער בעוואפענט, וועלכע האָ־

בען זיך בעוועגט איבער די גאסען די גאַנצע פאַריגע נאכט, זיך אָנגעהויבען צו פערזאמלען אין די גאסען, וועלכע האָבען גע־פיהרט צו דער באסטיל. שוין אין דער נאכט פאר דעם 14טען האָט זיך געהערט אַ קלאַנג, דאָס עס קומען אָן דעם קעניג'ס סאָל־דאטען פון דער זייט פון באַריער דעטראָן, אין דעם פאבורג סט. אנטאָין, און די פאָלקס־מאסען האָבען זיך אָבגע־רוקט צו דער איסט־זייט און האָבען פארבאריקאדירט די גאסען פון נאָרד־איסט פון האָטעל דע וויל.

אַן ערפאָלגרייכע אַטאַקע אויף דעם האָטעל דע אינוואַ־לידס האָט געגעבען דעם פאָלק די מעגליכקייט זיך צו בעוואפע־נען און צו פערזאָרגען זיך מיט אייניגע קאַנאָנען. שוין מיט אַ טאָג פריהער האָבען די מיטעל־קלאַס מענשען געווענדעט זיך צום האָטעל דע אינוואלידס נאָך וואפען, ערקלערענדיג, דאָס זייערע הייזער זיינען אין געפאהר געפּלינדערט צו ווערען פון גנבים. באראָן דע בעזענוואַל, וועלכער האָט געהאט די קאָ־מאנדע איבער די קעניגליכע סאָלדאַטען אין פאריז, און וועלכער איז צופעליגערווייזע געווען אין די אינוואלידס, האָט פערשפּראָ־כען צו קריגען אַן ערלויבנים אויף דעם פון מארשאל דע בראָ־גליע. די ערלויבנים איז נאָך ניט ערהאלטען געוואָרען, ווען דעם 14טען, ארום 7 אזייגער אין דער פריה — די פענסיאָנערען, קאָ־מאנדירט פון סאָמבריול, שטעהענדיג ביי זייערע ביקסען, מיט אַ שוועבעלע אין די הענד פערטיג צום שיסען — האָט אַ מאסע פון זיבען־אכט טויזענד מענשען פלוצלונג אַ שאָט געטהאָן זיך פון די דריי גאסען דערביי, און אין אַ קורצען אויגענבליק, העל־פענדיג איינער דעם אנדערען, האָבען זיי אריבערגעשפּרונגען דעם 8 פוס טיפען און 12 פוס ברייטען גראָבען, וואָס איז גע־ווען אַרום דעם פּלאַץ פון דער אינוואלידען־פעסטונג, און האָבען צו זיך גענומען פערשיעדענע וואפען. דער גאַריזאָן, וואָס איז שוין געווען אָנגעשטעקט מיט דעם פעררעטהערישען גייסט, האָט זיך ניט פערטהיידיגט, און די מאסע, צושיטענדיג זיך איבער דער גאנצער פעסטונג, האָט באלד געפונען דעם וועג צו די קעללערס און צו דער קירכע, וואו זיי האָבען געפונען פערבע־

האלטען 32 טויזענד ביקסען און א געוויסע קוואנטיטעט פול־וועך*). דיעזע וואפען זיינען עס געברויכט געוואָרען אין דער עראָבערונג פון דער באסטיל. וואס דעם פולווער אנבעטרעפט, האָט שוין דאס פאָלק מיט א טאָג פריהער פערהאַלטען 36 פעס־לאָך, וועלכע מען האָט געשיקט נאָך ראָיען. דיעזע זיינען אוועקגענומען געוואָרען צום האָטעל דע וויל, און די גאנצע נאכט איז דער פולווער פערטהיילט געוואָרען צווישען די, וועלכע האָ־בען זיך בעוואפענט.

דאָס אוועקנעהמען פון די ביקסען אין האָטעל דע אינוואַ־לידס איז אויסגעפיהרט געוואָרען זעהר לאנגזאם. צוויי ביי־טאָג איז עס נאָך ניט פערטיג געוועזען. עס וואָלט דארום געוועזען גענוג צייט צו ברענגען סאָלדאטען און צו צוטרייבען די מאסען, בע־זאָנדערס, ווען פערשיעדענע ארמייען זיינען געשטאנען גאָר־ניט ווייט אין דער מיליטער־שול און אין שאמפ־דע־מארס. אָבער די אָפיציערען פון דיעזע ארמעען האָבען ניט געהאט קיין צוטרוי צו די סאָלדאטען. און א חוץ דעם זיינען זיי אליין ניט געוועזען גאנץ פעסט ביי זיך צו שטעלען זיך אנטקעגען אזא גרויסע מאסע, וואס איז בעשטאנען פון מענשען פון אלערליי עלטער און פון אלערליי לעבענס־שטעלונגען, פון וועלכע מעהר ווי 2 הונדערט טויזענד האָבען פערפלייצט די גאסען פון פאריז. דאס פאָלק פון די פאבורגען, בעוואפענט מיט אייניגע ביקסען, פיקעס, האמערס, העק און מיט איינפאכע קלאָבס, האָט זיך בע־וועגט איבער די גאסען, שפארענדיג זיך אין הורבעס צו דעם פלאץ לואי דער 15טער (איצט דער פלאץ דע לא קאָנקאָרד), ארומרינגלענדיג דעם האָטעל דע וויל און די באסטיל, און אָנ־פילענדיג די אלע צווישען־גאסען. די מיטעל־קלאַס מענשען זיי־נען אליין אָנגעפילט געוואָרען מיט שרעק, זעהענדיג דיעזע מאסע בעוואפענטע מענשען אין די גאסען.

הערענדיג, דאס די אלע צוגענגע צו דער באסטיל זיינען

---

*) דאָ פאָלג איך נאָך דער געשיכטע פון דעם גראף דע־סאלמור, ווי אויך פון מאָטהיו דיומא, ביידע ציטירט פון מ. פלאמערמען.

פערנומען געוואָרען פון די מאַסען, האָט די שטענדיגע קאָמיטע אין האָטעל דע וויל, פון וועלכע מיר האָבען שוין גערעדט, גע־שיקט אין דעם פריהמאָרגען פון דעם 14טען אייניגע פערזאָנען צו רעדען מיט דע לאוני, דעם גאווערנער פון פעסטונג, צו בע־טען איהם צוזונעהמען די קאַנאָנע, וואָס איז געצילעוועט אויפ׳ן גאַס, און ניט צו בעגעהן קיין טהאַט, וואָס זאָל ווייזען אַ פיינד־ליכקייט צום פאָלק. דערפאַר האָט די קאָמיטע צוגעזאָגט, כאָטש זי האָט ניט געהאַט קיין פולמאַכט אויף דעם, אז דאָס פאָלק וועט ניט טהאָן קיין זאַך געגען די באַסטיל. די דעלעגאַטען זיינען פון דע־לאוני אויפגענומען געוואָרען גאַנץ העפליך, און זיי זיינען זאָגאַר פערבליבען עסען מיט איהם אָנבייסען ביז נאָהענט צו מיטאָג־צייט. דע־לאוני האָט הפנים געוואָלט געווינען צייט, וועה־רענד ער האָט געוואַרט אויף בעשטימטע בעפעהלע פון ווערסאַיל. דיעזע זיינען אָבער ניט געקומען, ווייל דאָס פאָלק האָט זיי פער־כאַפּט אין דער פריה. ווי אַלע אַנדערע מיליטערישע הויפּטלינגע, האָט דע־לאוני בעגריפען, דאָס עס וועט זיין שווער פאַר איהם אויסצוהאַלטען געגען דאָס גאַנצע פאַריזער פאָלק, פערזאַמעלט אין די גאַסען, און ער האָט דארום איינגעוויליגט אויף אַ פשרה. פאַר דערווייל האָט ער בעפויהלען, אז די קאַנאָנען זאָלען צוריק־געצויגען ווערען פיער פוס, און האָט פערשטעלט מיט ברעטער די לעכער אין די וואַנד, דורך וועלכע מען שיסט פון די קאַנאָנען, כדי דאָס פאָלק זאָל ניט קענען אריינקוקען דורך זיי.

ארום מיטאָג־צייט האָט דער דיסטריקט סאַנט־לואי־לאַ־קולטור אויף זיין אייגענעם חשבון געשיקט צוויי דעלעגאַטען צו דע־לאוני. איינער פון זיי, דער אדוואָקאַט טהוריאָ, האָט געקראָ־גען פון דע־לאוני דעם פערשפּרעכען, דאָס ער וועט ניט געבען דעם בעפעהל צו שיסען, אויב ער וועט ניט אַטאַקירט ווערען. די שטענדיגע קאָמיטע האָט געשיקט נאָך צוויי דעפּוטאַציאָנען, אָבער דיעזע זיינען ניט צוגעלאָזען געוואָרען. זיי האָבען געפאָ־דערט פון דע־לאוני, ער זאָל איבערגעבען די פעסטונג צו אַ קערפּערשאַפט פון דער מיטעלקלאַס מיליץ, וועלכע וועט איהר בעשיצען צוזאַמען מיט די סאָלדאַטען און שווייצאַרען.

גליקליכער־ווייזע זיינען אַלע דיזע קאָמפּראָמיסען צו גאָר־ניט געמאַכט געוואָרען פון פאָלק, וועלכעס האָט פערשטאַנען אז די באַסטיל מוז גענומען ווערען, מעג עס קאָסטען, וואָס עס וויל זיך. האָבענדיג אין זיין בעזיץ די ביקסען און קאַנאָנען פון האָטעל דע־אינוואַלידס, האָט זיין בעגייסטערונג געהאַלטען אין איין וואַקסען.

די מאַסע האָט פערפּלייצט די גאַסען, וואָס האָבען זיך געגרענעצט מיט דער באַסטיל, ווי אויך די פערשיעדענע הויפען, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט די פעסטונג גופא. באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ שיסעריי צווישען פאָלק און די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די ראַמפּאַרטען (פעסטונג־ווענד). וועהרענד די שטענדיגע קאָמיטע האָט פּרובירט אָבצולעשען דעם ברען און האָט געמאַכט פּאָרבערייטונגען פאַר אַן ערקלערונג אויף דעם פּלאַס דע לאַ גרעוו, אז דע־לאַוני האָט פערשפּראָכען ניט צו שיסען, אויב די מאַסע וועט זיך צוריקהאַלטען פון אַטאַקירען איהם, האָט די מאַסע געשריען: „מיר ווילען די באַסטיל! ארונטער מיט די בריקען!“ און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די פעסטונג. עס ווערט דערצעהלט, דאָס זעהענדיג פון דער הויך פון פעסטונג דעם גאַנצען פאָבורג סאַן־אַנטואַן און די איבעריגע גאַסען שווארץ מיט מענשען, האָט דע־לאַוני, וועלכער איז ארויפגעשטיגען אהין צוזאַמען מיט'ן אדוואָקאַט טהוריאָ, שיער גע'חלש'ט. עס הייסט, דאָס ער האָט שוין געוואָלט גלייך איבערגעבען די פעסטונג צו דער מיליץ, נור דאָס די שווייצארען זיינען געוועזען דאַגעגען.*)

די ערשטע צוג־בריקען פון יענעם אויסערליכען טהייל פון דער באַסטיל, וועלכער האָט זיך גערופען דער פאָרהויף (ל'אוואַנסי) זיינען באַלד ארונטערגעקלאַפּט געוואָרען, און דאָס איז צו פערדאַנקען צו איינע פון יענע מוטהיגע טהאַטען פון אייניגע ווייניגע פּערזאָנען, וועלכע ערשיינען אימער אין אזעלכע

*) אַ בריעף פון די היו צו זיינע ברידער. דייטשער טעקסט, ציטירט פון פלאַמערמאַן.

מאָמענטען. אכט אָדער צעהן מענער, מיט דער הילפע פון א הויכען שטארקען יונג, פ א נ נ ע ט י ע, א קרעמער, האָבען זיך בענוצט מיט א הויז, וואָס איז געשטאנען געגען די אויסערליכע וואנד פונ'ם פאָרהויף, האָבען ארויפגעקלעטערט אויף דיעזע וואנד און אויף איהר זיינען זיי געגאנגען אזוי ווייט, ווי ביז צום שויץ־הויז, נאָהענט צו דעם קליינעם צוג־בריק פונ'ם פאָרהויז, און פון דאָרטען האָבען זיי ארונטערגעשפרונגען אין דעם ערשטען הויף פון דער ריכטיגער באסטיל, אין דעם גאָווערמענט־קאָרט, וואו עס איז געוועזען דאָס הויז פון ד־לאוני. דיעזער הויף איז געוועזען ליידיג, ווייל די סאָלדאטען מיט דע־לאוני האָבען זיך צוריקגעצויגען אין די פעסטונג גופא נאָך דעם, ווי טהוריאָ האָט זיי פערלאָזען.

די אכט אָדער צעהן מענשען, ווען זיי זיינען שוין געוועזען אין הויף, האָבען מיט איינינע קלעפ פון א האַק צוערשט ארונטערגעלאָזען דעם קליינעם צוג־בריק פון פאָרהויף און געעפענט זיין טהויער, און נאָכדעם דעם גרעסערען. מעהר ווי א דריי־הונדערט מענשען זיינען אריינגעלאָפען אין הויף, און זיי אלע האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו די אנדערע צוויי צוג־בריקען, צום גרעסערען און קלענערען, וועלכע, ווען ארונטערגעלאָזען, האָבען גדיענט צו דעם אריבערשפרייזען דעם ברייטען גראָבען פון דער ווירקליכער פעסטונג. דיעזע צוויי בריקען זיינען, נאטירליך, געוועזען אויפגעהויבען, אזוי אז מען זאָל זיך ניט קענען בעדיענען מיט זיי.

דאָ האָט פאסירט עטוואָס, וואָס האָט אויפגעבלאָזען דעם צאָרן פון פאָלק ביז צום העכסטען פלאם, און האָט נאכהער געקאָסט דע־לאוני זיין לעבען. ווען די מאסע האָט זיך געשפארט אין דעם גאָווערנער־הויף, האָבען די פערטהיידיגער פון דער באסטיל אָנגעהויבען שיסען אין איהר, און עס איז געמאכט געוואָרען זאָגאר א פערזוך אויפצוהויבען דעם גרויסען בריק פון פאָרהויף, אזוי אז די מאסע זאָל שוין ניט קענען מעהר ארויס פון דאָרט און וואהרשיינליך מיט דעם צוועק אָדער אויסשיסען

איהר אָדער פערשפּארען איהר *). אויף אזא אופן, אין סאמע מאָמענט, ווען טהוריאָ און קאָרנע האָבען געמעלדעט די מאסען אין דעם פּלאַץ דע לאַ גרעוו, דאָס דער גובערנאטאָר האָט פערשפּראָכען ניט צו שיסען, איז דער גובערנאטאָר־הויף פערהילכט געוואָרען פון די קוילען פון די סאָלדאטען אויף די פעסטונג־ווענד און די ביקסען פון דער באסטיל האָבען אָנגעהויבען שליי־דערען קאַנאָנען־קוילען אין די ארומיגע גאסען. נאָך די אלע ריידערייען פון אין דער פריה, איז דיעזער שיסען אויסגעטייטשט געוואָרען, אלס א פעררעטה פון דע־לאוני, וועמען דאָס פאָלק האָט בעשולדיגט אין אראָבלאָזען די צוויי ערשטע צוג־בריקען פון פאָר־הויף מיט׳ן צוועק צו ברענגען די מאסע אונטער די קוילען פון די פעסטונג־ווענד **).

עס איז דאן געווען א זייגער איינס. די נייעס, אז די קאַנאָנען פון דער באסטיל שיסען אויף דאָס פאָלק, האָט זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ פּאריז, און האָט ארויסגערופען א צוויי־פאכיגען איינדרוק. די שטענדיגע קאָמיטע פון דער פּאריזער מיליץ האָט אויף שנעל געשיקט א צווייטע דעפּוטאציאָן צו דעם קאָמאנדיר, צו פרעגען איהם, אויב ער וועט אויפנעהמען אן אב־טהיילונג פון דער מיליץ, וועלכע וועט בעשיצען די באסטיל

---

*) דיזער פערזוך איז געמאַכט געוואָרען, ווערט איצט ערקלערט, ניט אויף דעם בעפעהל פון דע־לאוני, נור גאַנץ זעלבסטשטענדיג פון אייניגע סאָלדאטען, וועלכע זיינען ארויס איינקויפען פּראָוויזיע און זיינען צוריקגעקומען. א זעהר אונוואהרשיינליכע זאך, ווי מיר שיינט, פאַר דריי אָדער פיער סאָלדאטען דאָס פּרובירען אויסצופיהרען עס, אָבגעזונדערט ווי זיי זיינען געווען אין דער מיטע פון אזא גרויסער מאסע. אחוץ דעם, וואָס וואָלט עס געהאָלפען צו אַרעסטירען דיעזע מענשען, אויב עס איז ניט געווען די אַבזיכט צו געברויכען די געפאנגענע אלס א סטראשונאָק געגען פאָלק: וועט איהר אָוועקגעהן רוהיג, איז רעכט, אז ניט, וועלען מיר זיי אלע אויסשיסען.

**) פערשיעדענע ערקלערונגען זיינען געגעבען געוואָרען פאר

צוזאַמען מיט די סאָלדאַטען. אָבער דיעזע דעפּוטאַציאָן איז קיינמאָל ניט צוגעקומען צו דעם קאָמאַנדיר, ווייל אַ זעהר שטאַרקע שיסעריי איז פאָרגעקומען די גאַנצע צייט צווישען די סאָלדאַטען און זייערע בעקעמפפער, וועלכע, קריכענדיג איבער מאַנכע װענד, האָבען געשאָסען אויף די סאָלדאַטען. אחוץ דעם, דאָס פאָלק האָט געוואוסט, דאָס די דעפּוטאַציעס פון דער קאָמיטע װעלען נור אָבשוואַכען און גיסען קאַלטע וואַסער אויף די אַטאַקע. „עס איז ניט מעהר אַ דעפּוטאַציע, וואָס זיי פערלאַנ־גען. עס איז די בעלאַגערונג פון דער באַסטיל, עס איז דער טוידט פון דעם גובערנאַטאָר, נאָך וועלכען זיי אַלע דורשטען“, האָבען געמעלדעט די דעפּוטאַטען, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען.

דאָס האָט ניט אָבגעהאַלטען די קאָמיטע אין האָטעל דע וויל פון צו שיקען אַ דריטע דעפּוטאַציע. מ. עטהי דע קאַרני, פּראָקור־ראָר פון קעניג און פון שטאָדט, און אייניגע בירגער זיינען בע־אויפטראַגט געוואָרען נאָכאַמאָל אָבצוקיהלען דעם פאָלק׳ס היציג־קייט, אָבצוהאַלטען די אַטאַקע, און צו ריידען מיט דע־לאַוני׳ן מיט׳ן צוועק איהם איבערצורײדען אויפצונעהמען אַ שוץ־קאָמיטע פון דער מיליץ אין דער פעסטונג. די אָבזיכט פון ניט צו דער־

---

דיעזע פלוצלינגע שיסעריי. אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען רויבען די הויז פון קאָמאַנדיר און פון די סאָלדאַטען, איז דאָס זאָל עס האָבען געמאַכט די פערטהיידיגער פון דער פעסטונג אָנהויבען צו שיסען. פאַר דער מיליטער אָבער איז שוין געוועזן גענוג, וואָס דער פאָר־הויף איז איינגענומען געוואָרען, און וואָס האָט פערשאַפט דעם פאָלק צוטריט צו די צוג־בריקען פון דער פעסטונג און זאָגאַר צו די טויערען, אַז זי זאָל עפענען פייער אויף דיעזע בעלי־חוצפה. אָבער עס איז אויך מעגליך, אַז דע־לאַוני האָט אין דיעזען מאָמענט געקראָגען אַ בעפעהל פון קעניג צו פערטהיידיגען די פעסטונג ביז צו־לעצט. מיר ווייסען, אַז איין בעפעהל האָט דאָס פאָלק פערכאַפּט; אָבער דאָס בע־ווייזט דאָך ניט, אַז אַ צווייטער איז ניט איבערגעגעבען געוואָרען. און ווירקליך, מען דענקט, אַז דע־לאַוני האָט געקראָגען אַזאַ בעפעהל.

לאָזען דעם פאָלק איינצונעהמען די באַסטיל איז געווען קלאָהר.*)

וואָס אַנבעטרעפט דאָס פאָלק, אַזוי גיך, ווי די נייעס פון דער שיסעריי האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן שטאָדט, האָט עס געהאַנדעלט גאָר אָהן אימיצענס בעפעהל, אין גאַנצען געפיהרט פון זיין רעוואָלוציאָנערען אינסטינקט. מען האָט געשלעפּט די קאַנאָנען פון האָטעל דע אינוואַלידס צום האָטעל דע וויל, און אַרום אַ זייגער דריי, ווען די קאָרגי־דעפּוטאַציע איז צוריק־געקומען, מעלדענדיג איהר דורכפאַל, האָט זי בעגעגענט אַרום דריי הונדערט פראַנצויזישע גוואַרדיסטען און אַן אַנצאַהל בעוואַ־פענטע מענער, וואָס האָבען געהערט צו די מיטעלקלאַס, אונטער דער קאָמאַנדאַ פון אַן אַלטען סאָלדאַט מיט'ן נאָמען הולין, מאַרשירענדיג צו דער באַסטיל, בעגלייט פון פינף שטיקער אַרטילעריע. דאָס שיסען אין דיעזער צייט איז שוין אָנגעגאַנגען אַ שטונדע דריי. דאָס פאָלק, ניט דאָס מינדעסטע אָבגעשראָקען

---

*) „זיי זיינען בעאויפטראַגט געוואָרען איבערצורייזען אַלעמען, וואָס זיי וועלען געפינען ניט ווייט פון דער באַסטיל, צוריקצו־ציהען זיך אין זייערע דיסטריקטען, כדי זיי זאָלען דאָרט קענען גלייך אויפ־גענומען ווערען אין דער פאַריזער מיליץ; צו דערמאָנען דע־לאוני אָן זיינע געמאַכטע פערשפּרע־כונגען...“ (פלאַמערמאַן). ווען זיי זיינען אַריין אין פאָר־הויף, פול מיט מענשען, בעוואַפענט מיט ביקסען, העק און אַנדערע כלי־זיין, האָט די דעפּוטאַציע גערעדט צו די סאָלדאַטען אויף די ראַמפּאַרטען. דיעזע לעצטע האָבען פריהער פון אַלץ געפאָדערט, אַז די מאַסע זאָל פערלאָזען דעם הויף; די דעפּוטאַציע האָט זיך פּרובירט עס אויסצו־פיהרען ביי די אַנוועזענדע. אָבער גליקליכער ווייזע האָבען דיעזע ענט־זאַגט זיך צו ערפילען איהר וואונש. זיי האָבען פאָרגעזעצט די אַטאַקע. זיי האָבען פערשטאַנען זעהר גוט, אַז די צייט פאַר רייד איז אַוועק, און זיי האָבען גאַנץ שלעכט אויפגענומען דיעזע דעפּוטאַטען; מאַנכע האָבען זאָגאַר געדענקט, אַז עס קומט זיי מיתה, ווי דאָס פערדיענטע פעררעטהער.

פון דער גרויסער צאָהל גע׳הרג׳עטע און פערוואונדעטע (דריי און אכציג זיינען געטוידטעט געוואָרען אויפ׳ן פּלאַץ, פופצעהן זיינען נאכהער געשטאָרבען פון זייערע וואונדען, דרייצעהן פערקריפּעלטע און זעכציג צושעדיגטע), האָט אויפגעהאַלטען דעם בעלאַגערונגס־צושטאַנד, אָנגעהמענדיג פערשיעדענע מיטלען. איינער פון דיעזע איז געווען דער ברענגען פון צוויי פוהרען שטרוי, וועלכע זיי האָבען אָנגעצונדען, געברויכענדיג דעם רויך אלס א פּאַרהאַנג, וואָס זאָל פערדעקען זייער אטאקע אויף די צוויי אריינגענג, דעם גרויסען און קלענערען צוג־בריקען. די געביידע פון דעם גובערנאטאָר׳ס הויף איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען.

די קאַנאָנען זיינען אָנגעקומען פונקט דאַן, ווען מען האָט זיי נויטיג געהאַט. זיי זיינען אריינגענומען געוואָרען אין הויף און מען האָט זיי אוועקגעשטעלט גראַדע אין פאָרענט פון די צוג־בריקען און טהויערען אויף דעם שטח פון בלויז 90 פוס.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען דעם איינדרוק, וואָס דיעזע קאַנאָנען אין די הענד פון פאָלק האָבען געמאַכט אויף די בעלאַגערטע. עס איז געווען קלאָהר, אז די צוג־בריקען מוזען באַלד ארונטערקומען, און דאָס די טהויערען וועלען אויפגעפּראַלט ווערען. די מאַסע איז געוואָרען נאָך פירכטערליכער און איז געוואַקסען אין צאָהל פון מינוט.

דער מאָמענט איז באַלד געקומען, ווען די פערטהיידיגער פון דער באַסטיל האָבען שוין בעגריפען, דאָס לענגער זיך צו וועהרען מיינט זיך זעלבסט צו פער׳משפּט׳ן צו א זיכערען טוידט. דע־לאָוני האָט בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען. די סאָלדאַטען, זעהענדיג, דאָס זיי קענען בשום אופן ניט דענקען פון צו בעזיעגען גאַנץ פּאַריז, וועלכער איז געקומען זיי צו בעלאַגערען, האָט מיט א צייט פריהער שוין געראַטהען צו קאַפּיטולירען, און אזוי ארום א זייגער פיער אָדער צווישען פיער און פינף האָט דע־לאָוני בעפוילען דאָס ארויפציהען פון דער ווייסער פאָהן און אין די פויקען צו קלאַפּען, אז די שיסעריי זאָל אויפהערען, און די סאָלדאַטען זאָלען פערלאָזען זייערע קאַמפּף־פּאָסטען.

דער גאַרריזאָן האָט זיך אונטערגעגעבען און האָט געפּאָ־

דערט דאָס רעכט פון ארויסמאַרשירען פון דער פעסטונג מיט זייערע וואַפען. עס קען זיין, דאָס הולין און עליע, שטעהענדיג נאָהענט צום גרויסען צוג־בריק, וואָלטען איינגעוויליגט אויף דיעזע בעדינגונגען אין נאָמען פון פאָלק, אָבער דאָס פאָלק האָט גאָר ניט געוואָלט הערען וועגען דעם. אַ צאָרניגער געשריי: „אַרונטער מיט די בריקען!“ האָט זיך אויפגעהויבען. אַרום אַ זייגער פינף האָט דער קאָמאַנדיר אַרויסגעשיקט דורך איינער פון די לעכער אין דעם קלענערען צוג־בריק אַ געשריעבע ערקלעה־רונג, אין וועלכער ער האָט געסטראַשעט מיט פאָלגענדע ווער־טער: „מיר האָבען צוואַנציג טויזענד געוויכט שוס־פולווער; מיר ווילען אויפרייסען דעם גאַנצען געגענד מיט דעם גאַרריזאָן, אויב איהר נעהמט ניט אָן אונזערע בעדינגונגען צו אונטערגע־בען זיך“. ווי די מעשה איז, אויב אפילו דע־לאוני האָט געמיינט אַזוי צו האַנדלען, וואָלט דער גאַרריזאָן איהם קיינמאָל ניט ערלויבט אויסצופיהרען זיין סטראַשונאָק. ווי עס איז, ענדליך האָט דע־לאוני אַליין איבערגעגעבען דעם שליסעל, וואָס האָט געעפענט דעם אַריינגאַנג צו דעם קלענערען צוג־בריק.

גליך האָט די מאַסע בעלאַגערער גענומען בעזיץ פון דער פעסטונג. זיי האָבען צוגענומען די וואַפען פון די שווייצאַרען און די אינוואַלידען, און האָבען געכאַפּט דע־לאוני און איהם אוועק־געשלעפּט צום האָטעל דע וויל. אויפ'ן וועג האָט די מאַסע, אויפ־געבראַכט פון זיין פעררעטה, איהם בעליידיגט אויף אַלערליי אופנים. צוואַנציג מאָל איז ער שיער געה'רג'עט געוואָרען, טראָץ די העלדישע אַנשטרענגונגען פון קאָלאַט און אַן אַנדערען (איז עס ניט געוועזן מאַיללאַרד? מיר ווייסען, אַז ער איז עס געוועזן, וואָס האָט איהם אַרעסטירט). דיעזע צוויי מענער האָבען איהם בעשיצט מיט זייערע אייגענע קערפּער; אָבער, ווען נור אַ 100 פוס פון האָטעל דע וויל, איז ער אַרויסגעשלעפּט געוואָרען פון זייערע הענד און געטוידטעט געוואָרען. דע־היו, דער קאָמאַנדיר פון די שווייצאַרישע סאָלדאַטען, האָט זיך געראַטעט זיין לעבען מיט דער ערקלעהרונג, דאָס ער איז טריי דער שטאָדט און דער נאַציאָן, אָבער דריי אָפיצירען און דריי סאָלדאַטען פון דער

באסטיל זיינען געטוידטעט געוואָרען. וואָס אַנבעטרעפט פלעס־סעל, דער אָנפיהרער פון די געשעפטס־לייט, וועלכער האָט זיך דורכגעשריבען מיט בעזענוואל און דער דאַטשעם פּאָלינאַק, און וועלכער האָט געהאַט, ווי עס ווייזט זיך ארויס פון זיינע בריעף, פיעלע אַנדערע געהיימניסע צו פערבעהאַלטען, וועלכע זיינען געוועזען קאָמפּראָמיטירענד פאַר דער קעניגין, איהם האָט שוין דאָס פאָלק געהאַלטען ביי משפט'ען און היגריכטען, ווען אַן אונבעקאַנטער האָט איהם דערשאָסען אויף טוידט. האָט דער אונבעקאַנטער מאַן געוואוסט, דאָס טוידטע מענשען גיבען שוין קיין געהיימניסע ניט ארויס?

אַזוי שנעל ווי די בריקען פון דער באַסטיל זיינען ארונטער־געלאָזען געוואָרען, האָט די מאַסע זיך אַ לאָז געטהאָן אין הויף און האָט אָנגעהויבען זוכען אין דער פעסטונג און האָט בעפרייט די אַלע ארעסטאַנטען, וואָס זיינען דאָרט געווען בעגראָבען. אַ געוואַלדיג־ריהרענדע סצענע איז דאַן פּאָרגעקומען; טרעהרען האָבען זיך געגאָסען ביים אַנבליק פון די געשפּענסטערהאַפטע מענשען, וועלכע זיינען ארויסגעשטיגען פון זייערע פינסטערע קברים, צומישט פון דעם שיין פון דער זון און דורך די פיעלע שטימען, וועלכע האָבען זיי בעגריסט. דיעזע אָרעמע מאַרטירער פון קעניגליכען דעספּאָטיזמוס זיינען געטראָגען געוואָרען אין טריאומף איבער די גאַסען פון פּאַריז. די גאַנצע שטאָדט איז געווען בערוישט פון פרייד, דערהערענדיג, אַז די באַסטיל איז איינגענומען געוואָרען, און אַז זי איז אין די הענד פון פּאָלק. זייער ענטשלוס צו בלייבען ביי דיעזען זיעג איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. דער שטאַאַט־שטרייך פון דעם קעניגליכען הויף איז דורכגעפאַלען.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען די רעוואָלוציאָן. דאָס פּאָלק האָט געוואונען זיין ערשטען זיעג. אַזאַ זיעג, אַזאַ ממשות'דיגער, איז געווען העכסט וויכטיג. עס איז געווען נויטיג, אַז די רעוואָלוציאָן זאָל דורכמאַכען אַ קאַמפּף און ארויסקומען פון איהם טריאומפירענד. עס האָט געדאַרפט געגעבען ווערען וועלכער־עס־איז בעווייז פון דעם פּאָלק'ס כח, אום צו מאַכען אַן איינדרוק

אויף זייַנע פיינד. אום אויפצואוועקען דעם מוטה איבער גאַנץ פראַנקרייך, און אום צו שטופען אַלץ ווייטער און ווייטער צום אויפשטאַנד און צו דער עראָבערונג פון פרייהייט.

דרייצעהנטער קאפיטעל.

# די פאָלגען פון דעם 14טען יולי אין ווערסאַיל.

דער באַל אין ווערסאַיל. — דער צושטאַנד אין קעניגליכען הויף. — די אויפפיהרונג פון פאָלק. — די מיטעלקלאַסען. — דעם קעניג׳ס בעזוך אין פאַריז. — זיינע פלענער פון אַ בעוואַפענטען ווידער־שטאַנד לאָזען זיך אויס מיט גאָרניט. — דער אויפשטאַנד אין פאַריז ווערט גרעסער. — די אַדעל־לייט עמיגרירען. — פולאָן און אַנדערע ווערען געטוידטעט.

---

ווען אַ רעוואָלוציאָן האָט זיך איין מאָל אָנגעהויבען, איז יעדע פּאַסירונג אין איהר ניט נור, וואָס זי ענטהאַלט אַלעס, וואָס איז ביז איהר אויסגעפיהרט געוואָרען, נור אויך די הויפּט־עלעמענטען פון דעם, וואָס דאַרף נאָך קומען. אזוי, דאָס די מענ־שען, וואָס האָבען געלעבט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, ווען זיי וואָלטען נור געקאָנט זיך בעפרייען פון די מאָמענטאַנע איינדריקע און וואָלטען אָבגעזונדערט דאָס וועזענט־ליכע פון דאָס צופעליגע, וואָלטען זיי שוין געקאָנט אויף מאָרגען, נאָך דעם 14טען יולי, פאָראויסזעהן, וואוהין עס האָבען געצויגען אין אַלגעמיין די פאָרקומענדע פּאַסירונגען.

אָבער זאָגאר אין דעם אבענד פון דעם 13טען האָט דער קעניגליכער הויף ניט בעגריפען די גרויסע וויכטיגקייט פון דער בעוועגונג אין פאַריז.

יענעם אבענד איז געוועזן אַ באַל אין ווערסאַיל. מען האָט געטאַנצט און די גלעזער זיינען געוואָרען אָנגעפילט, אום צו

טרינקען פאר דעם קומענדען זיעג איבער די רעבעלישע הויפט־שטאָדט. און די קעניגין, איהר פריינדין, די דאָטשעס דע פּאָלי־נאַק, מיט די פּרינצען און פּרינצעסינס האָבען אויסגעגאָסען אַלע זייערע צערטליכקייטען אויף די אויסלענדישע סאָלדאַטען אין זייערע קאַזארמעס, אום זיי צוצוגעבען חשק צום קומענדען קאַמפּף.*) אין זייער משוגעת און שרעקליכען לייכטזין, האָט קיין איינציגער אין יענער וועלט פון מאַסקעס און קאָנווענציאָנעלע ליגענס, וועלכע שטעלען צוזאַמען יעדען קעניגליכען הויף, ניט בעמערקט, אַז עס איז שוין צו שפּעט צו אַטאַקירען פּאַריז; דאָס די געלעגענהייט דערצו איז שוין פערלאָרען געגאַנגען. און לואי דער זעכצעהנטער האָט ניט געוואוסט מעהר וועגען דעם, ווי די קעניגין און די פּרינצען. ווען די פערזאַמלונג, דערשראָקען פון דעם פאָלקס־אויפשטאַנד, איז אַוועק צו איהם אין דעם אבענד פון דעם 14טען און איהם געבעטען אין אַן אונטערטהעניגער שפּראַך צוריקצורופען די מיניסטאָרען און אַוועקצושיקען די סאָלדאַטען, האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ שפּראַך פון אַ הערר, וואָס איז זיכער אין זיין זיעג. ער האָט געגלויבט אין דעם פּלאַן, וואָס מען האָט איהם פאָרגעשלאָגען אַוועקצושטעלען איינ־גע צופערלעסיגע אָפיצערען אָן דער שפּיצע פון דער מיליץ פון דער מיטעלקלאַס און פערניכטען אויף אַזאַ אופן דאָס פּאָלק, און דאַן ערשט אַרויסגעבען אַ בעפעהל וועגען דער צוריקציהונג פון די סאָלדאַטען. אַזוי איז געוועזען יענע וועלט פון ליגענס, פון חלומות מעהר ווי פון דער ווירקליכקייט, אין וועלכערביידע, דער קעניג און דער הויף, האָבען געלעבט, און אין וועלכער, ניט קוקענדיג אויף איינעגע קורצע מינוטען פון אויפוואַכונג, זיי האָבען אַזוי געלעבט ביז דער סאַמע מינוט פון זייער בעשטייגען די טרעפּ צו דער תליה.

---

*) מ י ר אַ ב אָ, אין זיין רעדע פאַר דער פערזאַמלונג, וועלכע האָט אויפגענומען איהרע זיצונגען דעם 15טען, אַכט אַ זייגער אין דער פריה, האָט גערעדט אַזוי ווי דיעזער באַל וואָלט שטאַטגעפונען מיט אַ טאָג פריהער. געמיינט האָט ער אָבער דעם באַל פון דעם 13טען.

ווי קלאָהר זיי האָבען ארויסגעוויזען זייערע כאראקטערע זאָגאר דאן! דער קעניג, היפּנאָטיזירט פון זיין אבסאָלוטער מאכט, איז אימער פערטיג אָנצונעהמען צוליעב דעם געראדע די שריט, וועלכע האָבען געמוזט פיהרען צו דער קאטאסטראָפע. פלעגט ענטגעגענשטעלען די פאסירונגען זיין געוואוינטע איינגעשפּארטקייט, און ענדליך נאָכגעבען נור לפנים, געראדע אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט ערוואַרט, אַז ער וועט זיך וועהרען מיט אַלע כחות געגען דעם. די קעניגין, אויך, קאָרומפּירט, פערדאָרבען ביז'ן סאמע הארצען, אַלס אַן אבסאָלוטע הערשערין, צוטרייבענדיג צו דער קאטאסטראָפע, מיט איהר קאפּריזנער איינגעשפּאַרטקייט, און דאַן פּלוצלינג נאָכגעבענדיג אין דעם נעכסטען מאָמענט, אום נור אין אַ מינוט שפּעטער אויפצונעהמען די אַלע טריקס פון אַן אויסגעלאַסענער. און די פּרינצען? די אויפרייצער צו די אונגליקליכסטע בעשליסע, וואָס דער קעניג האָט אָנגענומען, און פּייגלינגע ביי דעם ערשטען דורכפאל זייערען, האָבען זיי פערלאָזען דאָס לאנד גלייך, ווי די באַסטיל איז געפאלען, אום אויפצונעהמען זייערע אינטריגען אין דייטשלאַנד אָדער איטאַליען. ווי קלאָהר זיינען דיעזע אַלע כאראקטער־שטריכען ענטפּלעקט געוואָרען אין יענע וויכטיגע טעג צווישען דעם 8טען און 15טען יולי!

פון דער אַנדערער זייט זעהען מיר דאָס פאָלק פול מיט פייער, בעגייסטערונג און גרויסמוטה, פערטיג צו לאָזען זיך אויסשלאַכטען, כדי די פרייהייט זאָל טריאומפירען, אָבער אין דער זעלבער צייט פערלאַנגענדיג צו ווערען געפיהרט; ווירקליך צו ערלויבען זיך צו ווערען בעהערשט פון נייע הערען, וועלכע האָבען זיך נור־וואָס פערקליבען אין האָטעל דע וויל. פערשטעהענדיג אזוי גוט די אַלע הויף־פּלענער און זעהענדיג מיט דער העכסטער קלאָהרהייט, ווי עס האָט זיך אויסגעשפּונען די פערשווערונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען זייט ענדע יוני, האָבען זיי ערלויבט צו לאָזען זיך איינפּלאָנטערען אין אַ נייע פערשווערונג — אין די פערשווערונג פון די אייגענטהומס־קלאַסען, וועלכע האָבען באַלד צוריק פערשטופּט די הונגעריגע אין זייערע

לעבער, — „די מענער מיט די פּיקעס", צו וועמען זיי האָבען אַפּעלירט פאַר איינינע שטונדען, ווען עס איז געווען נויטיג ענטגעגענצושטעלען די מאַכט פון'ם פאָלקס־אויפשטאַנד געגען די געוואַלד פון דער אַרמעע.

און ענדליך, ווען מיר בעטראַכטען די אויפפיהרונג פון די מיטעלקלאַסען אין יענע ערשטע טעג, זעהען מיר שוין פאָרגעציי־כענט די גרויסע דראַמען פון דער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָבען געמוזט קומען. דעם 14טען, אויף וויפיעל די רעגיערונג האָט בּיסלעכווייז פערלאָרען איהר אָבשרעקענדען כאַראַקטער, אויף אַזוי פיעל האָט דאָס פאָלק אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די פאָרשטע־הער פון דעם דריטען שטאַנד, פערזאַמעלט אין ווערסאַיל. ניט קוקענדיג אויף די צאָרנפולע ווערטער, וואָס מיראַבאָ האָט אויס־געדריקט ווענען דעם באַל אין ווערסאַיל, האָט דער קעניג נור געדאַרפט זיך ווייזען פאַר דער פערזאַמלונג און אַנערקענען די אויטאָריטעט פון די דעלעגאַטען און פערשפּרעכען זיי אונבע־ריהרבאַרקייט, ווי זיי זיינען אַלע שיער משוגע געוואָרען פון ענטציקונג. זיי זיינען זאָגאַר אַרויסגעלאָפען, אום צו בילדען אַן עהרען־גוואַרדיע אַרום איהם אין די גאַסען, און זיי האָבען געמאַכט די גאַסען אָבהילכען מיט די קולות: „עס לעבע דער קעניג!" און דאָס האָט פּאַסירט אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען דאָס פאָלק אין פּאַריז איז געשלאַכטעט געוואָרען אין נאָמען פון דעם זעלבען קעניג, און וועהרענד אין ווערסאַיל האָט די מאַסע בעליידיגט די קעניגין און די דאָטשעס דע פּאָלינאַק, און דאָס פאָלק האָט זיך געפרעגט, אויב דער קעניג ווידערהאָלט שוין ניט ווידער איינע פון זיינע אַלטע קונסט־שטיק.

אין פּאַריז האָט זיך דאָס פאָלק ניט געלאָזט נאַרען פון דעם צוזאָג צוריקצוציהען די סאָלדאַטען. עס האָט ניט געגלויבט אין קיין וואָרט פון דעם אַלעם. עס האָט געהאַלטען פאַר פיעל וויכ־טיגער צו אָרגאַניזירען זיך אין אַ גרויסע רעבעלישע קאָמונע, און דיעזע קאָמונע, ווי אַ קאָמונע פון מיטעלאַלטער, האָט פאָרגע־נומען די אַלע נויטיגע מאָסרעגעלען פון פערטהיידיגונג געגען

קעניג. די גאַסען זיינען אויפגעריסען געוואָרען אין גראָבענס און באַריקאַדען, און די פאָלקס-פאַטרולען האָבען מאַרשירט איבער די גאַסען, פערטיג צו קלינגען דעם אַלאַרם-גלאָק ביי דער ערשטער נויטווענדיגקייט.

אויך האָט ניט דעם קעניג'ס בעזוך אין פאַריז פיעל בערוהיגט דאָס פאָלק. זעהענדיג זיך בעזיעגט און פערלאָזען, האָט ער בעשלאָסען צו געהן אין פאַריז און צום האָטעל דע וויל, צו מאַכען שלום מיט זיין הויפט-שטאָדט; די מיטעלקלאַסען האָבען פּרובירט אומצואוואַנדלען דיעזען בעזוך אין אַ שלאַגענדען פאַקט פון שלום צווישען זיי און דעם קעניג. די מיטעלקלאַס-רעוואָלוציאָנערען, פון וועלכע פיעלע האָבען געהערט צו די פריי-מויערער, האָבען געמאַכט „אַ טהויער פון שטאָהל" מיט זייערע שווערדען פאַר דעם קעניג ביי זיין אָנקומען אין האָטעל דע וויל. און באַילי, דער אויסערוועהלטער מאַיאָר פון פאַריז, האָט אַריינגעשטעקט אין דעם קעניג'ס הוט די דריי-קאָלירדיגע קאָקאַרדע. מען האָט שוין גערעדט פון אויפשטעלען אַ סטאַטוע צו לואי דעם זעכצעהנטען אויף דעם פּלאַץ פון דער פערניכטעטער באַסטיל; אָבער די מאַסע פון פאָלק איז געבליבען צוריקגעהאַלטען און מיסטרויאיש, און איז אַזוי פערבליבען אפילו נאָך דעם קעניג'ס בעזוך אין האָטעל דע וויל. אַ קעניג פון די מיטעלקלאַסען, וויפיעל זייער הארץ געלוסט, אָבער ניט קיין קעניג פון פאָלק.

דער הויף, פון זיין זייט, האָט פערשטאַנען זעהר גוט, דאָס נאָך דעם אויפשטאַנד פון דעם 14טען יולי קען שוין קיינמאָל ניט זיין קיין שלום צווישען דעם פאָלק און קעניגטהום. די דאָטשעס דע פּאָלינאַק איז איבערגערעדט געוואָרען צו פאָהרען נאָך דער שווייץ, ניט קוקענדיג אויף די פערגאָסענע טרעהרען פון דער קעניגין. און דעם פאָלגענדען טאָג האָבען די פּרינצען אָנגעהויבען צו ענטלויפען. די, וועלכע זיינען געווען די סאַמע נשמה פון דעם דורכגעפאַלענעם שטאַאַטס-שטרייך, זיינען געווען אין איין איילעניש וואָס גיכער צו לאָזען פראַנקרייך הינטער זיך. דער גראַף ד'אַרטאָיס איז ענטלאָפען ביינאַכט. און אַזוי

שטאַרק האָט ער מורא געהאַט פאַר זיין לעבען, דאָס נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געהיימניספול דורכגע׳גנב׳עט דורכ׳ן שטאָדט, האָט ער מיטגענומען אַ רעגימענט מיט צוויי קאַנאָנען, אַלס בעגלייטונג, פאַר זיין גאַנצען ווייטערען וועג. דער קעניג האָט פערשפּראָכען אָנצושליסען זיך אָן זיינע עמיגראַנטען ביי דער ערשטער געלעגענהייט, און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פּלענער, ווי צו ענטלויפען נאָך אויסלאַנד, אום אריינצוקומען צוריק אין פראַנקרייך אָן דער שפּיצע פון אַן אַרמעע.

און ווירקליך, דעם 16טען יולי איז אַלעס געווען פערטיג פאַר זיין ענטלויפען. ער האָט געזאָלט געהן נאָך מעטץ, שטעלען זיך אָן דער שפּיצע פון די סאָלדאַטען און מאַרשירען אויף פּאַריז. די פערד זיינען שוין געווען איינגעשפּאַנט אין קאָטש, וועלכע האָט עס געזאָלט ברענגען לואי דעם זעכצעהנטען צו דער אַרמעע, וועלכע איז דאַן געווען קאָנצענטרירט צווישען ווערסאַיל און דעם גרענעץ. אָבער דע־בראָגלי האָט זיך ענטזאָגט צו בעגלייטען דעם קעניג נאָך מעטץ, און די פּרינצען זיינען געווען אין אַ גרויס איילעניש צו ענטלויפען, אַזוי, דאָס דער קעניג, ווי ער האָט נאָכהער אַליין דערצעהלט, זעהענדיג זיך פערלאָזען פון די פּרינצען און דעם אַדעל, האָט אויפגעגעבען זיין פּלאַן פון אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד, וועלכען די געשיכטע פון טשאַרלז דעם 1טען האָט איהם געלערענט, און איז אָנשטאָט דעם אַוועק נאָך פּאַריז, אום צו אונטערוואַרפען זיך די מיטעלקלאַסען.

מאַנכע קעניגליכע היסטאָריקער האָבען פּרובירט וואַרפען אַ צווייפעל אויף די פּאָרבערייטונגען פון אַ שטאַאַטס־שטרייך דורך דעם הויף אויף די פערזאַמלונג פון ווערסאַיל. אָבער עס זיינען דאָ גענוג דאָקומענטען, אום צו בעווייזען די ווירקליכקייט פון דיעזער ערשיינונג. מיגנעט, וועמעס געמעסיגקייט איז וואויל בעקאַנט, און וועלכער האָט געהאַט דעם פּאַרטהייל צו שרייבען באַלד נאָך די פּאַסירונגען, האָט ניט דעם מינדעסטען צווייפעל אין דיעזען פּונקט. דעם 13טען יולי האָט עס דער קעניג געזאָלט צוריקרופען אין לעבען די ערקלעהרונג פון דעם 20טען יוני, און

די פערזאמלונג האט עס געזאלט אויפגעלעזט ווערען. פערציג טויזענד קאפיעס פון דיעזער ערקלעהרונג זיינען שוין געווען אבגעדרוקט, אום צוצושיקען זיי איבער גאנץ פראנקרייך. דער קאמאנדיר פון דער ארמעע, פערזאמעלט צווישען ווערסאיל און פאריז, האט געהאט די פולמאכט אויף די אויסשלאכטונג פון דעם פאלק אין פאריז און פאר די עקסטרימסטע מאסנאהמען געגען די פערזאמלונג, אין פאל זי זאל ארויסווייזען ווידערשטאנד.

א הונדערט מיליאן פון שטאאט אסיגנאציעס זיינען געמאכט געווארען צו פערזארגען די בעדירפניסע פונ'ם הויף. אלעס איז שוין געווען פערטיג, און ווען ער האט געהערט, דאס פאריז האט געמאכט אן אויפשטאנד, האט דער הויף בעטראכט דיעזען אויפשטאנד, אלס אן אויסברוך, וואס וועט העלפען איהם אין זיין פלאן. עטוואס שפעטער, ווען עס איז בעקאנט געווארען, אז דער אויפשטאנד פערשפרייט זיך, האט דער קעניג נאך אלץ געהאלטען דערביי זיך אנצושליסען אן דער ארמעע אין מעטץ, און עס איבערלאזען פאר זיינע מיניסטארען פונאנדערצוטרייבען די פערזאמלונג מיט דער הילפע פון די אויסלענדישע סאלדאטען. נור עס זיינען געווען די מיניסטארען, וועלכע האבען ניט געהאט דעם מוטה אויסצופיהרען דיעזען פלאן, ווען זיי האבען געזעהן דעם שטראם ווערענדיג אלץ גרעסער און מורא'דיגער. דאס איז עס, ווארום אזא שרעק האט ארומגעכאפט דעם קעניגליכען הויף דעם 14טען יולי, ווען ער האט זיך דערוואוסט פון דער איינעהמונג פון דער באסטיל און פון דער הינריכטונג פון דע־לאוני, און ווארום די דאטשעס דע פאלינאק, די פרינצען און אזוי פיעל אנדערע אדעל־לייט, וועלכע זיינען געווען די לייטענדע גייסטער פון דער פערשווערונג, מורא האבענדיג צו ווערען דענונצירט, האבען געמוזט עמיגרירען אין איילעניש.

אבער דאס פאלק איז געווען אויף דער וואך. זיי האבען גאנץ אונבעשטימט געפיהלט, וואס דיעזע אדעל־לייט האבען בדעה צו טהאן אויף דער אנדערער זייט גרענעץ און די בויערען

האבען ארעסטירט די אנטלויפענדע, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזן פ ו ל א ן און ב ע ר ט ה י ע.

מיר האבען שוין דערמאנט וועגען דעם עלענד, וואס האט געהערשט אין פאריז און ארום פאריז און וועגען די מאנאפא־ליסטען, וועמעס פערברעכענס די פערזאמלונג האט זיך ענט־זאגט גוט אויסצופארשען. דער הויפט פון די ספעקולאנטען אין דעם פאלקס עלענד איז געוועזן פולאן, וועלכער האט ערווארבען א געוואלדיגען פערמעגען, אלס פינאנסיסט און אין זיין שטעלע, אלס קאנטראקטאר פאר די ארמעע און פלאטע. זיין פערראכטונג צום פאלק און צו דער רעוואלוציאן איז געוועזן גוט בעקאנט. בראגליע האט געוואלט איהם מאכען פאר מיניסטער ווען ער האט פארבערייטעט זיין שטאאטס־שטרייך פאר דעם 16טען יולי; און כאטש דער ביטרער פינאנסיסט האט זיך ענטזאגט פון דיעזען פאסטען, האט ער דאס מעהר ניט געקארגט מיט זיינע עצות. זיין ראטה איז געוועזן פטור צו ווערען מיט איין קלאפ פון די אלע, וועלכע האבען געקראגען אן איינפלוס אין דעם רע־וואלוציאנערען לאגער.

נאך דער ערא̇בערונג פון דער באסטיל, ווען ער האט זיך דערוואוסט, ווי אזוי דע־לאוני'ס קאפ איז געטראגען געווארען איבער די גאסען, האט ער פערשטאנען, אז עס איז אם גלייכסטען פאר איהם נאכצופאלגען די פרינצען און עמיגרירען. אבער דאס איז ניט געוועזן אזוי לייכט אויסצופיהרען, ווייל די דיסטריקט־קאמונע האט גוט אויפגעפאסט. האט ער זיך בענוצט מיט דעם טוידט פון איינעם פון זיינע דיענער, ארויסלאזענדיג א קלאנג, דאס פולאן איז עס טוידט און בעגראבען, וועהרענד ער האט פערלאזען פאריז און געזוכט שוץ אין א פריינד'ס הויז אין פאנטענעבלא.

דארט איז ער ענטדעקט און ארעסטירט געווארען פון די בויערען, וועלכע האבען אן איהם נקמה גענומען פאר אלע זייערע ליידען. מיט א בינטעל גראז ארומגעבונדען ארום זיינע פלייצעס, אלס א וואונק אויף די גראז, וואס ער האט פערשפראכען צו מאכען עסען דאס פאלק פון פאריז, איז דער עלענדער מאנאפא־

ליסט געשלעפּט געוואָרען פון אַן אויפגעבראַכטער מאַסע נאָך פּאַריז. ביין האָטעל דע וויל האָט לאַפּאיעט געמאַכט אַן אָנ־שטרענגונג צו רעטען איהם, אָבער די דערצאָרנטע מאַסע האָט איהם אויפגעהאַנגען אויף אַ לאָמפּ־אייזען.

זיין איידעם, בערטהיע, פּונקט ווי ער, שולדיג אין דעם פּאַרבערייטעטען שטאַאַטס־שטרייך, און אַ קאָנטראַקטאָר פאַר דיוק בראָגליע׳ס אַרמעע, איז אַרעסטירט געוואָרען אין ק אָ מ־פּ י ע ן, און איז אויך געשלעפּט געוואָרען אין פּאַריז, וואו זיי האָבען איהם אויך געוואָלט אויפהענגען. אָבער, קעמפּפענדיג אום זיך אַרויסצורייסען פון זייערע הענד, איז ער פון די, וואָס האָבען איהם געשלעפּט, צוטראָטען געוואָרען אויף טויט.

אַנדערע שולדיגע נפשות, וועלכע זיינען געוועזען אויפ׳ן וועג נאָך פּרעמדע לענדער, זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין די נאָרד, נאָרד־איסט און געבראַכט געוואָרען נאָך פּאַריז.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שרעק עס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע, וואָס זיינען געוועזען אויף דער זייט פון קעניג. זייער שטאָלץ און זייער וועהרען־זיך געגען די רעוואָלו־ציאָן איז צושמעטערט געוואָרען. זיי האָבען געוואָלט נור, אַז מען זאָל לכל הפּחות פערגעסען אָן זיי.

פערצעהנטער קאפּיטעל.

# די פאָלקס־אויפשטענדע.

די נויטווענדיגקייט פון פאָלקס־אויפשטענדע. — די ווירקונג פון דעם שטורץ פון דער באַסטיל איבערשעצט. — דער חילוק צווישען די אויפשטענדע פון די ענגלישע און פראַנצויזישע בויערן. — די וויכטיגקייט פון דעם בויערן־אויפשטאַנד.

---

מיט דעם, וואָס פּאַריז האָט צו גאָרניט געמאַכט די פּלענער פון קעניגליכען הויף, האָט ער דערלאַנגט א טוידט־קלאַפּ דער קעניגליכער אויטאָריטעט. אחוץ דעם, דאָס ערשיינען אין די גאַסען פון מענשען אין שמאַטעס, אלס אַן אַקטיווע מאַכט אין דער רעוואָלוציאָן, האָט געגעבען דער גאַנצער בעוועגונג א נייעם כאַראַקטער, א נייע שטרעמונג. די רייכע און די מעכטיגע האָבען פערשטאַנען אויסגעצייכענט די בעדייטונג פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז אין יענע טעג, און די עמיגראַציאָן, צוערשט, פון די פּרינצען, דאַן פון די הויף־ליעבלינגע און מאָנאָפּאָליסטען האָט נאָך מעהר בעטאָנט דעם זיעג. דער קעניגליכער הויף האָט שוין דאַן גענומען זוכען די הילף פון אויסלאַנד געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פראַנקרייך.

דאָך, ווען דער אויפשטאַנד וואָלט פאָרגעקומען בלויז אין פּאַריז, וואָלט די רעוואָלוציאָן זיך קיינמאָל ניט געקענט ענטוויקלען ביז צו אַזא גראַד, אז זי זאָל זיך ענדיגען מיט דער פערניכטונג פון די אַלע אַלטע פּריווילעגיעס. דער אויפשטאַנד אין דעם צענטער איז געווען נויטיג אום צו געבען א קלאַפּ דער צענטראַלער רעגיערונג , אום איהר א טרייסעל צו טהאָן און צו

דעמאָראַליזירען איהרע פערטהיידיגער, אָבער אום צו פערניכטען די מאַכט פון דער רעגיערונג אין די פּראָווינצען, אום צו געבען אַ קלאַפּ דעם אַלטען רעזשים דורך אַלע זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּריווילעגיען, איז נויטיג געווען אַ ווייט־פערשפּרייטער אויפשטאַנד אין די שטעדט און דערפער. און דאָס איז עס טאַקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם משך פון מאָנאַט יולי דורך די גאַנצע לענג און ברייט פון פראַנקרייך.

די געשיכט־שרייבער, בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט, האָבען אין אַלגעמיין פאָרגעשטעלט די בעוועגונג אין די שטעדט און אין די דערפער, אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם שטורץ פון דער באַסטיל. די נייעס פון דיעזען ערפאָלג, מיינט מען, האָט אויפגעוועקט די אַלע אַנדערע טהיילען פון לאַנד. די שלעסער זיינען אונטערגעצונדען געוואָרען, און דער אויפשטאַנד פון די בויערען האָט פערשפּרייט אַזאַ שרעק, דאָס די אַדעללייט און די גלחים האָבען זיך ענטזאַגט פון זייערע פעאָדאַלע רעכטע דעם 4טען אויגוסט.

דיעזער נוסח פון דער געשיכטע איז נור האַלב אמת. אַזוי ווייט, ווי די שטעדט אָנבעטרעפט איז עס גאַנץ ריכטיג, דאָס אַ גרויסע צאָהל פון שטעדטישע אויפשטענדע האָט שטאַטגעפונען אונטער דער ווירקונג פון די נייעס איבער דעם פאַלען פון דער באַסטיל. מאַנכע פון זיי, ווי אין טראָיע, דעם 18טען יולי, אין שטראַסבורג דעם 19טען, אין רועַן דעם 14טען און אין מאָבעזש דעם 27טען, זיינען געקומען גלייך נאָך דעם פּאַריזער אויפשטאַנד, וועהרענד די אַנדערע זיינען פאָרגעקומען אין דעם משך פון די נעקסטע דריי אָדער פיער מאָנאַטען, ביז די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט געשטימט פאַר דעם מוניציפּאַל־געזעץ פון דעם 14טען דעצעמבער, 1789, וועלכער האָט געמאַכט פאַר געזעצליך די גרינדונג פון אַ דעמאָקראַטישע מיטעלקלאַס־מוניציפּאַל־רעגיערונג, וואָס זאָל זיין ביז צו אַ הויכען גראַד אונאַבהענגיג פון דער צענטראַלער רעגיערונג.

וואָס די בויערען אַנבעטרעפט, איז עס קלאָר, דאָס לויט דער לאַנגזאַמקייט פון דער קאָמוניקאַציאָן פון יענער צייט, איז

דער משך פון צוואַנציג טעג, וואָס איז פערלאָפען צווישען דעם 14טען יולי און דעם 4טען אויגוסט ניט געווען גענוג, אַז דאָס זאָל קענען ערקלעהרען די ווירקונג, וואָס דער שטורץ פון דער באַסטיל האָט געהאַט אויף די דאָרף־געגענדען און די נאָכפאָל־גענדע ווירקונג פון דעם בויערען־אויפשטאַנד אויף די בעשליסע פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. און ווירקליך, צו מאָהלען די פאַסירונגען אויף אַזאַ שטייגער מיינט צו פערקלענערען די טיעפע וויכטיגקייט פון דער בעוועגונג אין דאָרף.

דער אויפשטאַנד פון די בויערען פאַר די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע און פאַר דאָס צוריקקריגען פון דעם קאָמו־נאַלען לאַנד, וואָס איז אָוועקגענומען געוואָרען פון די דאָרף־קאָמונען זייט דעם 17טען יאָהרהונדערט דורך די לאָרדען, פריצים און גלחים, איז דער סאַמע עיקר, דער פונדאַמענט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. אויף דעם האָט זיך ענטוויקעלט דער קאַמפף פון די מיטעלקלאַסען פאַר זייערע פאָליטישע רעכטע. אָהן דעם וואָלט די רעוואָלוציאָן ניט געווען אַזוי פאָלשטענדיג, ווי זי איז עס געווען אין פראַנקרייך. דער גרויסער אויפשטאַנד פון די דאָרף־דיסטריקטען, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך אין יאַנואַר, 1789, און זאָגאַר אין 1788, און האָט ג ע ד ו י ע ר ט פ י נ ף י אָ ה ר, דיעזער איז עס געווען, וואָס האָט געמאַכט מעגליך די רעוואָלוציאָן אויסצופיהרען די גרויסע אַרבייט פון פערניכטונג, און פאַר וואָס מיר זיינען איהם שולדיג אַ דאַנק. דאָס איז עס געווען, וואָס האָט געצוואונגען די רעוואָלוציאָן פעסטצושטעלען די ערשטע בעדינגונגען פון אַ סיסטעם פון גלייכהייט, צו ענטוויקלען אין פראַנקרייך דעם רעפובליקאַנישען גייסט, וועלכען זייט דאַן קיין זאַך האָט ניט געקענט מעהר אונטערדריקען, צו פראָקלאַמירען די גרויסע פרינציפען פון דעם אַגראַרישען קאָמוניזם, וועלכען מיר וועלען זעהן אַרויפשווימען אין 1793. דיעזער אויפשטאַנד איז עס אין דער ווירקליכקייט, וואָס גיט דעם אמת'ן כאַראַקטער דער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציאָן און אונטערשיידעט איהר גאַנץ ראַדיקאַל פון דער רעוואָלו־ציאָן פון 1648—1657 אין ענגלאַנד.

אויך דאָרט האָט די מיטעלקלאַס אין דעם משך פון ניין יאָהר אַרונטערגעבראַכט די אַבסאָלוטע מאַכט פון קעניגטהום און די פּאָליטישע פּריווילעגיען פון דער הויף־פּאַרטיי. אָבער מעהר פון אַלץ, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון דער ענגלי־שער רעוואָלוציאָן, איז געווען דער קאַמפּף פאַר דאָס רעכט פון יעדען מענשען אַנצוערקענען וועלכע רעליגיאָן ער האָט געוואָלט, צו פּערטייטשען די ביבעל לויט זיין אייגענעם בעגריף, אויסצו־קלייבען זיין אייגענעם גלח — אין קורצען, דאָס רעכט פון דעם איינצעלנעם אויף די גייסטיגע און רעליגיעזע ענטוויקלונג, וואָס פּאַסט איהם אַם בעסטען. וויטער האָט זי פערלאַנגט דאָס רעכט פון יעדער געמיינדע, פון יעדער שטאָדט, אויף אויטאָנאָמיע. אָבער די בויערען־אויפשטענדע אין ענגלאַנד האָבען ניט ער־שטרעבט אַזוי אַלגעמיין, ווי אין פראַנקרייך, די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען אָדער דאָס צוריקקריגען פון דעם קאָמונאַלען לאַנד. און ווען קראָמוועל׳ס אַרמעען האָבען צושטערט אַ געוויסע צאָהל שלעסער, וואָס האָבען רעפּרעזענטירט אמת׳ע פעסטונגען פון פעאָדאַליזם, האָבען דיעזע אַרמעען אונגליקלי־כער ווייזע ניט אַטאַקירט ניט די פעאָדאַלע פּרעטענזיעס פון די לאָרדען אויף דאָס לאַנד און ניט זאָגאַר דאָס רעכט זייערס צו זיין ריכטער איבער זייערע וואַססאַלען. וואָס די ענגלישע רעוואָ־לוציאָן האָט יע אויפגעטהאָן, איז געווען דאָס, וואָס זי האָט ערקעמפּפט איינינע גרויסע רעכטע פאַר דעם איינצעלנעם, אָבער זי האָט ניט אָבגעשאַפט די פעאָדאַלע מאַכט פונ׳ם לאָרד. זי האָט איהר בלויז עטוואָס געענדערט, וועהרענד זי האָט אויפגע־האַלטען זיין מאַכט איבער׳ן לאַנד, די מאַכט, וועלכע ער האָט נאָך ביז היינט.

די ענגלישע רעוואָלוציאָן האָט אָהן צווייפעל פעסטגעשטעלט די פּאָליטישע מאַכט פון דעם מיטעלקלאַס, אָבער דיעזע מאַכט איז נור דערגרייכט געוואָרען, טהיילענדיג זיך אין איהר מיט דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, און אויב די רעוואָלוציאָן האָט געגעבען דעם ענגלישען מיטעלקלאַס אַ גליקליכע צייט פאַר זיין אינדו־סטריע און האַנדעל, איז דאָס געווען מיט דעם תנאי אַז דער

מיטעלקלאַס זאָל זיך ניט בענוצען דערמיט, אום צו אַטאַקירען די לאַנד־פּריווילעגיעס פון דעם אַדעל. אומגעקעהרט, דער מיטעלקלאַס האָט געהאָלפען פערגרעסערען דיעזע פּריווילעגיען, וועניגסטענס אין ווערטה. ער האָט געהאָלפען דעם אַדעל נעהמען געזעצליכען בעזיץ פון דעם קאָמונאַלען לאַנד מיט דער הילף פון דעם „ענקלאָזור אקט“, וועלכער האָט געבראַכט די גאַנצע לאַנד־בעפעלקערונג אין טיעפען עלענד, האָט איהר בלויזגעשטעלט צו דעם גענאַד פון די לאַנד־אייגענטהימער, און האָט געצוואונגען אַ גרויסען צאָהל פון דיעזער לאַנד־בעפעלקערונג אַריבערצוציהען אין די שטעדט, וואו, אַלס פּראָלעטאַריער, זיינען זיי איבערגעגע־בען געוואָרען אין די מאַכט פון די מיטעלקלאַס־פאַבריקאַנטען. דער ענגלישער מיטעלקלאַס האָט אויך געהאָלפען דעם אַדעל ניט נור צו מאַכען פון זיין לאַנד־אייגענטהום ריעזיגע פערמע־גענס, נור אויך צו האָבען אַ געוואַלדיגע פּאָליטישע און ריכטער־ליכע מאַכט, צוריק איינפיהרענדיג די אַלטע פעאָדאַלע רעכטע. ער האָט אויך געהאָלפען דעם אַדעל צו פערצעהנפאַכען זיינע איינקינפטע, ערלויבענדיג איהם דורך די לאַנד־געזעצע, וועלכע שטערען דעם פערקויף פון די מאַיאָנטקעס, צו מאָנאָפּאָליזירען דאָס לאַנד, די נויטווענדיגקייט אין וועלכען עס האָט זיך געפיהלט אַלץ מעהר און מעהר צווישען אַ בעפעלקערונג, וועמעס אינדוסטריע און האנדעל זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער.

מיר וויסען איצט, דאָס דער פראַנצויזישער מיטעלקלאַס, בעזאָנדערס דער העבערער מיטעלקלאַס, וואָס איז געווען בעשעפ־טיגט אין אינדוסטריע און האנדעל, האָט געוואונשען נאָכצוטהאָן דעם ענגלישען מיטעלקלאַס אין זיין רעוואָלוציאָן. אויך ער וואָלט גערן געמאַכט אַ פערבינדונג סיי מיט דעם קעניגטהום און סיי מיט׳ן אַדעל, אום צו דערגרייכען די פּאָליטישע מאַכט. אָבער ער האָט עס ניט אויסגעפיהרט, ווייל דער פונדאַמענט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז געווען, גליקליכערווייזע, פיעל ברייטער, ווי פון דער רעוואָלוציאָן אין ענגלאַנד. אין פראַנקרייך איז די בעוועגונג ניט געווען בלויז אַן אויפשטאַנד, אום צו

געווינען רעליגיעזע פרייהייט, אָדער זאָגאר קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע פרייהייט פאר דעם איינצעלנעם, אָדער גאָר אריינצובריינגען די מוניציפאלע אויטאָריטעט אין די הענד פון איינינע מיטעלקלאַס־מענשען. עס איז געווען מעהר פון אלץ א ב ו י ע ר ע ן־אויפשטאַנד, א בעוועגונג פון פאָלק, אום צוריק־צוקריגען דעם בעזיץ פון לאַנד און צו בעפרייען איהם פון די פעאָדאלע פערפליכטונגען, וועלכע זיינען געלעגען אויף איהם, ווי א שווערע משא. און וועהרענד דאָס גאַנצע איז געווען דורכגע־דרונגען פון א שטאַרקען אינדיווידואליסטישען עלעמענט — דעם וואונש צו בעזיצען דאָס לאַנד יעדער בעזונדער — איז דאָרט אויך געווען דער קאָמוניסטישער עלעמענט, דאָס רעכט פון דער גאַנצער נאַציאָן אויפ׳ן לאַנד — א רעכט, וועלכען מיר וועלען זעהן הויך פראָקלאַמירט דורך די אָרעמערע קלאַסען אין 1793.

דאָס איז עס, ווארום עס וואָלט געווען א מאָדנע פערמינ־דערונג פון דער וויכטיגקייט פון דעם בויערען־אויפשטאַנד אין דעם זומער פון 1789, ווען מען זאָל איהם פאָרשטעלען בלויז אלס אן עפּיזאָד פון קורצען דויער, וועלכער איז געקומען אלס רעזולטאַט פון דעם ענטהוזיאזמוס איבער דעם שטורץ פון דער באַסטיל.

פופצעהנטער קאפיטעל.

# די שטעדט.

דער צושטאנד פון די שטעדט־אינסטיטוציאָנען. — פעאָדאלע רעכטע עקזיסטירען נאָך. — די נויטווענדיגקייט פון מוניציפאלע רע־פאָרמען. — די שטאָדט־מענשען רעוואָלטירען. — פאר אַ נייע מוניציפאליטעט געשטימט. — די וויכטיגקייט פון דער קאָמו־נאליסטישער בעוועגונג. — די פאריזער קאָמונע. — אַנדערע שטעדט פאָלגען נאָך. — אונרוהען אין שטראסבורג. — אַ נייע קאָרפּאָראַציאָן געגרינדעט. — מיטעל־קלאַס בעפרייט פון פעאָדאַ־ליזם. — רויאַטען אין טראָיע, אַמיען און אַנדערע שטעדט. — די בעדייטונג פון דעם פאָלקס טהעטיגקייט אין דעם משך פון דער רעוואָלוציאָן.

---

אין דעם 18טען יאָהרהונדערט זיינען די מוניציפאלע אינ־סטיטוציאָנען אין גאנצען געזונקען, א דאנק די פערשיעדענע מאסרעגעלען געגען זיי פון דער קעניגליכער אויטאָריטעט פאר גאנצע צוויי הונדערט יאָהר.

זייט דער אָבשאפונג פון די געריכטס־פערזאמלונגען פון די שטאָדט־מענשען, וועלכע האָבען אין פריהערע צייטען געהאט די השגחה איבער די אדמיניסטראציאָן און די רעכט־פיהרונג פון דער שטאָדט־בעפעלקערונג, זיינען די געשעפטען פון די גרויסע שטעדט געגאנגען אלץ ערגער און ערגער. די שטעלען פון „די שטאָדט־ראטהגעבער“ האָבען בעדארפט געקויפט ווערען פון דער געמיינדע, און גאנץ אָפט איז אזא רעכט געקויפט געוואָרען פאר דאָס גאנצע לעבען. דיעזע בעראטהונגס־פערזאמלונגען זיינען

זעלטען צוזאמענגעקומען, אין מאנכע שטעדט איין מאָל אין זעקס מאָנאטען, און זאָגאר דאָן איז די ארבייט ביי דיעזע צוזאמענטרעפונגען געווען א זעהר נאכלעסיגע. דער רעגיסטראר האָט געפיהרט דאָס גאנצע געשעפט. און, אלס א כלל, האָט ער ניט פערפעהלט צו מאכען די, וועלכע זיינען געווען פעראינטערעסירט, איהם גוט בעצאָהלען. די פערשיעדענע אדוואָקאטען, און נאָך מעהר דער גובערנאטאָר פון דער פראָווינץ, האָבען שטענדיג זיך אריינגעמישט, אום צו שטערען אירגענד וועלכע מוניציפאלע אויטאָנאָמיע.

אונטער דיעזע אומשטענדען זיינען די אנגעלעגענהייטען פון שטאָדט אריינגעפאלען אלץ מעהר און מעהר אין די הענד פון פינף אָדער זעקס פאמיליען, וועלכע האָבען פערטהיילט די מייסטע איינקינפטע איהרע צווישען זיך. די חתונה־איינקינפטע, וועלכע מאנכע שטעדט האָבען נאָך געהאט, ווי אויך פערשיעדענע איינקינפטע פון דעם שטאָדט־האנדעל און שטייערען זיינען אלע אוועק, אום רייך צו מאכען אָט די עטליכע פאמיליען. אחוץ דעם, שטאָדט־מעיאָרען און בעאמטע האָבען אָנגעהויבען צו האנדלען אין קאָרן און פלייש, און באלד זיינען זיי געוואָרען מאָנאָפּאָליסטען. בדרך כלל, האָט די גאנצע ארבייטער־בעפעלקערונג זיי געהאסט. די אונטערטהעניגקייט פון די בעאמטע, פון די ראטהגעבער און די שטאָדט־פיהרער צום הערר אינטענדאנט (דעם גובערנאטאָר) איז געווען אזא, דאָס זיין קאפריז איז געוואָרען געזעץ. און די ביישטייערונגען פון דער שטאָדט צו דעם גובערנאטאָר'ס וואוינונג, צו דער העכערונג פון זיין געהאלט, צו מאכען איהם מתנות פאר די עהרע פון האלטען זייערע קינדער ביין טויף־קוואל, און אזוי ווייטער, זיינען געוואָרען אלץ גרעסערע — שוין ניט ריידענדיג פון די מתנות, וועלכע מען האָט געמוזט שיקען יעדען יאָהר צו פערשיעדענע גרויסע פערזענליכקייטען אין פאריז.

אין די שטעדט, ווי אין די דערפער, האָבען די פעאָדאלע רעכטע נאָך עקזיסטירט. דער בישאָפ איז נאָך אלץ געווען דער פעאָדאלער לאָרד, און די לאָרדען פון די פערשיעדענע מיניס

האָבען ניט נור אויפגעהאַלטען פאַר זיך זייערע עהרען־רעכטע, אָדער דאָס רעכט זאַגאַר פון אַריינמישען זיך אין די נאָמינירונג פון שטאָדט־פיהרער, נור אויך, אין מאַנכע שטעדט, האָבען זיי זיך געהאַלטען פעסט ביי זייערע רעכטע פון אַליין צו זיין די ריכטער. אין א נ ז ש ע ר זיינען געווען זעכצעהן אזעלכע הערען־געריכטע, ד ו ז ש א ן האָט אויפגעהאַלטען, אחוץ די מוניציפּאַלע געריכטע, זעקס גלח'ישע געריכטע. אַלע דיעזע זיינען געוואָרען פּעט אין מיטען פון א האַלב־פערהונגערטען פאָלק. ט ר אָ י ע האָט געהאַט ניין פון דיעזע טריבונאַלען, אחוץ צוויי קעניגליכע געריכטע. אזוי דאָס די פּאָליציי האָט ניט אימער געהערט צו די שטעדט, נור צו די, וועלכע האָבען דאָס פערכאַפּט די אדמיניסטרירונג פון „גערעכטיגקייט“. אין קורצען, עס איז געווען די פעאָדאַלע סיסטעם אין פולען גאַנג.

אָבער וואָס עס האָט מעהר פון אַלץ אַרויסגערופען דעם צאָרן פון די בירגער איז געווען דאָס, וואָס אַלערליי פעאָדאַלע שטייערען זיינען גענומען געוואָרען פון די בירגער, און בעזאָנדערס פון די־ארבייטער. ניט אזוי שווער, אפשר, ווי אין דאָרף, אָבער דאָך זעהר שווער, ווען זיי זיינען געווען נאָך א צולייג צו די אַלע אַנדערע שטאָדט־שטייערען.

וואָס עס האָט געמאַכט דיעזע אָבצאָהלונגען בעזאָנדערס פערהאַסט, איז געווען דאָס הונדערטע פּריווילעגירטע פּערזענליכקייטען האָבען אויסגעפיהרט צו זיין פריי פון דיזע אבצאָהלונגען. די גלחים, די אדעל־לייט, די אָפיציערען אין דער ארמיי — דיעזע אַלע זיינען פריי געווען פון אַלערליי שטייערען לויט געזעץ, אזוי גוט, ווי די „בעאַמטע פון דעם קעניגליכען הויז־האַלט“ און אַנדערע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבען בעצאָהלט פאַר זייערע טיטלען, אום נור צו שמייכלען זייער שטאָלץ און אום ניט צו דאַרפען צאָהלען קיינע שטייערען. אַן אָנווייז אויף זייערע טיטולען, אויסגעקריצט איבער זייערע טהירען, איז שוין געווען גענוג גרונד, אַז זיי זאָלען ניט צאָהלען דאָס מינדעסטע דער שטאָדט. איינער קען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי די איינפאַכע שטאָדט־בירגער האָבען געהאַסט דיעזע פּריווילעגירטע פערזאָנען.

די גאַנצע מוניציפּאַלע סיסטעם האָט דאַרום געמוזט רעפאָר־מירט ווערען. אָבער ווער קען זאָגען, ווי לאַנג דיעזע אויפגאַבע פון רעפאָרמירונג וואָלט געדויערט, ווען זי וואָלט איבערגעלאָזען געוואָרען צו דער גרינדונגס־פערזאַמלונג? גליקליכערווייזע האָבען די שטאָדט־מענשען אַליין עס אונטערנומען, און נאָך מעהר דער־פאַר, ווייל אין דעם זומער פון 1789 איז צוגעקומען נאָך אַן אורזאַכע פון אונצופריעדענהייט צו די אַלע, וועלכע מיר האָבען אויסגערעכענט. דיעזע אורזאַכע איז געווען דער הונגער, דער אונגעהייער גרויסער פּרייז אויף ברויט, און דער מאַנגעל, אין וועלכען די אָרעמע קלאַסען האָבען געלעבט אין די מייסטע שטעדט. זאָגאַר אין יענע פעלצער, וואו די שטאָדט־רעגיערונג האָט געטהאָן איהר בעסטעם צו מאַכען קלענער דעם פּרייז פון ברויט דורך דעם, וואָס זי האָט אַליין געקויפט קאָרן, אָדער דורך דעם, וואָס זי האָט בעשטימט דעם פּרייז, איז דאָך ברויט געווען אימער וועניג, און די הונגעריגע מענשען זיינען געשטאַנען אין לאַנגע רייהען ביי די טהירען פון די בעקער.

אָבער אין פיעלע שטעדט האָבען דער מעיאָר און די שטאָדט־פיהרער נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל פון קעניגליכען הויף און די פּרינצען און האָבען אַליין ספּעקולירט אין דעם ברויט־יקרות. דאָס איז עס געווען, וואָרום — נאָך דעם, ווי עס האָט זיך פער־שפּרייט די נייעס פון דעם איינגעהמען פון דער באַסטיל און פון דער הינריכטונג פון פולאָן און בערטהיע, — די שטאָדט־מענשען האָבען אָנגעהויבען רעוואָלטירען מעהר אָדער וועניגער איבעראַל. צוערשט האָבען זיי געמאַכט, אז עס זאָל זיין אַ בעשטימטער פּרייז אויף פלייש און ברויט; זיי האָבען פערניכטעט די הייזער פון די הויפּט־מאָנאָפּאָליסטען, זיי האָבען פערכאַפּט די שטאָדט־געביידען, און האָבען נאָמינירט דורך אַ פאָלקס־אָבשטימונג נייע שטאָדט־רעגיערונגען, גאָר ניט נעהמענדיג אין אַכט די רעכטע פון דער אַלטער מוניציפּאַלער קערפּערשאַפט אָדער די עמטער, וועלכע זיינען געקויפט געוואָרען פאַר געלד פון פערש־יעדענע שטאָדט־פיהרער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען אַ בעוועגונג פון דער העכסטער וויכטיגקייט, ווייל די שטאָדט האָט דערמיט

בעהויפּטעט ניט נור איהר אויטאָנאָמיע, נור אויך איהר ענט־שלאָסענהייט צו נעהמען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דער אַלגע־מיינער רעגיערונג פון דער נאַציאָן. עס איז געווען, ווי אָלאַרד האָט גאַנץ ריכטיג בעמערקט, אַ קאָמונאַליסטישע בעוועגונג פון אַ זעהר גרויסער וויכטיגקייט, אין וועלכער די פּראָווינץ האָט נאָכגעטהאָן פּאַריז, וואו, ווי מיר האָבען געזעהן, די קאָמונע איז געגרינדעט געוואָרען דעם 13טען יולי. עס איז קלאָהר, דאָס דיעזע בעוועגונג איז געווען ווייט ניט קיין אַלגעמיינע. זי האָט זיך אָנגעהויבען גאַנץ בולט נור אין אַ געוויסע צאָהל שטעדט, הויפּטזעכליך אין איסט־פראַנקרייך. אָבער איבעראַל האָט די אַלטע שטאַדט־רעגיערונג פון דעם אַלטען שטייגער געמוזט זיך אונטערגעבען צום ווילען פון פּאָלק, אָדער, וועניגסטענס, צו דעם ווילען פון די אויסגעוועהלטע אין די לאָקאַלע פערזאַמלונגען.

אזוי איז פּאָלבראַכט געוואָרען, גלייך אין אָנפאַנג, אין יולי און אויגוסט, די גרויסע קאָמונאַליסטישע רעוואָלוציאָן, וועלכע די גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט ערשט שפּעטער געמאַכט געזעצ־ליך מיט די מוניציפּאַל־געזעצע פון דעצעמבער 14, 1789, און פון יוני 21, 1790. עס איז בעשיינפּערליך, דאָס דיעזע בעוועגונג האָט געבראַכט דער רעוואָלוציאָן אַ מעכטיגען שטראָם פון לעבען און קראַפט. דער גאַנצער כח פון דער רעוואָלוציאָן האָט זיך קאָנצענטרירט, ווי מיר וועלען עס זעהן, אין 1792, 1793, אין די מוניציפּאַליטעטען פון די שטעדט און דערפער, פון וועלכע די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע אין פּאַריז איז געווען דער פּראָטאָטיפּ, דער מוסטער.

דער סיגנאַל פאַר דיעזע איבערבויאונג איז געקומען פון פּאַריז. ניט וואַרטענדיג אויף דעם מוניציפּאַל־געזעץ, פאַר וועל־כען די פערזאַמלונג וועט וועןעס־איז שטימען, האָט פּאַריז זיך אַליין געגעבען אַ קאָמונע. זיין שטאָדט־ראַטה, זיין מאַיאָר (באַילי) און דער קאָמאַנדיר פון זיין נאַציאָנאַלער גוואַרדיע (לאַפאַיעט) זיינען אויסערוועהלט געוואָרען. נאָך מעהר, זיינע זעכציג דיסטריקטען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען — „זעכציג רעפּובליקען“, — ווי מאָנטשיאָ האָט זיי אַזוי אויסגעצייכענט

אָנגערופען: ווייל, כאָטש דיעזע דיסטריקטען האָבען איבערגעגעבען די אויטאָריטעט צו די פערזאַמעלטע רעפּרעזענטאַנטען פון דער קאָמונע און צום מעיאָר, האָבען זיי דאָך עטוואָס פון דיעזער אויטאָריטעט בעהאַלטען פאַר זיך. „אויטאָריטעט איז אַלעס", האָט געזאָגט בעילי, „און עס איז דאָ זעהר ווייניג פון דעם אין דעם צענטער". „יעדער דיסטריקט איז אַן אונאַבהענגיגע מאַכט", ערקלערען מיט פערדרוס די פריינד פון אָרדנונג און הערשאַפט, ניט בעגרייפענדיג, אַז אַזוי איז עס, ווי רעוואָלוציאָנען ווערען געמאַכט.

ווערהענד די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג האָט געהאַט צו קעמפּפען געגען איהר אייגענע אויפלייזונג, און האָט געהאַט איהרע הענד אַזוי פול מיט פערשיעדענע זאַכען, ווען װאָלט זי געקאָנט אָנהויבען דיסקוטירען אַ געזעץ וועגען דער רעאָרגאַניזירונג פון די געריכטען? זי איז קוים געווען אַזוי ווייט ערשט ביים סוף פון צעהן מאָנאַטען פון איהר עקזיסטענץ. אָבער „דער דיסטריקט פּעטיט־אָגאָסטינס האָט בעשלאָסען אויף זיין אייגענעם חשבון", דערצעהלט בעילי אין זיינע מעמאָארען, „דאָס עס זאָלען בעשטימט ווערען פריעדענס־ריכטער". און דער דיסטריקט האָט טאַקע גלייך גענומען און זיי אויסערוועהלט. אַנדערע דיסטריקטען און אַנדערע שטעדט, שטראַסבורג איבערהויפּט, האָבען געטהאָן דאָס זעלבע, און ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכט פון פיערטען אויגוסט, און דער אַדעל האָט געמוזט זיך ענטזאַגען פון זיינע ריכטער־רעכטע, האָבען זיי שוין אין פיעלע שטעדט פיעל פריהער פערלאָרען זייערע רעכטע, ווייל נייע ריכטער זיינען בעשטימט געוואָרען פון פאָלק. די גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט אויף אַזאַ אופן ניט געהאַט צו טהאָן קיין אַנדער זאַך, ווי נור איינצושליסען דעם אויסגעפיהרטען פאַקט אין די קאָנסטיטוציאָן פון 1791.

ט ע י ן און אַלע בעוואונדערער פון דער רעגיערונגס־אָרדנונג פון די פערשלאָפענע מיניסטאָרען זיינען, אָהן צווייפעל, שטאַרק אויפגעטרייסעלט געוואָרען ביי דעם געדאַנק, דאָס דיעזע דיסטריקטען זיינען פאָראויסגעלאָפען דער פערזאַמלונג מיט

איהרע געזעצע און האָבען מיט זייער בעשלוס אָנגעצייגט אויף דעם ווילען פון פאָלק. אָבער דאָס איז דער שטייגער, ווי מענשליכע אינסטיטוציאָנען ענטוויקלען זיך, ווען זיי זיינען ניט דער פּראָדוקט פון א ביוראָקראטיע. אויף דעם זעלבען אופן זיינען אַלע גרויסע שטעדט אויפגעבויט געוואָרען. מיר קענען נאָך זיי איצט זעהן אַזוי אויפגעבויט ווערען. דאָ איז א גרופּע פון הייזער און עטליכע קראָמען ארום זיי. דאָס וועט זיין א וויכטיגער פּונקט אין א צוקינפטיגער שטאָדט. דאָרט איז א שליאך, וועלכער איז נאָך קוים בעמערקבאַר, און דיעזער וועט זיין איין שעהנעם טאָג איינע פון איהרע גרויסע גאסען. דאָס איז די „אַנארכיסטישע" ענטוויקלונג, דער איינציגער אופן, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער פרייער נאַטור. עס איז דאָסזעלבע זאָגאר מיט אינסטיטוציאָנען, ווען זיי זיינען דער אָרגאַנישער פּראָדוקט פון לעבען. און דאַרום האָבען עס רעוואָלוציאָנען אַזאַ גרויסע וויכטיגקייט אין דעם לעבען פון געזעלשאפטען. זיי ערלויבען די מענשען אָנצופאַנגען מיט דער אָרגאַנישער איבערבויענדער ארבייט, אונגעשטערט פון דער אויטאָריטעט, וועלכע, נויטווענדיגערווייזע, שטעלט מיט זיך אימער פאָר די פערגאַנגענע צייטען.

לאָמיר דארום א בליק טהאָן אויף מאַנכע פון דיעזע קאָמונאַלע רעוואָלוציאָנען.

אין 1789 האָט זיך א נייעס פערשפּרייט מיט א לאַנגזאַמקייט, וועלכע מיר איצט קענען קוים בעגרייפען. אַזוי אין ש א טאָ ט ה י ע ר, דעם 12טען יולי, און אין ב ע נ ז א נ ס אָ ן, דעם 27טען האָט ארטהור יאָנג ניט געפונען אַן איינציג קאָפּע אָדער אַן איינציגע צייטונג. די נייעס, פון וועלכע מען האָט גערעדט, איז געוועזען אַלט שוין א צוויי וואָכען. אין ד י ז ש אָ ן, ניין טעג נאָך דעם גרויסען אויפשטאַנד אין שטראַסבורג, נאָך דעם איינגעהמען פון דעם טאַון-האָל דורך די רעבעלען, האָט קיינער ניט געוואוסט וועגען דעם. דאָך די נייעס, וואָס איז געקומען פון פּאַריז, ווען עס איז זאָגאר געקומען אין דער געשטאַלט פון א לעגענדע, האָט אָנגעטריבען די מענשען צום אויפשטאַנד. אַלע דעפּוטאַטען, האָט מען דערצעהלט, זיינען אריינגעשפּאַרט געוואָ-

רען אין די באַסטיל; און וואָס אָנבעטרעפט די „גרויזאַמקייטען“, בעגאַנגען פון מאַריע אַנטואַנעט, וועגען דעם האָט יעדער איינער גערעדט מיט איבערצייגונג.

אין שטראַסבורג האָבען די אונרוהען זיך אָנגעפאַנגען דעם 19טען יולי, אַזוי שנעל ווי די נייעס פון דעם שטורץ פון דער באַסטיל און דער הינריכטונג פון דע־לאַוני האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן שטאָדט. די מענשען האָבען שוין פון פריהער געהאַט אַ כעס אויף דעם שטאָדט־ראַטה פאַר זיין לאַנגזאַמקייט אין מיטצוטהיילען צו די פאָלקס־פאָרשטעהער, — דאָ הייסט, צו די וואַהל־מענער—די רעזולטאַטען פון זייערע איבערלעגונגען איבער די קריוודעס, וואָס די אָרימע קלאַסען האָבען צוגעשטעלט צו דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג. דאָס פאָלק האָט דאַרום אַטאַקירט דאָס הויז פון ל ע מ פּ, דעם מעיאָר, און עס פערניכטעט.

דורך דעם אָרגאַן פון זיין „בירגער־פערזאַמלונג“ האָט דאָס פאָלק געפאָדערט — איך ציטיר פון טעקסט — „די פערזיכערונג פון דער פּאָליטישער גלייכהייט פון די בירגער און זייער איינפלוס אין די וואַהלען פון די אַדמיניסטראַטאָרס פון עפענטליכען אייגענטהום און פון פריי־אויסערוועהלטע ריכטער“.

זיי האָבען פערלאַנגט, אַז קיין אויפמערקזאַמקייט זאָל ניט געשענקט ווערען צו דעם עקזיסטירענדען געזעץ, און דאָס דורך אַן אַלגעמיינע אָבשטימונג זאָל אויסגעוועהלט ווערען אַ נייער שטאָדט־ראַטה, ווי אויך אַלע ריכטער. די שטאָדט־רעגיערונג, פון איהר זייט, האָט ניט געהאַט קיין גרויסען וואונש צו טהון עס, און זי האָט געגענגעשטעלט די מנהגים פון עטליכע יאָהרהונדערטע געגען די פאָרגעשלאָגענע ענדערונג. דאַן האָט דאָס פאָלק זיך פערזאַמעלט פאַר אַ בעלאַגערונג ארום דעם טאַון־האָל, און אַ האָגעל פון שטיינער האָט אָנגעהויבען פאַלען אין דעם צימער, וואו עס זיינען אָנגעגאַנגען די פערהאַנדלונגען צווישען דער רעגיערונג און די רעוואָלוציאָנערע פאָרשטעהער. און אויף דיעזען אַרגומענט האָט די שטאָדט־רעגיערונג גלייך נאָכגעגעבען.

דערווייל, זעהענדיג אָרימע און הונגעריגע מענשען זיך פערזאַמלען אין די גאַסען, האָט דער רייכער מיטעלקלאַס זיך

בעוואָפּענט געגען פאָלק, און אוועקגעהענדיג צום הויז פון גראַף ר אַ ש א מ ב אָ, דעם גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ, האָט ער געבעטען זיין ערלויבנים פאר די רעספּעקטאַבלע בירגער צו טראָגען וואפפען און צו בילדען זיך אין אַ פּאָליציי, צוזאַמען מיט דער ארמיי, אַ פּאָדערונג, וועלכע דער קאָמאַנדירענדער אָפיציער, „איינגעזאַפּט מיט אריסטאָקראַטישע אידעען" האָט, ניט פיעל טראַכטענדיג, ענטזאַגט, ווי דע־לאַוני האָט עס געטהאָן אין דער באסטיל.

דעם פאָלגענדען טאָג, ווען עס האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, דאָס די שטאָדט־רעגיערונג האָט צוריקגעצויגען דאָס, וואָס זי האָט שוין נאָכגעגעבען, איז דאָס פאָלק ווידער אוועק אַטאַקירען דעם טאַון־האָל, פאָדערענדיג די אָבשאַפונג פון אַלע שטאָדט־שטייערען און סובסידיען. אזוי ווי דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין פּאַריז, קען דאָך דאָס זעלבע אויסגעפיהרט ווערען אין שטראַסבורג. ארום אַ זייגער זעקס האָבען מאַסען „ארבייטער, בעוואָפענט מיט העק און האמערס, מארשירט פון דריי גאַסען צום טאַון־האָל. זיי האָבען אויסגעבראָכען די טהיר מיט זייערע העק, האָבען זיך איינגעבראָכען אין די ארכיוועז און אין זייער כעס האָבען זיי פערניכטעט אַלע אַלטע פּאַפּיערען, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין די אָפיסעס. זיי האָבען אויסגעגאָסען זייער בלינדען צאָרן אויף די פּאַפּיערען; זיי זיינען אַלע ארויסגע־וואָרפען געוואָרען דורך די פענסטער און פערניכטעט געוואָרען", האָט געשריבען דער נייער שטאָדט־ראַטה. די דאָפּעל־טהירען פון אַלע ארכיוועז זיינען מיט געוואַלד אויפגעעפענט געוואָרען, אום צו פערברענען די אַלטע דאָקומענטען; און אין זייער האַס געגען די אַלטע רעגיערונג, האָבען די מענשען זאָגאַר צוברָאכען די מעבעל פון טאַון־האָל און געשליידערט עס אין גאַס. דער רעקאָרד־אָפיס, דער דעפּאָ פון מאַיאָנטקעס, איבער וועלכע עס זיינען אָנגעגאַנגען פּראָצעסען, האָבען געטהיילט דעם זעלבען שיקזאַל. אין דעם טעקס־זאַמלער'ס אָפיס זיינען אויפגעבראָכען געוואָרען די טהירען, און אַלע קוויטונגען זיינען אוועקגענומען געוואָרען. די סאָלדאַטען, וואָס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען

לעבען טאָן־האָל, האָבען גאָר ניט געקענט העלפען. דאָס פאָלק האָט געהאַנדעלט, ווי עס האָט געוואָלט.

די שטאָדט־רעגיערונג, פול מיט מורא, האָט שנעל אראָב־געלאָזען די פרייזען פון פלייש און ברויט און האָט בעשטימט דעם פרייז פון א זעקס־פונטיגען ברויט צו צוועלף סו.*) דאַן האָבען זיך אָנגעפאַנגען פריינדליכע אונטערהאַנדלונגען מיט די צוואַנציג טריביונס (גילדעס, צעכען) פון שטאָדט פאַר די אויסארבייטונג פון א נייער שטאָדט־קאָנסטיטוציאָן. זיי האָבען זיך געמוזט אונטעראיילען, ווייל איבער'ן גאַנצען שטאָדט זיינען פאָרגעקומען ראַיאָטען און אויך אין די דיסטריקטען ארום שטראַסבורג, וואו דאָס פאָלק האָט ארויסגעיאָגט די געזעצליכע בעלי־בתים און פיהרער פון דער קאָמונע, און האָבען נאָמינירט אַנדערע, אין דער זעלבער צייט ארויסשטעלענדיג פאָדערונגען אויף די וועלדער און אויף פיעלע אַנדערע רעכטע, וועלכע זיינען געווען פונקט דאַגעגען דעם געזעצליך עטאַבלירטען אייגענטהום. „עס איז א מאָמענט, ווען יעדער גלויבט, אַז איצט איז די ריכ־טיגע געלעגענהייט צוריקצוקריגען די ווידערקעהרונג פון זייערע כלומרשט'דיגע רעכטע", האָט געשריעבען די רעגיערונג אין א בריעף, דאַטירט דעם 5טען אויגוסט.

און אויף דעם אַלעם איז דעם 11טען אויגוסט אין שטראַס־בורג אָנגעקומען די נייעס פון דער נאַכט פון 4טען אויגוסט אין דער פערזאַמלונג, און די אונרוהיגקייטען זיינען געוואָרען נאָך סטראַשענדער; און נאָך מעהר דערפאַר, ווייל די ארמעע האָט געשלאָסען ברודערשאַפט מיט'ן פאָלק. דאַן האָט די אַלטע קאָר־פאָראַציאָן בעשלאָסען צו רעזיגנירען. דעם פאָלגענדען טאָג, אויגוסט דעם 12טען, האָבען אויך די 300 אָלדערמען רעזיגנירט פון זייערע עמטער אָדער, ריכטיגער, פון זייערע פריווילעגיען.

---

*) ווייץ איז דאַן געווען 19 ליווערס א זאַק. די פרייזען האָבען זיך א הויב געטהאָן צו ענדע אויגוסט ביז 28 און 30 ליווערס, אַזוי, דאָס די בעקער איז פערבאָטען געוואָרען צו באַקען קייקס אָדער פענסי־ברויט.

עס זיינען אויסערוועהלט געוואָרען נייע אויף זייער פּלאַץ, און זיי האָבען בעשטימט די ריכטער. אזוי איז דעם 14טען אויגוסט געגרינדעט געוואָרען אַ נייע קאָרפּאָראַציאָן, אַ צייטליכער סענאַט, וועלכער האָט בעדאַרפט פיהרען די אנגעלעגענהייט פון שטאָדט, ביז די פערזאמלונג אין ווערסאַיל וועט פעסטשטעלען אַ נייע מוניציפּאַלע קאָנסטיטוציע. ניט וואַרטענדיג אויף דיעזע קאָנ־סטיטוציע, האָט שטראַסבורג זיך געגעבען אַ קאָמונע און ריכטער, וואָס זיינען געוועזען איהם צום הארצען.

דער אַלטער רעזשים איז אויף אַזאַ אופן צובראָכען געוואָרען אין שטראַסבורג, און דעם 17טען אויגוסט האָט מ. דיעטריך גראַטולירט די נייע אַלדערמען אין פאָלגענדע ווערטער.

„מיינע הערען, די רעוואָלוציאָן וועלכע האָט נור וואָס שטאַטגעפונען, וועט בעצייכענען די צייט פון דעם צוריקקעהרען פון פערטרויען, וועלכע זאָל פעראייניגען די בירגער פון איין קאָמונע. דיעזע ווירדיגע פערזאַמלונג איז נור־וואָס פריי אויסער־וועהלט געוואָרען פון זייערע מיטבירגער צו זיין זייערע פאָר־שטעהער... דעם ערשטען געברויך, וואָס איהר האָט געמאַכט פון אייער מאַכט איז געוועזען צו בעשטימען אייערע ריכטער. וואָס פאַר אַ קראַפט קען ארויסוואַקסען פון דיעזער פעראייניגונג!“

דיעטריך האָט אויך פאָרגעשלאָגען, אַז דער 14טער אויגוסט, דער טאָג פון דער רעוואָלוציאָן אין שטראַסבורג, זאָל געמאַכט ווערען צו אַ בירגערליכען יו"ט.

איין וויכטיגער פאַקט איז בולט אין דיעזער רעוואָלוציאָן. דער מיטעלקלאַס אין שטראַסבורג איז בעפרייט געוואָרען פון דער פעאָדאַלער סיסטעם. אָבער ער אַליין האָט גאָר ניט געהאַט בדעה אויפצוגעבען די פעאָדאַלע רעכטע, וואָס ער האָט געהאַט איבער געוויסע שטיקער לאַנד. ווען די צוויי דעפּו־טאַטען פון שטראַסבורג אין דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג זיינען צוגערעדט געוואָרען פון זייערע חברים זיך אָבצוזאָגען פון זייערע רעכטע אין דער נאַכט פון 4טען אויגוסט, האָבען זיי ענטזאַגט זיך דאָס צו טהאָן. און ווען שפּעטער איינער פון דיעזע צוויי דעפּוטאַטען האָט פאָרגעבראַכט דיעזע אַנגעלעגענהייט פאַר דעם

שטראַסבורגער מיטעלקלאַס, בעטענדיג איהם ניט צו שטעלען זיך אַנטקעגען דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציאָן, האָט דער מיטעלקלאַס איהם ניט געהערט און האָט געהאַלטען אין איין פאָדערען זיינע פעאָדאַלע רעכטע. אַזוי זעהן מיר בילדענדיג זיך אין דיעזער שטאָדט זייט 1789 אַ פּאַרטיי, וועלכע וועט זיך פערזאַמלען אַרום דעם קעניג, אַרום „דעם בעסטען פון אַלע קעניגע“, אַרום „דעם פריעדליכסטען פון אַלע מאָנאַרכען“, מיט דעם צוועק צו בלייבען ביי איהרע רעכטע איבער רייכע שטיקער לאַנד, וועלכע האָבען געהערט צו דער שטאָדט אונטער דעם פעאָדאַלען געזעץ. דער בריעף, אין וועלכען דער צווייטער שטראַסבורגער דעפּוטאַט, ט י ר ק ה י ם, האָט אַריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציאָן נאָכדעם, ווי ער איז אַנטלאָפען פון ווערסאַיל דעם 5טען אָקטאָבער, איז אַ דאָקומענט פון דער העכסטער וויכטיגקייט אין דיעזער בעציהונג. מען זעהט שוין דאָרט, וואַרום די זשיראָנדיסטען וועלען פערזאַמלען אונטער זייער מיטעלקלאַס־פאָהן „די פערטהיידיגער פון אייגענטהום“ אַזוי גוט, ווי די ראָיאַליסטען.

וואָס עס האָט פּאַסירט אין שטראַסבורג גיט אונז אַ גענויגענד קלאָהרע אידעע פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַנדערע גרויסע שטעדט. צום ביישפּיעל, אין טראָיע, אַ שטאָדט, וועגען וועלכער מיר האָבען אויך גענוגענדע דאָקומענטען, זעהען מיר די בעוועגונג בעשטעהענדיג פון דיזעלבע עלעמענטען. דאָס פאָלק מיט דער הילפע פון די שכנ׳ישע בויערען, האָבען רעבעלירט זייט דעם 18טען יולי נאָכדעם ווי זיי האָבען געהערט וועגען דעם פערברענען פון די ראַגאַטקעס אין פּאַריז. דעם 20טען יולי זיינען מאַנכע בויערען, בעוואַפענט מיט גראַבליעס, העק און פלעקער, אַריין אין שטאָדט, וואַהרשיינליך אום צו פערכאַפען די ווייץ, וואָס זיי האָבען געהאַט נויטיג פאַר נאַהרונג און צום זעען, וועלכע זיי האָבען ערוואַרטעט צו געפינען דאָרט אין די שפּייכלערס פון די מאָנאָפּאָליסטען. אָבער דער מיטעלקלאַס האָט זיך געבילדעט אין אַ נאַציאָנאַל־גוואַרדיע און האָט צוריקגעשטויסען די בויערען, וועמען זיי האָבען שוין דאַן אַ נאָמען געגעבען „די

רויבער". אין דעם משך פון די 10—15 נאָכפאָלגענדע טעג, בענוצענדיג זיך מיט דעם שרעק, וואָס האָט זיך פערשפּרייט — מען האָט גערעדט פון פינף הונדערט רויבער, וואָס קומען פון פּאַריז אום צו פערניכטען אַלעס — האָט דער מיטעלקלאַס אָרגאַניזירט זיין נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, און די אַלע קלענערע שטעדט האָבען געטהאָן דאָס זעלבע. אָבער דעם פאָלק איז די מעשה גאָר ניט געפעלען געווען. דעם 8טען אויגוסט, וואהרשיינליך הערענדיג די נייעס פון דעם 4טען אויגוסט, האָט דאָס פאָלק געפאָדערט וואפען פאַר אַלע וואָלונטירען און אַ מאַקסימום־פּרייז אויף ברויט. די שטאָדט האָט זיך ניט געאיילט צו פאָלגען. דאַן האָט דאָס פאָלק אַרונטערגעזעצט די פיהרער דעם 19טען אויגוסט, און, ווי אין שטראַסבורג, איז אויסערוועהלט געוואָרען אַ נייע שטאָדט־רעגיערונג.

דאָס פאָלק האָט פערפלייצט דעם טאַון־האָל, האָט פערכאַפּט די וואַפען און זיי צוטהיילט צווישען זיך. ער האָט זיך אַריינגעבראָכען אין די זאַלץ־קראָמען פון דער רעגיערונג; אָבער אויך דאָ האָט ער ניט גערויבט, נור ער האָט בעפוילען, אַז דער זאַלץ זאָל פערקויפט ווערען צו זעקס סו. ענדליך, דעם 9טען סעפּטעמבער, האָט די אונרוהיגקייט, וועלכע האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט זייט דעם 19טען אויגוסט, דערגרייכט איהר העכסטען פּונקט. דאָס פאָלק האָט געכאַפּט דעם מעיאָר (היוז) ווען זיי האָבען בעשולדיגט אין וועלען פערטהיידיגען די האַנדעלס־מאָנאָפּאָליסטען און האָבען איהם געטוידטעט. זיי האָבען צושטערט זיין הויז, און דאָס הויז פון דעם אַלטען קאָמאַנדאַנט, סאַן־דזשאַרדזש, וועלכער האָט מיט צוויי וואָכען פריהער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו שיסען אין פאָלק. אויך האָבען זיי צושטערט דאָס הויז פון דעם לייטנאַנט פון דער בעריטענער פּאָליציי, וועלכער האָט בעפוילען אויפצוהענגען איינעם אין איינעם פון די פאַריגע רייאָטען. און זיי האָבען געסטראַשעט, ווי אין פּאַריז נאָך דעם 14טען יולי, צו פערניכטען פיעלע אַנדערע הייזער. נאָך דעם, אַרום אַ וואָכען צוויי, האָט געהערשט אַ געוואַלדיגע מורא צווישען די אויבערשטע קלאַסען.

אָבער זיי האָבען עס אויסגעפיהרט אין משך פון יענער צייט צו רעאָרגאַניזירען זייער אייגענע נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, און דעם 26טען סעפּטעמבער האָבען זיי דערגרייכט צו קריגען די איבער־האַנד איבער דעם אונבעוואָפּענטען פאָלק.

אַלס אַ כּלל איז דער צאָרן פון פאָלק געווען פיעל מעהר געריכטעט געגען די פאָרשטעהער פון דעם מיטעלקלאַס, וועלכער האָט מאָנאָפּאָליזירט די נאַהרונגס־שטאָפען, ווי געגען דעם אדעל, וועלכער האָט מאָנאָפּאָליזירט דאָס לאַנד. אַזוי אין אמין, ווי אין טראָיע, האָט דאָס רעבעלירענדע פאָלק שיער גע׳הרג׳עט דריי קויפלייט, דאַן האָט דער מיטעלקלאַס גענומען בעוואָפענען זיין מיליץ. מיר מעגען זאָגאַר זאָגען, דאָס די גרינדונג פון מיליצען, וועלכע איז אויסגעפיהרט געוואָרען איבעראַל אין אויגוסט און סעפּטעמבער, וואָלט קיינמאָל ניט שטאַטגעפונען, ווען דער פאָלקס־אויפשטאַנד וואָלט נור געווען אויפ׳ן לאַנד און וואָלט נור געריכטעט געווען געגען דעם אדעל.

אין שערבורג, דעם 21טען יולי, אין רועז, דעם 24טען און אין פיעלע אַנדערע שטעדט פון קלענערער וויכטיגקייט האָט פּאַסירט כּמעט דאָס זעלבע. דאָס הונגעריגע פאָלק האָט זיך ערהויבען מיט דעם געשריי: „ברויט! טוידט צו די מאָנאָפּאָ־ליסטען! ניעדער מיט די ראַגאַטקעס!“ וואָס האָט געמיינט פרייער איינפיהר פאַר אַלע זאַכען, וואָס זיינען אריינגעקומען פון לאַנד. זיי האָבען געצוואונגען די שטאָדט־רעגיערונגען צו פערקלענערען דעם פרייז פון ברויט, אָדער זיי האָבען גענומען בעזיץ פון די שפּייכלער פון די מאָנאָפּאָליסטען און האָבען אוועקגענומען דעם קאָרן. זיי האָבען צושטערט די הייזער פון יענע, וועלכע זיי האָבען געוואוסט, זיינען געוואָרען רייך פון דעם האנדעל אין ברויט־שטאָפען. דער מיטעלקלאַס האָט זיך בענוצט מיט דיעזער בעוועגונג, אום ארויסצוואַרפען די אַלטע רעגיערונג, דורכגעזאַפּט מיט פעאָדאַליזמוס, און ארויפזועצען אַ נייע רעגיערונג, אויסערוועהלט אויף אַ דעמאָקראַטישען פונדאַ־מענט. אין דער זעלבער צייט, בענוצענדיג זיך מיט דעם שרעק, וואָס האָט אַנגעמאַכט דער אויפשטאַנד פון די „ניעדריגערע

קלאָסען" אין די שטעדט, און פון „די רויבער" אויפ'ן לאַנד, האָבען זיי זיך אַליין בעוואָפענט און האָבען אָרגאַניזירט זייער מוניציפּאַלע גוואַרדיע. נאָכדעם האָבען זיי „צוריקגעבראַכט" אָרדנונג, האָבען הינגעריכטעט די בעליעבטע פאָלקס־פיהרער, און זעהר אָפט זיינען זיי אַוועק אויפ'ן לאַנד, אום צו ברענגען אויך דאָרט אָרדנונג, וואו זיי האָבען געקעמפּפט מיט די בויערען און אויפגעהאַנגען די פיהרער פון דער רעבעלירענדער בויערנשאַפט.

נאָך דער נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט האָבען דיעזע אויפ־שטענדע זיך נאָך מעהר פערשפּרייט. די סמנים זייערע זעהט מען איבעראַל. די שטייערען פון פערשיעדענעם אַרט זיינען שוין ניט מעהר געצאָהלט געוואָרען. „די זאַמלער פון דעם „טאַליע" טעקס זיינען ביין סוף פון אַלע זייערע מיטלען", שרייבט נעקער אין זיין רעפּאָרט פון אויגוסט דעם 7טען. „דער פּרייז אויף זאַלץ איז מיט געוואַלד אַרונטערגעדריקט געוואָרען אויף אַ גאַנצע העלפט אין צוויי רעבעלישע פּלעצער". די איינמאָהנונג פון טעקסעס „ווערט שוין ניט מעהר אויסגעפיהרט", און אַזוי ווייטער. „אַ גרויסע צאָהל פּלעצער איז אין רעבעליאָן געגען די טרעזשורי קלאַירקס. דאָס פאָלק בעצאָהלט ניט מעהר די אינדי־רעקטע שטייערען; וואָס אַנבעטרעפט די דירעקטע שטייערען, ענטזאַגט מען זיי ניט, אָבער מען שטעלט בעדינגונגען. אין אַלזאַס, צום ביישפּיעל, „האָט דאָס פאָלק ענטזאַגט זיך צו צאָה־לען אירגענד וועלכע שטייערען, ביז די אַלע, וועלכע זיינען ביז איצט פריי געוועזען פון צו צאָהלען שטייערען, וועלען צוגעגעבען ווערען צו דעם ליסט פון די שטייער־צאָהלער."

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס פאָלק, נאָך פיעל פריהער פאַר דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, געמאַכט די רעוואָלוציאָן אויפ'ן פּלאַץ. די מענשען האָבען זיך געגעבען, דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען, אַ נייע שטאָדט־רעגיערונג; זיי האָבען געמאַכט אַן אונטערשיעד צווישען די שטייערען, וועלכע זיי האָבען יאָ געצאָהלט און וועלכע זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו צאָהלען, און זיי האָבען פאָרגעשריעבען דעם אופן, ווי די שטייערען זאָלען גלייך

פערטהיילט ווערען, וועלכע זיי זיינען געווען ווילינ צו צאָהלען צום שטאאט אָדער צו דער קאָמונע.

עס איז גרעסטענטהיילס דורך דעם שטודיום פון דיעזע מעטהאָדע פון האנדלען צווישען פאָלק און ניט דורך דאס איבער־געבען זיך אין גאנצען צום שטודיום פון דער פערזאמלונג׳ס געזעצליכער טהעטיגקייט, קען מען ערשט ריכטיג בעגרייפען דעם גרויסען גייסט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן — דעם גרויסען גייסט, אין די מייסטע פעלע, פון אלע רעוואָלו־ציאָנען, וואס זיינען שוין געווען און וואס וועלען נאָך קומען.

זעכצעהנטער קאפיטעל.

# די בויערען-אויפשטענדע.

די בויערען הויבען אָן צו רעוואָלטירען. — די אורזאַכען פון די אויפשטענדע. — דער אויפשטאַנד אין עלזאַס און אין פיעלע אַנדערע שטעדט. — די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון די אויפשטענדע. — די מיטעל-קלאַס און איהר מורא. — פּיקאַרדי רעוואָלטירט.— טעראָר איבער גאַנץ פראַנקרייך.— די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג קומט זיך צוזאַמען.

---

זייט דעם ווינטער פון 1788 און, בעזאָנדערס, זייט מערץ 1789, האָט דאָס פּאָלק, ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, ניט געצאָהלט שוין מעהר קיין רענט צו די בעלי-בתים. עס איז געוויס קיין ספק ניט, דאָס דערצו זיינען זיי אויפגעמונטערט געוואָרען פון די רעוואָלוציאָנערען פון דעם מיטעלקלאַס, ווייל עס זיינען געווען גאָר פיעלע פערזאָנען אין דעם מיטעלקלאַס, וועלכע האָבען פערשטאַנען, דאָס אָהן אַ פאָלקס-אויפשטאַנד קענען זיי קיינמאָל ניט בעזיעגען די אַבסאָלוטע מאַכט פון דעם קעניג. עס איז אויך קלאָהר, דאָס די דיסקוסיאָנען אין דער „נאָטאַבעלען-פערזאַמלונג", וואו מען האָט שוין גערעדט וועגען דער אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע, האָבען פיעלע געהאָלפען דער אויפמונטערונג פון דיעזע אויפשטענדע, און עס איז זיכער, דאָס די פערפאַסונגען פון די פאָדערונגען און קריוודעס אין די פערשיעדענע דיסטריקטען, וועלכע האָבען עס בעדאַרפט דיענען אַלס

וועג־ווייזער פאר די פערזאמלונגען פון די וואהל־מענער, האבען פיעלעס אויפגעטהאן אין דערזעלבער ריכטונג.

רעוואלוציאנען זיינען קיינמאל ניט דער רעזולטאט פון פערצווייפלונג, ווי דאס גלויבען אפט יונגע רעוואלוציאנערען, וועלכע דענקען, אז וואס ערגער איז בעסער, אז גוטעס קען נור קומען, ווען דאס בייזע איז אין גאנצען פאר־פול. אומגעקעהרט, די מענשען אין 1789 האבען געכאפט א בליק פון דעם ליכט פון דער אנקומענדער פרייהייט, און צוליעב דעם האבען זיי זיך ער־הויבען מיט א פעסטען מוטה. אבער האפנונג אליין איז נאך ניט גענוג. עס איז אויך נויטיג געווען צו האנדלען. די ערשטע רעבעלען, וועלכע פארבערייטען א רעוואלוציאן, דארפען זיין פערטיג צו געבען זייערע לעבענס, און דאס האבען די מענ־שען פון 1789 געטהאן.

וועהרענד רעבעלען זיינען בעשטראפט געווארען מיט'ן שאנד־קלאץ, מאטערניש און תליות, זיינען די בויערען שוין גע־ווען אין מיטען אויפשטאנד. פון נאוועמבער, 1788, האבען די גובערנאטארען פון די פראווינצען געשריבען צו די מיניסטארען, דאס אויב זיי וואלטען געוואלט דערשטיקען די אלערליי רייאטען, קענען זיי עס שוין איצט ניט אויספיהרען. בעזונדער גענומען, איז קיין איינציגער אויפשטאנד ניט געווען פון גרויסער וויכטיג־קייט; אלע צוזאמען אבער האבען זיי אונטערגעגראבען דעם סאמע פונדאמענט פון שטאאט.

אין יאנואר, 1789, זיינען פערפאסט געווארען, אלס העפ־טען, די פערשיעדענע פאדערונגען און קריוודעס און די וואהל־מענער זיינען אויסגעוועהלט געווארען; און פון יענער צייט אן האבען די בויערען זיך ענטזאגט צוצושטעלען צו די פריצים און צום שטאאט די געזעצליכע ארבייט. געהיימע פערבאנדען הא־בען זיך געבילדעט צווישען זיי און דא און דארט איז א פרינץ הינגעריכטעט געווארען פון דער „דזשאקעריע". אין מאנכע פלעצער האט מען בעגעגענט די שטייער־נעהמער מיט שטעקענס; אין אנדערע איז דאס לאנד, וואס האט געהערט צו די פריצים, פערכאפט און בעארבייט געווארען.

דיזע אויפשטענדע האָבען זיך פערמעהרט פון מאָנאַט צו מאָנאַט. אַרום מערץ איז גאַנץ איסט־פראַנקרייך געווען אין אויפשטאַנד. די בעוועגונג איז, אמת, ניט געווען קיין אָנ־האַלטענדע און ניט קיין אַלגעמיינע. אַן אַגראַרישע בעוועגונג איז עס קיינמאָל ניט געווען. עס איז זאָגאַר וואהרשיינליך, ווי דאָס איז אימער דער פאַל מיט בויערן־אויפשטענדע, אז עס פלעגט פאָרקומען א שטילשטאַנד אין די אויסברוכען אין דער צייט פון פעלד־ארבייט אין אפריל, און נאכהער ביים אָנפאַנג פון דער שניט־צייט. אָבער אַזוי שנעל, ווי די ערשטע תבואה איז געווען אין די שפייכלערס, אין דעם משך פון צווייטען העלפט פון יולי, 1789, און אין אויגוסט, האָבען די אויפשטענדע אויסגעבראָכען מיט גאָר א נייער שטאַרקייט, און בעזאָנדערס אין איסט, נאָרד־איסט און זיד־איסט פון פראַנקרייך.

דאָקומענטען, וואָס זאָלען דערצעהלען מיט פּינקטליכקייט וועגען דיזען אויפשטאַנד, זיינען ניטאָ. די, וועלכע זיינען פער־עפענטליכט געוואָרען, זיינען זעהר ניט פאַלשטענדיג, און דער גרעסטער טהייל פון זיי טראָגט אויף זיך סמנים פון א פּארטיי־אישען גייסט. ווען מיר נעהמען דעם „מאָניטאָר", וועלכער, ווי מיר וויסען, האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען ערשט דעם 24טען נאָוועמבער, 1789, און פון וועלכען די דריי און נײַנציג נומערען, פון דעם 8טען מאַי ביז נאָוועמבער 23, 1789, זיינען ערשט שפּעטער פאַבריצירט געוואָרען אין יאָהר 4*), געפינען מיר אין זיי א טענדענץ, וואָס וויל ווייזען, דאָס דיזע גאַנצע בעוועגונג איז געווען די ארבייט פון די שונאים פון דער רעוואָלוציאָן — פון שלעכטע מענשען, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט דער אונ־וויסענהייט פון די בויערען. אנדערע געהען אַזוי ווייט, ווי צו בעהויפּטען, אַז דאָס זיינען געווען די אדעל־לייט, די פּריצים, אָדער זאָגאַר, אַז דאָס זיינען געווען ענגלענדער, וועלכע האָבען

*) נאָך מעהר, די נומערען פון נאָוועמבער 24, 1789, ביז צום 3טען פעברואַר, 1790, זיינען אויך שטאַרק געפיקסט געוואָרען אין יאָהר 4.

אויפגעהעצט די בויערן צום אויפשטאַנד. און וואָס אָנבעטרעפט די דאָקומענטען, וועלכע זיינען פערעפענטליכט געוואָרען פון אַן אונטערזוכונגס־קאָמיטעט אין 1790, האָבען זיי די נייגונג פאַרצושטעלען דיזע גאַנצע אנגעלעגענהייט, אַלס דעם רעזולטאַט פון אַן אונגליקליכען מיספערשטענדניס, פון אַ טראַף — אַלס די אַרבייט פון „ראַזבאָיניקעס", וועלכע האָבען פערניכטעט דאָס לאַנד, און געגען וועלכע די מיטעל־קלאַס איז ארויס מיט וואַפען, און זיי אויך פערניכטעט.

מיר ווייסען איצט, ווי פאַלש עס איז דיזער גאַנצער נוסח, און עס איז זיכער, דאָס ווען אַ געשיכטס־שרייבער וואָלט זיך גענומען די מיה צו שטודירען פאָרזיכטיג די דאָקומענטען אין די אַרכיוועז, וואָלט דערפון ארויסגעקומען אַ ווערק פון העכסטען ווערטה, אַ ווערק, וואָס איז דאָס מעהר נויטיג, ווייל די בויערן־אויפשטענדע האָבען אָנגעהאַלטען ביז דער קאָנווענט האָט פערניכטעט אַלע פעאָדאַלע רעכטע אין אויגוסט, 1793, און ביז די דאָרף־קאָמונען איז בעוויליגט געוואָרען דאָס רעכט פון צוצונעהמען דאָס קאָמונאַלע לאַנד, וואָס איז פון זיי אוועקגענומען געוואָרען אין דעם משך פון די פערגאַנגענע צוויי יאהרהונדערטע. דערווייל, אַז די אַרבייט צווישען די אַרכיוועז איז נאָך ניט געטהאָן, מוזען מיר זיך צופריעדענשטעלען דערמיט, וואָס קען ארויסגענומען ווערען פון מאַנכע לאָקאַלע היסטאָריעס פון געוויסע מעמוארען און פון מאַנכע שרייבער, אימער־צו ערקלערענדיג דעם אויפשטאַנד פון 1789 מיט דעם ליכט, וועלכען די בעסער־בעקאַנטע בעוועגונגען פון דעם פאָלגענדען יאָהר שפּרייטען אויס אויף דעם ערשטען אויסברוך.

דאָס דער יקרות אויף די נאַהרונגס־מיטעל האָט פיעל געהאַט צו זאָגען אין דיעזע אויפשטענדע, איז זיכער. אבער זייער הויפּטמאָטיוו איז געווען דער וואונש צו נעהמען בעזיץ פון לאַנד און פּטור צו ווערען פון די אַלע פעאָדאַלע צינזען און אָבצאָהלונגען.

אַ חוץ דעם איז דאָ איין כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דיזע אויפשטענדע. זיי אַלע קומען פאָר ווען־ניט־ווען אין צענטער פון פראַנקרייך און אין זיד און וועסט, אויסער אין ברי־

טאַנני. אָבער זיי זיינען זעהר אַלגעמיין אין איסט, נאָרד־איסט און זיד־איסט פון פראנקרייך.

די דאַפּין, פּראַנטש־קאַנט און מאַקאַנאַיס וועדען בעזאָנדערס געטראָפען פון דיזע אויפשטענדע. אין דער פראנטש־קאָנט ווערן כמעט אַלע שלעסער פערברענט, דערצעהלט דאַניאַל. דריי פון יעדע פינף ווערען געפּלינדערט אין דאַפין; דאָן פּראָפּאָרציאָנעל קומט אַלזאַס, ניוועינאַיס, באָושאָלאַס, בורגונד און די אר־ווערגנע. ווי איך האָב עס שוין אַנדערש־וואו בעמערקט, ווען מען בעצייכענט אויף א לאַנד־קארטע די געגענדען, וואו דיזע אויפשטענדע האָבען שטאַטגעפונען, ווערט דיזע לאַנד־קארטע אויף אַ מערקווירדיגען שטייגער עהנליך צו דער לאַנד־קארטע פון „די דריי הונדערט און דריי און זעכציג", וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1877 נאָך דעם ווי די וואהלען האָבען געגעבען פראנקרייך די דריטע רעפּובליק. עס איז געוועזען הויפּטזעכליך דער מזרח־טהייל פון פראנקרייך, וועלכער האָט געקעמפּפט פאר די זאַך פון דער רעוואָלוציאָן. און דיזער זעלבער טהייל איז נאָך דער פאָרטגעשריטענסטער אין פראנקרייך ביז היינטיגען טאָג.

דאַניאַל האָט זעהר ריכטיג בעמערקט, דאָס דער קוואַל פון די אויפשטענדע איז שוין ערקלערט געוואָרען אין די קלאַגשריפטען, וועלכע זיינען פערפאַסט געוואָרען צוליעב די וואהלען פון 1789. זייט די בויערען זיינען אויפגעפאָרדערט געוואָרען אָנצוגעבען זייערע קריוודעס און פאָרדערונגען, זיינען זיי געווען זיכער, אז עטוואָס וועט געטהאָן ווערען פאר זיי. זייער פעסטער גלויבען, דאָס דער קעניג, צו וועמען זיי האָבען אדרעסירט זייערע קלאַגען, אָדער די פערזאַמלונג, אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע מאַכט וועט זיי קומען צו הילף און גוט מאַכען אַלע זייערע קריוודעס, אָדער וועט זיי לכל הפּחות לאָזען אַליין גוט מאַכען דאָס, אין וואָס מען האָט זיי אונרעכט געטהאָן — דיזעס איז עס געווען, וואָס האָט זיי געטריבען צום אויפשטאַנד אַזוי שנעל, ווי די וואהלען האָבען שטאַטגעפונען, און זאָגאַר נאָך איידער די פערזאַמלונג איז צוזאַמענגעקומען. ווען די נאַציאָ־

נאַל־פערזאמלונג האָט אָנגעפאַנגען איהרע זיצונגען, האָבען די קלאַגען, וואָס זיינען געקומען פון פּאַריז, אונבעשטימט ווי זיי זיינען געווען, נויטווענדיגערוויזע געמאכט גלויבען די בויערען, דאָס עס איז געקומען דער מאָמענט פאַר די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע און פאַר צוריקנעהמען דאָס לאַנד.

די קלענסטע ערמונטערונג, צו פון דער זייט פון די רע־וואָלוציאָנערען, צו פון די אָרלעאַניסטען, גאָר אָהן אונטערשיעד פון וואָס פאַר אַ סאָרט אַגיטאַטאָרען, און דערצו נאָך די אונרוהיגע מיטטהיילונגען, וואָס זיינען געקומען פון פּאַריז און פון אַנדערע שטעדט אין אויפשטאַנד — איז שוין געווען גענוג צו מאַכען די בויערען רעבעלירען. עס איז שוין איצט מעהר ניטאָ דער מינדעסטער צווייפעל, דאָס מעהר ווי איינמאָל האָט מען זיך בענוצט מיט דעם קעניג'ס נאָמען אָדער מיט דעם נאָמען פון דער פערזאמלונג, אום צו ערמונטערען די בויערען צו אַן אויפשטאַנד. פיעלע דאָקומענטען וויזען ווירקליך אָן אויף געוויסע בעפעהלע פון קעניג און דער פערזאמלונג, וואָס מען האָט פערשפּרייט צווישען די בויערען. אין אַלע זייערע אויפשטענדע אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד האָבען די בויערען אימער געזוכט צו מאכען מוטהיג די ניט־ענטשלאָסענע — איך וועל זאָגאר זיך אויסדריקען, איינצורעדען זיי מיט דער פערזיכערונג, דאָס עס איז דאָ הינטער זיי אַ מאַכט, וואָס איז פערטיג זיי אונטערצושטיצען. דאָס האָט זיי געגעבען אייניגקייט און נאַכהער, אין פאַל פון אַ דורכפאַל, און ווען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען פּראָצעסען געגען זיי, איז עס אימער געווען אַ זיכערע ענטשולדיגונג. זיי האָבען געטראַכט, און די מייסטע פון זיי האָבען עס טאַקי געגלויבט גאַנץ ערנסט, דאָס זיי פאָלגען נור דעם פערלאַנג פון קעניג אָדער פון דער פערזאמלונג. דערפאַר, אַזוי שנעל ווי די ערשטע תבואה פון פעלד איז אַוועקגענומען געוואָרען; אַזוי שנעל ווי די בויערען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו עסען צו־זאַט נאָך די לאַנגע מאָנאַטען פון מאַנגעל און הונגער, און די קלאַנגען, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ווערסאַיל, האָבען זיי געגעבען האָפנונגען, האָבען די בויערען אָנגעהויבען צו רעבעלירען.

זיי האָבען זיך געוואָרפען אויף די שלעסער, כדי צו פערניכטען די אַלערליי טשאַרטערס, קאָנטראַקטען, טיטלען און הייזער זיינען פערברענט געוואָרען, אויב די בעלי־בתים האָבען מיט גוטען זיך ניט ענטזאַגט פון זייערע פעאָדאַלע רעכטע, וואָס זיינען געווען פערצייכענט אין די פערשיעדענע דאָקומנטען.

אין דער נאַכבאַרשאַפט פון ו ו ע ז אָ א י ל און ב ע ל פ אָ ר ט האָט דער קריעג געגען די פריצישע הייזער זיך אָנגעהויבען דעם 16טען יולי, דעם טאָג, ווען דער שלאָס פון סאַנסי און די שלעסער פון ליוסי ביטטהאַין און מאָלאַן זיינען אויסגעפּלינדערט געוואָרען. באַלד איז גאַנץ לאָרראַין געווען אין אויפשטאַנד: „די בויערן, גלויבענדיג, דאָס די רעוואָלוציאָן געהט ברענגען גלייכהייט אין רייכטהום און ראַנג, זיינען געווען בעזאָנדערס אויפגערעגט געגען די לאָרדען", דערצעהלט דער „קוריער פראַנסעי". אין ז אַ אַ ר ל ו א י ס, פ אָ ר ב אַ ך און אין פיעלע אַנדערע פלעצער זיינען די טעקס־בעאַמטע פעריאָגט געוואָרען, און זייערע אָפּיסען זיינען אויסגערויבט און פערברענט געוואָרען. זאַלץ האָט מען פערקויפט צו דריי סו אַ פונט. און די ארומיגע דערפער האָבען נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל פון די שטעדט.

אין אַלזאַס איז דער בויערן־אויפשטאַנד געווען כמעט אַלגעמיין. עס ווערט בעהויפטעט, דאָס אין 8 טעג, צו ענדע פון יולי, זיינען דאָרט פערניכטעט געוואָרען דריי מאָנאַסטירען, עלף שלעסער און די בויערן האָבען צוגענומען און פערניכטעט אַלערליי לאַנד־דאָקומענטען. די ביכער, אין וועלכע עס זיינען געווען פערצייכענט די פעאָדאַלע שטייערען און די אַלערליי אָבצאָהלונגען אין געלד און אין ארבייט, זיינען אוועקגענומען און פערברענט געוואָרען. אין געוויסע פלעצער האָבען זיך געבילדעט גרויסע מחנות בויערן, צו עטליכע הונדערט און מאַנכעס מאָל צו עטליכע טויזענד, האָבען מאַרשירט געגען די שטאַרקסטע שלעסער, בעלאַגערט זיי, האָבען פערכאַפּט אַלערליי אַלטע דאָקומענטען און געמאַכט אַ גרויסען פייער מיט זיי. די קירכען זיינען אַטאַקירט געוואָרען אויס דעמזעלבען גרונד, ווי די הייזער פון די רייכע קויפלייט אין די שטעדט. אַלעס איז פערניכטעט געוואָרען אין

דער קירכע פון מירבאָך, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך שטאַרק געוועהרט.*)

אין דער געגענד פון פראַנטש־קאָנט האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייאָטען אַזוי פריה שוין, ווי דעם 19טען יולי, ווען די נייעס פון די פּאָרבערייטונגען צום שטאַאַט־שטרייך און נעקער־אָוועקשיקונג האָט דערגרייכט דיזען פּלאַץ, כאָטש זיי האָבען נאָך ניט געוואוסט וועגען דער אונטערנעהמונג פון דער באַסטיל — דערצעהלט סאָמיער. עס האָבען זיך באַלד אָנגעפאַנגען רייאָטען, און צו דער זעלבער צייט האָט די מיטעל־קלאַס בעוואָפענט איהר מיליץ, אום צו שטערען „דעם אריינברוך פון די רויבער, וועלכע האָבען זיך איינגענאַדיעט אין קעניגרייך". דער אויפשטאַנד האָט זיך פערשפּרייט באַלד צו די דערפער. די בויערען האָבען צוטהיילט צווישען זיך די פעלדער און וועלדער פון די פּריצים. אַ חוץ דעם האָבען זיי געצוואונגען די פּריצים אָבצוזאָגען זיך פון זייערע רעכטע איבער דעם לאַנד, וואָס האָט פריהער געהערט צו די קאָמונען. אָבער גאָר אָהן אירגענד וועלכע פאָרמאַליטעטען, האָבען זיי גענומען בעזיץ פון די וועלדער, וועלכע האָבען פריהער געהערט צו דער קאָמונע. אַלע קאָנטראַקטען, וואָס זיינען געלעגען אין דער קירכע פון די בערנאַדינס, זיינען אוועקגענומען געוואָרען. אין קאַסטרעס האָבען זיך אָנגעהויבען די אויפשטענדע נאָך דעם 4טען אויגוסט. אַ סאָרט שטייער איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף אַלערליי ווייצענס, וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען אין די שטעדט. דאָס איז געווען אַ פעאָדאַלער שטייער, וואָס איז בעוויליגט געוואָרען פון קעניג צו פּריוואַט־

---

*) לויט שטראָבעל („פּאַטערלענדישע געשיכטע פון עלזאַס") האָט דער אויפשטאַנד זיך אַלגעמיין אָנגעפאַנגען אויף פאָלגענדען שטייגער: אַ דאָרף האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד און גלייך האָט זיך געבילדעט אַ פערבאַנד, וואָס איז בעשטאַנען פון די איינוואוינער פון די פערשיעדענע דערפער, וועלכע זיינען אַוועק אין אַ מאַסע צו אַטאַקירען דעם שלאָס. מאַנכעס מאָל האָבען זיך דיעזע באַנדעס פאַרבאַהאַלטען אין די וועלדער.

מענשען. אזוי שנעל, אלזא, ווי זיי האבען אין קאסטרעס געהערט די נייעס פון דער נאכט פון 4טען אויגוסט, האט דאס פאלק רעבעלירט, פערלאנגענדיג די אבשאפונג פון דיזען שטייער. און גלייך טאקי האט די מיטעל־קלאס, וועלכע האט געבילדעט א נאציאנאלע גווארדיע, זעקס־הונדערט שטארק, אנגעהויבען ברענגען „ארדנונג“, אבער אין די דארף־דיסטריקטען האט זיך דער אויפשטאנד פערשפרייט פון דארף צו דארף, און פיעלע שלעסער זיינען פערברענט און אויסגערויבט געווארען און אלערליי דאקומענטען זיינען צוגענומען געווארען.

אין אווערגען האבען די בויערען אויפגעפאסט צו האבען דעם געזעץ אויף זייער זייט; און ווען זיי זיינען אוועק צו א שלאס צו פערברענען די אלערליי פאפיערען, האבען זיי גלייך ערקלערט דעם פריץ, אז דאס טהוען זיי אויף דעם בעפעהל פון קעניג.*) אבער אין די מזרח־פראווינצען האבען זיי זיך ניט צוריקגעהאלטען פון צו ערקלערען אפען, דאס די צייט איז געקור־

*) מר. קסאוויער ראוקס, וועלכער האט פערעפענטליכט אין 1891 א פאלשטענדיגע שילדערונג פון דיעזע פאסירונגען לויט א גרינדליכע אונטערזוכונג, וואס איז געמאכט געווארען אין 1879, שרייבט צו דיעזע גאנצע בעוועגונג צו אייניגע פיהרער: „אויפצופאדערען דאס פאלק צו אן אויפשטאנד געגען קעניג וואלט גאר ניט געהאלפען, און זיי האבען דערגרייכט זייער צוועק אויף אן ארומיגען וועג. א מערקווירדיג מוטהיגער פלאן איז אנגענומען און דורכגעפיהרט געווארען איבער דער גאנצער פראווינץ. ער קען אין קורצען ערקלערט ווערען אין דיעזע ווערטער: אויפצורעגען דאס פאלק געגען די פריצים אין דעם נאמען פון קעניג, און ווען די פריצים וועלען אבגעראמט ווערען, דאן זאל ווערען אטאקירט דער טהראן, וועלכער, בלייבענדיג דאן שוצלאז, וועט קענען לייכט געשטירצט ווערען.“ דיעזער שרייבער מוז אליין צוגעבען, דאס נאך די אלע נאכפארשונגען איז עס ניט געלונגען אויסצוגעפינען דעם נאמען פון איין פיהרער זאגאר. דאס גאנצע פאלק איז געוועזן איינגעשלאסען אין דיעזער קאנספיראציע.

מען, ווען דער דריטער שטאנד וועט ניט ערלויבען מעהר די אדעל־לייט און די גלחים צו רעגיערען איבער זיך. די מאכט פון דיזע צוויי קלאסען האט געדויערט שוין צו לאנג, און עס איז גע־קומען פאר זיי דער מאמענט צוריקצוטרעטען. צו א גרויסער צאהל פון די פעראָרימטע פריצים, וועלכע האבען געהאט זייערע וואוינונגען אויפ'ן לאנד און וועמען זייערע ארומיגע שכנים האָ־בען אפשר געליעבט, האבען די רעבעלירענדע בויערען ארויסגע־וויזען פיעל פערזענליכע אכטונג. זיי האבען זיי קיין שלעכטס ניט געטהאָן; אָבער דערפאר האבען זיי אין ערגעץ ניט געשאַ־נעוועט די ביכער און די אלערליי קאָנטראקטען און טיטולען פון די פעאָדאלע פריצים. זיי האָבען זיי פערבענט נאָך דעם, ווי זיי האבען געמאכט שווערען די פריצים, דאָס זיי ענטזאגען זיך פון אלע זייערע רעכטע.

פונקט ווי די מיטעלקלאַס פון די שטעדט, וועלכע האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס זי וויל און וואָס זי ערוואַרט פון דער רעוואָלוציאָן, אזוי האָבען אויך די בויערען זעהר גוט פערשטאַ־נען, וואָס זיי האָבען געוואָלט. די לענדערייען, גע'גנב'עט פון די קאָמונען, זאָלען זיי צוריקגעגעבען ווערען, און אלע שטייַ־ערען, ארויפגעלעגט אויף זיי, און אלע חובות, וואָס שטאַמען פון דער פאַנשטשיזנע־צייט, זאָלען אויסגעמעקט ווערען. דער גע־דאַנק, דאָס די רייכע מענשען, אלס א גאַנצעס, זאָלען אויפהע־רען צו לעבען, האָט שוין אויך צו זיי דורכגעדרונגען פון יענער צייט; אָבער אין יענעם מאָמענט האָט דער אויפשטאַנד זיך דערוויל בענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט נור געזעהען ענדערען ד י ז א כ ע ן, און אויב עס זיינען פאָרגעקומען פעלע, ווען די פערזענליכקייטען פון אירגענד וועלכע פריצים זיינען שלעכט בע־האַנדעלט געוואָרען, זיינען דאָס געווען איינצעלנע פעלע, און קענען אין אַלגעמיין ערקלערט ווערען דערמיט, וואָס דיזע פריצים זיינען געווען ספּעקולאַנטען, מענשען, וואָס האָבען געמאַכט פער־מעגענס פון דער גרויסער פאָלקס־נויט. ווען די אַלערליי ביכער, וואו עס זיינען געווען פערשריבען די חובות און פאָדאַטקעס, זייַ־נען אָבגעגעבען געוואָרען, און די פריצים האָבען אָבגעגעבען

זייער שבועה, אז זיי ענטזאגען זיך פון זייערע רעכטע, איז אלעס אבגעגאנגען גאנץ רוהיג; די בויערען האבען פערברענט די פא־פירען, האבען פערפלאנצט א מאי־בוים אין דארף, האבען אויפ־געהאנגען אויף זיינע צווייגען אלע פריצים־עמבלעמען, און דאן געטאנצט ארום דעם בוים. *)

גאנץ אנדערש איז עס געווען, ווען עס איז פארגעקומען א געגענוועהר, אדער ווען דער פריץ אדער זיין אנפערטרויטער האט געשיקט נאך דער פאליציי — דאן איז דער שלאס געוועלטיג אויסגעפלינדערט געווארען און צולעצט האבען זיי איהם אויך פערברענט. אזוי, ווערט געשאצט, זיינען דרייסיג שלעסער פער־ברענט און אויסגערויבט געווארען אין דאפין, ארום פערציג אין דער פראנטש־קאנט, צוויי און זעכציג אין מאקארנא, 9 נור אין אווערגען און צוועלף קירכען און פינף שלעסער אין וויענואים. מיר מעגען בעמערקען, אגב אורחא, דאס די בויערען האבען ניט געמאכט קיין חילוק צוליעב פאליטישע מיינונגען. זיי האבען דארום אטאקירט די הייזער פון די „פאטריאטען" פונקט ווי זיי האבען אטאקירט די פון די „אריסטאקראטען".

וואס האט געטהאן די מיטעל־קלאס, ווען דיעזע אויפ־שטענדע זיינען פארגעקומען?

עס האבען געוויס געמוזט זיין אין דער פערזאמלונג א גע־וויסע צאהל מענשען, וואס האבען פערשטאנען, אז דער בויערען־אויפשטאנד רעפרעזענטירט מיט זיך א רעוואלוציאנערע מאכט. אבער די מאסע פון דער מיטעל־קלאס אין די פראווינצען האט נור געזעהען א געפאהר, געגען וועלכע עס איז געווען נויטיג זיך צו בעוואפענען. א גרויסע מורא, ווי מען האט עס גערופען צו יע־נער צייט, האט ארומגעכאפט פיעלע פון די שטעדט, וואס זיינען געלעגען אין דער געגענד פון דעם אויפשטאנד. אין ט ר א י ע, למשל, זיינען אייגענע דארף־מענשען אריין אין שטאדט, בעוואפ־

*) מאנכעס מאל, אין זיד־פראנקרייך, האבען זיי אויך אויפגע־האנגען פאלגענדע אויפשריפט: „אויף דעם בעפעהל פון קעניג און דער נאציאנאל־פערזאמלונג, אן ענדליכע קוויטירונג פון רענט".

פּענט מיט סערפּען און מעסערס, און זיי וואָלטען וואהרשיינליך ניט געשאָנעוועט די הייזער פון די קאָרן־ספּעקולאַנטען, ווען די מיטעלקלאַס — אַלע די „וואָס זיינען געווען עהרליך צווישען דער מיטעל־קלאַס“ — וואָלט זיך ניט בעוואפענט געגען דיעזע „ראַז־באָיניקעס“ און זיי ניט אוועקגעטריעבען. דאָס זעלבע האָט פּאַ־סירט אין פיעלע אַנדערע שטעדט. די מיטעל־קלאַס איז בעפאַ־לען געוואָרען פון אַן אונבעשרייבליכער פּאַניק. זי האָט ערוואַר־טעט דיעזע ראַזבאָיניקעס. איינער האָט געזעהען וועלכע „זעקס טויזענד“ מאַרשירענדיג אום צו פּלינדערען אַלעס, און די מיטעל־קלאַס האָט זיך גענומען צו די וואפען, וועלכע זי האָט געפונען אין טאַון־האָל און אין די קאַזאַרמעס, און האָט אָרגאַניזירט איהר נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, אוים מורא, אפשר וועלען די אָרעמע לייט פון שטאָדט מאַכען יד אחת מיט די „ראַזבאָיניקעס“ און וועלען בעפאַלען די רייכע.

אין פּערראָן, די הויפּט־שטאָדט פון פּיקאַרדי, האָבען די איינוואוינער רעוואָלטירט אין צווייטען העלפט פון יולי. זיי האָבען פערברענט די ראָגאַטקעס, האָבען אריינגעוואָרפען די שטייערען־בעאַמטע אין טייך, האָבען אוועקגענומען אַלע ביכער און פּאַפּירען פון די רעגיערונגס־אָפּיסעס און האָבען פריינעלאָ־זען אַלע ארעסטירטע. דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען פאר דעם 28טען יולי. „נאָך דעם ווי עס איז אָנגעקועמן די נייעס פון פּאַריז אין דעם נאַכט פון דעם 28טען“, שרייבט דער מעיאָר פון פּערראָן, „האָבען רייגאַלט, פלאַנדערס און די גאַנצע פּיקאַרדי זיך בעוואפענט. דער אַלאַרם־גלאָק האָט געקלונגען אין אַלע שטעדט און דערפער.“ דריי הונדערט טויזענד מיטעל־קלאַס מענשען האָבען זיך געבילדעט אין שטענדיגע וואַכען, און דאָס אַלעס איז געווען צוליעב די 2 טויזענד „ראַזבאָיניקעס“, וועלכע, ווי זיי האָבען ערקלערט, לויפען איבער די דערפער און פערברע־נען די תבואה. אין דער ווירקליכקייט אָבער, ווי איינער האָט זעהר ריכטיג בעמערקט צו אַרטור יאָנג, זיינען דיעזע אַלע ראַזבאָי־ניקעס ניט געווען קיינע אַנדערע, ווי די בויערען, וועלכע האָבען ווירקליך רעבעלירט און האָבען זיך בעוואפענט מיט גראַבליעס,

העק און שטעקענס און האָבען געצוואונגען די פריצים זיך אָבצו־זאָגען פון זייערע פעאָדאַלע רעכטע און האָבען אָבגעשטעלט פער־בייגעהער, פרעגענדיג ביי זיי, אויב זיי זיינען „פאר די נאַציאָן“.
דער מעיאָר פון פערראָן האָט אויך גאנץ ריכטיג געזאָגט: „אונז איז עס גאַנץ צום הארצען דער טערראָר. אַ דאנק דיזע שרעקליכע קלאַנגען קענען מיר האלטען אָנגעגרייט אַן ארמיי פון דריי מיליאָן מיטעל־קלאַס מענשען און בויערען איבער גאַנץ פראנקרייך.“

אָ ד ר י ע ן ד י ו פ אָ ר ט, אַ גוט־בעקאַנטער מיטגליעד פון דער פערזאמלונג און פון דעם ברעטאָן קלוב, האָט זיך זאָגאר בע־ריהמט, דאָס ער האָט אויף אזא מין וועג געמאכט בעוואפנונגען פון די מיטעל־קלאַס מענשען אין פיעלע שטעדט. ער האָט גע־האט צוויי, דריי אגענטען, ענטשלאָסענע, אָבער גאַנץ אונבע־קאנטע פאַרשוינען, וועלכע האָבען אויסגעמיטען די שטעדט, אָבער אָנקומענדיג אין דארף, פלעגען זיי מעלדען, דאָס „די רויבער קומען אָן“. „עס זיינען דאָ זייערע אַ טויזענד, צוויי טויזענד, דריי טויזענד“, פלעגען אָניאָגען אַ שרעק דיזע פאַרשוינען, „זיי פערברענען אַלעס אויף די פעלדער, אזוי, אַז די מענשען זאָלען מוזען שטאַרבען פון הונגער“. דאַן פלעגט מען אָנהויבען קלינגען אין דעם אַלאַרם־גלאָק און די דערפער פלעגען זיך בע־וואפענען. און ביז דיזער קלאַנג האָט דערגרייכט די שטאָדט, איז שוין די צאָהל ראזבאָיניקעס געשטיגען ביז זעקס טויזענד, וועלכע מען האָט געזעהען זיך פערבעהאַלטען אין וואלד. דאַן פלעגען די שטאָדט־מענשען, בעזאָנדרס די מיטעל־קלאַס מענ־שען זיך נעהמען בעוואפענען און אוועק אין וואלד — און גאָר ניט געפינען דאָרט. אָבער דאָס וויכטיגסטע איז דערגרייכט גע־וואָרען, די בויערען האָבען זיך בעוואפענט, און זאָל דער קעניג זיך נעהמען אין אכט! ווען ער פּרובירט צו אנטלויפען אין 1791, וועט ער געפינען די בעוואפענטע בויערען אויף זיין וועג.

מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעם שרעק, וואס דיזע אויפ־שטענדע האָבען אָנגעיאָגט אויף גאַנץ פראנקרייך; מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעם איינדרוק, וואס זיי האָבען געמאכט אין ווער־סאיל, און עס איז געוועזען אונטער דער הערשאפט פון דיזען

שרעק, ווען די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג איז צוזאמענגעקומען אין דעם אבענד פון דעם פיערטען אויגוסט אום צו דיסקוטירען וואָס פאר א מיטלען אָנצונעהמען, אום צו אונטערדריקען דיזע „ראזבאָיניקעס“, דיזע „דזשאַקעריע“.

## זיבצעהנטער קאַפּיטעל.

# דער 4טער אויגוסט און זיינע פאָלגען.

די נאַכט פון 4טען אויגוסט. — די אַריסטאָקראַטיע מאַכט אַן אָנשטעל פון דער אויפגעבונג פון איהרע פעאָדאַלע רעכטע. — די פערזאַמלונג בעט ביים קעניג צו האַנדלען. — ד׳עגולאַן און נאָעיל נעהמען זיך אָן פאַר די בויערען. — זייערע גרויסע רעדען. — לעגיין דע קעראַנגאַל. — אַ סצענע אין דער פערזאַמלונג. — ווי וויט מען האָט ווירקליך נאָכגעגעבען. — די ווירקונג פון די נייעס אויף די פּראָווינץ. — די מיטעל־קלאַס בעוואַפענט זיך געגען די בויערען.

---

די נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט, 1789, איז איינע פון די גרויסע דאַטען פון דער רעוואָלוציאָן. פּונקט ווי דער 14טער יולי און דער 15טער אָקטאָבער, 1789; ווי דער 21טער יוני, 1791; ווי דער 10טער אויגוסט, 1792, און ווי מאַי דער 31טער, 1793, אזוי האָט די נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט, 1789, בעצייכענט איינע פון די גרויסע שטופען פון יענער פּעריאָדע, וועלכע איז געקומען גלייך נאָך איהר.

די היסטאָרישע לעגענדע האָט מיט א בעזאָנדערער ליעבשאַפט פערפּוצט דיזע נאַכט. און די מאַיאָריטעט פון די געשיכט־שרייבער, קאָפּירענדיג די געשיכטע ווי זי איז געשילדערט געוואָרען פון אייניגע מענשען, וואָס האָבען געלעבט צו יענער צייט, שטעלען איהר פאָר אַלס אַ נאַכט פול מיט ענטהוזיאַזם און היילינער זעלבסט־פערלייקענונג.

מיט דעם איינגעהמען פון דער באַסטיל, דערצעהלען אונז

די היסטאָריקער, האָט די רעוואָלוציאָן ערקעמפּפט איהר ערשטען זיעג. די נייעס האָט זיך פּערשפּרייט אין דער פּראָווינץ און האָט ארויסגערופען איבעראל עהנליכע אויפשטענדע. זי האָט אריינגעדרונגען ביז אין די דערפער, און דאָרט, אונטער דער אויפהעצונג פון אלערליי וואגאבונדען, האָבען די בויערן אטאַקירט די פּריצים און פערברענט זייערע פּאלאצען. דאן האָבען דער פּריסטער־שטאנד און דער אדעל, פול מיט א פּאטריאָטישען געפיהל, און איינזעהענדיג, דאָס זיי האָבען נאָך גאָר ניט גע־טהאָן פאר די בויערן, אָנגעהויבען ענטזאגען זיך פון זייערע פעאָדאלע רעכטע אין יענער געדענקווירדיגער נאכט. די ארי־סטאָקראטען, די פּריסטער, דער אָרימסטע דאָרף־גלח און די רייכסטע פעאָדאלע לאָרדען — אלע האָבען אוועקגעלעגט אויף דעם מזבח פון פאטערלאנד זייערע וועלטליכע פּריווילעגיען. א כוואליע פון ענטהוזיאזמוס האָט ארומגעכאפּט די גאנצע פערזאמ־לונג. אלע זיינען געוועזן אזוי גערן אויפצואָפּפערען זייערע אינ־טערעסען. „די זיצונג איז געוועזן א הייליגער מאָהלצייט, די טריבונע — דער מזבח, דער פערזאמלונגס־האָל — דער טעמפּעל" — זאָגט איינער פון די היסטאָריקער, וועלכע זיינען געוועהנליך גאנץ רוהיגע שרייבער. „עס איז געוועזן א סט. בארטהאָלאָמעי־נאכט פון אייגענטהום", — דערצעהלען אנדערע. און ווען דער ערשטער שטראהל פון טאָג האָט אויסגעבראָכען איבער פראנק־רייך אויף מאָרגען נאָך דעם 4טען אויגוסט, האָט שוין די אלטע פעאָדאלע סיסטעם ניט מעהר עקזיסטירט. „פראנקרייך איז גע־ווען א לאנד, וואָס איז אויפס־ניי געבאָרען געוואָרען, האָבענדיג געמאכט א גרויסען פייער פון די אלע מיסברויכונגען פון איהרע פּריווילעגירטע קלאסען."

דאָס איז אָבער אלעס לעגענדע. עס איז אמת, דאָס א טיע־פער ענטהוזיאזמוס האָט דורכגענומען די גאנצע פערזאמלונג, ווען צוויי אריסטאָקראטען, דער וויקאָונט דע נאָעל און דער דיוק ד'עגוללאָן, האָבען ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פאר די אָבשאפונג פון די פעאָדאלע רעכטע, ווי אויך פון די פערשיע־דענע פּריווילעגיען פון דעם אדעל, און ווען די צוויי בישאָפּס

— פון נאַנסי און פון טשאַרטרעס — האָבען גערעדט, פאָרדערענ־ דיג די אָבשאַפונג פון מעשר און אַנדערע אָבצאָהלונגען צום פריסטערטהום. עס איז אמת, דאָס דער עטהוזיאַזמוס איז גע־ וואָרען אַלץ גרעסער, און דאָס אין דעם משך פון דער גאַנצער נאַכט האָבען פריסטער און אדעליגע געפאָלגט איינע די אַנדערע אויף דער טריבונע און האָבען קאָנקורירט צווישען זיך, ווער פון זיי זאָל זיין די ערשטע אויפצוגעבען זייערע רעכטע פון צו זיין די פריווילעגירטע ריכטער. אין פלאַמענדע רעדען, געהאַלטען פון די פריווילעגירטע פערזאָנען, האָט מען גע'טענה'עט פאַר גע־ רעכטיגקייט, פאַר אַ ריכטערטהום, וואָס זאָל זיין פריי, אונגע־ קויפט און גלייך פאַר אַלע. לאָרדען, פריסטער און אַנדערע רייכע מענשען האָבען זיך ענטזאַגט פון זייערע יאַגד־רעכטע. די פער־ זאַמלונג איז געוועזען פול מיט בעגייסטערונג; און אין דיזער בע־ גייסטערונג האָט קיינער ניט בעמערקט דעם פאַראַגראַף פאַר א ו י ס ק ו י פ ע ן פון דיזע פעאָדאַלע רעכטע און אָבצאָהלונ־ גען, וועלכע די צוויי אדעל־לייט און די צוויי בישאָפס האָבען אריינגעבראַכט אין זייערע רעדען — אַ פאַראַגראַף, וואָס איז געוועזען זאָגאַר שרעקליך אין זיין אונבעשטימטקייט, ווייל ער האָט דאָך געקאָנט מיינען אַלעס אָדער גאָר ניט, און האָט, ווי דאָס האָט ווירקליך פאַסירט, פעררוקט די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע אויף גאַנצע פיער יאָהר ביז אויגוסט, 1793!

אָבער, ווער פון אונז, לעזענדיג דיזע שעהנע געשיכטע פון יענער נאַכט, געשריבען פון די מענשען, וואָס האָבען געלעבט צו יענער צייט, איז ניט בעגייסטערט געוואָרען? און ווער האָט ניט איבערגעהיפּט יענע פעררעטהערישע ווערטער: „די אויסלייזונג אין 30 יעהריגען קויף", ניט פערשטעהענדיג זייער גאַנצע שרעקליכע בעדייטונג? (דאָס האָט געמיינט, אז די בויערען מו־ זען איינצאָהלען די פריצים 30 מאָל אזוי פיעל שטייערען, ווי־ פיעל זיי האָבען געצאָהלט יעהרליך זייערע פעאָדאַלע הערען, און נור דאַן ערשט זיינען זיי פטור פון אַלערליי פערפליכטונגען און שטייערען). דאָס איז עס אויך, וואָס האָט פאַסירט אין פראַנקרייך אין 1789.

די אבענד־זיצונג פון דעם 4טען אויגוסט האָט אייגענטליך זיך אָנגעפאנגען מיט א פאניק, און ניט מיט בעגייסטערונג. מיר האָבען געזעהען, דאָס פיעלע שלעסער זיינען פערברענט און אויסגעפּלינדערט געוואָרען אין דעם משך פון די פערגאנגענע צוויי וואָכען. אָנפאנגענדיג זיך אין איסט־פראנקרייך, האָט דער בויערען־אויפשטאנד זיך פערשפּרייט צו דער סויטה, צום נאָרד און צום צענטער. עס איז געווען גאָר ניט ווייט דערפון, אז ער זאָל ווערען אלגעמיין. אין מאנכע פלעצער האָבען די בויערען זיך בעגאנגען ווילד מיט זייערע הערּרען, און די נייעס, וואָס איז געקומען פון די פּראָווינצען, האָט נאָך שטארק איבערטריבען אלעס, וואָס האָט פּאסירט. די אדעל־לייט האָבען אויסגעפונען אויף זיכער, צו זייער גרויסען שרעק, אז עס איז ניטאָ אויפ׳ן שטעל אזא מאכט, וואָס זאָל קענען איינהאלטען דיזע רייאָטען.

די זיצונג האָט זיך, אלזאָ, געעפענט מיט דעם פאָרלעזען פון א פּלאן ארויסצולאָזען א פּראָקלאמאציע געגען דיזע אויפשטענדע. די פערזאמלונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרען אויסצודריקען אן ענערגישע פערדאמונג געגען די רייאָטער און צו פערלאנגען פון זיי אזוי ענערגיש, ווי מעגליך, אכטונג צום אייגענטהום, פעאָדאלען אָדער אן אנדער סאָרט, און ווארטען, ביז די פערזאמלונג וועט פערפאסען געזעצע איבער דעם.

„עס שיינט, דאָס אייגענטהום, מאכט ניט אוים וועלכער, איז דער קרבן פון דעם העכסט־פערברעכערישען רויבערטהום“, האָט ערקלעהרט די אונטערזוכונגס־קאָמיטע. „פון אלע זייטען ווערען פערברענט שלעסער, קאָנווענטען ווערען פערניכטעט און פארמס ווערען בערויבט. די שטייערען און אלע פעאָדאלע אָבצאָהלונגען זיינען אָבגעשאפט. די געזעצע זיינען מאכטלאָז און די ריכטער האָבען פערלאָרען יעדע אויטאָריטעט“... און דער רעפּאָרט האָט געפאָדערט, אז די פערזאמלונג זאָל שטרענג פערדאמען דיזע אונרוהען און זאָל ערקלערען, אז „די אלטע געזעצע (די פעאָדאלע געזעצע) זיינען אין קראפט, ביז די אויטאָריטעט פון דער נאציאָן וועט זיי האָבען גאנצען אָבגעשאפט אָדער זיי געענדערט; און דאָס די אלע געוועהנליכע אָבצאָהלונגען און

שטייערען זאָלען געצאָהלט ווערען ווי פריהער, ביז עס וועט אנ־דערש בעשטימט און בעפוילען ווערען פון דער פערזאמלונג."

„זיי זיינען ניט קיין רויבער, די, וועלכע טהוען דאָס!" האָט אויסגעשריען דיוק ד'עגוללאָן; „אין מאנכע פראָווינצען האָט דאָס גאנצע פאָלק געשלאָסען א בונד צו פערברענען די פאלאצען, צו פלינדערען די לאנד, און, מעהר פון אלץ, צו נעהמען בעזיץ פון די רעקאָרד־פלעצער, וואו עס ליגען די דאָקומענטען און רעכט־פאפירען פון די אלע פעאָדאלע אייגענטהומען." זיכער, אין דיזע ווערטער הערט זיך ווייניג וואָס ענטהוזיאזמוס. גיכער איז עס די מורא, וואָס רעדט דאָ.*)

די פערזאמלונג האָט דארום געבעטען דעם קעניג אָנצונעה־מען שטרענגע מיטלען געגען די רעבעללירענדע בויערען. ווע־גען דעם האָט מען שוין גערעדט מיט א טאָג פריהער, דעם 3טען אויגוסט. אָבער אין די לעצטע עטליכע טעג האָט א געוויסע צאָהל פון אדעל — אייניגע, וואָס זיינען געוועזן מעהר פאָרטגע־שריטען אין זייערע אידעען, ווי די איבעריגע פון זייער קלאַס, און וועלכע האָבען קלערער פערשטאנען דעם זין פון אלץ, וואָס האָט פאסירט: דער וויקאָונט דע נאָעל, דער דיוק ד'עגוללאָן, דער דיוק דע לא ראָשעפאָקאָ, אלעקסאנדער דע לאמאָט און מאנכע אנדערע — אין געהיים זיך בעראטהען צווישען זיך וואָס פאר א שטעלונג זיי זאָלען אָננעהמען צו דער „זשאקעריע". זיי האָבען פערשטאנען, אז דער איינציגער מיטעל צו ראטעווען די פעאָדאלע רעכטע איז צו אָפּפערען די עהרען־רעכטע און אנדע־רע פריווילעגיען, וואָס זיינען פון א קנאפער ווערדע, און צו פער־לאנגען די א ו י ס ק ו י פ ו נ ג דורך די בויערען פון די פע־

---

*) צו פלינדערען די לאנד", דאָס מיינט וואהרשיינליך, דאָס אין געוויסע פלעצער האָבען די בויערען אָבגעשניטען די תבואה פון די פעלדער, וועלכע האָבען געהערט צו די פריצים און עס צוגענומען פאר זיך. עס איז געוועזן ענדע יולי, דער קאָרן איז שוין געוועזן באלד צייטיג, און די מענשען, וועלכע האָבען ניט געהאט צו עסען, האָבען אָבגעשניטען דעם קאָרן, וואָס האָט געהערט צו די פריצים.

אַדאַלע רעכטע און אַבצאַהלונגען, **וואס געהערען צום לאַנד, און וואס האַבען א ווירקליכען ווערטה.** זיי האָבען בעאויפטראגט דעם דיוק דע־עגוללאַן מיט דער ענטוויקלונג פון דיזע אידעען, און דאָס איז עס געווען די אורזאכע פון די גרויסע רעדען פון ד'עגוללאַן און נאָעל.

זייט די רעוואָלוציאָן האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען די מענשען פון לאַנד געהאַלטען אין איין פאָדערען די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע*). אין דער איצטיגער צייט, האָבען ערקלערט די צוויי פאָרשטעהער פון דעם ליבעראַלען אדעל, זיינען די דאָרף־דיסטריקטען אין אַ צושטאַנד פון רעוואָלט, ווייל זיי זיינען זעהר אונצופריעדען, ווייל עס איז פאר זיי גאָר ניט געטהאָן געוואָרען אין דעם משך פון די לעצטע דריי מאָנאַטען; זיי קען מען שוין מעהר ניט קאָנטראָלירען, און עס איז דאָ איצט בלויז איין ברירה: אָדער אַ זיכערע פערניכטונג פון דער געזעלשאַפט, אָדער זיי נאָכגעבען געוויסע פאָדערונגען. דיעזע פאָר־דערונגען זיינען פאָרמולירט געוואָרען פון וויקאָונט דע נאָעל, ווי פאָלגט: גלייכהייט פון אלע מענשען אין בעצוג צו די שטייערען, וועלכע זאָלען געצאָהלט ווערען לויט איינעמס איינ־קונפט; אלע עפענטליכע הוצאות דאַרפען געטראָגען ווערען פון

---

*) „די צייכענס פון גרויסען ענטהוזיאַזמוס און דער אויסגוס פון די גרויסמוטהיגע געפיהלען, וועלכע האָבען געמאַכט דאָס בילד, פאָרגעשטעלט פון דער פערזאַמלונג, לעבעדיגער און בעגייסטערטער פון שטונדע צו שטונדע, האָבען קוים איבערגעלאָזען צייט פאר דאָס קומען צו אירגענד אַ פערשטענדניס איבער די פערנינפטיגע מיטלען און וועגען, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאָר ראַטהזאַם, אום צו פערווירק־ליכען אין לעבען דיעזע פלענער, פאָר וועלכע מען האָט געשטימט אַזוי ענערגיש אין פיעלע פראָווינציעלע און דאָרף־פערזאַמלונגען — וואו נור די בירגער האָבען געהאַט אַ מעגליכקייט זיך צו פערזאַמלען פאר די לעצטע אַכטצעהן מאָנאַטען — צווישען ריהרענדע מיינונגס־אויסדריקע און פלאַמענדע פראָטעסטען.“

אלעמען ; „אלע פעאדאלע רעכטע דארפען אויסגעקויפט ווערען פון דער דארף־געמיינדע דורך דעם צאהלען פון א יעהרליכען רענט ; און ענדליך, די אבשאפונג, אהן אויסקויפונג, פון די אלע געזעצע פון פערזענליכע דיענסטע פון בויער צום פריץ *). עס מוז אויך געזאגט ווערען, דאס פאר א געוויסע צייט פריהער שוין האבען די בויערען אויפגעהערט צו ערפיללען זייערע פערזענליכע דיענסטע צו זייערע פריצים. וועגען דעם האבען מיר גאנץ קלארע בעווייזע פון די גובערנאטארען פון די פראווינצען. נאך דעם יולי־אויפשטאנד איז עס געווען קלאר, דאס די בויערען וועלען שוין קיינמאל מעהר ניט ערפילען זייערע פערזענליכע דיענסטע, צו די פריצים וועלען זיך יא אדער ניט ענטזאגען פון זיי.

דיזע פאדערונגען, פארגעשלאגען פון וויסקאונט דע נאעל, זיינען פון דעסטוועגען שטארק ארומגעשניטען געווארען פון די אריסטאקראטישע און מיטעל־קלאס דעפוטאטען, פון וועלכע א

---

*) „אלע פעאדאלע רעכטע דארפען אויסגעלייזט ווערען דורך די געמיינדען אדער דורך אויסטויש", האט דע־נאעל ערקלעהרט. „יעדער איינער וועט זיין אונטערוואַרפען צו די אלע עפענטליכע שטייערען, שטאאט־שטייערען, אהן אונטערשיעד", האט געזאגט ד'עגיללאן. „איך פאדער די אויסקויפונג פאר די פריסטליכע פאנדס", האט ערקלעהרט לאפאר, דער בישאף פון נאנסי, „און איך פאדער, אז דאס אויסקויף־געלד זאל ניט געהן צום פראפיט פון דעם פריסטליכען לארד, נור ער זאל פערווענדעט ווערען מיט נוצען פאר די ארעמע". דער בישאף פון טשארטערעס האט געפאדערט די אבשאפונג פון די יאגד־געזעצע, און האט זיך ענטזאגט פאר זיך פון דיעזע רעכטע. דאן הויבען זיך אויף די פריצים און די גלחים און פאלגען נאך זיין ביישפיעל. דע רישער האט געפאדערט ניט נור די אבשאפונג פון די פעאדאלע געריכטען, נור אויך, אז די יוסטיץ זאל פראקטיצירט ווערען פריי. איינינע פריסטער האבען פערלאנגט, אז מען זאל זיי ערלויבען זיך צו ענטזאגען פון אלע זייערע נעבען־איינקינפטע, און דאס א געלד־שטייער זאל פערנעהמען דעם פלאץ פון די מעשר.

גרויסע צאָהל האָבען געהאַט לאַנד־אייגענטהום, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסען אין זיך די אַלע פעאָדאַלע רעכטע. דער דיוק ד'עגוללאַן, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט דע נאָעל'ן, אַלס רעדנער, און וועמען די אויבען־דערמאָנטע אַדעל־לייט האָבען אויסגעקליבען, אַלס זייער פאָרשטעהער, האָט גערעדט מיט סימפּאַטהיע וועגען די בויערען; ער האָט זיי ענטשולדיגט פאַר זייער רעבעלישע אויפפיהרונג, אָבער דער אויספיהר פון זיין רעדע איז געווען, דאָס „די באַרבאַרישע רעשטלעך פון די פעאָדאַלע געזעצע, וועלכע עקזיסטירען נאָך אין פראַנקרייך, זיינען — עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט זיך צו נאַרען — נאָך אַלץ אַ געוויסער סאָרט פון אייגעטהום. און יעדער אייגענטהום איז הייליג.“ „די עהרליכקייט“, האָט ער געזאָגט, „פערוועהרט אונז צו פערלאַנגען פון אימיצען זיך צו ענטזאגען פון זיין אייגענטהום, אָהנע צו בעווילינגען איהם אַ גערעכטען אויסלייז־געלד.“ ער האָט אויך אַ ביסעל געמילדערט דע נאָעל'ס פראזע וועגען שטייערען, אַז אַלע בירגער דארפען זיי גלייך בייטראָגען, יעדער לויט זיין איינקונפט. און וואָס אַנבעטרעפט די פעאָדאַלע רעכטע, האָט ער געפאָדערט, אַז אַלע דיזע רעכטע, די פערזענליכע, ווי די אַנדערע, זאָלען אויסגעקויפט ווערען פון די וואַססאַלען, אויב זיי ווינשען עס. און דער אויסלייז־געלד זאָל זיין 30 מאָל אַזוי פיעל, ווי די יעהרליכע אָבצאָהלונג. דאָס האָט גלייך געמאַכט דעם אויסקויף פאַר אַן אונמעגליכע זאַך, ווייל פאַר לאַנד־רענט איז שוין אַ גענוג שווערער אויסקויף־געלד די רענט פון 25 יאָהר און אין דער האַנדעלס־וועלט ווערט דאָס צוואַנציג־פאַכיגע אָדער זאָגאר דאָס זיבצעהן־פאַכיגע רענט בעטראַכט אַלס אַ גענוגענדער אויסקויף געלד פאַר דעם גאַנצען־אייגענטהום.

דיזע צוויי רעדען זיינען אויפגענומען געוואָרען פון די הערען פון'ם דריטען שטאַנד מיט בעגייסטערונג און זיי זיינען דאָס פערשריבען געוואָרען אין דער געשיכטע אַלס שיינענדע ביישפּיעלע פון דער גוטסקייט פון דעם אַדעל, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט האָט די נאַציאָנאַלפערזאמלונג, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט דעם פּראָגראַם פון דעם דיוק דע עגוללאַן, בעשאַפען

דערמיט געראדע די פערהעלטניסע, דורך וועלכע די רעוואָלוציאָן איז שפּעטער איינגעזאפּט געוואָרען אין בלוט. די ווענינע בויערען, וואָס זיינען געווען אין דער פערזאמלונג, האָבען ניט גערעדט, און קיין אנדערער האָט ניט אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם קליינעם ווערטה פון די אַלע „אָפּפער" פון די אַרדעל־לייט. וואָס אנבעטרעפט די מאססע פון די דעפּוטאטען פון'ם דריטען שטאנד, וועלכע זיינען געווען מייסטענס שטאָדט־מענשען, און וועלכע האָבען צוליעב דעם געהאט אַ זעהר דונקעלען בעגריעף וועגען די פעאָדאַלע רעכטע, אלס א גאנצעס, ווי אויך איבער די בעדייטונג פון די בויערען־אויפשטענדע, איז אין זייערע אויגען געווען דאָס ענטזאגען־זיך פון די פעאָדאַלע רעכטע זאָגאַר אויף דעם תנאי פון אַן אויסקויף־געלד, אַ גרויסער אָפּפער צו גונסטען פון דער רעוואָלוציאָן.

לע גין דע קעראַנגאַל, אַ ברעטאָנישער דעפּוטאט, „געקליידעט אלס אַ בויער", האָט דאַן ארויסגעזאָגט אייניגע זעהר שעהנע און ריהרענדע ווערטער. דיזע ווערטער, ווען ער האָט גערעדט פון „די געמיינע דאָקומענטען", וועלכע האָבען פערצייכענט די פערפליכטונגען פון פערזענליכען דיענסט — די רעשטלעך פון לייב־אייגעשאפט — האָבען געמאכט און מאכען אויך נאָך יעצט די הערצער קלאָפּען. אָבער אויך ער האָט גאָר ניט געזאָגט געגען אַן אויסקויף פון די אַלע פעאָדאַלע רעכטע, אריינגערעכענט אויך די רעכטע פון פערזענליכען דיענסט, וועלכער איז ארויפגעצוואונגען געוואָרען „אין די צייטען פון פינסטערניס און אונוויסענהייט", די אונגערעכטיגקייט פון וואָס ער האָט מיט אזעלכע שעהנע ווערטער פערדאמט.

עס איז זיכער, דאָס דער אנבליק פון דער פערזאמלונג אין דעם משך פון יענער נאכט האָט געמוזט זיין זעהר אַ שעהנער — די פּאָרשטעהער פון אדעל און פּריסטערשאפט, ארויסקומענדיג צו ענטזאגען זיך פון זייערע רעכטע, מיט וועלכע זיי האָבען זיך בענוצט גאָר אָהן שום פראגען פאר גאנצע יאָהרהונדערטע. די האַנדלונג און דאָס וואָרט זיינען געווען גרויסארטיג, ווען די

אַדעללייט האָבען זיך אויפגעהויבען, אום זיך צו ענטזאַגען פון זייערע פּריווילעגיען אין דער הינזיכט פון שטייערען, און די פּריסטער האָבען זיך ענטזאַגט פון זייער מעשר, די אָרימסטע פּריסטער צווישען זיי, ענטזאַגענדיג זיך פון אַלע זייערע נעבען־פערדיענסטען, און די גרעסטע לאָרדען, אויפגעבענדיג זייערע רעכטע, אַלס ריכטער, און זיי אַלע ענטזאַגען זיך פון זייערע יאַגד־רעכטע, פערלאַנגענדיג די אונטערדריקונג פון די טויבען־הייזער, וועלכע זיינען געווען אזא פלוך פאר די בויערען. עס איז געוועזען שעהן צו זעהען אויך, ווי גאַנצע פּראָווינצען ענטזאַגען זיך פון זייערע פּריווילעגיען, וועלכע האָבען בעשאַפען פאַר זיי אַן אויסנאַמהס־שטעלונג אין דעם קעניגרייך. אַזוי זיינען אונטערדריקט געוואָרען די ספּעציעלע פּריווילעגיען פון פּראָווינצען און שטעדט, וועלכע האָבען געהאַט אויבער־רעכטע איבער זייערע נאַכבאַר־פּראָווינצען און שטעדט. די פאָרשטעהער פון דאָפין, וואו, ווי מיר האָבען געזעהען, דער אויפשטאַנד איז געווען שטאַרק און ווייט פערשפּרייט, זיינען געווען די ערשטע פאר די אָבשאַפונג פון די פּראָווינציאָנעלע אויסצייכנונגען, און די אַנדערע האָבען זיי נאָכגעפאָלגט.

אַלע צושויער פון יענער דענקווירדיגער זיצונג האָבען געגעבען פייערדיג־גליהענדע בעשרייבונגען פון איהר. ווען דער אַדעל האָט אין פּרינציפּ אָנגענומען דעם אויסקויף פון די פעאָדאַלע רעכטע, האָט מען אויפגערופען די פּריסטער, אַז זיי זאָלען זיך אויסשפּרעכען. זיי האָבען אָנגענומען אין גאַנצען דעם אויסקויף פון אַלע זייערע פּריסטערליכע רעכטע, נור מיט דעם תנאי, דאָס דער פּרייז פון דעם אויסקויף־געלד זאָל ניט בעשאַפען גרויסע פּערזענליכע פערמעגענס צווישען די גלחים, און אַז דאָס גאַנצע געלד זאָל פערווענדעט ווערען אויף אַרבייט פון אַלגעמיינע ניצליכקייט. אַ בישאָף האָט דאַן גערעדט וועגען דעם שאַדען, וואָס עס פעראורזאַכען די פּריצ׳ישע יאַגד־הינט אין די פעלדער פון די בויערען, און עס איז געפאָדערט געוואָרען די אָבשאַפונג פון די יאַגד־פּריווילעגיען, און גלייך האָט דער אַדעל צוגעשטימט דערצו מיט אַ הויכען און ליידענשאַפטליכען געשריי.

דער ענטהוזיאזמוס האָט דערגרייכט אַ זעהר הויכען גראַד. און ווען די פערזאַמלונג האָט זיך געענדיגט צוויי אַזייגער אין דער פריה, האָט יעדער איינער געפיהלט, אז עס איז אוועקגעלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ נייער געזעלשאַפט.

עס וואָלט געווען ניט גאַנץ עהרליך צו וועלען פערקלענערען די וויכטיגקייט פון יענער נאַכט. אַן ענטהוזיאזמוס פון אַזאַ סאָרט איז נויטיג אום צו שטויסען ווייטער און ווייטער די פּאַסירונגען. עס וועט ווידער זיין נויטיג, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן קומט . אין אַ רעוואָלוציאָן מוז דער ענטהוזיאזמוס ארויסגערופען ווערען; און ווערטער, וואָס זאָלען מאַכען די הערצער ציטערען, מוזען אויסגעשפּראָכען ווערען. דער פאַקט, דאָס דער אַדעל, די פּריסטערשאַפט און די פּריווילעגירטע פערזאָנען פון יעדען סאָרט האָבען אַנערקענט אין דער זיצונג פון יענער נאַכט דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציאָן, דאָס זיי האָבען בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען צו איהר, אַנשטאָט אויפנעהמען אַ קאַמפּף מיט וואַפען געגען איהר — דיזער פאַקט אַליין איז שוין אַ גרויסער נצחון פון דעם מענשליכען געדאַנק. דאָס גרעסער איז געווען דער נצחון, ווייל אַלע האָבען זיך ענטזאַגט פון זייערע פּריווילעגיען מיט ענטהוזיאזמוס. עס איז אמת, אז דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען ביי דעם שיין פון ברענענדע שלעסער; אָבער וויפיעל מאָל האָט דער זעלביגער שיין ארויסגערופען אין די פּריווילעגירטע קלאַסען אַן עקשנות'דיגען וועהרען־זיך און האָט געפיהרט צו האַס און מענשען־הריגות! יענע נאַכט אין אויגוסט האָבען יענע ווייטע פלאַמען בעגייסטערט צו אַנדערע ווערטער, צו ווערטער פון סימפּאַטהיע מיט די רעבעללען; און צו אַנדערע האַנדלונגען — צו האַנדלונגען פון שלום.

זייט דעם 14טען יולי האָט דער גייסט פון דער רעוואָלוציאָן, געבאָרען פון דער קאָכעניש, וואָס האָט געאַרבייט דורך גאַנץ פראַנקרייך, געשוועבט איבער אַלעס, וואָס האָט געלעבט און געפיהלט; און דיזער גייסט, בשאַפען פון מיליאָנען פון ווילענס, האָט עס געגעבען די בעגייסטערונג, וועלכע פעהלט אונז אין געוועהנליכע צייטען.

האָבענדיג אָנגערייטעט אויף די פאָלגען פון דעם ענטהוזי־אזמוס, וועלכען נור א רעוואָלוציאָן קען ארויסרופען, מוז דער היסטאָריקער אויך רוהיג בעטראכטען, ווי ווייט איז דיזער ענט־הוזיאזמוס ווירקליך געגאנגען, און וואָס איז געווען דער גרענעץ, וועלכען ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה אריבערצוטרעטען; ער מוז אָנצייגען, וואָס דיזער ענטהוזיאזמוס האָט בעוויליגט די מענשען, און וואָס ער האָט זיך ענטזאגט זיי נאָכצוגעבען.

נון, יענער גרענעץ קען אָנגעוויזען ווערען אין גאנץ ווענינ ווערטער. די פערזאמלונג האָט נור מסכים געווען אין פרינציפּ און האָט אויסגעשפּרייט איבער גאנץ פראנקרייך דאָס, וואָס די מענשען האָבען שוין אויסגעפיהרט פריהער אין דער טהאַט אין געוויסע פלעצער.

ווייטער איז די פערזאמלונג ניט געגאנגען.

מיר האָבען געזעהן, וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעטהאָן אין שטראסבורג און אין פיעלע אנדערע שטעדט. זיי האָבען גע־צוואונגען אַלע בירגער, אַדעליגע און מיטעלקלאַס מענשען צו העלפען טראָגען די לאַסטען פון די שטייערען און די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט דאָס אָנגענומען. דאָס פאָלק האָט אויך אָב־געשאַפט אַלערליי עהרען־עמטער, און דער אַדעל האָט זיך ער־קלערט בערייט צו ענטזאגען זיך פון זיי אין דער נאַכט פון 4טען אויגוסט; אזוי האַנדלענדיג האָבען זיי ווידער אָנגענומען עט־וואָס, וואָס איז שוין אויסגעפיהרט געוואָרען דורך א רעוואָלו־ציאָנערע האנדלונג. דאָס פאָלק האָט אָבגעשאַפט אַלע פע־אָדאַלע געריכטען און זייערע ריכטער און האָבען אויף זייערע פלעצער אויסערוועהלט אייגענע ריכטער. דאָס האָט די פער־זאמלונג אקצעפּטירט. ענדליך, דאָס פאָלק האָט אָבגעשאַפט די פּריווילעגיען פון די שטעדט און פון די פּראָווינציאָנעלע ראָ־גאַטקעס — און דעם 4טען אויגוסט האָט די נאַציאָנאַל־פערזאמ־לונג געמאַכט אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון א פאַקט, וואָס איז שוין אויסגעפיהרט געוואָרען אין א טהייל פון'ם קעניגרייך.

ווידער וואָס אנבעטרעפט די בויערען אין די דערפער, האָט די פריסטערשאַפט אָנגענומען א פּרינציפּ, דאָס די מעשר־

אַבצאַהלונגען זאָלען אויסגעקויפט ווערען. אָבער אין וויפיעל פלעצער האָבען דען די בויערען געצאַהלט דיזען מעשר! און ווען די פערזאמלונג האָט נאכהער פּרובירט אויפצומאַהנען די צאַהלונגען ביז 1791, האָט זי זיך געמוזט נעהמען צום סטראַשענען, אום צו מאכען די בויערען צאַהלען. לאָמיר, אלזאָ, זיך פרעהען, דאָס די פריסטערשאַפט האָט איינגעוויליגט צו דער אָבשאפונג פון מעשר — מיט דעם תנאי, אז ער זאָל ווערען אויסגעקויפט, — אָבער לאָמיר אויך זאָגען, אז די פריסטערשאַפט וואָלט געהאנדעלט פיעל בעסער, ווען זי וואָלט ניט איינגעשפּארט זיך אויף דעם תנאי פון אויסקויף. וועלכע קעמפּפע, וועלכער האַס, וועלכע בלוט־פערגיסונג וואָלטען אונז פערשפּאָרט געבליבען, ווען די פריסטער וואָלטען אויפגעגעבען זייערע רעכטע אויף מעשר און וואָלטען איבערגעלאָזען דאָס צאַהלען פון זייערע געהאַלטען צו דער נאציאָן אָדער צו זייערע קירכען־מיטגליעדער! וואָס אַנבעטרעפט די פעאָדאַלע רעכטע, וואָס פאר א קאמפּף וואָלט אויסגעמידען געוואָרען, ווען די פערזאמלונג, אַנשטאַט אַנצונעהמען דעם 4טען אויגוסט, 1789, דעם פּאָרשלאַג פון ד'עגוללאָן, וואָלט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דע נאָעל, וועלכער איז, נאָך אַלעמען, געווען א זעהר געמעסיגטער פאָרשלאַג: די אָבשאפונג אָהן אויסקויף־געלד פון אלע פערזענליכע דיענסטע און דער אויסקויף פון רענט, וואָס געהערט צו די לאַנד. אָבער אום צוצוקומען צו דעם, אין 1792, וויפיעל בלוט האָט עס געמוזט פליסען אין דעם משך פון דריי יאָהר, שוין ניט דערמאָנענדיג אָן די ווילדע קעמפּפע, וועלכע מען האָט געמוזט דורכמאכען, אום צו דערגרייכען אין 1793 די גענצליכע אָבשאפונג פון אלע פעאָדאלע רעכטע אָהן אירגענד וועלכע אויסקויף־געלדער!

אָבער לאָמיר פאר דעם מאָמענט טהאָן, ווי די מענעשן אין 1789 האָבען געטהאָן. יעדער איינער איז געווען פול מיט שמחה נאָך יענער זיצונג. יעדער איינער האָט זיך גראטולירט מיט יענער סאַנט בארטאָלאָמעער־נאכט, אין וועלכער עס זיינען פערברענט געוואָרען אלערליי פעאָדאלע מיסברויכונגען. דאָס בעוויזט, ווי וויכטיג עס איז אין דער צייט פון א רעוואָלוציאָן

אנצוערקענען אָדער, וועניגסטענס, צו פּראָקלאמירען א נייעם פּרינציפּ. קוריערען זייגען געשיקט געוואָרען פון פּאריז, טראָגענ־דיג די גרויסע נייעס אין יעדען ווינקעל פון פראנקרייך: „אַלע פעאָדאַלע רעכטע זיינען אָבגעשאפּט!“ ווייל אזוי האָט מען פער־שטאַנען די בעשליסע פון דער נאציאָנאַל־פערזאמלונג, און אזוי איז דאָס פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דעם ערשטען ארטיקעל פון דער רעזאָלוציאָן פון דעם 5טען אויגוסט. אַלע פעאָדאַלע רעכטע אָבגעשאפּט! קיין מעשר מעהר! קיינע רענט מעהר! קיינע אָבצאָהלונגען מעהר ביין פערקויף פון א ירושה! קיינע צאָהלונגען מעהר דורך ארבייט! די יאגד־געזעצע אָבגעשאפּט! פערשוואונדען זיינען די טויבען־הייזער! יעדער סאָרט פויגעל איז פריי פאר יעדען! ניטאָ מעהר קיין אדעל, קיין פּריווילי־גירטע פּערזאָן פון אירגענד וועלכען סאָרט! יעדער איינער איז גלייך פאר דעם ריכטער, וואָס ווערט אויסערוועהלט פון אַלעמען!

וועניגסטענס אזוי איז די ארבייט פון דעם 4טען אויגוסט פערשטאַנען געוואָרען אין די פּראָווינצען. און איידער די רע־זאָלוציאָנען פון דעם 5טען און 11טען אויגוסט זיינען פערעפענט־ליכט געוואָרען; איידער די גרענעץ־ליניע פון דעם, וואָס מוז ווערען אויסגעקויפט און וואָס ניט, איז קלאָר אָנגעצייכענט גע־וואָרען — לאַנג פאר דעם, איידער דיזע האנדלונגען און ענטזאַ־גונגען זיינען פאָרמולירט געוואָרען אין געזעץ־פּאראגראפען, האָבען שלוחים פארנאנדערגעטראָגען דיזע גוטע נייעס צווישען די בויערען. פון יענער צייט אָן, צו דער בויער איז געשאָסען געוואָרען, צו ניט, ער האָט שוין פאר קיין זאך ניט געצאָהלט.

דער בויערען־אויפשטאַנד האָט דארום אָנגענומען זיך מיט א נייעם כח. ער האָט זיך פערשפּרייט דורך די פּראָווינצען זאָגאר אין אזעלכע, ווי ברעטאָן, וועלכע איז ביז דאַן געבליבען רוהיג. און אויב די לאַנד־אייגענטהימער האָבען געפאָדערט אירגענד וועלכע אָבצאָהלונגען, זיינען די בויערען אוועק צו זייערע שלע־סער און האָבען פערברענט אַלע ביכער און לאַנד־רעדזשיסטערס. זיי האָבען ניט געקוקט אויף די בעשליסע פון 4טען אויגוסט און

האָבען ניט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען די רעכטע, וועלכע זיי דאַרפען עס ערשט נאָך אויסקויפען, און צווישען די אָבגעשאַפענע רעכטע, דערצעהלט דער היסטאָריקער דיו שאַטע־ליער. איבעראַל, איבער גאַנץ פראַנקרייך, זיינען די טויבען־הייזער און די אַנדערע וואַלד־פויגעל פערניכטעט געוואָרען. אין די דערפער האָבען די בויערען זיך זאַט געגעסען מיט זיי, און זיי האָבען אויך בעזיץ גענומען פון דעם לאַנד, וועלכעס האָט פריהער געהערט צו די דאָרף־געמיינדען, איידער די פריצים האָבען עס פערכאַפּט פאַר זיך.

אָט דאַן האָט מען אין איסט־פראַנקרייך געקאָנט זעהן דאָס, וואָס האָט שפּעטער מעהר אָדער ווייניגער פּאַסירט איבער גאַנץ פראַנקרייך. — נעמליך, די מיטעלקלאַס, שטעלענדיג זיך געגען די בויערען, צו גונסטען פון די לאַנד־אייגענטהימער. ליבעראַלע היסטאָריקער האָבען געמאַכט אַ שווייג וועגען דעם, אָבער דאָס איז אַ פאַקט פון דער העכסטער וויכטיגקייט, אויב מען וויל פערשטעהן די געשיכטע פון די פאָלגענדע אייניגע יאָהר.

מיר האָבען געזעהן, דאָס דער בויערען־אויפשטאַנד האָט דערגרייכט זיין העכסטע מאַכט אין דאַפין און אין איסט־פראַנקרייך אין אַלגעמיין. די רייכע און די לאָרדען זיינען געלאָפען פון פראַנקרייך, ווי פון אַ פייער. נעקער האָט זיך בעקלאָגט, דאָס ער האָט געמוזט אויסשטעלען זעקס טויזענד פּאַספּאָרטען אין דעם משך פון צוויי וואָכען צו די רייכסטע איינוואוינער פון לאַנד. די שווייץ איז געוואָרען איבערפילייצט פון זיי.

אָבער די מיטעלקלאַס־מענשען, וועלכע זיינען פערבליבען, האָבען זיך אַליין בעוואַפענט און אָרגאַניזירט זייער מיליץ; און די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט באַלד אָנגענומען אַ שטרענגען געזעץ געגען די בויערען (אויגוסט 10). אונטער דעם אויסרייד, דאָס דער אויפשטאַנד איז די אַרבייט פון רויבער, האָט זי געגעבען די מוניציפּאַליטעטען די ערלויבנים אַרויסצורופען די סאָל־דאַטען, אַוועקצונעהמען די וואַפען פון די אַלע, וואָס האָבען ניט קיין מלאכה און קיין היים, פונאַנדערצויאָגען די באַנדעס און

צו האַנדלען געגען זיי העכסט שטרענג. די מיטעלקלאַס פון דעם דאָפין־געגענד האָט שטאַרק פּראָפיטירט פון דיעזע געזעצע. ווען חברות פון בויערען אין אויפשטאַנד זיינען דורכגעגאַנגען דורך בורגונד, פערברענענדיג די שלעסער, האָבען די מיטעל־קלאַס־מענשען אין די שטעדט און אין די דערפער זיך פּעראייניגט געגען זיי. איינע פון די בויערען־באַנדעס איז בעזיעגט געוואָרען אין קאָרמאַטין דעם 27טען יולי, ווען צוואַנציג פון זיי זיינען געטוידטעט געוואָרען און זעכציג זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען. אין קלוני זיינען געוועזן אַ הונדערט געטוידטעטע און הונדערט און זעכציג געפאַנגענע. די שטאָדט מאַקאָן האָט געפיהרט אַ ריכטיגע מלחמה מיט די בויערען, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט צו צאָהלען מעשר צו די פּריסטער און זיי האָבען אויפגעהאַנגען צוואַנציג פון זיי: צוועלף בויערען זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען אין דואי. אין ליאָן האָבען די מיטעלקלאַס־מענשען, פיהרענדיג אַ מלחמה מיט די בויערען, געטוידטעט אַכציג פון זיי און זעכציג גענומען געפאַנגען. אין דאָפין איז דער מעיאָר געגאַנגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, אויפהענגענדיג די רעבעלישע בויערען.*) די שטאָדט מילהאָד האָט אַפּעלירט צו די נאַכבאַר־שטעדט, איינלאַדענדיג זיי זיך צו בעוואַפענען געגען די רויבער און געגען די, וועלכע ענטזאָגען זיך צו צאָהלען די שטייערען.

*) נאָך די מפּלה פון די צוויי גרויסע בויערען־באַנדעס, איינע פון וועלכע האָט געסטראַשעט צו אַטאַקירען דעם שלאָס אין קאָרמאַטין, און די צווייטע — די שטאָדט קלוני; און נאָכדעם, ווי אַ בעשטראָפונג פון אַ שרעקליכער שטרענגקייט איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף די בויערען, איז די מלחמה נאָך אימער אָנגעגאַנגען, אָבער שוין ניט אויף אַן אָרגאַניזירטען שטייגער, דערצעהלען די היסטאָקער בושעז און ראָאַ. „ווי עס איז, האָט די שטענדיגע קאָמיטע אין מאָקאָן זיך אונגעזעצליך געבילדעט אין אַ געריכט, אויף וועמעס בעפעהל צוואַנציג פון דיעזע אונגליקליכע בויערען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען פאַר דעם פערברעכען פון הונגער און פאַר דאָס, וואָס זיי האָבען רעבעלירט געגען דעם מעשר און די פעאָדאַלע געזעצע״. איבעראַל איז דער אויפ־

אין קורצען, מיר זעהען פון דיעזע אייניגע האנדלונגען, וועמעס צאָהל עס וואָלט אונז לייכט געווען צו פערמעהרען, דאָס וואו דער אויפשטאַנד איז געווען מעהר שטארק און געוואַלדיג, דאָרט האָבען די מיטעלקלאַס־מענשען עס אונטערנומען צו דער־שטיקען איהם. און זיי וואָלטען אָהן צווייפעל דערצו שטארק געהאָלפען, ווען די נייעס, וואָס איז געקומען פון פאַריז נאָך דער נאַכט פון 4טען אויגוסט, וואָלט ניט געגעבען א נייעם אימפּעט צו דעם אויפשטאַנד.

דער בויערען־אויפשטאַנד איז געוואָרען אביסעל שטילער נור אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער, אפשר צוליעב די נויטווענ־דיגקייט פון אַקערען די פעלדער. אָבער אין יאַנואַר, 1790, דערוויסען מיר זיך פון א בעריכט פון דער פעאָדאַלער קאָמיטע, דאָס דער בויערען־אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבען גאָר מיט פרישער קראַפט, וואהרשיינליך צוליעב די פאָדערונג, אז זיי זאָלען מאַכען זייערע איינצאָהלונגען. די בויערען האָבען מעהר ניט געוואָלט וויסען פון דעם חילוק, וואָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמ־

---

שטאַנד אַרויסגערופען געוואָרען דורך האַנדלונגען פון מינדערער וויכ־טיגקייט, דורך סכסוכים מיט'ן פריץ וועגען א פעלד אָדער אַ קוואַל, און אין איין פּלאַץ זיינען אייניגע בויערען אויפגעהאַנגען געוואָרען צוליעב אייניגע קליינע גנבות. די פּאַמפלעטען פון יענער צייט, וועלכע די היסטאָריקער בושעז און ראָאַ האָבען נאָכגעקוקט, דערצעהלען, דאָס דער געריכט פון דואַי האָט בעפוילען צוועלף פיהרער פון די באַנדעס הינצוריכטען. די קאָמיטע פון די וואהל־מענער (מיטעלקלאַס־מענשען) אין ליאָן האָט אַרויסגעשיקט אַ ראָטע סאָלדאַטען פון די פּריוויליגע פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע געגען די בויערען. איין פּאַמפלעט פון יענער צייט שטעלט פעסט, דאָס דיעזע קליינע אַרמיי האָט אין איין שלאַכט גע'הרג'עט 80 פון דיעזע זאָגענאַנטע רויבער און האָט גענומען זעכציג געפאַנגענע. דער מעיאָר פון דאפין, אָן דער שפּיצע פון אַ קערפּערשאַפט פון מיטעלקלאַס־מיליץ, האָט מאַרשירט איבער'ן לאַנד און געהאַלטען אין איין הענגען און שיסען די אויפשטענדיגע בויערען. (בושעז און ראָאַ. צווייטער באַנד, זייטע 245).

לונג האָט געמאַכט צווישען די אָבצאָהלונגען פאַר לאַנד און די אָבצאָהלונגען פאַר פערזענליכע דיענסטע, און זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד מיט דעם צוועק גאָר ניט צו צאָהלען.

מיר ווענדען זיך צוריקקעהרען צו דיעזען געגענשטאַנד אין פאָלגענדע קאַפּיטלען.

אכטצעהנטער קאפּיטעל.

# די פעאָדאַלע רעכטע בלייבען זוי געוועז.

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און די פעאָדאַלע פּריווילעגיען. — די רעשטלעך פון לייב־אייגענשאַפט. — די פערפליכטונגען צום פעאָדאַלען הערשער. — די הערשער ווילען צוריקציהען זייערע פערשפּרעכונגען. — די קירכען־אָבצאָהלונגען אָבגעשאַפט אין דער טהעאָריע, אָבער ניט אין דער פּראַקטיקע. — די ענטוויקלונג פון די בויערען. — יאַגד־געזעצע. — פעאָדאַלע רעכטע. — נור פערזענליכע דיענסטבאַרקייט אָבגעשאַפט. — אַנדערע אָבצאָהלונגען בלייבען. — דאָס אויסקויפען פון לאַנד אונמעגליך. — די ווירקונג פון דער אונקלאָהרקייט פון די בעשליסע פון דער פערזאַמלונג. — די בעשטימונגען פון אויגוסט דעם 4טען, 1789, דאַרפען ניט גענומען ווערען בוכשטעבליך. — די בויערען ענטזאַגען זיך צו צאָהלען. — דער קעניג דער מיטעלפּונקט פון פעאָדאַליזם. — די טאַקטיק פון דער פערזאַמלונג. — איהרע בעשליסע ענדליך פערעפענטליכט דורך דעם קעניג.

---

ווען די פערזאַמלונג איז ווידער צוזאַמענגעקומען אויגוסט דעם פינפטען, אום צו פערפאַסען, אין דער פאָרמע פון רעזאָלוציאָנען, דעם צעטעל פון ענטזאַגונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער היסטאָרישער נאַכט פון דעם 4טען, דאַן האָט איינער געקאָנט זעהן, ביז צו וועלכען גראַד די פערזאַמלונג איז געווען אויף דעם צד פון אייגענטהום, און ווי אַזוי זי האָט זיך פאָרגענומען צו פערטהיידיגען יעדען איינציגען פון די מאַטעריעלע פאָרטהיילע, וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות מיט יענע

פעאָדאַלע פּריווילעגיען, און וועלכע זי האָט עס געמאַכט אַזאַ אָנשטעל אויפצוגעבען מיט איניגע שטונדען פריהער.

עס זיינען נאָך דאָן פערבליבען אין פראַנקרייך אונטער פערשיעדענע נעמען רעשטלעך פון דער אַלטער לייב־אייגענ־שאַפט.*) עס זיינען נאָך געווען בויערען, וועלכע זיינען געווען לייב־אייגענע אין דעם אמת'ן זין פון וואָרט. זיי האָבען ניט געטאָרט פערקויפען זייער אייגענטהום, אויך ניט איבערלאָזען זייער ירושה אויסער צו די קינדער זייערע, וועלכע האָבען געלעבט מיט זיי. זיי זיינען דאַרום געבליבען צוגעשמידט צו דער ערד **). וויפיעל פון זיי זיינען דאָס דאָן געווען אין אַזאַ לאַגע ווייסען מיר ניט גענוי, אָבער מען גלויבט, אַז די צאָהל, וואָס באַנסערף גיט אָן, דריי הונדערט טויזענד, איז אַ העכסט וואהרשיינליכע.

אחוץ דיעזע לייב־אייגענע זיינען דאָרט אויך געווען אַ גרויסע צאָהל פרייע בויערען און אויך פרייע שטאָדט־מענשען, וועלכע זיינען דאָך געהאַלטען געוואָרען אונטער אַ פערזענליכער פערפליכטונג אָדער צו זייערע פריהערדיגע העררען, אָדער צו

---

*) דער געמיינשאַפטליכער אויוועז, מיל, וויין־פּרעס א. ז. וו., געהערענדיג צום פּריץ, האָט דער בויער געמוזט בעצאָהלען פאַר זייער געברויך, אחוץ דעם, וואָס ער האָט געמוזט ליידען אַ גרויסען פערלוסט אין נאַהרונג, קאָרן און ווייץ.

**) אָט דאָס זיין צוגעבונדען צום באָדען, דאָס איז עס, וואָס איז דער סאַמע תוך פון לייב־אייגענשאַפט. וואו די לייב־אייגענשאַפט האָט עקזיסטירט פאַר איניגע יאָהרהונדערטע, האָבען די פּריצים אויך אַרויסגעקראָגען פון שטאַאַט רעכטע איבער דער פּערזאָן פון לעם לייב־אייגענעם, וואָס האָט געמאַכט די לייב־אייגענשאַפט (אין רוסלאַנד, למשל, ביין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט) פאַר אַ לאַגע, וואָס איז געווען זעהר ענהליך צו שקלאַפעריי, און אין דער געוועהנליכער שפּראַך פון דער צייט איז עס טאַקע ממש מעגליך געווען צו פערביישן און צונויפמישען לייב־אייגענשאַפט מיט שקלאַפעריי.

די איינגענטהימער פון לאנד, וועלכע זיי האבען אדער אבגע־קויפט אדער געהאט אויף פאכט.

עס ווערט געשאצט, דאס אלס א כלל, האבען די פריווי־לעגירטע קלאסען — דער אדעל און פריסטערטהום — געהאט א העלפט פון לאנד פון יעדען דארף; אבער דאס אחוץ דיעזע לאנד, וואס איז געווען זייער אייגענטהום, האבען זיי נאך אויך געהאט פערשיעדענע פעאדאלע רעכטע איבער די לאנד, וואס די בויערען האבען געהאט. קליינע אונטערנעהמער זיינען זאגאר דאן שוין געווען אין א גרויסער צאהל אין פראנקרייך, אבער פון דיעזע זיינען געווען זעהר ווייניגע, וועלכע האבען ניט געמוזט פאר דעם בעזיץ־רעכט געבען דעם פריץ פערשיעדענע אבצאה־לונגען. כמעט אלע האבען געמוזט עפעס אבצאהלען אדער אין געלד אדער אין א טהייל פון זייער תבואה צו דעם אדער יענעם פריץ.

דיעזע פערפליכטונגען זיינען געווען זעהר פערשיעדענ־ארטיג, אבער זיי קענען איינגעטהיילט ווערען אין 4 קלאסען: 1) די פערזענליכע פערפליכטונגען, אפט שטארק ערניעדריגענדע — אן איבערבלייבעניץ פון לייב־אייגענשאפט; 2) אבצאה־לונגען פון אלערליי סארטען אין געלד, אין סחורה אדער אין ארבייט, וועלכע האבען געקומט פאר א ווירקליכע אדער בלויז כלומרשט׳דיגע אבטרעטונג פון לאנד; 3)פערשיעדענע צאה־לונגען, וואס זיינען געווען דער רעזולטאט פון דעם פריץ׳ס מאנאפאליען; דאס הייסט, דער פריץ האט ארויפגעלעגט פער־שיעדענע שטייערען אויף די יעניגע, וועלכע האבען זיך בענוצט מיט זייערע מארקעטס אדער מיט זייערע מאסען, מילען, וויינ־פרעסען, געמיינשאפטליכע אויוועגס און אנדערע זאכען; און 4) דער פריץ האט געהאט דאס אויסשליסליכע רעכט צו מאכען יאגד איבער זיין לאנד און איבער דאס לאנד פון זיינע נאכבאר־בויערען, און אויך דאס רעכט פון צו האלטען טויבען־הייזער און קראליק־פלעצער, און מיט דיעזער פריווילעגיע איז אויך געווען פערבונדען א גרויסער כבוד, נאך וואס די פריצים האבען זעהר געגארט.

אַלע דיעזע רעכטע זיינען געווען זעהר ניט קיין אַנגענעהמע, און האָבען דעם בויער זעהר טהייער געקאָסט, ווען זאָגאר דעם פּריץ האָבען זיי וועניג אָדער גאָר ניט איינגעבראַכט. און עס איז אַ פאַקט, וועלכען באַנסערף בעטאָנט זעהר שטארק אין זיין מערקווירדיגען ווערק „די אונבעקוועמליכקייטען פון די ריכטיגע פעאָדאַלען", דאָס זייט 1776 האָבען די פּעראָרימטע פּריצים און בעזונדערס זייערע פערוואַלטער אָנגעהויבען ארויסצוקוועטשען וויפיעל עס איז נור מעגליך געווען פון די פּארמערס, די טענענטס און פון די בויערען אין אַלגעמיין. אין 1786 איז געמאַכט געוואָרען אַ שטאַרקע רעוויזיע פון די לאַנד־רעגיסטערס מיט דעם צוועק צו פערגרעסערען די פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען.

די פערזאמלונג, אַלזאָ, נאָכדעם, ווי זי האָט ערקלעהרט זיך פאַר די אָבשאַפונג פון די אַלע איבערגעבליבענע רעשטליך פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם, איז געבליבען טאַקע הינטערשטעליג, ווען עס איז געקומען די פראַגע פון צו געבען אויסדרוק דיעזע ענטזאַגונגען אין דער געשטאַלט פון געשריעבענעם געזעץ.

עס האָט אויסגעזעהן, דאָס, ווען די פּריצים האָבען אויפגעאָפּפערט זייער פעאָדאַלעם רעכט, וואָס איז געווען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „די טוידטע האַנד", איז דאָך שוין גאָר ניט געווען וואָס צו ריידען וועגען דעם. זיי האָבען בעדאַרפט נור אויסדריקען זייער ענטזאַגונג אין דער פאָרמע פון אַ פעסט־געשטעלטע ערקלעהרונג. אָבער זאָגאַר וועגען דעם האָט מען אויפגעהויבען אַ דיסקוסיאָן. זיי האָבען פּרובירט צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען די פּערזענליכע „טוידטע האַנד", וועלכע דאַרף אָבגעשאַפט ווערען אָהן אירגענד וועלכען אויסלייז־געלד, און צווישען דער אָבצאָהלונג, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דעם געקויפטען אָדער געפּאַכטעטען לאַנד: די לייב־אייגענע פון דיעזען קלאַס קענען זיך אַליין אויסקויפען. און ווען די פערזאמלונג האָט ענדליך בעשלאָסען אָבצושאַפען, אָהן אירגענד־וועלכען אויסקויף־געלד, אַלערליי רעכטע און אָבצאָהלונגען, סיי אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות מיט דער פּערזאָן און סיי די פון לאַנד, האָבען זיי עס אַזוי געטהאָן, דאָס אַלעס

איז געבליבן דונקעל און אין צווייפעל, בעזאָנדערס אין יעדן פאַל, ווען עס איז געווען שווער אָבצוזונדערען די רעכטע פון דער „טוידטער האנד" און פון די פעאָדאַלע רעכטע אין אַלגעמיין.

דאָס זעלבע קווענקלען־זיך איז אויך פאָרגעקומען איבער דער פראַגע פון די אַלערליי אָבצאָהלונגען צו דער קירכע. עס איז בעקאַנט, דאָס די קירכען־אָבצאָהלונגען האָבען אָפט דער־גרייכט ביז צו א פינפטעל אָדער זאָגאַר צו א פערטעל פון דער גאַנצער תבואה, און דאָס די פריסטער האָבען זאָגאַר געפאָדערט א חלק פון אַלע גראָזען און ניס, וואָס די בויערען האָבען צונויפ־געקליבען. דיעזע אָבצאָהלונגען זיינען געלעגען, ווי א שווערע משא אויף די בויערען; בעזאָנדערס אויף די מעהר אָרימע. נון, דעם 4טען אויגוסט האָט דער פריסטערטהום ערקלעהרט זיין ענטזאַגען זיך פון די אַלע אָבצאָהלונגען, מיט דעם תנאי, אז דיעזע אָבצאָהלונגען זאָלען אויסגעלייזט ווערען דורך א געוויסע געלד־סומע. נור אַזוי ווי ער האָט ניט אָנגעגעבען די תנאים, אונטער וועלכע די אויסקויפונג זאָל פאָרקומען, אויך ניט, ווי אַזוי, אויף וועלכען אופן דאָס וועט אויסגעפיהרט ווערען, איז דיעזע ענטזאַגונג געווען ניט מעהר, ווי די ערקלעהרונג פון א פרינציפּ. דער פריסטערטהום איז מרוצה געוואָרען אויף דעם אויסקויף פון זיינע רעכטע. ער האָט ערלויבט די בויערען אויס־צוקויפען זיך פון צו געבען מעשר, ווען זיי ווינשען עס, און צו דעבאַטירען איבער'ן פרייז מיט די, וואָס זיינען געווען בערעכ־טיגט צו דעם מעשר. אָבער דעם 6טען אויגוסט, ווען עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען צו פערפאַסען רעזאָלוציאָנען אין בע־טרעף צו מעשר, איז פאָרגעקומען א שוויריגקייט. עס זיינען געווען מעשר־רעכטע, וועלכע די פריסטער האָבען פערקויפט אין דעם משך פון די יאָהרהונדערטע צו פריוואַט־מענשען. פאַר אַזעלכע מעשר־אָבצאָהלונגען, ווי דיעזע, איז דאָס אויסלייז־געלד בעטראַכט געוואָרען אַלס אבסאָלוט נויטיג, אום אויפרעכט צו ערהאַלטען דאָס רעכט פון אייגענטהום פאַר דעם לעצטען קויפער. נאָך ערגער ווי דאָס: די מעשר וואָס די בויערען האָבען געצאָהלט צו די גלחים, איז געשילדערט געוואָרען אין דער

פערזאמלונג פון געוויסע רעדנער, אלס **ט א ק ס ע, וואס די** נאציאן צאהלט פאר די אויפהאלטונג פון פריסטערטהום. און ביסלעכווייז, אין דעם משך פון דער דיסקוסיאן, האט געהערשט די מיינונג, דאס עס קען נור דאן זיין א פראגע פון אויפגעבען די מעשר־אבצאהלונג, ווען די נאציאן זאל זיך אונטערנעהמען צו צאהלען א געוויסען געהאלט די גלחים. דיעזע דיסקוסיאן האט געדויערט 5 טעג, ביז דעם 11טען, און דאן האבען אייניגע פריסטער, אונטערשטיצט פון עטליכע ארטשבישאפען ערקלעהרט זייער ענטזאגען זיך פון דעם מעשר, און פערלאזען זיך אין גאנצען אויף דאס רעכט־געפיהל און גרויסמוטה פון דער נאציאן.

עס איז דארום בעשלאסען געווארען, דאס דער מעשר, וואס איז געצאהלט געווארען דעם פריסטערטהום, זאל אבגעשאפט ווערען; נור ביז עס וועלען געפונען ווערען מיטלען פון אנדערע קוועלען, ווי צו בעזארגען די אויסגאבען פון רעליגיאן, **ז א ל ד ע ר מ ע ש ר ג ע צ א ה ל ט ו ו ע ר ע ן ו ו י פ ר י ה ע ר.** וואס אנבעלאנגט דעם מעשר־רעכט, וואס איז פערקויפט געווארען פון פריהער צו פריוואט־מענשען, מוז ער אונבעדינגט אויסגעקויפט ווערען.

מען קען זיך פארשטעלען, וואס פאר א ביטערע ענטטוישונג דאס איז געווען פאר די דארף־בעפעלקערונג, און וואס פאר אן אורזאכע פון רוהע־שטערונגען. אין דער טהעאריע איז דער מעשר געווען אבגעשאפט, אבער אין דער ווירקליכקייט איז ער אויפגעמאהנט געווארען, ווי אין די פריהערע צייטען. „ביז ווי לאנג?“ — האבען געפרעגט די בויערען. און דער ענטפער איז געווען: „ביז מיר וועלען געפינען אנדערע מיטלען צו צאהלען די גלחים!“ און אזוי ווי די פינאנסען פון קעניגרייך זיינען געווארען פון שלעכט ערגער, זיינען די בויערען געווען בערעכטיגט אין זייער צווייפעל, אויב דער מעשר וועט גאר ווען־עס־איז אבגעשאפט ווערען. די אונטערברעכונג פון דער ארבייט און די רעוואלוציאנערע אגיטאציאן האבען, נאטירליך, געשטערט די

אויפמאַהנונג פון שטייערן, וועהרענד די קאָסטען פון דעם נייעם געזעץ און דער נייער אַדמיניסטראַציאָן האָבען געמאַכט דיזע אויפמאַהנונג נאָך שווערער. דעמאָקראַטישע רעפאָרמען קאָסטען זעהר טהייער און עס איז נור מיט דער צייט, ווען אַ נאַציאָן אין רעוואָלוציאָן איז פעהיג צו בעצאָהלען די קאָסטען פון איהרע רעפאָרמען. דערוייל האָט דער בויער געמוזט צאָהלען דעם מעשר, און ביז 1791 זיינען זיי אויפגעמאָהנט געוואָרען פון איהם אויף אַ זעהר שטרענגען אופן; און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט צאָהלען, זיינען געמאַכט געוואָרען געזעצע אויף געזעצע, דעקרעטען אויף דעקרעטען פון דער פערזאַמלונג געגען די ניט־צאָהלער.

דאָס זעלבע איז אויך אָנווענדבאַר אויף די יאַגד־געזעצע. אין דער נאַכט פון אויגוסט דעם 4טען האָבען די אַדעל־לייט זיך ענטזאַגט פון זייערע יאַגד־רעכטע. אָבער ווען עס איז געקומען צו דער פאָרמולירונג פון דעם, וואָס איז גערעדט געוואָרען, האָט מען דערזעהן, אַז דאָס וואָלט געמיינט צו געבען די יאַגד־רעכטע צו יעדען איינעם. דאַן האָט די פערזאַמלונג עס צוריקגעצויגען און האָט נור אויסגעשפרייט דאָס רעכט פון יאַגד אויף אַלע אייגענטהימער, אָדער ריכטיגער אויף די אייגענטהימער פון גרונד און באָדען, אַז זיי זאָלען האָבען דאָס יאַגד־רעכט אויף זייערע אייגענע לענדער. אָבער אויך דאָ האָבען זיי געלאָזען גאַנץ דונקעל די פאָרמולע, ביי וועלכער זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. די פערזאַמלונג האָט אָבגעשאַפט דאָס אויסשליסליכע רעכט פון יאַגד אין די ניט־אַרומגעצוימטע וועלדער, אָבער זיי האָבען געזאָגט, דאָס יעדער אייגענטהימער האָט אַ רעכט צו פערניכטען אָדער פעראורזאַכען דורך אַנדערע די פערניכטונג נור אויף זיין גע'ירש'ענטען לאַנד פון אַלערליי זאָרטען פויגעל. האָט דיזע בערעכטיגונג אויך געהערט צו די פאַרמער? עס איז צווייפעלהאַפט. די בויערן אָבער האָבען ניט געוואַרט און האָבען אויך ניט געפאָדערט די ערלויבנים פון די כיטרע אַדוואָקאַטען. גלייך נאָך דעם 4טען אויגוסט האָבען זיי אָנגעהויבען צו מאַכען יאַגד אויף די פויגעל, וואָס האָבען געהערט ביז דאַן צום פריץ.

נאָך דעם, ווי זיי האָבען געזעהן פיעלע יאָהרען זייערע תבואות פערניכטעט פון די פויגלען, האָבען זיי אליין איצט אָנגעהויבען פערניכטען זייערע קליינע פערניכטער, ניט ווארטענדיג אויף קיינעמס ערלויבנים.

ענדליך, וואָס אנבעטרעפט דעם סאמע תוך, די גרויסע פראגע, וועלכע האָט אזוי שטארק אינטערעסירט מעהר ווי צוואַנציג מיליאָן פראנצויזען — די פעאָדאלע רעכטע — האָט די פערזאמלונג, פאָרמולירענדיג אין רעזאָלוציאָנען די ענטזאגונגען פון דער נאכט פון 4טען אויגוסט, בענוגענט זיך בלויז מיט דער ערקלערונג פון אַ פרינציפּ.

„די נאַציאָנאַלע פערזאמלונג פערניכטעט גענצליך דעם פעאָדאַל־סיסטעם“, זאָגט דער ערשטער פאַראגראף פון די רעזאָלוציאָנען פון דעם 5טען אויגוסט. אָבער די נאָכפאָלגענדע פאַראַגראפען פון דעם 5טען ביז דעם 11טען אויגוסט ערקלערען, דאָס נור דער פערזענליכער דיענסט, וואָס איז ערניעדריגענד פאר די מענשליכע ווירדע, זאָל גענצליך פערשווינדען. *אַלע אַנדערע אָבצאָהלונגען, וואָס עס זאָל ניט זיין זייער אָבשטאַמונג אָדער נאַטור, פערבלייבען.* זיי קענען ווען־עס־איז אויסגעקויפט ווערען, אָבער עס איז גאָר ניט געווען אין די רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט, וואָס זאָל אָנווייזען, ווען און אונטער וועלכע אומשטענדען דאָס קען געטהאָן ווערען. קיין, קיין זאך ניט, אויסער דעם נאַקעטען פרינציפּ, און דערווייל האָט דער בויער געמוזט צאָהלען, ווי פריהער.

עס איז געווען נאָך עטוואָס ערגערעס אין דיזע רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט, 1789. זיי האָבען געעפענט א וועג פאר א געזעץ, דורך וועלכען דאָס אויסקויפען זאָל געמאכט ווערען אונמעגליך, און דיזער איז טאקע אָנגענומען געוואָרען פון דער פערזאמלונג זיעבען מאָנאטען שפעטער. אין מאָנאט פעברואר, 1790, האָבען זיי עס געמאכט פאר אונמעגליך פאר'ן בויער אויסצוקוי-

פען זיין לאַנד, ווייל צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי אויך ארויפגעצוואונגען דעם אויסקויף פון אַלע לאַנד־רענטען, פערזענליכע און זאַכליכע. מ. סאַגנאַן האָט בעמערקט אויף זייטע 90 פון זיין אויסגעצייכענטען געשיכטליכען ווערק, דאָס דעמעניער האָט שוין פאָרגעשלאָגען דעם 5טען אָדער 7טען אויגוסט אזא מין געזעץ. און די פערזאַמלונג, ווי מיר וועלען עס זעהען, האָט געמאַכט אַ געזעץ אין פעברואר, 1790, לויט וועלכען עס איז געוואָרען אונמעגליך אויסצוקויפען די אָבצאָהלונגען אויפ׳ן לאַנד, ניט אויסקויפענדיג צוגלייך די פערזענליכע דיענסטע, כאָטש דיעזע זיינען שוין געווען אָבגעשאַפט זייט דעם 5טען אויגוסט, 1789.

פול מיט ענטהוזיאזמוס, מיט וועלכען פאַריז און פראַנקרייך האָבען אויפגענומען די נייעס פון יענער גאַנץ־נאַכטיגער זיצונג פון דעם 4טען אויגוסט, האָבען די היסטאָריקער ניט געגעבען קיין גענוגענדע פראָמינענץ צו די בעגרענצונגען, מיט וועלכע די פערזאַמלונג האָט ארומגערינגעלט דעם ערשטען פאַראגראַף פון איהר דעקרעט. זאָגאַר לואי בלאַן, וועלכער גיט יאָ אַ בעגריעף פון דעם סאָרט רעזאָלוציאָנען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אין אויגוסט, זעהט אויס, ווי ער האָט מורא צו פערניכטען די שעהנע לעגענדען, און ער היפּט איבער די רעזאָלוציאָנען אָדער ער שטרענגט זיך אָן זיי צו ענטשולדיגען מיט דער ערקלערונג, דאָס „דער לאָגישער גאַנג פון פאַקטען אין דער געשיכטע איז ניט אזוי ראַשיג, און ווירקליך זעהר ווייט פון דעם, ווי די פון די אידעען אין קאָפּ פון דעם דענקער". אָבער דער פאַקט בלייבט, דאָס דיעזע אונבעשטימטקייט, דיעזע צווייפעל, דיעזעם קווינקלען זיך, וועלכע די פערזאַמלונג האָט צוגעוואָרפען די בויערען, ווען זיי האָבען פערלאַנגט געזעצע, קלאָרע און פינקטליכע, צו פערניכטען די אַלטע מיסברויכונגען, זיינען געוואָרען די אורזאַכען פון יענע שרעקליכע קעמפּפע, וועלכע האָבען פּאַסירט אין די פאָלגענדע פיער יאָהר. און ביז די ארויסווייזונג פון די זשיראָנדיסטען, איז די פראַגע פון די פעאָדאַלע רעכטע ניט ארויפגעקומען מוטהיג און אין איהר גאַנצען אומפאַנג, אין דעם זין פון דעם

ערשטען פאַראַגראַף פון דער רעזאָלוציאָן פון דעם 4טען אויגוסט.*)

עס איז קיין פעולה ניט איצט, אויף דער ווייטקייט פון אַ הונדערט יאָהר, צו האָבען טענות געגען די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג. ווירקליך די פערזאמלונג האָט געטהאָן אַלעס, וואָס מען האָט געקענט ערווארטען פון אַ פערזאמלונג פון אייגענטהימער און פון מיטעל־קלאַס מענשען, וואָס זיינען געווען גוט אָב. אפשר האָט זי געטהאָן נאָך מעהר. זי האָט ארויסגעגעבען אַ פרינציפּ, און אזוי טהוענדיג, האָט זי געמאכט מעגליך די ווייטערע פאָסירונגען. אָבער עס איז זעהר וויכטיג צו נעהמען אין אָנבעטראכט דיזע בעגרענצונגען, וואָרים, אויב דער פאַראַגראַף, וואָס האָט ערקלעהרט די גענצליכע פערניכטונג פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם, זאָל גענומען ווערען בוכשטעבליך, קענען מיר ניט פערשטעהן ריכטיג די פיער יאָהר פון רעוואָלוציאָן, וועלכע פאָלגען און נאָך

*) בושעז און ראוקס, אין זייער געשיכטע פון דעם פאַרלאַמענט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן זעהען אין די ענטזאַגונגען פון דעם 4טען אויגוסט נור די קאָנצעסיאָנען, וועלכע זיינען געוואָרען אַ נויטווענדיגקייט דורך די דעבאַטען וועגען „די דעקלעראַציאָן פון די רעכטע פון די מענשען“. די מאַיאָריטעט, זייענדיג צו גונסטען פון דיעזער ערקלעהרונג, וואָלט איהר וואוט אונפעהלבאַר געבראַכט מיט זיך די אָבשאַפונג פון די פריווילעגיען. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו נאָטירען, ווי אַזוי מאַדאַם עליזאַבעטה האָט געמעלדעט איבער די פאָסירונגען פון דער נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט צו איהר פריינדין, מאַדאַם דע מאָמבעלס. „דער אַדעל“, שרייבט זי, „מיט אַן ענטהוזיאַזמוס, וואָס איז ווירדיג פאַר אַ פראַנצויזישע האַרץ, האָט זיך ענטזאַגט פון אַלץ, פון זיינע פעאָדאַלע רעכטע, פון זיינע יאַגד־רעכטע. דאָס פישען וועט אויך זיין איינגעשלאָסען, גלויב איך. דער פריסטערטהום האָט זיך אויך ענטזאַגט פון אַלע זיינע רעכטע. דיעזער דעקרעט איז צושיקט געוואָרען איבער אַלע פראָווינצען. איך האָף אַז דאָס וועט מאַכען אַ סוף צום ברענען פון שלעסער. זיי האָבען פערברענט שוין זיעבעציג.“

מעהר די קעמפפע, וועלכע האבען אויסגעבראכען אין סאמע מיטען פון דער קאנווענציאן אין 1793.

דאס וועהרען זיך געגען דיזע רעזאלוציאנען איז געווען גע־וואלדיג. אויב זיי האבען ניט געקענט צופריעדען שטעלען די בויערען, און אויב זיי זיינען געווארען דער סיגנאל פאר א מעכ־טיגע אויפלעבונג פון די בויערען־אויפשטענדע, האבען זיי אבער פאר׳ן אדעל, פאר׳ן פריסטערטהום און פאר׳ן קעניג בעדייטעט דאס ענדע פון קירכע און אדעל. פון יענעם טאג אן האט זיך אנ־געפאנגען די שטילע אגיטאציאן, וועלכע האט מעהר און מעהר אויפגעקאכט אהן אן אונטערברעכונג און מיט אלץ א מעהר און מעהר וואקסענדען ברען געגען די רעוואלוציאן. די פערזאמלונג האט געגלויבט, אז זי קען בעשיצען די רעכטע פון לאנד־אייגענ־טהום; און אין געוועהנליכע צייטען וואלט א געזעץ פון דיזען סארט דערגרייכט זיין צוועק. אבער אין די דערפער האבען די מענשען פערשטאנען, דאס די נאכט פון דעם 4טען אויגוסט האט דערלאנגט א געוואלדיגען קלאפ די אלע פעאדאלע רעכטע, און דאס די רעזאלוציאנען פון דעם 5טען ביז דעם 11טען אויגוסט האבען אוועקגענומען זיי פון די לענדלארדס, כאטש עס איז בע־שלאסען געווארען, אז דער בויער מוז דיזע רעכטע אויסקויפען. דער אלגעמיינער גייסט פון דיזע רעזאלוציאנען, וועלכער האט איינגעשלאסען די אבשאפונג פון מעשר, פון די יאגד־רעכטע און אנדערע פריווילעגיען, האבען קלאר געציינט דעם פאלק, דאס די אינטערעסען פון פאלק זיינען איבער די רעכטע, וועלכע די איי־גענטהימער האבען געקענט זיך ערווערבען אין דעם משך פון דער געשיכטע. זיי האבען ענטהאלטען די פערדאמונג, אין דעם נא־מען פון גערעכטיגקייט, פון די אלע גע׳ירש׳ענטע פריווילעגיען פון פעאדאליזמוס. און פון דאן אן האט שוין קיין זאך ניט גע־קאנט צוריק לעבעדיג מאכען דיזע רעכטע אין דעם מח פון דעם בויער.

די בויערען האבען פערשטאנען, דאס יענע רעכטע זיינען געווען פערדאמט צום טויט און זיי האבען ריכטיג געטהאן, ווען זיי האבען זיך ענטזאגט זיי אויסצוקויפען. זיי האבען גאנץ

פשוט אויסגעהערט צו צאָהלען. אָבער די פערזאמלונג, ניט האָבענדיג דעם מוטה אָבצושאפען די פעאָדאַלע רעכטע גאָר אין גאנצען, און אויך ניט דעם וואונש אויסצואַרבייטען א מעטהאָדע פון אויסקויף, וואָס די בויערען זאָלען עס קענען אָננעהמען, האָט זי בעשאַפען אויף דיזען אופן יענע צווייד־טיגע צושטענדע, וועלכע האָבען עס געמוזט פיהרען צו א בירגער־קריעג איבער גאנץ פראנקרייך. פון איין זייט האָבען די בויערען פערשטאַנען, דאָס זיי דאַרפען קיין זאַך ניט אויסקויפען, אויך גאָר ניט בעצאָהלען; דאָס די רעוואָלוציאָן דאַרף נור ווייטער אָנגעהן, אום אָבצושאפען די פעאָדאַלע רעכטע אָהן אירגענד וועלכען אויסקויף. פון דער אַנדערער זייט האָבען די רייכע מענשען פערשטאַנען, דאָס די רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט האָבען דערוויל נאָך גאָר ניט אָבגעשאַפט א חוץ „די טויטע האַנד“־אָבצאָהלונגען און די געאָפּפערטע יאגד־רעכטע. און אזוי, ווען זיי וועלען זיך אַלע א קעהר טהאָן צו דער קאָנטר־רעוואָלוציאָן און צום קעניג, אַלס איהר רעפּרעזענטאַנט, וועלען זיי אפשר קענען אויספיהרען צו בלייבען ביי זייערע פעאָדאַלע רעכטע און ביי זייער לאַנד, וואָס זיי און זייערע עלטערען האָבען, אונטער פערשיעדענע אויסריידען, גערויבט פון די דאָרף־קאָמונען.

דער קעניג, וואהרשיינליך, אויף דעם ראַטה פון זיינע ראַטהגעבער, האָט זעהר גוט בעגריפען די ראָליע, וואָס איז איהם געווען פאָרגעצייכענט אין דער קאָנטר־רעוואָלוציאָן, אַלס א מיטעלפונקט פאַר די פערטהיידיגונג פון די פעאָדאַלע פּריווילעגיען, און ער האָט זיך געאיילט צו שרייבען צום ערטש־בישאָף אַרלעס, דאָס ער וועט קיינמאָל ניט געבען זיין הסכמה, סיידען אונטער צוואַנג, צו די רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט. „דער אָפּפער פון די ערשטע צוויי שטענדע איז זעהר שעהן“, האָט ער ערקלעהרט, „אָבער איך קען עס נור בעוואונדערען. איך וועל קיינמאָל ניט איינוויליגען צו דער רואינירונג פון מיין פּריסטערטהום און מיין אַדעל. איך וועל ניט געבען מיין בעוויליגונג צו דעקרעטען, וועלכע זאָלען זיי פערניכטען.“

און ער האָט פאָרטגעזעצט צו ענטזאָגען זיין צושטימונג, ביז

ער איז געפיהרט געוואָרען נאָך פּאַריז אלס געפאַנגענער פון פאָלק. און ווען ער האָט שוין זאָגאר געגעבען זיין איינשטימונג, האָט ער געטהאָן אַלעס, בשותפות מיט דעם פּריסטערטהום און די מיטעל־קלאַסען, אום אויסצודריקען זיין איינשטימונג אין אזא פאָרם, אז די רעזאָלוציאָנען פון דער פערזאמלונג זאָלען בלייבען א טויטער בוכשטאַב.

מיין פריינד דזשיימס גיליאַם, וועלכער איז געוועזן אזוי פריינדליך צו לייענען מיין מאַנוסקריפּט, האָט געמאַכט א בעמער־קונג צו דער פראגע וועגען דער איינשטימונג צו די רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט דעם 4טען, און איך גיב איהר דאָ אין גאנצען, ווי ער האָט איהר אָנגעשריבען:

„די פערזאמלונג פון יענער צייט האָט געהאַטביידעס, אי א קאָנסטיטואירענדע און אי א געזעצגעבענדע מאַכט. און זי האָט איינינע מאָל ערקלעהרט, דאָס איהרע אויפטהועכצען אלס קאָנ־סטיטואירענדע מאַכט, זיינען גאנץ אונאבהענגיג פון דער קעניג־ליכער אויטאָריטעט; נור די געזעצע האָבען זיך גענויטיגט אין דעם קעניג'ס הסכמה. (מען האָט זיי גערופען דעקרעטען פאר דער הסכמה און געזעצע נאָכדעם).

„די אויפטהועכצען פון 4טען אויגוסט זיינען געוועזן פון א קאָנסטיטואירענדען כאַראַקטער: די פערזאמלונג האָט זיי אויס־געדריקט, אלס רעזאָלוציאָנען, אָבער זי האָט ניט געדענקט פאר איין מאָמענט, דאָס עס איז נויטיג צו קריגען די ערלויבניס פון קעניג צו ערקלערען, דאָס די פּריווילעגירטע פערזאָנען האָבען זיך ענטזאגט פון זייערע פּריווילעגיען. דער כאַראַקטער פון דיזע רע־זאָלוציאָנען — אָדער פון דיזער רעזאָלוציאָן, ווייל איין מאָל האָ־בען זיי גערעדט פון דעם אין מעהרצאָהל און אן אנדערש מאָל אין איינצעל־צאָהל — איז אָנגעצייגט אין דעם לעצטען פּאַראַגראַף, וועלכער לויטעט: די נאַציאָנאַלע פערזאמלונג וועט זיך גלייך פערנעהמען נ אָ ך ד ע ר ק אָ נ ס ט י ט ו צ י אָ ן, מיט דער פערפאַסונג פון געזעצע פאר די ענטוויקלונג פון די פּ ר י נ־צ י פּ ע ן, וועלכע זי האָט אָ נ ג ע נ ו מ ע ן מיט דער איצ־טיגער רעזאָלוציאָן, און וועלכע וועט גלייך צושיקט ווערען דורך

די הערערן דעפּוטאַטען איבער אַלע פּראָווינצען.״ עס איז געווען דער 11טער אויגוסט, ווען די פּובליצירונג פון דיזע רעזאָלוציאָנען איז ענדליך און בעשטימט אָנגענומען געוואָרען. צו דער זעלבער צייט האָט די פערזאַמלונג געגעבען דעם קעניג דעם טיטעל: „דער צוריקברענגער פון פראַנצויזישער פרייהייט“, און האָט בעשלאָסען, דאָס אַ תפלה זאָל געזונגען ווערען אין דער קירכע פון פּאַלאַץ.

„דעם 12טען אויגוסט איז דער פּרעזידענט פון דער פערזאַמלונג (לע שאַפּעליער) אַוועק פרעגען דעם קעניג, ווען ער וועט אויפנעהמען די פערזאַמלונג פאַר די תפלה. דער קעניג האָט געענפערט, אַז דאָס וועט זיין דעם 13טען, מיטאָג־שטונדע. דעם 13טען איז די גאַנצע פערזאַמלונג אַוועק צום פּאַלאַץ. דער פּרעזידענט האָט געהאַלטען אַ רעדע. ער האָט ניט אויף דאָס מינדעסטע פערלאַנגט קיין הסכמה. ער האָט ערקלערט דעם קעניג, וואָס די פערזאַמלונג האָט געטהאָן, און האָט איהם געמעלדעט וועגען דעם נייעם טיטעל, וואָס די פערזאַמלונג האָט איהם געגעבען. לואי דער 16טער האָט געענטפערט, אַז ער נעהמט אָן דעם טיטעל מיט דאַנקבאַרקייט; ער האָט גראַטולירט די פערזאַמלונג און אויסגעדריקט זיין צוטרוי צו איהר. דאַן איז די תפלה געפּראַוועט געוואָרען אין קירכע.

„עס האָט גאַנץ ווייניג אויסגעמאַכט, וואָס דער קעניג האָט געשריבען אין געהיים צו דעם אַרטש־בישאָף און אויסגעדריקט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג: געראַדע דאַן האָבען נור עפענטליכע פערזאַמלונגען געהאַט אַ ווערדע.

„דערפאַר איז ניט געווען די קלענסטע ע פ ע נ ט ל י כ ע אָפּאָזיציאָן פון דעם קעניג אין דעם משך פון די ערשטע טעג געגען די רעזאָלוציאָנען פון דעם 4טען אויגוסט.

„נור שבת, דעם 12טען, ווען מען האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט די רוהע־שטערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען איבער גאַנץ פראַנקרייך, האָט די פּאַרטיי פון די „פּאַטריאָטען“ גערעכענט, אַז, אום צו מאַכען אַ סוף צו זיי, איז נויטיג צו מאַכען אָן ערנסטע ערקלערונג פון די רעזאָלוציאָנען פון 4טען אויגוסט,

און צוליעב דיזען צוועק האָט די מאַיאָריטעט בעשלאָסען, אז די רעזאָלוציאָנען זאָלען פּרעזענטירט ווערען צום קעניג פאַר זיין הסכמה, כאָטש די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען געגען דעם, ווייל דיזע האָבען געוואָלט, אז מען זאָל גאָר פערגעסען אָן דיזע רעזאָלוציאָנען.

„דאָך דעם 14טען אויגוסט, אם מאָנטאג, האָבען די „פּאַטריאָטען“ איינגעזעהען, אז דאָ קען זיין א מיספּערשטענדניס איבער דעם וואָרט הסכמה. פּונקט ביי דיזען פּונקט האָט די פערזאמלונג דיסקוטירט דעם „פּאָרליגענדען וועטאָ“ פון קעניג, און בארנאוו האָט ערקלעהרט, דאָס דער וועטאָ קען ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף די רעזאָלוציאָנען פון דעם 4טען אויגוסט. מיראבאָ האָט ערקלערט דאָס זעלבע. „די רעזאָלוציאָנען פון 4טען אויגוסט“, האָט ער געזאָגט, „זיינען אָנגענומען געוואָרען פון דער קאָנסטיטואירענדער מאַכט, און דארום קענען זיי ניט זיין אונטערוואָרפען דער הסכמה. די רעזאָלוציאָנען פון 4טען אויגוסט זיינען ניט קיין געזעצע, נור פּרינציפּען און קאָנסטיטוציאָנעלע פונדאמענטען. דערפאַר, ווען איהר שיקט נאָך א הסכמה פאַר די רעזאָלוציאָנען פון דעם 4טען אויגוסט, איז דאָס געווען בלויז פאַר די פּובליצירונג, פאַר די עפענטליכע ערקלערונג.“ און שאפּעליער האָט טאקע פאָרגעשלאָגען, אז דאָס וואָרט „הסכמה“ און אלץ וואָס געהערט צו דיעזע רעזאָלוציאָנען, זאָל פערביטען ווערען אויף דעם וואָרט „פּובליצירונג“, און ער האָט צוגעלעגט: איך בעהויפּטע, אז עס איז נוצלאָז צו קריגען די קעניגליכע הסכמה פאַר דאָס, וואָס ער האָט שוין געגעבען זיין ריכטיגע צושטימונג ווי דורך דעם בריעף, וואָס ער האָט מיר געשיקט, ווען איך האָב געהאט די עהרע צו זיין דער פאָרשפּרעכער פון דער פערזאמלונג, ווי אויך ביי די ערנסטע האנדלונג פון גוטסקייט און דורך די תפלה, וואָס איז געפּראוועט געוואָרען אין קעניג׳ס קירכע.

„עס איז דארום פאָרגעשלאָגען געוואָרען צו דעקרעטירען, אז די פערזאמלונג זאָל אָבלעגען די וועטאָ־פראגע, ביז עס וועלען פּובליצירט ווערען די רעזאָלוציאָנען פון 4טען אויגוסט דורך דעם

קעניג. (גרויסער טומעל און אונאָרדנונג.) די זיצונג האָט זיך געענדיגט אָהנע צו קומען צו אירגענד אַ בעשלוס.

„דעם 15טען איז געווען ווידער אַ דיסקוסיאָן און אָהן רעזולטאַטען. דעם 16טען און 17טען זיינען אַנדערע זאַכען דיסקוטירט געוואָרען. די נאַכפאָלגערשאַפט צום טהראָן איז געווען די פראַגע.

„ענדליך, דעם 18טען, איז אָנגעקומען דעם קעניג'ס ענטפער. ער האָט גוטגעהייסען דעם אַלגעמיינעם גייסט פון די רעזאָלוציאָנען פון 4טען אויגוסט, אָבער עס זיינען געווען אייניגע, צו וועלכע ער האָט נור געקענט האַלב צושטימען, און ער האָט געענדיגט מיט די ווערטער: „דערפאַר בין איך מרוצה צו די גרעסטע צאָהל פון דיעזע רעזאָלוציאָנען, און איך וועל זיי סאַנקציאָנירען, ווען זיי וועלען אויסגעדריקט ווערען, אַלס געזעצע.“ דיעזער ענטפער האָט ארויסגערופען גרויסע אונצופריעדענהייט. עס איז נאָך אַמאָל ווידערהאָלט געוואָרען, דאָס אַלעס, וואָס מען האָט פערלאַנגט פון קעניג איז צו פובליצירען דיעזע רעזאָלוציאָנען, פון וואָס ער האָט זיך ניט געקענט ענטזאַגען. הערענדיג די שפּראַך פון די רעדנער פון דער פערזאַמלונג, האָט לואי דער 16טער געוואוסט, דאָס ער מוז נאָכגעבען. אָבער וועהרענד ער האָט נאָכגעגעבען, האָט ער זיך אָנגעהויבען צוטשעפּען צו ווערטער. ער האָט געשיקט צום פּרעזידענט דעם 20טען סעפּטעמבער פאָלגענדען ענטפער: „איהר האָט מיך געבעטען פאַר מיין סאַנקציאָן צו די רעזאָלוציאָנען פון דעם 4טען אויגוסט... איך האָב אייך דאָן מיטגעטהיילט די קריטיק, צו וועלכער זיי זיינען אונטערוואָרפען... איצט פערלאַנגט איהר פון מיר צו פובליצירען דיעזע זעלבע דעקרעטען; פּובליצירונג אָבער געהערט נור צו געזעצע. אבער איך האָב שוין געזאָגט, דאָס איך בין איינ־פערשטאַנען מיט דעם אַלגעמיינעם גייסט פון דיעזע רעזאָלוציאָנען... איך געה בעפעהלען זייער פובליצירונג דורך דאָס גאַנצע לאַנד. איך צווייפעל ניט, דאָס איך וועל קענען געבען מיין הסכמה צו אַלע געזעצע, וועלכע איהר וועט פערפאַסען איבער

די פערשיעדענע ענינים, וואָס זיינען ענטהאַלטען אין דיעזע רעזאָלוציאָנען.

„אויב די רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט דעם 4טען האָבען ענטהאַלטען ניט בלויז פּרינציפּען אָדער טעאָריען, אויב מיר זוכען אין זיי פּראַקטישע געזעצע, איז עס אזוי, ווייל דאָס מוז זיין דער כאַראַקטער פון דיעזע רעזאָלוציאָנען, אזוי קלאָר בעצייכענט פון דער פערזאַמלונג אין פּאַראַגראַף 19. דעם 4טען אויגוסט האָט די פערזאַמלונג פּראָקלאַמירט, אין פּרינציפּ, די פערניכטונג פון דער פעאָדאַלער סיסטעם; און עס איז געווען צוגעלעגט, דאָס די פערזאַמלונג וועט אויך פערפאַסען די געזעצע, פאַר די אָנווענדונג פון דעם פּרינציפּ, און דאָס זיי וועלען מאַכען דיעזע געזעצע, ווען די קאָנסטיטוציאָן וועט זיין פערטיג. מיר קענען פאָרוואַרפען דער פערזאַמלונג דיזע מעטהאָדע, אויב מיר ווינשען עס, אָבער מיר מוזען צוגעבען, דאָס זי האָט קיינעם ניט גענאַרט, און האָט אויף קיין פאַל ניט געבראָכען איהר וואָרט, ווען זי האָט ניט געמאַכט גלייך קיין געזעצע, ווייל זי האָט פערשפּראָכען זיי צו מאַכען ערשט נאָך דער קאָנסטיטוציאָן. אָבער איינמאָל איז די קאָנסטיטוציאָן געווען פאַרטיג, האָט די פערזאַמלונג זיך בעדאַרפט אויפלייזען און איבערגעבען איהר ארבייט צו דער לעגיסלאַטיווער פערזאַמלונג.“

דיעזע בעמערקונג פון דזשיימס גיליאַם וואַרפט אַ נייע ליכט אויף די טאַקטיק פון דער גרינדונגס־פערזאַמלונג. ווען די מלחמה געגען די שלעסער האָט אויפגעהויבען די פראַגע פון פעאָדאַלע רעכטע, האָט די פערזאַמלונג געהאַט פאַר זיך צוויי וועגען: אָדער זי האָט געקענט אויסארבייטען וועלכען־עס־איז פּלאַן פון געזעצע וועגען פעאָדאַלע רעכטע, פּלענער, וועלכע עס וואָלטען גענומען מאָנאַטען, אָדער בעסער, יאָהרען צו דיסקוטירען, און זעהענדיג די פערשיעדענהייט פון מיינונגען איבער דיעזען געגענשטאַנד, וואָלט די פערזאַמלונג זיך געווים צושפּאָלטען; אָדער די פערזאַמלונג האָט זיך געקענט בענוגענען מיט דעם פּאָרשלאָגען פון אַ פּרינציפּ, וועלכער זאָל דיענען אַלס פונדאַמענט פאַר די פערפאַסונג פון די צוקינפטיגע געזעצע.

עס איז געווען דיעזער צווייטער וועג, וואס די פערזאמלונג האט אנגענומען. זי האט זיך געאיילט צו קאמפּילירען אין עטליכע זיצונגען די רעזאלוציאנען, וועלכע דער קעניג האט געמוזט פערעפענטליכען. און אין די פּראווינצען האבען דיעזע ערקלערונגען פון דער פערזאמלונג אזוי א טרייסעל געטהאן די פעאדאלע סיסטעם, דאס אין פיער יאהר שפּעטער האט די קאנ־ווענציאן געשטימט פיר די גענצליכע אבשאפונג פון די פעאדאלע רעכטע אהן אירגענד וועלכען אויסקויף. צי דאס איז פאראויס־געזעהען געווען צי ניט, דאס ווייסען מיר ניט, אבער דיעזער וועג איז, נאך אלעמען, געווען דער בעסטער.

נײנצעהנטער קאפּיטעל.

# די ערקלערונג פון מענשען־רעכטע.

די מײנונג און בעדײטונג פון דער „ערקלעהרונג״. — דער מוסטער איז די „דעקלערײשאָן אָװ אינדעפּענדענס״ פון די פעראײניגטע שטאַאטען. — איהרע חסרונות. — איהר אײנפלוס. — „די אײנלײטונג״ צו דער קאָנסטיטוציאָן.

---

עטליכע טעג נאָך דעם, װי עס איז אײנגענומען געװאָרען די באַסטיל, איז צוזאַמענגעקומען די קאָנסטיטוציאָנס־קאָמיטע פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אום צו דיסקוטירען איבער „די ערקלערונג פון די רעכטע פון מענש און בירגער״. דער געדאַנק פון ארויסצוגעבען אזא ערקלערונג, װעלכער האָט געשטאַמט פון דער בעריהמטער „דעקלערײשען אָװ אינדעפּענדענס״ פון די פעראײניגטע שטאאטען, איז געװען א גאַנץ ריכטיגער. װיבאַלד א רעװאָלוציאָן האָט זיך דערנאָהענט צו איהר ענדע, פון װאָס עס האָט געמוזט קומען א פאָלשטענדיגע ענדערונג אין די פערהעלטניסע צװישען די שיכטען פון דער געזעלשאַפט, איז עס געװען גאַנץ ריכטיג צו ערקלערען איהרע אַלגעמײנע פּרינציפּען, אײדער דיזע ענדערונג איז אױסגעדריקט געװאָרען אין דער פאָרמע פון א קאָנסטיטוציאָן. אױף אזא אופן װאָלטען די גרױסע מאַסען געקאָנט זעהען, װי אזױ די מינאָריטעטען האָבען בעגריפען די רעװאָלוציאָן, און צוליעב װעלכע נײע פּרינציפּען זײ האָבען גערופען דאָס פאָלק צום קאַמפף.

דיזע ערקלעהרונג האָט ניט געדאַרפט בעשטעהט פון בלױז שעהנע פראַזען; זי האָט בעדאַרפט זײן א קורצער סך הכל פון

דער צוקונפט, וועלכע מען האָט גערעכענט צו ערקעמפפען; און אונטער דער ערנסטער פאָרם פון אַן ערקלערונג פון רעכטע, געמאכט פון אַ גאַנצען פאָלק, האָט דיזע ערקלערונג בעדאַרפט האָבען די בעדייטונג פון אַ פאָלקס־שבועה. פראָקלאַמירט אין איינינע ווערטער, האָבען די פּרינציפּען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען ביין אָנווענדען אין דער פּראַקסיס, בעדאַרפט אויפבלאָזען דעם פאָלק׳ס קוראַזש. עס איז אימער אידעען, וועלכע רעגיערען די וועלט, און גרויסע אידעען, פרעזענטירט אין אַ שטאַרקער פאָרם, האָבען אימער געהאַט אַ שליטה אויף דעם מענשליכען מח. ווי די ריכטיגקייט איז, האָבען די יונגע נאָרד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקאַנער, אין דער צייט, ווען זיי האָבען בעאבזיכטיגט צו ערקעמפפען זייער אונאבהענגיגקייט, ארויסגעלאָזען גראַדע אַזעלכע ערקלערונגען, און זייט דאַן איז „די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס“ געוואָרען דער טשאַרטער, מען וואָלט געמעגט זאָגאַר זאָגען, די עשרת הדברות פון דער יונגער נאָרד־אַמעריקאַנישער נאַציאָן.*)

*) „ווען אין דעם משך פון מענשליכע פּאַסירונגען“, האָט ערקלעהרט די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, „עס ווערט נויטיג פאַר איין פאָלק אויפצולייזען זיינע פּאָליטישע פערבינדונגען, וועלכע האָבען איהם פעראייניגט מיט אַ צווייטען, און אָנצונעהמען צווישען די מעכטע פון דער ערד די בעזונדערע און גלייכע שטעלונג, צו וואָס די געזעצע פון דער נאַטור און פון דער נאַטור׳ס גאָט בערעכטיגען איהם, פאָדערט די אַנשטענדיגע אַכטונג צו די מיינונגען פון דער מענשהייט, דאָס ער זאָל ערקלעהרען די אורזאַכען, וועלכע צווינגען איהם צו דיעזער אָבזונדערונג.

„מיר האַלטען דיעזע וואַהרהייטען צו זיין בעשיינפערליך, דאָס אַלע מענשען זיינען בעשאַפען געוואָרען גלייך, דאָס זיי זיינען בעגאַבט פון זייער בעשעפער מיט געוויסע רעכטע, וועלכע טאָרען ניט אָוועקגענומען ווערען פון זיי, דאָס צווישען דיעזע רעכטע זיינען: ל ע ב ע ן, פרייהייט, און דאָס שטרעבען נאָך גליק; — דאָס אום צו

פֿאַלגליך, אַזוי גיך, ווי די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט נאָמינירט א קאָמיטע פאר די פאָרבערייטונגס־ארבייט צו דער קאָנסטיטוציע, איז עס גלייך געוואָרען קלאָר, אַז עס איז נויטיג צו פערפאַסען אַן ערקלערונג פון די מענשען־רעכטע, און די ארבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך דעם 14טען יולי. די קאָמיטע האָט זיך גענומען אלס א מוסטער די אונאבהענגיגקייטס־ערקלערונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען, וועלכע איז שוין געוואָרען בעריהמט זייט 1776, אלס אַ בעקענטניס פון דעם דעמאָקראַטישען פרינציפ. אונגליקליכערווייזע זיינען קאָפירט געוואָרען אויך איהרע חסרונות; דאָס הייסט, פונקט ווי די אמעריקאַנער קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, פערזאמעלט אין קאָנגרעס אין פילאדעלפיא, האָט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג פון פראנקרייך ניט דערלאָזען אין איהר ערקלערונג קיין איינציגע אָנדייטונג ווע־

---

פערזיכערען דיעזע רעכטע, ווערען איינגעפיהרט רעגיערונגען צווישען מענשען; און דיעזע ציהען זייער גערעכטע מאַכט פון דער איינווילליגונג פון די רעגיערטע, דאָס ווען אירגענד וועלכע רעגיערונגס־פאָרמע ווערט די צושטערערין פון דיעזע צוועקען, איז עס דאָס רעכט פון פאָלק צו ענדערען אָדער אָבצושאַפען איהר גאָר אין גאַנצען, און צו גרינדען אַ נייע רעגיערונג, בויענדיג איהר פונדאַמענט אויף אַזעלכע פרינציפען, און אָרגאַניזירענדיג איהר מאַכט אויף אַזאַ אופן, וועלכער זאָל פאַר זיי אויסזעהן דער סאַמע בעסטער פאַר זייער זיכערהייט און גליק (די ערקלעהרונג, געמאַכט אין פילאַדעלפיאַ, דעם 4טען יולי, 1776). דיעזע ערקלעהרונג שטימט זיכער ניט מיט די קאָמוניסטישע שטרעבונגען, וועלכע זיינען פראָקלאַמירט געוואָרען פון צאָהלרייכע גרופען פון בירגער אין יענער צייט. אָבער זי דריקט אויס און ווייזט אָן גאַנץ קלאָהר זייערע אידעען וועגען דער פאָליטישער פאָרם, וועלכע זיי האָבען געוואונשען צו עררייכען, און דיעזע ערקלעהרונג האָט עס בעגייסטערט די אַמעריקאַנער מיט דעם שטאָלצען גייסט פון אונאַבהענגיגקייט.

גען די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע צווישען די בירגער. זי האָט
זיך בענוגענט מיט דער פעסט־שטעלונג פון דער גלייכהייט פון
אַלע פאר'ן געזעץ, פון דעם רעכט פון דער נאציאָן צו געבען זיך
אירגענד א רעגיערונג, וואָס זי ווינשט פאר זיך, און פון די קאָנ־
סטיטוציאָנעלע פרייהייטען פון דעם איינצעלנעם. וואָס אנבע־
טרעפט אייגענטהום, האָט די פראנצויזישע ערקלערונג גענומען
גוט אין אכט פעסטצושטעלען זיין „אונבעריהרבארען, הייליגען“
כאראקטער. און זי האָט נאָך צוגעלייגט, דאָס „קיינער קען ניט
גערויבט ווערען פון זיין אייגענטהום, אויב עס איז ניטאָ פאר
דעם קיין גרונד פון עפפענטליכער נויטוועגדיגקייט, געזעצליך
פעסטגעשטעלט, און נור אונטער דער בעדינגונג פון א גערעכטער
און פריהעריגער בעלוינונג“. דערמיט איז אָבגעלייקענט געוואָ־
רען דאָס רעכט פון די בויערען אויפ'ן לאנד און די אָבשאפונג
פון די אָבצאָהלונגען, וועלכע האָבען געשטאמט פון דעם פע־
אָדאליזם.

די מיטעל־קלאס האָט אויף דיזען אופן ארויסגעלאָזען איהר
ליבעראלע פראָגראם פון גלייכהייט פאר'ן געזעץ אין אלע רעכט־
ליכע ענינים און פון א רעגיערונג, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון
דער נאציאָן, און וועלכע עקזיסטירט נור דורך איהר ווילען. און,
ווי אין אלע מינימום־פראָגראמען, האָט דאָס שוין במילא גע־
מיינט, אז די נאציאָן טאָר ניט געהן ווייטער; זי טאָר ניט אָנ־
ריהרען דאָס רעכט פון אייגענטהום, וואָס איז עטאבלירט פון
פעאָדאליזם און קעניגליכען דעספאָטיזם.

עס איז וואהרשיינליך, דאָס וועהרענד די דיסקוסיאָנען,
וועלכע זיינען ענטשטאנען ביי דער פערפאסונג פון דער ערקלע־
רונג פון די מענשען־רעכטע, זיינען פאָרגעבראכט געוואָרען
מאנכע אידעען פון א סאָציאלען און אויסגלייכענדען כאראק־
טער. אָבער מיר געפינען פון זיי קיין סליאד ניט אין דער ער־
קלערונג פון 1789 *). ס י ו'ס פאָרשלאג, דאָס „אויב מענשען

*) אין אַמעריקאַ האָבען די בעפעלקערונגען פון געוויסע שטאַאַ־
טען געפאָדערט דאָס רעכט פון דער גאַנצער נאַציאָן אויף דאָס גאַנצע

זיינען ניט גלייך אין מיטלען, דאָס הייסט, אין עשירות, גייסט און כח, מיינט עס נאָך ניט, אז זיי דארפען אויך בלייבען אונ־גלייך אין רעכטע", זאָגאר דיזע אידעע, אזוי געמעסיגט אין איהרע פאָרדערונגען, קען מען ניט געפינען אין דער ערקלערונג פון 1789. אָנשטאָט די אויבען־דערמאָנטע ווערטער פון ס י ה, איז דער ערשטער פאראגראף פון דער ערקלערונג פערפאסט, ווי פאָלגט: „מענשען ווערען געבאָרען און לעבען פריי און גלייך אונטער די געזעצע. סאָציאלע אויסצייכנונגען קענען נור עטא־בלירט ווערען אויף די גרינדע פון אלגעמיינער ניצליכקייט"; וואָס מיינט, אז סאָציאלע אויסצייכנונגען קענען עטאבלירט ווע־רען דורך דעם געזעץ אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט און מיט דער הילפע פון דיזער פיקציע ווערט געעפענט א טיר פאר אלערליי אונגלייכהייטען.

בסך הכל, ווען מיר לייענען היינט „די ערקלעהרונג פון די רעכטע פון מענש און בירגער", זיינען מיר געניינט צו צווייפ־לען, אויב דיזע ערקלערונג האָט ווירקליך געהאט דעם איינפלוס איבער די מחות פון די מענשען פון יענער צייט, ווי די היסטאָ־ריקער דערצעהלען עס. עס איז קלאָר, דאָס דער ערשטער פאַ־ראגראף, וועלכער שטעלט פעסט די גלייכהייט פון רעכטע פאר אלע מענשען; דער זעקסטער פאראגראף, וועלכער זאָגט, דאָס דער געזעץ זאָל זיין „דערזעלבער פאר אלע" און דאָס „אלע ביר־גער" האָבען דאָס רעכט צו קאָאָפערירען, פערזענליך אָדער דורך זייערע רעפרעזענטאנטען אין איהר פאָרמירונג; פאראגראף 10, לויט וועלכען קיינער דארף ניט פערפאָלגט ווערען צוליעב זיינע מיינונגען, אויב זייער אויסדרוק שטערט ניט די עפענטליכע אָרדנונג, עטאבלירט פון געזעץ; און ענדליך דער 12טער פאַראַ־גראף, וועלכער ערקלערט, דאָס „די עפענטליכע געוואלד איז איינגעפיהרט פאר דעם פאָרטהייל פון אלע — ניט פאר דעם

---

לאַנד. אָבער דיעזע אידעע, וועלכע איז אַזאַ געפעהרליכע פון דעם מיטעלקלאַס־שטאַנדפונקט, איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער אונאַבהענגיגקייטס־ערקלעהרונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען.

ספעציעלען געברויך פון די יעניגע, צו וועמען דיזע געוואלד איז פערטרויט" — דיזע אלע פעסטשטעלונגען, געמאכט אין דער מיטע פון א גיזעלשאפט, וואו די פעאדאלע אונטערטהעניגקייט האט נאך עקזיסטירט און וועהרענד די קעניגליכע פאמיליע האט זיך נאך געהאלטען פאר די אייגענטהימערין פון פראנקרייך, האבען געמאכט געווים א פאלשטענדיגע רעוואלוציאן אין די מענשליכע מחות.

אבער עס איז אויך זיכער, דאס די ערקלערונג פון 1789 וואלט קיינמאל ניט געהאט דעם איינפלוס, וואס זי האט געהאט שפעטער אין דעם משך פון דעם 19טען יאהרהונדערט, ווען די רעוואלוציאן וואלט שטעהן געבליבען ביי דיזער ערקלערונג פון דעם מיטעל־קלאס־ליבעראליזם. גליקליכערווייזע איז די רעוואלוציאן אוועק פיעל ווייטער. אן צוויי יאהר שפעטער, אין 1791, ווען די נאציאנאל־פערזאמלונג האט פערפאסט איהר קאנסטיטוציאן, האט זי צוגעגעבען צו דער „ערקלעהרונג" אן „איינלייטונג צו דער קאנסטיטוציאן", וועלכע האט שוין ענטהאלטען פאלגענדע ווערטער: „די נאציאנאלע פערזאמלונג... שאפט אב אונווידעררופליך די אינסטיטוציאנען, וועלכע זיינען שעדליך דער פרייהייט און דער גלייכהייט פון רעכטע". און ווייטער: „עס עקזיסטירט שוין מעהר ניט קיין אדעל, קיינע לארדען־קלאס, קיינע ירושה־טיטלען, קיינע אויסצייכנונגען פון קלאסען, קיין פעאדאלע סיסטעם, קיינע געערבטע געריכטס־טיטלען. אויך זיינען מעהר ניטא קיינע טיטלען, און קיינע פריווילעגיען, וועלכע זיינען ארויסגעקומען פון זיי; אויך קיין אדעל־קלאס אדער אירגענד אנדערע אזעלכע קארפאראציאנען, וועלכע האבען געפאדערט בעווייזע פון נאבעלקייט, אום אריינצוקומען אין זיי, אדער דעקאראציאנען פאר די אויסצייכנונג פון געבורט, און אויך קיין אנדערע איבער־גרויסקייט אחוץ יענע פון די עפענטליכע בעאמטע אין דער צייט, ווען זיי פיהרען אויס זייער פונקציאן. עס זיינען מעהר ניטא קיינע צעכען, קיינע קארפאראציאנען פון פראפעסיאנען, קינסטע און מלאכות

(דער מיטעלקלאַס־אידעאַל פון דעם שטאַאט׳ס אַלמעכטיגקייט זעהט זיך קלאָהר אין דיעזע צוויי פּאַראַגראַפען). דאָס געזעץ אַנערקענט ניט מעהר ניט קיין רעליגיעזע שבועות און אויך קיין אַנדערע פערפּפליכטונג, וועלכע זאָל זיין להיפּך צו די נאַטור־געזעצע און צו דער קאָנסטיטוציאָן.“

ווען מיר בעדענקען, דאָס דיעזע אַרויספאָדערונג איז געשליידערט געוואָרען אין דעם פנים פון אַן אייראָפּאַ, וועלכע איז נאָך געווען איינגעוויקעלט אין די פינסטערנים פון אַן אַלמעכטיגען קעניגטהום און פון פעאָדאַלע אונטערטהעניגקייט, פערשטעהען מיר, ווארום די פראַנצויזישע ערקלעהרונג פון די רעכטע פון מענשען, וועלכע ווערט אָפט פערביטען אויף „די איינלייטונג פון דער קאָנסטיטוציאָן“, וועלכע איז ערשט געקומען נאָך איהר, האָט בעגייסטערט די מענשען אין דעם משך פון די מלחמות פון דער רעפּובליק און איז שפּעטער געוואָרען דער שלאַג־וואָרט פון פּראָגרעס פון יעדער נאַציאָן אין אייראָפּאַ וועהרענד דעם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט. אָבער מען דאַרף ניט פערגעסען, דאָס עס איז ניט געווען די פערזאַמלונג און זאָגאַר ניט די מיטעלקלאַס פון 1789, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייערע ווינשע דורך „די איינלייטונג“. עס איז געווען די פאָלקס־רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיי געצוואונגען טריט ביי טריט אָנצוערקענען די רעכטע פון פאָלק און אָבצוברעכען מיט׳ן פעאָדאַליזם. וואָס דאָס האָט געקאָסט, און וויפיעל עס האָט געמוזט געאָפּפערט ווערען, אום צו דערגרייכען צו דעם, דאָס וועלען מיר באַלד זעהן.

צוואנציגסטער קאפיטעל.

# דער פינפטער און זעקסטער אָקטאָבער, 1789.

דער קעניג ענטזאַגט זיך צו סאַנקציאָנירען די ערקלעהרונג. — דער מיטעלקלאַס און דאָס פאָלק אין אָפּאָזיציאָן צום קעניגטהום. — דער איינפלוס פון פאָלק אויף די העכערע קלאַסען. — די מאַכט פון קעניג'ס וועטאָ אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. — די פערזאַמלונג ענטזאַגט דעם קעניג די מאַכט פון וועטאָ, אָבער זי בעוויליגט איהם דעם פערשיעבענדען וועטאָ. — די שוואַכקייט פון דער פערזאַמלונג. — דער מאַנגעל פון נאַהרונג אין פּאַריז. — בעשולדיגונגען געגען די קעניגליכע פאַמיליע און געגען די הויף־מענשען. — די געפאַהר פון נאַציאָנאַלען באַנקראָט. — פלענער פון דעם קעניג'ס אַנטלויפען. — דער איינפלוס פון דער געשיכטע פון טשאַרלס דעם 1טען אויף לואי דעם 16טען. — זיין מורא פאַר די רעוואָלוציאָן. — די אינטריגען ווערען פאָרט־געזעצט. — די פאָרבעריייטונגען צום מאַרש נאָך ווערסאַיל. — די פאָרזיכטס־מיטלען פון קעניג. — דער אויסברוך פון אויפ־שטאַנד'ע. — דער מאַרש נאָך ווערסאַיל. — די קעניגין דער הויפט־געגענשטאַנד פון פיינדשאַפט פון פאָלק. — דער אָריינ־קומען פון פרויען אין ווערסאַיל. — דער קעניג סאַנקציאָנירט די ערקלעהרונג פון די מענשליכע רעכטע. — לאַפאַיעט פאַנגט אָן זיין מאַרש נאָך ווערסאַיל. — דער טעראָר אין קעניגליכען הויף. — דער סוף פון דער מאָנאַרכיע אין ווערסאַיל.

---

עס פערשטעהט זיך, אז דעם קעניג און דעם הויף האָט „די ערקלעהרונג פון די רעכטע פון מענש און בירגער" אויסגע־

זעהן צו זיין א פערברעכערישער געוואלד־פערזוך אויף אלע געזעצע, מענשליכע און געטליכע. דער קעניג האט דערפאר גאנץ אפען ענטזאגט זיך צו געבען זיין הסכמה. עס איז אמת, דאס פונקט ווי די „רעזאלוציאנען“, וואס זיינען אנגענומען געווארען צווישען דעם 4טען און 11טען אויגוסט, האט אויך „די ערקלעהרונג פון די רעכטע“ פארגעשטעלט מיט זיך א פעסטשטעלונג פון פרינציפען. זי האט דארום געהאט, ווי זיי האבען זיך דאן אויסגעדריקט, א „קאנסטיטוציאנעלען כאראקטער“, און אלס אזעלכע, האט זי זיך ניט גענויטיגט אין דער קעניגליכער הסכמה. דער קעניג האט נור בעדארפט איהר פערעפענטליכען.

אבער דאס געראדע האט ער זיך ענטזאגט צו טהאן צוליעב פערשיעדענע פרעטענזיעס. דעם 5טען אקטאבער האט ער ווידער געשריעבען צו דער פערזאמלונג, ערקלעהרענדיג, דאס ער ווינשט צו זעהן, ווי די פרינציפען פון דער ערקלעהרונג וועלען אנגעווענדעט ווערען, איידער ער גיט זיי זיין הסכמה.*)

ער האט זיך געשטעלט, ווי מיר האבען געזעהן, מיט אן עהנליכער ענטזאגונג געגען די רעזאלוציאנען פון אויגוסט 4 ביז צום 11טען וועגען די אבשאפונג פון די פעאדאלע רעכטע; און עס איז זיך לייכט פארצושטעלען, וואס פאר א וואפע די נאציאנאל־פערזאמלונג האט געמאכט פון דיעזע צוויי ענטזאגונגען. וואס! די פערזאמלונג האט אבגעשאפט די פעאדאלע סיסטעם, די פערזענליכע אונטערטהעניגקייט און די אונגעלומ־

---

*) „איך פערשטעה ניט גאנץ גוט די ערקלעהרונג פון די רעכטע פון מענשען. זי ענטהאלט זעהר גוטע כללים, וועלכע זיינען זעהר פאסענד פאר די פיהרונג פון אייערע ארבייטען; אבער זי ענטהאלט מאנכע פרינציפען, וועלכע פאדערען אן ערקלעהרונג, און וועלכע קענען זאגאר פערשיעדענארטיג פערטייטשט ווערען, און וועלכע קענען דארום ניט געהעריג אבגעשאצט ווערען ביז דער צייט, ווען זייער אמת'ע בעדייטונג וועט פעסטגעשטעלט ווערען פון געזעצע, פאר וועלכע „די ערקלעהרונג“ וועט דיענען אלס דער פונדאמענט: אונטערשריעבען: לואי.

פערטע פריווילעגיען פון די פריצים! זי האט ערקלערט די גלייכ־הייט פון אלע פאר'ן געזעץ — און מיר זעהען, ווי דער קעניג, אבער מעהר פון איהם די פרינצען, די קעניגין, דער הויף, די פאלינאקס, די לאמבעלס און די אלע אנדערע, שטעלען זיך געגען דעם! ווען דא וואלט זיך געהאנדעלט נור אום אייניגע רעדען צו גונסטען פון גלייכהייט, וועמעס פערשפרייטונג איז געשטערט! אבער גיין, די גאנצע פערזאמלונג, אריינגערעכענט די אדעלליים און די בישאפען, איז געווען איינפערשטאנען צו מאכען א געזעץ צו גונסטען פון פאלק פון אבצושאפען אלע פרי־ווילעגיען (פאר'ן פאלק, וואס קימערט זיך זעהר וועניג וועגען יורידישע אויסדריקע, זיינען די „רעזאלוציאנען" געווען פונקט דאס זעלבע, ווי „געזעצע") און איצט קומט די הויף־פארטיי און שטערט דיעזע געזעצע קומען אין קראפט! דער קעניג וואלט זיי אנגענומען; ער איז געקומען נאך פאריז נאך דעם 14טען יולי, אום צו פראטערניזירען מיט'ן פאלק, אבער דאס איז נור דער הויף, די פרינצען, די קעניגין, וועלכע זיינען געגען דעם פערזוך פון דער פערזאמלונג צו דערגרייכען און צו פערזיכערען דעם גליק פון פאלק.

אין דעם גרויסען דועל צווישען קעניגטהום און דעם מיטעל־קלאס, האט דער לעצטער אויף אזא אופן געקראגען דאס פאלק אויף זיין זייט. אין דיעזען מאמענט איז די עפענטליכע מיינונג געווען ווירקליך אויפגעבראכט געגען די פרינצען, די קעניגין און די העכערע קלאסען צוליעב דער פערזאמלונג, מיט וועמעס ארבייט זי האט זיך ווירקליך אנגעהויבען צו אינטערעסירען.

צו דער זעלבער צייט האט דאס פאלק גופא אנגעהויבען בעאיינפלוסען די ארבייט פון דער פערזאמלונג אין א דעמא־קראטישער ריכטונג. ווען ניט דאס פאלק, וואלט די פערזאמלונג אפשר אנגענומען דעם פלאן פון „די צוויי הייזער", אויף דעם ענגלישען שטייגער; אבער דאס פאלק האט ניט געוואלט הערען פון דעם. די מאסען האבען פערשטאנען אינסטינקטיוו דאס, וואס געלערענטע יוריסטען האבען זייט דאן אזוי גוט ערקלעהרט — דאס אין א רעוואלוציאן איז א צווייטער „טשעמבער" אונ־

מעגליך; ער קען נור ארבייטען, ווען די רעוואָלוציאָן איז שוין אויסגעוועפּט און אַ פּעריאָרע פון רעאקציאָן פאנגט זיך אָן.

פונקט אזוי איז עס אויך געווען מעהר דאָס פאָלק, וואָס איז געווען געגען דעם קעניגליכען ווערטאָ, ווי די, וועלכע זיינען געזעסען אין דער פערזאמלונג. אויך אין דיעזען פאל האָבען די מאסען פערשטאנען די לאַגע גאַנץ קלאָהר. וואָרים, אויב אין געוועהנליכע צייטען איז די מאכט פון קעניג אַבצוהאַלטען די בעשליסע פון פארלאמענט ניט פון אזא גרויסער וויכטיגקייט, איז עס אָבער אַ גאַנץ אַנדער זאַך אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן. ניט דאָס, וואָס אין דעם לאַנגען לויף פון דער צייט ווערט די קעניגליכע מאכט וועניגער געפעהרליך; אָבער אין געוועהנליכע צייטען וועט דער פארלאמענט, וועלכער איז אימער דער אָרגאַן פון די פּריווילעגירטע, זעלטען אָננעהמען עטוואָס, געגען וואָס דער קעניג זאָל מוזען געברויכען זיין ווערטאָ אין די אינטערעסען פון די פריווילעגירטע קלאַסען; אָבער אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציאָן זיינען די בעשליסע פון אַ פארלאמענט, בעאיינפלוסט ווי זיי זיינען פון דעם גייסט פון פאָלק אין דעם מאָמענט, גאַנץ אָפט פון אַ שטארקען רעוואָלוציאָנערען כאראקטער, געניייגט צו דער אונטערברעכונג פון אַלטע פריווילעגיען, און דערפאר זיינען זיי זיכער צו געפינען אַ געגנער אין דעם קעניג. ער וועט געברויכען זיין ווערטאָ, אויב ער האָט נור דאָס רעכט און די מאכט צו טהאָן עס. און דאָס איז טאקע, וואָס עס האָט פאסירט מיט די „רעזאָלוציאָנען“ פון דער פערזאמלונג, און זאָגאר מיט דער „ערקלעהרונג פון די רעכטע“.

דערצו נאָך איז אין דער פערזאמלונג גופא געווען אַ גרויסע פארטיי, וועלכע האָט געוואונשען דעם אבסאָלוטען ווערטאָ — דאָס הייסט, זיי האָבען געוואונשען צו געבען דעם קעניג די מעגליכקייט צו קענען שטערען געזעצליך אירגענד וועלכען געזעץ, וואָס ער זאָל ווילען שטערען. און עס האָט גענומען לאַנגע דעבאטען, ביז עס איז געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס. די פערזאמלונג האָט ענטזאגט דעם קעניג דאָס רעכט פון דעם אבסאָלוטען ווערטאָ, אָבער זי האָט אָנגענומען, געגען דעם ווילען פון פאָלק,

דעם פערשיבענדען וועטא, וועלכער האָט ערלויבט דעם קעניג אָבצולעגען אַ דעקרעט פאַר אַ געוויסע צייט, אָהנע צו קענען מבטל זיין עס גאָר אין גאַנצען.

אויף די ווייטקייט פון אַ הונדערט יאָהר איז דער געשיכט־שרייבער נאַטירליך גענייגט צו אידעאַליזירען די פערזאַמלונג און צו שילדערען איהר אַלס אַ קערפּערשאַפט, וועלכע איז געווען פערטיג צו קעמפּפען פאַר די רעוואָלוציאָן. אין דער ווירקליכקייט איז זי עס ניט געווען. דער פאַקט איז, דאָס זאָגאַר אין איהרע העכסט־פּאָרטגעשריטענע רעפּרעזענטאַנטען איז די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געבליבען ווייט הינטער די פאָדערונגען פון דעם מאָמענט. זי האָט געמוזט זיין בעוואוסט פון איהר אייגענער מאַכטלאָזיגקייט. ווייט פון צו זיין עטוואָס אייניגעס, גאַנצעס, האָט זי געהאַט גאָר מעהר, ווי דריי הונדערט דעפּוטאַטען (מאַנכע שאַצען פיער הונדערט), ד. ה., מעהר ווי אַ דריטעל, וועלכע זיינען פערטיג געווען צו שליסען פריעדען מיט'ן קעניג־טהום. דערפאַר, שוין ניט רעדענדיג פון יענע מיטגליעדער, וועלכע זיינען געווען פערפּפליכטעט צו האַלטען אין אַלץ מיט'ן קעניגלי־כען הויף, און עס זיינען געווען גאָר פיעלע אַזעלכע, וויפיעל אָבער זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען מורא געהאַט פאַר די רעוואָלוציאָן פיעל מעהר, ווי פאַר די קעניגליכע מאַכט! אָבער די רעוואָלוציאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען, און עס איז געווען דאָרט דער דירעקטער דרוק פון פאָלק, און די מורא פאַר זיין צאָרן, און אויך יענע אינטעלעקטועלע אַטמאָספערע, וועלכע בעהערשט די שרעקעדיגע און צווינגט די פאָרזיכטיגע נאָכצופאָלגען די מעהר פאָרטגעשריטענע. נאָך מעהר, דאָס פאָלק איז פערבליבען ביי זיין סטראַשענדיגער שטעלונג, און די עראַינערונג אָן דע־לוייני, פולאָן און בערטיע איז נאָך געווען פריש אין זייערע קעפּ. אין די גאַסען פון פּאַריז האָט מען זאָגאַר גערעדט פון אויס־קוילענען יענע מיטגליעדער פון דער פערזאַמלונג, וועמען דאָס פאָלק האָט פערדעכטיגט צו האָבען פערבינדונגען מיט'ן הויף.

דערוויי־ל איז דער מאַנגעל אין נאַהרונג אין פּאַריז געווען נאָך אימער שוידערליך. עס איז געווען סעפּטעמבער. די תבואה

פון די פעלדער איז שוין אראבגענומען געווען, אבער ברויט האט נאך אימער געפעהלט. לאנגע רייהען פון מענער און פרויען זיינען געשטאנען יעדע נאכט פאר דעם בעקער'ס טהירען און נאך לאנגע שטונדעןווארטען זיינען די ארעמע אפט אוועק אהן ברויט. טראץ דעם איינקויף פון קארן, וואס די רעגיערונג האט געמאכט אין אויסלאנד און טראץ דעם פרעמיום צו די יעניגע, וועלכע האבען אימפארטירט ווייצען נאך פאריז, האט ברויט געפעהלט אין דער הויפטשטאדט, ווי אין אלע אנדערע גרויסע שטעדט און אין די קליינע שטעדט, נאהענט פון פאריז. די אלע אנגענומענע מיטלען געגען הונגער זיינען געווען ניט גענוגענד, און דאס, וואס איז געטהאן געווארען, איז געמאכט געווארען צו גארניט דורך שווינדעל. די אלע פערברעכענס פון דעם „אלטען רעזשים", פון דעם צענטראליזירטען שטאאט, וועלכער איז אויפגעוואקסען זייט דעם 16טען יאהרהונדערט, זיינען געווארען קלאהר פאר אלעמען אין דער פראגע פון ברויט. אין די אויבערשטע קרייזען האט דער לוקסוס דערגרייכט זיין גרענעץ; אבער די מאסע פון פאלק, געשונדען אהן רחמנות, איז געקומען צום פונקט פון ניט צו זיין פעהיג צו בעשאפען פאר זיך איהר נאהרונג אויף דעם רייכען באדען און אין דעם פראדוקטיווען קלימאט פון פראנקרייך!

אחוץ דעם, די שרעקליכסטע בעשולדיגונגען זיינען פערשפרייט געווארען געגען די פרינצען פון דער קעניגליכער פאמיליע און געגען די פערזענליכקייטען, וועלכע האבען פערנומען די העכסטע שטעלען אין הויף. זיי האבען צוריק אויפגעלעבט — האט מען גערעדט — די הונגער־פערשווערונג, און ספעקולירען אויף די פרייז־העכערונג פון די ברויט־שטאפען. און דיעזע קלאנגען, ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, זיינען ניט געווען אין גאנצען אונבעגרינדעט.

צו אלעם דעם איז נאך צוגעקומען די געפאהר פון א נאציאנאלען באנקראט. דער פראצענט אויף די שטאאט־שולדען האט געדארפט גלייך געצאהלט ווערען, די אויסגאבען זיינען געווארען אלץ גרעסער, און די קאסע איז געווען ליידיג. קיינער האט איצט

ניט געסמייעט אָנצונעהמען דעם העסליכען מיטעל, וועלכער איז געווען אזוי געוועהנליך אונטער דעם אלטען רעזשים, ארויפצור לעגען שטייערען, ווען אין דעם בויער'ס היים איז אלעס צוגענומען געוואָרען פון דעם שטייער־קאָלעקטאָר. וועהרענד די בויערען, פון זייער זייט, אין דער ערוואַרטונג פון אַ גערעכטע אויסגלייכונג פון די שטייערען, האָבען דערוויילי געהאַלטען פאַר גלייכער ניט צו צאָהלען קיין שטייערען, האָבען די רייכע, אוים האַס צו דער רעוואָלוציאָן, מיט אַ בעהאַלטענער פרייד זיך צוריקגעהאַלטען פון וואָס־עס־איז צו צאָהלען. נעקער, וועלכער איז ווידער געווען אין מיניסטעריום זייט דעם 17טען יולי, 1789, האָט פּראָבירט פערשיעדענע מיטלען, אום אויסצומיידען באַנקראָט, אָבער אָהן ערפאָלג. און ווירקליך, עס איז שווער איינצוזעהן, ווי אזוי דער באַנקראָט האָט געקענט אויסגעמיעדען ווערען אָהן דעם מיטעל פון אַ געצוואונגענער הלואה פון די רייכע אָדער אָהן די פערכאַפּונג פון דעם רייכטהום פון די גלחים. דער מיטעלקלאַס האָט עס פערשטאַנען און האָט זיך געמוזט ערקלעהרען איינפערשטאַנען מיט אזעלכע הארבע מיטלען, ווייל ער האָט דאָך פריהער געליהען געלד דעם שטאַאַט, און האָט עס ניט געוואָלט פערלירען. אָבער דער קעניג, דער הויף און די העכערע גלחים, וועלען זיי ווען־עס־איז מרוצה ווערען, אַז דער שטאַאַט זאָל פערכאַפּען פאַר זיך זייער אייגענטהום?

אַ מאָדנער געפיהל האָט געמוזט בעהערשען די מענשען אין דעם משך פון די מאָנאַטען אויגוסט און סעפּטעמבער, 1789. ענדליך זיינען די ווינשע פון אזוי פיעל יאָהרען פערווירקליכט געוואָרען. אָט איז אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועלכע האַלט אין איהרע הענד די געזעצגעבענדע מאַכט. אַ פערזאַמלונג, וועלכע האָט זיך ארויסגעשטעלט ניט אין גאַנצען פיינדליך צו אַ דעמאָקראַטישען, רעפאָרמערישען גייסט; און איצט איז זי געבראַכט צו מאַכטלאָזיגקייט און צו דעם שפּאָט, וועלכער איז דער אייביגער בעגלייטער פון מאַכטלאָזיגקייט. זי וואָלט געקאָנט אָננעהמען דעקרעטען פאַר די אויסמיידונג פון באַנקראָט, אָבער דער קעניג, דער הויף, די פּרינצען וועלען זיך ענטזאָגען צו סאַנקציאָנירען

זיי. ווי אזוי פיעל געשפּענסטער פון דער פערגאַנגענהייט, האָבען זיי געהאַט די מאַכט צו דערשטיקען די רעפּרעזענטאַציאָן פון'ם פראַנצויזישען פאָלק, צו פּאַראַליזירען זיין ווילען, צו פערלענגערען ביז אָהן אַ סוף די איצטיגע לאַגע.

נאָך מעהר: דיעזע געשפּענסטער האָבען געהאַלטען אין פאַרבערייטען אַ גרויסען ש ט א א ט - ש ט ר י י ך. אין דעם קעניג'ס הויז האָט מען געמאַכט פּלענער פאַר זיין אנטלויפען פון ווערסאַיל. דער קעניג האָט געזאָלט קירצליך אַוועקגעפיהרט ווערען נאָך ראַמבולע אָדער אָרלעאַנס, וואו ער האָט זיך בעדאַרפט שטעלען אָן דער שפּיצע פון דער אַרמעע, און פון דאָרט האָט ער עס געזאָלט סטראַשענען פּאַריז און ווערסאַיל. אָדער אַנדערש, ער האָט געזאָלט אַנטלויפען צום גרענעץ און דאָרט וואַרטען אויף דעם אָנקומען פון די דייטשע און עסטרייכישע אַרמעען, וועלכע די „עמיגראַנטען" האָבען איהם צוגעזאָגט. אַלע פּאַרטען פון איינווירקונגען זיינען אויף אַזא אופן געווען צונויפגעמישט אין פּאַלאַץ. דער איינפלוס פון דעם דיוק אָרלעאַנס, וועלכער האָט געטרוימט פון פערכאַפּען דעם טראָהן נאָך דעם אַנטלויפען פון לואי; דאַן דער איינפלוס פון „מאָנסיער", לואי'ס ברודער, וועלכער וואָלט געווען ענטציקט, ווען זיין ברודער, ווי אויך מאַריע אַנטואַנעט, וועמען ער האָט פערזענליך געהאַסט, וואָלטען פערשוואונדען.

זייט דעם מאָנאַט סעפּטעמבער האָט דער הויף געפּלאָנעוועט דאָס אַנטלויפען פון'ם קעניג. אָבער, כאָטש זיי האָבען דיסקוטירט דאָרט פיעלע פּלענער, האָבען זיי דאָך ניט געהאַט דעם מוטה אויסצופיהרען קיין איין-און-איינציגען פון זיי. עס איז זעהר וואהרשיינליך, דאָס לואי דער זעכצעהנטער און זיין פרוי האָבען געטרוימט פון ווידערהאָלען די געשיכטע פון טשאַרלז דעם ערשטען און פון פיהרען אַן אמת'ע מלחמה געגען פּאַרלאַמענט, נור מיט מעהר ערפאָלג. די געשיכטע פון דעם ענגלישען קעניג האָט זיי פער'כשופ'ט. אָבער זיי האָבען איהר געלעזען, ווי אַרעסטאַנטען, וואָס וואַרטען אויף זייער פּראָצעס, לעזען פּאָליציי-געשיכטען. זיי האָבען דערפון ניט

געצויגען די ריכטיגע לעהרע פון דער נויטווענדיגקייט נאָכצוגעבען ווען עס איז נאָך צייט; זיי האָבען נאָר געזאָגט צו זיך זעלבסט: דאָ האָבען זיי זיך בעדאַרפט שטעלען דאַגעגען; דאָרט איז געווען נויטיג צו מאַכען אַ פערשווערונג און דאָרט ווידער האָט מען געמוזט ריזיקירען! און אַזוי האָבען זיי געמאַכט פּלענער, וועלכע ניט זיי און ניט זייערע הויף־לייט האָבען געהאַט דעם מוטה דורכצופיהרען.

די רעוואָלוציאָן האָט זיי געהאַלטען, ווי פערצויבערט. זיי האָבען געזעהן דעם מאָנסטער, וואָס געהט זיי איינשלינגען, און זיי האָבען ניט געהאַט דעם מוטה ניט צו וועהרען זיך און ניט צו אונטערוואַרפען זיך. פּאַריז, וועלכע האָט שוין געהאַט געמאַכט פּאָרבערייטונגען צו מאַרשירען נאָך ווערסאַיל, האָט זיי אָנגעפילט מיט שרעק און פּאַראַליזירט זייערע אַנשטרענגונגען. „ווי, ווען די אַרמעע וועט שוואַך ווערען אין דעם העכסטען מאָמענט, ווען די מלחמה וועט זיך האָבען אָנגעפאַנגען? ווי, ווען די קאָמאַנדירען וועלען פערראַטהען דעם קעניג, ווי פיעלע פון זיי האָבען עס שוין געטהאָן? וואָס וועט דאַן איבעריג בלייבען, אויב ניט דער שיקזאַל פון טשאַרלז דעם ערשטען?“

און דאָך די פערשווערונגען זיינען אָנגעגאַנגען. ניט דער קעניג, ניט די הויפלייט, ניט די פּריווילעגירטע קלאַסען, אַלס גאַנצעס, האָבען געקאָנט בעגרייפען, אַז די צייט פאַר קאָמפּראָמיסען איז שוין צו ווייט אַוועק; דאָס איצט איז דער איינציגער וועג אָפּען זיך צו אונטערגעבען צו דער נייער מאַכט און ברענגען די קעניגליכע מאַכט אונטער איהר שוץ — ווייל די פערזאַמלונג האָט דאָך גאָר ניט פערלאַנגט מעהר, ווי צו בעווילigען איהר שוץ צום קעניג. אָנשטאָט דעם אָבער האָבען זיי אינטריגירט, און אַזוי האַנדלענדיג האָבען זיי געצוואונגען יענע מיטגליעדער פון דער פּערזאַמלונג, וועלכע זיינען געווען נאָך אַלעם, גאַנץ געמעסיגטע, צו מאַכען געגען־פערשווערונגען פון זייער זייט. זיי האָבען זיי געטריבען אין דער ריכטונג פון רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט. דאַרום האָבען מיראַבאָ און אַנדערע, וועלכע וואָלטען גערען געהאָלפען צו דער עטאַבלירונג פון אַ געמעסיג־

טער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארכיע, געמוזט זיך פעראייניגען מיט די פּאָרטגעשריטענע. און דארום האָבען אַזעלכע געמעסיגטע מענשען, ווי דיופּאָר, געגרינדעט „די קאָנפעדעראַציאָן פון די קלובס", וועלכע האָט זיי געמאַכט מעגליך צו האַלטען דאָס פּאָלק אין אַ צושטאַנד פון צוהיצטקייט, ווייל זיי האָבען געפיהלט, דאָס זיי וועלען זיך באַלד נויטיגען אין די מאַסען.

דער מאַרש נאָך ווערסייל דעם 5טען אָקטאָבער 1789 איז ניט געווען אַזוי ספּאָנטאַן, אַזוי אונערוואַרטעט, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. זאָגאַר אין אַ רעוואָלוציאָן מוז יעדע פאָלקס־בעוועגונג ווערען פאָרבערייטעט פון די מענער פון פאָלק, און אויך דיעזע איז געווען פאָרבערייטעט. שוין דעם 30טען אויגוסט האָט דער מאַרקיז סט. הוראָג, איינער פון די פּאָפּולערע אָראַטאָרס פון פּאַלאַס ראָיאַל, געוואָלט מאַרשירען נאָך ווערסייל מיט פופצעהן־הונדערט מענשען אום צו פאָדערען די ענטלאַסונג פון די „אונוויסענדע, קאָררופטע און פערדעכטיגע" דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען פערטיידיגט דעם פערשיעבענדען וועטאָ פון קעניג. דערווייל האָבען זיי געסטראַשעט אונטערצוצינדען די שלעסער פון דיזע דעפּוטאַטען, און האָבען זיי געוואָרענט, דאָס צוויי־טויזענד בריעף זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען אין די פּראָווינץ צוליעב דיעזען צוועק. דיעזע פאָלקס־פערזאַמלונג איז צוטריעבען געוואָרען, אָבער די אידעע פון צו מאַרשירען נאָך ווערסייל איז געבליבען געוואָרען, און מען האָט געהאַלטע אין איין רעדען וועגען איהר.

דעם 31טען אויגוסט האָט דער פּאַלאַס ראָיאַל געשיקט נאָך דעם האָטעל דע־וויל פינף דעפּוטאַציאָנען, און אָן דער שפּיצע פון איינער פון דיעזע איז געווען לוסטאַלאַ, דער מייסט־סימפּאַ־טישער פון די רעפּובליקאַנישע שרייבער, פאָרדערנדיג פון דער מוניציפּאַליטעט פון פּאַריז אויסצואיבען איהר דרוק אויף די פערזאַמלונג, אַז דער קעניגליכער וועטאָ זאָל ניט אָנגענומען ווערען. מאַנכע, וועלכע האָבען טהייל־גענומען אין דיעזע דעפּוטאַציאָנען, זיינען אַוועק סטראַשען די דעפּוטאַטען; אַנדערע — בעטען זיי. אין ווערסייל האָט די פערזאַמעלטע מאַסע מיט

טרערן געבעטען אויפצוגעבען די פערטהיידיגונג פון דעם אבסאָלוטען וועטאָ, גאנץ ריכטיג ערקלערענדיג, דאָס אויב דער קעניג זאָל האָבען דיעזעס רעכט, נויטיגט ער זיך דאָך שוין ניט מעהר אין דער נאציאָנאַל־פערזאמלונג. פון דיעזער צייט אָן האָט אָנגעהויבען צו פערשפרייטען זיך דער געדאנק, אז עס וואָלט געווען זעהר גוט צו האָבען די פערזאמלונג און דעם קעניג נאָהענט, אין פאריז. און ווירקליך, זייט די ערשטע טעג פון סעפטעמבער האָט מען אָפען גערעדט אין פאלאס ראָיאַל וועגען ברענגען דעם קעניג און דעם קרוינפרינץ נאָך פאריז, און צוליעב דיעזען צוועק זיינען אַלע גוטע בירגער געבעטען געוואָרען צו מארשירען נאָך ווערסייל. די „מערקיור דע פראַנס“ דערמאָנט עס דעם 5. סעפטעמבער (זייטע 84), און מיראבאָ האָט גערעדט פון פרויען, וועלכע וועלען מארשירען נאָך פאריז, מיט צוויי וואָכען פאר דער פאסירונג.

דער באַנקעט, וואָס איז געגעבען געוואָרען די גווארדיסטען דעם 3טען אָקטאָבער און די אינטריגען פון דעם קעניגליכען הויף האָבען אונטערגעהאָלפען די פאסירונגען. יעדער איינער האָט אזוי ווי געפיהלט דעם קלאַפ, וואָס די רעאַקציע נעהמט זיך פאָר צו דערלאַנגען דער רעוואָלוציאָן. די רעאַקציע האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ; דער שטאדט־ראַטה פון פאַריז, וועלכער האָט אין עצם געהערט צו דעם מיטעלקלאַס, איז געוואָרען מוטהיג אין זיינע רעאַקציאָנערע טהאַטען. די ראָיאַליסטען האָבען אָרגאַנירט זייערע קרעפטען, ניט נעהמענדיג זיך קיין בעזאָנדערע מיה צו בעהאַלטען דעם פאַקט. דער וועג פון פאריז נאָך מעטץ איז געווען בעדעקט מיט סאָלדאַטען, דאָס אוועקפיהרען פון דעם קעניג נאָך מעטץ איז דיסוקטירט געוואָרען עפענטליך. דער מארקיז דע בואיל, וואָס האָט געהאַט די קאָמאַנדאָ איבער דער אַרמיי אין דער איסט, אזוי גוט, ווי ברעטיעיל און דע־מערסי, זיינען געווען אין דער פערשווערונג, פון וועלכע ברעטיעיל האָט געהאַט די פיהרערשאַפט. צוליעב דעם האָט דער הויף צוזאמענגענומען אזוי פיעל געלד, ווי נור מעגליך, און דער 5טער אָקטאָבער איז עס געווען די מעגליכע דאַטע פון דעם קעניג׳ס

אנטלויפען. דער קעניג האָט עם יענעם טאָג געזאָלט געבראַכט ווערען נאָך מעטץ און איבערגעגעבען ווערען צו דער אַרמיי, קאָמאַנדירט פון דעם מאַרקיז בוּאיל. דאָרט האָט ער געזאָלט רופען צו זיך דעם אַדעל און די אַרמיי, וועלכע ער האָט נאָך געהאַלטען פאַר געטריי און ערקלערען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אַלס רעבעליש.

מיט דיעזען צוועק אין אויג האָבען זיי פערדאָפּעלט אין פּאַלאַץ די צאָהל פון דער לייב־גוואַרדיע (יונגע מיטגליעדער פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָבען געהאַט די אויפגאַבע צו בעוואַכען דעם פּאַלאַץ), און דער רעגימענט פון פלאַנדערס האָט געדאַרפט גערופען ווערען נאָך ווערסייל, אַזוי אויך די דראַגונען. דער רעגימענט איז געקומען, און דעם ערשטען אָקטאָבער איז אַ גרויסער באַנקעט געגעבען געוואָרען צו דעם רעגימענט פון פלאַנדערס, און די אָפיציערען פון די דראַגונער און פון די שווייצאַרישע אין דער גאַרניזאָן פון ווערסייל זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו דיעזען באַנקעט.

וועהרענד דעם מאָהלצייט האָט די קעניגין און איהרע הויף־דאַמען, ווי אויך דער קעניג, געטהאָן אַלעס מעגליכע אום אַרוים־צורופען דעם ראָיאַליסטישען ענטהוזיאַזמוס ביז צו דער העכסטער מדרגה. די דאַמען אַליין האָבען פערטהיילט ווייסע קאָקאַרדען, און די נאַציאָנאַלע קאָקאַרדע איז געטרעטען געוואָרען מיט די פיס. צוויי טעג שפּעטער, דעם 3טען אָקטאָבער, האָט שטאַט־געפונען וויעדער אַמאָל אַזאַ באַנקעט.

דיעזע באַנקעטען האָבען עס געמאַכט, אַז די פּאַסירונג זאָל קומען פריהער ווי מען האָט גערעכענט. פּאַריז האָט זיך באַלד דערוואוסט וועגען זיי, און וואַהרשיינליך אויך אין אַן איבער־טריעבענער פאָרמע, און דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט פערשטאַנען, דאָס אויב עס וועט ניט מאַרשירען נאָך ווערסייל, וועט ווערסייל באַלד מאַרשירען נאָך פּאַריז. דער הויף האָט אויגענשיינליך געמאַכט זיך פערטיג צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער רעוואָלו־ציאָן. איינמאָל וועט דער קעניג, פערלאָזענדיג ווערסייל, זיין אין מיטען דער אַרמיי, וועט קיין זאַך ניט זיין לייכטער, ווי

אויפצולייזען די פערזאמלונג, אָדער צווינגען איהר צוריקצוקערען זיך צו די דריי שטענדע, ד. ה., צו דער לאַגע פאר דער קעניגליכער זיצונג פון יוני דעם 23טען. אין דער פערזאמלונג גופא איז געווען א שטארקע פארטיי פון וועלכע פיער־הונדערט מיטגליעדער, די פיהרער פון וועלכער האָבען שוין אָבגעמאכט מיט מאלועט אריבערצופיהרען די פערזאמלונג נאָך טור, ווייט פון דעם רעוואָלוציאָנערען פאָלק פון פאריז. אויב דיעזע פערשווערונג וואָלט געווען אַן ערפאָלג, דאַן וואָלטען פערניכטעט געוואָרען אַלע ביז איצט דערגרייכטע רעזולטאטען — די פרוכט פון דעם 14טען יולי וואָלט פערלאָרען געגאנגען, עס וואָלטען אויך געגאנגען פערלוירען די רעזולטאטען פון דעם בויערען־אויפשטאנד און פון דער פאניק פון דעם 4טען אויגוסט.

וואָס האָט מען געזאָלט טהאָן, אום ניט צו דערלאָזען צו אַזא אונגליק? דאָס פאָלק האָט געמוזט אויפגעשטורעמט ווערען. ווענינער ווי דאָס וואָלט ניט געווען גענוג! און אין דעם ליגט די גרויסקייט פון די פראָמינענטע רעוואָלוציאָנערען פון יענעם מאָמענט. זיי האָבען פערשטאַנען די נויטווענדיגקייט פון א פאָלקס־אויפשטאנד אין יענעם מאָמענט, און האָבען זיך דערפון ניט אָבגעשראָקען, כאָטש געוועהנליך טרעטען צוריק די מיטעלקלאס־מענשען פון אַזא רעוואָלוציאָנערע האנדלונג. אויפטרייסלען דאָס פאָלק — די פינסטערע, עלענדע מאסען פון דעם פאריזער פאָלק — דאָס איז עס, וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען אונטערנומען זיך צו טהאָן דעם 4טען אָקטאָבער. דאנטאָן, מאראט און לוסטאלאָ, וועמעס נעמען מיר האָבען שוין דערמאָנט, זיינען געווען די פייערדיגסטע אין דיעזער אונטערנעהמונג. א הייפעלע פערשווערער קען ניט פיהרען א מלחמה געגען אַן ארמעע. די רעאקציע קען ניט בעזיעגט ווערען דורך א בינטעל מענשען, ווי ענטשלאָסען זיי מעגען זיין. געגען אַן ארמעע מוז זיך שטעלען אַן ארמעע; און ווען קיין ארמעע איז ניטאָ, מוז ארויסקומען דאָס פאָלק, דאָס גאנצע פאָלק, די הונדערטע טויזענדע מענער, פרויען און קינדער. זיי אליין נור קענען זיין זיעג־

דייך; זיי אליין נור האבען בעזיעגט די ארמעען, דעמאראליזי־רענדיג זיי, פאראליזירענדיג זייער ברוטאלע געוואלד.

דעם 5טען אקטאבער איז דער אויפשטאנד אויסגעבראכען מיט דעם געשריי: „ברויט! ברויט!“ דער קלאפ פון א פויק, געשלאגען פון א יונגע מיידעל, האט געמאכט פיעלע פרויען צונויפקומען. באלד האט זיך געבילדעט אן ארמעע פון פרויען. זי האט מארשירט נאך דעם האטעל־דע־וויל, האט אויפגעבראכען די טהירען פון דער קאמונאלער האל, פאדערענדיג ברויט און וואפען, און אזוי ווי שוין עטליכע טעג ווי מען האט גערעדט פון א מארש נאך ווערסאיל, האט דער געשריי „נאך ווערסאיל!“ צוגעצויגען צו זיך מאסען פון פרויען. מאיללארד, וועלכער איז געוועזען בעקאנט אין פאריז זייט דעם 14טען יולי צוליעב זיין אנטהייל וואס ער האט גענומען אין דער בעלאגערונג פון דער באסטיל, איז ערקלעהרט געווארען אלס פיהרער, און די פרויען האבען אנגעהויבען זייער מארש נאך ווערסאיל.

א טויזענד פערשיעדענע געדאנקען האבען זיך אודאי געדרעהט אין זייערע מחות, אבער דער געדאנק פון ברויט האט געמוזט הערשען איבער אלע אנדערע. עס איז געוועזען אין ווערסייל, וואו מען האט געשפונען די אלערליי פערשווערונגען געגען דאס גליק פון פאלק. עס איז געוועזען דארט, וואו די הונגער־פערשווערונג איז געמאכט געווארען; דארט, וואו עס איז ניט דערלאזען געווארען די אבשאפונג פון די פעאדאלע רעכטע — אזוי האבען די פרויען מארשירט נאך ווערסייל. עס איז גאנץ מעגליך, דאס צווישען דער מאסע איז דער קעניג, ווי אלע קעניגע, פעררעכענט געוועזען אלס א גאנץ גוטער מענש, וועלכער האט געוואונשען דעם וואוילזיין פון זיין פאלק. דער קעניגליכער פרעסטיזש איז נאך דאן געוועזען טיעף איינגעווארצעלט אין די מענשליכע מחות. אבער זאגאר שוין אין 1789 האבען זיי געהאסט די קעניגין. די ווערטער, וואס זיינען ארויסגערעדט געווארען וועגען איהר, זיינען געוועזען שוידערליכע. „וואו איז יענע פערדאמטע פרוי? קוקט נור אן דיזע שמוציגע הור! מיר מוזען כאפען דיעזע צויג, און איהר איבערשניידען דעם האלז!“

האָבען די פרויען געזאָגט. אויך אין דעם האָט דאָס פאָלק געאורטהיילט גאַנץ ריכטיג. אויב דער קעניג, דערוויסענדיג זיך פון דער מפלה פון דער קעניגליכער זיצונג פון דעם 23טען יוני, האָט זיך אויסגעדריקט: „נאָך אַלעם, מעגען דאָרט דיעזע אונ־גליקליכע בלייבען", איז מאַריע אַנטאַנעט פערוואונדעט געוואָרען ביז אין הארצען דורך דעם. זי האָט אויפגענומען מיט דער גרעסטער פעראַכטונג דעם „פלעבעאישען" קעניג, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין בעזוך אין פאַריז, דעם 17טען יולי, טראָגענדיג די דריי־קאָלירדיגע קאָקאַרדע, און זייט דאַן איז זי געוואָרען דער מיטעלפונקט פון אַלערליי אינטריגען. די קאָרעס־פּאָנדענץ, וועלכע זי האָט שפּעטער אָנגעפיהרט מיט דעם גראַף פערזען, וועגען ברענגען פרעמדע אַרמייען נאָך פאַריז, האָט זיך אָנגעפאַנגען פון יענעם מאָמענט. זאָגאַר דיעזע נאַכט פון דעם 5טען אָקטאָבער, ווען די פרויען האָבען זיך אַריינגעריסען אין פּאַלאַץ — דיעזעלבע נאַכט, דערצעהלט די העכסט־רעאַקציאָנערע מאַדאַם קאַמפּאַן, האָט די קעניגין אויפגענומען גראַף פערזען אין איהר שלאָפצימער.

דאָס פאָלק האָט דאָס אַלעס געוואוסט, טהיילווייז דורך די דיענערשאַפט אין פּאַלאַץ, און די מאַסע, דער קאָלעקטיווער געדאַנק פון דעם פאָלק פון פאַריז, האָט פערשטאַנען דאָס, וואָס איינצעלנע איז געוועזען גאַנץ שווער צו בעגרייפען — דאָס מאַריע אַנטאָאַנעט וועט געהן ווייט אין איהר האַס צו דער רעוואָלוציאָן, און דאָס אום צו צושטערען אַלערליי הויף־אינטריגען, איז עס נויטיג, דאָס דער קעניג און זיין פאַמיליע און אויך די פערזאַמ־לונג זאָלען געהאַלטען ווערען אין פאַריז, אונטער די אויגען פון פאָלק.

צוערשט, אַריינקומענדיג אין ווערסייל, האָבען די פרויען, צודריקט פון הונגער און מידיגקייט, דורכגענעצט פון רעגען, זיך צופריעדענגעשטעלט מיט דער פאָדערונג פון ברויט. ווען זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין די פערזאַמלונג, זיינען זיי אַנידער־געזונקען פערמאַטערטע אויף די ביינק פון די דעפּוטאַטען; און דאָך שוין מיט זייער אַנוועזענהייט אַליין האָבען די פרויען

געוואונען דעם ערשטען זיעג. די פערזאמלונג האָט פּראָפּיטירט פון דיעזען מארש נאָך ווערסייל און האָט געקראָגען פון קעניג זיין הסכמה צו דער „ערקלערונג פון מענשענרעכטע“.

נאָך די פרויען האָבען אויך מענער אויפגענומען זייער מארש נאָך ווערסייל, און דאַן ארום א זייגער זיעבען אין אָוועגד, אום צו פערהיטען פון אירגענד אַן אונגליק אין פּאַלאַץ, איז לאַפאַיעט, אַן דער שפּיצע פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, אוועק נאָך ווערסייל.

א שרעק האָט ארומגעכאַפּט דעם קעניגליכען הויף: „איז עס גאַנץ פּאַריז וואָס מארשירט געגען פּאַלאַץ?“ דער הויף האָט געהאַלטען א ראַטה, אָבער ער איז ניט געקומען צו קיין בעשלוס. קאָטשען זיינען שוין בעשטעלט געוואָרען, אום אוועק־צושיקען דעם קעניג און זיין פאַמיליע, אָבער א פּיקעט פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט זיי ענטדעקט, און זיי זיינען צוריק־געשיקט געוואָרען אין די שטאַלען.

דאָס אָנקומען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע פון דעם מיטעל־קלאַס, די אָנשטרענגונגען פון לאַפאַיעט, און מעהר פון אַלץ, אפשר, א גוס רעגען האָבען געמאַכט די מאַסען, וואָס האָבען אָנגעפילט די גאַסען פון ווערסייל, די פערזאַמלונג און די אַלעען צום פּאַלאַץ, ווערען עטוואָס קלענער. אָבער ארום פינף אָדער זעקס אין דער פריה האָבען מאַנכע מענער און פרויען ענדליך געפונען א קליינעם טויער, וואָס האָט געמאַכט מעגליך פאַר זיי אריינצודרינגען אין פּאַלאַץ. אין אייניגע סעקונדען האָבען זיי אויסגעפונען דעם שלאָפצימער פון דער קעניגין, וועלכע האָט קוים צייט געהאַט צו אַנטלויפען אין די צימער פון קעניג. ווען ניט דאָס, וואָלט זי געווים צוהאַקט געוואָרען אין שטיקער. די לייב־גוואַרדיע איז געווען אין עהנליכער געפאַהר, ווען לאַפאַיעט קומט גראָדע ניט אָן פּונקט אין צייט, אום צו רעטען זיי.

דאָס אריינברעכען זיך פון דער מאַסע אין פּאַלאַץ **איז** געווען איינע פון יענע מפּלות פון קעניגטהום, פון וועלכער ער איז קיינמאָל ניט גענעזען געוואָרען. לאַפאַיעט האָט ארויס־געקראָגען פון דער מאַסע אירגענד וועלכע הורראַ־געשרייען פאַר'ן

קעניג, ווען ער איז ערשיענען אויפ'ן באַלקאָן. ער האָט געמאַכט זאָגאַר די מאַסע צו שרייען הורראה אויף די קעניגין, ווען זי איז ערשיענען אויפ'ן באַלקאָן מיט איהר זוהן, מיט דעם, וואָס ער האָט מיט גרויס אַכטונג געקושט איהר האַנד, אָבער דאָס אַלעס איז געווען בלויז אַ שטיקעל טהעאַטער־שפּיעל. דאָס פאָלק האָט בעגריפען זיין כח, און עס האָט איהם בענוצט, אום צו צווינגען דעם קעניג ארויסצופאָהרען אין פּאַריז. די מיטעלקלאַסען האָבען דאַן גענומען זיך די מיה צו מאַכען אַלערליי דעמאָנסטראַציאָנען ביי דעם אריינקומען פון קעניג אין זיין הויפּט־שטאָדט, אָבער דאָס פאָלק האָט פערשטאַנען, אַז דער קעניג פון איצט אָן און ווייטער איז זיין געפאַנגענער, און לואי דער זעכצעהנטער, אריינ־קומענדיג אין די טוליערען, וואָס איז געווען פערלאָזען זייט לואי דעם פופצעהנטען, האָט גאַנץ גוט געוואוסט די בעדייטונג דערפון. „זאָל יעדער זיך איינאָרדנען, ווי ער וויל,‟ האָט ער געענטפערט, ווען מען האָט ביי איהם געבעטען אויסצוטהיילען זיינע בעפעהלע, און ער האָט געבעטען מען זאָל איהם ברענגען פון זיין ביבליאָ־טהעק די געשיכטע פון טשאַרלז דעם ערשטען.

די גרויסע מאָנאַרכיע פון ווערסייל איז געקומען צו אַ סוף. אין דער צוקונפט וועלען זיין „בירגער־קעניגע‟ אָדער אימפּעראַ־טאָרס, וועלכע וועלען צוקומען צום טהראָן דורך שווינדעל, אָבער די הערשאַפט פון „קעניגע דורך די גנאָדע פון גאָט‟ איז געענדיגט.

ווידער אַמאָל, ווי דעם 14טען יולי, האָט דאָס פאָלק מיט זיין סאָלידאַריטעט און מיט זיין האַנדלונג פּאַראַליזירט די האַנדלונג פון הויף און דערלאַנגט אַ שווערען קלאַפּ דעם אַלטען רעזשים. די רעוואָלוציאָן האָט געמאַכט אַ שפּרונג פאָרווערטס.

א י י ן ־ א ו ן ־ צ ו ו א נ צ י ג ס ט ע ר  ק א פ י ט ע ל.

# די נייע מוניציפאַלע אָרגאַניזאַציאָנען.

אַז אונערוואַרטעטע רעאַקציע פאַנגט זיך אָן. — די בעגייסטערונג פון די רעוואָלוציאָנערען. — זייער מיספערשטעהן פון דער לאַגע. — רעאַקציע און רעוואָלוציע. — די ציעלען פון דעם מיטעל־קלאַס. — די פערזאַמלונג, און איהר מורא פאַר'ן פאָלק, פער־שטאַרקט איהר פּאָזיציע. — דער ראַטה פון די דריי הונדערט שטעלט פעסט זיין אויטאָריטעט. — די וויכטיגקייט פון באילי און לאַפּאַיעט. — קריעגס־געזעץ אָבגעשטימט. — מאַראַט, ראָבעספּיער און ביזאָ די איינציגע, וועלכע פּראָטעסטירען. — די אינטריגען פון דיוק דע אָרלעאַנס און גראַף דע פּראָווענס. — מיראַבאָ. — די ציעלען פון דעם ענטוויקעלטען מיטעלקלאַס. — דיופּאָרט, טשאַרלז דע לאַמעטה און באַרנאַוואַ. — באַילי און לאַפּאַיעט. — דער שרעק פון מיטעלקלאַס פאַר'ן אויפ־שטאַנד. — דער פאָרשלאַג פון ס י ו אַנגענומען. — אַלטע פעאָדאַלע צוטהיילונגען אָבגעשאַפט. — פראַנקרייך צוטהיילט אין דעפּאַרטמענטס. — די וואַהל־פערזאַמלונגען. — דער אונ־טערשיעד צווישען אַקטיווע און פּאַסיווע בירגער. — אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון דאָרף־געמיינדען פערבאָטען. — די וויכטיג־קייט פאַר דער רעוואָלוציאָן פון מוניציפּאַלע צענטערס. — די פּאַרלאַמענטען אָבגעשאַפט. — שטאַרקע אָפּאָזיציאָן געגען די נייע אָרגאַניזאַציע.

---

און ווידער אַמאָל וואָלט איינער געמעגט דענקען, אַז איצט וועט זיך די רעוואָלוציאָן פריי ענטוויקלען. די קעניגליכע רעאַק־ציע איז בעזיעגט געוואָרען. „מאָנסיער און מאַד. וועטאָ“ האָבען

נאָכגעגעבען, און זיינען געהאַלטען געוואָרען אַלס געפאַנגענע אין פאַריז, און די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג וועט דאָך איצט געוויס געברויכען איהר האַק אין דעם וואַלד פון מיסברויכונגען, וועט ארונטערהאַקען דעם פעאָדאַליזם און וועט אָנווענדען די גרויסע פרינציפּען, וועלכע זי האָט פּראָקלאַמירט אין דער „ערקלערונג פון די מענשענרעכטע“, נור דאַס לעזען פון וועלכער האָט געמאַכט די מענשליכע הערצער קלאַפּען.

דאָס אַלעס האָט אָבער ניט פּאַסירט. געגען אַלע ערוואַר־טונגען איז עס געווען די רעאַקציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען דעם 5טען אָקטאָבער. זי האָט אָרגאַניזירט איהרע קרעפטען און איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער ביז יוני 1792.

נאָך דעם, ווי דאָס פאָלק האָט אויסגעפיהרט זיין אויפגאַבע, איז עס זיך צוקראָכען אין זיינע לעבער. די מיטעלקלאַסע האָט איהם צושפּרייט און געמאַכט איהם פערלאָזען די גאַסען. און ווען ניט דער בויערען־אויפשטאַנד, וועלכער איז אָנגעגאַנגען ביז די פעאָדאַלע רעכטע זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען אין יולי 1793, און וועזן ניט די צאָהלרייכע אויפשטענדע אין די פּראָווינציעלע שטעדט, וועלכע האָבען ניט דערלאָזען די מיטעלקלאַס־רעגיערונג זיך פעסט איינצושטעלען, וואָלט די ענדליכע רעאַקציע, וועלכע האָט טריאומפירט אין 1794, שוין טריאומפירט אין 1791 און אפשר אין 1790.

„דער קעניג איז אין לואוור, די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין די טוליערען, די קאַנאַלען פון צירקולאַציאָן זיינען געריינינגט, דער מאַרק איז פול מיט זעק פון קאָרן, די נאַציאָנאַלע קאַסע איז פול, די מילען ארבייטען, די פערדרעטהער אַנטלויפען, די ארי־סטאָקראַטיע איז גוסס,“ אזוי האָט קאַמיל דע מולען געשריעבען אין דעם ערשטען נומער פון זיין זשורנאַל (נאָוועמבער 28), אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט די רעאַקציע איבעראַל אויפ־געהויבען איהר קאָפּ. ווערענד די רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען בעגייסטערט, מיינענדיג, אז די רעוואָלוציאָן איז שוין כמעט אויסגעפיהרט, האָבען די רעאַקציאָנערען געוואוסט, דאָס דער אמת׳ער קאַמפּף צווישען דער פערגאַנגענהייט און דער

צוקונפט דארף זיך ערשט אָנהויבען אין יעדער פראָווינץ־שטאדט, גרויסער און קליינער, און אין יעדען דאָרף; דאָס איצט איז די צייט פאַר זיי צו האנדלען, אום צו בעקומען די אויבערהאנד אין דער רעוואָלוציאָן.

די רעאַקציאָנערען האָבען נאָך עטוואָס פערשטאַנען. זיי האָבען געזעהען, דאָס דער מיטעלקלאַס, וועלכער האָט ביז איצט געזוכט די שטיצע פון פאָלק, אום צו קריגען קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצע און צו בעהערשען דעם אדעל, איז איצט, אז זיי האָבען געזעהען דעם כח פון פאָלק, געהען זיי טהון אַלעס מעגליכע צו בעהערשען דאָס פאָלק, צוצונעהמען פון איהם די וואפען, און צו טרייבען איהם צוריק אונטער'ן יאָך פון אונטערטהעניגקייט.

דיעזע מורא פאַר'ן פאָלק האָט זיך געפיהלט אין דער נאציאָנאַל־פערזאמלונג, באַלד נאָך דעם 5טען אָקטאָבער. מעהר ווי צוויי־הונדערט דעפּוטאטען האָבען זיך ענטזאגט צו געהען נאָך פאַריז און האָבען געפאָדערט פאַספאָרטען אום זיך צוריקצו־קעהרען אהיים. מען האָט זיי ענטזאגט, און מען האָט זיי בעהאנדעלט אַלס פעררעטהער, אבער אַ געוויסע צאָהל פון זיי האָבען דאָך אריינגעשיקט זייערע רעזיגנאציאָנען: זיי האָבען ניט געדענקט פון צו געהן אזוי ווייט! עס איז אויך דאן פאָר־געקומען אַ גאנצע רייהע פון אויסוואנדערונגען, ווי נאָך דעם 14טען יולי. אָבער דיזעס מאָל איז עס ניט געוועזען דער קעניג־ליכער הויף, וועלכער האָט געגעבען דעם סיגנאַל, נור די פערזאמלונג.

ווי עס איז, אין דער פערזאמלונג איז געוועזען אַ שטארקע פּארטיי פון מיטעלקלאַס־פּאָרשטעהער, וועלכע האָבען געוואוסט, ווי אויסצונוצען דעם ערשטען מאָמענט פון ערפאָלג — פעסטצו־שטעלען די מאכט פון זייער אייגענעם קלאַס אויף אַ סאָלידען פונדאמענט. פאָלגליך, זאָגאר נאָך איידער זי האָט זיך איבער־געצויגען נאָך פאַריז, האָט די פערזאמלונג אָבגעשטימט אָקטאָבער דעם 19טען די פעראנטוואָרטליכקייט פון די מיניסטאָרען, ווי אויך פון די אדמיניסטראציאָנס־בעאמטע, צו דער נאציאָנאַלער רעפּרעזענטאציאָן, און די ארויפלעגונג פון אַלע שטייערען דורך

די פערזאַמלונג. דיעזע צוויי ערשטע בעדינגונגען פון א קאָנסטיטוציאָנעלער רעגיערונג זיינען אויף אזא אופן עטאַבלירט געוואָרען. דער טיטעל פון דעם „קעניג פון פראַנקרייך“ איז אויך געענדערט געוואָרען אויף דעם „קעניג פון די פראַנצויזען“.

ווערענד די פערזאַמלונג האָט אויף אזא אופן אויסגענוצט די בעוועגונג פון דעם 5טען אָקטאָבער, אום זיך צו עטאַבלירען אלס די העכסטע מאַכט, האָט די מיטעלקלאַס־מוניציפּאַליטעט פון פּאַריז, ד. ה., דער ראַטה פון די דריי־הונדערט, וועלכער האָט זיך עטאַבלירט נאָך דעם 14טען יולי, זיך אויך בענוצט מיט די פּאַסירונגען, אום פעסטצושטעלען זיין אויטאָריטעט. זעכציג דירעקטאָרען, אויסערוועהלט פון צווישען די דריי־הונדערט, און צוטהיילט צווישען אכט דעפּאַרטמענטס — נאַהרונג, פּאָליציי, עפענטליכע ארבייט, האָספּיטאַלען, ערציהונג, לאַנד און איינקונפט, שטייערען און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע — האָבען בעשלאָסען איבערצונעהמען אלע דיעזע וויכטיגע צווייגען פון אדמיניסטראַציאָן, און אזוי ארום ווערען א גרויסע מאַכט, בעזאָנדערס, אז די מוניציפּאַליטעט האָט געהאַט אונטער איהר בעפעהל א נאַציאָנאַל־גוואַרדיע פון זעכציג־טויזענד מענער, בעשטעהענד אין גאַנצען פון בירגער, וואָס זיינען געווען גוט אָב.

באַיִלי, דער מעיאָר פון פּאַריז און לאַפאַיעט, דער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, זיינען געוואָרען וויכטיגע פערזענליכקייטען. וואָס אנבעטרעפט די מוניציפּאַלע פּאָליצייטהעטיגקייט, האָט דער מיטעלקלאַס גענומען אויף זיך דאָס רעכט אויפצופּאַסען אויף אלץ: פערזאַמלונגען, צייטונגען, דאָס פערקויפען פון ליטעראַטור אין די גאַסען, אדווערטייזמענט־פּלאַקאַרדען און אזוי ווייטער, אום אויף אזא אופן צו קענען אונטערדריקען אלעס, וואָס זאָל זיין פיינדליך צו זייערע אינטערעסען.

און ענדליך איז דער ראַטה פון די דריי־הונדערט, בענוצענדיג זיך מיט דער ערמאָרדונג פון א בעקער דעם 21טען אָקטאָבער, אוועק צו דער פערזאַמלונג און פערלאַנגט א קריעגס־צושטאַנד־געזעץ, וועלכער איז גלייך בעוויליגט געוואָרען. פון

דאן אָן איז געווען גענוג פאַר אַ שטאָדט־בעאַמטען צו פונאַנדער־וויקלען דעם רויטען פלעג, אום צו פּראָקלאַמירען דעם קריעגס־צושטאַנד. נאָך דעם האָט יעדע פערזאַמעלטע מאַסע זיך געמוזט פונאַנדערגעהען, און די סאָלדאַטען, ווען דער בעאַמטער האָט עס פערלאַנגט, האָבען געמעגט שיסען אין פאָלק, אויב ער איז זיך ניט צוגאַנגען נאָך דעם, ווי ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרען דריי מאָל צו טהון עס. אויב דאָס פאָלק האָט זיך צושפּרייט פריעדליך אָהן געגענוועהר, פאַר דער לעצטער אויפפאָרדערונג, זיינען די פיהרער אַרעסטירט געוואָרען אין געפענגניס אויף דריי יאהר — אויב די מאַסע איז געווען אונבעוואַפּענט; טאָמער יאָ, איז דער אורטהייל געווען טוידט. אין פאַל די גאַנצע מאַסע האָט געברויכט געוואַלט, דאַן האָט געקומט דער טוידט אַלעמען, וועלכע האָבען זיך בעטהייליגט אין די רייאָטס. עס האָט אויך געקומט דער טוידט אירגענד אַ סאָלדאַט אָדער אָפיציער פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכער זאָל פעראורזאַכען אירגענד־וועלכע רוהע־שטערונג.

אַ מאָרד אַלזאָ, אויסגעפיהרט אין גאַס, איז געווען אַ גענוגענדער גרונד פאַר די פערפאַסונג פון דיעזען געזעץ, און, ווי לואי בלאַנק האָט זעהר ריכטיג בעמערקט, אין דער גאַנצער פּרעסע איז געווען בלויז איין שטימע, די פון מאַראַט, וועלכע האָט פּראָטעסטירט געגען דיעזען גרויזאַמען געזעץ, אום צו זאָגען, דאָס אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן, ווען די נאַציאָן האָט נאָך צו צוברעכען איהרע קייטען אום צו קעמפּפען ביז צום ביטערען סוף געגען איהרע שונאים, האָט דער קריעגס־צושטאַנד קיין רעכט ניט צו עקזיסטירען. אין דער פערזאַמלונג זיינען ראָבעספּיער און ביזאָ געווען די איינציגע צו פּראָטעסטירען, און דאָס אויך ניט אויף דעם פונקט פון פּרינציפּ. עס איז ניט געווען ראַטהזאַם, האָבען זיי געזאָגט, צו פּראָקלאַמירען קריעגס־צושטאַנד, איידער מען האָט עטאַבלירט אַ געריכט, וואָס זאָל קענען משפּט'ען די פערברעכער פאַר אַ זינד געגען די נאַציאָן.

בענוצענדיג זיך מיט דער אָבקיהלונג פון דעם פאָלק'ס היציגקייט, וועלכע האָט נויטווענדיגערווייזע געפאָלגט נאָך דעם

5טען און 6טען אָקטאָבער, האָט דער מיטלעקלאַס אָנגעפאַנגען אין דער פערזאַמלונג, ווי אין דער מוניציפּאַליטעט, צו אָרגאַני־זירען זיין נייע מאַכט — ניט, נאַטירליך, אָהן צוזאַמענשטויסונ־גען צווישען די פּערזענליכע אַמביציאָנען, וועלכע האָבען זיך אָנגעקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע.

דער קעניגליכער הויף פון זיין זייט האָט ניט געזעהן קיין אורזאַכע, ווארום ער זאָל אָבשטעהן פון דיעזער רעאַקציאָן. ער האָט אויך געקעמפפט און קאָנספּירירט און האָט זיך בענוצט מיט די גויטבעדירפטיגע און אַמביציעזע, אַזעלכע ווי מיראַבאָ, אריינשרייבענדיג זיי אין זיינע דיענסטע.

דער דיוק פון אָרלעאַנס, ווערענדיג קאָמפּראָמעטירט אין דער בעוועגונג פון דעם 5טען אָקטאָבער, וועלכע ער האָט אין געהיים אונטערשטיצט, איז אין אונגנאַדע פערשיקט געוואָרען פון הויף, אַלס אַמבאַסאַדאָר נאָך ענגלאַנד; אָבער דאָן איז עס געווען „מאָנסיער“, דעם קעניג׳ס ברודער, וועלכער האָט אָנגעהויבען אינטריגירען אוועקצושיקען דעם קעניג, „די קלאָץ“, ווי ער האָט געשריעבען צו אַ פריינד. ווי באַלד דער קעניג זאָל פערשווינדען, קען אָרלעאַנס זיין אַ קאַנדידאַט אויף דעם טהראָן. מיראַבאָ, שטענדיג אין נויט, און וועלכער זייט דעם 23טען יוני האָט געקראָגען אַ שטאַרקע מאַכט איבער די פערזאַמלונג, האָט אינטריגירט פון זיין זייט אריינצוקומען אין דעם מיניסטעריום. ווען זיינע אינטריגען זיינען צושטערט געוואָרען פון דער פער־זאַמלונג, וועלכע האָט אָבגעשטימט, אַז קיינער פון איהרע מיט־גליעדער זאָל ניט אָנגעהמען קיין שטעלע אין מינסטעריום, האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין די אָרעמס פון דעם גראַף פון פּראָווענס, אין דער האָפנונג צו קריגען די מאַכט דורך זיין הילפע. ענדליך האָט ער זיך פערקויפט צום קעניג און האָט פון איהם אָנגענומען אַ פּענסיע פון פופציג־טויזענד פראַנק אַ מאָנאַט פאַר פיער מאָנאַטען און דעם פערשפּרעכען פון אַ געזאַנדטשאַפט. דערפאַר האָט זיך מיראַבאָ פערפּליכטעט „צו העלפען דעם קעניג מיט זיין וויסען, מיט זיין מאַכט, מיט זיין גרויסער בערעדזאַמקייט, אין אַלץ, וואָס מאָנסיער וועט האַלטען

פאר ניצליך פאר'ן שטאאט און פאר די אינטערעסען פון קעניג."
דאס אלעס אבער איז ערשט בעקאנט געווארען שפעטער, אין 1792, נאכדעם, ווי די טוליערען איז איינגענומען געווארען, און דערוויל האט מיראבא געהאלטען ביז זיין טוידט, דעם 2טען אפריל 1791, זיין רעפוטאציאן אלס פערטהיידיגער פון פאלק.

די געשיכט־שרייבער וועלען קיינמאל ניט פערנאנדער־פלאנטערען דעם געוועב פון אינטריגען, וואס איז דאן געוועבט געווארען ארום דעם לואוור און אין די פאלאצען פון די פרינצען, ווי אויך ארום די קעניגליכע פאלאצען אין לאנדאן, וויען און מאדריד און אין די פערשיעדענע דייטשע שטאאטען. גאר א גאנצע וועלט האט זיך געקאכט וועגען דעם קעניגטהום, וואס האט געהאלטען אין גוסס'ען. און זאגאר אין דער פערזאמלונג גופא וויפיעל אמביציאנען האבען עס געקעמפפט, אום צו פער־כאפען די מאכט! אבער נאך אלעס זיינען דאס נור פאסירונגען פון א גאנץ קליינער ווערדע. זיי העלפען נור צו פערשטעהען געוויסע פאקטען, אבער זיי האבען גארניט געקענט ענדערען אין דעם פארווערטס־מארש פון די פאסירונגען, וועלכע זיינען געווען בעשטימט פון דער סאמע לאגיק פון דער לאגע און פון די כוחות, וואס האבען צווישען זיך געקעמפפט.

די פערזאמלונג האט רעפרעזענטירט די געבילדעטע מיטעל־קלאסען אויף זייער וועג צו בעזיעגען און צו ארגאניזירען די מאכט, וואס האט געהאלטען ביים ארויספאלען פון די הענד פון קעניג, פון די גלחים און פון די גרויסע אדעללייט, און זי האט געהאט אין איהר מיטע אן אנצאהל מענשען, וואס האבען מארשירט גלייך צו דיעזען צוועק מיט שכל און מיט א געוויסער חוצפה, וועלכע איז געווארען גרעסער מיט יעדען נייעם זיעג פון פאלק איבער דעם אלטען רעזשים. אין דער פערזאמלונג איז געווען א „טריאומוויראט", וועלכער איז בעשטאנען פון דיופארט, טשארלז דע לאמעטה, און בארנאווא און אין פאריז זיינען עס געווען דער מעיאר באילי און דער קאמאנדיר פון דער נאציאנאלער גווארדיע, לאפאיעט, צו וועמען אלעמענס אויגען זיינען עס געווען צוגעווענדעט. אבער די אמת'ע מאכט פון דער

בעוועגונג איז געווען רעפּרעזענטירט דורך די קאָמפּאַקטע עלעמענטען פון דער פערזאַמלונג, וועלכע האָבען פּערפאַסט די געזעצע, וואָס האָבען געזאָלט גרינדען די רעגיערונג פון די מיטעל־קלאַסען.

דאָס איז געווען די טהעטיגקייט, וועלכע די פערזאַמלונג האָט אויפגענומען מיט גרויס חשק, אזוי שנעל, ווי זי איז איינ־סטאַלירט געוואָרען אין פּאריז, און האָט געקענט אָנגעהן אין איהר ארבייט מיט א געוויסע מאָס פון רוהיגקייט.

דיעזע ארבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען, ווי מיר האָבען עס געזעהען, אין דעמזעלבען טאָג, נאָכדעם, ווי די באַסטיל איז געשטירצט געוואָרען. די מיטעלקלאַסען האָבען זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, ווען זיי האָבען געזעהען דאָס פּאָלק בעוואַפנען זיך מיט פּיקעס אין איינינגע טעג, פערברענענדיג די ראָגאַטקעס, פערנעהמענדיג די ברויט־שטאָפּען, וואו זיי האָבען נור געפונען זיי, און ארויסווייזענדיג די גאַנצע צייט א גרויסע שנאה צו די רייכע מיטעלקלאַסען. זיי האָבען דארום אויף שנעל זיך זעלבסט בעוואַפענט, אָרגאַניזירט זייער נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, אום אוועקצושטעלען די „ביווער־היט" געגען די „וואָלענע היטלען" און די פּיקען, אזוי, אז די פּאָלקס־־אויפשטענדע זאָלען קענען געהאַלטען ווערען אונטער א קאָנטראָל. און נאָך דעם אויפ־שטאַנד פון דעם פינפטען אָקטאָבער האָבען זיי דורכגעפיהרט דעם געזעץ וועגען רייאָטס, וועגען וועלכען מיר האָבען פריהער דערצעהלט.

צו דערזעלבער צייט האָבען זיי זיך צוגעאיילט צו מאַכען אזעלכע געזעצע, אז די פּאָליטישע מאַכט, וואָס האָט זיך ארויס־געגליטשט פון די הענד פון קעניג, זאָל ניט אריינפאַלען אין די הענד פון פּאָלק. אזוי, אַכט טעג נאָך דעם 14טען יולי, האָט ס ע י, דער בעריהמטער אדוואָקאַט פונ'ם דריטען שטאַנד, שוין פאָרגעשלאָגען דער פערזאַמלונג צו צוטהיילען די פראַנצויזען אין צוויי קלאַסען, פון וועלכע נור איינע, די אַקטיווע בירגער, זאָלען אנטהייל נעהמען אין דער רעגיערונג, וועהרענד די אנדערע, וועלכע זיינען די גרויסע מאַסען פון פּאָלק,

אונטער דעם נאמען פון *פאסיווע* בירגער, זאלען ניט האבען קיינע פאליטישע רעכטע. פינף וואכען שפעטער האט די פערזאמלונג אנגענומען דיעזע צוטהיילונג, אלס דעם באזיס פון דער קאנסטיטוציאן, און אויף אזא אופן איז די ערקלערונג פון די מענשענרעכטע פאר אלע בירגער אפען פערגוואלטיגט געווארען אזוי שנעל, ווי זי איז פראקלאמירט געווארען.

איצט, אויפנעהמענדיג די ארבייט פון דער פאליטישער ארגאניזאציאן פון פראנקרייך, האט די פערזאמלונג אבגעשאפט די אלטע פעאדאלע צוטהיילונגען אין פראווינצען, פון וועלכע יעדע איינע האט געהאט געוויסע פריווילעגיען פאר דעם אדעל אין די *פארלאמענטען*. זי האט צוטהיילט פראנקרייך אין דעפארטמענטס, און האט אבגעשאפט די אלטע פארלאמענטען, דאס הייסט, די אלטע טריבונאלען, וועלכע האבען אויך געהאט געוויסע געריכטליכע פריווילעגיען און איז אנגעגאנגען מיט דער ארגאניזירונג פון א גאנץ נייער און אוניפארמירטער אדמיניסטראציאן, אימער־צו היטענדיג דעם פרינציפ פון אויס־שליסען די ארימערע קלאסען פון דער רעגיערונג.

די נאציאנאל־פערזאמלונג, וועלכע איז אויסערוועהלט געווארען אונטער דעם אלטען רעזשים, אונטער א סיסטעם פון וואהלען אין צוויי גראדען, איז דאך געוועזן דער רעזולטאט פון א כמעט אלגעמיינער אבשטימונג, דאס הייסט, אז די ערשטע פערזאמלונגען, וועלכע זיינען צוזאמענגערופען געווארען אין יעדער וואהל־אבטהיילונג, זיינען בעשטאנען פון כמעט אלע בירגער פון דעם פלאץ. דיעזע ערשטע פערזאמלונגען האבען נאמינירט די וואהל־מענער, וועלכע האבען געבילדעט אין יעדער אבטהיילונג איין וואהל־מענער־פערזאמלונג, און דיעזע וויעדער האט אויסערוועהלט איהר פארשטעהער צו דער נאציאנאל־פערזאמלונג. עס איז נויטיג צו בעמערקען, דאס נאך דער וואהל זיינען דיעזע וואהל־מענער פערזאמלונגען נאך אימער פארט־געזעצט געווארען, קריגענדיג בריעף פון זייערע דעפוטאטען און אויפפאסענדיג אויף זייערע וואוטס.

האבענדיג איצט דערגרייכט די מאכט, האבען די מיטעל־

קלאַסען געטהאָן צוויי זאַכען: זיי האָבען אויסגעברייטעט די רעכטע פון די וואהל־מענער־פערזאַמלונגען, פערטרויענדיג זיי מיט דער אויסוואַהל פון די לאָקאַלע בעראַטהונגס־פערזאַמלונגען, (די דירעקטאָרען פון יעדען דעפּאַרטמענט) פון די ריכטער און אַנדערע לאָקאַלע בעאַמטע. זיי האָבען זיי געגעבען אויף אַזאַ אופן אַ גרויסע מאַכט. אבער צו דערזעלבער צייט האָבען זיי אויסגעשלאָסען פון די ערשטע פערזאַמלונגען די מאַסע פון פאָלק, פון וועמען זיי האָבען אויף אַזאַ אופן געראויבט אַלע פּאָליטישע רעכטע. זיי האָבען צו זיי צוגעלאָזען נור די אַקטיווע בירגער, דאָס הייסט יענע, וועלכע האָבען געצאָהלט אין דירעקטע שטייערען וועניגסטענס די ווערטה פון דריי טעג ארבייט *). די אַנדערע זיינען געוואָרען פּאַסיווע בירגער, וועלכע האָבען שוין מעהר ניט געקענט אַן אַנטהייל נעהמען אין די פערזאַמלונגען און האָבען דערפאַר שוין ניט געקענט נאָמי־נירען די וואהל־מענער, אָדער די מוניציפּאַליטעט אָדער אירגענד וועלכע פון די לאָקאַלע אויטאָריטעטען. אַ חוץ דעם, האָבען זיי שוין מעהר ניט געקענט זיין אַ טהייל פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע **).

נאָך מעהר, אום צו זיין בערעכטיגט אַלס אַ וואהל־מאַן, איז עס געוועזן נויטיג צו צאָהלען אין דירעקטע שטייערען די ווערדע פון צעהן טעג ארבייט, וואָס דאָס האָט געמאַכט דיעזע

---

*) יעדע געמיינדע האָט בעשטימט דעם ווערטה אין געלד פון אַ טאָג אַרבייט, און אַלס באַזיס איז אָנגענומען געוואָרען דער פּרייז פון דעם אַרבייטס־טאָג פון אַ טאַגע־לוינער.

**) דער מוניציפּאַלער געזעץ פון דעם 14טען דעצעמבער 1789 האָט ניט נור אויסגעשלאָסען די פּאַסיווע בירגער פון אַלע וואַהלען פון די מוניציפּאַלע בעאַמטע (פּאַראַגראַפען 5, 6, א. ז. וו.), נור ער האָט אויך פערבאָטען די וואַהל־מענער־פערזאַמלונגען צונויפ־צוקומען לויט זייערע פאַכען, פּראָפעסיאָנען אָדער צעכען. זיי האָבען זיך נור געקענט צונויפקומען לויט זייערע קוואַרטאַלען, לויט זייערע דיסטריקטען.

פערזאמלונגען דורך־און־דורך מיטעלקלאסיש. שפעטער־צו, אין 1791, ווען די רעאקציאָן איז מוטהיגער געוואָרען, דורך די אויס־שלאכטונג אויף דעם שאמפ־דע־מארס, האָט די פערזאמלונג צוגעלעגט נאָך א בעגרענצונג: די וואהל־מענער מוזען בעזיצען לאנד־אייגענטהום. און אום צו ווערען נאָמינירט אלס פאָר־שטעהער פון פאָלק אין די נאציאָנאל־פערזאמלונג איז עס געווען נויטיג צו צאָהלען אין דירעקטע שטייערען דעם ווערטה פון א מארק פון זילבער (אכט אונצעס), דאָס הייסט, פופציג ליווערס (דער ליווער האָט געהאט דעם ווערטה פון ארום איין פראנק).

און ענדליך, די שטענדיגקייט פון דיעזע וואהל־מענער־פערזאמלונגען איז פערבאָטען געוואָרען. איינמאָל זיינען די וואהלען פאָראיבער, האָבען דיעזע פערזאמלונגען ניט געטאָרט מעהר צוזאמענקומען. איינמאָל זיינען די מיטעלקלאס־הערשער בעשטימט געוואָרען, טאָרען זיי ניט קאָנטראָלירט ווערען צו שטערענג. באלד איז זאָגאר אוועקגענומען געוואָרען דאָס רעכט פון צו פעטיציאָנירען און פון צו פערפאסען רעזאָלוציאָנען — „שטים און האלט מויל!“

וואָס די דערפער אנבעטרעפט, האָבען זיי געהאט, ווי מיר האָבען געזעהען, אונטער דעם אלטען רעזשים, אין כמעט גאנץ פראנקרייך, ביז צו דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די איינוואוינער, ווי דאָס איז געווען דער „מיר“ אין רוסלאנד. צו דיעזער אלגעמיינער פערזאמלונג האָט געהערט די אדמיניסטראציאָן פון די געשעפטען פון דער געמיינדע, ווי, למשל, די איבערטהיילונג פון לאנד און דער געברויך פון דעם קאָמונאלען לאנד — קולטיווירטע פעלדער, לאָנקעס און וועלדער און אויך די פאשע־לאנד. אָבער איצט זיינען דיעזע אלגעמיינע פערזאמלונגען געווען פערבאָטען דורך דעם מוניציפאל־געזעץ פון דעצעמבער 22—24, 1789. פון דאַן אָן האָבען נור די פערמעגליכע בויערען, די אקטיווע בירגער, געהאט דאָס רעכט צוזאמענצוקומען איין מאָל א יאהר, צו נאָמינירען דעם מעיאָר און די מוניציפאליטעט, וואָס האָט זיך

צוזאַמענגעשטעלט פון דריי אָדער פיער מיטעלקלאַס־מענשען פון דאָרף.

אַן ענגליכע מוניציפּאַלע אָרגאַניזאַציאָן איז געגעבען געוואָרען פאַר די שטעדט, וואו די אַקטיווע בירגער זיינען זיך צונויפגעקומען, אום צו נאָמינרען דעם אַלגעמיינעם שטאָדט־ראַטה, דאָס הייסט, די געזעצגעבענדע מאַכט אין די שטאָדטישע ענינים און די עקזעקוטיווע מאַכט, וועלכע איז פערטרויט געוואָרען מיט דער אַדמיניסטראַציאָן פון דער געמיינדעס פּאָליציי און מיט דער קאָמאַנדע פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע.

אויף אַזאַ אופן איז די בעוועגונג, וועלכע האָט שטאַט־געפונען אין די שטעדט אין יולי 1789, און וועלכע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס די שטעדט האָבען זיך געגעבען אויף אַ רעוואָלוציאָנערען וועג אַן ערוועהלטע שטאָדט־פערוואַלטונג, און גראַדע אין אַ צייט, ווען די געזעצע פון דעם אַלטען רעזשים זיינען געוועזען אין זייער פולער קראַפט און האָבען בשום אופן ניט מסכים געווען צו אַזאַ אַרט פיהרונג — איז אָט דיעזע בעוועגונג געוואָרען אַנערקענט דורך דעם מוניציפּאַל־געזעץ פון דעם 22טען דעצעמבער 1789. און אויך דורך דעם, ווי מיר וועלען נאָך זעהען, איז פאַר דער רעוואָלוציאָן בעשאַפען געוואָרען גאָר אַ נייע גרויסע מאַכט: דרייסיג־טויזענד מיטעלפונקטען זיינען געשאַפען געוואָרען, וועלכע זיינען אין טויזענדע זאַכען געווען גאַנץ אונאַבהענגיג פון דער צענטראַל־רעגיערונג, און וועלכע האָבען זיך אַרויס־געוויזען אַלס פעהיג צו רעוואָלוציאָנערער טהעטיגקייט אַזוי שנעל, ווי די רעוואָלוציאָנערען איז עס נור געלונגען צו קריגען די מאַכט.

עס איז אמת, דאָס די מיטעלקלאַסען האָבען זיך גוט פערזאָרגט, אַז די שטאָדט־מאַכט זאָל בלייבען אין די הענד פון די רייכע מיטגליעדער פון דער געמיינדע, און די מוניציפּאַליטעטען זעלבסט זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער די אויפזיכט פון די קערפערשאַפטען פון דעם דעפּאַרטמענט, וועלכע זייענדיג אויס־ערוועהלט פון וואַהל־מענער אין דעם צווייטען גראַד, האָבען מיט זיך רעפּרעזענטירט דעם רייכערען טהייל פון די מיטעל־

קלאסען און זיי זיינען געווען די שטיצע און די רעכטע האנד פון די געגען־רעוואָלוציאָנערען אין דער צייט פון דער רעוואָלו־ציאָן. פון דער אנדערער זייט, די מוניציפּאַליטעט גופא, וועלכע איז געווען אויסערוועהלט נור פון די אַקטיווע מיטגליעדער, האָט אויך רעפּרעזענטירט די מיטעלקלאַסען מעהר ווי די מאַסען פון פאָלק, און אין שטעדט ווי ליאָן, און נאָך אנדערע, איז זי געוואָרען דער צענטער פון דער רעאַקציאָן. אָבער טראָץ דעם אַלעם, זיינען די מוניציפּאַליטעטען דאָך געבליבען אונאבהענגיג פון דער קעניגליכער מאַכט און עס מוז אנערקענט ווערען, דאָס דער מוניציפּאַלער געזעץ פון 1789 האָט בייגעטראָגען צו דעם ערפאָלג פון דער רעוואָלוציאָן מעהר, ווי אירגענד אַנאנדער געזעץ. וועהרענד דעם אויפשטאַנד געגען די פעאָדאַלע פּריצים אין אויגוסט 1789, זיינען פיעלע מוניציפּאַליטעטען געווען פיינדליך צו די רעוואָלטירענדע בויערען, און מיר האָבען געזעהן ווי אזוי די מוניציפּאַליטעטען פון דעם ד אָ פ י ן האָבען געקעמפּפט געגען די בויערען און אויפגעהאַנגען די רעבעלען אָהן רחמנות. אבער וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרען די רעוואָלוציאָן, דאָס אַלץ אַ גרעסערע מאַכט האָט דאָס פאָלק געקראָגען אין די מוניציפּאַליטעטען, און אין 1793, 1794 זיינען די מוניציפּאַלי־טעטען אין אייניגע טהיילען פון פראַנקרייך געוואָרען די אמת'ע מיטעלפּונקטען פון טהעטיגקייט פאַר די פאָלקס־רעוואָלוציאָ־נערען.

נאָך איין וויכטיגער שריט איז געמאַכט געוואָרען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וואָס זי האָט אָבגעשאַפט די אַלטע געריכטס־אינסטיטוציאָנען — די פּאַרלאַמענטען, און האָט איינ־געפיהרט ריכטער, אויסערוועהלט פון פאָלק. אין די אויסער־שטאָדטישע דיסטריקטען האָט יעדער קאַנטאָן, בעשטעהענדיג פון פינף אָדער זעקס דערפער, בעשטימט דורך זיינע אַקטיווע בירגער זיינע אייגענע ריכטער; און אין די גרויסע שטעדט איז דיעזעס רעכט געגעבען געוואָרען צו די וואַהל־מענער־פערזאַמלונגען. די אַלטע פּאַרלאַמענטען האָבען, נאַטירליך, געשטרעבט אויפצוהאַלטען זייערע אַלטע רעכטע. אין דער סויט,

אין טולוז, למשל, האָבען אַכטציג מיטגליעדער פון די פּאַרלאַמענטען, אונטערשטיצט פון 89 פיינע בעלי־בתים, זאָגאַר אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג, אום צוריקצוגעבען דעם מאָנאַרך זיין געזעצליכע אויטאָריטעט און „פּרייהייט“, און צו דער רעליגיאָן „איהר ניצליכען איינפלוס“. אין פּאַריז, רועֶן און מעטץ און אין ברעטאַן האָבען די פּאַרלאַמענטען זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפען דער אַלעס־גלייכמאַכענדער מאַכט פון דער פערזאַמלונג, און זיי האָבען זיך געשטעלט אַן דער שפּיצע פון קאָנספּיראַציעס צו גונסטען פון דעם אַלטען רעזשים.

אָבער זיי האָבען ניט געפונען קיין אונטערשטיצונג צווישען פאָלק, און זיי זיינען געווען געצוואונגען זיך צו אונטערוואַרפען צו דעם דעקרעט פון דעם 3טען נאָוועמבער 1789, דורך וועלכען זיי זיינען געשיקט געוואָרען אין זייער רוה, ביז אַ נייע אָרדנונג וועט געשאַפען ווערען. די פערזוכען צו שטעלען זיך אַנטקעגען האָבען בלויז געפיהרט צו אַ נייעם דעקרעט דעם 11טען יאַנואַר 1790, אין וועלכען עס איז ערקלערט געוואָרען, אַז דאָס געגענשטעלען זיך פון די ריכטער פון רועֶן מאַכט זיי פּאַר „אונפּאַסענד צו ערפילען אירגענד וועלכע טהעטיגקייט פון דעם אַקטיווען בירגער, ביז, האָבענדיג אַריינגעשיקט זייער ביטע צו דער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט, זיי וועלען האָבען געשוואָרען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן, ווי זי איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, און ווי זי איז אָנגענומען געוואָרען פון קעניג.“

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, ווי מען קען זעהן, איז געווען ענטשלאָסען צו מאַכען רעספּעקטירען איהרע ענטשיידונגען וועגען דער נייער אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַניזאַציאָן פאַר פראַנקרייך. אָבער דיעזע נייע אָרגאַניזאַציאָן האָט געפונען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָן פון דער זייט פון די גלחים, פון דעם אַדעל און פון די העכערע מיטעלקלאַסען, און עס האָט גענומען יאָהרען פון אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געגרייכט פיעל ווייטער, ווי די מיטעלקלאַסען האָבען עס בדעה געהאַט, אום אַרונטערצוברעכען די אַלטע אָרגאַניזאַציאָן פאַר די איינפיהרונג פון די נייע.

## צוויי־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

# פינאַנציעלע שוויעריגקייטען.

די נויטווענדיגקייט פון צו פערמיידען באַנקראָט. — די פערזאַמלונג בעשליסט צו קאָנפיסקירען דעם קירכען־אייגענטהום. — דער ווערטה פון דער קירכען־איינקונפט. — די אונגלייכע פערטהיילונג. — די פאָרשלעגע פון בישאָפ פון אָטון. — דער שרעק פון די רייכע גייסטליכע. — די שמחה פון דעם מיטעלקלאַס. — די עקספּראָפּריאַציאָן אָבגעשטימט. — די אונטערדריקונג פון די מאָנאַרכישע אָרדערס. — דאָס פּאַפּיער־געלד. — די אַדמיניסטראַציאָן פון דעם קירכען־אייגענטהום. — די גייסטליכע פון דאַן אָן טוידט־שונאים פון דער רעוואָלוציאָן. — די אָרגאַניזאַציאָנען פון דער פראַנצויזישער קירכע. — די ווירקונגען פון דער נייער אָרגאַניזאַציאָן. — די גרינדונגס־פערזאַמלונג אַרבייט בעצם פאַר די מיטעלקלאַסען. — די נויטווענדיגקייט פאַר'ן „ווינד פון גאָס“.

---

די גרעסטע שוויעריגקייט פאַר די רעוואָלוציאָן איז געווען די, וואָס זי האָט געמוזט זיך דורכמאַכען אַ וועג אונטער די סאַמע שרעקליכע עקאָנאָמישע אומשטענדען. דער שטאַאַט־באַנקראָט איז נאָך אימער געהאַנגען סטראַשענדיג איבער די קעפּ פון די יעניגע, וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען צו רעגיערען איבער פראַנקרייך; און ווען דיזער באַנקראָט וואָלט ווירקליך געקומען, וואָלט ער מיט זיך געבראַכט דעם אויפשטאַנד פון דער גאַנצער העבערער מיטעלקלאַס געגען די רעוואָלוציאָן. אויב דער געלד־מאַנגעל איז געווען איינע פון די אורזאַכען,

וועלכע האָבען געצוואונגען דעם קעניגטהום צו מאַכען די ערשטע קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונגען און האָט געגעבען דער מיטעל־קלאַס דעם קוראַזש צו פאָרדערען איהר טהייל אין דער רעגיערונג, איז דער זעלבער געלד־מאַנגעל געלעגען ווי אַ נאַכט־כמאַרע דורך די גאַנצע צייט פון דער רעוואָלוציאָן אויף די יעניגע, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען די מאַכטהאַבער און די בעלי בתים אין פראַנקרייך.

עס איז אמת, דאָס אַזוי ווי די שטאַאַטס־הלוואות זיינען צו יענער צייט ניט געווען קיין אינטערנאַציאָנאַלע, האָט פראַנקרייך קיין מורא ניט געהאַט, אַז פרעמדע נאַציאָנען זאָלען זיך אָראָבלאָזען אויף איהר אין דער געשטאַלט פון קרעדיטאָרען, פערכאַפּען איהרע פּראָווינצען, ווי דאָס וואָלט געטהאָן געוואָרען איצט, ווען אַ שטאַאַט אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן וואָלט זיך ארויסגעוויעזען אַלס באַנקראָט. אָבער דאָן זיינען געווען די היימישע געלד־לייהער און ווען פראַנקרייך וואָלט אויפגעהערט צו צאָהלען איהרע חובות, וואָלט עס געמיינט דער באַנקראָט פון פיעלע מיטעלקלאַס־פערמעגענס, און דאָס וואָלט געמיינט, אַז די רעוואָלוציאָן וואָלט געהאַט געגען זיך די גאַנצע מיטעלקלאַס, סיי די העכערע און סיי די ניעדריגערע, אין דער ווירקליכקייט יעדען איינעם, אַ חוץ די ארבייטער און די אָרימסטע פון די בויערען. דערפאַר האָבען עס די גרינדונגס־פערזאַמלונג, די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג, די קאָנווענשאַן, און שפּעטער דער דירעקטאָריום, געמוזט מאַכען די שטאַרקסטע אָנשטרענגונגען אין אַ משך פון פיעלע יאָהרען, אום צו פערמיידען דעם באַנקראָט פון שטאַאַט.

דער מיטעל, וואָס די פערזאַמלונג האָט אויסגעפונען ביים ענדע פון 1789 געגען דעם באַנקראָט איז געווען די פערכאַפּונג פון דעם אייגענטהום פון דער קירכע, לאָזען עס פערקויפען און אַלס בעלוינונג צו צאָהלען די גייסטליכע בעשטימטע געהאַלטען. די קירכען־איינקינפטע זיינען געשאַצט געוואָרען אין 1789 ביז אַ הונדערט־און־צוואַנציג מיליאָן ליווערס, אַלס מעשר, ביז אַכטציג־מיליאָן איינקינפטע דורך אַנדערע אייגענטהימער (הייזער

און לאַנד, דער ווערטה פון וועלכע איז געשאַצט געוואָרען אַלס צוואַנציג מעהר, ווי צוויי־טויזענד מיליאָן), און ביז אַ דרייסיג־מיליאָן אָדער אין דעם ערך פון דער סובסידיע, וואָס די קירכע האָט געקראָגען פון שטאַאט יעדען יאהר. אַ סך הכל, לאָמיר זאָגען, פון אַרום צוויי־הונדערט־און־דרייסיג מיליאָן אַ יאהר. דיעזע איינקינפטע זיינען פערטהיילט געוואָרען אויף אַ זעהר אונגערעכטען אופן צווישען די גייסטליכע. די בישאָפען האָבען געלעבט אין גרעסטען לוקסוס, און האָבען קאָנקורירט אין זייערע פערשווענדונגען מיט די לאָרדען און פּרינצען, און די פּריסטער פון די שטעדט און דערפער האָבען געלעבט אין גרויסער אָרימקייט פון דער „פּאַסענדער פּאָרציע" וואָס איז זיי אָנגעקומען. עס איז דאַרום פּאָרגעשלאָגען געוואָרען פון טאַללעראַנד, דעם בישאָף פון אַטון, נאָך דעם 10טען אָקטאָבער, צו נעהמען בעזיץ פון דעם גאַנצען קירכען־אייגענטהום אין דעם נאָמען פון שטאַאט, צו פערקויפען עס און צו בעלוינען די גייסטליכע געניגענד, דאָס הייסט, צו געבען יעדען פּריעסטער 1200 ליווערס יעהרליך צוזאַמען מיט אַ וואוינונג, און מיט דאָס איבער־געבליעבענע צו דעקען אַ טהייל פון דעם עפענטליכען חוב, וועלכער איז אַרויפגעשטיעגען ביז צו פופציג מיליאָן אין לעבענס־אינטערעסען און ביז צו 60 מיליאָן אין אייביגע רענט. דיעזער מיטעל האָט עס געמאַכט פּאַר מעגליך אויסצופילען דעם דעפי־ציט, אָבצושאַפען דעם רעשטעל פון דעם זאַלץ־שטייער און מאַכען אַ סוף צום פערקויף פון רעגיערונגס־שטעלען, וועלכע דער שטאַאט פלעגט פערקויפען צו אַ קאָנטראַקטאָר.

דיעזער פּלאַן האָט, נאַטירליך, ניט פערפעהלט אַרויסצו־רופען אַ גרויסען געוואַלט־געשריי פון דער זייט פון די לאַנד־אייגענטהימער. „איהר פיהרט אונז צו אַן אַגראַר־געזעץ!" האָבען זיי געשריען צו דער פערזאַמלונג. „יעדעס מאָל, ווי איהר געהט צום סאַמע קוואַל פון אייגענטהום, איז די נאַציאָן מיט אייך!" וואָס דאָס האָט געמיינט די אַנערקענונג, דאָס דער פונדאַמענט פון יעדען לאַנד־אייגענטהום איז אונגערעכטיגקייט, שווינדעל אָדער גנבה.

אָבער די מיטעלקלאַסען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין לאַנד, זיינען געווען גאַנץ ענטציקט פון דיעזען פּלאַן. דער באַנקראָט ווערט דורך דעם פערמיעדען און די בורזשואַזיע וועט קענען פערשאַפען זיך נייעם אייגענטהום. אָבער אַזוי ווי דער וואָרט „עקספּראָפּריאַציאָן" האָט געשראָקען די פרומע נשמות פון די לאַנד־אייגענטהימער, זיינען געפונען געוואָרען מיטלען דאָס אויסצומיידען. מען האָט געזאָגט, אַז דער קירכען־אייגענטהום איז איבערגעגאַנגען אין דעם רשות פון דער נאַציאָן, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו פערקויפען עס אין דעם ווערטה פון פיער־הונדערט מיליאָן. דער 2טער נאָוועמבער, 1789, איז עס געווען דער געדענקווירדיגער טאָג, ווען דיעזע גרויסע עקספּראָפּריאַציע איז אָבגעשטימט געוואָרען אין דער פערזאַמלונג פון פינף־הונדערט־און־אַכט־און־זעכציג שטימען געגען דריי־הונדערט־און־זעקס־און־פערציג. דריי־הונדערט־און־זעקס־און־פערציג זיינען געווען דאַגעגען. און דיעזע געגנער זיינען פון דאַן אָן געוואָרען די ביטערע פיינד פון דער רעוואָלוציאָן, אימער אַגיטירענדיג, אום צו טהון דעם מעגליכסטען שאַדען צו דעם קאָנסטיטוציאָנעלען רעזשים און נאָכהער צו דער רעפּובליק.

אבער די מיטעלקלאַס, וועלכע איז פון איין זייט געווען אַ גוטער שילער פון די ענציקלאָפּעדיסטען און, פון דער אַנדערער זייט געווען פערפאָלגט פון דער מורא פון אַן אונפערמיידליכען באַנקראָט, האָט זיך ניט געלאָזט אָבשרעקען. ווען די גרויסע מאַיאָריטעט פון די גייסטליכע און בעזאָנדערס פון די מאָנאַכישע אָרדערס האָבען אָנגעהויבען צו אינטריגירען געגען די עקספּראָפּריאַציאָן פון דעם קירכען־אייגענטהום, האָט די פערזאַמלונג אָבגעשטימט, דעם 12טען פעברואַר 1790, די אונטערדריקונג פון די אייביגע שבועות אין די מאָנאַכישע אָרדערס פון ביידע געשלעכטער. נור זי האָט צו יענער צייט ניט געהאַט דעם מוטה אָנצוריהרען די רעליגיעזע קערפּערשאַפטען, וועלכע זיינען געווען אָנפערטרויט מיט דער עפענטליכער ערציהונג און מיט דער אויפּפּאַסונג פון קראַנקע. דיעזע זיינען ניט געווען אָבגעשאַפט

ביז דעם 18טען אויגוסט 1792, ווען עס איז איינגענומען געוואָרען די טוליערען.

מיר קענען פערשטעהן, וואָס פאר א האַס דיעזע דעקרעטען האָבען ארויסגערופען אין די הערצער פון די גייסטליכע, ווי אויך פון יענע — אין די פּראָווינצען זיינען געווען גראדע זעהר פיעל פון זיי — איבער וועלכע די גייסטליכע האָבען געהאַט אַן איינפלוס. דאָך האָבען די גייסטליכע און די רעליגיעזע אָרדערס געזעכענט צו בלייבען לכל הפחות ביי דער א ד מ י נ י ס ט ר א צ י אָ ן פון זייער גרויסען אייגענטהום, וואָס דאָס וואָלט געווען בעטראַכט אין אזא פאַל בלויז אלס גאראַנטיע פאר די שטאאטס־אנלייהען, און דערפאר האָבען זיי אין אָנפאַנג ניט ארויסגעוויזען זייער גאַנצע פיינדשאַפט. אָבער דיעזע לאַגע האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. די שטאאטס־קאַסע איז געווען לעדיג, קיין שטייערען זיינען ניט אריינגעקומען; אַן הלואה פון דרייסיג־מיליאָן, אָבגעשטימט דעם 9טען אויגוסט 1789, איז ניט געווען קיין ערפאָלג; א צווייטע פון אכטציג־מיליאָן, אָבגעשטימט דעם 27טען פון דעמזעלבען מאָנאַט, האָט נאָך פיעל וועניגער אריינגעבראַכט. ענדליך איז אָבגעשטימט געוואָרען דעם 26טען סעפּטעמבער, נאָך איינער פון מיראַבאָ'ס בעריהמטע רעדען, אַן עקסטרא שטייער פון א פערטעל פון דער איינקונפט. נור דיעזער שטייער איז באַלד פערשלונגען געוואָרען אין דעם אָבגרונד פון פּראָצענט פון די אַלטע הלואות, און דאַן איז געקומען דער געדאַנק פון א געצוואונגענעם פּאַפּיער־געלד, דער ווערטה פון וועלכען זאָל גאראַנטירט ווערען דורך דעם נאַציאָנאַל־אייגענטהום, וואָס ווערט צוגענומען פון די גייסטליכע, און וועלכעס זאָל אויסגעלייזט ווערען לויט דעם געלד, וואָס וועט אריינקומען פון פערקויף.

איינער קען זיך פאָרשטעלען די ריעזען־ספּעקולאַציאָנען, וועלכע זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך דיעזע מיטלען פון דעם פערקויף פון נאַציאָנאַלען אייגענטהום אויף אזא גרויסען מאַסשטאַב. איינער קען זיך לייכט משער זיין וואָס פאר עלעמענטען זיי האָבען אריינגעבראַכט אין די רעוואָלוציאָן. און

דאָך, זאָגאַר נאָך איצט, פרעגען די עקאָנאָמיסטען און די היסטאָריקער, אויב עס איז געווען אירגענד וועלכער אנדער מיטעל, אום צו בעפריעדיגען די דריקענדע פאָרדערונגען פון שטאאט. די פערברעכען, די פערשווענדעריי, די גנבות און די מלחמות זיינען געלעגען ווי א שווערע משא אויף דער רעוואָלוציאָן. און אָנפאַנגענדיג מיט דיעזער גרויסער משא פון חובות, וועלכע עס זיינען איהר איבערגעגעבען געוואָרען בירושה פון דעם אלטען רעזשים, האָט זי געמוזט אויך טראָגען די פאָלגען. אונטער דעם סטראַשונאָק פון א בירגער־קריעג, וועלכער איז געווען פיעל שרעקליכער, ווי דער, וועלכער האָט געהאלטען ביים אויסברעכען, אונטער דעם סטראַשונאָק פון די מיטעלקלאַסען, אז זיי וועלען זיך אומקעהרען צו דער רעוואָלוציאָן מיט'ן רוקען — די קלאַסען, וועלכע, כאָטש זיי האָבען פערפאָלגט זייערע אייגענע צוועקען, האָבען דאָך ערלויבט דעם פאָלק זיך צו בעפרייען פון די פריצים, און וועלכע וואָלטען זיך אָבגעקעהרט פון אַלעריי פערזוכע פון בעפרייאונג, ווען דער קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבען אריינגעלעגט, וואָלט געווען אין געפאַהר — אָט צווישען דיעזעביידע געפאַהרען האָט די רעוואָלוציאָן אָנגענומען דעם פלאַן פון פאַפּיער־געלד, גאַראַנטירט דורך דאָס נאַציאָנאַלע אייגענטהום.

דעם 21טען דעצעמבער 1789, אויף דעם פאָרשלאַג פון די דיסטריקטען פון פאַריז, איז די אַדמיניסטראַציאָן פון דעם קירכען־אייגענטהום איבערגעגעבען געוואָרען צו די מוניציפּאַליטעטען, וועלכע זיינען בעאויפטראַגט געוואָרען צו שטעלען צום פערקויף פיער־הונדערט־מיליאָן פון דיעזען אייגענטהום. דער גרויסער קלאַפּ איז דערלאַנגט געוואָרען. און פון דאַן אָן האָבען די גייסטליכע, מיט דער אויסנאַהמע פון מאַנכע דאָרף־פּריעסטער, וועלכע זיינען געווען אמת'ע פריינד פון פאָלק, געשוואָרען א טויטליכען האַס צו דער רעוואָלוציאָן, א האַס, וועלכען די אָבשאַפונג פון די מאָנאַכישע אָרדערס האָט נאָך געהאָלפען צו פערביטערען. פון דאַן אָן זעהען מיר איבער גאַנץ פראַנקרייך די גייסטליכע אַלס די מיטעלפּונקטען פון קאָנספּיראַציעס, מיט דעם צוועק צוריקצוברענגען דעם אַלטען רעזשים. זיי זיינען

געווען די סאַמע נשמה פון דער רעאַקציאָן, וועלכע מיר וועלען זעהען אויסברעכען אין 1790 און 1791, סטראַשענדיג צו מאַכען אַ סוף צו דער רעוואָלוציאָן, איידער זי האָט נאָך פערווירקליכט עטוואָס ממשות׳דיגעס.

אָבער די מיטעלקלאַסען זיינען געווען געגען זיי, און זיי האָבען ניט געלאָזען צוצונעהמען פון זיך די וואַפען. אין יוני און יולי 1790 האָט די פערזאַמלונג ערעפענט די דיסקוסיאָן איבער אַ גרויסע פראַגע — די אינערליכע אָרגאַניזאַציאָן פון דער קירכע פון פראַנקרייך. די גייסטליכע, ווערענדיג איצט בעצאָהלט פון שטאַאַט, האָבען די געזעצגעבער אויפגענומען דעם געדאַנק, דאַרפען זיין פריי פון רוים, און אוועקגעשטעלט ווערען גאַנץ און גאָר אונטער דער קאָנסטיטוציאָן. די בישאָפ־שטעלען זיינען איצט געווען איינע און די זעלבע, ווי די שטאַאַט־דעפּאַרט־מענטס; זייער צאָהל איז אויף אַזאַ אופן פערמינדערט געוואָרען. דאָס וואָלט מען נאָך אפשר געלאָזען געהן, אָבער די וואַהל פון די בישאָפּס איז, לויט דעם נייעם געזעץ, געווען איבערגעגעבען צו די וואַהל־מענער־פערזאַמלונגען, צו די זעלבע פערזאַמלונגען, וועלכע פלעגען ערוועהלען די דעפּוטאַטען, די ריכטער און די שטאַאַטס־בעאַמטע. דאָס האָט געמיינט אָוועקצונעהמען פון בישאָפּ די היילינקייט פון זיין פּראָפעסיע און מאַכען פון איהם אַן איינפאַכען שטאַאַטס־בעאַמטען. אמת, אין די ערשטע קירכען זיינען די בישאָפּס און די גייסטליכע נאָמינירט געוואָרען פון פאָלק, אָבער די וואַהל־מענער־פערזאַמלונגען, וועלכע קומען זיך צוזאַמען פאַר די אויסוואַהל פון פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנ־טען און בעאַמטע, זיינען דאָך ניט די אַלטע פערזאַמלונגען פון די אַמאָליגע גלויביגע. דערפאַר האָבען די גלויביגע געזעהן אין דעם אַ פערזוך אויף די אַלטע הייליגע קירכען־דאָגמען, און די פּריעסטער האָבען ווי וויִיט מעגליך אויסגענוצט דיזע אונ־צופריעדענהייט. די פּריעסטער האָבען זיך צוטהיילט אין צוויי גרויסע פּאַרטייען: די קאָנסטיטוציאָנעלע פּריעסטערשאַפט, וועל־כע האָט, וועניגסטענס לפנים, זיך אונטערוואָרפען די נייע געזעצע און האָט געשוואָרען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן, און די

ניט־איינגעשוואָרענע פּריעסטערשאַפט, וועלכע האָט זיך ענט־
זאגט איינצושווערען און וועלכע האָט אָפען געשטעלט זיך אָן
די שפּיצע פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. אַזוי
האָט עס פּאַסירט, דאָס אין יעדער פּראָווינץ, אין יעדער
שטעדטעל און דערפעל, איז די פראַגע, וואָס איז געשטעלט
געוואָרען צו די איינוואוינער געווען: צי זיי זיינען פּ אַ ר אָדער
ג ע ג ע ן דער רעוואָלוציאָן? די שרעקליכסטע קעמפּפע זיינען
דארום ארויסגעשפּרונגען אין לעבען אין יעדען פּלאַץ, אום צו
ענטשיידען, וועלכע פון דיביידע פּאַרטייען זאָל האָבען די אויבער־
האַנד. די רעוואָלוציאָן איז אַלזאָ אריבערגעטראָגען געוואָרען
פון פּאַריז אין יעדען דאָרף. פון צו זיין אַ פּאַרלאַמענטאַרישע,
איז זי געוואָרען אַ פאָלקס־רעוואָלוציאָן.

די אַרבייט, וואָס די גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט אויפ־
געטהאָן, איז אָהן אַ שום ספק, געווען אַ מיטעלקלאַס־אַרבייט.
אבער דאָס אַריינברענגען אין די מנהגים פון דער נאַציאָן דעם
פּרינציפּ פון פּאָליטישער גלייכהייט, דאָס אָבשאַפען פון די
רעכטע פון איין מענשען איבער אַ צווייטען; דאָס אויפוועקען
פון דעם געפיהל פון גלייכהייט און דעם גייסט פון ווידערשטאַנד
געגען אונגלייכהייט, דאָס איז זעהר אַ גרויסע אַרבייט. נור מען
מוז געדענקען, ווי לואי בלאַן האָט געזאָגט, דאָס אום אויפצו־
האַלטען און אָנצוצינדען דעם פייערדיגען גייסט אין דער פער־
זאַמלונג, איז „דער ווינד, וואָס האָט געבלאָזען פון גאַס, געווען
נויטיג“. „דאָס בונטעווען אין יענע טעג,“ לעגט ער צו, „האָט
פון זיין טומעל ארויסגעבראכט פיעלע קלוגע געדאַנקען. יעדער
אויפשטאַנד איז געווען אַזוי דורכגעזאַפּט מיט געדאַנקען!“
אין אנדערע ווערטער, עס איז געווען די גאַס, דער מאַן אין גאַס,
וועלכער האָט יעדעסמאָל געצוואונגען די פערזאַמלונג אָנצו־
געהען פאָרווערטס מיט איהר אַרבייט פון איבערבויאונג. זאָגאַר
אַ רעוואָלוציאָנערע קערפּערשאַפט, אָדער איינע וועניגסטענס,
וועלכע האָט זיך ארויפגעצוואונגען אויף די מאָנאַרכיע אויף אַ
רעוואָלוציאָנערען אופן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער

גרינדונגס־פערזאמלונג, וואלט דאן גאר ניט געטהאן, ווען די רעוואלוציאנערע מאסען וואלטען איהר ניט געצוואונגען צו געהן פארווערטס, און ווען זיי וואלטען ניט דערשטיקט דורך זייערע אויפשטענדע די אנטי־רעוואלוציאנערע געגענגוועהר.

## דריי־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

# דער פעסט פון 14טען יולי 1790.

דער סוף פון דער ערשטער פעריאָדע פון דער רעוואָלוציאָן. — דער דועל צווישען קעניג און דער פערזאַמלונג. — דער קעניג קויפט אונטער מיראַבאָ'ן. — ער געפינט זיינע ווערקזייג צווישען דער מיטעל־קלאַס. — די שונאים פון דער רעוואָלוציאָן צווישען אַלע קלאַסען. — די פעריאָדע פון פערשווערונגען און געגען־פערשווערונגען. — דער איינינקייטס־פעסט. — די בעדייטונג פון דיעזען פעסט. — די שמחה פון פאָלק.

---

מיט דעם אַריבערציהען פון דעם קעניג און דער פערזאַמלונג פון ווערסאַיל נאָך פאַריז, ענדיגט זיך די ערשטע פעריאָדע פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, די פעריאָדע, וועלכע מען קען אָנרופען „די העלדען־פעריאָדע“. דאָס צוזאַמענקומען פון די גענעראַל־שטאַאטען, די קעניגליכע סעסיע פון דעם 23סטען יוני, די שבועה אין טענים קאָורט, דער שטורץ פון דער באַסטיליע, דער אויפשטאַנד פון די שטעדט און דערפער אין יולי און אין אויגוסט, די נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט, און ענדליך דער מאַרש פון די פרויען נאָך ווערסאַיל, און זייער טריאומף־צוג צוריק מיט דעם קעניג, אלס געפאַנגענעם — דיעזע זיינען געווען די הויפט־פאַסירונגען פון דיעזער פעריאָדע.

איצט, ווען סיי „די לעגיסלאַטיווע“ און סיי „די עקזעקוטיווע מאַכט“ — די פערזאַמלונג און דער קעניג — האָבען זיך בעזעצט אין פאַריז, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פעריאָדע פון אַ פערבעהאַלטענעם אָבער אימער־אָנהאַלטענדען קאַמפף צווישען

דעם אָבשטאַרבענדען קעניגטהום און דער נייער קאָנסטיטוציאָנעלער מאַכט, וועלכע איז לאַנגזאַם בעשאַפען געוואָרען דורך די געזעצגעבענדע טהעטיגקייט פון דער פערזאַמלונג און דורך די קאָנסטרוקטיווע ארבייט וואָס איז אויפ'ן שטעל געטהאָן געוואָרען אין יעדער שטאָדט און דאָרף.

פראַנקרייך האָט איצט געהאַט אין דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאַכט, וועלכע דער קעניג איז געווען געצוואונגען אַנצוערקענען. אָבער, כאָטש ער האָט זי אָפיציעל אַנערקענט, דאָך אין דער אמת'ן האָט ער איהר בעטראַכט, אַלס אוזורפאַציאָן, אַלס אַ מאַכט-פערכאַפונג, אַלס אַ בעליידיגונג פאַר זיין קעניגליכע אויטאָריטעט, פון וועלכער ער האָט ניט געוואָלט זעהן די מינדעסטע ברעקעל אָוועקגעריסען. דערפאַר האָט ער אימער-צו געפונען אַ טויזענד מיטלען צו ערניעדריגען די פערזאַמלונג און צו שטרייטען מיט איהר איבער די קלענסטע שטיקעל אויטאָריטעט. ביז צום לעצטען מאָמענט זאָגאַר האָט ער קיינמאָל ניט אויפגעגעבען די האָפנונג צו מאַכען געהאָרכזאַם דיעזע נייע מאַכט, און האָט זיך אימער-צו פאָרווירפע געמאַכט, וואָרום ער האָט דיעזע מאַכט ניט דערשטיקט אין איהר סאַמע אָנפאַנג, וואָרום ער האָט איהר געלאָזען אויסוואַקסען זייט ביי זייט מיט זיין מאַכט.

אין דיעזען קאַמפף איז קיין מיטעל ניט געווען צו שלעכט פאַר דעם קעניג. ער האָט געוואוסט פון ערפאַהרונג, דאָס די מענשען פון זיין אייגענער סביבה פערקויפען זיך זעהר לייכט — מאַנכע פאַר אַ קליינינקייט, אַנדערע פאָדערענדיג אַ הויכען פרייז — און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו קריגען געלד, אַ סך געלד, באָרגענדיג עס אין לאָנדאָן, אַזוי אַז ער זאָל קענען אָבקויפען די פּאַרטיי-פיהרער אין דער פערזאַמלונג און אַנדערשוואו. איהם האָט דאָס געראָטען גאָר צו גוט מיט די, וועלכע זיינען געשטאַנען אין סאַמע פראָנט, מיט מיראַבאָ, וועלכער, פאַר די שווערע געלד-סומען, וואָס ער האָט געקראָגען, איז געוואָרען דער ראַטה-געבער און פערטהיידיגער פון קעניג, און האָט פערבראַכט זיינע לעצטע טעג אין אַן אונזיניגען לוקסוס. אָבער עס איז ניט געווען בלויז

אין דער פערזאמלונג, וואו דער קעניג האָט געפונען זיינע ווערק־צייג. זייער גרויסע צאָהל איז געווען אויסער דער פערזאמלונג. זיי זיינען געווען צווישען די, פון וועמען די רעוואָלוציאָן האָט צוגענומען זייערע פריווילעגיען, זייערע היבשע פענסיעס, וועלכע זיינען זיי געגעבען געוואָרען אין די פריהערדיגע צייטען, און זייערע ריעזיגע איינקינפטע. זיי זיינען געווען צווישען די גייסטליכע, וועלכע האָבען געזעהן זייער איינפלוס אונטערגעהן; צווישען די אדעל־לייט, וועלכע האָבען פערלאָרען צוזאמען מיט זייערע רעכטע זייער פריווילעגירטע שטעלונג; צווישען די מיטעלקלאַסען, וועלכע האָבען זיך געשראָקען פאַר זייער געלד, וואָס זיי האָבען אַריינגעלעגט אין פאַבריקאַציאָן, אין האַנדעל און אין הלואות צום שטאַאט — צווישען דיזעלביגע מיטעל־קלאַסען, וועלכע זיינען נתעשר געוואָרען אין און דורך די רעוואָלוציאָן.

עס זיינען געווען,ווירקליך, גאָר אָהן אַ שיער די שונאים פון דער רעוואָלוציאָן. צווישען זיי זיינען אויך געווען די יעניגע, וועלכע האָבען אין די פריהערדיגע צייטען געלעבט פון די העכערע גייסטליכע, דעם אַדעל און די פריווילעגירטע מיטגליעדער פון דער העכערער מיטעלקלאַס. מעהר ווי אַ העלפט פון יענעם אַקטי־ווען און דענקענדען טהייל פון דער נאַציאָן, וועלכער ענטהאַלט די בעשעפער פון איהר היסטאָרישען לעבען, איז געשטאַנען אין די רייהען פון דיזע שונאים. און, אויב צווישען דער בעפעלקע־רונג פון פאַריז, סטראַסבורג און רוען און פיעלע אַנדערע שטעדט האָט די רעוואָלוציאָן געהאַט פלאַמענדע אָנהענגער און פערטהיי־דיגער — וויפיעל שטעדט זיינען אָבער געווען, ווי ליאָן, וואו דער יאָהרהונדערט־לאַנגער איינפלוס פון די גייסטליכע און די עקאָנאָמישע קנעכטשאַפט פון די אַרבייטער האָבען געפיהרט דערצו, דאָס די אָרעמע זעלבסט האָבען אונטערשטיצט די פריס־טער געגען די רעוואָלוציאָן! ווי פיעל שטעדט, ווי די גרויסע זעע־האַפענס: נאַנט, באָרדאָ, סאַן־מאַלאָ, וואו די גרויסע סוחרים און די גאַנצע בעפעלקערונג, וואָס איז אָבגעהאַנגען פון זיי, זיינען געווען איין גוף און איין נשמה מיט דער רעאַקציאָן!

אפילו צווישען די בויערן, וועמעס אינטערעסען זיינען

דאָך געווען אזוי שטארק פערבונדען מיט דער רעוואָלוציאָן, ווי פיעל קלענערע מיטעלקלאַס־מענשען זיינען עס געווען, וועלכע האָבען פאר איהר מורא געהאט, שוין ניט ריידענדיג פון די בויערען, וועמען די פעהלערען פון די רעוואָלוציאָנערען גופא האָבען אָבגעשטויסען פון דער גרויסער זאך. עס זיינען געווען צופיעל טהעאָרעטיקער צווישען די פיהרער פון דער רעוואָלוציאָן, צו פיעל גלויביגע אין די איינפאָרמיגקייט, אין דיסציפּלין, אין דעם, אז אלעס מוז געהן ווי אויף א שנירעל, און דערפאר זיינען זיי ניט געווען אין שטאנד צו פערשטעהן די פיעלפאכיגע פאָרמען פון לאַנד־אייגענטהום, אנערקענט פון דעם געוואוינהייטס־רעכט; צו פיעל וואָלטעריאנער, פון דער אנדערער זייט, וועלכע האָבען ניט ארויסגעוויזען די מינדעסטע טאָלעראַנץ צו די פאָראורטהיילע פון די מאסען, פערזונקען אין אָרעמקייט; און מעהר פון אלע זיינען געווען צווישען זיי צו פיעל פאָליטיקער, אום צו בעגרייפען די גרויסע וויכטיגקייט פון דער לאַנד־פראַגע פאר די בויערען. און דער רעזולטאט איז געווען, דאס אין דער וואנדיי, אין ברעטאָן און אין דעם גאנצען זיד־איסט האָבען די בויערען אליין זיך א קעהר געטהאָן געגען די רעוואָלוציאָן.

די געגען־רעוואָלוציאָנערען האָבען געוואוסט, ווי צוצוציהען אנהענגער פון יעדען פון דיעזע עלעמענטען. אזא גרויסער טאָג, ווי א 14טער יולי, אָדער א 5טער אָקטאָבער, קען זיכער א טרייסעל טהאָן די הערשענדע מאכט; אָבער עס איז געווען אין די זעקס און דרייסיג טויזענד געמיינדען פון פראַנקרייך, וואו די רעוואָלוציאָן האָט געמוזט פאָלבראכט ווערען, אָבער דאס האָט געפאָדערט אביסעל צייט. און די געגען־רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך בענוצט מיט יענער צייט, אום אריבערצוציהען אויף זייער זייט די אלע אונצופריעדענע צווישען די קלאַסען, וואָס זיינען געווען גוט אָב, און וועמעס נאָמען איז געווען לעגיאָן. ווייל, ווען די ראַדיקאַלע מיטעלקלאַס האָט געגעבען דער רעוואָלוציאָן אזא אונגעהייערע מאסע פון ענערגיע און אינטעליגענץ, ענטוויקעלט פון דער רעוואָלוציאָן גופא, — האָט אָבער געוויס אויך ניט געפעהלט קיין אינטעליגענץ, געשיקטקייט און ערפאהרונג צווי־

שען דעם פּראָווינץ־אַדעל אָדער צווישען די רייכע קויפלייט און גייסטליכע, וועלכע האָבען אַלע געמאַכט יד אחת מיט'ן קעניג־טהום, אום זיך צו וועהרען געגען די רעוואָלוציאָן.

דיעזער אונערבאַרמליכער קאַמפּף פון פערשווערונגען און געגען־פערשווערונגען, פון טהיילווייזע אויפשטענדע אין די פּראָווינצען און פּאַרלאַמענטאַרישע קעמפּפע אין דער גרינדונגס־פערזאַמלונג, און שפּעטער אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג — דיעזער פערשטיקטער קאַמפּף האָט אָנגעהאַלטען באַלד דריי יאָהר, פון דעם מאָנאַט אָקטאָבער, 1789, ביז צום מאָנאַט יולי 1792, ווען די רעוואָלוציאָן האָט אָנגענומען אַ נייעם אויפ־שוואונג. דאָס איז געווען אַ פּעריאָדע, גאַנץ אָרעם אין פּאַסירונגען פון אַ היסטאָרישער וויכטיגקייט—די איינציגע, וואָס פערדיענען דערמאָנט צו ווערען אין דיעזען צייט־אַבשניט, זיינען די אויפ־לעבונג פון דעם בויערען־אויפשטאַנד אין יאַנואַר און פעברואַר 1790, דער פעסט פון דעם 14טען יולי, 1790, די אויסשלאַכטונג אין נאַנסי דעם 31טען אויגוסט 1790, דאָס אַנטלויפען פון קעניג דעם 20טען יוני 1791, און די אויסשלאַכטונג פון דעם פּאַריזער פּאָלק אויף דעם מאַרס־פעלד, דעם 17טען יולי 1791.

וועגען די בויערען־אויפשטענדע וועלען מיר דערצעהלען אין אַ שפּעטערען קאַפּיטעל, אָבער עס איז נויטיג צו זאָגען דאָ עטוואָס וועגען דעם פעסט פּאַר איינינגקייט. דיעזער נעהמט אריין אין זיך דעם גאַנצען ערשטען טהייל פון דער רעוואָלוציאָן. זיין איבערשוימענדער ענטהוזיאַזמוס און די גרויסע איינינגקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען, ווייזען קלאָהר, וואָס די רעוואָלוציאָן וואָלט געקענט זיין, ווען די פּריווילעגירטע קלאַסען און דאָס קעניגטהום, פערשטעהענדיג, ווי אונפערמיידליך עס איז די ענדערונג, וואָלטען נאָכגעגעבען מיט אַ גוטען ווילען דאָס, וואָס זיי האָבען קיין מאַכט ניט געהאַט צוריקצוהאַלטען.

*טעין* מאַכט צו גאָרניט די פייער־טעג פון דער רעוואָלו־ציאָן; און עס איז אמת, אַז די ימים טובים פון 1793 און 1794 זיינען געווען אָפט צו טהעאַטראַליש. אָבער יענער פעסט פון 14טען יולי 1790, איז געווען איינער פון די שעהנסטע פּאָלקס־

פעסטע, וועלכע זיינען אמאל פערצייכענט געוואָרען אין דער געשיכטע.

פאר דעם יאהר 1789 איז פראנקרייך ניט געווען פעראייניגט. עס איז געווען א היסטאָרישעס גאנצעס, אָבער זיינע פערשיעדענאַרטיגע טהיילען האָבען וועניג געקענט איינער דעם אנדערען, און נאָך וועניגער אפשר האט זיך איינער געקימערט וועגען דעם צווייטען. אָבער נאָך די פאסירונגען פון 1789, און נאָך דעם, ווי די האק פון דער רעוואָלוציאָן האט אזוי היבשליך שיטער געמאכט די רעשטלעך אין דעם וואלד פון פעאָדאליזם; נאָך דעם, ווי די פאָרשטעהער פון אַלע טהיילען פון פראנקרייך האָבען צוזאמען דורכגעלעבט איינינע גרויסע מאָמענטען, איז געבאָרען געוואָרען אן אייניגקייט און סאָלידאריטעט צווישען די פראָווינצען, וועלכע זיינען געווען פריהער פערבונדען בלויז דורך די געשיכטע. גאנץ איירא‍פא איז געבראכט געוואָרען אין בעגייסטערונג איבער די ווערטער און טהאטען פון דער רעוואָלוציאָן — טו ווי האָבען די פראָווינצען געקענט וועהרען זיך געגען דיעזען געפיהל פון אייניגקייט אין דעם פאָרווערטס-מארש צו א בעסערער צוקונפט? דאָס איז עס, פון וואָס דער פעסט פון דער פעדעראציאָן, פון 14טען יולי 1790, איז געווען דער סימבאָל.

עס האָט אויך געהאט נאָך א כאראקטעריסטישען שטריך. אזוי ווי עס איז געווען נויטיג א סך ארבייט פאר די פאָרבערייטונג פון דיעזען יום-טוב: דאָס אויסגלייכען פון דער ערד, דאָס מאכען פון טערראַסען, דאָס בויען פון דעם טריאומף-טויער, און אזוי ווי עס איז געוואָרען קלאָהר אכט טעג פאר דעם פעסט, דאָס די 15 טויזענד ארבייטער, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט דערביי, וועלען עס בשום אופן ניט קענען פערטיג קריגען אין צייט — איז וואָס האָט פאריז געטהאָן? א וועלכע-עס-איז אונבעקאנטע פערזאָן האָט פאָרגעשלאָגען, אז יעדער זאָל געהן צו דער אַרבייט אויף דעם מארס-פעלד; און גאנץ פאריז, רייך און אָרעם, אַרטיסטען און ארבייטער, מאָנאכען און סאָלדאטען, זיינען אוועק אהין צו דער ארבייט מיט א לייכטער הארץ. פראנקרייך, רעפּרעזענטירט פון טויזענדע דעלעגאטען, אנגעקומען

פון די פּראָווינצען, האָט געפונען איהר נאַציאָנאַלע אייניגקייט, גראָבענדיג די ערד — אַ סימבאָל פון דעם, צו וואָס גלייכהייט און ברידערליכקייט צווישען מענשען וועלען ווען־עס־איז ברענגען.

די שבועה, וועלכע די אונצעהליגע טויזענדע, וואָס זיינען אַנוועזענד געווען, האָבען זיך געגעבען צו בלייבען געטריי „צו דער קאָנסטיטוציאָן, ווי זי איז דעקרעטירט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און אָנגענומען פון קעניג", און די שבועה, וואָס דער קעניג האָט געגעבען, און וועלכע איז ספּאָנטאַן אָנגענומען געוואָרען פון דער קעניגין פאַר איהר זוהן, דיעזע זיינען פון אַ קנאַפּער וויכטיגקייט. יעדער איינער האָט געגעבען דיעזע שבועה, אויסטייטשענדיג זי אין זיין געדאַנק אויף זיין שטייגער; יעדער איינער האָט צו דער שבועה צוגעלעגט נאָך אין זיין געדאַנק געוויסע בעדינגונגען. דער קעניג האָט געשוואָרען אין דיעזע ווערטער: „איך, קעניג פון די פראַנצויזען, שווער צו געברויכען די גאַנצע קראַפט, וואָס איז מיר געגעבען פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלען אַקט פון דעם שטאַאַט אויפצוהאַלטען די קאָנסטיטוציאָן, וואָס איז דעקרעטירט געוואָרען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון מיר". דאָס האָט געמיינט, אַז געוויס וועט ער די קאָנסטיטוציאָן אויפהאַלטען, נור דאָס זי וועט אויך פערגוואַלדיגט ווערען, און דאָס ער וועט ניט האָבען די מאַכט דאָס ניט צו דערלאָזען. און ווירקליך, אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען דער קעניג האָט געגעבען די שבועה, האָט ער דאָך נור געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי ער זאָל קענען פערלאָזען פּאַריז, אונטער דער פּרעטענזיע צו מאַכען מאַנעוורען מיט דער אַרמעע. ער האָט געטראַכט און אויסגעט'חשבונ'ט די מיטלען פאַר אונטערקויפען די איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון דער פערזאַמלונג, און ווי צו קריגען הילפע פון אויסלאַנד געגען די רעוואָלוציאָן, וועלכע ער אַליין האָט אַרויסגערופען מיט זיין שטעלען זיך געגען יעדע נויטווענדיגע ענדערונג און דורך זיין פאַלשקייט אין זיינע פערהאַנדלונגען מיט דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג.

די שבועה איז געווען פון אַ קנאַפּען ווערטה. אָבער די

וויכטיגע זאַך, וואָס איז צו בעמערקען אין דיעזען פעסט — אחוץ דער פּראָקלאַמאַציאָן פון אַ נייער נאַציאָן, אַז זי האָט איין אידעאַל — איז די מערקווירדיג־גוטע געמיטה־שטימונג פון דער רעוואָלוציאָן. אַ יאָהר נאָך דעם, ווי די באַסטיל איז געשטירצט געוואָרען, האָט מאַראַט געהאַט זעהר גוטע גרינדע צו שרייבען: „וואָרום דיעזע גרויסע שמחה? וואָרום דיעזע סמנים פון נאַרי־שער פרייד? די רעוואָלוציאָן, לעת עתה, איז געווען בלויז אַ שמערצליכער חלום פאַר דאָס פאָלק!" אָבער כאָטש עס איז נאָך גאָרניט געטהאָן געוואָרען, אום צו בעפריעדיגען די בעדירפניסע פון די אַרבייטער, און אַלעס איז געטהאָן געוואָרען, ווי מיר וועלען עס גלייך זעהן, אום ניט צו דערלאָזען צו דער ווירקליכער אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע איבלען; כאָטש דאָס פאָלק האָט איבעראַל געצאָהלט מיט'ן לעבען און מיט די שרעקליכע ליידען פאַר יעדען פאָרטשריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דער פּאָליטישער רעוואָלוציאָן — טראָץ דעם אַלעם איז דאָס פאָלק געווען אין דער העכסטער ענטציקונג ביי דעם אַנבליק פון דעם נייעם דעמאָקראַטישען רעזשים, בעשטעטיגט פון דיעזען פעסט. פונקט, ווי פופציג יאָהר שפּעטער, אין פעברואַר 1848, האָט דאָס פאָלק געמוזט געבען „דריי יאָהר פון ליידען אין דעם דיענסט פון דער רעפּובליק", אַזוי האָט אויך איצט דאָס פאָלק אַרויסגע־וויזען זיך פערטיג אַריבערצוטראָגען דאָס ערגסטע, אַבי נור די נייע קאָנסטיטוציע האָט איהם פערשפּראָכען צו ברענגען אירגענד וועלכע פערלייכטערונג, אַבי נור זי זאָל איהם וויי‍זען כאָטש אַ טראָפּעלע גוטען ווילען.

אויב אין דריי יאָהר שפּעטער איז דאָס זעלבע פאָלק, וואָס איז צוערשט געווען צופריעדען מיט אַזוי וועניג, אַזוי בערייט־וויליג צו וואַרטען, געוואָרען אַזוי ווילד און האָט אָנגעפאַנגען אויסצושלאַכטען די שונאים פון דער רעוואָלוציאָן, איז עס געווען, ווייל עס האָט געהאָפט צו רעטען, לכל הפחות, וועלכען־עס־איז טהייל פון דער רעוואָלוציאָן דורך דיעזע עקסטרימע מיטלען. עס איז געווען דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק האָט געזעהן די רעוואָלו־ציאָן אונטערגעהן, נאָך איידער אירגענד וועלכע ממשות'דיגע

ענדערונג איז אויפגעפיהרט געוואָרען צו זיין גונסטען. אין יולי, 1790 אָבער, איז ניט געוועזן קיין זאַך, וואָס זאָל פאָראויסזאָגען דיעזען ווילדען אויסברוך. „די רעוואָלוציאָן, דערווייל, איז געוועזן בלויז א שמערצליכער חלום פאר'ן פאָלק". „זי האָט ניט ערפילט איהר פערשפרעכען. עס מאכט אָבער ניט. זי בעוועגט זיך. און דאָס איז גענוג". און איבעראָל זיינען די מענשליכע הערצער געוועזן פול מיט לעבען.

אָבער די רעאקציאָן אין גאנצען בעוואפענט, האָט גוט אויפגעפאסט, און אין א מאָנאט אָדער צוויי שפּעטער האָט זי זיך געוויזען אין איהר גאנצער געוואלד. נאָך דעם פאָלגענדען יאהרעס־פעסט פון יולי 14, 1791, איז זי שוין געוועזן שטארק גענוג צו דערשיסען דאָס פאריזער פאָלק אויף דעם זעלבען מארס־פעלד.

פיער־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

# די דיסטריקטען און סעקציאָנען פון פּאַריז.

די בעשאַפונג פון די קאָמונען. — זייער מאַכט. — דאָרף־קאָמונען. — שטאָדט־קאָמונען. — די קאָמונע פון פּאַריז. — די נשמה פון דער רעוואָלוציאָן. — די פאַלשע בעגריפע וועגען די קאָמונען. — די וואַהל־דיוויזיאָנען אין פּאַריז. — די דיסטריקטען ניצליך פאַר די אָרגאַניזירונג פון דער רעוואָלוציאָן. — די פערשיע־דענאַרטיגע צוזאַמענשטעלונג פון די דיסטריקטען. — דער וואָר־צעל פון דער קאָמונע. — לאַקראָאַ'ס מיינונג וועגען די דיסט־ריקטען. — די אונאַבהענגיגקייט פון די דיסטריקטען. — דער פערבינדונגס־גליעד צווישען פּאַריז און די פּראָווינץ־שטעדט. — סעקציאָנען ווערען די אינסטרומענטען פון דער רעוואָלוציאָן.

---

מיר האָבען געזעהן, ווי די רעוואָלוציאָן האָט זיך אָנגעפאַנ־גען מיט פאָלקס־אויפשטענדע זינט די ערשטע מאָנאַטען פון 1789. צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן איז אָבער ניט גענוג, אַז עס זאָלען בלויז זיין אַזעלכע אויפשטענדע, מעהר אָדער וועניגער, ערפאָלגרייך. עס איז נויטיג, אַז נאָך די אויפשטענדע זאָל בלייַ־בען עטוואָס נ י י ע ס אין די אינסטיטוציאָנען, וועלכע זאָלען ערלויבען נייע פאָרמען פון לעבען צו ענטוויקלען און צו בעפעס־טיגען זיך.

דאָס פראַנצויזישע פאָלק זעהט אויס צו האָבען פערשטאַנען דיעזע נויטווענדיגקייט זעהר גוט, און דאָס עטוואָס־נייע, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין לעבען פון פראַנקרייך, איז געווען די פאָלקס־קאָמונע. די רעגירונגס־צענטראַליזאַציאָן איז

געקומען שוין שפּעטער, אָבער די רעוואָלוציאָן האָט אָנגעהויבען דערמיט, וואָס זי האָט בעשאַפען די קאָמונע — אויטאָנאָם, אונ־אָבהענגיג ביז צו אַ זעהר הויכען גראַד — און דורך דיעזע אינ־סטיטוציאָן, ווי מיר וועלען עס זעהן, האָט זי געוואונען אַ גרויסע מאַכט.

אין די דערפער איז עס געווען די בויערען־קאָמונע, וועלכע האָט עס דרינגענד פערלאַנגט, אַז די פעאָדאַלע פערפּפליכטונגען זאָלען אָבגעשאַפט ווערען, און האָט געמאַכט געזעצליך די ענט־זאַגונג צו צאָהלען זיי; עס איז געווען די קאָמונע, וועלכע האָט צוריק גענומען פון די לאָרדען דאָס לאַנד, וועלכעס האָט פריהער געהערט צו דער געמיינדע; זי איז עס געווען, וועלכע האָט זיך געשטעלט אין קאַמפּף געגען דעם אדעל, געקעמפּפט געגען די פּריסטער, געשיצט די פּאַטריאָטען און שפּעטער די סאַנקיולאָטען, ארעסטירט די צוריקקעהרענדע עמיגראַנטען, און האָט אָבגע־שטעלט דעם אנטלויפענדען קעניג.

אין די שטעדט איז עס געווען די מוניציפּאַלע קאָמונע, וועלכע האָט געענדערט דעם גאַנצען לעבענס־אויסזעהן, האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו בעשטימען די ריכטער, האָט געענדערט אויף איהר אייגענער איניציאַטיווע די צוטהיילונג פון די טאַקסען, און איז שפּעטער, לויט ווי די רעוואָלוציאָן האָט זיך ענטוויקעלט, געוואָרען די וואַפע פון סאַנקיולאָטיזם אין זיין קאַמפּף געגען קעניגטהום, געגען די קעניגליכע קאָנספּיראַטאָרס און געגען די דייטשע פערכאַפער. נאָך שפּעטער, אין דעם יאָהר 2 פון דער רעפּובליק, זיינען עס געווען די קאָמונאַרען, וועלכע האָבען אונ־טערנומען די אויסגלייכונג פון די פערמעגענס.

און עס איז געווען די קאָמונע פון פּאַריז, וועלכע האָט געשטירצט דעם קעניג פון זיין טהראָן, און נאָך אויגוסט דעם 10טען איז זי געוואָרען דער ווירקליכער מיטעלפּונקט און די ווירקליכע מאַכט פון דער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז געבליבען ביי איהר כח אַזוי לאַנג, ווי די קאָמונע האָט עקזיסטירט.

די נשמה פון דער רעוואָלוציאָן איז דארום געווען אין די קאָמונען; און אָהן דיעזע מיטעלפּונקטען, צושפּרייט איבער'ן

גאַנצען לאַנד, וואָלט די רעוואָלוציאָן קיינמאָל ניט געהאַט די מאַכט צו שטירצען דעם אַלטען רעזשים, צוריקצושטויסען די דייטשע איינדרינגלינגע און צו ברענגען אַ נייעס לעבען אין פראַנקרייך.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דענקען פון די קאָמונען פון יענער צייט, אַלס עטוואָס ענליכעס צו די מאָדערנע מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטען, ווען די בירגער, נאָך עטליכע טעג פון אויפרעגונג אין דעם משך פון די וואַהלען, פערטרויען די גאַנצע פערוואַלטונג און אַליין געהמען זיי ניט דעם מינדעסטען אנטהייל אין דעם. דער נאַרישער צוטרוי צו רעפּרעזענטאַטיווע רעגיערונגען, וועלכער כאַראַקטעריזירט אונזער צייט, האָט ניט עקזיסטירט אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. די קאָמונע, וועלכע איז ארויסגעוואַקסען פון דער בעוועגונג פון גאַנצען פאָלק, איז ניט געוואָרען אָבגעזונדערט פון פאָלק. דורך דעם אריינמישען זיך פון איהרע „דיסטריקטען“, „סעקציאָנען“, „שטאַמען“, וועלכע זיינען געווען געגרינדעט, אַלס אַזוי פיעל פערמיטלער פון אַ פאָלקס־פערוואַלטונג, איז די קאָמונע געבליבען אַן אמת'ע פאָלקס־אינסטיטוציאָן. און דאָס איז עס, וואָס האָט געבילדעט די רעוואָלוציאָנערע מאַכט פון דיעזע אָרגאַניזאַציאָנען.

אַזוי ווי דאָס לעבען און די אָרגאַניזירונג פון די דיסטריקטען און די סעקציאָנען זיינען אַם בעסטען בעקאַנט וועגען פּאַריז, וועלען מיר רעדען פון פּאַריז. שטודירענדיג דאָס לעבען פון די פּאַריזער סעקציאָנען, דערוויסען מיר זיך שוין במילא זעהר גוט וועגען דעם לעבען פון די טויזענדע פּראָווינץ־קאָמונען.

פון דעם סאַמע אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן, און בעזאָנדערס זינט די פּאַסירונגען האָבען געמאַכט פּאַריז אָנצונעהמען די איניציאַטיווע אין די ערשטע טעג פון יולי 1789, האָט דאָס פאָלק, מיט זיין וואונדערבאַרע פעהיגקייט צו רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָן, זיך שוין אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען, האָבענדיג אין אויסזיכט דעם קאַמפּף, וועלכען ער וועט מוזען אָנפיהרען און וועמעס וויכטיגקייט עס האָט גלייך דערפיהלט.

די שטאָדט פּאַריז איז צוליעב וואַהל־צוועקען צוטהיילט

געוואָרען אין זעכציג דיסטריקטען, וועלכע האָבען עס בעדאַרפט נאָמינירען די וואַהל־מענער פון דעם צווייטען גראַד. ווי באַלד זיי זיינען נאָמינירט געוואָרען, האָבען די דיסטריקטען בעדאַרפט זיך אויפלייזען; אָבער זיי זיינען פערבליבען און זיי האָבען זיך אליין אָרגאַניזירט, אויף זייער אייגענער איניציאַטיווע, אַלס שטענדיגע אָרגאַנען פון דער שטאָדט־אַדמיניסטראַציאָן, נעהמענדיג פאַר זיך פערשיעדענע טהעטיגקייטען און אייגענשאַפטען, וועלכע האָבען געהערט פריהער צו דער פּאָליציי, צו די געריכטס־הייזער, אָדער זאָגאַר צו פערשיעדענע רעגיערונגס־דעפּאַרטמענטס אונטער דעם אַלטען רעזשים.

אויף אַזאַ אופן האָבען זיי זיך געמאַכט נויטווענדיג, און אין אַ צייט, ווען גאַנץ פּאַריז האָט געקאָכט ביים אָנקומען פון דעם 14טען יולי, האָבען זיי אָנגעהויבען צו בעוואָפנען דאָס פּאָלק, און צו האַנדלען, ווי אונאָבהענגיגע אויטאָריטעטען. עס איז געקומען דערצו, דאָס די „שטענדיגע קאָמיטע“, וואָס האָט זיך געבילדעט אין האָטעל־דע־וויל פון די איינפלוסרייכע מיטעלקלאַסען, האָט געמוזט צוזאַמענרופען די דיסטריקטען, און צו קומען מיט זיי צו אַ פערשטענדניס. די דיסטריקטען האָבען בעוויזען זייער ביצליכקייט און האָבען ארויסגעוויזען אַ גרויסע טהאַט־קראַפט אין דער בעוואָפנונג פון פּאָלק, אין דעם אָרגאַניזירען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, און בעזאָנדערס אין דעם, וואָס זיי האָבען מעגליך געמאַכט די שטאָדט צוריקצושטויסען אַן אָנפאַל אויף איהר פון דרויסען.

נאָך דעם שטורץ פון דער באַסטיל זעהען מיר שוין די דיסטריקטען, האַנדלענדיג, אַלס בעשטעטיגטע אָרגאַנען פון דער שטאָדט־פערוואַלטונג. יעדער דיסטריקט האָט בעשטימט זיין בירגער־קאָמיטע, פון זעכצעהן ביז פיער און צוואַנציג מיטגליעדער, פאַר די אויספיהרונג פון זיינע געשעפטען. אָבער, ווי סיגיזמונד לאַקראָאַ זאָגט אין דעם ערשטען באַנד פון זיינע „אַקטען פון דער קאָמונע פון פּאַריז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן“, יעדער דיסטריקט האָט זיך געבילדעט, לויט ווי ער האָט געוואָלט. עס איז געווען זאָגאַר אַ גרויסע פערשיעדענ־

ארטיגקייט אין זייער ארגאניזאציאן. איין דיסטריקט איז פאר־אויסגעלאפען די רעזאלוציאנען פון דער נאציאנאל־פערזאמלונג, און האט בעשטימט זיינע פריעדענס־ריכטער און זיינע ארביט־ריישאן קאמיטעס. אבער אום צו בעשאפען א געמיינשאפט־ליכען פערשטענדניס צווישען זיי, האבען זיי געגרינדעט א צענטראל־קארעספאנדענץ־ביורא, אין וועלכע ספעציעלע דעלע־גאטען זיינען זיך צונויפגעקומען און זיך אויסגעביטען מיט זייערע מיטטהיילונגען. דער ערשטער פערזוך צו גרינדען א קאמונע איז אלזא געמאכט געווארען פון אונטען ארויף, דורך די פעדעראציאן פון די דיסטריקט־ארגאניזמען. זי איז ארויסגעוואקסען אויף א רעוואלוציאנערען שטייגער פון דער פאלקס־איניציאטיווע. די קאמונע פון דעם 10טען אויגוסט איז אזוי ערשיענען אין איהר סאמע אנפאנג, און בעזאנדערס זינט דעצעמבער 1789, ווען די דעלעגאטען פון די דיסטריקטען האבען פרובירט בילדען א צענטראל־קאמיטע אין דעם בישאפ׳ס פאלאץ.*) אט מיט דער הילפע פון דיזע דיסטריקטען האבען עם ד א נ ט א ן, מ א ר א ט און פיעלע אנדערע געקאנט בעגייסטערען די פאלקס־מאסען אין פאריז מיט דעם אטהעם פון אויפשטאנד; און די מאסען, צוגעוועהנענדיג זיך צו האנדלען, ניט קריגענדיג קיינע בעפעהלע פון זייערע נאציאנאלע רעפרע־זענטאנטען, האבען פראקטיצירט דאס, וואס איז שפעטער געשיל־דערט געווארען מיט׳ן נאמען „די דירעקטע זעלבסט־רעגירונג“.

גלייך נאך דעם איינגעהמען פון דער באסטיל, האבען די דיסטריקטען ארויסגעלאזען א בעפעהל צו זייערע דעלעגאטען אויסצוארבייטען, אין בעראטהונג מיט דעם מעיאר פון פאריז,

---

*) די מייסטע סעקציאנען האבען געהאט זייערע פערזאמלונגען אין די קירכען, און זייערע קאמיטעס און שוהלען זיינען אפט גע־ווען אין די געביידען, וועלכע האבען פריהער געהערט צו די גייסט־ליכע אדער צו די מאנאכישע ארדענס. דעם בישאפ׳ס פאלאץ איז געווא־רען דער צענטראל־פלאץ פאר פערזאמלונגען פון די דעלעגאטען פון די סעקציאנען.

באַ י ל י, אַ פּלאַן פֿון מוניציפּאַלער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכער זאָל נאָכהער פאָרגעלעגט ווערען פאַר די דיסטריקטען גופא. אָבער, בשעת זיי האָבען געוואַרט אויף דיעזען פּלאַן, זיינען די דיסטריקטען אָנגעגאַנגען מיט דער אויסברייטונג פֿון דעם פעלד פֿון זייער טהעטיגקייט, לויט ווי די אומשטענדען האָבען עס געפאָדערט.

ווען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט אָנגעהויבען צו דיסקור־טירען איבער די מוניציפּאַל־געזעצע, האָט זי עס געטהאָן מיט אַ שמערצליכער לאַנגזאַמקייט. ביין סוף פֿון צוויי מאָנאַטען — דערצעהלט לאַקראָא — האָט נאָך דער ערשטער פּאַראַגראַף פֿון דעם נייעם מוניציפּאַל־פּלאַן בעדאַרפט אָנגעשריעבען ווערען. דיעזע לאַנגזאַמקייט האָט, נאַטירליך, אויסגעזעהן זעהר פערדעכ־טיג פאַר די דיסטריקטען, און פֿון דיעזער צייט אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אַ געוויסע פיינדשאַפט, וועלכע איז געוואָרען מעהר און מעהר בולט אין אַ טהייל פֿון דער בעפעל־קערונג אין פּאַריז און אין דעם אָפיציעלען ראַטה פֿון די קאָמונען. עס איז אויך וויכטיג צו פערצייכענען, דאָס בשעת די דיסטריק־טען האָבען געשטרעבט צו געבען אַ לעגאַלע פאָרם צו דער מוני־ציפּאַל רעגיערונג, האָבען זיי אויך אויפגעפּאַסט צו בלייבען ביי זייער אונאָבהענגיגקייט. זיי האָבען געשטרעבט נאָך אָן אייניג־קייט אין האַנדלונג, ניט אונטערוואַרפענדיג זיך אונטער אַ צענטראַל קאָמיטע, נור דורך אַ פעדעראַטיווע אייניגקייט.

לאַקראָא זאָגט: „די שטימונג פֿון די דיסטריקטען האָט זיך אַרויסגעוויזען סיי דורך אַ זעהר שטאַרקען געפיהל פֿון קאָמונאַ־לער אייניגקייט און סיי דורך אַ ניט וועניגער שטאַרקע טענדענץ צו אַ דירעקטער זעלבסט־רעגיערונג. פּאַריז האָט ניט געוואָלט זיין אַ פעדעראַציאָן פֿון זעכציג רעפּובליקען, יעדע איינ־געצאַמט אין איהר טעריטאָריע אויף דעם וואונש פֿון דעם גוטען אָדער בייזען צופאַל; די קאָמונע איז אַ גאַנצעס, וואָס איז צונויפגעשטעלט פֿון איהרע פער־אייניגטע דיסטריקטען... אין ערגעץ איז ניטאָ קיין פאַל, אַז אַ דיסטריקט זאָל זיך פערגלוסטען צו לעבען אָבגעזונדערט פֿון די

אנדערע... אָבער זייט ביי זייט מיט דיזען פּרינציפּ, ענטפּלעקט זיך אַ צווייטער פּרינציפּ... וועלכער איז, דאָס די קאָמונע מוז מאַכען געזעצע און פיהרען איהרע געשעפטען פאַר זיך זעלבסט, דירעקט; אַזוי פיעל, ווי מעגליך מוז די רעגיערונג דורך רעפּרעזענטאַציאָן רעדוצירט ווערען ביז צו אַ מינימום. אַלעס, וואָס די קאָמונע קען טהאָן דירעקט, מוז עס פון איהר געטהאָן ווערען, אָהן אירגענד וועלכע פערמיטלונג, אָהן אירגענד וועלכע דעלעגאַציאָן, אָדער דאָס קען געטהאָן ווערען פון די דעלעגאַטען, וואָס שפּיעלען בלויז די ראָלע פון ספּעציעלע קאָמיסיאָנערען, האַנדלענדיג אונטער דער שטענדיגער קאָנטראָלע פון די יעניגע, וועלכע האָבען זיי בעאויפטראַגט... דאָס ענדליכע רעכט פון געזעץ־פערפאַסונג און פערוואַלטונג פון דער קאָמונע געהערט צו די דיסטריקטען — צו די בירגער, וועלכע קומען זיך צוזאַמען אין די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון די דיסטריקטען.“

מיר זעהען אַלזאָ, דאָס די פּרינציפּען פון’ם אַנאַרכיזם, וועלכע זיינען אויסגעדריקט געוואָרען איינינגע יאָהר שפּעטער פון וויליאַם גאָדווין, שטאַמען שוין פון דער צייט פון 1789, און דאָס זיי האָבען געהאַט זייער אָנפאַנג ניט אין טהעאָרעטישע חקירות, נור אין די טהאַטען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט ווערט אָנגעוויזען פון לאַקראָאַ, וועלכער ווייזט, ביז צו וועלכען פּונקט די דיסקוטאַנטען האָבען געוואוסט, ווי זיך צו אונטערשיידען פון דער מוניציפּאַליטעט, און ווי אַזוי ניט צו דערלאָזען צו דער פערגעוואַלדיגונג פון זייערע רעכטע. ווען בריסאָ איז אויפגעטראָטען דעם 31טען נאָוועמבער 1789, מיט אַ פּלאַן פון אַ מוניציפּאַלער קאָנסטיטוציאָן פאַר פּאַריז, וועלכער איז צונויפגעשפּונען געוואָרען צווישען דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין אַ קאָמיטע, אויסערוועהלט פון די פערזאַמלונג פון די פאָרשטעהער (די שטענדיגע קאָמיטע פון דער פּאַריזער קאָמונע, געגרינדעט דעם 12טען יולי 1789), זיינען די דיסטריקטען גליך געוועזען דאַגעגען. קיין זאַך האָט ניט געדאַרפט געטהאָן ווערען אָהן דער דירעקטער הסכמה

פון די דיסטריקטען גופא, און בריססאָ׳ס פּלאַן האָט געמוזט אויפגעגעבען ווערען. שפּעטער־צו, אין אַפּריל 1790, ווען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט אָנגעהויבען צו דיסקוטירען איבער דעם מוניציפּאַל־געזעץ, האָט זי געהאַט אויסצואויסוועהלען צווישען צוויי פּאָרשלעגע: דער פּאָרשלאַג פון אַ פערזאַמלונג, — אַ פרייער און אַן אונגעזעצליכער נאָך אַלעמען — פון דעלעגאַטען פון די דיסטריקטען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעקומען אין דעם בישאָפּ׳ס פּאַלאַץ, אַ פּאָרשלאַג, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען פון דער מאַיאָריטעט פון די דיסטריקטען, און אונטערגעשריעבען פון באַילי, און אַ צווייטער פּאָרשלאַג פון דעם געזעצליכען ראַטה פון דער קאָמונע, וועלכער איז געווען אונטערשטיצט בלויז פון אייניגע דיסטריקטען. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט ענטשיעדען צו גונסטען פון דעם ערשטען פּאָרשלאַג.

עס איז ניט נויטיג צו ערקלעהרען, דאָס די דיסטריקטען האָבען זיך ניט בעגרענעצט מיט בלויז מוניציפּאַלע אַנגעלעגענהייטען. זיי האָבען שטענדיג אַנטהייל גענומען אין די גרויסע פּאָליטישע פראַגען פון טאָג. דער קעניגליכער וועטאָ, דער אימפּעראַטיווער מאַנדאַט, די הילפע פּאַר די אָרעמע, די אידען־פראַגע, די זילבער־מאַרק־פראַגע (זעה קאַפּיטעל 21) און נאָך אַזעלכע אַלגעמיינע פראַגען זיינען דיסקוטירט געוואָרען אין די דיסטריקטען. וואָס אַנבעלאַנגט צו דער זילבער־מאַרק פראַגע, האָבען זיי אַליין גענומען די איניציאַטיווע אין דיעזער אַנגעלעגענהייט, צוזאַמענרופענדיג איינע די אַנדערע צו אַ דיסקוסיאָן, און בעשטימענדיג קאָמיטעס. „זיי שטימען אָב זייערע אייגענע רעזאָלוציאָנען — דערצעהלט לאַקראָאַ — און איגנאָרירענדיג די אָפּיציעלע רעפּרעזענטאַטיווע פון דער קאָמונע, געהען זיי אַליין דעם 8טען פעברואַר, 1790, אום צו דערלאַנגען דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג דעם ערשטען אַדרעס פון דער פּאַריזער קאָמונע און איהרע סעקציאָנען. עס איז אַ פּערזענליכע דעמאָנסטראַציאָן פון די דיסטריקטען, גאַנץ אונאַבהענגיג פון אירגענד אַן אָפּיציעלער רעפּרעזענטאַציאָן, אום צו אונטערשטיצען דעם

ראָבעספּיער פּאָרשלאַג אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געגען דעם זילבער־מארק."

וואָס איז נאָך אינטערעסאַנטער, איז, דאָס פון דיעזער צייט אָן האָבען אָנגעהויבען די פּראָווינץ־שטעדט צו שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט דער קאָמונע פון פּאַריז וועגען אַלערליי ענינים. פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט אַ טענדענץ פעסטצו־שטעלען אַ דירעקטע פערבינדונג צווישען די שטעדט און דער־פער פון פראַנקרייך, אויסער דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, און דיעזע דירעקטע און ספּאָנטאַנע האַנדלונג, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען נאָך מעהר אויסדריקליך, האָט געגעבען אַן אונבעזיעג־באַרען כח דער רעוואָלוציאָן.

עס איז געוועזען בעזאָנדערס אין אַן אַנגעלעגענהייט פון ספּע־ציעלער וויכטיגקייט — די ליקווידירונג פון דעם קירכען־איי־גענטהום — וואו די דיסטריקטען האָבען געלאָזט פיהלען זייער איינפלוס, און האָבען בעוויזען זייער פעהיגקייט פאַר אָרגאַניזאַ־ציאָן. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט בעשלאָסען אויפ'ן פאַ־פיער די פערכאַפונג פון דעם קירכען־אייגענטהום, און דאָס ברענגען צום פערקויף צום נוצען פון דער נאַציאָן. אָבער זי האָט ניט אָנגעוויזען אויף קיין פּראַקטישען פּלאַן, ווי דיעזען גע־זעץ דורכצופיהרען אין דער פּראַקטיק. ביי דיעזען פּונקט זיי־נען עס געוועזען די פּאַריזער דיסטריקטען, וועלכע האָבען פאָרגע־שלאָגען צו דיענען אַלס פערמיטלער פאַר די ליקווידירונג פון דעם אייגענטהום, און זיי האָבען איינגעלאַדען אַלע מוניציפּאַלי־טעטען פון פראַנקרייך צו טהאָן דאָס זעלבע. אזוי האָבען זיי גע־פונען אַ פּראַקטישען אופן, ווי אַזוי אָנצואווענדען דאָס געזעץ.

דער רעדאַקטאָר פון „די אַקטען פון דער קאָמונע" האָט גע־שילדערט פאָלשטענדיג, ווי די דיסטריקטען האָבען עס גע־בראַכט די פערזאַמלונג צו פערטרויען זיי מיט דיעזער וויכטיגער אַנגעלעגענהייט: „ווער רעדט און האַנדעלט אין נאָמען פון יע־נער גרויסער פערזענליכקייט, די קאָמונע פון פּאַריז? — פרעגט לאַקראָאַ, און ער ענטפערט: „די ביוראָ דע וויל (דער שטאָדט־ראַטה) צוערשט, פון וועמען דיעזער געדאַנק האָט געשטאַמט;

און נאכהער די דיסטריקטען, וועלכע האָבען דערצו מסכים גע־ווען, האָבען גענומען די זאך אין זייערע אייגענע הענד; אַנשטאָט דעם שטאָדט־ראטה, האָבען זיי פערהאַנדעלט דירעקט מיט'ן שטאאט, און דאָס מיינט, מיט דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, און ענדליך האָבען זיי דורכגעפיהרט דיעזע ליקווידירונג דירעקט, אלעס אנטקעגען דעם פאָרמעלען דעקרעט, אָבער מיט דער איינ־ווילינונג פון דער העכסטער פערזאמלונג."

וואָס איז זאָגאר נאָך מעהר אינטערעסאנט, איז דאָס, וואָס די דיסטריקטען, האָבענדיג איבערגענומען דיעזע אנגעלעגענ־הייט, האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען די „פערזאמלונג פון די רעפּרעזענטאטיווע פון דער קאָמונע", וועלכע איז געווען שוין צו אלט פאר אן ערנסטע טהאט, און זיי האָבען אין צוויי מאָל ארויסגע'פטר'ט פון דיעזער אנגעלעגענהייט דעם שטאָדט־ראטה, וועלכער האָט זיך געוואָלט ארייננמישען. „די דיסטריקטען האָל־טען עס פאר גלייכער", זאָגט לאַקראָא, צו גרינדען צוליעב דיע־זען ספּעציעלען צוועק א ספּעציעלע איבערלייגענדע פערזאמלונג, וועלכע בעשטעהט פון זעכציג דעלעגאַטען און א קליינעם עקזע־קוטיווען ראטה פון צוועלף מיטגליעדער, אויסגעקליבען פון דיעזע זעכציג רעפּרעזענטאַנטען.*)

---

*) ס. לאַקראָא אין זיין פאָררעדע צום פיערטען באַנד פון „די אַקטען פון דער קאָמונע", גיט א פאָלשטענדיגען רעפּאָרט וועגען דיזער אנגעלעגענהייט. אָבער איך קען ניט בייקומען דעם וואונש איבערצו־געבען דאָ די פאָלגענדע שורות פון דעם „אַדרעס צו דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג פון די דעפּוטאַטען פון די זעכציג סעקציאָנען פון פּאַ־ריז, בנוגע צו דער ערווערבונג, וואָס דאַרף געמאַכט ווערען אין דעם נאָמען פון דער קאָמונע פון די נאַציאָנאַלע אייגענטהימער!" ווען די מיטגליעדער פון דעם שטאָדט־ראַטה האָבען געוואָלט האַנדלען אין דיזער אַנגעלעגענהייט פון דעם אייגענטהום־פערקויף, אַנשטאָט די סעק־ציאָנען, האָבען די לעצטע פּראָטעסטירט, און זיי האָבען אויסגעדריקט די פאָלגענדע זעהר ריכטיגע אידעע וועגען די רעפּרעזענטאַנטען פון א פאָלק: „ווי איז עס מעגליך, אז די ערווערבונג, אויסגעפיהרט פון

האַנדלענדיג אויף אַזאַ אופן — און די פּריוואַטע־מענשען פון היינט וואָלטען געוויס ניט אַנדערש געהאַנדעלט — האָבען די דיסטריקטען פון פּאַריז געלעגט דעם פונדאַמענט פון אַ נייער, פרייער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן.

מיר זעהען, אַלזאָ, דאָס בשעת די רעאַקציאָן האָט געוואונען אַלץ מעהר און מעהר באָדען אין 1790, האָבען די דיסטריקטען פון דער אַנדערער זייט, געקראָגען אַלץ מעהר און מעהר איינפלוס אויף דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציאָן. וועהרענד די פערזאַמלונג האָט גראַדענווייז פערקלענערט די קעניגליכע מאַכט, האָבען די דיסטריקטען און שפּעטער די סעקציאָנען פון פּאַריז אויסגעברייט גראַדענווייז דאָס פעלד פון זייערע פונקציאָנען צווישען פאָלק. זיי האָבען אויף אַזאַ אופן פאַרבערייטעט דעם באָדען פאַר די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע פון דעם 10טען אויגוסט, און זיי האָבען צו דער זעלבער צייט געשמידעט די פערבינדונגס־קייט צווישען פּאַריז און די פּראָווינצען.

„מוניציפּאַלע געשיכטע“ — זאָגט לאַקראָאַ — „ווערט געמאַכט אויסער דער אָפיציעלער פערזאַמלונג. עס איז מיט דער הילף פון די דיסטריקטען, דאָס די וויכטיגסטע אַקטען אין קאָמונאַלען לעבען, סיי פּאָליטישע און סיי אַדמיניסטראַטיווע, ווערען אויסגעפיהרט. די ערוועהרבונג און דער פערקויף פון די נאַציאָנאַלע מאַיאָנטקעס געהט אָן, ווי די דיסטריקטען האָבען עס געוואָלט, דורך די פערמיטלונג פון זייער ספּעציעלען קאָמיסיאָנער. די נאַציאָנאַלע פעדעראַציאָן ווערט פאַרבערייטעט דורך אַ

---

דער קאָמונע זעלבסט, דורך די פערמיטלונג פון איהרע קאָמיסיאָנערען, ספּעציעל בעשטימט דערצו, זאָל זיין וועניגער געזעצליך, ווי ווען דאָס וואָלט אויסגעפיהרט געוואָרען פון איהרע אַלגעמיינע רעפּרעזענטאַנטען ... אַנערקענט איהר דען ניט מעהר דעם פּרינציפּ, דאָס *די פונקציאָנען פון דעם געשיקטען ענדיגען זיך אין דער אַנוועזענהייט פון דעם שיקער*“.... שטאָלצע און אמת׳ע ווערטער, וועלכע זיינען איצט בעגראָבען אונטער דער מאַסע פון רעגיערונגס־פיקציעס.

מיטינג פון דעלעגאַטען, וועמען די דיסטריקטען האָבען געגעבען אַ ספעציעלען מאַנדאַט... די פעדעראַציאָן פון דעם 14טען יולי איז אויך די אויסשליסליכע און דירעקטע ארבייט פון די דיסטריקטען". זייער פערמיטלער אין דיעזען פאַל איז געווען אַ פערזאַמלונג פון דעלעגאַטען פון די סעקציאָנען פאַר דיעזען צוועק.

עס איז אָפט געזאָגט געוואָרען, אז די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האָט רעפרעזענטירט די נאַציאָנאַלע איינינקייט פון פראַנקרייך. ווען אָבער עס איז ארויפגעשוואומען די פראגע מכח דעם פעסט פון דער פעדעראַציאָן, זיינען די פּאָליטיקער, ווי מישלע האָט בעמערקט, געוואָרען צושראָקענע, זעהענדיג מענשען פון אַלע טהיילען פון פראַנקרייך שטראָמענדיג צו פּאַריז צוליעב דעם יום־טוב; און די קאָמונע פון פּאַריז האָט געמוזט איינבּרעכען די טהירען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, אום צו קריגען איהר איינווילליגונג צו דיעזען פעסט. „צי האָט זי עס געגליכען, צי ניט, די פערזאמלונג האָט געמוזט איינווילליגען", לעגט מישלע צו.

אַ חוץ דעם, עס איז וויכטיג צו פערצייכענען, דאָס דיעזע בעוועגונג איז צוערשט געבאָרען געוואָרען (ווי בושעז און ראו האָבען דאָס שוין בעמערקט) פון דער נויט צו פערזיכערען פּאַריז מיט נאַהרונג, און אָנצונעהמען מיטלען געגען דאָס אריינדרינגען אין לאַנד פון אַ פרעמדער מאַכט; דאָס מיינט, דיעזע בעוועגונג איז געוועזן טהיילוויז דער רעזולטאַט פון אַ האַנדלונג פון אַ לאָקאַלער אַדמיניסטראַציאָן, און דאָך האָט זי אָנגענומען, אין די סעקציאָנען פון פּאַריז, דעם כאַראַקטער פון אַ נאַציאָנאַלער קאָנפעדעראַציאָן, אין וועלכער אַלע קאַנטאָנען פון די דעפּאַרטמענטס פון פראַנקרייך און אַלע רעגימענטען פון דער ארמיי זיינען געווען רעפרעזענטירט. די סעקציאָנען, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען פאַר די אינדיווידואַליזירונג פון די פערשיעדענע טהיילען פון פּאַריז, זיינען אויף אַזאַ אופן געוואָרען דער אינסטרומענט פאַר די פעדערירטע פעראייניגונג פון דער גאַנצער נאַציאָן.

## פינף־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

# די סעקציאָנען פון פאַריז אונטער דעם נייעם מוניציפּאַל־געזעץ.

די קאָמונע פון פאַריז. — די „שטענדיגקייט“ (פּערמאַנענץ) פון די סעקציאָן־פערזאַמלונגען. — דער מיסטרוי צו דער עקזעקוטיווער מאַכט. — די לאָקאַלע מאַכט איז נויטיג פאַר די דורכפיהרונג פון דער רעוואָלוציאָן. — די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג פּרובירט אָבצושוואַכען די מאַכט פון די דיסטריקטען. — דער מוניציפּאַלער געזעץ פון מאַי און יוני 1790. — די מאַכטלאָזיגקייט פון די אַטאַקעס פון דער פערזאַמלונג. — דער מוניציפּאַלער געזעץ ווערט איגנאָרירט. — די סעקציאָנען זיינען דער צענטר פון דער רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיווע. — די בירגער־קאָמיטעס. — די וואַקסענדע מאַכט פון די סעקציאָנען. — די צדקה־ביוראָס און די וואָהלטהעטיגקייטס־פאַבריקען ווערען געפיהרט פון די סעקציאָנען. — די קולטיווירונג פון לעדיג לאַנד.

---

אונזערע צייט־גענאָסען האָבען זיך אזוי ווייט געלאָזט בע־הערשען פון דער אידעע פון א צענטראַליזירטען שטאאט און פון דער נויטווענדיגקייט זיך צו אונטערוואַרפען איהם, דאָס די סאַמע אידעע פון קאָמונאַלער אונאַבהענגיגקייט — צו רופען עס בלויז „אויטאָנאָמיע“ איז ניט גענוג — וואָס האָט געהערשט אין 1789, זעהט אויס אין אונזער צייט זעהר פרעמד.

מ. ל. פּובער, רעדענדיג פון דעם פּלאַן פון מוניציפּאַ־

לער אָרגאַניזאַציאָן, וואס איז אָנגענומען געוואָרען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג דעם 21טען מאַי, 1790, איז פאָלשטענ־דיג גערעכט, ווען ער זאָגט, דאָס „די אָנווענדונג פון דיזען פּלאַן איצט וואָלט אויסגעוויזען, ווי אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט, זאָגאַר ווי אַ שטיק אַנאַרכיע — אַזוי שטאַרק האָבען זיך די אידעען געענדערט". און ער לעגט נאָך צו, דאָס צו יענער צייט האָבען די פּאַריזער געהאַלטען דיזען מוניציפּאַלען געזעץ דוקא פאַר גוט־געניגענד, ווייל זייט דעם מאָנאַט יולי 1789, זיינען זיי געוועהנט געוואָרען צו אַ זעהר גרויסער אונאַבהענגיגקייט פון זייערע דיסטריקטען.

אויס דיזען גרונד האָט די בעגרענצונג פון דער מאַכט פון שטאַאט, וועלכער שפּיעלט היינט־צו טאָג אַזאַ וויכטיגע ראָלע, אויסגעזעהען יעמאָלט, סיי ביי די פּאַריזער און סיי ביי די געזעצגעבער פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, צו זיין אַ פראַגע, וואָס איז גאָר איבריג צו דיסקוטירען, און וואָס וואָלט געמיינט די פערשוועכונג פון פרייהייט. ווי פּרודאָן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז „די קאָמונע וועט זיין אַלעס אָדער גאָרניט", האָבען די דיסטריקטען פון פּאַריז גאָרניט געמיינט אַנדערש, ווי דאָס די קאָמונע איז אַ ל ע ס. „אַ קאָמונע," האָבען זיי געזאָגט, „איז אַ געזעלשאַפט פון פעראייניגטע אייגענטהימער און פון איינ־וואוינער, אַרומגענומען פון אַ בעשטימטען פּלאַץ, און זי האָט קאָלעקטיווע דיזעלבע רעכטע, וואָס אַ בירגער." און אָנפאַנגענדיג מיט דיזער פערטייטשונג פון די רעכטע פון אַ קאָמונע, האָבען זיי זיך געהאַלטען פעסט ביי דעם געדאַנק, דאָס די קאָמונע פון פּאַריז, ווי יעדער אַנדערער בירגער, „האָבענדיג פרייהייט, אייגענ־טהום, זיכערהייט און דאָס רעכט צו ווערען זיך געגען אונטער־דריקונג, האָט פאָלגליך אויך יעדעס רעכט צו טהאָן, וואָס איהר געפעלט מיט איהר אייגענטהום, ווי אויך דאָס רעכט פון אַדמי־ניסטראַציע איבער איהר אייגענטהום, צו גאַראַנטירען די זיכער־הייט פון די איינצעלנע, צו האָבען איהר פּאָליציי, מיליטערישע מאַכט — אַלעס.". די קאָמונע מוז זיין דאָס אַלערהעכסטע אין איהר אייגענער טעריטאָריע: דער איינציגער תנאי — קען איך

צולעגען פון מיין זייט — פאַר דער ווירקליכער פרייהייט פון א קאַמונע.

דער דריטער טהייל פון דער הקדמה צו דעם מוניציפּאַל־געזעץ פון מאי 1790 האָט פעסטגעשטעלט א פּרינציפּ, וועלכער ווערט איצט קוים פערשטאַנען, וועלכער איז אָבער דאַן זעהר שטאַרק געשעצט געוואָרען. עס רעדט זיך דאָרט וועגען דער אויסאיבונג פון מאַכט אָהן אירגענד וועלכע פערמיטלער. „די קאָמונע פון פּאַריז —אַזוי הייסט עס בפירוש אין דער הקדמה — אַלס א רעזולטאַט פון איהר פרייהייט, זייענדיג אין בעזיץ פון איהר פולען רעכט און מאַכט, — נוצט זי זיי אימער אַליין אוים — דירעקט אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז מעגליך, און אַזוי ווענינ ווי מעגליך דורך דעלעגירטע.“

אין אַנדערע ווערטער, די קאָמונע פון פּאַריז האָט ניט געוואָלט זיין א רעגיערטער שטאַאט, נור א פאָלק, וואָס רעגיערט זיך אַליין דירעקט — ווען מעגליך — אָהן אירגענד וועלכע פערמיטלער, אָהן בעלי־בתים.

עס איז געווען די גענעראַל־פערזאַמלונג פון דער סעקציאָן, און ניט דער אויסערוועהלטער קאָמונאַל־ראַטה, וועלכע האָט געזאָלט זיין די העכסטע אויטאָריטעט אין אַלעם, וואָס איז געווען נוגע די איינוואוינער פון פּאַריז. און אויב די סעקציאָנען האָבען בעשלאָסען זיך צו אונטערוואַרפען צו א בעשלוס פון א מאַיאָרי־טעט צווישען זיך זעלבסט אין אַלגעמיינע פראַגען, האָבען זיי נאָך דערמיט ניט ענטזאַגט זיך פון זייערע רעכטע אריינצוטרע־טען איינע מיט די אַנדערע אין געוויסע פערבינדונגען אָדער פון איבערגעהן פון איין סעקציאָן אין די צווייטע מיט דעם צוועק צו האָבען א ווירקונג אויף די בעשליסע פון זייערע שכנים, און אויף אַזאַ אופן אָנווענדען אַלע מיטלען צו דערגרייכען אן איינ־שטימיגען בעשלוס.

די „שטענדיגקייט“ פון די גענעראַל־פערזאַמלונגען פון די סעקציאָנען — דאָס מיינט, די מעגליכקייט צו רופען א גענעראַל־פערזאַמלונג, ווען נור די מיטגליעדער פון דער סעקציאָן ווילען עס, און דיסקוטירען דאָרט אַלעס — דאָס, האָבען זיי געגלויבט,

וועט ערציהען יעדען בירגער פּאָליטיש, און וועט איהם געבען די מעגליכקייט, ווען נויטיג, אויסצואוועהלען מיט פולען בעוואוסטזיין די יעניגע, וועמעס איבערגעבענהייט ער וועט האָבען איינגעזעהן, און וועמעס אינטעליגענץ ער וועט האָבען געווירדיגט. דיזע שטענדיגע פערזאַמלונג — דיזער אייביג־אָפענער פאָרום — איז דער איינציגער וועג — האָבען זיי געטראַכט — צו פערזיכערען זיך מיט אַן עהרליכער און אינטעליגענטער אַדמיניסטראַציאָן.

ענדליך, ווי דאָס זאָגט אויך פובער, האָט אויך דער מיסטרוי געהאַט זיין השפּעה אויף די סעקציאָנען: דער מיסטרוי צו יעדער עקזעקוטיווער מאַכט. „דער, וואָס האָט די עקזעקוטיווע מאַכט, צוליעב וואָס ער איז אויך דער בעזיצער פון דער געוואַלט, מוז נויטוועדיגערווייזע מיסברויכען איהר." דאָס איז די מיינונג פון מאָנטעסקיע און רוססאָ — לעגט צו פובער — זי איז אויך מיינע."

די קראַפט, וואָס דיזער שטאַנדפּונקט האָט געגעבען דער רעוואָלוציע, קען לייכט פערשטאַנען ווערען. זיין ווירקונג איז אָבער געווען נאָך פיעל גרעסער, ווייל דיזער שטאַנדפּונקט איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט אַ צווייטען, אויף וועלכען אויך פובער ווייזט אָן. „די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג — שרייבט ער — איז פּונקט אַזוי שטאַרק געגען צענטראַליזאַציאָן, ווי געגען דעם דעספּאָטיזם." דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אַלזאָ שוין פון דעם סאַמע אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן פערשטאַנען, דאָס די גרויסע ארבייט פון ענדיגען אַלעס, וואָס איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף איהם, קען ניט אויסגעפיהרט ווערען ניט דורך די קאָנסטיטוציע און ניט דורך אירגענד אַ צענטראַלע מאַכט, נור דאָס זי מוז אויסגעפיהרט ווערען פון די לאָקאַלע קרעפטען. אום דאָס אויסצופיהרען, מוזען זיי זיין פריי.

פיליינכט האָבען זיי אויך געטראַכט, דאָס די ערקעמפּפונג פון פרייהייט מוז אויפגענומען ווערען גאַנץ בעזונדער אין יעדען דאָרף, אין יעדער שטאָדט. דאַן וואָלט די בעגרענצונג פון דער

קעניגליכער מאכט ממילא שוין געווען א זעהר לייכטע זאך דורכצופיהרען.

די נאציאנאל־פערזאמלונג האט, אהן שום צווייפעל, אנ־געווענדעט אלע מיטלען אבצושוואכען די מאכט פון די דיסטריק־טען, און צו ברענגען זיי אונטער די אויפפאסונג פון א קאמונא־לער רעגיערונג, וועלכע די נאציאנאלע רעפרעזענטאנטען זאלען קענען קאנטראלירען. און דערפאר האט דער מוניציפאלער געזעץ פון דעם 27טען מאי ביז דעם 27טען יוני 1790, אונטערדריקט די דיסטריקטען. די אבזיכט איז געווען קלאר: צו מאכען א סוף צו דיזע מעכטיגע אגיטאציאנס־פלעצער פון דער רעוואלו־ציאן, און דערפאר האט דער נייער געזעץ איינגעפיהרט א נייע צוטהיילונג פון פאריז — אין 48 סעקציאנען — אין וועלכע נור א ק ט י ו ו ע בירגער זאל זיין ערלויבט אנטהייל צו נעהמען אין די אויסוועהלענדע און אדמיניסטראטיווע פערזאמלונגען פון די נייע סעקציאנען.

נאך מעהר, דער געזעץ איז געווען פארזיכטיג גענוג צו בעשטימען די פליכטען פון די סעקציאנען, ערקלערענדיג, דאס אין זייערע פערזאמלונגען זאלען זיי זיך ניט פערנעהמען „מיט קיינע אנדערע געשעפטען, ווי נור מיט די וואהלען און מיט דער אדמיניסטראציאן פון דער בירגערליכער שבועה". אבער דאס טאקע האבען די סעקציאנען ניט געפאלגט, און זיי האבען געהאנדעלט פונקט אזוי, ווי פריהער די דיסטריקטען. נאך אלעמען איז דער מוניציפאלער געזעץ גופא געווען געצוואונגען צו בעוויליגען צו די סעקציאנען די אדמיניסטראטיווע רעכטע, וועלכע די דיסטריקטען האבען שוין אליין גענומען פאר זיך. מיר געפינען דארום אונטער דעם נייעם געזעץ די זעלבע זעכ־צעהן קאמיסיאנערען, וועלכע מיר האבען געזעהען אין די דיס־טריקטען — אויסערוועהלט און בעאויפטראגט אויסצופיהרען די טהעטיגקייטען פון פאליציי און ריכטער, און אויך פערטרויט „מיט דער אדמיניסטראציאן פון דעם דעפארטמענט, מיט דער בעשטימונג פון שטייערען אין זייערע דיסטריקטען". נאך מעהר, אויב די גרינדונגס־פערזאמלונג האט אבגעשאפט די

פערמאַנענץ — דאָס הייסט, דאָס שטענדיגע רעכט פון די סעק־ציאָנען צו פערזאַמלען זיך אָהן אַ ספּעציעלע איינבערופונג — איז זי אָבער דאָך געווען געצוואונגען אַנצוערקענען זייער רעכט אָבצוהאַלטען אַלגעמיינע פערזאַמלונגען אויף דעם פערלאַנג פון פינף „אַקטיווע“ בירגער. *)

דאָס איז געווען פאַלשטענדיג גענוג, און די בירגער האָבען ניט פערפעהלט זיך צו בענוצען דערמיט. למשל, עס איז פאַר־איבער קוים אַ מאָנאַט, זייט עס איז אינסטאַלירט געוואָרען די נייע מוניציפּאַל־רעגיערונג, ווען דאַנטאָן און באַלי זיינען אַוועק צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אין דעם נאָמען פון דריי־און־פערציג פון די אַכט־און־פערציג סעקציאָנען, און האָבען געפאָר־דערט די זאָפאָרטיגע ענטלאַסונג פון די מיניסטאָרען און דאָס שטעלען זיי פאַר אַ נאַציאָנאַלען געריכט.

די סעקציאָנען האָבען ניט געלאָזט זיך רויבען פון קיינע פון זייערע פרייהייטען און רעכטע, און כאָטש לויט דעם געזעץ האָבען זיי ניט געהאַט מעהר דיזע רעכטע, דאָך אין דער ווירק־

---

*) דאַנטאָן האָט גרינדליך פערשטאַנען די נויטווענדיגקייט פון צו שיצען פאַר די סעקציאָנען די אַלע רעכטע, וועלכע זיי האָבען ערקלערט אַלס זייערע אין דעם ערשטען יאהר פון דער רעוואָלוציאָן. און פון דעם שטאַמט עס, וואס „די אַלגעמיינע פיהרונג פאַר די קאָמונע פון פּאַריז“, וועלכע איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון די דעפּוטאַטען פון די סעקציאָנען, טהיילווייז אונטער דעם איינפלוס פון דאַנטאָן, און וועלכע איז אָנגענומען געווארען דעם 7טען אַפּריל 1790 פון פערציג דיסטריקטען, האָט אָבגעשאַפט דעם אַלגעמיינעם קאָמונאַלען ראַטה. זי האט איבערגעלאזען אלע בעשליסע צו די בירגער, פערזאַמעלט אין זייערע סעקציאָנען, און די סעקציאָנען זיינען געבליעבען ביי זייער מאַכט פון „פערמאַנענץ“. קאָנדאָרסע, ווידער, אין זיין מוניציפּאַל־פּלאַן, בלייבענדיג געטריי צו דער אידעע פון אַ רעפּרעזענטאַטיווער רעגיערונג, האָט פערקערפּערט די קאָמונע אין איהר אויסגעוועהלטען אַלגעמיינעם ראַטה, וועמען ער האָט איבערגעגעבען אַלע רעכטע.

ליכקייט זיינען זיי געבליעבען ביי זיי און האָבען זיי מיט שטאָלץ דעמאָנסטרירט ביי יעדער געלעגענהייט. זייער פעטיציע צו דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג — ווי דער אמת איז — האָט גאָר ניט געהאַט צו טהון מיט מוניציפּאַלע אַנגעלעגענהייטען, אבער זיי האָבען געהאַנדעלט, האָבען גענומען אַ בעשטימטע שטעלונג, און דאָס איז שוין געווען גענוג. אַ חוץ דעם, די סעקציאָנען, צוליעב די פערשיעדענע טהעטיגקייטען, וואָס זיי האָבען גענומען אויף זיך, זיינען געוואָרען פון אַזאַ וויכטיגקייט, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האָט זיך צוגעהערט צו זיי מיט גרויס דרך ארץ.

דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם פּאַראַגראַף פון דעם מוניציפּאַלען געזעץ פון 1790, וועלכער האָט געגצליך אונטער־וואָרפען די מוניציפּאַליטעטען „צו דער אדמיניסטראַציאָן פון דעם דעפּאַרטמענט און דעם דיסטריקט אין אַלץ, וואָס איז נוגע די טהעטיגקייטען, וואָס זיי דאַרפען אויספיהרען דורך די פולמאַכט פון דער אַלגעמיינער אדמיניסטראַציאָן." ניט די סעקציאָנען און ניט די קאָמונע פון פּאַריז, און אויך ניט די פּראָווינציעלע קאָמונען האָבען געפאָלגט דיזע בעשטימונג. זיי האָבען עס איינפאַך איגנאָרירט, און זיינען געבליעבען ביי זייער אונאַבהענגיגקייט.

רעדענדיג אין אַלגעמיין, האָבען די סעקציאָנען אַלץ מעהר און מעהר גענומען אויף זיך די ראָלע פון צו זיין די מיטעל־פּונקטען פון דער רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיווע, וועלכע האָט געהערט די דיסטריקטען. און אויב זייער טהעטיגקייט איז אַביסעל שוואַך געוואָרען אין דעם משך פון דער רעאַקציאָן, וועלכע פראנקרייך האָט דורכגעלעבט אין 1790 און אין 1791, זיינען דאָס אָבער נאָך אימער געווען די סעקציאָנען, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהען, וועלכע האָבען אויפגעטרייסעלט פּאַריז אין 1792, און האָבען פּאָרבערייטעט די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע פון דעם 10טען אויגוסט.

אַ דאַנק דעם געזעץ פון מאַי 21, 1790, האָט יעדע סעקציאָן געהאַט צו בעשטימען זעכצעהן קאָמיטעט־לייט, וועלכע זאָלען בילדען זייערע בירגערליכע קאָמיטעס, און דיזע קאָמיטעס, צו־

ערשט פערטרויט בלויז מיט דער פאליציי־פונקציאן, האבען קיינמאל ניט אויפגעהערט פאר די גאנצע צייט פון דער רעוואלוציאן אויסצושפרייטען זייערע פונקציאנען אויף יעדע ריכטונג. אזוי, למשל,אין סעפטעמבער 1790, איז די נאציאנאל־פערזאמלונג געוועזען געצוואונגען צו בעוויליגען צו די סעקציאנען דאס רעכט, וועלכעס די שטראסבורגער סעקציאנען האבען גענומען שוין פאר זיך אין 1789, נעמליך: דאס רעכט צו בעשטימען פריעדענס־ריכטער און זייערע אסיסטענטען, ווי אויך ארביטרירענדע ריכטער. און דיעזעס רעכט האבען די סעקציאנען פראקטיצירט, ביז עס איז אבגעשאפט געווארען פון דער יאקאבינישער רעגיערונג, וועלכע איז געגרינדעט געווארען דעם 4טען דעצעמבער, 1793.

פון דער אנדערער זייט, דיזעלבע בירגערליכע קאמיטעס פון די סעקציאנען האבען אויסגעקעמפפט, צום סוף פון 1790, נאך א שטארקען קאמפף, צו קריגען די מאכט פון אדמיניסטראציאן איבער די צדקה־אנשטאלטען, ווי אויך דאס זעהר וויכטיגע רעכט פון אויפפאסען און ארגאניזירען די צוטהיילונג פון שטיצע, וואס דאס האט זיי געגעבען די מעגליכקייט אויף דעם פלאץ פון די צדקה־פאבריקען פון דעם אלטען רעזשים איינצופיהרען אונטערשטיצונגס־ארבייט אונטער דער אויפפאסונג פון די סעקציאנען גופא. אויף אזא אופן האבען זיי זעהר פיעל דערגרייכט. זיי האבען מיט דער צייט זיך אונטערנומען צו פערזארגען די ארמיי מיט קליידער און שיך, זיי האבען ארגאניזירט פערשיעדענע אינדוסטריען, אזוי גוט, דאס אין 1793 האט אירגענד א בירגער, וואס האט געהאט זיין וואוינונג אין א געוויסע סעקציאן, נור בעדארפט קומען אין די פאבריק פון דער סעקציאן, און ער איז זיכער געוועזען צו קריגען ארבייט. א גרויסע מעכטיגע ארגאניזאציאן האט זיך שפעטער ענטוויקעלט פון דיזע ערשטע פראבען, אזוי, דאס אין דעם רעוואלוציאנס־יאהר צוויי (1793—1794) האבען די סעקציאנען פרובירט אין גאנצען איבערצונעהמען דאס פאבריצירען, ווי אויך די פערזארגונג פון דער ארמיי מיט קליידונג.

„דאָס רעכט אויף אַרבייט“, וואָס דאָס פאָלק אין די גרויסע שטעדט האָט געפאָדערט אין 1848, איז דערפאַר געווען בלויז אַן עראינערונג אָן דעם, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן אין פּאַריז. אָבער אין 1792—93 איז דאָס אָרגאַניזירט געוואָרען פון אונטען, ניט פון דער הויך, ווי עס האָבען געוואָלט *) עס זאָל זיין לואי בלאַן, ווידאל און אַנדערע אויטאָריטעטס־גלויביגע, וועלכע זיינען געזעסען אין דעם לוקסעמבורג פון מערץ ביז יוני 1848.

עס איז דאַן געווען זאָגאר נאָך עטוואָס בעסערעס ווי דאָס. ניט נור האָבען די סעקציאָנען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אויפגעפּאַסט אויף צושטעלונג און פערקויף פון ברויט, בעשטימענדיג די מקחים פון זאַכען פון דער ערשטער נויטווענדיגקייט, נור זיי האָבען אויך אָנגעפאַנגען די קולטיווירונג פון גרויסע לעדיגע שטיקער לאַנד פון פּאַריז, און אויף אַזאַ אופן שטאַרק פערגרעסערט דעם אַגריקולטורעלען פּראָדוקט.

דאָס מעג אויסזעהען „אַ קלייניגקייט“ פאַר די יעניגע, וועלכע דענקען בלויז פון קוילען און באַריקאַדען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, אָבער אָט טאַקע דערפאַר ווייל זיי זיינען אַריין אין די קליינע איינצעלהייטען פון דעם אַרבייטערס טעגליכען לעבען, האָבען די סעקציאָנען פון פּאַריז געקראָגען און ענטוויקעלט זייער פּאָליטישע מאַכט און זייער רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיווע.

אָבער מיר דאַרפען ניט פערכאַפּען אויף פריהער. לאָמיר אויפנעהמען כסדר דעם שטראָם פון די פּאַסירונגען. מיר וועלען זיך צוריקקעהרען צו די סעקציאָנען פון פּאַריז, ווען מיר וועלען קומען צו דערצעהלען די געשיכטע פון דער קאָמונע פון דעם צעהנטען אויגוסט.

---

*) מיר זאָגען געוואָלט, ווייל אין 1848 איז אויסער רייד און דעבאַטען גאָר ניט געטהאָן געוואָרען.

### זעקס־און־צוואנציגסטער קאַפּיטעל.

## די פערציהונגען אין דער אַבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע.

דאָס פאָלק פערלאַנגט די אָבשאַפונג פון דער פעאָדאַלער סיסטעם. — די ציעלען פון די מיטעל־קלאַסען. — די פאַמעליכדיגע פער־פרעמדקייט צווישען די מיטעל־קלאַסען און פאָלק. — די „אַנאַרכיסטען“. — די זשיראָנדיסטען. — די וויכטיגקייט פון דער פעאָדאַלער פראַגע אין דער רעוואָלוציאָן. — דער 4טער אויגוסט, 1789. — די רעאַקציאָנערע פאַרטיי געווינט באָדען. רעכטע פון עהרע און פון פראָפיט. — די דעקרעטען פון דעם 27טען פעברואַר, 1790. — דער פעאָדאַליזם דריקט נאָך אַלץ די בויערן. — די צרות פון די בויערן.

---

מיט דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָן ווערען אַלץ דייט־ליכער און דייטליכער די צוויי שטרעמונגען — די פאָלקס־שטרעמונג און די מיטעלקלאַס־שטרעמונג, — פון וועלכע מיר האָבען גערעדט אין אָנפאַנג. בעזאָנדערס ווערט עס בולט אין די עקאָנאָמישע אַנגעלעגענהייטען.

דאָס פאָלק האָט געשטרעבט צו מאַכען אַ סוף צו דער פעאָדאַל־סיסטעם, און האָט מיט זיין גאַנצען פייער געוואונשען גלייכהייט, ווי אויך פרייהייט. דערפאַר, זעהענדיג, ווי עס פער־ציהט זיך זאָגאַר דער קאַמפף געגען קעניג און די פריסטער, האָט ער פערלאָרען די געדולד און האָט פּרובירט צו ברענגען די רעוואָלוציאָן צו איהר לאָגישער ענטוויקלונג. ער האָט פאָר־אויסגעזעהען, אַז די רעוואָלוציאָנערע בעגייסטערונג וועט אין

א קורצער ווײַלע זיך אויסוועפּען און ער האָט דערפאר געשטרעבט, אַז שוין קײנמאָל, קײנמאָל זאָל ניט זײַן מעגליך דאָס צוריקקומען פון דעם קעניגליכען דעספּאָטיזם און די געוועלטיגונג פון די רײַכע און די פּריסטער. און אָט אויס דיזען גרונד האָט דאָס פאָלק געוואונשען — וועניגסטענס אין פיעלע טהײלען פון פראַנקרײַך — צוריקצוקריגען דעם בעזיץ פון לאַנד, וואָס איז אוועקגערויבט געוואָרען פון די דאָרף געמײנדען, און האָט געפאָדערט לאַנד־געזעצע, וועלכע זאָלען מאַכען מעגליך פאַר יעדען אײנעם צו בעאַרבײַטען דאָס לאַנד, ווען ער וויל עס נור, און געזעצע, וועלכע זאָלען אוועקשטעלען רײַך און אָרעם אויף א גלײַכען פוס בנוגע זײערע רעכטע, אלס בירגער.

דאָס פאָלק האָט רעוואָלטירט, ווען ער איז געוועזען געצוואונגען צו צאָהלען מעשר, און ער האָט זיך אַלײן געמאַכט פאַר דעם בעל־הבית פון די שטאָדט־רעגירונגען, אום צו קענען קעמפּפען געגען די פּריסטער און לענדלאָרדס. אין קורצען, דאָס פאָלק האָט פעסטגעהאַלטען די רעוואָלוציאָנערע פערהעלטניסע אין דעם גרעסערען טהײל פון פראַנקרײַך, וועהרענד אין פּאַריז האָט ער גאַנץ שטאַרק אױפגעפּאַסט אויף די געזעצמאַכער פון דעם זעהר גינסטיגען פונקט פון די גאַלערעען אין דער פערזאַמלונג און אין זײַנע קלובס און מיטינגען פון די סעקציאָנען. ענדליך, ווען עס איז געוואָרען נויטיג צו דערלאַנגען א שווערען קלאַפּ דעם קעניגטהום, האָט דאָס פאָלק אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד און האָט געקעמפּפט מיט וואַפען אין די הענד דעם 14טען יולי, 1789, און דעם 10טען אויגוסט, 1792.

די מיטעל־קלאַסען פון זײער זײַט האָבען געאַרבײַט מיט זײער גאַנצען כח פאַר די פאָלשטענדיגע „מאַכט־פערטהײלונג“ — די פּראַזע, וועלכע, ווי מען זעהט, שטאַמט פון יענער צײַט. וואָס מעהר עס האָט זיך צוברעקעלט די מאַכט פון קעניג און הויף, ביז זי איז געוואָרען אַלגעמײן פעראַכטעט, דאָס מעהר האָבען די מיטעל־קלאַסען ענטוויקעלט זײער אײגענע מאַכט. זײ האָבען אָנגענומען א פעסטע שטעלונג אין די פּראָווינצען,

און אין דער זעלבער צייט האָבען זיי זיך אונטערגעאיילט פעסטצוגרינדען זייער איצטיגע און צוקינפטיגע עשירות.

אויב אין געוויסע געגענדען איז אַ גרעסערער טהייל פון די קאַנפיסקירטע רייכטהימער פון די „עמיגראַנטען“ און די פריסטער איבערגעגאַנגען אין קליינע חלקים אין די הענד פון די אָרימע, ווי מען קען עס אויסגעפינען פון די אויספאָרשונגען פון לוטשיצקי, איז אָבער אין אַנדערע געגענדען געווען גאָר־ניט אַזוי. דאָרט האָט אַ גרויסער טהייל פון די קאַנפיסקירטע אייגענטהימער געדיענט דער בערייכערונג פון די מיטעל־קלאַ־סען, וועהרענד אַלערליי פינאַנץ־ספעקולאַציאָנען האָבען גע־דיענט אַלס די פונדאַמענטען פון גאָר פיעלע גרויסע פערמע־גענס צווישען דעם דריטען שטאַנד.

אָבער, וואָס די געבילדעטע מיטעל־קלאַסען האָבען בעזאָנ־דערס געהאַט אין זינען — נעהמענדיג פאר זיך אַלס מוסטער די רעוואָלוציאָן אין ענגלאַנד פון 1648 — איז געווען, אַז איצט איז די צייט זיי זאָלען פערכאַפּען די רעגיערונג פון פראַנקרייך, און דאָס דער קלאַס, וואָס וועט רעגירען, וועט אויך האָבען דעם גאַנצען רייכטהום, און נאָך מעהר דערפאַר, ווייל די ספערע פון טהעטיגקייט פון שטאַאט האָט געדאַרפט שטאַרק זיך אויסברייטען צוליעב די בילדונג פון אַ גרויסער שטענדיגער אַרמעע, און צוליעב די רעאָרגאַניזירונג פון דער עפפענטליכער ערציהונג, פון דער גערעכטיגקייטס־סיסטעם, דער ארויפלעגונג פון שטייערען, און אַלעם אַנדערע. דאָס, האָט מען געזעהען קלאָר, איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציאָן אין ענגלאַנד.

מען קען דארום לייכט בעגרייפען, דאָס צווישען די מי־טעל־קלאַסען און דעם פאָלק איז געוואָרען דער אָבגרונד אַלץ ברייטער — יענע מיטעל־קלאַסען, וועלכע האָבען געוואונשען די רעוואָלוציאָן און האָבען צוגערעדט דאָס פאָלק אַנטהייל צו נעה־מען אין איהר, אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבען ניט געפיהלט דאָס, „די פערכאַפּונג פון דער מאַכט“ איז שוין אויסגעפיהרט פאר זייער פאַרטהייל, און יענעם פאָלק, וועלכעס האָט געזעהען אין דער

רעוואָלוציאָן דעם מיטעל צו בעפרייען זיך פון דעם דאָפּעלטען יאָך פון אָרעמקייט און פּאָליטישער מאַכטלאָזיגקייט.

אויף איין זייט זיינען געשטאַנען די יעניגע, וועמען די „אָרדנונגס־מענשען" פון יענער צייט און די „שטאַאטס־מענשען" האָבען אָנגערופען מיט'ן נאָמען „אַנאַרכיסטען". צו דיזע זיינען אויך צוגעשטאַנען אַ געוויסע צאָהל מענשען פון די מיטעלע קלאַסען — מאַנכע מיטגליעדער פון דעם קלוב פון די קאָרדעליערס און וועניגע פון דעם קלוב פון די יאַקאָבינער. אויף דער אַנדערער זייט זיינען געשטאַנען די זאָגענאַנטע שטאַאטס־מענשען, אָדער, ווי מען האָט זיי יעמאָלט גערופען, „די פּערטהיידיגער פון אייגענטהום", און זיי האָבען געפונען דעם אויסדרוק פון זייערע געדאַנקען און שטרעבונגען אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי פון די יעניגע, וועלכע מען האָט שפּעטער גערופען מיט דעם נאָמען „די זשיראָנדיסטען"; דאָס הייסט, צווישען יענע פּאָליטיקער, וועלכע האָבען זיך גרופּפּירט אין 1792 ארום בריסאָ און דעם מיניסטער ראָלאָן.

מיר האָבען שוין דערצעהלט אין דעם פופצעהנטען קאַפּיטעל, ווי עס האָט איינגעשרומפּפט די כלומר'שטדיגע אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע אין דער נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט דורך די דעקרעטען, וועלכע די פערזאַמלונג האָט אָנגענומען פון דעם 5טען ביז דעם 11טען אויגוסט, און איצט זעהען מיר, ווי ווייטער עס האָט זיך ענטוויקעלט די געזעצגעבונג איבער דיעזען ענין אין די יאָהרען 1790-1791.

אָבער אַזוי ווי דיזע פראַגע פון פעאָדאַלע רעכטע איז די סאַמע וויכטיגסטע אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָן, און אַזוי ווי זי איז פערבליבען אונגעלייזט ביז 1793, נאָך דעם ערשט, ווי די הויפּט־אָנפיהרער פון די זשיראָנדיסטען זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן, וועל איך, זאָגאַר אויף דער ריזיקע צו ווידערהאָלען מאַנכעס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט, נאָך אַ מאָל מאַכען אַ סך הכל פון דער געזעצגעבונג פון דעם מאָנאַט אויגוסט פון 1789, איידער איך וועל בעריהרען דאָס, וואָס עס איז געטהאָן געוואָרען אין די פאָלגענדע צוויי יאָהר.

דאָס איז נאָך מעהר נויטווענדיג, ווייל איבער דיזען געגענשטאַנד הערשט לײדער אַ גרויסע מחות־צומישעניש, חאָטש די אָבשאַ־פונג פון די סאָציאַלע רעכטע איז געווען די הויפּט־ארבייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. איבער דיזע פראגע זיינען די הויפּט־שטרייטיגקייטען געפיהרט געוואָרען, סיי אין דעם פראַ־ווינציעלען פראנקרייך און סיי אין דער פערזאַמלונג, און פון אַלץ, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט אויפגעטהאָן, איז עס די אָבשאַ־פונג פון דיזע פעאָדאַלע רעכטע, וועלכע האָט אם בעסטען אי־בערלעבט אַלערליי פּאָליטישע שיקזאַלען, וועלכע פראנקרייך האָט דורכגעמאַכט אין דעם משך פון דעם 19־טען יאהרהונ־דערט.

וועגען דער אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע, האָבען זיכער ניט אָנגעהויבען צו טראַכטען די יעניגע, וועלכע האָבען גערופען צו אַ סאָציאַלער בענייאונג פאר 1789. אַלעס, וואָס זיי האָבען בעצוועקט, איז געווען צו בעזייטיגען דעם מיסברויך, וואָס איז געטריבען געוואָרען מיט דיזע רעכטע. מאַנכע רע־פאָרמער האָבען זאָגאר שטאַרק געצווייפעלט, אויב עס וועט מעגליך זיין צו „פערשמעלערען די פּריצישע פּריווילעגיעס“, ווי נעקער האָט געזאָגט. עס איז געווען די רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אוועקגעשטעלט די פראגע פון דער גענצליכער אָבשאַפונג פון דיזע רעכטע.

„אַלערליי אייגענטהום, אָהן אן אויסנאַהם, וועט אימער ווערען געאַכטעט,“ האָבען זיי געמאַכט זאָגען דעם קעניג ביי דער ערעפנונג פון די גענעראַל־שטאַאטען. און עס איז נאָך צוגעגעבען געוואָרען, דאָס „זיין מאַיעסטעט“ פערשטעהט אונ־טער דעם וואָרט „אייגענטהום“ די פעאָדאַלע און פריצישע מעשר, טעקסעס, רענטעס, רעכטע און, אין אַלגעמיין גערעדט, אַלע פּריווילעגיעס און רעכטע, רעכטע פון עהרע אָדער פּראָפיט, וואָס געהען צוזאַמען מיט דעם אייגענטהום, מיט די מאַיאָנט־קעס, וואָס געהערען צו אירגענד אַ מענשען.“

קיינער פון די צוקינפטיגע רעוואָלוציאָנערען האָט דאן ניט

פראָטעסטירט געגען דיזע אויסטייטשונג פון די רעכטע פון די לאָרדען און לאַנד־אייגענטהימער אין אַלגעמיין.

„אָבער“ — זאָגט דאַללאָז — דער וואויל־בעקאַנטער פער־פאַסער פון דעם „רעפּערטואר פון יוריספּרודענץ“, וועמען קיינער וועט זיכער ניט בעשולדיגען אין רעוואָלוציאָנערע איבערטריי־בונג — די מענשען אויף דעם לאַנד האָבען אַנדערש פערשטאַנען די פּריוויהייטען, וועלכע מען האָט זיי צוגעזאָגט. איבעראַל האָבען זיך די דערפער ערהויבען צום אויפשטאַנד. די שלעסער זיינען פערברענט געוואָרען, און די אַרכיוועו אין די פּלעצער, וואו די חשבונות פון די פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען זיינען געווען, זיינען פערניכטעט געוואָרען; און אין אַ גרויסער צאָהל פּלעצער האָבען די לענדלאָרדס געגעבען זייער אונטערשריפט אויף דאָקומענטען, אין וועלכע זיי ענטזאַגען זיך פון זייערע רעכטע.“

אָט דאָן, אַלזאָ, ביי דעם פלאַקער פון די ברענענדע שלע־סער און וועהרענד דעם אויפשטאַנד פון די בויערען, וועלכער האָט געסטראַשעט צו ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער, האָט שטאַטגעפונען די זיצונג פון דעם 4טען אויגוסט, 1789.

ווי מיר האָבען געזעהען, האָט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אָבגעשטימט אין יענער נאַכט אַן ערקלערונג פון פּרינציפּען, פון וועלכע דער ערשטער זאַץ האָט געלויטעט, אַז „די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג שאַפט אָב פאָלשטענדיג די פעאָדאַלע סיסטעם.“

דער איינדרוק, וועלכען דיזע ווערטער האָבען געמאַכט, איז געווען אונגעהויער. זיי האָבען אויפגעטרייסעלט גאַנץ פראַנק־רייך און אייראָפּאַ. די זיצונג פון יענער נאַכט איז כאַראַקטערי־זירט געוואָרען, אַלס „די סט. באַרטאָלאָמעי פון אייגענטהום“. אָבער באַלד אויף מאָרגען, ווי מיר האָבען געזעהען, האָט די פערזאַמלונג געענדערט איהר מיינונג. דורך אַ רייהע פון דע־קרעטען, אָדער ריכטער, פון רעזאָלוציאָנען, וואָס זיינען דורכ־געגאַנגען אויגוסט דעם 5טען, 6טען, 8טען, 10טען און 11טען, האָט זי צוריק אויפגעבויט און אָוועקגעשטעלט אונטער דעם שוץ פון דער קאָנסטיטוציע אַלעס, וואָס איז געווען דער סאַמע עיקר אין די פעאָדאַלע רעכטע. ענטזאַגענדיג זיך, מיט געוויסע

אויסנאַהמען, פון די פערזענליכע דיענסטע, וואָס עס האָט זיי געקומט, האָבען די לאָרדען געהיט דאָס שטאַרקער די יעניגע רעכטע, וועלכע זיינען געוועזען פונקט אזוי משונה׳דיג, וועלכע האָבען געקאָנט אויף דעם לייכטעסטען אופן אויסגעטייטשט ווערען, אַלס רענט, וואָס קומט דעם פריץ פאַר דעם געברויך פון זיין לאַנד — די ווירקליכע רעכטע, ווי די געזעץ־מאַכער האָבען דאַן ערקלערט. דיזע זיינען געוועזען ניט בלויז רענט פאַר דעם לאַנד־אייגענטהום, נור אויך אַ גרויסע צאָהל פערשיעדענע אָבצאָהלונגען, אין געלד, אָדער אין אַרבייט, לויט נאָך דעם פלאַן, וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען, ווען די פאַנטשיזנע איז אָבגעשאַפט געוואָרען, און וואָס איז דאַרום פון דאַן אָן געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם בעזיץ פון לאַנד. אַלע דיזע „פליכטען“ זיינען געוועזען איינגעטראָגען אין די ביכער, אָדער „טערריערס“, ווי מען האָט זיי דאַן גערופען, און זייט דאַן זיינען דיזע רעכטע בעוויליגט אָדער פערקויפט געוואָרען צו דריטע פאַרטיעס.

קורץ און גוט, אַלעס, וואָס איז געוועזען פון אירגענד אַ געלד־ווערטה אין די פעאָדאַלע רעכטע, איז אין גאַנצען פערבליבען. די בויערען האָבען נור געהאַט זייער רעכט זיך אויסצוקויפען פון דיזע אָבצאָהלונגען, אויב זיי זאָלען אַמאָל קומען צו אַן איינפערשטענדניס מיט זייערע לענדלאָרדס וועגען זייער אויסקויף־פרייז. די פערזאַמלונג איז געוועזען גענוג פאָרזיכטיג ניט צו בעשטימען ניט די צייט, ווען דער אויסקויף מוז שטאַטפינדען, און ניט, ווי הויך עס זאָל זיין דער אויסקויף־פרייז.

אין דער אמת׳ען, אַ חוץ דעם, וואָס די אידעע פון דעם פעאָדאַלען אייגענטהום איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען דורך דעם ערשטען זאַץ פון די רעזאָלוציאָנען פון אויגוסט דעם 5טען ביז צום 11טען, איז אַלעס, וואָס האָט געהאַט צו טהאָן מיט אָבצאָהלונגען פאַר דעם געברויך פון לאַנד, געבליבען פונקט ווי געוועזען, און די שטאָדט־רעגיערונגען האָבען געקראָגען אַ בעפעהל צו „ברענגען די בויערען צום פערשטאַנד“, אויב זיי זאָלען זיך ענטזאַגען צו צאָהלען. מיר האָבען געזעהען מיט וועל-

כער רציחה מאַנכע פון דיזע מוניציפּאַלע רעגיערונגען האָבען אויסגעפיהרט דיזען בעפעהל.*)

ווייטער האָבען מיר געזעהען אין דעם נאָטיץ, געשריבען פון מיין פריינד גיליאָם (זעה קאַפּיטעל 18), דאָס די פערזאמ־לונג, ערקלערענדיג אין איינעם פון איהרע אַקטען פון אויגוסט, 1789, דאָס דיזע זיינען געווען בלויז „רעזאָלוציאָנען", איז עס געווען דערפאַר, ווייל אַלס רעזאָלוציאָנען האָבען זיי ניט געפאָר־דערט צו האָבען דעם קעניג'ס הסכמה. אָבער צו גלייכער צייט

---

*) דיזע פאַקטען, וועלכע זיינען פאָלשטענדיג אין ווידערשפּרוך צו די גרויסע שבחים, וועלכע פיעלע געשיכט־שרייבער גיסען אויס אויף די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, האָב איך צוערשט פערעפענטליכט אין אַן אַרטיקעל צום יאָהרצייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן אין דעם זשורנאַל „נײַנטינטה סענטשורי", יוני, 1889, און שפּעטער אין אַ רייהע אַרטיקלען אין „לאַ רעוואָלט" פון 1892 און 1893, און וואָס איז נאַכהער ארויסגעגעבען געוואָרען אין אַ פּאַמפלעט אונטער דעם נאָמען „לאַ גראַנד רעוואָלוסיאָן פראַנסע, 1804-1879". די פאָר־שונגס־אַרבייט פון מ. פּה. סאַנאַק (די ציווילע געזעצגעבונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 1789-1804) האָט בעשטעטיגט דיזען שטאַנדפּונקט מיינעם. נאָך אַלעמען, איז עס ניט געווען די רעדע פון אַ מעהר ריכטיגער פערטייטשונג פון די פאַקטען, נור טאַקי פון די פאַקטען גופא. און אום צו איבערצייגען זיך אין דעם, דאַרף איינער בלויז אַ בליק טהאָן אויף אירגענד אַ זאַמלונג פון די געזעצע פון דעם פראַנצויזישען שטאַאַט, ווי, למשל, אין דעם גוט־בעקאַנטען „רעפּערטואַר פון יוריס־פּרודענץ". דאָרט האָבען מיר אָדער פאָלשטענדיג אָדער אין אַ ריכטי־גען סך הכל אַלע געזעצע מכח לאַנד־אייגענטהום, סיי פּריוואַטע און סיי קאָמונאַלע, וועלכע מען קען ניט געפינען אין די געשיכטען פון דער רעוואָלוציאָן. פון דיזען קוואַל האָב איך געשעפּט, און דורך דעם שטודיום פון דעם טעקסט פון דיזע געזעצע בין איך ערשט גע־קומען צו פערשטעהן די ווירקליכע בעדייטונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און איהרע אינערליכע קעמפּפע.

איז פון די אקטען אוועקגענומען געוואָרען דער כאַראַקטער פון געזעץ, אַזוי לאַנג, ווי אַלע זייערע בעשטימונגען זיינען ניט פערפאַסט געוואָרען אין דער פאָרמע פון קאָנסטיטוציאָנעלע דעקרעטען. זיי האָבען ניט געהאַט קיין פערפליכטענדען כאַראַקטער; געזעצליך אַלזאָ, איז גאָר ניט געטהאָן געוואָרען.

אָבער, ווי די מעשה איז, האָבען זאָגאַר דיזע רעזאָלוציאָנען אויסגעזעהען דעם קעניג און די פריצים צו זיין צו ראַדיקאַל. דער קעניג האָט פּרובירט געווינען צייט, און האָט זיי דערפאַר ניט „פערעפענטליכט“, און דעם 18טען סעפּטעמבער האָט ער זיך נאָך אַליין געווענדעט צו דער פערזאַמלונג מיט זיינע טענות געגען זיי, פערלאַנגענדיג פון דער פערזאַמלונג זיך עס נאָך אַמאָל צו איבערלייגען. ער האָט ערשט בעשלאָסען זייער פערעפענטליכונג דעם 6טען אָקטאָבער, נאָכדעם, ווי די פרויען האָבען איהם געבראַכט צוריק אין פּאַריז און האָבען איהם אוועקגעשטעלט אונטער דער השגחה פון פאָלק. אָבער דאַן איז עס שוין געווען די פערזאַמלונג, וואָס האָט ניט געוואָלט מעהר רעדען וועגען דעם. זיי האָבען ערשט בעשלאָסען צו פערעפענטליכען די רעזאָלוציאָנען דעם 3טען נאָוועמבער, 1789, ווען זיי האָבען זיי געשיקט צו די פּאַרלאַמענטען (געריכטס-הייזער) פון די פּראָווינצען; אַזוי, דאָס אין דער ווירקליכקייט זיינען דיזע רעזאָלוציאָנען פון דעם פינפטען און עלפטען אויגוסט קיין מאָל ניט פערעפענטליכט געוואָרען.

אונטער אַזעלכע פערהעלטניסע האָט דער בויערן־אויפשטאַנד געמוזט ווייטער אָנגעהן, און אַזוי איז עס טאַקע געווען. דער רעפּאָרט פון דער פעאָדאַלער קאָמיטע, געמאַכט פון דעם פריעסט גרענאַאַר אין פעברואַר, 1790, האָט בעשטעטיגט, דאָס דער בויערן־אויפשטאַנד געהט נאָך אימער אָן און דאָס ער איז געוואָרען נאָך שטאַרקער זייט דעם מאָנאַט יאַנואַר. ער האָט זיך פערשפּרייט פון איסט צו וועסט צו.

אָבער אין פּאַריז האָט די רעאַקציאָנערע פּאַרטיי געוואונען גאָר פיעל באָדען זייט דעם 6טען אָקטאָבער. דערפאַר, ווען די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג האָט זיך גענומען צו דיסקוטירען די

פעאָדאַלע רעכטע נאָך גרעגאָאַר'ס רעפּאָרט, האָט זי פערפּאַסט געזעצע אין אַ שטאַרק רעאַקציאָנערען גייסט. ווי די ריכטיג־קייט איז, האָבען די דעקרעטען, וועלכע זיינען ארויסגעלאָזען געוואָרען פון פעברואַר דעם 28טען ביז מערץ דעם 5טען און יוני דעם 18טען, 1790, געפיהרט הערצו, דאָס די פעאָדאַלע רעכטע זיינען צוריק אויפגעריכט געוואָרען אין אַלץ, וואָס איז געווען פון אירגענד אַ וויכטיגקייט.

דאָס, ווי מען קען עס זעהען פון די דאָקומענטען פון יענער צייט, איז געווען אויך די מיינונג פון די יעניגע, וועלכע האָבען ווירקליך געוואונשען צו זעהען דעם פעאָדאַליזם אָבגע־שאַפט. זיי האָבען כאַראַקטעריזירט די דעקרעטען פון 1790, אַלס אַזעלכע, וועלכע האָבען צוריק אויפגעבויט דעם פעאָדאַליזם.

פריהער פון אַלץ איז אויפגעהאַלטען און פעסטגעשטעלט געוואָרען דער אונטערשיעד צווישען די עהרען־רעכטע, וועלכע זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען אָהן אַ געלד־אויסקויף, און די פּראָפיט־רעכטע, וועלכע די בויערען האָבען געמוזט אויסקויפען. און וואָס איז געווען נאָך ערגער, מאַנכע פּערזענ־ליכע פעאָדאַלע רעכטע, וועלכע זיינען אריינגענומען געוואָרען אין דעם קלאַס פון די פּראָפיט־רעכטע, זיינען איצט פאַלשטענ־דיג צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט די איינפאַכע רענט און די אָבצאָהלונגען פון לאַנד. מאַנכע רעכטע דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען איינפאַכע געוואַלד־אַקטען, אָדער רעשט־לאָך פון לייב־אייגענשאַפט, און וועלכע האָבען בעדאַרפט ווערען אָבגעשאַפט צוליעב זייער אָבשטאַמונג, זיינען איצט אַוועקגע־שטעלט געוואָרען אויף אַ גלייכען פוס מיט די צאָהלונגען, וועלכע זיינען געווען, לויט יענער צייט, מעהר אָדער ווענעגער בערעכטיגט.

פאַר דאָס ניט־בעצאָהלען פון דיזע שולדען האָט דער לאָרד, האָטש ער האָט שוין פערלאָרען דאָס רעכט פון „דער פעאָדאַלער פערכאַפּונג“, געקאָנט אויסאיבען אַלערליי צוואַנג, אין איינ־קלאַנג מיט דעם געזעץ. דער פאָלגענדער געזעץ־פּאַראַגראַף

בעשטעטיגט עס: „די פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען און טעקסעס צוזאַמען מיט אַלע מסחרים, רענטס און רעכטע, וואָס זיינען פון זייער נאַטור אויסלייזבאַר, זאָלען זיין אונטערוואָרפען, ביז זייער אויסקויף, צו די פיהרונגען, וואָס די פערשיעדענע געזעצע און מנהגים פון דעם קעניגרייך האָבען פעסטגעשטעלט.“

די גרינדונגס־פערזאַמלונג איז נאָך ווייטער געגאַנגען. אין דער זיצונג פון דעם 27טען פעברואַר, אָנשליסענדיג זיך צו דער מיינונג פון מערלין, האָט זי פעסטגעשטעלט אין אַ גרויסער צאָהל פון פעלע די רעכטע פון לייב־אייגענשאַפט און דער „טוידטער האַנד“. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס „די לאַנד־רעכטע, וועלכע, פריהער געהאַלטען פון דער טוידטער האַנד, זיינען אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין פערנעהמען דאָס לאַנד אויף דעם תנאי פון אַ יעהרליכען רענט, שטעלען מיט זיך ניט פאָר די טוידטע האַנד, און זיי דאַרפען דאַרום אויפגעהאַלטען ווערען.“

אויף אַזוי פיעל האָבען די מיטעל־קלאַסען זיך געהאַלטען פעסט אָן דיזער ירושה פון לייב־אייגענשאַפט, דאָס דער פיערטער פאַראַגראַף פון דעם 3טען קאַפּיטעל פון דעם נייעם געזעץ בעשטימט, דאָס „אויב די טוידטע האַנד, אַ ווירקליכע אָדער געמישטע, איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען זייט דער בעפרייאונג אין אָבצאָהלונגען אויף׳ן לאַנד, דאַן מוזען די אַלע טעקסעס ווייטער געצאָהלט ווערען.“

אַלעס צוזאַמען, ווען מען לייענט די דיסקוסיאָן אין דער פערזאַמלונג איבער די פעאָדאַלע רעכטע, מוז מען זיך שטעלען די פראַגע: צו דאָס איז טאַקי ווירקליך געווען אין מערץ, 1790, נאָך דעם שטורץ פון דער באַסטילע און נאָך אויגוסט דעם 4טען, אָדער אפשר גאָר ביים אָנפאַנג פון דער הערשאַפט פון לואי דעם 16טען, אין דעם יאָהר 1775?

אַזוי האָט מען דעם ערשטען מערץ, 1790, אָבגעשאַפט געוויסע פעאָדאַלע רעכטע, ווי, למשל, „דאָס פיטערען פון די הינד“, „דאָס האַלטען פון דער וואַכע“, אָדער „דעם קויף און פערקויף דורך די לייב־אייגענע“. איינער וואָלט געמעגט גלוי־

בען, אז דיזע רעכטע זיינען שוין געווען אבגעשאפט, און אהן אן אויסקויף־פרייז, דעם 4טען אויגוסט, 1789. אבער דאס איז אין דער ווירקליכקייט גאר ניט געווען דער פאל. געזעצליך האט דער בויער אין 1790 אין פיעלע טהיילען פון פראנקרייך ניט געטארט קויפען א בהמה אדער פערקויפען זיינע ווייצען, ניט געבענדיג דערפאר א געוויסען אבצאהל צו זיין פריץ. ער האט זאגאר ניט געטארט פערקויפען זיין קארן איידער דער פריץ האט פערקויפט זיינעם און האט פראפיטירט פון די הויכע מקחים, וואס האבען געהערשט, איידער קארן איז אויסגעדראשען געווארען.

נון אבער וואלט איינער געמעגט גלויבען, דאס ענדליך זיינען דיזע רעכטע אבגעשאפט געווארען דעם ערשטען מערץ, ווי אויך די אבצאהלונגען, וואס זיינען ארויפגעלייגט געווארען פון דעם פריץ פאר דעם געמיינשאפטליכען אויווען אדער וויין־פרעס. אבער דאס וואלט געווען א צו־איבערא[י]ילטע מיינונג. זיי זיינען טאקי אבגעשאפט געווארען, אבער מיט דער אויס־נאהמע פון יענע פעלע, וואו זיי זיינען אין די פריהעריגע צייטען געווען דער געגענשטאנד פון א געשריבענעם קאנטראקט צווישען דעם פריץ און דער בויערן־געמיינדע, אדער ווען זיי זיינען בעטראכט געווארען אלס בעצאהלט אין אויסבייט פאר אירגענד וועלכע הנחה.

צאהל, בויער! האלט אין איין צאהלען! און מאך עס שנעל, ווייל באלד קומט דער געריכט מיט זיינע געזעצע, און דו וועסט דאן ערגער מאכען!

דאס שיינט צו זיין שווער גלויבליך, אבער עס איז פארט אזוי געווען. אט איז דער טעקסט פון דעם 2טען פאראגראף פון דריטען קאפיטעל פון די נייע פעאדאלע געזעצע. ער איז א ביסעל לאנג, אבער ער פערדיענט דא אנגעפיהרט צו ווערען, וויל ער לאזט אונז זעהען, וואס פאר א שקלאפעריי עס האט נאך איבערגעלאזען דער פעאדאלער געזעץ פון דעם 24טען פעברואר ביז מערץ דעם 15טען, 1790, וועלכער האט ארונטער־געדריקט דעם בויער.

„2טער פאראגראף. און עס ווערען אנגענומען אלס אויס־לייזבאר, סיידען עס זיינען דא בעווייזע דאגעגען (וואס מיינט, אז זיי „זאלען געצאהלט ווערען פון דעם בויער, ביז ער וועט זיי אויסלייזען“) (1) אלע פריצישע יעהרליכע אבצאהלונגען אין געלד, קארן, געפליגעל, נאהרונג־שטאף פון אלע סארטען, און פרוכט פון דער ערד געצאהלט אונטער דער הערשאפט פון גרונד־רענט, איבער־רענט, פעאדאלע רענט, הערךען־רענט, ירושה־רענט, און נאך אזעלכע אנדערע רענטען, וועלכע עס קומען דעם בעזיצער פון א שטיק לאנד אזוי לאנג ווי ער איז דער אייגענ־טהימער, און האט דאס רעכט אנצוהאלטען זיין בעזיץ.

„(2) אלע צופעליגע אבצאהלונגען וועלכע געהן אונטער די נעמען, ווי פינפטעל, פינפטעל פון פינפטעל, דרייצעהנטעל, קויפצינז, דרייצענגארבען, קויפצינז, געריכטצינז, אדער איר־גענד וועלכע אנדערע נעמען אויף דעם גרונד פון פארקומענדע ענדערונגען אין דעם אייגענטהום אדער בעזיץ פון א שטיק לאנד, מוזען געדעקט ווערען.

„(3) די אבצאהלונגען, וועלכע מען איז שולדיג אונטער פערשיעדענע נעמען ביי דעם בייטען זיך פון די פריהערדיגע בע־זיצער.“

פון דער אנדערער זייט האט די פערזאמלונג, דעם 9טען מערץ, אונטערדריקט פערשיעדענע רעכטע פון אבצאהלונג אויף דער גאס, קאנאלען, וועלכע זיינען געווען ארויפגעלייגט אויף די בויערען פון די פריצים. אבער גלייך נאך דעם זיינען זיי געווען פארזיכטיג צוצוגעבען פאלגענדען פאראגראף:

„מען דארף אבער ניט מיינען, אז די נאציאנאל־פערזאמ־לונג שליסט איין, וואס אנבעלאנגט די געגענווארט, אין די אונ־טערדריקונג, ערקלערט פון דעם פריהעריגען פאראגראף, די אויטאריזירטע טויער־אבצאהל... און אזוי ווייטער און די אבצאה־לונגען וואס זיינען דערמאנט אין דעם אנגעגעבענעם פארא־גראף, וועלכע קען זיין זיינען ערווארבען געווארען, אלס אויס־קויף־געלד.“

דאס האט געמיינט, דאס פיעלע פון די פריצים האבען פער־

קויפט אָדער פער׳משכנ׳ט געוויסע רעכטע זייערע; אָדער אין פעללע פון ירושה, ווען דער עלטסטער זוהן איז געווען דער יורש פון דעם גאַנצען פערמעגען אָדער שלאָס, און די אַנדערע, ווי די טעכטער למשל, האָבען געקראָגען אַלס בעלויגונג געוויסע רעכטע פון די אָבצאָהלונגען ביי די ראַגאַטקעס, ביי די קאַנאַלען אָדער בריקען. אין דיעזע פעללע, אַלזאָ, זיינען די אַלע רעכטע פערבליבען, חאָטש זיי זיינען אַנערקענט געוואָרען אַלס אונגערעכט, ווייל אויף אַן אַנדער אופן וואָלט עס געמיינט אַ פערלוסט צו מאַנכע מיטגליעדער פון די נאָבעלע אָדער מי־טעל־קלאַס־פאַמיליען.

אַזעלכע פעלע בעגעגענט מען זעהר אָפט אין דעם נייעם פע־אָדאַל־געזעץ. נאָך יעדער אונטערדריקונג פון אירגענד אַ פע־אָדאַלען רעכט, איז געפונען געוואָרען גלייך עפּעס אַ מיטעל, ווי דאָס זאָל אויסגעמידען ווערען. אַזוי, דאָס אַלס רעזולטאַט וואָל־טען געווען פּראָצעסען גאָר אָהן אַ סוף.

עס איז געווען בלויז איין פונקט, וואו דער אָטהעם פון דער רעוואָלוציאָן האָט זיך ווירקליך געפיהלט, און דאָס איז געווען איבער דער פראַגע פון די מעשר־אָבצאָהלונגען. עס איז בעשלאָ־סען געוואָרען, דאָס אַלערליי מעשר־טעקסעס זאָלען אויפהערען פון יאַנואַר, 1791. אָבער אויך דאָ האָט די פערזאַמלונג בע־שלאָסען, אַז פאַר דעם יאָהר 1790 מוזען זיי געצאָהלט ווערען צו די, וועמען זיי קומען, און דוקא „אין גאַנצען".

דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מען האָט ניט פערגעסען אַרויפ־צולעגען שטראָפען אויף די, וועלכע ווען פיליכט ניט פאָל־גען דעם בעשלוס, און די פערזאַמלונג האָט אַנגענומען ביי דער ערעפענונג פון דער דיסקוסיאָן פון דעם נייעם פעאָדאַל־געזעץ פאָלגענדע בעשטימונג: „קיין מוניציפּאַליטעט אָדער דיסט־ריקט־אַדמיניסטראַציע אָדער דעפּאַרטמענט האָט קיין רעכט ניט צו פערבאָטען די איינמאָנונג פון די פערשיעדענע פריצישע אָב־צאָהלונגען, אונטער דער בעשטראָפונג, דאָס זייער פסק ווערט בטל און זיי ווערען געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך אַלס די שולדיגע, צי בעצאָהלען דעם פערלוסט."

פערשטעהט זיך, אז עס איז ניט געווען, וואָס מורא צו האָ־בען אין דיזער הינזיכט, אז די בעאַמטע פון די דיסטריקטען אָדער דעם דעפּאַרטמענט זאָלען ניט פאָלגען דעם געזעץ. זיי זיי־נען געווען איין גוף און איין נשמה מיט די פריצים און מיט די לאַנד־איינענטהימער פון די מיטעל־קלאַסען. אָבער עס זיינען געווען שטאָדט־רעגיערונגען און בעזאָנדערס אין איסט־פראַנק־רייך, פון וועלכע די רעוואָלוציאָנערען האָבען גענומען בעזיץ, און דיזע וואָלטען געזאָגט די בויערען, אז אזעלכע און אזעלכע אָב־צאָהלונגען זיינען אָבגעשאַפט, און דאָס אויב די פריצים מאָנען זיי, דאַרפען זיי ניט צאָהלען, האָט מען עס אָט געגען אזעלכע שטאָדט־רעגיערונגען פערפאַסט יענעם געזעץ.

איצט, אז עס האָט די מוניציפּאַליטעטען אליין געסטראַ־שעט די סכנה צו ווערען בעשטראָפט, האָבען זיי שוין ניט גע־סמייעט צו זאָגען עפּעס צום בויער, און דער בויער מוז צאָהלען. און טאָמער דאַרף ער טאַקי ניט צאָהלען, מוז ער פריהער בע־צאָהלען און שפּעטער מאָהנען פון דעם פריץ, וועלכער האָט שוין ביי דיזער צייט אפשר עמיגרירט נאָך קאָבלענץ.

דאָס האָט געמיינט די איינפיהרונג — ווי סאַגנאַן זאָגט גאַנץ ריכטיג — פון אַ שרעקליכען פּאַראַגראַף. דעם בעוויז, דאָס דער בויער איז מעהר ניט שולדיג געוויסע פעאָדאַלע אָב־צאָהלונגען, דאָס זיי זיינען געווען פערזענליכע, און האָבען גאָר־ניט געהאַט צו טהאָן מיט דער ערד — דיזען בעוויז האָט בע־דאַרפט ברענגען דער בויער. אויב ער האָט איהם ניט געבראַכט, אויב ער האָט איהם ניט געקאָנט ברענגען — ווי דאָס איז אימער געווען דער פאַל — האָט ער געמוזט צאָהלען.

זיבעצן און צוואנציגסטער קאפיטעל.

# די פעאָדאַלע געזעצגעבונג אין 1790

נייע געזעצע אונטערשטיצען די פעאָדאַלע סיסטעם. — סאַניאַק'ס מיינונג וועגען זיי. — דאָס וועהרען־זיך געגען די פערזוכטע איבּמאַהנונג פון פעאָדאַלע שטייערען. — די בויערען פערלאַנגען דעם מאַקסימום און די צוריקגעבונג פון דאָס קאָמונאַלע לאַנד. די רעוואָלוציאָן בעשטימט דעם פּרייז פון ברויט. — די מיטעל־קלאַס־אונטערדריקונגען. — דראַקאָנישע געזעצע געגען די בויערען (יוני, 1790). — דער מעשר מוז נאָך אַ יאָהר לענגער געצאָהלט ווערען. — דער סך הכל פון די געזעצע צו בעשיצען אייגענטהום. — וואָס די בויערען פאָדערען.

---

אויף אזא אופן האט עס, אלזאָ, פּאַסירט, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, בענוצענדיג זיך מיט דעם שטיל־שטאַנד, וואָס איז אריינגעטרעטען אין די בויערען־אויפשטענדע אין דעם משך פון ווינטער, 1790, האָט דורכגעפיהרט געזעצע, וועלכע האָבען אין דער ווירקליכקייט געגעבען אַ נייעם געזעצליכען פונדאמענט דער פעאָדאַלער סיסטעם.

אפשר וועט אימיצער גלויבען, אז דאָס איז אונזער אייגענע פערטייטשונג פון דער געזעצגעבונג פון דער פערזאמלונג, דארף עס זיין גענוג אָבצושיקען דעם לעזער צו די געזעצע גופא אָדער צו דאָס, וואָס דאַלאָז זאָגט וועגען זיי. אָבער אָט איז, וואָס אַ מאָדערנער שרייבער זאָגט וועגען זיי, מ. פ. סאניאק, וועמען עס איז אונמעגליך צו בעשולדיגען אין „סאנקיולאָטיזם“, ווייל ער בעטראַכט די אָבשאפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע אָהן אַן אויסקויף, אלס „אַ זעהר אונגערעכטען און אונניצליכען רויב“.

לאַמיר, אַלזאַ, זעהען, ווי מ. סאַניאַק שעצט אָב די געזעצע פון מערץ, 1790.

„דער אַלטער געזעץ“, שרייבט ער, „ליעגט מיט זיין גאַנ־צער משא, אין דער אַרבייט פון דער גרינדונג־פערזאַמלונג, אויף דעם נייעם געזעץ, וואָס ווערט אויסגעאַרבייט. עס בלייבט אי־בער פאַר'ן בויער — אויב ער וויל ניט צאָהלען אַ צינז פון גע־צוואונגענער אַרבייט, אָדער צו ברענגען אַ טהייל פון זיין תבואה אין דעם לאַנד־שפּייכלער — עס בלייבט פאַר'ן בויער צו ברענגען דעם בעוויז, דאָס די פאָרדערונג פון זיין לענדלאָרד איז אונגעזעצליך. אָבער אויב דער פריץ האָט בעזעסען אַ גע־וויסעם רעכט פערציג יאָהר לאַנג — מאַכט ניט אויס, וואָס עס איז געווען זיין אָבשטאַמונג אונטער דער אַלטער סיסטעם — ווערט דיזעם רעכט געזעצליך לויט דעם געזעץ פון דעם 15־טען מערץ. דער בעזיץ איז שוין גענוג. עס מאַכט גאָר וועניג אויס, וואָס אין דער ווירקליכקייט איז עס דער בעזיץ, וועמעס געזעצ־ליכקייט דער בויער לייקענט אָב: ער וועט מוזען צאָהלען זאָ־ווי־זאָ. און אויב די בויערען האָבען דורך זייער אויפשטאַנד אין אויגוסט, 1789, געצוואונגען דעם פריץ זיך אָבצוזאָגען פון געוויסע רעכטע, אָדער אויב זיי האָבען פערברענט זיינע טיטעל־דאָקומענטען, וועט זיין פאַר איהם גענוג איצט צו ברענגען בע־ווייזע פון בעזיץ אין דעם משך פון דרייסיג יאָהר, אז דיזע רעכ־טע זיינע זאָלען צוריק פעסטגעשטעלט ווערען.“

עס איז אמת, דאָס די נייע געזעצע האָבען ערלויבט דעם ערד־אַרבייטער צו קויפען דעם רעכט־בעזיץ אויפ'ן לאַנד. אָבער „דיזע אַלע איינפיהרונגען זיינען געווען אָהן צווייפעל גינסטיג צו די, וועלכע זיינען שולדיג געווען די ווירקליכע שטייערען“, זאָגט מ. סאַניאַק, „ווייל דאָס וויכטיגע פאַר איהם איז געווען, פריהער פון אַלץ, צו צאָהלען נור די געזעצליכע שטייער, וועה־רענד איצט, אויב ער האָט ניט געקענט ברענגען קיינע בעווייזע דאַגעגען, האָט ער געמוזט אויסקויפען זאָגאַר די אוזורפּירטע רעכטע.“

אין אַנדערע ווערטער, קיין זאַך האָט ניט געקאָנט אויסגע־

קויפט ווערען, סיידען אַלע אָבצאָהלונגען זאָלען אויסגעלייזט ווע־
רען. די אָבצאָהלונג פאר דעם בעזיץ פון לאנד, וואָס דער גע־
זעץ האָט אויפגעהאלטען, און די פּערזענליכע אָבצאָהלונג, וועל־
כע דער געזעץ האָט אָבגעשאַפט.

נאָך מעהר לעזען מיר ביי דעמזעלבען פּערפאסער, וועלכער
איז זאָנסט אזוי געמעסיגט אין זיין אָבשעצונג, ווי פאָלגט:

„דער גאנצער געבוי פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג האַלט
זיך ניט צוזאמען. דיזע פערזאמלונג פון לענדלאָרדס און אַד־
וואָקאטען, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געהאט אזא חשק, ניט
קוקענדיג אויף זייערע פערשפּרעכונגען, צו פערניכטען גענצליך
די רעכטע פון דעם פּריץ און אייגענטהימער, נאָך דעם, ווי זיי
זיינען געוועזען פּאָרזיכטיג גענוג צו בלייבען ביי די פיעל גרעסערע
רעכטע, זיינען געווען אזוי וויים גרויסמוטהיג, ווי צו ערלויבען
דאָס אויסקויף־רעכט... דער ערד־אַרבייטער האָט פערלאנגט רע־
פאָרמען און איז געוועזען ענטשלאָסען זיי צו קריגען, אָדער, בע־
סער געזאָגט, ער האָט געוואָלט, אז עס זאָל רעדזשיסטרירט ווע־
רען אין געזעץ די רעוואָלוציאָן, וועלכע עס איז שוין פאָרגעקו־
מען אין זיין געדאנק און איינגעקריצט — אזוי וועניגסטענס —
האָט ער געמיינט — אין טהאטען; אָבער די געזעץ־מענשען האָ־
בען איהם בלויז געגעבען ווערטער. ער האָט געפיהלט, דאָס
וויעדער א מאָל האָבען די הערען געקראָגען די אויבער־האנד."

„קיינמאָל" — זעצט פאָרט מ. סאניאק — „האָט די געזעצ־
געבונג אַרויסגערופען א גרעסערען צאָרן. אויףביידע זייטען
האָבען די מענשען, ווי עס שיינט, בעשלאָסען ניט צו האָבען קיין
רעספּעקט פאר איהר."

די פּריצים, פיהלענדיג זיך אונטערשטיצט פון דער נאציאָ־
נאל־פערזאמלונג, האָבען דערפאר אָנגעהויבען מיט רציחה אויפ־
צומאָהנען די אַלע אָבצאָהלונגען, וועלכע דער בויער האָט גע־
מיינט, זיינען שוין טוידט און בעגראָבען. זיי האָבען געפאָר־
דערט אַלע הינטערשטעליגע חובות. עס האָט גערעגענט מיט
פּאָוויעסטקעס אין די טויזענדע אויף די דערפער צו בעצאָהלען,
וואָס עס קומט פון זיי.

די בויערען, פון זייער זייט, זעהענדיג, דאָס קיין זאַך קען נען זיי ניט קריגען פון דער פערזאמלונג, האָבען אין געוויסע דיסטריקטען אָנגעהאַלטען די אָנפיהרונג פון מלחמה געגען די לאָרדען. פיעלע שלעסער זיינען אויסגעפּלינדערט אָדער פערברענט געוואָרען, ווערענד אין אַנדערע פּלעצער האָבען זיי פערניכטעט די רעכט־דאָקומענטען און די אָפּיסעס פון די פערשיעדענע בעאמטע, וואו עס זיינען אויפגעפּאסט געוואָרען אזעלכע דאָקומענטען, זיינען פערברענט געוואָרען. דער אויפשטאַנד האָט זיך פערשפּרייט אויף צו דער וועסט, און אין ברעטאַן זיינען פערברענט געוואָרען 37 שלעסער אין דעם חודש פעברואר, 1790.

נור, ווען די בעשטימונגען פון פעברואר ביז מערץ, 1790, זיינען בעקאַנט געוואָרען אין די לאַנד־דיסטריקטען, איז די מלחמה געגען די לאָרדען געוואָרען נאָך מעהר ערביטערט, און האָט זיך אויסגעשפּרייט צו אזעלכע געגענדען, וועלכע האָבען ניט געהאַט דעם מוטה פאַר אַן אויפשטאַנד דעם פאָריגען זומער. אזוי, אויף דער זיצונג פון דער פערזאמלונג פון דעם 5טען האָט מען גערעדט פון אויפשטענדע אין בורבאָן־לאַנסי און שאראָלער, וואו די פאַלשע דעקרעטען פון דער פערזאמלונג זיינען פערשפּרייט געוואָרען, און וואו מען האָט געפאָדערט אַן אגראריש געזעץ. אויף דער זיצונג פון דעם 2טען יוני זיינען געלעזען געוואָרען מעלדונגען וועגען די אויפשטענדע אין די בורבאָנעס, אין די ניווערנע, און אין דער בעררי־פּראָווינץ. מאַנכע מוניציפּאַליטעטען האָבען ערקלערט קריעגס־צושטאַנד; עס זיינען דאָרט געווען געטויטעטע און פערוואונדעטע. די „באַנדיטען" האָבען זיך פערשפּרייט ביז צו קאַמפּין, און גראדע צו יענער צייט האָבען זיי פערנומען די שטאָדט דעסא. פיעלע געוואַלדטהאַטען זיינען אויך געמעלדעט געוואָרען פון לימוזין, וואו די בויערען האָבען פערלאַנגט, אז עס זאָל בעשטימט ווערען דער מאַקסימום־פּרייז אויף קאָרן. „דער פּלאַן פאַר דאָס צוריקקריגען פון לאַנד, וואָס איז געשענקט געוואָרען אין די לעצטע הונדערט און צוואַנציג יאָהר, איז געווען איינע פון זייערע פאַר־

דערונגען", מעלדעט דער רעפּאָרט. די בויערען האָבען געוואָלט צוריקקריגען דאָס קאָמונאַלע לאַנד, וועלכעס די פּריצים האָבען אוועקגערויבט פון די דאָרף־קאָמונען.

פאַלשע נאָכגעמאַכטע דעקרעטען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג זיינען געזעהען געוואָרען איבעראַל. אין מערץ און אַפּריל 1790 זיינען איינציגע אזעלכע פערשפּרייט געוואָרען אין די פּראָווינצען, אין וועלכע עס איז בעפוילען געוואָרען דעם פאָלק ניט צו צאָהלען מעהר ווי איין סו פאַר אַ פונט ברויט. די רעוואָלוציאָן איז אויף אַזאַ אופן פאָראויסגעלאָפען דער קאָנווענשאָן, וועלכע האָט ניט אָנגענומען דעם מאַקסימום־געזעץ ביז 1793.

אין אויגוסט האָבען די פאָלקס־אויפשטענדע נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען. למשל, אין דער שטאָדט סאַן־עטיען־ען פאָרעז האָבען די מענשען געטוידטעט איינעם פון די מאָנאָפּאָליסטען און האָבען בעשטימט אַ נייע מוניציפּאַליטעט, וועלכע איז געווען געצוואונגען אַראָבצולאָזען דעם פּרייז אויף קאָרן. דאַן האָבען זיך די מיטעלקלאַס־מענשען בעוואָרענט און האָבען אַרעסטירט צוויי־און־צוואַנציג רעבעלען. דאָס איז אַ בילד פון דעם, וואָס עס האָט דאַן פּאַסירט מעהר אָדער ווייניגער איבעראַל — שוין ניט רעדענדיג פון די גרויסע קעמפּפע אין ליאָן און אין זיד־פראַנקרייך.

אָבער וואָס האָט די פערזאַמלונג געטהאָן? האָבען זיי געטהאָן גערעכטיגקייט צו די פאָרדערונגען פון די בויערען? האָבען זיי זיך געאיילט אָבצושאַפען אָהן אויסלייז־געלד די פעאָדאַלע רעכטע, וועלכע זיינען געווען אַזוי פערהאַסט ביי די, וועלכע האָבען קולטיווירט דאָס לאַנד, דאָס זיי האָבען מעהר ניט געצאָהלט, סיידען אונטער צוואַנג?

זיכער ניט. די פערזאַמלונג האָט נור געשטימט פאַר נייע דראַקאָנישע געזעצע געגען די בויערען. דעם 2טען יוני, 1790, האָט „די פערזאַמלונג, שטאַרק אויפגערעגט איבער די געוואַלטטהאַטען בעגאַנגען פון באַנדיטען און רויבער (וואָס דאָרף געלעזען ווערען בויערען) אין די פּראָווינצען שען, קיעוור און גאַליער, און פערשפּרייטען זיך כמעט ביז קאָרריז, נעהמט אָן מאַס־

רעגלען געגען די פערשפרייטער פון אונארדנונג", און מאכט די קאמונען פעראנטוואָרטליך פאר די געוואלטטהאטען, וואס ווערען בעגאנגען.

„אלע די יעניגע," זאגט דער אלטער פאראגראף פון דיזען געזעץ, „וועלכע העצען אויף די מענשען פון די שטעדט און לאנד צו בעגעהן געוואלטטהאטען געגען דעם אייגענטהום אדער דאס לעבען און זיכערהייט פון די בירגער, געגען די אויפמאהנונג פון שטייערען, געגען דעם פרייען פערקויף און צירקולאציאן פון נאהרונגס־שטאף, ווערען ערקלערט אלס די פיינד פון דער קאנ־סטיטושאן; פון דער טהעטיגקייט פון דער נאציאנאל־פערזאמ־לונג און פון דעם קעניג. קריעגס־צושטאנד וועט פראקלאמירט ווערען געגען זיי."

צוויי וואכען שפעטער, דעם 18טען יוני, האט די פערזאמ־לונג אנגענומען א דעקרעט, וואס איז זאגאר נאך שטרענגער. ער פערדיענט דא איבערגעגעבען צו ווערען.

אין דעם ערשטען פאראגראף ערקלערט זיך, דאס אלערליי צעהנער־אבצאהלונגען, צי צו די גלחים, צי צו די פריוואט־מענשען מוזען בעצאהלט ווערען נור דיזען יאהר צו די יעניגע, צו וועמען עס געהערט דיזעס רעכט און אויף דעם געוועהנליכען אופן... פערשטעהט זיך, אז די בויערען האבען אודאי געפרעגט, אויב אין א צייט ארום וועט ניט דורכגעפיהרט ווערען פונקט אזא געזעץ פאר נאך א יאהר און נאך א יאהר — און זיי האבען גארניט געצאהלט.

לויט דעם צווייטען פאראגראף פון דיזען דעקרעט וועלען די יעניגע, וואס זיינען שולדיג צאהלונגען אין פעלד־ אדער לאנד־פראדוקטען, אדער אין קעש און אין אנדערע אבצאהלונגען, וועלכע זיינען ניט אבגעשאפט געווארען אהן אן אויסלייז־געלד, וועלען זיי דארפען צאהלען דיעזען יאהר און די פאלגענדע יאהרען אויף דעם געוועהנליכען שטייגער... אין איינקלאנג מיט די אנגענומענע דעקרעטען פון 3טען מערץ און דעם לעצטען 4טען מאי.

דער דריטער פאראגראף ערקלערט, דאס קיינער קען ניט

אונטער דעם אויסרייד פון א פּראָצעס-פיהרונג דערוויל זיך ענטזאגען צו צאָהלען די שטייערען אויף זיינע פעלד-פּראָדוקטען.

מעהר פון אלץ איז עס געווען פערבאָטען צו מאכען וועלכע-עס-איז שטערונגען אין דער צייט, ווען די שטייערען ווערען קאָלעקטירט. אין פאל עס זאָלען זיך בילדען אונרוהיגע פערזאמלונגען, מוז די מוניציפּאליטעט אָננעהמען געגען זיי שטרענגע מיטלען, לויט דעם דעקרעט פון דעם 20טען און 23טען פעברואר.

דער דעקרעט פון פעברואר דעם 23—20טען איז געווען זעהר כאראַקטעריסטיש. ער האָט בעפוילען, דאָס די מוניציפּאליטעט זאָל זיך אריינמישען און פּראָקלאמירען קריעגס-צושטאנד, וואו נור אן אונרוהיגע פערזאמלונג זאָל פּאָרקומען. טאָמער וועלען זיי עס פערנאכלעסיגען צו טהאָן, וועלען די מוניציפּאל-בעאמטע געהאלטען ווערען פעראַנטוואָרטליך פאר אלע הזיקות וואָס עס וועלען ליידען די בעזיצער פון אייגענטהום. און ניט נור די בעאמטע, נור „אלע בירגער, וואָס זיינען פעהיג צו נעהמען אנטהייל אין דער צוריקברענגונג פון עפענטליכער אָרדנונג, די גאנצע געמיינדע וועט געהאלטען ווערען פעראַנטוואָרטליך פאר צוויי-דריטעל פון דעם פעראורזאכטען שאדען.“ יעדער בירגער זאָל זיין בעפאָלמעכטיגט צו פאָדערען די אָנווענדונג פון דעם קריעגס-געזעץ, און נור דאן וועט ער זיין בעפרייט פון זיין פעראַנטוואָרטליכקייט.

דיזער דעקרעט וואָלט געווען נאָך פיעל ערגער, ווען זיינע אונטערשטיצער וואָלטען ניט געמאכט א טאַקטישען פעהלער, קאָפּירענדיג אן ענגלישען געזעץ, וועלכער בעפאָלמעכטיגט די ארויסרופונג פון סאָלדאטען אָדער מיליץ, און אין אזא פאל האָט „די קעניגליכע דיקטאַטור“ בעדאַרפט ערקלערט ווערען. די מיטעלקלאסען איז עפעס דיזער פאראגראף ניט געווען צום הארצען, און נאָך לאנגע דיסקוסיאָנען איז די אויפגאבע פון ערקלערען קריעגס-צושטאנד איבערגעלאָזען געוואָרען צו די מוניציפּאליטעטען, אָהן די ערקלערונג אין קעניג׳ס נאָמען. נאָך מעהר, די דאָרף-קאָמונען זיינען געהאלטען געוואָרען פעראַנטוואָרטליך

פאר אירגענד א שאדען צום לאַרד, אויב זיי האָבען בעצייטענס ניט געשאָסען אדער אויפגעהאנגען די בויערען, וועלכע האָבען זיך ענטזאגט צו בעצאָהלען די פעאָדאלע שטייערן.

דער געזעץ פון דעם 18טען יוני, 1790, האָט דאָס אַלעס בעשטעטיגט. אַלעס, וואָס האָט געהאט עפּעס א ווירקליכען ווערטה אין די פעאָדאלע רעכטע, אַלעס, וואָס האָט געקאָנט אויסגעמאכט ווערען דורך דעם געזעצליכען שווינדעל, אז עס האָט עפּעס א שיכות מיט דעם בעזיץ פון לאַנד — דאָס אַלעס האָט געמוזט בעצאָהלט ווערען, ווי פריהער. און יעדער איינער, וואָס האָט זיך ענטזאגט צו צאָהלען, איז געווען געצוואונגען דורך דעם ביקס אָדער די תליה צו אקצעפּטירען דיזע פערפליכטונגען. צו ר י י ד ע ן נור געגען די בעצאָהלונג פון די פעאָדאלע שטייערען איז געווען א פערברעכען, פאר וועלכען עס האָט געקומט דער טוידט, אויב דער קריעגס-געזעץ איז פּראָקלאמירט גע־וואָרען.*)

אָט דאָס איז געווען די ירושה פון דער קאָנסטיטוציאָנס־פערזאמלונג, וועגען וועלכען מען האָט אונז דערצעהלט אַזוי פיעל שעהנע זאכען. ווייל אַלעס איז געבליבען אין יענעם צו־שטאנד ביז 1792. די פעאָדאלע געזעצע זיינען נור אָנגעריהרט געוואָרען, אום צו מאכען קלאָר געוויסע כללים פאר די אויסקוי־פונג פון די פעאָדאלע אָבצאָהלונגען, אָדער אום זיך צו בעקלאָ־גען, דאָס די בויערען ווילען גאָר ניט אויסקויפען (דער געזעץ פון מאי 3—9, 1790), אָדער אום צו ווידערהאָלען די סטראשונ־

*) ווערהרענד דער דיסקוסיאָן האָט ראָבעספּיער ארויסגערעדט אַ זעהר געדעכטען וואָרט, וועלכען די רעוואָלוציאָנערען פון אַלע לענדער זאָלען געדענקען: „וואָס מיר אַנבעלאַנגט, קען איך צו יעדער צייט פעסטשטעלען — האָט ער אויסגעשריען — דאָס קיין רעוואָלוציאָן האָט ניט געקאָסט אַזוי וועניג בלוט און גרויזאַמקייט". די בלוט־פערגיסונג, ווי די מעשה איז, איז געקומען שפּעטער, דורך די קאָנטר־רעוואָלוציע.

קעם געגען די בויערען, וועלכע ענטזאגען זיך צו צאָהלען (דער געזעץ פון יוני 19—15, 1790).

די דעקרעטען פון פעברואר, 1790, דאָס איז געוועזען אַלעס, וואָס די גרינדונגס־פערזאמלונג האָט געטהאָן פאר די אָבשאפונג פון דער פערהאסטער פעאָדאַלער סיסטעם, און דאָס איז ניט אויסגעפיהרט געוואָרען ביז יוני, 1793, נאָך דעם אויפשטאַנד פון דעם 31טען מאַי, ווען דאָס פאָלק פון פאריז האָט געצוואונגען די קאָנווענשאָן אין איהר „גערייניגטער פאָרם“ צו ערקלערען די ווירקליכע אָבשאפונג פון די פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען.

לאָמיר, אַלזאָ, האַלטען דיזע דאַטען גוט אין זינען.

דעם 4טען אויגוסט, 1789. — די אָבשאפונג אין פרינציפּ פון דער פעאָדאַלער סיסטעם; די אָבשאפונג פון דער פערזענליכער „טוידטער האנד“, פון די יאגד־געזעצע און די געריכטע, וועלכע האָבען איינעם געקומט בירושה פון פאָטער.

פון אויגוסט 5 ביז 11. — טהיילווייזע וויעדעראויפריכטונג פון דיזער סיסטעם דורך געזעצע, וועלכע האָבען ארויפגעצוואונגען אַן אויסלייז־געלד פאר אַלע פעאָדאַלע רעכטע, וועלכע האָבען געהאַט וועלכען עס איז געלד־ווערטה.

ענדע פון 1789 און 1790. — דאָס בעאויפטראגען פון די מוניציפּאַליטעטען געגען די אויפשטענדישע בויערען מיט דעם רעכט זיי צו הענגען.

פעברואר, 1790. — דער רעפּאָרט פון דער פעאָדאַלער קאָמיטע, וועלכער ערקלערט, אַז דער בויערען־אויפשטאַנד וואַקסט.

מערץ און יוני, 1790. — דראַקאָנישע געזעצע געגען די בויערען, וועלכע האָבען ניט געצאָהלט זייערע פעאָדאַלע צינזען, אָדער וועלכע האָבען געפּערדיגט זייער אָבשאפונג. דער אויפשטאַנד וואַקסט נאָך אַלץ.

יוני, 1791. — דיזע געזעצע ווערען נאָך אַ מאָל בעפעסטיגט. רעאַקציע איבעראַל. דער בויערען־אויפשטאַנד האַלט אָן.

ערשט אין יולי, 1792, ווי מיר וועלען זעהען, ערשט סאַמע ערב דער אריינדרינגונג פון פאָלק אין די טוליערען, און אין אויגוסט, 1792, נאָך דעם שטורץ פון קעניגטהום, ערשט דאַן

האָט די פּערזאַמלונג גענומען די ערשטע ענטשיידענע שריט גע־גען די פעאָדאַלע רעכטע.

צולעצט איז עס געווען נור אין 1793, נאָך דער ארויס־שטויסונג פון די זשיראָנדיסטען, ווען די בעשטימטע אָבשאַפונג, אָהן אויסלייז־געלד, פון די פעאָדאַלע רעכטע איז אויסגעפיהרט געוואָרען.

דאָס איז דאָס אמת'ע בילד פון דער רעוואָלוציאָן.

נאָך איין פראַגע פון גרויסער וויכטיגקייט פאַר די בויערען איז געווען די פון דעם קאָמונאַלען לאַנד.

איבעראַל, אין דער איסט, נאָרד־איסט, און זיד־איסט פון פראַנקרייך, וואו נור די בויערען האָבען זיך געפיהלט שטאַרק גענוג צו טהאָן עס, האָבען זיי זיך געמיהט צוריק צו קריגען דעם גזזעץ פון דעם קאָמונאַלען לאַנד, דעם גרעסטען טהייל פון וועל־כען עס איז אוועקגענומען געוואָרען פון זיי דורך שווינדעל, אָדער אונטער דעם אויסרייד פון אַ חוב, מיט דער הילף פון שטאַאַט, בעזאָנדערס זייט דער הערשאַפט פון לואי דעם 14טען (דער דעקרעט פון 1669). די פּריצים, די גלחים, מאָנאַכען און די מיטעל־קלאַס מענשען, סיי אין די שטעדט און סיי אין די דערפער — אַלע זיי האָבען גענומען אַ חלק פון דיזען לאַנד.

עס איז אָבער געבליבען נאָך גענוג לאַנד, וואָס איז געווען אין דעם בעזיץ פון דער געמיינדע, און די מיטעל־קלאַסען האָבען געקוקט אויף דעם מיט דורשטיגע אויגען. און אזוי האָט די גע־זעצגעבענדע פּערזאַמלונג זיך אונטערגעאיילט צו מאַכען אַ גע־זעץ דעם 1טען אויגוסט, 1791, וועלכע האָט אויטאָריזירט דעם פערקויף פון קאָמונאַלען לאַנד צו פּריוואַט־פּערזאָנען. דאָס האָט געמיינט געבען אַ פרייע האַנד פאַר די אוועקרויבונג פון דיזען לאַנד.

די פערזאַמלונגען פון די דאָרף־קאָמונען זיינען צו יענער צייט, אין קראַפט פון דעם געזעץ, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין דער נאַציאָנאַל־פּערזאַמלונג אין דעצעמבער, 1789, מייסטענס בעשטאַנען פון די מיטעל־קלאַס־מענשען פון דעם דאָרף — פון „אקטיווע בירגער", דאָס הייסט, פון די רייכערע בויערען. די

אָרימע בויערען בעלי־בתים זיינען פון דיזער פערזאמלונג געווען אויסגעשלאָסען. און דיזע דאָרף־פערזאמלונגען זיינען געווען שטארק פעראינטערעסירט, אז דאָס לאַנד זאָל אָנגעבאָטען ווע־רען צום פערקויף, כדי די רייכערע בויערען זאָלען קענען קריגען א גרויסען טהייל פון דעם לאַנד אויף א גאַנץ קליינעם פּרייז.

וואָס אנבעטרעפט די מאַסע אָרימע בויערען, זיינען זיי גע־ווען געגען דעם מיט זייער גאנצער קראפט, ווי דאָס איז היינט־צו־טאָג דער פאַל אין רוסלאַנד מיט די רוסישע בויערען, וועלכע ווילען ניט דערלאָזען צו דער פערניכטונג פון דעם קאָלעקטיוון לאַנד־בעזיץ.

פון דער אנדערער זייט, די בויערען, סיי רייך און סיי אָרעם, האָבען געטהאָן אלעס, וואָס זיי האָבען געקאָנט, אום צו־ריק צו בעקומען דאָס קאָמונאַלע לאַנד פאַר די דערפער. די רייכע האָבען דאָס געוואָלט, ווייל זיי האָבען געהאָפט צו קרי־גען א טהייל דערפון פאַר זיך, און די אָרימע האָבען געהאָפט צו האַלטען דיזעס לאַנד פאַר די געמיינדע. דאָס אלעס, ווי עס איז לייכט צו פערשטעהן, איז פאָרגעקומען אונטער פערשיעדענע פאָרמען מיט גאָר פיעלע פערשיעדענע איינצעלהייטען אין פער־שיעדענע טהיילען פון פראנקרייך.

אָבער געגען דיזען פּלאַן פון צוריק צונעהמען דאָס לאַנד פאַר די דאָרף־קאָמונע זיינען געווען די גרינדענדע און געזעצ־גע־בענדע פערזאמלונגען, און זאָגאר די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן ביז יוני, 1793. דער קעניג האָט געמוזט פערהאַפּטעט און גע־טוידטעט ווערען און די זשיראָנדיסטישע פיהרער האָבען געמוזט ארויסגעטריבען ווערען פון דער קאָנווענשאָן, איידער דיזער פּלאַן — צוריק צו קריגען דאָס לאַנד, גערויבט פון די בויערען אין דעם משך פון 200 יאָהר — האָט געקאָנט אויסגעפיהרט ווערען.

## אַכט און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

# שטילשטאַנד פון דער רעוואָלוציע אין 1790

אויפשטענדע נויטווענדיגע. — דער גראַד פון דער רעאַקציע. — די אַרבייט פון דער קאָנסטיטואירענדער און לעגיסלאַטיווע פערזאַמלונגען. — די נייע קאָנסטיטוציע. — לאָקאַלע רעגיערונג געגען צענטראַליזאַציע. — די שוועריגקייטען אין דער אָנווענדונג פון די נייע געזעצע. — די „דירעקטאָריען“ אויף דער זייט פון דער רעאַקציע. — „פערלאַנגט אונאָרדנונג“. — אַקטיווע און פּאַסיווע בירגער. — וואָס דער אויפשטאַנד האָט געוואונען. — גלייכהייט און דער אַגראַר־געזעץ. — די פערשווינדונג פון די פּריצישע געריכטען. — די פּאָרדערונגען פון די אַרבייטער ווערען געענטפערט מיט קוילען. — די ליעבע פון די מיטעל־קלאַסען צו אָרדנונג און וואוילהאַבענקייט. — די „אינטעללעקטועלע“ ווענדען זיך געגען פאָלק. — דער ערפאָלג פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. — פּלוטאָקראַטיע. — די אָפּאָזיציע צו אַ רעפּובליקאַנער רעגיערונג־פּאָרמע. — דאַנטאָן און מאַראַט פערפאָלגט און אויסגעוויזען. — די אונצופריעדענהייט און אונעהרליכקייט אין דער אַרמיי. — די אויסשלאַכטונג אין נאַנסיע. — בויע׳ס „גלענצענדע אויפפיהרונג“.

---

מיר האָבען געזעהען, וועלכע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע עס האָבען געהערשט אין די דערפער אין דעם משך פון דעם יאָהר 1790. דאָס זיינען געווען אַזעלכע פערהעלטניסע, דאָס אויב די בויערן־אויפשטענדע וואָלטען ניט אָנגעהאַלטען, וואָלטען די בויערן, האָטש בעפרייט פון דער פּערזענליכער קנעכט־

שאפט, דאָך געבליבען עקאָנאָמיש אונטער דעם יאָך פון דער פעאָדאַלער סיסטעם — ווי דאָס האָט פּאַסירט אין רוס־לאַנד, וואו דער פעאָדאַליזם איז אָבגעשאפט געוואָרען אין 1861 מיט דער הילפע פון געזעץ און ניט דורך אַ רעוואָלוציע.

אַ חוץ דעם, ניט נור די גאַנצע פּ אָ ל י ט י ש ע ארבייט פון דער רעוואָלוציע איז געבליבען ניט געענדיגט אין 1790, נור עס האָט אין דער ווירקליכקייט געהאַלטען ניט ווייט פון דעם, אז עס זאָל צוריקגערופען ווערען אַלעס דאָס, וואָס איז שוין אויסגע־פיהרט געוואָרען. אזוי שנעל, ווי עס איז אוועק דער ערשטער שרעק, וואָס איז בעפאַלען די מיטעל־קלאַסען דורך דעם פּלוצ־לונגען פאָלקס־אויסברוך, האָבען דער קעניגליכער הויף, דער אדעל, די רייכע און די גלחים זיך תיקף פעראייניגט אום צוריק אויפצוריכטען די כחות פון דער רעאַקציע. און טאַקי באַלד האָ־בען זיי זיך דערפיהלט אזוי מעכטיג, דאָס זיי האָבען אָנגעהויבען צו טראַכטען, אויב עס וואָלט ניט מעגליך געווען צו פערניכטען די רעוואָלוציע, און צוריקגעבען דעם קעניגטהום און דעם אדעל זייערע פערלאָרענע רעכטע.

אַלע געשיכטע־שרייבער ווייזען אָן געוויס אויף דיזע רע־אַקציע; אָבער דאָך ווייזען זיי ניט אָן אויף איהר גאַנצע טיפ־קייט און ברייטקייט. די ווירקליכקייט איז געווען, דאָס פאַר גאַנצע צוויי יאָהר — פון דעם זומער פון 1790 ביז דעם זו־מער פון 1792,—איז די גאַנצע טהעטיגקייט פון דער רעוואָלוציע געווען אָבגעשטעלט. מענשען האָבען זיך געפרעגט, אויב דאָס וועט זיין די רעוואָלוציע, אָדער די קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס וועט זיעגען. דער צינגעל פון דער וואָגשאָל האָט זיך געשאָ־קעלט צווישען ביידע: און עס איז געווען מחמת גענצליכער פערצווייפלונג, דאָס די רעוואָלוציאָנערע „טאָן־אנגעבער“ האָבען ענדליך בעשלאָסען, אין יוני, 1792, ווידער אַ מאָל צו רופען צו אַ פאָלקס־אויפשטאַנד.

נאַטירליך, מוז מען צוגעבען, דאָס, וועהרענד די קאָנסטי־טואירענדע פערזאַמלונג און נאָך איהר די לעגיסלאַטיווע זיינען געווען געגען די רעוואָלוציאָנערע אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע

רעכטע און געגען די פאָלקס־רעוואָלוציע גאָר אין גאַנצען, האָבען זיי דאָך אויפגעטהאָן אַ גרויסע ארבייט פון פערניכטונג פון דער מאַכט פון קעניג און דעם הויף און פון אויפבויאונג פון דער פאָליטישער מאַכט פון די מיטעל־קלאַסען. און ווען די געזעץ־געבער אין דיזעביידע פערזאַמלונגען האָבען זיך אונטערנומען אויסצודריקען, אין דער געשטאַלט פון געזעצע, די נייע קאָנסטיטוציע פון דעם „דריטען שטאַנד“, מוז צוגעגעבען ווערען, אַז זיי האָבען געטהאָן דיזע אַרבייט מיט אַ געוויסער ענערגיע און שאַרפזיניגקייט.

זיי האָבען פערשטאַנען, ווי אַזוי אונטערצוגראָבען די מאַכט פון דעם אַדעל און ווי אויסצודריקען די רעכטע פון דעם בירגער אין דער מיטעל־קלאַסע־קאָנסטיטוציע. זיי האָבען אויסגעאַרבייט אַ לאָקאַלע זעלבסט־רעגיערונג, וועלכע זאָל זיין אין שטאַנד צו שטערען און אָבצוהאַלטען די רעגיערונג־צענטראַליזאַציע; און זיי האָבען אַזוי געענדערט די געזעצע וועגען ירושה, אַז אייגענטהום זאָל ווערען מעהר דעמאָקראַטיזירט און זאָל צוטהיילט ווערען צווישען אַ גרעסערער צאָהל מענשען.

זיי האָבען אויף אייביג פערניכטעט די פאָליטישע פערשיעדענהייטען צווישען די פערשיעדענע „אָרדערס“ — דעם פריסטערטהום, אַדעל, דריטען שטאַנד, — וואָס איז פאַר יענע צייט געווען אַ זעהר גרויסער אויפטהו. מיר דאַרפען נור געדענקען, ווי שרעקליך לאַנגזאַם דאָס ווערט נאָך ביז איצט אויסגעפיהרט אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד. זיי האָבען אָבגעשאַפט די אַלע אַדעל־טיטלען און די אָהן־אַ־שיעור פּריווילעגיעס, און זיי האָבען אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ מעהר גלייכמעסיגע בעשטייערונג. זיי האָבען אויך אויסגעמידען די גרינדונג פון אַן אויבער־קאַמער, וועלכע וואָלט געוויס געוואָרען אַ פעסטונג פאַר די אַריסטאָקראַטיע. און דורך דעם דעפּאַרטמענט־געזעץ פון 1789 האָבען זיי געוויס אויפגעטהאָן עטוואָס, וואָס האָט זעהר פיעל געהאָלפען דער רעוואָלוציע: זיי האָבען אָבגעשאַפט יעדען רעפּרעזענטאַנט פון דער צענטראַלער אויטאָריטעט אין דער פּראָווינץ.

שפּעטער־צו האָבען זיי אוועקגענומען פון דער קירכע איה־

רע רייכטהימער און זיי האָבען געמאַכט די גלחים פאַר איינפאַ־
כע שטאַאט־בעאַמטע. די אַרמיי איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען.
דאָס זעלבע אויך די געריכטס־הייזער. די וואהל פון ריכטער
איז איבערגעלאָזען געוואָרען צום פאָלק. און אין אַלע דיזע רע־
פאָרמען האָבען די געזעצגעבער פון דער מיטעל־קלאַס אויסגע־
מידען צופיעל צענטראַליזאַציע. אין קורצען, אורטהיילענדיג
זיי פון דעם לעגיסלאַטיווען שטאַנדפּונקט, ווייזען זיי זיך
אַרויס, אַלס קלוגע, ענערגישע מענער, און מיר געפינען אין
זייער אַרבייט געוויסע עלעמענטען פון רעפּובליקאַנישען דעמאָ־
קראַטיזם און אַ נייגונג צו לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, וועלכע די
פּאָרטגעשריטענע פּאַרטייען פון היינט שעצען ניט אָב לויט
זייער ווערדע.

אָבער, ניט קוקענדיג אויף דיזע אַלע געזעצע, איז דאָך גאָר
ניט אויפגעטהאָן געוואָרען. די ווירקליכקייט
איז גאָרניט געווען אויף דערזעלבער
הויכקייט מיט דער טהעאָריע, און
אויס דעם איינפאַכען גרונד, ווייל
עס איז אימער דאָ אַ טיעפער אָבגרונד
צווישען אַ געזעץ, וואָס איז נור וואָס
אָנגענומען געוואָרען און צווישען זיין
פּראַקטישער דורכפיהרונג אין לעבען —
אַ גרונד, וועלכער ווערט געוועהנליך פערזעהען פון די יעניגע,
וועלכע פערשטעהען ניט גרינדליך פון זייער אייגענער ערפאַה־
רונג, ווי דאָס אַרבייט די שטאַאטס־מאַשינעריע.

עס איז לייכט צו זאָגען: „דער אייגענטהום פון דער קירכע
זאָל אַריבערגעהן אין דעם בעזיץ פון שטאַאט". אבער, ווי זאָל
עס אויסגעפיהרט ווערען? ווער וועט, למשל, געהן אין די
קירכע סאַן בערנאַרד אין קלערוואָ און זאָגען דעם הויפּט־גלח
און די מאָנאַכען, אַז זיי מוזען נעהמען האַק און פּאַק און געהן?
ווער זאָל זיי אַרויסטרייבען, אַז זיי געהען ניט? ווער זאָל זיי
שטערען, ווען זיי קומען מאָרגען צוריק, אונטערשטיצט פון אַלע
פרומע מענשען פון דער גאַנצער געגענד? ווער זאָל זיי שטע־

רען אין פראוועז זייערע תפילות אין דער קירכע? ווער זאל ארגאניזירען דעם ווירקליכען פערקויף פון זייערע גרויסע מאַ־יאָנטקעס? און ענדליך, ווער וועט עס אומוואנדלען די פיינע קירכען־געביידע אין אַ האָספיטאל פאר אלטע מענער, ווי דאָס איז וויקליך שפעטער געטהאָן געוואָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג. און ווירקליך, מיר ווייסען דאָך, דאָס ווען די פּאַריזער סעקציאָנען וואָלטען ניט בעקומען אין זייערע הענד דעם פערקויף פון דעם לאנד פון דער קירכע, וואָלט דער געזעץ וועגען דעם קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען.

אין 1790, 1791, 1792 האָט די אלטע אָרדנונג נאָך אימער געלעבט, און געוועזן פערטיג אויפגעריכט צו ווערען אין איהר גאנצען אמאָליגען גלאנץ — מיט בלויז קליינע ענדערונגען — פונקט ווי עס איז געוועזן דער פאל מיט דער צווייטער אימפעריע פון נאפּאָלעאָן דעם 3טען, וועלכע איז געוועזן פערטיג צו קומען צוריק אין לעבען יעדען מאָמענט אין די טעג פון טהיער און מעקמעהאָן. די פריעסטער, דער אדעל, דער אלטער בעאמטענטהום, און מעהר פון אלץ, דער אלטער גייסט, זיינען אלע געוועזן מוכן ומזומן אויפצוהייבען ווידער זייערע קעפ און אריינצורוארפען אין געפענגנים אלע די יעניגע, וועלכע האָבען געהאט דעם מוטה אָנצוטהאָן דעם טריקאָלאָר־גארטעל. זיי האָבען נור געווארט אויף די געלעגענהייט און זיי האָבען זיך פערטיג געמאכט פאר איהר. נאָך מעהר, די נייע דעפּארטמענט־דירעקטאָרען, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט איינגעפיהרט, אבער וועלכע זיינען מייסטענס בעשטאנען פון מענשען פון די רייכע קלאסען, זיינען געוועזן דער רעמעל פאר די ווידער־אויפנעהמונג פון דער אלטער אָרדנונג. זיי זיינען געוועזן די פעסטונגען פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

סיי די גרינדונגס־פערזאמלונג און סיי די געזעצגעבענדע האָבען פערפאסט אַ גרויסע צאָהל געזעצע, וועמעס קלאָרהייט און סטיל מענשען בעוואונדערען נאָך ביז היינטיגען טאָג. אבער פון דעסטוועגען איז די מאיאָריטעט פון דיזע געזעצע געבליבען אַ טויטער בוכשטאב. מען טאָר ניט פערגעסען, דאָס פאר מעהר

ווי צוויי־דריטעל פון די פונדאמענטאלע געזעצע, וואס זיינען אנגענומען געווארען צווישען 1789 און 1793 איז אפילו גאר קיין פערזוך ניט געמאכט געווארען זיי דורכצופיהרען.

דער פאקט איז, דאס עס איז ניט גענוג צו מאכען א נייעם געזעץ. עס איז אויך נויטיג, כמעט שטענדיג, צו בעשאפען דעם מעכאניזם פאר זיין אנווענדונג. און אזוי שנעל, ווי דער נייער געזעץ ריהרט אן עפעס א געהייליגטען אינטערעס, איז געוועהנ־ליך נויטיג א רעוואלוציאנערע ארגאניזאציאן אום אנצואווענדען דיזען געזעץ אין לעבען, וואס פאר א פאלגען עס זאלען דערביי ניט ארויסקומען. מיר דארפען זיך נור דערמאנען אן די קליינע רעזולטאטען פון די געזעצע פון דער קאנווענשאן וועגען ערצי־הונג, וועלכע זיינען אלע פערבליבען א טויטער בוכשטאב.

און זאגאר היינט־צו־טאג, טראץ דער ביוראקראטישער קאנצענטראציע און דער ארמיי פון בעאמטע, וועלכע ציהען זיך אלע צום צענטער פון פאריז, זעהען מיר, דאס יעדער נייער געזעץ, ווי אונבעדייטענד ער מעג זיין, נעהמט יאהרען, איידער ער טרעט אריין אין לעבען. און דאן, ווי אפט ווערט דער געזעץ פערקריפעלט אין זיין אנווענדונג! אבער צו דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציע האט דיזער מעכאניזם ניט עקזיסטירט; עס האט איהם גענומען מעהר ווי פופציג יאהר זיך צו ענט־וויקלען.

ווי אזוי, אלזא, האבען די געזעצע פון דער פערזאמלונג געקענט אריינדרינגען אין דעם טאג־טעגליכען לעבען אהן א ר ע ו ו א ל ו־צ י ע  ד ו ר ך  ט ה א ט ע ן, א ו י ס ג ע פ י ה ר ט  אין יעדער שטאדט, אין יעדען דארף, אין יעדער פון די זעקס־און־דרייסיג טויזענד קאמונען איבער גאנץ פראנקרייך? און דאך איז אזוי גרויס געוועזען די בלינדקייט פון די מיטעלקלאס־רעוואלוציאנערען, דאס, פון איין זייט האבען זיי אנגעווענדעט אלע זייערע כחות צו שטערען די מענשען, — די ארימע מענשען, וועלכע זיינען געוועזען די איינציגע, וואס זיינען געוועזען מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו דער רעוואלוציע — צו האבען זייער טהייל אין דער אנפיהרונג פון די קאמונאלע געשעפטען, און, פון דער אנדער

זייט זיינען זיי געווען דאגעגען מיט זייער גאנצער מאכט דעם אויפברוך און דער דורכפיהרונג פון דער רעוואָלוציע אין יעדער שטאדט און דאָרף.

איידער עס האָט געקענט ארויסקומען עפּעס רעכטס פון די געזעצע פון דער פערזאמלונג, איז נויטיג געווען אונאָרדנונג. עס האָט זיך געפאָדערט, אז אין יעדען קליינעם דערפעל זאָלען די מענער פון טהאט, די פּאטריאָטען, וועלכע האָבען געהאסט דעם אלטען רעזשים, פערכאפּען די מוניציפּאליטעט; דאָס א רעוואָלוציע זאָל געמאכט ווערען אין יעדען קליינעם דערפעל; דאָס די גאנצע לעבענס־אָרדנונג זאָל איבערגעקעהרט ווערען מיט'ן קאָפּ אראָב; דאָס יעדע אויטאָריטעט זאָל איגנאָרירט ווערען; דאָס די רעוואָלוציע זאָל זיין א סאָציאלע, אויב זיי האָבען געוואָלט אויספיהרען די פּאָליטישע רעוואָלוציע.

עס איז געווען נויטיג פאר'ן בויער צו נעהמען דאָס לאנד און אָנהייבען בעארבייטען עס, ניט ווארטענדיג אויף די בעפעהלע פון אירגענד אן אויטאָריטעט, וועלכע, עס איז זיכער, וואָלטען קיינמאָל ניט געגעבען געוואָרען. עס איז געווען נויטיג, אז א פאָלשטענדיג נייעס לעבען זאָל זיך אָנהייבען אין דאָרף. אבער אָהן אונאָרדנונג, אָהן א היבשע ביסעלע סאָציאלער אונאָרדנונג, האָט דאָס ניט געקענט אויסגעפיהרט ווערען.

און אָט געראדע דיעזע אונאָרדנונג האָט די געזעצגעבונג געוואָלט דערשטיקען.

ניט נור האָבען זיי ארויסגעשטופּט דאָס פאָלק פון דער אדמיניסטראציע מיט דער הילפע פון דעם מוניציפּאלען געזעץ פון 1789, וועלכער האָט איבערגעגעבען די אדמיניסטראטיווע מאכט אין די הענד פון נור אַקטיווע בירגער, און אונטער דעם נאָמען פּאסיווע בירגער זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען אלע אָרימע בויערען און כמעט אלע אָרימע שטאדט־ארבייטער, און ניט נור האָבען זיי איבערגעגעבען די גאנצע פּראָווינציעלע אויטאָריטעט צו די מיטעל־קלאסען, נור זיי האָבען אויך בעוואפענט די מיטעל־קלאסען מיט דער שטארקסטער מאכט אום צו שטערען די אָרימע מענשען פון פאָרטצוזעצען זייערע אויפשטענדע.

און דאָך זיינען עס געווען גראדע דיזע אויפשטענדע פון די אָרימע מענשען, וועלכע האָבען זיי שפּעטער געגעבען די מעגליכקייט צו דערלאַנגען טויט-קלעפּ דעם אַלטען סדר אין 1792 און 1793. *)

אין אַלגעמיין האָט די רעוואָלוציע אין דיזער פּעריאָדע אָט ווי אויסגעזעהן: די בויערען האָבען בעגריפען, אַז קיין זאַך איז נאָך ניט געטהאָן געוואָרען. די אָבשאַפונג פון דער פעאָדאַלער קנעכטשאַפט האָט ביי זיי אויפגעוועקט אַנדערע האָפנונגען, און זיי האָבען איצט געפאָדערט די אָבשאַפונג פון זייער עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט פאַר אַלע מאָל, אָהן אירגענד וועלכע אויסלייז-געלד. אַ חוץ דעם האָבען זיי געוואָלט צוריקקומען אין דעם בעזיץ פון זייער קאָמונאַלען לאַנד.

דאָס וואָס זיי האָבען געוואונען דאָ און דאָרט אין 1789 דורך זייערע אויפשטענדע, ביי דעם האָבען זיי געוואָלט בלייבען, און אַז דערצו זאָל די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג געבען איהר הסכמה. און דאָס, וואָס זיי האָבען נאָך ניט געקראָגען, דאָס האָבען זיי געוואָלט האָבען, אָהנע צו מוזען פאַלען אונטער די דונערען פון אַ קריעגס-צושטאַנד.

אָבער געגען דיזע צוויי ווינשע זיינען די מיטעלקלאַסען געווען דאַגעגען מיט זייער גאַנצער מאַכט. זיי האָבען זיך בענוצט מיט די אויפשטענדע געגען דעם פעאָדאַליזם אום אָנצופאַנ-

---

*) עס איז אינטערעסאַנט צו לעזען אין מ. אָליאַר'ס „פּאָליטישע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (צווייטע אויפלאַגע, פּאַריז 1903) די זייטלעך פון 55 ביז 60, אין וועלכע ער ווייזט, ווי אַזוי די פערזאַמלונג האָט געאַרבייט, אום ניט צו דערלאָזען אַז די מאַכט זאָל אריינפאַלען אין די הענד פון פאָלק. די בעמערקונגען פון דיזען שרייבער איבער דעם געזעץ פון דעם 17טען אָקטאָבער 1790, וועלכער פערוועהרט די פערזאַמלונג פון די בירגער פון די קאָמונען צו דיסקוטירען וועגען זייערע אנגעלעגענהייטען מעהר ווי איינמאָל אַ יאהר פאַר די וואַהלען, זיינען זעהר, זעהר ריכטיג.

גען זייער ערשטע אטאקע אויף די מאכט פון קעניג, פון אדעל און פריעסטערשאפט. אבער אזוי שנעל, ווי דער ערשטער ענט־וואורף פון א מיטעל־קלאס־קאנסטיטוציע איז געמאכט געוואָ־רען און אנגענומען געווארען פון קעניג — מיט יעדער אויסזיכט פאר איהר פערגוואלטיגונג — האבען זיך די מיטעלקלאסען אב־געשטעלט, אויפגעשווידערטע פון די שנעלע זיגע, וועלכע עס האט געמאכט דער גייסט פון דער רעוואלוציע אין די הערצער פון די מענשען.

נאך מעהר, זיי האבען געוואוסט, אז דאס לאנד־אייגענטהום פון דעם אדעל וועט איבערגעהען אין זייערע הענד, און זיי האבען איהם געוואלט האבען אין גאנצען, מיט די אלע איבריגע איינקינפטע, וועלכע האבען געשטאמט פון דעם, וואס די אלטע פערזענליכע קנעכטשאפט האט זיך אומגעוואנדעלט אין די בעצאהלונג פון געלד. ווען־עס־איז שפעטער וועלען זיי זעהען, אויב עס לוינט זיך ניט בעסער אבצושאפען די איבריגע אבצאה־לונגען, און דאן וועט עס געטהאן ווערען געזעצליך, „מעטאדיש“ און „ארדנונגסמעסיג“. האבען זיי דען ניט גערערט פון „גלייכ־הייט“, פון אן „אגראַרישען געזעץ“, פון „די אויסגלייכונג פון די פערמעגענס“, פון „פארמס, וועלכע זאלען ניט זיין גרעסער, ווי הונדערט און צוואנציג אקער“?

וואס אנבעטרעפט די שטעדט און די בעלי מלאכות און די גאנצע ארבייטער־בעפעלקערונג אין די שטעדט, איז פארגעקו־מען דאסזעלבע, וואס אין די דערפער. די צעכען און קאָאפע־ראציעס, פון וועלכע דער קעניגטהום האט עס אויסגעפיהרט צו מאכען אזוי פיעל אינסטרומענטען פון אונטערדריקונג, זיינען אבגעשאפט געווארען. די רעשטלעך פון דער פעאדאלער סיסטעם, וועלכע האבען נאך עקזיסטירט אין די שטעדט, ווי אין די דערפער, זיינען אונטערדריקט געווארען זייט דעם פאלקס־אויפשטאנד אין 1789. די פריצישע געריכטען זיינען פער־שוואונדען געווארען, און די ריכטער, מייסטענס מענשען מיט אייגענטהום, זיינען אויסגעוועהלט געווארען פון פאלק. אבער נאך אלעם האט עס פיעל ניט בעדייט. ארבייט איז געווען ווע־

ניג, און ברויט איז געווען בראַנד יקרות. די גרויסע מאַסע אַר־בייטער וואָלט ווירקליך געוואָרט געדולדיג, ווען עס וואָלט נור געווען אַ מעגליכקייט, אַז די הערשאַפט פון „פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערליכקייט" זאָל עטאַבלירט ווערען. אבער אַזוי ווי דאָס איז ניט געטהאָן געוואָרען, האָבען זיי פערלאָרען די געדולד. די אַרביימער האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערען, אַז די קאָמונע פון פּאַריז, ווי די מוניציפּאַליטעטען פון רועָן, נאַנסי און ליאָן און אַנדערשוואו, זאָלען איבערנעהמען די אויפפּאַסונג איבער די לעבענסמיטלען, כדי ווייץ און קאָרן זאָלען פערקויפט ווערען צו קאָסט־פּרייז. זיי האָבען געפאָדערט, אַז דער מאַק־סימום פּרייז פאַר ברויט־שטאָפען זאָל פעסטגעשטעלט ווערען, און עס זאָלען אויך געמאַכט ווערען געזעצע, אַז אויף די רייכע זאָל אַרויפגעלעגט ווערען אַ שטייער, לויט זייער איינקונפט. אבער דאַן זיינען אַרויסגעקומען די מיטעלקלאַסען, וועלכע האָ־בען זיך בעוואָפענט זייט 1789, וועהרענד די פּאַסיווע בירגער זיינען געווען אונבעוואָפענט, האָבען פערנאַנדערגעוויקעלט דעם רויטען פלעג, און הייסענדיג די מענשען זיך צוגעהן, האָבען זיי געשאָסען די, וועלכע האָבען גלייך ניט געפאָלגט. דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין פּאַריז, ווי דאָס איז געטהאָן געוואָרען כמעט איבער גאַנץ פראַנקרייך.

דער פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציע איז אַלזאָ צוריקגעהאַל־טען געוואָרען. דער קעניגטהום האָט אָנגעהויבען אויפצולעבען. די אַנטלאָפענע אַדעללייט אין קאָבלענץ, טורין און מילאַן האָבען זיך געריבען די הענד פון נחת. זיי האָבען ווידער געקריגען מוטה און האָבען זיך אַריינגעלאָזען אין ווילדע ספּעקולאַציאָנען. פון דעם זומער פון 1790 ביז יוני 1792 האָט די קאָנטר־רעוואָ־לוציע געהאַט יעדען גרונד צו גלויבען, אַז באַלד וועט זי אַרויס־קומען זיעגרייך.

עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, נאָך אַלעם, אַז אַזאַ וויכ־טיגע רעוואָלוציע, ווי יענע, וועלכע איז פאָלבראַכט געוואָרען צווישען 1789 און1793, זאָל האָבען איהרע פעריאָדען פון שטיל־שטאַנד און זאָגאַר פון צוריקגאַנג. די כחות, וואָס דער אַלטער

רעזשים האָט נאָך געהאַט, זיינען געווען געוואַלדיגע, און האָבענ־דיג געקראָגען איינמאָל אַ מפּלה, האָט ער דאָך נאָר ניט געקענט אַנדערש, ווי פּרובירען ווידער קומען צו זיך, אום אויסצובויען אַ צאַם געגען דעם נייעם גייסט. עס איז דאָרום ניט געווען גאָרניט אונערוואַרטעט אין דער רעאַקציאָנערער כוואַליע, וועלכע האָט זיך געוויזען אין 1790. אבער, ווען די רעאַקציע איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זי האָט געקענט געדויערען ביז יוני, 1792, און ווען, טראָץ די אַלע פּערברעכענס פון קעניגטהום, איז ער ווידער געוואָרען אַזוי מעכטיג, דאָס אין 1791 איז די גאַנצע רעוואָלוציע צוריקגעגאַנגען, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל די מיטעלקלאַסען האָבען זיך פעראייניגט מיט דעם אַדעל און פּריעסטערשאַפט, און אַלע צוזאַמען זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם פלעג פון קעניגטהום. די נייע קראַפט, וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרען פון דער רעוואָלוציע גופא, די מיטעל־קלאַס — האָט געבראַכט איהר גאַנצע געשעפטספעהיגקייט, איהר ליעבע צו אָרדנונג און אייגענטהום און איהר האַס צו אירגענד אַ פאָלקס־טומעל, אַלס שטיצע צו די כחות פון דעם אַלטען סדר. נאָך מעהר, די מאַיאָריטעט פון די „אינטעלעקטועלע“, אין ווען דאָס פאָלק האָט געטרויט, האָבען זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו די מאַסען און זיינען אוועקגעלאָפען אין די רייהען פון די פערטהיידיגער פון „אָרדנונג“, אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען דער־זעהען דעם ערשטען פונק פון אַן אויפשטאַנד, אום אַלע צוזאַמען צו האַלטען דאָס פאָלק אונטערדריקט און ניט צו דערלאָזען די ענטוויקלונג פון דעם פאָלק'ס נייגונג צו גלייכהייט.

ניי־געקרעפטיגט אויף אַזאַ אופן, האָבען די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערען געהאַט אַזוי פיעל ערפאָלג, דאָס ווען די בויערען וואָלטען ניט פאָרטגעזעצט זייערע אויפשטענדע אין די פּראָווינ־צען, און ווען די מענשען אין די שטעדט, זעהענדיג די פרעמדע זיך אַריינרייסען אין פראַנקרייך, וואָלטען ווידער ניט געמאַכט אַן אויפשטאַנד וועהרענד דעם זומער אין 1792, וואָלט דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע אָבגעהאַלטען געוואָרען, און קיין זאַך וואָלט ניט געוואָרען אויסגעפיהרט.

אין אַלגעמיין איז די לאַגע געווען אַ זעהר טרויעריגע אין 1790. „אַ פּלוטאָקראַטיע איז שוין דאָ גאָר אָהן דעם מינדעס־טען שפּור פון שאַנדע“, האָט געשריבען לוסטאַלאָ אין נאָוועמ־בער 28, 1789, אין זיין „רעוואָלוציאָן אין פּאַריז“. „ווער ווייס, אויב עס איז שוין ניט אַ פּערבּרעכען צו זאָ־גען, אז די נאַציאָן איז דער הערשער?“*) אָבער זייט דאַן איז די רעאַקציע אַ היבש ביסעל געוואַקסען, און זי האָט נאָך אַלץ בעשיינפּערלאַך געוואַקסען און געוואַקסען.

אין זיין גרויסען ווערק איבער די פּאָליטישע געשיכטע פון דער גרויסער רעוואָלוציע, האָט מ. אָלאַר געשילדערט גאַנץ גענוי וואָס פאַר אַ געגנערשאַפט האָט די אידעע פון אַ רעפּובּליקאַ־נער רעגיערונגס־פאָרמע געטראָפען צווישען די מיטעל־קלאַסען און די „אינטעללעקטועלע“ פון יענער צייט — זאָגאַר דאַן, ווען די אָבשאַפונג פון דער מאָנאַרכיע איז שוין געוואָרען אונפּער־מיידליך דורך די פּערעטהערייען פון הויף און די מאָנאַרכיס־טען. און ווירקליך, וועהרענד אין 1789 האָבען די רעוואָלוציאָ־נערען געהאַנדעלט אזוי ווי זיי וואָלטען געוואונשען פּטור צו ווערען פון קעניגטהום גאָר אין גאַנצען, האָט זיך איצט אָנגע־פאַנגען אַ בעשטימטע מאָנאַרכיסטישע בעוועגונג, צווישען די־זעלבע רעוואָלוציאָנערען. גלייכצייטיג און פּראָפּאָרציאָנעל מיט דעם וואוקס פון דער קאָנסטיטוציאָנעלע מאַכט פון דער פּער־זאַמלונג איז ווידער לעבעדיג געוואָרען די מאַכט פון קעניג.**)

---

*) אָליאַר. „די פּאָליטישע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע“. זייטע 7. אַ פּאָדראָבנע צוגליעדערונג פון דעם, וואָס די פערזאמלונג האָט געטהאָן געגען דעם גייסט פון פאָלקס־הערשאַפט, וועט מען געפינען ביי אָליאַר.

**) צווישען אַנדערע, קען זעהר אַ גוטער ביישפּיעל פון דיזער מאָנאַרכיסטישער כוואַליע געפונען ווערען אין די בריעף פון מאַדאַם דזשוליען (דע לא דראָם). „איך בין דארום אויסגעקורירט פון מיין רוימישען פיבער, וועלכער איז אָבער ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי דער רעפּובליקאַניזם, אוים מורא פאַר אַ בירגער־קריעג. איך בין איינגעשלאָסען מיט חיות פון אַלערליי סאָרטען אין דער הייליגער

זאָגאַר נאָך מעהר קען געזאָגט ווערען. נאָך אָקטאָבער פינף און זעקס, 1789, בעזאָנדערס נאָך דעם אנטלויפען פון קעניג אין יוני, 1791, זיינען יעדעס מאָל, ווען דאָס פאָלק האָט זיך ארויסגעוויזען אלס אַ רעוואָלוציאָנערע קראַפט, די מיטעל־קלאַסען און די „טאָן־געבער“ פון דער רעוואָלוציע געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר מאָנאַרכיסטיש.

דאָס איז אַ זעהר וויכטיגער פאַקט; אָבער מען טאָר אויך ניט פערגעסען, אז דער עיקר פאַר ביידע, פאַר די מיטעל־קלאַסען און די „אינטעללעקטועללע“, איז געווען „די אויפהאַלטונג פון אייגענטהום“, ווי זיי פלעגען עס זאָגען אין יענע טעג. מיר זעהען אין דער ווירקליכקייט, דיזע פראַגע פון אויפהאַלטונג פון אייגענטהום, דורכלויפענדיג ווי אַ שוואַרצער פאָדעם דורך די גאַנצע רעוואָלוציע ביז צו דעם שטורץ פון די זשיראָנדיסטען *). עס איז אויך זיכער, דאָס אויב די אידעע פון אַ רעפובליק האָט אַזוי געשראָקען די מיטעל־קלאַסען און זאָגאַר די פערברענטע יאַקאָבינער (וועהרענד די קאָרדעליערען האָבען עס אָנגענומען גערן), איז עס געווען דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק האָט צוזאַמענגעפאָרט די רעפובליק־אידעע מיט דער אידעע פון גלייכהייט, און דאָס האָט געמיינט פאַר איהם די גלייכהייט פון פערמעגען און אַן אַגראַרנעם געזעץ, דאָס מיינט דער אידעאַל פון די

---

תובה פון דער קאָנסטיטוציע. איינע איז אַ סאָרט נאָרד־אַמעריקאַנער אינדיאַנערקע, און זי שפּיעלט די ספּאַרטאַנקע אָדער די רוימישע פרוי אין פּאַריז.“ אַנדערשוואו פרעגט זי ביי איהר זוהן: „זאָג מיר, אויב די יאַקאָבינער זיינען געוואָרען מיטגליעדער פון דעם מאָנאַרכיסטישען קלוב.“ „זשורנאַל פון אַ בורזשואַ אין דער רעוואָלוציאָן.“, ארויסגעגעבען פון ע. לאַקראָ, פּאַריז, 1881, צווייטע אויסגאַבע, זייטע 31, 32, 35.

*) מאַראַט איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געהאַט דעם מוטה צו דרוקען אין זיין צייטונג דעם פאָלגענדען עפּיגראַף: „מעג דער גליק פערלאָזען די רייכע און קומען צוריק צו די אָרימע.“

„גלייכמאכער", פון די קאמוניסטען, די עקספראפריאטארס, די אנארכיסטען פון יענער צייט.

עס איז אלזא געווען הויפטזעכליך, אום צו שטערען דעם פאלק פון צו אטאקירען דעם הייליגסטען שבהיילינען פרינציפּ פון אייגענטהום, דארום האבען די מיטעל־קלאסען אזוי שטארק געוואלט אבשטעלען די רעוואלוציע. נאך אקטאבער, 1789, האט די פערזאמלונג אנגענומען דעם בעריהמטען קריעגס־געזעץ, וועלכער האט ערלויבט דאס שיסען אויף די בויערען אין אויפשטאנד און שפעטער־צו אין יולי, 1791, די אויסשלאכטונג פון דעם פאלק אין פאריז. זיי האבען אויך געלייגט גרויסע שטערונגען אין וועג דעם פאלק צו קומען נאך פאריז צום פעסט פון דער פעדעראציאן דעם 14טען יולי, 1790. און זיי האבען אנגענומען א גאנצע רייהע פון מיטלען געגען די לאקאלע רעוואלוציאנערע געזעלשאפטען, וועלכע האבען געגעבען שטארקייט צו דער פאלקס־רעוואלוציע, זאגאר ריזיקירענדיג דערמיט צו טוידטען דאס, וואס איז געווען דער סאמע קערן, פון וועלכען עס האט ארויסגעשפראצט זייער אייגענע מאכט.

זייט די ערשטע אויסבריכע פון דער רעוואלוציע זיינען טויזענדע פאליטישע פעראיינען ארויסגעשפרונגען אין לעבען איבער גאנץ פראנקרייך. עס זיינען ניט נור געווען די וועהלערפערזאמלונגען, וועלכע האבען אנגעהאלטען זייערע צוזאמענקינפטע. עס זיינען ניט נור געווען די צאהלרייכע יאקאבינער געזעלשאפטען, צווייגען פון דער הויפט־געזעלשאפט אין פאריז — עס זיינען געווען הויפטזעכליך די סעקציאנען, די פאלקס־געזעלשאפטען און די אונטערשטיצונגס־פעראיינען, וועלכע זיינען געקומען אין לעבען גאנץ ספאנטאן און אפט אהן די קלענסטע פארמאליטעט. עס זיינען געווען די טויזענדע קאמיטעס און לאקאלע מעכטע — כמעט אונאבהענגיגע — וועלכע האבען פערנומען דעם פלאץ פון דער קעניגליכער אויטאריטעט, און זיי אלע האבען געהאלפען צו פערשפרייטען צווישען דעם פאלק די אידעע פון א סאציאלער גלייכהייט דורך א רעוואלוציע.

דערפאר האבען די מיטעל־קלאסען זיך גענומען מיט אזא

חשק צו דער אויפגאבע צו דערשטיקען, פאראליזירען, אדער, ווענינסטענס, דעמאראליזירען דיזע טויזענדע לאקאלע צענטערס, און זיי האבען אין דעם געהאט אזא גרויסען ערפאלג, דאס די פריסטער, דער אדעל און די מאנארכיסטען האבען ווידער־א־מאל געקראגען די אויבער־האנד אין די שטעדט און דערפער אין מעהר, ווי אין א העלפט פון פראנקרייך. באלד האבען זיי זיך גענומען געריכטליך צו פערפאלגען די רעוואלוציאנערען און אין יאנואר, 1790, האט נעקער געקראגען א פערהאפטונגס־בעפעהל געגען מאראט, וועלכער האט עפענטליך פערטהיידיגט די זאך פון פאלק, די ארימסטע קלאסען. מורא האבענדיג פאר א פאלקס־אויסברוך, האבען זיי געשיקט ביידע, די אינפאנטעריע און די קאוואלעריע, צו ארעסטירען דעם פאלקס־טריבון; זיין דרוקעריי איז צושטערט געווארען, און מאראט, אין דעם סאמע ברען פון דער רעוואלוציע, האט געמוזט זוכען שוץ אין ענגלאנד. ווען ער איז צוריקגעקומען, פיער מאנאט שפעטער, האט ער געמוזט בלייבען פערבעהאלטען די גאנצע צייט, און אין דעצעמבער, 1791, האט ער ווידער געמוזט אנטלויפען נאך ענגלאנד.

אין קורצען, די מיטעל־קלאסען און די „אינטעללעקטועללע", ביידע פערטהיידיגער פון אייגענטהום, האבען געטהאן אזוי פיעל, אום צו דערשטיקען די פאלקס־בעוועגונג, דאס זיי האבען געבראכט צו א שטילשטאנד די רעוואלוציע גופא. וואס פעס־טער עס איז געווארען די אויטאריטעט פון די מיטעל־קלאסען, דאס קענטיגער איז געוועזען די צוריקקעהרונג פון דער קעניגלי־כער אויטאריטעט צו איהר אמאליגער יוגענדליכער קראפט.

„די אמת'ע רעוואלוציע, וועלכע איז דער שונא פון הפקר, די ווערט שטארקער מיט יעדען טאג", האט געשריבען דער מא־נארכיסט מאלע דו פאן אין יוני, 1790. און אזוי איז עס אויך געווען. דריי מאנאטען שפעטער האט די קאנטער־רעוואלוציע זיך געפיהלט שוין אזוי מעכטיג, דאס זי האט בעדעקט די גאסען אין נאנסי מיט טויזענדע געטוידטעטע רעוואלוציאנערען.

צוערשט האט דער רעוואלוציאנערער גייסט גאר וועניג־וואס אנגעריהרט די ארמיי, צוזאמענגעשטעלט ווי זי איז געווען

פון די געלדדורשטי־גע געדונגענע, טהיילווייז אויסלענדישע, דייטשען, אָדער שווייצער. אָבער פאַמעלאַך, פאַמעלאַך איז עס אריינגעדרונגען. דער פעסט פון דער פעדעראַציע, צו וועלכען עס זיינען אויך איינגעלאַדען געוואָרען דעלעגאַטען פון די סאָלדאַטען, אום אנטהייל צו נעהמען אין איהם, אַלס בירגער, האָט פיעל געהאָלפען אין דעם, און אין דעם לויף פון מאָנאַט אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבען בעמערקען אַ גייסט פון אונצופריעדענהייט, און בעזאָנדערס אין די גאַרריזאָנען פון איסט־פראַנקרייך. ער האָט זיך אויסגעדריקט דורך אַ רייהע פון בעוועגונגען צווישען די סאָלדאַטען. זיי האָבען געוואָלט צווינגען זייערע אָפּיצערען אָבצוגעבען חשבון פון די געלדער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך זייערע הענד, און אומצוקעהרען די געלדער, וואָס זיי האָבען צוריקגעהאַלטען פון די סאָלדאַטען. דיזע סוממען זיינען געוועזען זעהר גרויסע. אין איין רעגימענט האָבען זיי בעטראָפען מעהר, ווי 240 טויזענד ליווער, און פון 100 טויזענד ביז 2 מיליאָן אין אַנדערע גאַרריזאָנען. די אויפרעגונג איז אַלץ געוואַקסען. אָבער, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען פון מענשען, וואָס זיינען ברוטאַליזירט דורך אַ לאַנגע שקלאַפעריי, איז אַ טהייל פון זיי געבליבען טריי צו די אָפּיצערען. און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך דערמיט בענוצט און ארויסגערופען מחלוקות צווישען די סאָלדאַטען גופא. אַזוי האָבען אין נ י ל פיעל פאַלקען געקעמפפט צווישען זיך — ראָיאַליסטען געגען פּאַטריאָטען — און פופציג טוידטע און פערוואונדעטע זיינען געבליבען אויפ'ן פּלאַץ.

עס איז זעהר וואהרשיינליך, דאָס פאַר די ראָיאַליסטישע פערשווערער, שטאַרקענדיג זייער טהעטיגקייט זייט ענדע 1789, בעזאָנדערס צווישען די אָפּיצערען אין דער ארמיי פון איסט־פראַנקרייך, איבער וועלכע ב ו י ע האָט קאָמאַנדירט, האָט זיך עס גערעדע צוגעפּאַסט פאַר זייערע פּלענער צו בענוצען זיך מיט דעם ערשטען אויסברוך פון די סאָלדאַטען אום צו דערטרינקען איהם אין בלוט, אַזוי ארום העלפענדיג די ראָיאַליסטישע רעגימענטען צו בלייבען טריי צו זייערע קאָמאַנדירען.

די געלעגענהייט איז באלד געקומען אין נאנסי.

די נאציאנאלע פערזאמלונג, הערענדיג וועגען דער אויפ־רעגונג צווישען די סאָלדאטען, האָט אָנגענומען דעם 16טען אויגוסט, 1790, א געזעץ, וועלכער האָט פערבאָטען די בע־ראטהונגס־פערזאמלונגען פון די סאָלדאטען אין דיענסט; אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי אויך בעפוילען, אז די אָפיצערען זאָלען גלייך אָבגעבען א געלד־חשבון צו זייערע רעגימענטען.

אזוי שנעל, ווי דיזער דעקרעט איז בעקאנט געוואָרען אין נאנסי, דעם 9טען, האָבען די סאָלדאטען, און בעזאָנדערס די שווייצער פון דעם שאַטאָוויע רעגימענט, וואָס איז בעשטאַנען מייסטענס פון מענער פון די קאַנטאָנען וואָד און זשענעווא, גע־פאָדערט חשבון פון זייערע אָפיצערען. זיי האָבען אוועקגענו־מען די קאסע און האָבען עס איבערגעגעבען היטען צו איינעם פון זייערע אייגענע. זיי האָבען געסטראשעט זייערע אָפיצערען מיט געוואלד, און האָבען געשיקט אכט דעלעגאטען נאָך פאריז צו רעפרעזענטירען זיי אין זייערע טענות פאר דער נאציאָנאל־פערזאמלונג. דאָס אָנקלייבען זיך פון עסטרייכישע סאָלדאטען ביין גרענעץ האָט נאָך פערגרעסערט די אונרוהען.

די פערזאמלונג, האנדלענדיג אין דער זעלבער צייט אויף דעם גרונד פון פאלשע רעפּאָרטען, געשיקט פון נאנסי, און אויפ־געהעצט פון דעם קאָמאנדיר פון דער נאציאָנאל־גוואַרדיע, לאַ־פאיעט, צו וועמען די מיטעל־קלאסען האָבען געהאט פולען צו־טרוי, האָט זי אָבגעשטימט דעם 16טען א דעקרעט, אין וועלכען עס זיינען פערדאמט געוואָרען די סאָלדאטען פאר זייער ברע־כען די דיסציפּלין און בעפעהלענדיג די גאררויזאָנען פון דער נאַ־ציאָנאל־גוואַרדיע פון מעץ דעפּארטמענט צו אונטערדריקען „די אויפהעצער“. זייערע דעלעגאטען זיינען ארעסטירט געוואָרען און לאַפאיעט, פון זיין זייט, האָט ארויסגעלאָזען א צירקולאר, אויפפאָדערענדיג די נאציאָנאל־גוואַרדיע פון די שטעדט, וואָס זיינען אם נאָהענטסטען צו נאנסי, אויפצונעהמען א קאמפף גע־גען דעם רעבעללישען גאררויזאָן אין יענער שטאָדט.

אין נאנסי גופא האָט אלעס אויסגעזעהען, אזוי ווי אלעס

וועט אָבגעהן גאַנץ פריעדליך, ווייל די מאַיאָריטעט פון די סאָלדאַטען האָבען זיך אונטערשריבען אויף אַ פּאַפּיר, אז זיי האָבען חרטה. אָבער, ווי עס שיינט, האָבען ניט דאָס די ראָיאַליסטען געוואָלט.

בויע האָט פערלאָזען מעץ דעם 28טען אָן דער שפיצע פון דריי טויזענד טרייע סאָלדאַטען מיט דער פעסטער אבזיכט צו דערלאַנגען די רעבעללען אַ טוידט־קלאַפּ, ווי דער קעניגליכער הויף ווינשט עס.

די צבוע'קישע האַנדלונג פון דעם דעפּאַרטמענט־דירעקטאָריום האָט געהאָלפען בויע, און וועהרענד אלעס האָט געקענט געטהאָן ווערען גאַנץ פריעדליך, האָט בויע פאָרגעשלאָגען דעם גאַרריזאָן גאָר אונמעגליכע קאָנדיציאָנען, און האָט איהם גלייך אָנגעהויבען צו אַטאַקירען. זיינע סאָלדאַטען האָבען אָנגעמאַכט די שרעקליכסטע בלוטבאָד; זיי האָבען געטוידטעט די בירגער אַזוי גוט, ווי די רעבעללישע סאָלדאַטען, און געפּלינדערט די הייזער. דריי טויזענד געטוידטעטע האָבען זיך געוואַלגערט איבער די גאַסען פון נאַנסי, אַלס רעזולטאַט פון דיזען קאַמפּף, און דאַן איז ערשט געקומען די „געזעצליכע" נקמה. צוויי און דרייסיג זיינען געטוידטעט געוואָרען דורך צוברעכונג אויפ'ן ראָד, און איין און פערציג זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען אויף קאַטאָרגע.

דער קעניג האָט גלייך אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט דורך אַ בריעף מיט „דער גלענצענדער אויפפיהרונג" פון מ. בויע. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט געדאַנקט די מערדער. און די פּאַריזער מוניציפּאַליטעט האָט געפּראַוועט אַ לויה צו עהרע פון די „זיעגער", וואָס זיינען געפאַלען אין שלאַכט. קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוטה צו פּראָטעסטירען. ראָבעספּיער ניט מעהר, ווי די אַנדערע. אַזוי האָט זיך געענדיגט דאָס יאָהר 1790. די בעוואַפענטע רעאַקציע האָט פערנומען דעם אויבען־אָן.

## ניין און צוואנציגסטער קאפיטעל.

# דער קעניג אנטלויפט. — די רעאקציע. — דער סוף פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג.

יוני 21, 1791. — א ראיאליסטישע פערשווערונג. — דער קעניג אנטלויפט נאך וואַרען. — דרוע יאָגט זיך נאך דעם קעניג. — דער בעשלוס פון פאָלק. — די ווירקונג פון דעם בעשלוס. — פראנקרייך אָהן א קעניג. — די מיטעל־קלאסען האָבען חרטה. — די אורזאַכען פון זייער רעאַקציע. — די קעניגליכע מאַכט ווידער אויפגעריכט. — די אויסשלאַכטונג פון די רעפובליקאַנער. — דאַנטאָן אַנטלויפט נאך ענגלאַנד. — ראָבערט, מאַראַט און פעראָן בעהאַלטען זיך. — די וואַהל־רעכטע פון פאָלק נאך מעהר בעשרענקט. — דער קעניג שווערט צו זיין טריי דער קאָנסטיטוציע. — די גרינדונגס־פערזאַמלונג ווערט אויפגעלייזט. — די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג קומט אין מאַכט. — די אנזיכטען פון מאַראַט און דעמולען. — די רעאַקציע האַלט אָן. — פעררעטה אין דער לופט.

---

די גרויסע רעוואָלוציע איז פול מיט פאַסירונגען, וועלכע זיינען טראַגיש ביז צום העכסטען גראַד. די שטירצונג פון דער באַסטיל, דער מאַרש פון די פרויען נאך ווערסאַיל, די אַטאַקע אויף די טיולערי, די הינריכטונג פון קעניג — דיזע אַלע פאַסירונגען האָבען געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט — אַלס קינדער האָבען מיר געלערענט אויסענווענינג די דאַטען, ווען זיי האָבען פאַסירט. אָבער עס זיינען דאָ אויך אַנדערע דאַטען,

וועלכע זיינען פערגעסען געוואָרען, און וועלכע האָבען פּונקט אַזאַ גרויסע בעדייטונג, ווייל זיי ענטהאַלטען דעם סך־הכל פון דער רעוואָלוציע אין אַ בעשטימטען מאָמענט און אויך די בע־דייטונג פון איהר וויטערען פּאָרטשריט. אַזעלכער איז, וואָס אַנבעטרעפט דעם שטורץ פון דער מאָנארכיע, דעם סאַמע וויכ־טיגען מאָמענט פון דער רעוואָלוציע — דער מאָמענט, וועלכער בעצייכענט איהר גאַנצען ערשטען טהייל און בעשטימט פאַר איהר גאַנצען וויטערען גאַנג אַ געוויסען פאָלקס־כאַ־ראַקטער — די דאַטע, דער 21טען יוני, 1791 — יענע געדענק־ווירדיגע נאַכט, ווען מאַנכע אונבעקאַנטע מענשען פון פאָלק האָ־בען ארעסטירט דעם אַנטלויפענדען קעניג און זיין פאַמיליע אין וואַרען. געראַדע דאַן, ווען זיי האָבען געהאַלטען שוין ביין אַרי־בערגעהן דעם גרענעץ און זיך וואַרפען אין די אָרעמס פון אויס־לאַנד. אין יענער נאַכט איז דער קעניגטהום געשטירצט גע־וואָרען אין פראַנקרייך. און פון יענער נאַכט אָן איז דאָס פאָלק אַרויף אויף דער סצענע, אַוועקשטופּענדיג די פּאָליטיקער צום הינטער־גרונד.

דיזער עפּיזאָד איז גוט בעקאַנט. אין פּאַריז האָט זיך גע־בילדעט אַ פערשווערונג, וואָס זאָל מעגליך מאַכען דעם קעניג צו אַנטלויפען און צו ברענגען איהם איבער'ן גרענעץ, וואו ער האָט זיך געזאָלט שטעלען אָן דער שפּיצע פון די „עמיגראַנטען“ און פון די דייטשע אַרמעען. דיזע פערשווערונג איז שוין גע־שפּונען געוואָרען אין קעניגליכען הויף זייט סעפּטעמבער, 1789, און, ווי עס שטעלט זיך אַרויס, האָט אויך לאַפאַיעט גע־וואוסט וועגען דעם.

עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז די ראָיאַליסטען זאָ־לען האָבען בעטראַכט דאָס אַנטלויפען פון קעניג אַלס מיטעל צו ברענגען איהם אין זיכערהייט, און אין דער זעלבער צייט צו דערשטיקען די רעוואָלוציע. אָבער אויך פיעלע פון די רעוואָ־לוציאָנערען פון די מיטעל־קלאַסען זיינען געווען שטאַרק פאַר דיזען פּלאַן. וויבאַלד די בורבאָנס וועלען זיין אַוועק פון פראַנקרייך, האָבען זיי געטראַכט, וועלען זיי אַרויפזעצען אויפ'ן

טהראָן פיליפּ, דעם דיוק פון אָרלעאַן, און דיזען וועלען זיי קענען צווינגען צו געבען זיי אַ מיטעלקלאַס־קאָנסטיטוציע, אָהן די הילפע פון די אייביג־געפעהרליכע פאָלקס־אויפשטענדע.

דאָס פאָלק האָט צושטערט דיזען פּלאַן.

אַן אונבעקאַנטער מאַן, דרוע, געוועזענער פּאָסטמייסטער, האָט דערקענט דעם קעניג, ווען ער איז דורכגעפאָהרען דורכ'ן דאָרף. אָבער די קעניגליכע קאָוטש איז שוין געווען ווייט אוועק מיט דער העכסטער שנעליגקייט. ניט פערלירענדיג קיין צייט, האָבען דרוע און איינער פון זיינע פריינד, גילליאַם, גענומען גלייך אין דער פינסטער זיך נאָכיאָגען נאָך דעם קאָוטש. די וועל־דער ארום דעם גאַנצען וועג, האָבען זיי געוואוסט, זיינען פול געווען מיט הוזאַרען, וועלכע זיינען ארויסגעקומען בעגעגענען דעם קעניג, נור ניט געפינענדיג די קאָוטש און מורא־האָבענדיג פאַר די פיינדליכקייט פון פאָלק, זיינען זיי צוריקגעטראָטען טיעף אין וואַלד. דרוע און גילליאַם אָבער האָבען אויסגעפיהרט אויסצו־מיידען דיזע פּאַטרולען, לויפענדיג מיט וועגען, וועלכע נור זיי אַליין האָבען געקאַנט, און ערשט אין וואַרען האָבען זיי דער־יאָגט די קאָוטש, וואו זי איז אונערוואַרטעט צוריקגעהאַלטען גע־וואָרען — דאָס איבערבייטען פון די פערד און דאָס צוזאַמענ־טרעפען זיך מיט די הוזאַרען איז ניט פאָרגעקומען אין דעם בע־שטימטען פּלאַץ. דאָרט האָט דרוע צייט געהאַט אריינצולויפען אין די הויז פון אַ פריינדליכען קרעטשמער. „איהר זיינט אַ גו־טער פּאַטריאָט, זיינט איהר?“ „איך זאָל עס אַזוי דענקען.“ „גוט, אַלזאָ, לאָמיר אַרעסטירען דעם קעניג.“

דאַן, ניט מאַכענדיג קיין איבעריגען טומעל, האָבען זיי פריהער פון אַלץ פערצווימט דעם וועג פאַר די שווערע קעניגליכע קאָוטש מיט דעם, וואָס זיי האָבען אוועקגעשטעלט אויף דעם בריק איבער די אַ ר אַ וואָגען אָנגעלאָדען מיט מעבעל, וועלכען זיי האָבען דאָרט צופעליג געפונען. נאָכדעם, צוזאַמען מיט פיער, פינף בירגער, בעוואָפענט מיט ביקסען, האָבען זיי אָבגעשטעלט די אַנטלויפענדע געראָדע דאַן, ווען זייער קאָוטש, צוקומענדיג

צום בריק, איז פֿערבייגעפֿאָהרען פֿאַרביי די קירכע סאַן געני־קאָל.*)

דרוע און זיינע פֿריינד האָבען געצוואונגען די רייזענדע אראָבצוגעהן פֿון קאָוטש, כאָטש זיי האָבען פּראָטעסטירט; און וואַרטענדיג, ביז זייערע פּאַספּאָרטען וועלען אונטערזוכט ווערען, האָבען זיי געמאַכט זיי אריינגעהן אין דעם הינטער־צימער פֿון סאָס, דעם קרעמער. דאָרט איז דער קעניג עפֿענטליך דערקענט געוואָרען פֿון אַ ריכטער, וואָס האָט געוואוינט אין ווארען, און איז געצוואונגען געוואָרען אויפֿצוגעבען זיין כאַראַקטער

---

*) עס שיינט צו זיין העכסט וואַהרשיינליך, לויט די עכטע דאָקו־מענטען, געזאַמעלט און אַנאַליזירט פֿון מ. ג. לענאָטר, און פֿון אַ פּאַמפֿלעט פֿון באַיאָן, דאָס דרוע האָט צוערשט געהאַט בלויז אַ פֿער־דאַכט, אז דאָס איז דער קעניג, און דאָס ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, ביז זיין פֿערדאַכט איז בעשטעטיגט געוואָרען פֿון איינעם דזשאַן דע לאַני. ערשט דאַן האָט ער זיך גענומען נאָכיאָגען דורך די וועלדער. לאַני איז געוועזן אַ אינגעל פֿון אַ יאָהר דרייצעהן, וועלכער איז געוועזן דער זוהן פֿון דעם פּאָסטמייסטער פֿון שאַנטרי, י. ב. לאַני, איז אָנגעקומען אין סאַן מענעהאָלד, האָבענדיג געריטען מיט דער העכסטער שנעלליגקייט, ברענגענדיג דעם בעפֿעהל פֿאַר די פֿערהאַפֿטונג פֿון קעניג, אונטערשריבען פֿון באַיאָן, איינעם פֿון די וואָלאָנטירען, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען פֿון פּאַריז צו כאַפּען דעם קעניג. באַיאָן, האָבענדיג אָבגעפֿאָהרען פֿינף און דרייסיג ליעגס אין זעקס שטונדען, בייטענדיג צעהן מאָל פֿערד, איז וואַהר־שיינליך געוועזן שטאַרק מיעד, און אָבשטעלענדיג זיך פֿאַר אַ ווײַלע אין שאַנטרי, האָט ער ארויסגעשיקט אַ קוריער. עס איז אויך העכסט וואַהרשיינליך, דאָס לואי דער זעכצעהנטער איז שוין דערקענט גע־וואָרען אין שאַנטרי פֿון גאַבריעל וואַללע, וועלכער האָט נור־וואָס גע־הייראַטהט מיט אַ טאָכטער פֿון י. ב. לאַני, און וועלכער איז געוועזן אין פּאַריז אין דער צייט פֿון דעם פֿעדעראַציאָנס־פֿעסט. דיזער וואַללע האָט געטריבען די קעניגליכע קאָוטש אַזוי ווייט, ווי ביז שאַלאָן, וואו ער האָט געוויס ניט פֿערבעהאַלטען זיין סוד.

פון א דינער צו מאדאם קארש (דער פאספארט פאר די קעניגין, וואס איז געקראגען געווארען פון דעם רוסי־שען אמבאסאדאר, האט געטראגען דיזען נאמען), און מיט זיין געוועהנליכער כיטרעקייט האט ער אנגעהויבען דער־צעהלען איבער די געפאהרען, אין וועלכע עס געפינט זיך זיין פא־מיליע אין פאריז פון דעם דיוק פון ארלעאן, אום צו ערקלערען, ווארום ער האט פרובירט אנטלויפען פון פאריז.

אבער די מענשען אין ווארען האט ער ניט געקאנט אזוי לייכט נארען. זיי האבען גלייך פערשטאנען דעם קעניג'ס גאנ־צען פלאן. מען האט געקלונגען אין גלאק און דער אלארם־קלאנג האט זיך באלד פערשפרייט איבער אלע דערפער ארום ווארען, פון וואנען עס זיינען געקומען צולויפען בויערן, בעוואַ־פענט מיט גראבליעס און שטעקענס. זיי האבען געהיט דעם קע־ניג, ביז עס איז געווארען ליכטיג. צוויי בויערן, מיט צוויי היי־גראבליעס אין די הענד, זיינען געוועזן די וועכטער.

טויזענדער און טויזענדער פון די נאכבארשע דערפער האָ־בען זיך געשטעלט אויפ'ן וועג, וואס האט געפיהרט פון ווארען נאך פאריז, און דיזע מאסען האבען גענצליך פאראליזירט די הוזארען און דראגונער פון בויע, אין וועמען דער קעניג האט עס אזוי שטארק געגלויבט, דאס ער וועט איהם העלפען אנטלויפען.

אין סאן־מענעראלד האט מען געקלונגען אין גלאק גלייך נאך דעם, ווי די קעניגליכע קאטש איז אוועקגעפאהרען פון דארט. דאס זעלבע איז געוועזן אין קלערמאן־ען־ארגאן. אין סאן־מענעהאלד האט דאס פאלק זאגאר צוגענומען די וואפען פון די דראגונער, וועלכע זיינען געקומען אלס בעגלייטער פון קעניג, און וועלכע האבען נאכהער פראטעניזירט מיט'ן פאלק. אין ווארען האבען די דייטשע הוזארען אונטער דער קאמאנדע פון דעם סוב־לייטענאנט ראהריג, וועלכע זיינען געקומען בעגלייטען דעם קעניג ביז זיין צוזאמענטרעפונג מיט בויע, און וועלכע האָ־בען זיך אבגעשטעלט אין דעם נידריגען טהייל פון שטאדט, אויף דער אנדערער זייט פון דעם טייך אר — זיך, קוים, קוים געצייגט. זייער אפיצער איז פערשוואונדען געווארען, און קיי־

נער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אהינגעקומען; און די סאָלדאטען, נאָכדעם, ווי זיי האָבען געטרונקען א גאַנצען טאָג צוזאמען מיט די איינוואוינער, וועלכע האָבען זיי געוואונען פאר זייער זאַך אויף א ברידערליכען אופן, האָבען שוין מעהר קיין אינטערעס ניט געהאט אין קעניג. באלד האָבען זיי געשריען צו־זאמען מיט אלע אנדערע: „עס לעבע די נאציאָן", און וועה־רענד זיי האָבען גע'שיכור'ט, האָט די גאנצע שטאָדט, אויפגערו־דערט דורך דעם קלינגען פון גלאָק, זיך געשפּאַרט אין די נאכ־בארשאפט פון סאָם'עם קראָם.

די וועגען צו ווארען זיינען פארבאראקאדירט געוואָרען, אום צו שטערען די אולאַנען פון בויע אריינצוקומען אין שטאָדט. און אזוי שנעל, ווי עס איז טאָג געוואָרען, האָט דער עולם אָנגע־הויבען שרייען: נאָך פאריז! נאָך פאריז!

דיזע געשרייען זיינען געוואָרען נאָך שטארקער, ווען ארום צעהן אין דער פריה זיינען אָנגעקומען אין ווארען די צוויי קאָ־מיסיאָנערען, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען, איינער פון לאַפאייעט און א צווייטער פון דער פערזאמלונג, אָבצוהאלטען דאָס אנטלויפען פון דעם קעניג און זיין פאמיליע. „זאָלען זיי אָנפאנגען פאָהרען. זיי מוזען פאָהרען צוריק! מיר וועלען זיי אריינזעצען אין קאָוטש מיט געוואלד!" האָבען געשריען די בויערן, וועלכע זיינען שטארק אויפגעבראכט געוואָרען, זעהענ־דיג, ווי לויט דער זעכצעהנטער זוכט צו געווינען צייט אין דער האָפנונג, אז דערוויל וועלען אָנקומען בויע מיט זיינע סאָלדא־טען. דער קעניג און זיין פאמיליע האָבען געמוזט פאָלגען, און נאָכדעם, ווי זיי האָבען פערניכטעט די קאָמפּראָמעטירענדע פּאַ־פּירען, וואָס זיי האָבען געהאַט מיט זיך אין קאָוטש, האָבען זיי איינגעזעהען, אז זיי האָבען ניט קיין אנדער ברירה, ווי אָנצו־פאנגען זייער רייזע אויף צוריק.

דאָס פאָלק האָט זיי גענומען צוריק נאָך פאריז, אלס גע־פאנגענע. אלעס איז געווען פערביי מיט'ן קעניגטהום. ער איז געווען בעדעקט מיט שאַנדע.

דעם 14טען יולי, 1789, האָט דער קעניגטהום פערלאָרען

זיין פעסטונג, אָבער ער איז נאָך געבליבען ביי זיין מאָראַלישער קראַפט, ביי זיין פּרעסטיזש. דריי מאָנאַטען שפּעטער, דעם 6טען אָקטאָבער, איז דער קעניג געוואָרען דער משכן פון דער רעוואָלוציאָן, אָבער דער מאָנאַרכישער פּרינציפּ איז נאָך געווען פעסט. לואי דער זעכצעהנטער, ארום וועלכען עס האָבען זיך גרופּירט די אייגענטהומס־קלאַסען, איז נאָך געווען פול מיט מאַכט. זאָגאר די יאַקאָבינער האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו אַטאַקירען איהם.

אָבער אין יענער נאַכט, ווען דער קעניג, פערשטעלט אַלס דינער, האָט פערבראַכט די נאַכט אין דעם הינטער־צימער פון א דאָרף־קרעמער, ארומגערינגעלט פון „פּאַטריאָטען", און בעלויכטען פון א ליכט, אריינגעשטעקט אין א לאַנטערנע — יענע נאַכט, ווען עס האָט געקלונגען דער גלאָק, אום צו שטערען דעם קעניג צו פעררעטהען די נאַציאָן, און די בויערן האָבען איהם געבראַכט צוריק, אַלס א געפאַנגענעם, נאָך פּאַריז — אין יענער נאַכט איז דער קעניגטהום צושמעטערט געוואָרען אויף אייביג. דער קעניג, וועלכער איז געווען אין די אַמאָליגע ציימען דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט, האָט איצט פערלאָרען זיין רעכט בעטראַכט צו ווערען, אַלס אַזעלכער, מיט דעם, וואָס ער איז געוואָרען דער סימבאָל פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פעראייניגונג פון טיראַנען געגען די פעלקער. אַלע טיראַנען פון אייראָפּא האָבען געפיהלט דיזען טרייסעל.

נאָך מעהר, אין דער זעלבער נאַכט האָט דאָס פאָלק בעטראַכטען די פּאָליטישע ארענא און געצוואונגען די פּאָליטישע פיהרער צו טהאָן, וואָס ער וויל. דער געוועזענער פּאָסט־מייסטער, דרוע, וועלכער האָט אויף זיין אייגענער איניציאַטיווע אָבגעשטעלט דעם קעניג, און אַזוי צושטערט די פינסטערע פערשוועהרונג פון די פּאָליטיקער; דער דאָרפס־מאַן, וועלכער, פאָלגענדיג זיין אייגענעם אימפּולס, האָט געיאָגט זיין פערד איבער בערג און טהאָלען, נאָכיאָגענדיג זיך נאָך דעם אנטלויפענדען קעניג, דעם פעררעטהער, איז א סימבאָל פון פאָלק, וועלכער האָט פון יענעם טאָג אָן, ווי אימער־צו אין א קריטישען מאָמענט פון דער רעוואָ־

לוציע, איבערגענומען די פיהרונג אין זיינע הענד און בעהערשט דעם פּאָליטיקער.

דער אריינברעכען זיך פון פאָלק אין די טיולערי, דעם 20טען יוני 1792, דער מאַרש פון די פאָבורגען פון פּאַריז געגען די טיוליערי, דעם 10טען אויגוסט, 1792, די שטירצונג פון לואי דעם זעכצעהנטען פון טהראָן, מיט אַלע איהרע פּאָלגען — דיזע אַלע גרויסע פּאַסירונגען האָבען געמוזט קומען איינע נאָך דער צווייטער, אַלס אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט.

דעם קעניג'ס אבזיכט, ווען ער האָט פּרובירט צו אנטלויפען, איז געווען צו שטעלען זיך אַן דער שפּיצע פון דער ארמיי, קאָ־מאַנדירט פון בויע און אונטערשטיצט פון דער דייטשער ארמיי, מאַרשירען אויף פּאַריז. אזוי באַלד, ווי פּאַריז וואָלט געוואָרען איינגענומען, ווייסען מיר אויפריכטיג, וואָס די ראָיאַליסטען האָבען געהאַט בדעה צו טהאָן. זיי האָבען בעשלאָסען צו ארעס־טירען אַלע פּאַטריאָטען; די פּראָסקריפּציאָנסליסטען זיינען שוין געווען פאַרטיג; מאַנכע האָבען געזאָלט הינגעריכטעט ווערען; אַנדערע פערשיקט אָדער ארעסטירט ווערען. די אַלע דעקרעטען, פאַר וועלכע די פערזאַמלונג האָט געשטימט: פאַר די עטאַבלירונג פון דער קאָנסטיטוציע, אָדער געגען די גייסטליכע, האָבען גע־זאָלט ערקלערט ווערען פאַר בטל ומבוטל; די געפּאַנצערטע פויסט האָט געזאָלט ווערען ווידער הערשערין, און מיט דער הילפע פון הינריכטונגען אויף אַ גרויסען שטייגער וואָלטען צו־ריק איינגעפיהרט געוואָרען די אַלע אָבגעשאַפטע פעאָדאַלע רעכטע.

אזעלכער איז געווען דער פּלאַן פון די ראָיאַליסטען. זיי האָ־בען זיך גאָר די מיה ניט גענומען צו פערבעהאַלטען עס. „וואַרט נאָר, איהר הערן פּאַטריאָטען", האָבען זיי געדעדט צו אַלע די, וועלכע האָבען נאָר געוואָלט זיי הערען, „איהר וועט באַלד בע־צאָהלען פאַר אייערע פערברעכענס."

דאָס פאָלק אָבער האָט צושטערט דעם גאַנצען פּלאַן. דער קעניג, ארעסטירט אין וואַרען, איז צוריקגעבראַכט געוואָרען נאָך

פאריז און איז איבערגעגעבען געוואָרען אונטער די וואך פון די פאטריאָטען פון פאריז.

וואָלט דאך אימיצער געמיינט, אז איצט איז געוועז די צייט פאר די רעוואָלוציע נאָכצופאָלגען איהר לאָגישער ענטוויקלונג מיט ריעזען־שריט. וויבאלד דעם קעניג'ס פערראטה איז בעוויעזען, טו ווארום ניט פראָקלאמירען זיין פאל, ווארום ניט שטירצען די אַלע פעאָדאלע אינסטיטוציאָנען און איינפיהרען א דעמאָקראטישע רעפובליק?

אָבער עס האָט גאָר ניט פאסירט פון דעם אלעם. אומגעקעהרט, עס איז געוועז די רעאקציע, וואָס האָט גאַנץ קלאָר טריאומפירט. איינינע וואָכען נאָך דעם קעניג'ס אנטלויפען האָבען די מיטעלקלאסען איבערגעליעפערט דעם קעניגטהום א נייעם פאטענט פון זיכערהייט.

דאָס פאָלק האָט גלייך בעגריפען די לאגע. עס איז געוועז בעשיינפערליך, אז דער קעניג קען ניט בלייבען אויפ'ן טהראָן. צוריקגעבראכט אין זיין פאלאץ, וואָלט ער זיך דאך גענומען מיט מעהר חשק צו שפינען זיינע קאָנספיראציעס מיט עסטרייך און פרייסען. און אזוי ווי ער איז געשטערט געוואָרען פון צו פערלאָזען פראנקרייך, וואָלט ער דאך געוויס נאך שטארקער צוגעאיילט דעם אָנקומען פון אויסלענדישע סאָלדאטען אין פראנקרייך. דאָס איז געוועז קלאָר, און נאך מעהר דערפאר, ווייל ער האָט גאָר ניט געלערנט פון דער פאסירונג אין וואַרען. ער האָט פאָרטגעזעצט צו ענטזאגען זיך אונטערצושרייבען די דעקרעטען געגען די גייסטליכע און די פריווילעגיען פון אדעל. איז עס דאך קלאָר, אז דער איינציגער וועג וואָס איז געבליעבען, איז געוועז צו שטירצען איהם פון זיין טהראָן גאַנץ אונגעזאמט.

דאָס איז, ווי דאָס פאָלק פון פאריז און א גרויסער טהייל פון פאָלק אין די פראָווינצען האָט פערשטאנען די לאגע. אין פאריז האָט מען אָנגעפאנגען נאָך דעם 21טען יוני פערניכטען די ביוסטען פון לואי דעם 16טען און אָבצומעקען די אַלע קעניגליכע חתימות. די מאסע איז געלאָפען נאָך די טוילערי, אָפען פראָטעסטירענדיג געגען קעניג און פאָדערנדיג זיין אָבשאפונג. ווען

דען דיוק פון אָרלעאַן האָט גענומען זיין געוועהנליכען שפּאַציער איבער די גאַסען פון פּאַריז, מיט אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען, גלויבענדיג, אַז דאָרט ליעגט פאַר איהם אָנגעגרייט אַ קרוין, האָבען די מענשען זיך אומגעדרעהט צו איהם מיט'ן רוקען; זיי האָבען ניט געוואָלט מעהר קיין קעניג. די קאָרדעליערען האָבען עפענטליך געפאָדערט די רעפּובליק און האָבען אונטערשריעבען אַן אויפרוף, אין וועלכען זיי האָבען זיך ערקלערט געגען אַלע קעניגע, אלס „די פיינד פון טיראַנען". די מוניציפּאַלע קערפּערשאַפט פון פּאַריז האָט ארויסגעלאָזען אַן עהנליכע ערקלערונג. די סעקציאָנען פון פּאַריז האָבען פּראָקלאַמירט זייער פּערמאַנענץ. די וואָלענע קאַפּען און מענער מיט פּיקעס האָבען זיך ווידער געזעהען אין די גאַסען. יעדער האָט געפיהלט, אַז מען איז אויפ'ן שוועל פון אַ נייעם 14טען יולי. דאָס פאָלק פון פּאַריז איז פּאַקטיש געווען פערטיג צו אַן אויפשטאַנד פאַר דעם ענדליכען שטורץ פון קעניגטהום.

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אונטער דעם דרוק פון דער פאָלקס־בעוועגונג, האָט געהאַנדעלט פּונקט ווי עס וואָלט שוין ניט געווען מעהר קיין קעניג. האָט ער דען ניט מיט זיין אַנטלויפען פּאַקטיש ענטזאַגט זיך פון זיין טהראָן? זיי האָבען פערכאַפּט די עקזעקוטיווע מאַכט, האָבען געגעבען בעפעהלע צו די מיניסטאָרען און האָבען איבערגענומען די גאַנצע דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ. צוויי וואָכען האָט פראַנקרייך עקזיסטירט אָהן אַ קעניג.

אָבער די מיטעלקלאַסען האָבען פּלוצלינג געענדערט זייער מיינונג. זיי האָבען חרטה געקראָגען און האָבען זיך געשטעלט געגען די רעפּובליקאַנישע בעוועגונג. און צוזאַמען מיט זיי האָט אויך די פערזאַמלונג זיך געענדערט. וועהרענד אַלע פאָלקספעראיינען האָבען זיך ערקלערט צו גונסטען פון אָבשאַפען דעם טהראָן, האָט דער יאַקאָבינער קלוב, וועלכער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון בורזשואזע שטאַאַטסמענער, פערוואָרפען די אידעע פון אַ רעפּובליק און האָט זיך ערקלערט צו גונסטען פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע. „דער וואָרט רעפּובליק

האַט דערשראָקען די שטאָלצע יאַקאָבינער", האַט ריעל ער־קלערט פון דער פּלאַטפאָרם פון זייער קלוב. די פּאַרטגעשרי־טענסטע צווישען זיי, ראָבעספּיער, איינגעשלאָסען, האָבען מורא געהאַט זיך צו קאָמפּראָמעטירען: זיי האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו ערקלערען זיך פאַר דעם שטורץ פון טהראָן; זיי האָ־בען געזאָגט, אַז מען פערלוימדעט זיי, ווען מען רופט זיי רעפּוב־ליקאַנער.

די פערזאַמלונג, וועלכע איז געווען אַזוי ענטשיעדען אַנטי־ראָיאַליסטיש דעם 22טען יוני, האַט פּלוצלינג געענדערט אַלע איהרע בעשליסע, און דעם 15טען יולי האַט זי ארויסגעלאָזען אין גרויס איילעניש אַ דעקרעט, וועלכער האַט ערקלערט דעם קעניג אונשולדיג און געגען די אָבשאַפונג פון טהראָן, און דער־פאַר אויך געגען די רעפּובליק. פון דאַן אָן איז געוואָרען אַ פערברעכען צו פאָרדערען אַ רעפּובליק.

וואָס האָט פּאַסירט אין דעם משך פון דיעזע 20 טעג, אַז די פיהרער זאָלען זיך אַזוי ענדערען און האָבען בעשלאָסען צו האַלטען לואי דעם זעכצעהנטען אויפ'ן טהראָן? האָט ער דען געוויזען אירגענד וועלכע צייכענס פון חרטה? האָט ער זיך אירגענד־ווי פערפליכטעט זיך צו אונטערוואַרפען אונטער דער קאָנסטיטוציע? ניין! די ערקלערונג איז אין דעם, וואָס די מיטעלקלאַס־פיהרער האָבען ווידער דערזעהען דעם שאָטען, וואָס האָט זיי פערפאָלגט זייט דעם 14טען יולי און דעם 16טען אָקטאָבער 1789: דעם אויפשטאַנד פון פאָלק.
די מענער מיט די פּיקעס האָבען זיך געוויזען אין די גאַסען און די פּראָווינצען זיינען געווען פערטיג זיך צו ערהייבען, ווי אין מאָנאַט אויגוסט 1789. טויזענדע בויערען זיינען געלאָפען פון זייערע דערפער אויף דעם רוף פון גלאָק, אויפ'ן וועג נאָך פּאַריז, און ברענגענדיג אהין צוריק דעם אַנטלאָפענעם קעניג. דער בלויזער אָנבליק פון דעם האָט די מיטעלקלאַסען אויפגע־טרייסעלט. און איצט, אַז זיי האָבען געזעהען דאָס פאָלק פון פּאַריז פערטיג מאַכענדיג זיך צו אַן אויפשטאַנד, בעוואַפנענדיג זיך און פאָרדערנדיג, אַז די רעוואָלוציאָן זאָל ווייטער פּאַרט־

געזעצט ווערען; פאָרדערנדיג די רעפּובליק, די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע געזעצע; אמת'ע אונפערשטעלטע גלייכהייט. די אגראַרישע געזעצע, דעם ברויט־שטייער, דעם שטייער אויף די רייכע — איז ניין, בעסער אַ פעררעטהער, אַ קעניג, בעסער דאָס אַריינדרינגען פון דעם אויסלענדער אין פראַנקרייך, איידער דער ערפאָלג פון אַ פאָלקס־רעוואָלוציאָן!

אָט וואָרום די פערזאַמלונג האָט זיך געאיילט צו מאַכען אַ סוף צו דער גאַנצער רעפּובליקאַנישער אגיטאַציע, אַרויס־געבענדיג אויף שנעל דעם 15טען יולי דעם דעקרעט, וועלכער האָט ריינגעוואַשען דעם קעניג, ווידער איהם אויפגעריכט אויפ'ן טהראָן און ערקלערט אלע די, וועלכע ווילען ווייטער שטופען די רעוואָלוציע, אלס פערברעכער.

דאַן האָבען די יאַקאָבינער, יענע כלומרשטדיגע פיהרער פון דער רעוואָלוציע, נאָך אַ טאָג פון אונענטשלאָסענהייט, פער־לאָזען די רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען פאָרגעשלאָגען די פער־אַנשטאַלטונג פון אַ גרויסער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע דעם 17טען יולי געגען קעניגטהום אויפ'ן מאַרס־פעלד. און דאַן האָבען די מיטעלקלאַס־קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען, זיכער אין זייער פּאָזיציע, צוזאַמענגעקליבען די נאַציאָנאַל גוואַרדיע, קאָמאַנ־דירט פון לאַפאַיעט, געבראַכט זיי געגען די פערזאַמעלטע מאַ־סען, וועלכע זיינען געקומען אויפ'ן מאַרס־פעלד, אַרום דעם „אלטאַר פון פאַטערלאַנד" צו אונטערשרייבען אַ רעפּובליקאַ־נישע פּעטיציע. דער רויטער פלעג איז אויפגעוויקעלט געוואָ־רען, עס איז ערקלערט געוואָרען קריעגס־געזעץ און דאָס פאָלק, די רעפּובליקאַנער, זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען.

פון יענער צייט אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען די פעריאָדע פון אָן אָפענער רעאַקציע, וועלכע איז געוואָרען אלץ שטאַרקער און שטאַרקער ביז דעם פריהלינג פון 1792.

די רעפּובליקאַנער, די פערפאַסער פון דער מאַרס־פעלד־פּעטיציע, וועלכע האָט געפאָדערט די אָבשאַפונג פון קעניגטהום, זיינען שרעקליך פערפאָלגט קעוואָרען. דאַנטאָן האָט געמוזט אַנטלויפען נאָך ענגלאַנד (אויגוסט 1790), ראָבערט, אַן אויס־

געשפּראָכענער רעפּובליקאַנער און רעדאַקטאָר פון „רעוואָלוציאָן פון פּאַריז“, פּרעראָן און, מעהר פון אַלע, מאַראַט, האָבען גע־מוזט זיך פּאַרבאַהאַלטען.

בענוצענדיג זיך מיט דיזער שרעקענס־פּעריאָדע, האָבען די מיטעלקלאַסען גוט זיך פערזאָרגט און האָבען נאָך מעהר בע־שרענקט די וואַהלרעכטע פון פאָלק. פון דאַן אָן, אום צו זיין בערעכטיגט צו אַ שטימע, איז אַ חוץ, וואָס מען האָט געמוזט צאָהלען אין דירעקטע שטייערען צעהן טאָג ארבייט, האָט מען נאָך געמוזט האָבען אייגענטהום אין דעם ווערטה פון 150 ביז 200 ארבייטס־טעג, אָדער צו האַלטען, אַלס אַ פּאַרמער, אייגענ־טהום, וואָס איז ווערטה 400 טעג ארבייט. די בויערען, ווי מיר זעהען, זיינען דורך דעם בערויבט געוואָרען אבסאָלוט פון איר־גענד וועלכע פּאָליטישע רעכטע.

נאָך דעם 17טען יולי איז עס געווען געפעהרליך צו רופען זיך אָדער צו ווערען גערופען אַ רעפּובליקאַנער, און באַלד האָבען מאַנכע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען „גאָרניט געהאַט וואָס צו פערליערען און אַלעס צו געווינען פון אונאָרדנונג און אנאר־כיע“, האָבען אליין אָנגעהויבען צו בעהאַנדלען אַלס „פערדאָר־בענע מענער“ די יעניגע, וועלכע האָבען געפּאָדערט אַ רעפּובליק אנשטאַט אַ קעניג.

ביסלעכווייז זיינען די מיטעלקלאַסען געוואָרען נאָך חוצפּה־דיגער און עס איז געווען אין סאַמע מיטען פון אַן אויסגעשפּראָ־כענער ראָיאַליסטישער בעוועגונג, מיט דער בעגלייטונג פון די ענטהוזיאַסטישע הוראה־געשרייען פאַר דעם קעניג און קעניגין פון די מיטעלקלאַסען, ווען דער קעניג איז ערשיענען סעפּטעמ־בער דעם 14טען 1791 פאַר דער פערזאַמלונג צו אַקצעפּטירען און צו שווערען מיט גרויס ערנסט טרייהייט צו דער קאָנסטיטו־ציע, וועלכע ער האָט פּעררעטהען דעמזעלבען טאָג.

אין פופצעהן טעג ארום איז אויפגעלייזט געוואָרען די קאָנסטיטוציאָנס־פערזאַמלונג, און דאָס איז ווידער געמאַכט גע־וואָרען פאַר אַ צווייטע געלעגענהייט פאַר די קאָנסטיטוציאָנא־ליסטען צו בענייען זייערע דעמאָנסטראַציעס פון געטריישאַפט

צו עהרע פון לואי דעם 16טען. די רעגיערונג איז דאַן אריבער אין די הענד פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, אויס־ערוועהלט דורך אַ בעשרענקטען שטימרעכט און פיעל שטאַרקער מיטעלקלאַסיש ווי עס איז געווען די קאָנסטיטוציאָנס־פערזאַמלונג.

און די רעאַקציע איז אַלץ געוואַקסען. ביים ענדע פון 1791 האָבען די בעסטע רעוואָלוציאָנערען גענצליך פערצווייפעלט אין דער רעוואָלוציע. מאַראַט האָט געמיינט אַז אַלעס איז פער־לאָרען. „די רעוואָלוציע — האָט ער געשריעבען אין זיין „אַמי די פיפל“ — איז דורכגעפאַלען...“ ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל געמאַכט ווערען אַן אויפרוף צום פאָלק, אָבער די פּאָליטי־קער האָבען ניט געוואָלט הערען דערפון. „עס איז געווען אַ הייפעלע אָרעמע מענשען,“ האָט ער געשריעבען אין זיין זשורנאַל דעם 21טען יולי, „וועלכע האָבען געשטירצט די וועגד פון דער באַסטיל. נור שטעלט זיי אַוועק ביי דער אַרבייט, און זיי וועלען ווידער ווייזען, אַז זיי קענען טהאָן אזוי גוט, ווי אין דעם ערשטען טאָג; זיי ווילען גאָר ניט עטוואָס בעסערעס, ווי צו קעמפּפען געגען זייערע טיראַנען; אָבער דאַן זיי־נען זיי געווען פריי צו האַנדלען, און איצט זיינען זיי געשמידט אין קייטען.“ נאַטירליך, געשמידט פון זייערע פיהרער. „די פּאַטריאָטען האָ־בען מורא זיך צו ווייזען,“ שרייבט ווייטער מאַראַט דעם 15טען אויגוסט 1791, „און די שונאים פון פרייהייט פילען אָן די גאַליאָרקע פון דעם סענאַט, און מען זעהט זיי איבעראַל.“

עהנליכע ווערטער פון פערצווייפלונג זיינען ארויסגערעדט געוואָרען פון קאַמיל דעמולין אין דעם יאַקאָבינישען קלוב דעם 24טען אָקטאָבער 1791. „די רעאַקציאָנערען,“ האָט ער גע־זאָגט, „האָבען אומגעוואַנדעלט די בעוועגונג פון יולי און אוי־גוסט 1789 צו זייער פּאַרטהייל. די הויף־ליעבלינגע רעדען היינט וועגען דער הערשאַפט פון פאָלק און די רעכטע פון מענ־שען, פון גלייכהייט צווישען די בירגער נור אָבצונאַרען דאָס פאָלק, און זיי פּאַראַדירען אין די קליידער פון דער נאַציאָנאַל־

גוואַרדיע אום צו פערכאַפּען אָדער זאָגאַר קויפען די שטעלען פון פיהרער. ארום זיי זיינען גרופּירט די ווערקצייג פון טהראָן. די אריסטאָקראַטישע שדים האָבען ארויסגעוויזען א גיהנום'שע טהעטיגקייט."

פּרודאָן האָט ערקלערט אָפען, דאָס די נאַציאָן ווערט פערראַטהען פון איהרע פאָרשטעהער און די ארמיי פון איהרע גענעראַלען.

אָבער פּרודאָן און דעמאָלין האָבען לכל הפחות ניט בעדאַרפט זיך פאַרבאַהאַלטען, וועהרענד א פאָלקס-רעוואָלוציאָנער, ווי מאַראַט, האָט געמוזט זיך פאַרבאַהאַלטען פאַר עטליכע מאָנאַטען, ניט וויסענדיג מאַנכעס מאָל, וואו צו געפינען א פּלאַץ, וואו דעם קאָפּ אוועקצולעגען. עס איז ריכטיג געזאָגט געוואָרען פון מאַראַט, דאָס ער האָט פערטהיידיגט די זאַך פון פאָלק מיט זיין קאָפּ אויפ'ן בלאָק. דאַנטאָן, וואָס האָט געזאָלט ארעסטירט ווערען, איז אַנטלאָפען נאָך לאָנדאָן.

די קעניגין אַליין, אין איהר קאָררעספּאָנדענץ מיט פערזען, מיט וועמעס הילפע זי האָט עס אויסגעארבייט און פאָרבערייטעט די אריינדרינגונג פון די דייטשע ארמייען אין פּאַריז, זאָגט עדות צו דיזער „מערקווירדיגער ענדערונג אין פּאַריז". „די מענשען," שרייבט זי, „לעזען שוין ניט מעהר די צייטונגען. זיי זיינען נור פעראינטערעסירט אין דעם יקרות אויף ברויט און אין די דעקרעטען." דאָס האָט זי געשריעבען דעם 31טען אָקטאָבער 1791.

דער יקרות אויף ברויט — און די דעקרעטען! ברויט, אַזוי, אַז זיי זאָלען קענען לעבען און ווייטער פיהרען די רעוואָלוציאָן, ווייל ברויט איז געווען גאַנץ ווענינגליך שוין אין אָקטאָבער! און די דעקרעטען געגען די פּריעסטער און עמיגראַנטען, צו וועלכע דער קעניג האָט ענטזאָגט זיין הסכמה.

פערראַטהע איז געווען איבעראַל, און מיר ווייסען איצט, דאָס צו יענער צייט געראַדע — ביים סוף פון 1791 — האָט דומאָריעץ, דער זשיראָנדיסטישער גענעראַל, וועלכער האָט געהאַט די קאָמאַנדע איבער די ארמייען אין איסט פון פראַנקרייך,

שוין געהאַלטען אין אויסאַרבייטען אַ פערשווערונג צוזאַמען מיט דעם קעניג. ער האָט פאַר לואי צוזאַמענגעשטעלט אַ געהיימען פּלאַן, ווי אָבצוהאַלטען די רעוואָלוציע. דיעזען פּלאַן האָט מען געפונען אין דעם אייזערנעם שראַנק פון לואי דעם זעכצעהנטען נאָכדעם, ווי מען האָט געשטורמט די טוליערען.

## דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

# די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג.

די רעאַקציע אין 1792-1791. — קעניג און פערזאַמלונג. — די מורא פאַר אויסלאַנד. — די מאָנאַרכיסטען און זשיראָנדיסטען. — גראַף ד'אַרטאָ און גראַף דע פּראָוואַנס. — די „עמיגראַציע" פון אַדעל. — די פערזאַמלונג פאָרדערט גראַף דע פּראָוואַנס און די עמיגראַנטען צוריקצוקומען. — קריעגס־ערקלערונג געגען עסטרייך. — דער פאַלען פון דעם ראָיאַליסטישען מיניסטע־ריום. — די זשיראָנדיסטען אין מאַכט. — די אויסגלייכונג פון רייכטהום. — די סאָציאַליסטישע אידעען פון פאָלק. — דער מעיאָר פון עטאַמפּ געטוידטעט פון די בויערען. — ראָבעס־פּיער און דער אַגראַר־געזעץ. — די מיטעלקלאַסען אַרום דעם קעניגטהום. — ראָיאַליסטישער שטאַאט־שטרייך. — לאַפּאַיעט'ס בריעף צו דער פערזאַמלונג.

---

די נייע נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אויסערוועהלט פון בלויז „די אַקטיווע" בירגער, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „די נאַציאָנאַלע געזעצגעבענדע פערזאַמלונג", האָט זיך צוזאַמענ־געטראָפען דעם 1טען אָקטאָבער 1791, און, פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, האָט דער קעניג, ערמונטערט דורך די מאַניפע־סטאַציאָן פון דעם גייסט פון די מיטעלקלאַסען, וועלכע האָבען זיך געשאַרט אַרום איהם, אָנגענומען אַ חוצפּה'דיגע שטעלונג געגען איהר. איצט האָבען זיך אָנגעפאַנגען, פּונקט ווי אין אָנפאַנג פון די גענעראַל־שטאַאטען אַ רייהע פון בייזוויליגע, קליינליכע שטערונגען פון דער זייט פון קעניג מיט זעהר שוואַכע פּראָבען פון דער זייט פון די רעפּרעזענטאַטיווע צו וועהרען זיך געגען איהם. ווי דער קעניג איז נור אַריין אין דער פערזאַמלונג,

איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט די העכסט־קנעכטישע סמנים פון רעספעקט און מיט דעם געוואַלטיגסטען ענטהוזיאַזם. ביי אַזעלכע פעלע פלעגט לואי דער 16טער רעדען פון אַן אַנהאַלטענ־דער האַרמאָניע און אַן אונערשיטערליכען צוטרוי צווישען דער געזעצגעבענדער קערפערשאַפט און דעם קעניג. „מעג די ליעבע צו אונזער לאַנד אונז פעראייניגען, און דער עפענטליכער אינ־טערעס זאָל אונז מאַכען אונצושיידבאַר“ — פלעגט ער זאָגען — און גראַדע אין דיזער צייט האָט ער געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען פאַר דאָס ארײנקומען פון דער אויסלענדישער אַרמיי, וועלכע האָט עס געזאָלט פעריאָגען די קאָנסטיטוציאָנאַליסטען און ווידער אויפריכטען די רעפרעזענטאַציאָן פון די דריי שטענדע און די פּריווילעגיען פון דעם אדעל און קירכע.

רעדענדיג אין אַלגעמיין, זייט אָקטאָבער 1791 — אין דער ווירקליכקייט, זייט דעם פערזוך פון קעניג צו אַנטלויפען און זיין פערהאַפטונג אין וואַרען, אין יוני — האָט די מורא פאַר דעם ארײנרייסען־זיך פון דער אויסלענדישער אַרמיי ארומגעכאַפּט אַלע מוחות און איז געוואָרען דער הויפּט־געגענשטאַנד, וועגען וועלכען מען האָט געטראַכט און גערעדט. אמת, עס זיינען געווען אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג צוויי פּאַרטייען, די „ראַיאַליסטישע רעכטע“, רעפּרעזענטירט דורך די „פויאַנס“ — די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיסטען — און די „לינקע“, די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען געבילדעט דעם איבערגאַנג צווי־שען דער קאָנסטיטוציאָנעלער אין דער רעפּובליקאַנישער העלפט פון דעם בירגערטהום. אָבער קיינע פון דיזע פּאַרטייען האָט ניט גענומען קיין גרויסען אינטערעס אין די גרויסע פּראָבלעמען, וואָס איז זיי איבערגעלאָזען געוואָרען בירושה פון דער גרינדונגס־פערזאַמלונג. די יאַקאָבינער גופא און זאָגאַר די „קאָרדעליע־רען“ האָבען אויסגעזעהען צו האָבען אַן אָבמאַך צווישען זיך ניט צו דערמאָנען די רעפּובליק, און עס זיינען געווען די פראַגען פון מינדערער וויכטיגקייט, ווי, למשל, ווער עס זאָל זיין מעיאָר פון פּאַריז, וועגען וואָס די רעוואָלוציאָנערען און די אַנטי־רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אַזוי ליידענשאַפטליך געקריעגט.

די צוויי גרויסע פראגען פון דעם מאָמענט זיינען געווען וועגען די פריעסטער און די אויסגעוואנדערטע אדעל־לייט. זיי האָבען בעהערשט אַלעס אנדערע צוליעב די אנטי־רעוואָלוציאָנערע אויפשטענדע, וועלכע עס האָבען אָרגאניזירט די פריעסטער און די „עמיגראַנטען", און וויל זיי זיינען געווען שטאַרק פערבונדען מיט דער מלחמה מיט אויסלאנד, וועלכע, יעדער איינער האָט געפיהלט, איז גאַנץ נאָהענט.

דער אינגסטער ברודער פון קעניג, גראף ד'ארטאָ, האָט עמיגרירט, ווי מיר ווייסען, באלד נאָך דעם 14טען יולי, 1789. דער צווייטער ברודער, גראף דע פּראָוואנס, איז אַנטלאָפען אין דערזעלבער צייט, ווי לואי דער זעכצעהנטער, אין יוני 1791, און איהם איז עס יא געלונגען אַנצוקומען אין בריסעל. זיי ביידע האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס דער קעניג האָט אַקצעפּטירט די קאָנסטיטוציע. זיי האָבען ערקלערט, אַז דער קעניג האָט ניט געטאָרט אויפגעבען די רעכטע פון דער אַלטער מאָנארכיע, און דערפאר איז זיין האַנדלונג גאָר ניט גילטיג. זייער פּראָטעסט איז פערעפענטליכט געוואָרען פון די ראָיאַליסטישע אַגענטען איבער גאַנץ פראנקרייך, און ער האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק.

די אדעל־לייט האָבען פערלאָזען זייערע רעגימענטען אָדער זייערע פּאַלאַצען און האָבען עמיגרירט אין אַ מאַססע; און די ראָיאַליסטען האָבען געסטראַשעט די יעניגע, וועלכע האָבען ניט געטהאָן דאָסזעלבע, דאָס זיי וועלען דערפאַר צוגעצעהלט ווערען צו די מיטעלקלאַסען, ווען דער אדעל וועט צוריקקעהרען נאָך פראַנקרייך אַלס זיעגער. די עמיגראַנטען זיינען צוזאַמענגעקומען אין קאָבלענץ, וואָרמס און בריססעל, און דאָרט האָבען זיי אָפען פאָרבערייטעט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט עס געזאָלט אונטערשטיצט ווערען פון די אויסלענדישע סאָלדאַטען. און עס איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר קלאָר, אַז דער קעניג האָט געפיהרט אַ דאָפּעלטען שפּיעל. עס איז געווען אונמעגליך ניט צו זעהען, אַז אַלעס, וואָס די אויסגעוואנדערטע

אדעל־לייט האָבען געטהאָן, האָט געהאַט די צושטימונג פון קעניג.

דעם 30טען אָקטאָבער 1791, האָט די געזעצגעבענדע פערזאמלונג בעשלאָסען פאָרצוגעהן געגען דעם קעניג'ס אינגערען ברודער, לואי־סטאַניסלאַר־קסאַוויער, וועלכער האָט ערהאַלטען פון לואי דעם 16טען א דעקרעט, וואָס האָט איהם געגעבען דעם טיטעל פון רעגענט, אין פאַל דער קעניג זאָל ארעסטירט ווערען. די פערזאמלונג האָט דארום בעפוילען דעם גראף דע פראָוואַנס צוריקצוקומען נאָך פראנקרייך אין דעם משך פון צוויי מאָנאַטען. אויב ניט, פערליערט ער דורך דעם זיין רעכט פון צו ווערען דער רעגענט. עטליכע טעג שפעטער האָט די פערזאמלונג אויך בעפוילען אַלע אנדערע, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט, צוריקצוקעהרען זיך נאָך פראנקרייך נאָך איידער דאָס יאהר איז צו ענדע. אין פאַל זיי וועלען עס ניט טהון, וועלען זיי בעהאַנדעלט ווערען אַלס קאָנספיראַטאָרס, פערדאמט און פעראורטהיילט אין זייער אבוועזענהייט און אַלע זייערע איינקינפטע זאָלען פון זיי אוועקגענומען ווערען צום גוטען פון דער נאַציאָן —„אָהן שאדען, אָבער, צו די רעכטע פון זייערע פרויען, זייערע קינדער און זייערע געזעצליכע קרעדיטאָרען".

דער קעניג האָט צוגעשטימט צום דעקרעט וועגען זיין ברודער, אָבער ער איז געווען געגען דעם צווייטען דעקרעט וועגען די עמיגראַנטען. ער האָט אויך ניט געגעבען זיין צושטימונג צו א דעקרעט, וועלכער האָט בעפוילען, אַז די פריעסטער זאָלען שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציע, אונטער דער געפאהר ארעסטירט צו ווערען, אַלס פערדעכטיגע אין פאַל פון רעליגיעזע אונרוהען אין די געמיינדען, וואו זיי זיינען געווען פריעסטער.

דער וויכטיגסטער אקט פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג איז געווען די ערקלערונג פון קריעג געגען עסטרייך, וועלכע האָט אָפען זיך געקליבען אריינצורייסען זיך אין פראנקרייך, אום צוריקצוגעבען לואי דעם 16טען די רעכטע, וועלכע ער האָט געהאַט פאַר 1789. דער קעניג און מאריע אַנטאָאַנעט האָבען עס

שטאַרק גנעפּאָדערט פון דעם עסטרייכישען אימפּעראַטאָר, און נאָך שטאַרקער האָבען זיי עס געפאָדערט נאָך דעם, ווי זייער אַנטלויפען איז געשטערט געוואָרען. אָבער עס איז שטאַרק מעגליך, דאָס די קריעגס־פּאַרבערייטונגען פון עסטרייך וואָלטען זיך דאָך פערצויגען אפשר ביז דעם פאָלגענדען פריהלינג, ווען די זשיראָנדיסטען וואָלטען ניט בעזאָנדערס געפאָדערט דעם קריעג.

דער מאַנגעל פון איינשטימיגקייט אין דעם ראָיאַליסטישען מיניסטעריום — איינער פון זיינע מיטגליעדער, בערטראַן דע מאָלוויל איז געווען שטאַרק געגען קאָנסטיטוציאָנעלען רעזשים, וועהרענד נאַרבאָן האָט עס געוואָלט מאַכען פאַר איינעם פון די זיילען פון דעם טהראָן — דאָס האָט געפיהרט צו זיין שטורץ. דאַן האָט, אין מערץ, 1792, לואי דער 16טער איינבערופען אַ זשיראָנדיסטישען מיניסטעריום, מיט דומאָריעז פאַר די אויס־לענדישע אַנגעלעגענהייטען און מיט ראָלאָן, אָדער ריכטיגער, מיט מאַדאַם ראָלאַן, פאַר די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען; גראַוו איז באַלד פערביטען געוואָרען אויף סערוואַן אין קריעגס־אָפיס, קלאַווייער פאַר פינאַנץ, דוראַנטהאָן פאַר יוסטיץ און לאַקאָסט פאַר די פלאָטע.

עס איז ניט נויטיג צו זאָגען, ווי ראָבעספּיער האָט עס באַלד בעהויפּטעט, דאָס די הערשאַפט פון די זשיראָנדיסטען האָט ניט נור געטריעבען ווייטער די רעוואָלוציע, נור פערקעהרט, איז געווען אַ שווערע משא אויף די וואָגשאָלען פון דער רעאַקציע. פון דאַן אָן זיינען אַלע געווען פאַר געמעסיגטקייט, ווי באַלד דער קעניג האָט אַקצעפּטירט דעם „סאַנקיולאָטישען“ מיניסטע־ריום, ווי מען האָט איהם דאַן גערופען אין קעניגליכען הויף. נור אין דער אַנגעלעגענהייט פון קריעג האָט דיעזער מיניסטע־ריום ארויסגעוויעזען אַביסעל לעבען און געגען דעם ראַטה פון מאַראַט און ראָבעספּיער, האָבען די זשיראָנדיסטען דעם 20טען אַפּריל 1792 טריאומפירט, און עס איז ערקלערט געוואָרען קריעג געגען עסטרייך, אָדער, ווי זיי האָבען עס יעמאָלט געזאָגט, געגען דעם קעניג פון בעהמען און אונגאַרן.

איז געווען דער קריעג נויטיג? זשארעס האט געשטעלט דיזע פראגע, און אלס אן ענטפער האט ער פארגעלגט פאר די לעזער'ס אויגען די דאקומענטען פון יענער צייט. און דער שלום, וואס מוז געצויגען ווערען פון דיזע דאקומענטען, און ווערט אויך געצויגען פון זשארעס גופא, איז דערזעלבער, וואס איז פערטהיידיגט געווארען פון מאראט און ראבעספיער. דער קריעג איז ניט געווען נויטיג. די אויסלענדישע הערשער האבען, קיין ספק, מורא געהאט פאר די ענטוויקלונג פון דער רעפובליקאנישער אידעע אין פראנקרייך, אבער פון דעם ביז צו לויפען לואי דעם 16טען צו הילפע, איז נאך א היבשער מהלך; עס האט זיך זיי זעהר ניט געגלוסט ארייננצוקריכען אין אזא סארט קריעג. דאס זיינען געווען די זשיראנדיסטען, וועלכע האבען געוואלט דעם קריעג, ווייל זיי האבען אין דעם געזעהען א מיטעל צו בעקעמפפען די קעניגליכע מאכט.

מאראט האט געזאגט די איינפאכע וואהרהייט אין דיזער אנגעלעגענהייט. „איהר ווילט דעם קריעג,“ האט ער געזאגט, „ווייל איהר ווילט ניט אפעלירען צום פאלק, אז ער זאל געבען דעם ענטשיידענדען קלאפ דעם קעניגטהום“. די זשיראנדיסטען און א מאסע יאקאבינער האבען בעסער געוואלט א קריעג מיט אויסלאנד, וועלכער, ארויסרופענדיג דעם פאטריאטיזם און קלאר מאכענדיג דעם פערראטה פון קעניג, זאל פיהרען צום שטורץ פון קעניגטהום אהן די הילפע פון א פאלקס-אויפשטאנד. „מיר דארפען האבען עפעס א גרויסען פערראטה“, האט געזאגט בריססא, וועלכער האט געהאסט דאס פאלק, זיינע טומעלדיגע אויפשטענדע און זיינע אטאקעס אויף אייגענטהום.

אויף אזא אופן זיינען דער קעניגליכער הויף פון איין זייט און די זשיראנדיסטען פון דער אנדערער זייט געווען אין פולער איינפערשטענדניס אין דער פראגע פון אויפמונטערען צו א קריעג צווישען פראנקרייך און עסטרייך. אונטער אזעלכע אומ-שטענדען איז דער קריעג געווארען אונפערמיידליך. ער האט אויפגעפלאקערט און האט געבושעוועט פאר 23 יאהר מיט אלע זיינע פאלגען, וועלכע זיינען געווען אזוי פאטאל פאר דער

רעוואָלוציאָן און פאַר דעם גאַנצען פּראָגרעס אין אייראָפּאַ. „איהר ווילט ניט דעם אויפרוף צום פאָלק, איהר ווילט ניט די פאָלקס־רעוואָלוציאָן — אָט זאָלט איהר האָבען קריעג, און פיעל־לייכט אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענבראָך!“ וויפיעל מאָל זייט דאַן איז דיעזע וואהרהייט שוין בעשטעטיגט געוואָרען!

דער געשפּענסט פון אַ פאָלק, בעוואַפענט און רעבעלליש, פאָרדערנדיג פון די מיטעלקלאַסען זיין טהייל פון דעם נאַציאָנאַלען רייכטהום, האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פערפאָלגען יענע מיטגליעדער פון דריטען שטאַנד, וועלכע האָבען דערגרייכט די מאַכט, אָדער וועלכע האָבען דורך די צייטונגען און די קלובס געקראָגען אַן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען. עס מוז אויך געזאָגט ווערען, דאָס, גראַדענווייז איז די רעוואָלוציאָנערע ערציהונג פון פאָלק אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די רעוואָלוציאָן גופא, און דאָס די מאַסען האָבען שטופענווייז געקראָגען דעם מוטה צו שטעלען פאָרדערונגען, וועלכע זיינען געוועזען דורכגעזאַפּט מיט אַ קאָמוניסטישען גייסט, וועלכער וואָלט ביז צו אַ געוויסען גראַד געהאָלפען דער פערניכטונג פון די עקאָנאָמישע אונגלייכהייטען.

„די אויסגלייכונג פון פערמעגענס“, וועגען דעם האָט מען שטאַרק גערעדט צווישען פאָלק. די בויערען, וועלכע האָבען געהאַט בלויז אָרעמע שטיקלעך לאַנד און די שטאַדט־ארבייטער, וועלכע זיינען ארומגעגאַנגען ארבייטסלאָז, האָבען אָנגעהויבען צו בעהויפּטען זייער רעכט אויף דעם לאַנד. אין די דערפער האָבען די בויערען געפאָדערט, אַז קיינער זאָל ניט האָבען קיין פאַרם פון מעהר ווי אַ הונדערט און צוואַנציג אַקער, און אין די שטעדט האָט מען גערעדט, דאָס יעדער איינער, וואָס ווינשט צו בעאַרבייטען דאָס לאַנד, דאַרף האָבען דאָס רעכט צו אַזוי פיעל און אַזוי פיעל לאַנד.*)

---

*) נאָך די דעקרעטען פון דעם 15טען מערץ, זיינען די טענות געגען זיי געוועזען זעהר פיעל. אויף זיי האָבען אָנגעוויעזען דאַניאַל אין זיין בוך „לאַ רעוואָלוסיאָן“ און פּראָפעסאָר נ. קאַרעיעוו („די

א טאקסע אויף נאהרונגס־מיטעל, אום ניט צו דערלאָזען קיינע ספעקולאציעס אין זאכען פון דער העכסטער נויטווענדיג־קייט, געזעצע געגען מאָנאָפּאָליסטען, די איינקויפונג פון עסענ־ווארג דורך די מוניציפּאַליטעט, כדי די איינוואוינער זאָלען עס קריגען אויף קאָסט־פּרייז, א פּראָגרעסיווע טאקסע אויף די רייכע, א געצוואונגענע אנלייהע און שווערע טאקסעס אויף אלער־ליי ירושות — דיזע אלע אידעען זיינען דיסקוטירט געוואָרען פון פאָלק און אויך אין דער פּרעסע. די שנעליגקייט אליין, מיט וועלכע זיי האָבען זיך פערשפּרייט יעדעס מאָל, ווען דאָס פאָלק האט געוואונען א זיעג אין פּאריז אָדער אין דער פּראָווינץ, האָט בעוויזען גאנץ קלאָר, דאָס דיזע אידעען זיינען געווען שטארק פערשפּרייט צווישען די אָרימע, חאָטש די רעוואָלוציאָנערע שרייבער האָבען ניט געהאט דעם מוטה זיי אויסצודריקען עפענטליך. „זעהט איהר זיך דען ניט", האָט ראָבערט געזאָגט אין זיין „רעוואָלוציאָנען פון פּאריז", אין מאי, 1791, „דאָס די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, פאר וועלכע איהר קעמפּפט, ווי איהר זאָגט, אלס בירגער, מיינט גאר דעם ריכטיגען אגראר־געזעץ, אויסגעפיהרט פון פאָלק... זיי טרעטען אריין אין זייערע רעכטע. איין טריט מעהר, און זיי וועלען אריינטרעטען אין זייערע בעזיצונגען...."

עס איז לייכט זיך משער צו זיין דעם שרעק, וואָס דיזע אידעען האָבען אָנגעיאָגט אויף די מיטעל־קלאסען, וועלכע האָבען איצט אזוי געגלוסט צו געניסען אין רוהיגקייט זייער ערוואָר־בענעם רייכטהום, ווי אויך זייער נייע, פּריוויליגירטע שטעלונג אין שטאאט. מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעם צאָרן, וואָס האט זיך צופלאקערט צווישען זיי אין מערץ, 1792, ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס, דאָס דער מעיאָר פון עטאמפּ, סימאָננאָ, איז נור וואָס געטוידטעט געוואָרען פון די בויערען. ער, ווי פיעלע אנדערע מיטעל־קלאס מעיאָרען, האָט געשאָסען אויף די

בויערען און די בויערען־פראגע אין פראנקרייך אין דעם לעצטען פערטעל פון 18טען יאהרהונדערט).

בויערן, וועלכע האָבען רעבעלירט, אָהן אירגענד וועלכע געזעצליכע פאָרמאַליטעטען — דאַן האָט קיינער קיין וואָרט ניט געזאָגט. אָבער, ווען די הונגעריגע בויערן, וועלכע האָבען נור פערלאַנגט, אַז דער פרייז פון ברויט זאָל בעשטימט ווערען, האָבען געטוידטעט דיזען מעיאָר מיט זייערע פּיקעס, האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוואַלדיגער געשריי פון צאָרן צווישען די מיטעל־קלאַסען אין פּאַריז.

„עס איז געקומען דער טאָג, ווען די לאַנד־אייגענטהימער פון אַלע קלאַסען מוזען ענדליך פיהלען, דאָס זיי פאַלען אַרונטער אונטער דעם סיסטעם פון אַנאַרכיע", האָט געקרעכצט מאַלע דיו פּאַן אין זיין „מערקור דע פראַנס", און ער האָט געפאָדערט אַ פעראייניגונג פון די לאַנד־אייגענטהימער געגען דאָס פאָלק, געגען „די רויבער", געגען די פרעדיגער פון דעם אַגראַר־געזעץ. יעדער איינער האָט אָנגעהויבען רעדען געגען פאָלק, ראָבעספּיער אַזוי גוט ווי די אַנדערע. דער פּריסטער דאָליווּיער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט ערהויבען זיין שטימע צו גונסטען פון די מאַסען, ערקלערענדיג, דאָס „די נאַציאָן איז ווירקליך דער אייגענטהימער פון לאַנד". „עס איז ניטאָ קיין געזעץ", האָט ער געזאָגט, „וועלכער זאָל קענען מיט רעכט שטערען דעם בויער צו עסען, ווען ער איז הונגעריג, אַזוי לאַנג ווי די דיענער און זאָגאַר די הינד פון די רייכע האָבען אַלעס, וואָס זיי דאַרפען."

וואָס אַנבעטרעפט ראָבעספּיער, האָט ער ערקלערט, דאָס „דער אַגראַר־געזעץ איז בלויז אַן אונזיניגער שווינדעל, מיט וועלכען עס בענוצען זיך די געמיינע מענשען, אום צו פערפיהרען די שטומפּזיניגע". און ער האָט פערוואָרפען גלייך פון אָנפאַנג יעדען פערזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דער ריכטונג פון „די אויסגלייכונג פון רייכטהום". אימער־צו פאָרזיכטיג ניט צו געהן געגען די מיינונג פון די יעניגע, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט די הערשענדע מאַכט אין אַ בעשטימטען מאָמענט, האָט ער גוט אויפגעפּאַסט ניט צו געהן מיט די יעניגע, וועלכע מאַרשירען מיט'ן פאָלק, חאָטש ער האָט געוואוסט,

דאָס די אידעען פון אויסגלייכונג און קאָמוניזם, זיינען די איינ־ציגע, וועלכע זיינען געוועזן אין שטאנד צו געבען דער רעוואָ־לוציע די קראפט, וואָס איז געוועזן נויטיג פאר די פערניכטונג פון דער פעאָדאַלער סיסטעם.

די מורא פאר פאָלקס־אויפשטענדע און זייערע עקאָנאָמי־שע פאָלגען האט געצוואונגען די מיטעל־קלאסען זיך ארומצושאַ־רען אַלץ פעסטער און פעסטער ארום דעם קעניגטהום און אָנצו־נעהמען אירגענד וועלכע קאָנסטיטוציע פון די הענד פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג, מיט אַלע איהרע פעהלערען און איהר איינשטימיגקייט מיט די ווינשע פון קעניג. אָנשטאָט צו פראָ־גרעסירען אויף דעם וועג פון רעפובליקאנישע אידעען, האָבען די מיטעל־קלאסען און די „אינטעללעקטועללע" זיך ענטוויקעלט אין אַן ענטגעגענגעזעצטע ריכטונג. אויב אין 1789, אין אַלע האנדלונגען פון דעם דריטען שטאנד, האט זיך געמערקט אַן ענטשיעדען רעפובליקאנישער און דעמאָקראטישער גייסט, זיי־נען איצט דיזעלבע מענשען געוואָרען די פערטהיידיגער פון קע־ניגטהום, ווייל זיי האָבען בעמערקט די קאָמוניסטישע און אויס־גלייכענדע טענדענצען צווישען פאָלק. די אמת'ע און ערנסטע רעפובליקאנער, ווי טהאָמאס פעין און קאָנדאָרסע, האָבען רע־פרעזענטירט אַ גאנץ אונבעדייטענדע מינאָריטעט צווישען די געבילדעטע מיטגליעדער פון די מיטעל־קלאסען. וואָס מעהר דאָס פאָלק איז געוואָרען רעפובליקאניש, זיינען די „אינטעלעק־טועללע" געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר קאָנסטיטוציאָנעל־ראָיאַליסטיש.

דעם 13טען יוני, 1792, קוים אכט טעג, איידער דאָס פאָלק האט זיך אריינגעבראָכען אין די טיולערי, האט ראָבעספּיער נאָך אַלץ געפּייערט געגען די רעפּובליק: „עס איז שענדליך", האט ער געשריען דאָן, „פאר אימיצען צו פערפיהרען די צוהיצטע און ניט געלערענטע מענשען מיט דעם בליאסק פון אַ פרייער רעגיערונג אונטער דעם נאָמען רעפּובליק. דער אומשטורץ פון דער קאָנסטיטוציע קען נור פיהרען צו דעם אויסברוך פון אַ

בירגער־קריעג, וואס דאס וועט פיהרען צו אנארכיע און צו דעספאטיזם.“

האט ער מורא געהאט פאר די אויפריכטונג פון אן אריסטאקראטישע רעפובליק, ווי אין די *נידערלאנדס*? אזוי, וועניגסטענס, גלויבט לואי בלאן, און, נאך אלעם, איז עס אויך מעגליך. אבער פאר אונז זעהט עס אויס מעהר וואהרשיינליך, דאס האבענדיג פערבליבען ביז דאן א שטארקער פערטהיידיגער פון אייגענטהום, האט ראבעספיער מורא געהאט אין יענעם מאמענט, ווי דאס איז אויך געווען דער פאל מיט אלע אנדערע יאקאבינער, פאר דעם צארן פון פאלק, פאר זייערע פראבען אויסצוגלייכען די פערמעגענס, פאר די „עקספראפריאציע“, ווי מיר זאגען עס היינט. ער האט מורא געהאט, אז די רעוואלוציאן זאל ניט צו גרונד געהן אין די פערזוכען איינצופיהרען דעם קאמוניזם. דער פאקט איז, דאס זאגאר ביז ערב 10טען אויגוסט, אין א צייט, ווען די גאנצע רעוואלוציאן, אונגעענדיגט ווי זי איז געווען, אבגעהאלטען אין איהר לויף און אטאקירט פון טויזענדע קאנספיראציעס, איז געווען שיער בעזיעגט און קיין זאך האט איהר ניט געקאנט רעטען, סיידען אן אומשטורץ פון קעניגטהום דורך א פאלקס־אויפשטאנד — אויך דאן האט ראבעספיער, ווי די אלע יאקאבינער, געהאלטען פאר פיעל גלייכער צו שטיצען דעם קעניג און דעם הויף, איידער צו אפעלירען צום רעוואלוציאנערען פייער פון פאלק. פונקט ווי די איטאליענישע און שפאנישע רעפובליקאנער פון אונזער צייט האלטען פאר ווינשענסווערטה אויפצוהאלטען די מאנארכיע, איידער ריזיקירען א פאלקס־רעוואלוציע, וועלכע, זיי זעהען פאראויס, וועט זיין בעגייסטערט פון קאמוניסטישע שטרעבונגען.

די געשיכטע ווידערהאלט זיך. און וויפיעל מאל זי קען זיך נאך ווידערהאלען, ווען רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך וועלען אנפאנגען זייער גרויסע רעוואלוציע!

דאס איבערראשענדסטע אין דעם געדאנקענגאנג פון די פאליטיקער פון יענער צייט קען מען זעהען פון דעם פאקט, דאס געראדע אין דיזען מאמענט, יולי, 1792, איז די רעוואלוציאן

געווען אין סכנה פון א זעהר שטארקען ראַיאַליסטישען קור־דעטא (שטאאטס־שטרייך), וועלכער האָט עס געזאָלט אונטער־שטיצט ווערען פון ווייט־פערשפרייטע אויפשטענדע אין זיעד און וועסט, ווי אויך דורך די ארייגדרינגונג אין פראנקרייך פון די דייטשע, ענגלישע, סארדינישע און שפאַנישע סאָלדאטען.

אזוי אין יוני, 1792, נאָכדעם ווי דער קעניג האָט אָבגע־זאָגט ראָלאָן, קלאוויער און סערוואַן, די דריי זשיראָנדיסטישע מיניסטאָרען, האָט לאַפאַיעט, דער סאמע קאָפּ פון די „פויאַנען" און א ראָיאַליסט אין הארצען, גלייך געשריבען זיין בעריהמ־טען בריעף צו דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג, דאטירט דעם 18טען יוני, אין וועלכען ער האָט זיך אָנגעבאָטען צו מאכען א קור־דעטא געגען די רעוואָלוציאָנערען. ער האָט אָפען געפאָר־דערט, אז פראנקרייך זאָל ווערען אויסגערייניגט פון די „יאקאָ־בינער", און ער האָט צוגעלייגט, דאָס אין דער ארמיי „ווערען געהאַלטען טהייער די פרינציפען פון פרייהייט און גלייכהייט, דאָס די געזעצע ווערען רעספעקטירט, און אייגענטהום איז הייליג", ניט ווי אין פאריז, למשל, וואו דער אייגענטהום איז עפענטליך אטאקירט געוואָרען אין דער קאָמונע און אין דעם קלוב פון די קאָרדעליערען.

לאפאיעט האָט געפאָרדערט — און פון דעם קען מען זע־הען, ווי ווייט די רעאקציע האָט פּראָגרעסירט — דאָס די קע־ניגליכע מאכט זאָל בלייבען „אונבעריהרט און אונאבהענגיג". ער האָט פערלאַנגט א קעניג, וועלכען מען זאָל „פערהייליגען", און דאָס אלעס שוין נאָך דעם אַנטלויפען נאָך וואַרען! דאָס אין א מאָמענט, ווען דער קעניג האָט אָנגעהאלטען א קאָררעס־פּאָנדענץ מיט עסטרייך און פרייסען, ערוואַרטענדיג פון זיי זיין „בעפרייאונג", און בעהאנדלענדיג די פערזאמלונג מיט מעהר אָדער וועניגער פעראכטונג, לויט דעם גאנג פון די נייעס, וואָס ער האָט ערהאַלטען איבער דעם פּראָגרעס פון דעם אָנקומען פון דער דייטשער ארמיי!

און דאָס מערקווירדיגסטע איז, דאָס די פערזאמלונג האָט שוין שיער, שיער ניט צושיקט דיעזען בריעף פון לאפאיעט צו

די 83 דעפּאַרטמענטס, און דאָס נור די סטראַטעגיק פון די זשי־ראָנדיסטען האָט ניט דערלאָזען דערצו — גאַרע, פּרעטענדי־רענדיג, דאָס דיזער בריעף איז אַ פעלשונג, דאָס ער האָט ניט געקענט קומען פון לאַפּאַיעט! און דאָס אַלעס האָט פּאַסירט מיט צוויי מאָנאַטען פאַר דעם צעהנטען אויגוסט!

פּאַריז איז צו יענער צייט געווען פערפּלייצט מיט ראָיאַ־ליסטישע קאָנספּיראַטאָרס. די „עמיגראַנטען“ זיינען צוריקגע־קומען, געהענדיג פריי צווישען קאָבלענץ און די טיולירען, פון וואַנען זיי זיינען צוריק אַוועק נאָך דעם, ווי זיי האָבען ערהאַל־טען די ליעבעס־ערקלערונג פון הויף און פיעל געלד. „אַ טוי־זענד פּרעהליכע הייזקעס זיינען געווען אָפען פאַר די קאָנספּיראַ־טאָרס“, האָט געשריעבען שאָמעט, דער פּראָקוראָר פון דער קאָ־מונע פון פּאַריז אין זיינע נאָטיצען.*) די אַדמיניסטראַציע פון די פּאַריזער דעפּאַרטמענטס, אין וועלכע עס האָבען אויך גענומען אַנטהייל טאַלעיראַן און ראָשפּאָק, איז געווען אין גאַנצען פאַר׳ן קעניג. די מוניציפּאַליטעט, אַ גרויסע צאָהל פריעדענסריכטער, „די מאַיאָריטעט פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע און איהרע אָפיצערען זיינען אַלע געווען פאַר׳ן קעניג, דיענענדיג איהם אַלס בעגלייטונג און אַלס וואַך־הינד אין אַלע זיינע אָפטע שפּאַציערגענג איבער די גאַסען און אין טהעאַטער“. עס איז קלאָר, אַז דער 21סטער יוני איז אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען.

„די האַלב־מיליטערישע פיהרונג פון קעניג, צוזאַמענגע־שטעלט מייסטענס פון אַלטע לייב־גוואַרדיסטען, פון די צוריק־געקומענע „עמיגראַנטען“, און פון מאַנכע פון יענע העלדען פון

*) שאָמעט האָט אין זיינע מעמואַרען פון דער רעוואָלוציאָן בע־שולדיגט זאַגאַר דעם דירעקטאָריום פון דעם דעפּאַרטמענט, דאָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען זעכציג טויזענד קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען און זיי בעזאָרגט מיט קוואַרטיר. אויב די צאָהל, 60 טויזענד, זעהט אויס אַ ביסעל איבערטריבען, איז עס אָבער אַ פאַקט, דאָס פיעלע קאָנטר־רע־וואָלוציאָנערען זיינען געווען פערזאַמעלט אין פּאַריז.

דעם 25טען פעברואר, 1791, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאָמען „די ריטטער פון שפיעז“, האָבען אויפגערייצט דאָס פאָלק דורך זייער פרעכהייט, האָבען בעליידיגט די פאָלקס־פאָר־שטעהער, און האָבען הויך ערקלערט זייער אבזיכט צו ערמאָר־דען די פרייהייט“, זעצט פאָרט שאָמעט.

די מאָנאכען, די מאָנאַשקעס און אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון די פריסטער זיינען אַלע געווען אויף דער זייט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. *)

וואָס אנבעטרעפט די פערזאמלונג, איז אָט ווי שאָמע חאַ־ראַקטעריזירט איהר: „אַ נאַציאָנאַלע פערזאמלונג, אָהן קראַפט, אָהן רעספּעקט, צושפּאָלטען אויף שטיקער, מאַכענדיג זיך נידריג אין די אויגען פון אייראָפּא דורך קליינליכע און פער־דריסליכע דעבאַטען, ערנידריגט פון אַ פרעכען קעניגליכען הויף און ענטפערענדיג אויף די בעליידיגונגען מיט אַ דאָפּעלטער קנעכטשאַפט און אונטערטהעניגקייט, אָהן קראַפט, אָהן אַ פעסטקייט פון ציעל.“ און ווירקליך, דיזע פערזאמלונג, דיסקו־טירענדיג שטונדען לאַנג, וויפיעל מיטגליעדער זאָלען זיין אין אַזאַ און אַזאַ דעפּוטאַציע צום קעניג, און צו איינע אָדער צוויי פליעגלען פון די פאָלדינג טיהרען זאָלען זיין אָפען פאַר זיי — וועלכע האָט פערבראַכט איהר צייט, ווי שאָמע האָט געשריעבען, „זיך צוהערענדיג צו די דעקלאַמאַטאָרישע רעדען, וועלכע האָבען זיך אַלע געענדיגט מיט דעם שיקען פון אירגענד אַ נייע בקשה צום קעניג — אַזאַ פערזאמלונג האָט ניט געקאָנט ארויסרופען קיין אנדער זאַך, ווי פעראַכטונג אין דעם קעניגליכען הויף גופא.

---

*) אָט איז אַ שטיקעל נייעס, וועגען וועלכער גאַנץ פּאַריז האָט גערעדט צו יענער צייט, ווי דאָס דערצעהלט מאַדאַם זשוליען: „די הויפּט־אויפזעהערין פון די גרויסע שוועסטער פון ראָעל האָט פערלאָרען איהר פּאָרטפעל, וועלכער איז געפונען און געעפענט געוואָרען פון דער מוניציפּאַליטעט פון פּלאַץ. עס ווערט געשאַצט, דאָס זיי האָבען איבערגעשיקט 48 טויזענד ליווערס צו די „עמיגראַנ־טען“ זייט דעם ערשטען יאַנואַר.“

דערווייל דורך דער גאַנצער וועסט און זיעד־איסט פון פראַנקרייך ביז צו די סאַמע טויערען פון די רעוואָלוציאָנערע שטעדט, ווי מאַרסעל, למשל, זיינען געווען שטאַרק טהעטיג די קעניגליכע קאָמיטעס, זאַמלענדיג וואַפען אין די שלעסער, פערשרייבענדיג אָפיצערען און סאָלדאַטען און פאָרבערייטענדיג אַ מעכטיגע אַרמיי, וועלכע זאָל מאַרשירען אויף פאַריז אונטער דער קאָמאַנדע פון די הויפט־פיהרער, וואָס האָבען בעדאַרפט קומען פון קאָבלענץ.

דיזע בעוועגונגען אין זיעד־פראַנקרייך זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש, דאָס עס איז נויטיג צו געבען וועניגסטענס אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער זיי.

## איין און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

# די קאָנטער־רעוואָלוציע אין זיד־פראַנקרייך.

דער צושטאַנד אין די פּראָווינצען. — קאָבלענץ דער מיטעלפּונקט פון די ראָיאַליסטישע פערשווערונגען. — די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פעדעראַציע. — לאָיאַלע טהעטיגקייט. — די ראָיאַליסטען ערהאַלטען געלד פון פּיטט און הילפע פון אַנדערע מעכטע. — אויפשטענדע און קאָנטער־אויפשטענדע אין די פּראָווינצען.

---

ווען איינער שטודירט די גרויסע רעוואָלוציאָן, ווערט ער אזוי צוגעצויגען פון דער געוואַלדיגער גרויסקייט פון די קעמפּפע, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט אין פּאַריז, דאָס ער האָט אַ שטאַרקען נסיון צו פערנאַכלעסיגען דעם צושטאַנד אין די פּראָווינצען און צו פערזעהען, וואָס פאַר אַ מאַכט די קאָנטער־רעוואָלוציאָן האָט געהאַט די גאַנצע צייט. דיזע אָבער איז געווען אַ ריעזיג־שטאַרקע. די קאָנטער־רעוואָלוציאָן האָט פאַר זיך געהאַט די אונטערשטיצונג פון די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטע און די אינטערעסען פון דער געגענוואַרט. און עס איז נויטיג צו שטודירען עס, אום צו פערשטעהן, ווי קליין איז די מאַכט פון אַ רעפּרעזענטאַטיווער פערזאַמלונג אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציאָן — אפילו ווען אַלע איהרע מיטגליעדער זאָלען זיין בעגייסטערט פון די בעסטע אבזיכטען. ווען עס קומט צו אַ קאַמפּף, אין יעדער שטאָדט און אין יעדען דאָרף, געגען די כחות פון דער אַלטער אָרדנונג, וועלכע, נאָך אַ מאָמענט פון חלשות, לעבען ווידער אויף, אום אָבצושטעלען די רעוואָלוציאָן — איז עס נור דער אימפּולס פון די רעוואָלוציאָנערען אויפ'ן פּלאַץ, וועלכער קען בייקומען דיזען מעכטיגען ווידערשטאַנד.

עס וואלט גענומען יאהרען און יאהרען פון שטודיום אין די לאקאלע ארכיוועון נאכצופארשען אלעס, וואס די ראיאליסטען האבען געטהאן אין דעם משך פון דער גרויסער רעוואלוציע. וועניגע עפיזאדען וועלען אונז אבער געבען א געוויסען בעגריף.

דער אויפשטאנד אין דער וואנדיי איז מעהר אדער וועני־גער בעקאנט. אבער מיר זיינען שוין צו־שטארק גענייגט צו גלויבען, דאס דארט, אין מיטען פון א האלב־ווילדער בעפעלקע־רונג, בעגייסטערט פון א רעליגיעזען פאנאטיזם, איז עס געווען דער סאמע צענטער פון דער קאנטר־רעוואלוציע. זיד־פראנקרייך איז געווען פונקט אזא נעסט פאר די קאנטר־רעוואלוציע, און דאס נאך מעהר געפעהרליך, ווייל דארט האבען די לאנד־דיסטריקטען און די שטעדט צוגעשטעלט איינעם פון די בעסטע קאנטינגענטען פאר דער רעוואלוציע.

די לייטונג פון דיזע פערשיעדענע בעוועגונגען האט גע־שטאמט פון קאבלענץ, א קליינער דייטשער שטאדט, וועלכע איז געווארען דער הויפט־פונקט פון דער ראיאליסטישער עמי־גראציע. זייט דעם זומער פון 1791, ווען גראף ד'ארטא, גע־פאלגט פון דעם געוועזענעם מיניסטער קאלאן, און שפעטער, פון זיין ברודער, דעם גראף דע פראוואנס, האבען זיך בעזעצט אין דיזער שטאדט, איז זי געווארען דער הויפט־צענטר פון די רא־יאליסטישע פערשווערונגען. פון דארט זיינען עס געקומען די שלוחים, וועלכע האבען ארגאניזירט איבער גאנץ פראנקרייך אנטי־רעוואלוציאנערע אויפשטענדע. איבעראל האט מען געזוכט סאלדאטען פאר קאבלענץ, זאגאר אין פאריז, וואו דער רעדאק־טאר פון דער „גאזעט פון פאריז" האט עפפענטליך אנגעבאטען זעכציג ליווער פאר יעדען רעקרוט. פאר א געוויסע צייט זיינען דיזע מענשען גאנץ אפען געשיקט געווארען נאך מעטץ און נאכהער נאך קאבלענץ.

„די געזעלשאפט איז געגאנגען נאך זיי", דערצעהלט ערנסט דאדע אין זיין מאנאגראף „די ראיאליסטישע קאנספי־ראציעס", „דער אדעל האט נאכגעטהאן די פרינצען, און פיעלע פון די מיטעל־קלאסען און פון די איינפאכע מענשען האבען

נאָכגעטהאָן דעם אדעל. זיי האָבען עמיגרירט, ווייל עס איז געווען אזוי די מאָדע, אוים מורא אָדער אוים אָרעמקייט. א יונגע פרוי, געפרעגט פון א געהיימען רעגיערונגס־אגענט, ווען ער האָט איהר געטראָפען פאָהרענדיג אין א דיליזשאַנס נאָך דייטשלאַנד, צו וואָס זי פאָהרט אהין, האָט געענטפערט: „איך בין א קליידער־מאַכערין; מיינע אַלע קונדען זיינען אוועק נאָך דייטשלאַנד, און אזוי עמיגריר איך אויך, אום זיי צו געפינען.“

א פאָלשטענדיגער קעניגליכער הויף מיט מיניסטאָרען, טשעמבערליינס און אָפפיציעלע אויפנאַהמען און אויך מיט זיינע אינטריגען און געמיינהייטען, האָט זיך ענטוויקעלט ארום דעם קעניג'ס ברודער, און די אייראָפּעאישע הערשער האָבען אנערקענט דיזען הויף און האָבען פערהאַנדעלט און קאָנספּירירט מיט איהם. דערווייל האָבען זיי געוואַרט אויף דאָס אָנקומען פון לואי דעם זעכצעהנטען, וועלכער זאָל זיך שטעלען אַן דער שפּיצע פון דער אַרמיי, צוזאַמענגעשטעלט פון די עמיגראַנטען. מען האָט איהם ערוואַרט אין יוני, 1791, ווען ער האָט געמאַכט פליטה נאָך וואַרען, און שפּעטער אין נאָוועמבער, 1791, און אין יאַנואַר, 1792. ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען זיך פאָר־צובערייטען פאַר א גרויסען קלאַפּ אין יולי, 1792, ווען די ראָ־יאַליסטישע אַרמייען פון וועסט־און זיד־פראַנקרייך, אונטער־שטיצט פון די ענגלישע, סאַרדינישע און שפּאַנישע איינדרינג־לינגע, זאָלען מאַרשירען אויף פּאַריז, אויפהויבענדיג ליאָן און אַנדערע גרויסע שטעדט אויפ'ן וועג, ווען די ראָיאַליסטען אין פּאַריז זאָלען דערלאַנגען זייער גרויסען קלאַפּ, פאַרנאַנדער־יאָגען די פערזאַמלונג און בעשטראָפען די היץ־קעפּ, די יאַקאָ־בינער.

„אַרויפצוזעצען צוריק דעם קעניג אויף זיין טהראָן“, וואָס דאָס האָט ווירקליך געמיינט, צו מאַכען איהם ווידער פאַן אַן אַבסאָליוטען מאָנאַרך און איינצופיהרען ווידער דעם אַלטען רעזשים, ווי אין דער צייט פון דער איינבערופונג פון די גענעראַל־שטאַאַטען — דאָס איז געווען זייער אבזיכט. און ווען דער קעניג פון פּרייסען, מעהר אינטעלליגענט, ווי יענע גע־

שפּענסטער פון ווערסאַל, האָט זיי געפרעגט: „וואָלט עס ניט געווען רעכט און קלוג צו ברענגען דער נאַציאָן די אויפאָפּפערונג פון געוויסע מיסברויכונגען פון דער אַלטער רעגיערונג?“ האָ־בען זיי געענטפערט: „סער! ניט איין איינציגע ענדערונג. גיט די מינדעסטע גענאַד!“

עס איז ניט נויטיג צוצולייגען, דאָס די אַלע אינטריגען, די אַלע רכילות, די אַלע אייפערזיכטיגקייטען, וועלכע האָבען כאַראַקטעריזירט ווערסאַל, זיינען רעפּראָדוצירט געוואָרען אין קאָבלענץ. די צוויי ברידער האָבען יעדער געהאַט זיין הויף, זיין אַנערקענטע מעטרעסע, זיינע אויפנאַהמען, זיין קרייז, וועה־רענד דער אַדעל איז געווען שטאַרק פערנומען מיט אַלערליי מעשׂות וועגען דער הויף־וועלט, וועלכע זיינען געוואָרען אַלץ בייזער און גיפטיגער, וואָס אָרימער ער, דער אַדעל, איז גע־וואָרען.

אָרום דיזען צענטר האָבען זיך געדרעהט גאַנץ עפּפּענטליך איצט די יעניגע פאַנאַטישע פּריסטער, וועלכע האָבען געוואָלט בעסער אַ בירגער־קריעג, איידער דאָס אונטערוואַרפען זיך אונ־טער די קאָנסטיטוציע, ווי די נייע דעקרעטען האָבען עס פער־לאַנגט; אויך האָבען זיך דאָרט שטאַרק געזעהען יענע נאָבעלע אַוואַנטיוריסטען, וועלכע האָבען בעסער געוואָלט ריזיקירען אַ פערשווערונג איידער צו פערדאַמען זיך צו דעם פערלוסט פון זייער פּריווילעגירטער שטעלונג. זיי זיינען אַוועק אין קאָבלענץ, האָבען געקראָגען די הסכמה פון די פּרינצען פאַר זייערע פער־שווערונגען, און דאַן האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין די בער־גיגע געגענדען פון סעוואַן אָדער צו די ברעגען פון דער וואַנדיי, אום אויפצובלאָזען דעם רעליגיעזען פאַנאַטיזם פון די בויערען און אום צו אָרגאַניזירען ראַיאַליסטישע אויפשטענדע.

די געשיכטע־שרייבער, וועלכע סימפּאַטיזירען מיט דער רע־וואָלוציע, געהען פאַרביי, אַלס אַ כלל, צו ראַשיג יענע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קעמפּפע, אַזוי, דאָס פיעלע לעזער קענען מיי־נען, אַז זיי זיינען ניט וויכטיג; אָדער זיי קענען זיי בעטראַכ־טען אַלס די אַרבייט פון בלויז ווענינע פאַנאַטיקער, וועלכע וואָל־

טען לייכט געקאָנט אונטערדריקט ווערען פון דער רעוואָלוציאָן. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָבען די ראָיאַליסטישע פערשווע־רונגען זיך אויסגעשפרייט איבער גאַנצע געגענדען, און אַזוי ווי זיי האָבען געפונען אונטערשטיצונג צווישען די גרויסע לייט פון די מיטעל־קלאַסען, אין די גרויסע קאָמערציעלע שטעדט — און אין געוויסע געגענדען האָבען זיי געפונען אונטערשטיצונג אין דעם רעליגיעזען האַס צווישען די פּראָטעסטאַנטען און קאַ־טאָליקען, ווי אין זיד־פראַנקרייך — האָבען די רעוואָלוציאָנערען געמוזט אָנפיהרען אַ שרעקליכען קאַמפף אין יעדער שטאָדט און אין יעדער קליינער געמיינדע, אום צו רעטען די רעוואָלוציאָן פון אַ דורכפאַל.

אַזוי, וועהרענד דאָס פאָלק אין פּאַריז האָט געמאַכט פּאָר־בערייטונגען פאַר דעם 14טען יולי, 1790, פאַר דעם גרויסען פעסט פון דער פעדעראַציאָן, אין וועלכען גאַנץ פראַנקרייך האָט אַנטהייל גענומען, און וועלכע האָט בעדאַרפט געבען דער רעוואָ־לוציע אַ פעסטען קאָמונאַלען פונדאַמענט — האָבען די ראָיאַ־ליסטען פּאָרבערייטעט די פעראייניגונג פון די קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערען אין דעם זיד־איסט פון פראַנקרייך. דעם 18טען אויגוסט, דעמזעלבען יאָהר, האָבען באַלד צוואַנציג טויזענד פּאָרשטעהער פון 185 געמיינדען פון וויוואַרע זיך פערזאַמעלט אויף דעם פעלד פון דזשעל, אַלע טראָגענדיג דעם ווייסען צלם אויף זייערע היט. געפיהרט פון אַדעל, האָבען זיי יענעם טאָג געבילדעט דעם קערן פון דער ראָיאַליסטישע פעדעראַציע פון זידען, וועלכע האָט זיך מיט פיעל ערנסטקייט געגרינדעט אין דעם מאָנאַט פעברואַר פון דעם פאָלגענדען יאָהר.

די פעדעראַציע האָט צוגערשט פּאָרבערייטעט אַ רייהע פון אויפשטענדע פאַר דעם זומער פון 1791, און נאָכהער דעם גרוי־סען אויפשטאַנד, וועלכער האָט עס געזאָלט אויסברעכען אין יולי, 1792, אין איין צייט מיט דעם אריינדרינגען אין פראַנק־רייך פון די אויסלענדישע סאָלדאַטען, און וועלכער, מען האָט ערוואַרטעט, וועט עס געבען דעם טוידט־קלאַפּ דער רעוואָלו־ציאָן. די דזשעל־קאָנפעדעראַציע האָט עקזיסטירט אַזוי גאַנצע

צוויי יאָהר, אָנהאַלטענדיג אַ פּינקטליכע קאָררעספּאָנדענץ סיי מיט די טיוליעריען און פּיי מיט קאָבלענץ. איהר שבועה איז געווען „צו ברענגען צוריק דעם קעניג זיין גאַנצע גלאָריע, די פּריסטער זייערע בעזיצטהימער און דעם אַדעל זייערע עהרען.“ און ווען זייער ערשטער פּערזוך האָט ניט געראָטהען, האָבען זיי אָרגאַניזירט מיט דער הילפע פון קלאָד אַלליער, דעם הויפּט־גלח פון שאַמבאָנאַז, אַ וויים־פערשפּרייטע קאָנספּיראַציע, וועלכע האָט געזאָלט ארויסברענגען מעהר, ווי 50 טויזענד מענשען. געפיהרט פון אַ גרויסער צאָהל פון פּריסטער, מאַרשירענדיג אונטער דעם שוץ פון דעם ווייסען פלעג און אונטערשטיצט פון סאַרדיניען, שפּאַניען און עסטרייך, האָט דיזע אַרמיי בעדאַרפט געהן נאָך פּאַריז, אום צו „בעפּרייען“ דעם קעניג, אויפצולייזען די פערזאַמלונג און צו בעשטראָפען די פּאַטריאָטען.

אין לאָזער האָט טשאַררייער, דער נאָטאַר און געוועזענער דעפּוטאַט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועמעס פּרוי האָט געשטאַממט פון אַדעל, עפּפענטליך אָרגאַניזירט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיליץ, האָבענדיג אויף דעם די פולמאַכט און די הויפּט־קאָמאַנדע פון גראַף ד'אַרטאָ.

שאַמבערי, צו יענער צייט אַ שטאַדט אין דער קעניגרייך פון סאַרדיניען, איז געווען אַ צווייטער צענטער פון די עמיגראַנטען. בוססי האָט דאָרט געבילדעט אַ ראָיאַליסטישען פּאָלק, וועלכער איז מוסטירט געוואָרען גאַנץ אָפען. אויף אַזאַ אופן איז די קאָנטער־רעוואָלוציע אָרגאַניזירט געוואָרען אין זיד־פראַנקרייך, ווערענד אין דער וועסט האָבען די פּריסטער און אַדעל געמאַכט פּאָרבערייטונגען פּאַר דעם אויפשטאַנד אין דער וואַנדיי מיט דער הילפע פון ענגלאַנד.

מען קען אפשר זאָגען, דאָס אַלע צוזאַמען זיינען די קאָנספּיראַטאָרס און די קאָנפעדעראַציע פון זיד־איסט פון פראַנקרייך ניט געווען בעזאָנדערס צאָהלרייך. אָבער די רעוואָלוציאָנערען, די יעניגע, וועלכע זיינען ענטשלאָסען צו האַנדלען, דיזע זיינען אויך ניט געווען זעהר פיעל. איבעראַל און צו אַלע צייטען זיינען די מענער פון דער טהאַט אַן אונבעדייטענדע מי־

נאַריטעט. אָבער אַ דאַנק דער אינערציע, דעם פּאַראָרטהייל, די ערוואָרבענע רעכטע, דעם געלד און דער רעליגיאָן, האָט די קאָנטער־רעוואָלוציע געהאַט די מאַכט איבער גאַנצע פּראָווינצען; און עס איז געווען דיזע שרעקליכע מאַכט פון דער רעאַקציע, וועלכע ערקלערט דעם ווילדען צאָרן פון דער רעוואָלוציאָן אין 1793 און 1794, ווען זי האָט געמוזט מאַכען די העכסטע אַנ־שטרענגונג צו רעטען זיך פון די קלויען, וועלכע האָבען איהר געהאַלטען אין דערשטיקען.

צו די אַנהענגער פון קלאָד אַלליער, פערטיג צו נעהמען וואַ־פען אין די הענד, האָבען ווירקליך דערגרייכט די צאָהל פון זעכציג טויזענד, ווי ער האָט עס בעהויפּטעט, ווען ער האָט בע־זוכט קאָבלענץ אין יאַנואַר, 1792, דאָס מעג מען צווייפלען. אָבער אַזוי פיעל איז זיכער, דאָס אין יעדער שטאָדט אין זיד־פראַנקרייך איז דער קאַמפּף צווישען די רעוואָלוציאָנערען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען אָנגעגאַנגען אָהן אַן אָבשטעל, מאַ־כענדיג דעם באַלאַנס וויגענדיג זיך אַמאָל אויף איין זייט און אַמאָל אויף דער צווייטער.

אין פּערפּיגנאַן זיינען די מיליטערישע ראָיאַליסטען געווען פערטיג צו עפענען דעם גרענעץ פאַר די שפּאַנישע אַרמיי. אין אַרל, אין דעם לאָקאַלען קאַמפּף צווישען „די „מאָנענטיערס“ און די „שיפּפּאָניסטס“, ד. ה., צווישען די פּאַטריאָטען און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, זיינען די לעצטע געווען זיעגרייך. „געוואָרענט“, דערצעהלט איין שרייבער, „דאָס די מאַרסעליע־זער אָרגאַניזירען אַן עקספּעדיציע געגען זיי, דאָס זיי האָבען זאָ־גאַר געפּלינדערט דעם אַרסענאַל פון מאַרסעל, אום צו מאַכען אַן ערפאָלגרייכען קאַמפּיין געגען זיי, האָבען זיי זיך פּאָרבע־רייטעט צו אַ געגענקאַמפּף. זיי האָבען זיך בעפעסטיגט, האָבען אויפגעבויט די טויערען פון שטאָדט, האָבען זיכער געמאַכט זייער פערבינדונג מיט'ן ים און האָבען רעאָרגאַניזירט די נאַ־ציאָנאַל־גוואַרדיע אויף אַזאַ אופן, אז די פּאַטריאָטען זאָלען זיין אין גאַנצען מאַכטלאָז“. אַזוי שרייבט ערנסט דאָדע, וועלכער איז זאָנסט אַ זעהר געמעסיגטער מענש, זאָגאַר אַ רעאַקציאָנער,

וועמעס געשיכטע אָבער איז דאָקומענטאַריש, ווייל ער האָט נאָכגעזוכט די לאָקאַלע אַרכיוועו.

דיזע וועניגע שורות פון ערנסט דאָדע זיינען כאַראַקטע־ריסטיש. זיי גיבען אַ בילד פון דעם, וואָס האָט פּאַסירט מעהר אָדער וועניגער איבער גאַנץ פראַנקרייך. פיער יאָהר פון רעוואָ־לוציע, ד. ה., די אַבוועזענהייט פון אַ שטאַרקער רעגיערונג פאַר פיער יאָהר און דאָס אונאויפהערענדע קעמפּפען פון דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען נויטיג אום צו פּאַראַליזי־רען די רעאַקציע ביז צו אַ געוויסען גראַד.

אין מאָנטפּעלליע האָבען די פּאַטריאָטען געגרינדעט אַ ליעג פון פערטהיידיגער געגען די ראָיאַליסטען, אום צו בעשיצען די פּריסטער, וועלכע האָבען צוגעשוואָרען צו דער קאָנסטי־טוציע, ווי אויך יענע מענשען, וועלכע זיינען געגאַנגען אין די קיר־כען, וואו יענע פּריסטער האָבען געפּראַוועט זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. עס זיינען פּאָרגעקומען אָפטע קעמפּפע אין די גאַ־סען. אין לאַנגעל אין דער העראָלט, אין יעססינגאַ אין האָט־לאָר, אין מענד אין דער לאָזער איז געווען דאָס זעלבע. מענשען זיי־נען אימער געווען בעוואָפענט. מען קען ווירקליך זאָגען, דאָס אין יעדער שטאָדט אין יענער געגענד האָבען עהנליכע קעמפּפע שטאַטגעפונען צווישען די ראָיאַליסטען, אָדער די „פויאַנטען" פון דעם פּלאַץ און די „פּאַטריאָטען", און שפּעטער־צו צווישען די זשיראָנדיסטען און די „אַנאַרכיסטען". מיר קענען זאָגאַר צו־געבען, דאָס אין דער גרויסער מאַיאָריטעט שטעדט פון דעם צענטר־און וועסט־פראַנקרייך האָבען די רעאַקציאָנערען געקראָ־גען די אויבער־האַנד און דאָס די רעוואָלוציאָן איז געווען בלויז אונטערשטיצט אין דרייסיג פון דריי און אַכציג דעפּאַרטמענטס. נאָך מעהר, די רעוואָלוציאָנערען אַליין האָבען מייסטענס אָנגע־הויבען ערשט נור לאַנגזאַם קעמפּפען געגען די ראָיאַליסטען און אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל די פּאַסירונגען האָבען זיי אַליין מעהר און מעהר געמאַכט פאַר רעוואָלוציאָנערען.

אין אַלע די שטעדט האָבען די אַנטי־רעוואָלוציאָנערען גע־שלאָסען יד־אחת. די רייכע האָבען געהאַט טויזענדע מיטלען,

וועלכע די פּאטריאָטען אין אַלגעמיין האָבען ניט געהאַט, פון אַרומצופאָהרען, פון קאָרעספּאָנדירען זיך דורך ספּעציעלע שלוחים, פון זיך אויסבעהאַלטען אין זייערע שלעסער און פון אָנקלייבען דאָרט וואפען. די פּאטריאָטען האָבען אָהן צווייפעל זיך צונויפגערעדט מיט די פאָלקס־געזעלשאַפטען און די פּאריזער ברודערשאַפטען מיט דער „געזעלשאַפט פון די אָרעמע", ווי אויך מיט דער מוטער־געזעלשאַפט פון די יאַקאָבינער; אָבער זיי זיינען געווען זעהר אָרעם! וואפען און די מיטלען אַרומצופאָהרען — דאָס האָט זיי געפעהלט.

אַ חוץ דעם, די יעניגע, וועלכע זיינען געווען געגען די רעוואָלוציאָן, זיינען אונטערשטיצט געוואָרען פון אויסלאַנד. ענגלאַנד האָט אייביג נאָכגעפאָלגט דער פּאָליטיק, וואָס זי האַלט נאָך אָן ביז היינטיגען טאָג: די פּאָליטיק פון שוואַך מאַכען איהרע נעגנער און פון צו בעשאַפען שטרייטיגקייטען צווישען זיי. „פּיטס געלד" איז ניט געווען קיין חלום. זעהר ווייט דערפון. מיט דער הילפע פון דיזען געלד זיינען די ראָיאַליסטען אריבער גאַנץ פריי פון זייער צענטר און פון זייער וואפען־דיפּאָ זשוירזי נאָך סט. מאַלאָ און נאַנט און אין אַלע די גרויסע זעע־האַפענס פון פראַנקרייך, בעזאָנדערס די יעניגע פון סט. מאַלאָ, נאַנט, באָרדאָ, האָט דאָס ענגלישע געלד געוואונען פיעלע אַנהענגער און האָט אונטערשטיצט די „קאָמערציאַליסטען", וועלכע האָבען זיך געשטעלט געגען די רעוואָלוציאָן. קאַטערינאַ די צווייטע פון רוסלאַנד האָט געטהאָן דאָס זעלבע, וואָס פּיטט. אין דער טהאַט, אַלע אייראָפּעאישע מאָנאַרכען האָבען אַנטהייל גענומען אין דעם. אויב אין דער ברעטאָן, אין דער וואַנדיי, אין באָרדאָ און אין טולאָן האָבען די ראָיאַליסטען גערעכענט אויף ענגלאַנד, האָבען זיי אין אַלזאַס און לאָררען גערעכענט אויף דייטשלאַנד, און אין זיד־פראַנקרייך אויף דער בעוואפענטער הילף, פערשפּראָכען פון סאַרדיניען, ווי אויך פון דער שפּאַנישער אַרמיי, וועלכע האָט געזאָלט לאַנדען אין ענ־מאָרט. זאָגאר די ריטער פון מאַלטאַ זיינען געווען בעריט צו העלפען מיט צוויי קריעגס־שיפען אין דיזער עקספּעדיציע.

אין אָנפאַנג פון 1792 זיינען די דעפּאַרטמענטס פון לאָזער און פון אַרדעש, ביידע פּלעצער, וואו די אונגעהאָרכזאַמע פּריס־טער האָבען זיך געטראָפען, אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט אַ נעץ פון ראָיאַליסטישע פערשווערונגען, פון וועלכע דער צענטער איז געווען מענד, אַ קליין שטעדטעל, בעהאַלטען אין די בערג פון וויוואַרע, וואו די בעפעלקערונג איז געווען זעהר צוריקגעשטאַנען, און וואו די רייכע און אַדעל האָבען געהאַלטען די מוניציפּאַלי־טעט אין זייערע הענד. די עמיסאַרען זיינען געגאַנגען דורך די דערפער פון דער פּראָווינץ, צורעדענדיג די בויערען זיך צו בע־וואַפענען מיט ביקסען, מיט מעסערס און מיט גראַבליעס און צו זיין בערייט צום קאַמפּף אויף דעם ערשטען סיגנאַל. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי פאַרבערייט אַן אויפשטאַנד, צו וועלכען זיי האָ־בען געהאָפט, וועט צושטעהן דאָס גאַנצע לאַנד.

עס איז אמת, דאָס קיין איינציגער פון די אויפשטענדע, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין 1791 און אין 1792 אין פער־פּיגנאַן, אַרל, מענד, יעסינגאַ און אין די וויוואַרע, איז געווען ערפאָלגרייך. עס איז געווען גענוג צו שרייען: „ניעדער מיט די פּאַטריאָטען!“ אום אַרומצוקלייבען אַרום זיך אַ גענוי־גענדע צאָהל פון רעבעללען, און די רעבעללען האָבען ראַש פאַר־נאַנדערגעיאָגט די ראָיאַליסטישע באַנדעס. אָבער אין דעם משך פון דיזע צוויי יאָהר האָט דער קאַמפּף קיינמאָל ניט גערוהט. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען דער רוים פון בירגער־קריעג און דער אַלאַרם־גלאָק האָט געקלונ־גען אין די דערפער.

עס איז געווען זאָגאַר אַ מאָמענט, ווען עס איז געווען נוי־טיג, אַז בעוואָפענטע באַנדעס פון די מאַרסעליעזער זאָלען קומען אויסראָטען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען אין יענער געגענד, צו נעהמען בעזיץ פון אַרל און עג־מאָרט, און איינצופיהרען די הער־שאַפט פון טערראָר, וועלכער, שפּעטער־צו, האָט דערגרייכט אַזאַ אונגעהייערליכקייט אין זידען פון ליאָן און אין אַרדעש. וואָס אַנבעטרעפט דעם אויפשטאַנד, אָרגאַניזירט פון גראַף דע־סאַיאַן, וועלכער האָט אויסגעבראָכען אין יולי, 1792, אין דער־

זעלבער צייט, ווי דער אויפשטאַנד אין וואַנדעע און אין דעם מאָמענט, ווען די דייטשע אַרמעען האָבען מאַרשירט אויף פּאַריז, וואָלט ער, נאַטירליך, געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָן, ווען דאָס פאָלק וואָלט איהם ניט שנעל אונטערדריקט. צום גליק, האָט דאָס פאָלק איהם גענומען אויף זיך, וועהרענד פּאַריז, פון זיין זייט, האָט געמאַכט פאַרבע־רייטונגען צו פערכאַפּען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, דעם צענטר פון אַלע ראָיאַליסטישע קאָנספּיראַציעס — די טוילעריען.

## צוויי און דרייסיגסטער קאפיטעל.

# דער צוואַנציגסטער יוני, 1792

דער צושטאַנד פון דער רעוואָלוציאָן אין אָנפאַנג פון 1792. — דער קאָנסטיטוציע פעהלט מאַכט. — די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג. די פאָרבערייטונגען פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען. — דאָס פאָלק דערקענט די געפאהרען פאר די רעוואָלוציאָן. — די פורכט פון די יאַקאָבינער. — גרויסע רעפובליקאַנישע דעמאָנסטראַציעס. — די ווירקונג פון דער דעמאָנסטראַציע. — רעפובליקאַנער פיהרער פערהאַפטעט. — די פערזאַמלונג און די רעוואָלוציאָן. — „דער לאמורעט קוש". — דאָס פאָלק בעשליסט די אָבשאַפונג פון קעניגטהום. — דער קריטישער פונקט פון דער רעוואָלוציאָן. די זשיראָנדיסטען וואַרנען דעם קעניג. — זייער מורא פאַר אַ פאָלקס־רעוואָלוציע. — די פערצווייפלונג פון מאַראַט און פאַטריאָטען. — ראַיאַליסטישע האָפנונגען. — קליינליבע שטרייטיגקייטען צווישען די רעוואָלוציאָנערען.

---

פון דעם, וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט, זעהען מיר, אין וועלכען טרויעריגען צושטאַנד די רעוואָלוציאָן איז געווען אין די ערשטע מאָנאַטען פון 1792. אויב די מיטעל־קלאַס־רעוואָלוציאָנערען האָבען געקאָנט זיך פיהלען צופריעדען מיט דעם, וואָס זיי האָבען געקראָגען אַ חלק אין דער רעגיערונג און האָבען אויפגעלעגט דעם פונדאַמענט פאר די גרויסע פערמעגענס, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעמאָסטען צו קריגען מיט דער הילפע פון'ם שטאַאַט, האָט דאָס פאָלק געזעהען, אז דערוויל איז נאָך פאר איהם גאָר ניט געטהאָן געוואָרען. דער פעאָדאַליזם איז נאָך

געשטאנען מעכטיג און אין די שטעדט האָבען די גרויסע מאסען פּראָלעטאַריער גאָר ניט געוואונען, פון וואָס עס זאָל זיך לוינען צו רעדען. די געשעפטסלייט און מאָנאָפּאָליסטען האָבען גע־מאכט געוואלדיגע פערמעגענס, אלס רעגיערונגס־קאָנטראַקטאָרען און ספּעקולאַנטען, און מיט דער הילפע פון ספּעקולאַציעס אין די באַנדס אויף דעם פערקויף פון דעם קירכען־אייגענטהום און דורך דעם אויסקויפען פון׳ם קאָמונאַלען לאַנד,—אָבער דער פּרייז אויף ברויט און אויף אַלע זאַכען פון דער העכסטער נויטווענדיג־קייט איז געשטיגען אַלץ מעהר און מעהר, און דער הונגער איז געוואָרען כראָניש אין די פיערטלען פון די גרויסע שטעדט.

די אריסטאָקראַטיע איז געוואָרען דערווייל אַלץ מוטהיגער און מוטהיגער. דער אדעל, די רייכע האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ און האָבען זיך בעריהמט, דאָס זיי וועלען באַלד ברענ־גען די „סאַנקיולאָטען“ צום פערשטאַנד. יעדען טאָג האָבען זיי ערוואַרטעט די נייעס וועגען דעם אָנקומען פון דער דייטשער אַרמיי, וועלכע זאָל צוריק ברענגען דעם אַלטען רעזשים אין זיין גאַנצער פּראַכט. אין די פּראָווינצען, ווי מיר האָבען געזעהען, האָט די רעאַקציע גאַנץ אָפען אָרגאַניזירט איהרע אַנהענגער פאַר אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד.

וואָס אַנבעטרעפט די קאָנסטיטוציע, וועלכע די מיטעל־קלאַ־סען און זאָגאַר די „אינטעללעקטועללע“ האָבען פערשפּראָכען אויפצוהאַלטען, מעג עס קאָסטען וואָס עס וויל, האָט זי נור עק־זיסטירט אום אָנצונעהמען געוויסע מיטלען פון אַ מינדערער וויכטיגקייט, ווערענד אַלע ערנסטע רעפאָרמען זיינען געבלי־בען אָבגעלייגט אויף ווען־עס־איז שפּעטער. דעם קעניג׳ס אַוי־טאָריטעט איז געוועזן בעגרענצט, אָבער אויף אַ זעהר געמעסיג־טען שטייגער. דאָס פאָלק איז געווען מאַכטלאָז עפּעס צו טהאָן מיט דער מאַכט, וועלכע איז איבערגעלאָזען געוואָרען צום קעניג דורך די קאָנסטיטוציע — דער ציוויל־ליסט, די מיליטערישע קאָ־מאַנדע, דער אויסוואַהל פון מיניסטאָרען און דאָס איבעריגע — און מעהר פון אַלץ דורך די אינערליכע אָרגאַניזאַציאָן פון דער

לאָקאַלער רעגיערונג, וועלכע האָט איבערגעגעבען אַלעס אין די הענד פון די רייכע.

קיינער, זיכער, וועט ניט פערדעכטיגען די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג אין ראַדיקאַליזם, און עס איז קלאָר, אַז איהרע דעקרעטען וועגען פעאָדאַלע אָבצאָהלונגען און די פריסטער זיינען געווען גאַנץ היבשלאַך דורכגעזאַפט מיט מיטעל־קלאַסישער גע־מעסיגגקייט; און דאָך אַפילו דיזע דעקרעטען האָט דער קעניג ענטזאַגט זיך צו אונטערשרייבען. יעדער איינער האָט גע־פיהלט, דאָס די נאַציאָן לעבט איינפאַך פון טאָג צו טאָג אונטער א סיסטעם, וואָס באַט ניט קיינעם קיין זיכערהייט און וועלכע קען אומגעשטירצט ווערען יעדען מאָמענט צו גונסטען פון דעם אַלטען רעזשים.

דערווייל האָט די פערשווערונג, וואָס האָט זיך געשפונען אין די טיוליערען, זיך ווייטער פערשפּרייט אין פראַנקרייך גופא און האָט אריינגעצויגען די קייזערליכע הויפען פון בערלין, וויען, סטאָקהאָלם, טורין, מאַדריד און פעטערבורג. די שטונדע איז געווען נאָהענט, ווען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען האָבען עס גע־זאָלט דערלאַנגען דעם שווערען קלאַפּ, וואָס זיי האָבען אָנגע־גרייט פאַר דעם זומער פון 1792. דער קעניג און די קעניגין האָבען אונטערגעיאָגט די דייטשע אַרמעען צו מאַרשירען אויף פּאַריז; זיי האָבען זאָגאר אָנגערופען דעם טאָג, ווען זיי זאָלען אריין אין די הויפּט־שטאָדט, און ווען די ראָיאַליסטען, בעוואָפענט און אָר־גאַניזירט, וועלען זיי מקבל פּנים זיין.

דאָס פאָלק און די יעניגע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע, ווי מאַראַט און די קאָרדעליערען, האָבען געהאַלטען זיך ביים פאָלק — די יעניגע, וועלכע האָבען ארויסגערופען אין לעבען די קאָ־מונע פון דעם 10טען אויגוסט — דיזע האָבען פערשטאַנען אויס־געצייכענט די געפאַהרען, פון וועלכע די רעוואָלוציאָן איז ארומגערינגעלט. דאָס פאָלק האָט אימער געהאַט א גוטען בעַ־גריף פון דער ריכטיגער לאַגע, כאָטש עס האָט איהם ניט גע־קענט אזוי ריכטיג אויסדריקען און אויך ניט אונטערשטיצען זיינע פאַר־געפיהלען דורך לאַנגע און טיעפע ארגומענטען; און

די מאסע פון פראנצויזישען פאָלק האָט געפיהלט, פיעל בעסער, ווי די פּאָליטיקער, די פערשווערונגען, וועלכע זיינען אויסגע־בריהט געוואָרען אין די טיוליעריען און אין די שלעסער פון׳ם אדעל. אָבער דאָס פאָלק איז געווען ענטוואפּענט, וועהרענד די מיטעל־קלאַסען האָבען אָרגאַניזירט זייערע באטאַליאָנען פון דער נאציאָנאלער גווארדיע. און וואָס איז געווען נאָך ערגער, די יעניגע פון די „אינטעללעקטועללע", ועמען די רעוואָלוציאָן האָט ארויסגעשטופּט צום פראָנט, די יעניגע, וועלכע זיינען בע־טראכט געוואָרען אלס די פירשפּרעכער פון דער רעוואָלוציאָן — צווישען זיי עהרליכע מענשען, ווי ראָבעספּיער — האָבען ניט געהאט דעם נויטיגען צוטרוי צו דער רעוואָלוציאָן, און נאָך ווע־ניגער צום פאָלק. פּונקט ווי די פּארלאמענטארישע ראדיקאלען פון אונזער צייט, וועלכע ציטערען צו זעהען דאָס פאָלק ארומ־שטייגען אויף די גאַסען, טאָמער זאָלען זיי ווערען די הערשער פון דער סיטואציאָן, האָבען זיי ניט געהאט דעם מוטה ארויסצורעדען אָפען זייער מורא פאר די רעוואָלוציאָנע־רע גלייכהייט. זיי האָבען ערקלערט זייער שטעלונג אלס אזעלכע, וואָס איז נויטיג אום צו בעשיצען, וועניגסטענס, די וועניגע פריהייטען, וועלכע זיינען שוין ערוואָרבען געוואָרען דורך די קאָנסטיטוציע. איידער די אונבעקאנטע שאנסען פון א נייעם אויפשטאנד, האָבען זיי ערקלערט, ווילען זיי שוין בעסער א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע.

פּאסירונגען פון אזא וויכטיגקייט, ווי די ערקלערונג פון קריעג (דעם 21טען אפּריל, 1792) און די אריינדרינגונג פון דייטשלאנד — זיינען געווען נויטיג, אום צו ענדערען די לאגע. נור דאַן, זעהענדיג זיך פערראַטהען פון אלע זייטען, זאָגאר פון די פיהרער, אין ועמען ער האָט געטרויט, האָט דאָס פאָלק אָנגע־הויבען אליין צו האנדלען, און אויסצואיבען א דרוק אויף „די טאָן־געבער". פּאריז האָט זיך אָנגעהויבען פּארבערייטען צו א גרויסען אויפשטאנד, וועלכער זאָל מאכען מעגליך דעם פאָלק אראָבצואווארפען דעם קעניג פון טהראָן. די סעקציאָנען, די פאָלקס־געזעלשאפטען און די בענעפיט־געזעלשאפטען, דאָס הייסט

„די אונבעקאנטע“, די מאסע, געשטיצט פון דעם קלוב פון די קארדעליערען, האבען אליין גענומען זיך צו דיזער אויפגאבע. די קליגסטע און די אויפגעקלערטעסטע פאטריאטען, זאגט שא־מעט, האבען זיך פערזאמעלט אין דעם קארדעליערען־קלוב און דארט פלעגען זיי פערברענגען די נאכט, פארבערייטענדיג דעם פאלקס־אויפשטאנד. דארט איז געווען צווישען אנדערע איין קאמיטע, וועלכע האט געקראגען א רויטען פלאג מיט דער אויפ־שריפט: „קריעגס־געזעץ פון פאלק געגען די רעבעליאן פון דעם קעניג.“ אונטער דיזען פלאג האבען עס געזאלט זיך צוזאמענ־קלייבען אלע פרייע מענער — די אמת'ע רעפובליקאנער, די יע־ניגע, וועלכע האבען געהאט צו נעהמען נקמה פאר א פריינד, א זוהן אדער אן אנדער קרוב, וועלכער איז ערמארדעט געווארען אויף דעם מארס־פעלד דעם 17טען יולי, 1791.

די מייסטע היסטאריקער, א דאנק דער אויטאריטעטער ער־ציהונג, וואס זיי האבען געהאט, שטעלען פאר דעם יאקאבינער קלוב, אלס דעם איניציאטאר און דעם קאפ פון אלע רעוואלו־ציאנערע בעוועגונגען אין פאריז און אין די פראווינצען, און פאר צוויי גענעראציאנען האט עס יעדער געגלויבט. אבער איצט ווייסען מיר, אז עס איז גאר ניט געווען אזוי דער פאל. די איניציאטיווע פון דעם 20טען יוני און דעם 10טען אויגוסט איז ניט געקומען פון די יאקאבינער. פונקט פערקעהרט. א גאנצען יאהר לאנג זיינען זיי געווען דאגעגען, זאגאר די סאמע רעוואלוציאנערסטע פון זיי, צו אפעלירען ווידער א מאל צום פאלק. נור דאן, ווען זיי האבען זיך דערזעהען ארויסגעשטוי־סען און איבערגעיאגט פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג, האב־בען זיי ערשט בעשלאסען, און ווידער בלויז א טהייל פון זיי, איהר נאכצופאלגען.

אבער מיט וואס פאר א שרעקעדיגקייט! זיי האבען גע־וואונשען צו זעהען דאס פאלק אין די גאסען, בעקעמפפענדיג דעם קעניגטהום, אבער זיי האבען ניט געהאט דעם מוטה צו ווינ־שען אויך זעהען די פאלגען דערפון. וואס וועט זיין, אויב דאס פאלק זאל ניט צופריעדען בלייבען בלויז מיט דעם אומשטורץ

פון דער קעניגליכער מאַכט? ווי, ווען דער פאָלקס־צאָרן זאָל זיך אויף אויסגיסען געגען די רייכע, געגען די מעכטיגע, די כיטרע, וועלכע האָבען אין דער רעוואָלוציע ניט געזעהען קיין אַנדער זאַך, ווי נור אַ מיטעל רייך צו ווערען? ווי, אויב דאָס פאָלק זאָל אויך אָבשאַפען די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג, נאָכדעם ווי עס וועט זיין פאַרטיג מיט די טוילעריע? ווי, אויב די קאָמונע פון פאַריז, די עקסטרעמיסטען, די „אַנאַרכיסטען" — די יע־ניגע, וועמען ראָבעספּיער האָט בעשאָטען מיט שימפּפערייען — יענע רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען געפּרעדיגט די גלייכהייט פון פערהעלטניסע — ווי, אויב דיזע זאָלען קריעגען די אויבער־האַנד?

און אָט וואָרום אין אַלע קאָנפערענצען, וועלכע זיינען פאָר־געקומען פאַר דעם 20טען יוני, זעהען מיר אַזוי פיעל אונענט־שלאָסענהייט, אַזאַ וואַקלען זיך אויף דער זייט פון די פּראָמי־נענטערע רעוואָלוציאָנערען. אָט דערפאַר האָט זיך די יאַקאָבי־נער אַזוי ניט געגלוסט צוצוגעבען די נויטווענדיגקייט פון אַ צווייטען פאָלקס־אויפשטאַנד. עס איז געווען ערשט אין יולי, ווען דאָס פאָלק, ניט פאָלגענדיג די קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצע, האָט פּראָקלאַמירט די „פּערמאַנענץ" פון די סעקציאָנען, האָט בעפוילען די אַלגעמיינע בעוואָפנונג און האָט געצוואונגען די פערזאַמלונג צו ערקלערען דאָס לאַנד אין געפאַהר — ערשט דאַן איז עס געווען, ווען ראָבעספּיער, דאַנטאָן, און, אין דער לעצטער מינוט, די זשיראָנדיסטען, האָבען בעשלאָסען נאָכצופאָלגען נאָך דעם פאָלק און זיך ערקלערען מעהר אָדער ווייניגער איינפער־שטאַנען מיט דעם אויפשטאַנד.

עס איז דאַרום געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז אונטער דיזע אומשטענדען זאָל די בעוועגונג פון דעם 20טען יוני ניט האָבען ניט דעם גייסט און ניט די איינִיגקייט, וועלכע זיינען געווען נויטיג, אום צו מאַכען איהר צו אַן ערפאָלגרייכען אויפשטאַנד געגען די טוילעריען. דאָס פאָלק איז אַרויס אין די גאַסען, אָבער, ניט זייענדיג זיכער איבער דער שטעלונג פון די מיטעל־קלאַסען, האָבען די מאַסען ניט געהאַט דעם מוטה צו קאָמפּראָמיטירען

זיך צו שטארק. זיי האָבען געהאנדעלט, אזוי ווי זיי וואָלטען צוערשט געוואָלט אויסגעפינען, ווי ווייט זיי קענען געהן מיט זייער אטאַקע אויפ'ן פּאַלאַץ — איבערלאָזענדיג אלעם איבעריגע צו די שאַנסען פון אַלע גרויסע פּאָלקס־דעמאָנסטראציאָנען. אויב עפּעס זאָל ארויסקומען פון דיזער איז אודאי גוט. אויב ניט, וועלען זיי, וועניגסטענס, האָבען געזעהען די טוילעריען פון דער נאָהענט, און קענען האָבען א בעגריעף פון איהר ווירקליכער שטאַרקייט.

און אזוי האָט עס ווירקליך פּאַסירט. די דעמאָנסטראציע איז געוועזן א פּאָלשטענדיג פריעדליכע. מיט דעם אויסרעד צו בעטען ביי דער פערזאמלונג צו פייערען דעם יאָהרצייט פון דער שבועה אין טענים קאָרט, און צו פערפלאַנצען א פרייהייטס־בוים ביי דער טהיר פון דער נאציאָנאל־פערזאמלונג, איז א גרויסע מענשען־מאַסע ארויסגעקומען יענעם טאָג. זי האָט באַלד איבערפילט אלע גאַסען, וואָס האָבען געפיהרט פון דער באסטיל צו דער פערזאמלונג, וועהרענד דער הויף האָט אָנגעפילט מיט זיינע אנהענגער דעם „פּלאַס די קאָרוסעל", דעם גרויסען הויף פון די טוילעריען, און די ארומיגע געגענד פון פּאַלאַץ. אלע טויערען פון די טוילערי זיינען געוועזן צוגעשלאָסען, קאַנאָנען זיינען געוועזן אָנגעצילעוועט אויפ'ן פּאָלק; קוילען זיינען אויסגעטהיילט געוואָרען צו די סאָלדאַטען, און א צוזאַמענשטויס צווישען דיזע צוויי לאַגערן האָט אויסגעזעהן אונפערמיידליך.

אָבער דער אנבליק פון די אַלץ מעהר און וואַקסענדע מאַסען האָט פּאַראַליזירט די פערטהיידיגער פון קעניגליכען פּאַלאַץ. די אויסערע טויערען זיינען אָדער געעפענט אָדער אויפגעבראָכען געוואָרען, און דער פּלאַס די קארוסעל, ווי אויך די הויפען זיינען פערפלייצט געוואָרען מיט מענשען. פיעלע זיינען געוועזן בעוואַפענט מיט פּיקעס און סאַבליעס, אָדער מיט שטעקענס, אויף וועמעס שפּיצען זיינען געוועזן מעסערס אָדער העק אָדער זעגען, אָבער די סעקציאָן האָט פּאָרזיכטיג אויסגעקליבען די מענער, וואָס האָבען געזאָלט נעהמען אנטהייל אין דיזער דעמאָנסטראַציע.

די מאסע האָט גענומען זיך איינצוברעכען איינע פון די טיהרען פון פּאַלאַץ מיט די קלעפּ פון א האַק, ווען לואי דער זעכצעהנטער האָט אליין בעפוילען צו עפענען די טיהר. און גלייך האָבען זיך טויזענדע מענשען אריינגעבראָכען אין הויף און אין דעם פּאַלאַץ. די קעניגין מיט איהר זוהן זיינען אוועקגענומען געוואָרען פון איהרע פריינד אין א צימער, די טהיר פון וועלכען איז געווען פּארבאַראַקאַדירט מיט א גרויסען טיש. דער קעניג איז געפונען געוואָרען אין א צווייטען צימער. און דאָס צימער איז אין איניגע מינוטען פול געוואָרען מיט מענשען, וועלכע האָבען געפאָרדערט, אז ער זאָל סאַנקציאָנירען די דעקרעטען, וועלכע ער האָט ביז איצט צוריקגעהאלטען; אז דער פּאַטריאָטישער מיניסטעריום — ד. ה., דער זשיראָנדיסטישער, וועלכען ער האָט אויפגעלייזט דעם 17טען יוני, זאָל צוריקגערופען ווערען; דאָס די רעבעללישע פּריסטער זאָלען ארויסגעטריבען ווערען פון פראַנקרייך, און אז ער זאָל אויסקלייבען צווישען קאָבלענץ און פּאַריז. דער קעניג האָט אראָבגענומען זיין הוט, און האָט ערלויבט, אז מען זאָל א וואָלענע קעפּ אָנטהאָן אויף זיין קאָפּ. די מאַסע האָט איהם אויך געצוואונגען צו טרינקען א גלאָז וויין צו דער געזונדהייט פון דער נאציאָן. אָבער פּאַר צוויי שטונדען האָט ער זיך געוועהרט געגען די פאָרדערונגען, וויעדערהאָלענדיג, דאָס ער וועט בלייבען פעסט ביי דער קאָנסטיטוציע.

אלס אן אטאַקע אויף דעם קעניגטהום, איז דיזע בעוועגונג געווען א דורכפאַל. עס איז גאָר ניט ארויסגעקומען פון דעם.

אָבער דער צאָרן פון די בעמיטעלטע קלאַסען געגען פאָלק איז געראַדע צוליעב דעם געוואָרען נאָך שטאַרקער. וויבאַלד די מאַסען האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו אַטאַקירען דעם פּאַלאַץ און האָבען דערמיט ארויסגעוויזען זייער שוואַכקייט, זיינען די רייכע אויף זיי אָנגעפאַלען מיט דער גאַנצער געהעסיגקייט, וועלכע קען נור זיין אלס דער רעזולטאַט פון מורא.

ווען א בריעף פון לואי דעם 16טען, אין וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט געגען דעם איינברוך אין פּאַלאַץ, איז פּאָרגעלעזען

געוואָרען אויף דער זיצונג פון דער פערזאמלונג, האָבען די מיטגליעדער אויסגעבראָכען אין אַפּלאָדיסמענטען, וועלכע זיינען געווען אזוי קנעכטיש, ווי די אַפּלאָדיסמענטען פון די הויף־לייט פאַר 1789. יאקאָבינער און זשיראָנדיסטען זיינען געווען איינשטימיג אין זייער ערקלערונג, דאָס זיי האָבען ניט גענומען קיין אנטהייל אין דיזער דעמאָנסטראַציע.

אויפגעמונטערט געוויס פון דיזער מאַניפעסטאַציע פון אונטערשטיצונג, האָט דער הויף איינגעריכטעט א טריבונאַל אין דעם פּאַלאַץ טיולערי גופא, אום צו בעשטראָפען די יעניגע, וועלכע האָבען גענומען אַן אנטהייל אין דיזער דעמאָנסטראַציע. זיי האָבען אויף אַזאַ אופן צוריק אין לעבען גערופען, זאָגט שאָמעט אין זיינע מעמואַרען, די העסליכע מעטהאָדען פון פּראָצעסירונג, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען נאָך דעם 5טען און 6טען אָקטאָבער, 1789, און נאָך דעם 17טען יולי, 1791. דיזער טריבונאַל איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון פרידענס־ריכטער, וועלכע האָבען געקראָגען זייער געהאַלט פון קעניג. דער קעניגליכער הויף האָט זיי געשיקט זייער שפּייז, און דער וואָרדראָבהאַלטער פון דער קרוין האָט געקראָגען בעפעהלע צו פערזאָרגען זיי מיט אַלץ, וואָס זיי דאַרפען. די ענערגישסטע און שטאַרקסטע פון די שרייבער זיינען פעראורטיילט געוואָרען צו געפענגניס. מאַנכע פּרעזידענטען און סעקרעטאַרען פון די סעקציאָנען האָבען געטהיילט דעמזעלבען שיקזאַל. עס איז ווידער געוואָרען געפעהרליך צו רופען זיך מיט דעם נאָמען „רעפּובליקאַנער.“

די דירעקטאָריען פון די דעפּאַרטמענטס און א גרויסער טהייל פון די מוניציפּאַליטעטען האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דיזען קנעכטישען פּראָטעסט פון דער פערזאמלונג, און האָבען געשיקט בריעף, פול מיט צאָרן, געגען יענעם געוויסען רעבעללישען „טהייל“. און ווירקליך, דריי־און־דרייסיג פון די 83 דירעקטאָריען פון די דעפּאַרטמענטס — דאָס הייסט, דער גאַנצער וועסט פון פראַנקרייך — זיינען געווען אָפען ראָיאַליסטיש און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער.

רעוואָלוציעס, מוזען מיר גערענקען, ווערען אימער גע־מאַכט פון מינאָריטעטען, און זאָגאר, ווען די רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעפאנגען און אַ טהייל פון דער נאַציע נעהמט אָן איהרע קאָנזעקווענצען, איז אימער דאָ בלויז אַ קליינע מינאָרי־טעט, וועלכע פערשטעהט, וואָס עס בלייבט נאָך צו טהאָן, אום צו זיין זיכער מיט דעם טריאומף פון דאָס, וואָס איז שוין גע־קראָגען געוואָרען, און וועלכע האָבען דעם מוטה צו האַנדלען. דערפאַר איז אַ פערזאמלונג, וועלכע רעפּרעזענטירט מיט זיך אימער דעם דורכשניט פון לאַנד, אָדער בעסער געזאָגט, עטוואָס אונטער דעם דורכשניט, אימער געוועזן און וועט אימער זיין אַ שטערונג געגען די רעוואָלוציע. זי קען קיינמאָל ניט זיין אַן אינסטרומענט פון דער רעוואָלוציע.

די געזעצגעבענדע פערזאמלונג גיט אונז דערצו אַ שלאָגענ־דען בעווייז. דעם 7טען יולי, דאָס הייסט, פיער טעג איידער דאָס לאַנד האָט געמוזט ערקלערט ווערען אין געפאהר דורך די אריינדרינגונג פון דייטשלאַנד און נור מיט איין מאָנאַט פריי־הער, איידער דער קעניגטהום איז געשטירצט געוואָרען, האָט דאָס פאָלגענדע פאַסירט אין דער פערזאמלונג: זיי האָבען דאָרט דיסקוטירט, וועלכע מיטלען מען זאָל אָננעהמען פאַר די אַלגעמיינע זיכערהייט. האָט דער בישאָף פון ליאָן, לאַמורעט, פאָרגעשלאָגען אויף דעם וואונש פון קעניג אַן אַלגעמיינעם פריעדען פון די פאַרטייען. און אום דאָס צו שטאַנד צו ברענ־גען, האָט ער אָט וואָס געראַטהען: „איין פּאַרטיי אין דער פער־זאמלונג טראַכט וועגען דער צווייטער, אַז זי האָט דעם פעררעט־ערישען צוועק צו פערניכטען די מאָנאַרכיע. די אַנדערע גלויי־בען וועגען זייערע קאָללעגען, דאָס זיי האָבען אין זינען די פער־ניכטונג פון דער קאָנסטיטוציאָנעללער גלייכהייט און די אריס־טאָקראַטישע רעגיערונג־פאָרם, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען די צוויי קאַמערען. אַלזאָ, מיינע הערדען, לאָמיר פער־ניכטען דורך אַן אַלגעמיינע פערדאַמונג און דורך אַ שבועה, לאָ־מיר פערניכטען ביידעס, אי די רעפּובליק און אי די צוויי קאַ־מערען.“ דער ענטהוזיאַזם איז געוועזן געוואַלדיג. מען האָט

געהויבען די היט אין דער לופטען, די מיטגליעדער האָבען זיך געכאַפּט קושען און אומאַרמען, די „רעכטע" האָבען פּראָטערני־זירט מיט די „לינקע", און אַ דעפּוטאַציע איז גלייך אַוועקגע־שיקט געוואָרען צום קעניג, וועלכער איז געקומען, אום צו נעה־מען אַנטהייל אין דער אַלגעמיינער שמחה. דיזע סצענע איז בעקאַנט אין דער געשיכטע, אַלס „דער לאַמורעט קוש". צום גליק איז די עפּפענטליכע מיינונג ניט געפאַנגען געוואָרען פון אַזעלכע סצענען. אין דעמזעלבען אָבענד האָט ביללאָד־וואַרען פּראָטעסטירט אין דעם יאַקאָבינישען קלוב געגען דיזען היפּאָקרי־טישען פערזוך צו שטיפּטען פריעדען, און עס איז בעשלאָסען גע־וואָרען ארויסצושיקען זיין רעדע צו די אַלע פעראיינען, וואָס זיינען געווען אַפּפּילירט מיט דעם קלוב. דער הויף פון זיין זייט האָט גאָר ניט געהאַט בדעה אַוועקצולייגען די וואַפּען. פּעטיאָן, דער מעיאָר פון פּאַריז, איז דעמזעלבען טאָג סוספּענ־דירט געוואָרען פון זיין אַמט דורך דעם ראָיאַליסטישען דירעק־טאָריום פון דעם סענע־דעפּאַרטמענט, פאַר זיין נאַכלעסיגקייט דעם 20טען יוני. אָבער דאַן האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז אויפגע־נומען ליידענשאַפטליך די זאַך פון זיין מעיאָר, אַזוי, דאָס זעקס טעג שפּעטער, דעם 13־טען יולי, האָט די פערזאַמלונג בע־טראַכט פאַר נויטיג צוריקצורופען די סוספּענדירונג פון דעם מעיאָר.

די מענשען זיינען געווען ביי זיך ענטשלאָסען. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען זיי מוזען פּטור ווערען פון קעניגטהום, און דאָס אויב נאָך דעם 20טען יוני זאָל שנעל ניט נאָכפאָלגען אַ פאָלקס־אויפשטאַנד, איז עס פאַרביי מיט דער גאַנצער רעוואָלוציע. אָבער די פּאָליטיקער אין דער פערזאַמלונג, זיי האָבען אַנדערש געטראַכט. „ווער קען זאָגען, וואָס עס קען אַרויסקומען פון אַן אויפשטאַנד?" האָבען זיי זיך געפרעגט, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס מיט גאַנץ ווייניגע אויסנאַהמען האָבען די געזעצגעבער פון דער פער־זאַמלונג געטראַכט פון אַ וועג, ווי זיך צו רעטען, אין פאַל די קאָנטר־רעוואָלוציע זאָל זיין זיעגרייך.

די מורא פון די יעניגע, וועלכע האָבען בדעה צו ווערען „שטאַאטס־לייט“, און דער וואונש צו פערזיכערען זיך מיט גנאדע אין פאַל פון אַ דורכפאַל — אַט אין דעם שטעקט די געפאהר פאר יעדע רעוואָלוציע.

פאר אַלע די, וועלכע זוכען אַ לעהרע אין דער געשיכטע, זיינען דיזע זיעבען וואָכען, וועלכע זיינען אוועק זייט דער דע־מאָנסטראַציע פון דעם 20טען יוני ביז עס איז איינגענומען גע־וואָרען די טיוליערי דעם 10טען אויגוסט, 1792, פון דער העכ־סטער וויכטיגקייט.

דאָך, חאָטש די דעמאָנסטראַציע פון דעם 20טען יוני האָט ניט געבראכט קיינע באַלדיגע רעזולטאַטען, האָט זי אָבער ארויסגערופען אַ גרויסע ערוואַכונג איבער גאַנץ פראַנקרייך. „דער רעוואָלט איז געלאָפען פון שטאָדט צו שטאָדט“, ווי לואי בלאַן זאָגט. דער אויסלענדער איז געווען ביי די טויערען פון פאַריז, און דעם 11טען יולי איז דאָס לאַנד ערקלערט געוואָרען אין געפאהר. דעם 14טען איז די פעדעראַציע געפייערט גע־וואָרען, און ביי דיזער געלעגענהייט האָט דאָס פאָלק געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע געגען דעם קעניגטהום. פון יעדער זייט האָ־בען די מוניציפאַליטעטען געשיקט בריעף צו דער פערזאַמלונג, אויפפאָרדערענדיג איהר צו האַנדלען. וויבאַלד דער קעניג האָט פעררעטהען זיין לאַנד, האָבען זיי פערלאַנגט, אז מען זאָל איהם אראָבזעצען פון טהראָן אָדער סוספענדירען איהם. דאָס וואָרט „רעפובליק“ איז אָבער נאָך אַלץ ניט דערמאָנט געוואָרען. עס איז געווען אַ וואונש, אז אימיצער זאָל פערנעהמען דערווייל דעם פלאַץ פון לואי דעם 16טען. מארסעל איז געווען אַן אויסנאַהם, ווייל זי האָט געפאָדערט די אָבשאַפונג פון קעניגטהום זייט דעם 27טען יוני און האָט געשיקט 500 פרייוויליגע, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין פאַריז, זינגענדיג די מארסעליעזע. ברעסט און אַנדערע שטעדט האָבען געשיקט אייניגע וואָלאָנטיאָרען, און די סעקציאָנען אין פאַריז, זיצענדיג אין פערמאַנענץ, האָ־בען זיך בעוואַפענט און אָרגאַניזירט זייערע פאָלקס־באַטאַליאָ־

נען. מען האָט געפֿיהלט פֿון אַלע זייטען, דאָס עס קומט דער ענטשיידענדער מאָמענט פֿאַר די רעוואָלוציאָן.

וואָס, אַלזאָ, האָט די פֿערזאַמלונג געטהאָן? און וואָס האָבען געטהאָן יענע מיטעלקלאַס־רעפּובליקאַנער — די זשיראָנדיסטען?

ווען דער שטאַרק־פֿערפֿאַסטער אויפֿרוף פֿון מאַרסעל איז פֿאָרגעלעזען געוואָרען אין דער פֿערזאַמלונג, אין וועלכען עס איז געפֿאָדערט געוואָרען, אַז מען זאָל אָננעהמען מיטלען, וועלכע זיינען אין איינקלאַנג מיט דער ערנסטקייט פֿון די פּאַסירונגען, דאַן האָט כמעט די גאַנצע פֿערזאַמלונג פּראָטעסטירט. און ווען ד ו ה ע ם, דעם 27טען יולי, האָט פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל דיסקוטירען די פֿראַגע וועגען אַראָבזעצען לואי דעם 16טען פֿון זיין טהראָן, איז זיין פֿאָרשלאַג אויפֿגענומען געוואָרען מיט קולות פֿון שפּאָט.

מאַריע אַנטואַנעט האָט זיכער ניט געמאַכט קיין טעות, ווען זי האָט געשריבען דעם 7טען יולי צו איהרע אינטימע קאָררעספּאָנדענטען אין אויסלאַנד, דאָס די פּאַטריאָטען זיינען צושראָקען און דאָס זיי ווילען שוין געהן אויף פּשרות — דאָס, וואָס האָט ווירקליך פּאַסירט איינינע טעג שפּעטער.

די יעניגע, וועלכע זיינען געווען מיט'ן פֿאָלק, אין די סעקציאָנען, די האָבען אָהן צווייפֿעל געפֿיהלט, אַז זיי געפֿינען זיך אויפ'ן שוועל פֿון אַ גרויסער פּאַסירונג. די סעקציאָנען פֿון פּאַריז האָבען זיך ערקלערט, אַלס פּערמאַנענט, און אַזוי אויך אייניגע מוניציפּאַליטעטען. ניט אַכטענדיג אויף דעם געזעץ וועגען די „פּאַסיווע" בירגער, האָבען זיי צוגעלאָזען זיי צו זייערע פֿערזאַמלונגען, און זיי בעוואַפֿענט מיט פּיקעס. עס איז געווען צו בעמערקען, אַז אַ גרויסער אויפֿשטאַנד קומט אָן.

אָבער די זשיראָנדיסטען, די פּאַרטיי פֿון די „שטאַאַטס־לייט", האָבען געראַדע דאַן געשיקט אַ בריעף צום קעניג, אין וועלכען זיי האָבען איהם דערצעהלט, אַז עס האַלט זיך אין פֿאָרבערייטען אַ שטאַרקער אויפֿשטאַנד, און דאָס דערפֿון קען נאָך חלילה אַרויסקומען, אַז ער זאָל פֿערלירען זיין טהראָן, אויב ניט

נאָך עטוואָס מעהר שרעקליכעס, און דאָס דער איינציגער מי־טעל ניט דערלאָזען דערצו איז צוריקצורופען דעם מיניסטעריום פון ראַלאַן, סערוואַן און קלאַוויע, און דאָס אַזוי שנעל ווי מעג־ליך, העכסטענס אין אַכט טאָג צייט.

זיכער איז עס ניט געווען „די 12 מיליאָן, פערשפּראָכענע צו בריססאָ“, וועלכע האָבען געמאַכט די זשיראָנדיסטען אַנצור־נעהמען דיזען שריט. אויך איז עס ניט געווען, ווי לואי בלאַן האָט געשריבען, זייער אמביציע ווידער צו פערכאַפּען די מאַכט. די אורזאַכע איז געווען אַ פּיעל־טיפערע, און בריססאָ'ס פּאַמפלעט ערקלערט אונז גאַנץ קלאָר, וואָס די זשיראָנדיסטען האָבען געדענקט אין יענעם מאָמענט. עס איז געווען זייער מורא פאַר אַ פאָלקס־רעוואָלוציע, אַ רעוואָלוציע, וועלכע זאָל אָנריהרען דעם אייגענטהום און נאָך מעהר, דאָס די אויטאָרי־טעט און די „פעהיגקייט צו פיהרען“ וועלען פערלירען די אַלע פּריווילעגיען, וועלכע זיי האָבען גענאָסען ביז דאַן — די מורא צו זעהען זיך ארונטערגעדריקט צו דער מאָס פון „דער גרויסער מאַסע אונגעוואַשענע.“

דיזע מורא האָט פּאַראַליזירט די זשיראָנדיסטען, ווי זי פּאַ־ראַליזירט היינט־צו־טאָג אַלע די פּאַרטייען אין די פּאַרלאַמענ־טען, וועלכע פערנעהמען עהנליכע שטעלען, מעהר אָדער וועני־גער רעגיערונגס־שטעלען, וועלכע די זשיראָנדיסטען האָבען פער־נומען צו יענער צייט.

מיר קענען דאַרום בעגרייפען די פערצווייפלונג, וועלכע האָט דאַן בעהערשט די אמת'ע פּאַטריאָטען, און וועלכע מאַראַט האָט אויסגעדריקט אין פאָלגענדע ווערטער:

„דריי לאַנגע יאָהר“ — האָט ער געשריבען — „האָבען מיר געשטרעבט צו קריגען אונזער פרייהייט, און מיר זיינען איצט אַזוי ווייט פון איהר, ווי אימער. די רעוואָלוציע האָט זיך גע־ווענדעט געגען פאָלק. פאַר דעם קעניגליכען הויף און זיינע אונטערשטיצער איז זי אַן אייביגער מאָטיוו פאַר אינטריגען און קאָררופּציאָן. פאַר די געזעצגעבער איז זי אַ געלעגענהייט פאַר ליגענס און שווינדעל.... שוין איצט איז זי פאַר די רייכע און

געלד־דורשטיגע ניט מעהר ווי א געלעגענהייט פאר אונעהרליכע פערדיענסטען, פאר מאָנאָפּאָליען, שווינדעל און עקספּלואטאַציע, וועהרענד דאָס פאָלק איז רואינירט און די אָרימע, וועלכע זיינען אָהן א צאָהל, זיינען געשטעלט צווישען דער מורא פון צו שטאַרבען פון הונגער און דער נויטעוונדיגקייט זיך צו פערקויפען.... לאָמיר ניט מורא האָבען צו ווידערהאָלען: מיר זיינען איצט ווייטער פון דער פרייהייט, ווי ווען־עס־איז; ווייל ניט נור זיינען מיר שקלאַפען, נור מיר זיינען עס איצט געזעצליך."

„אויף דער ביהנע פון שטאַאַט איז נור די סצענעריע געענדערט געוואָרען" — שרייבט ער ווייטער. — „דיזעלבע אַקטיאָרען, דיזעלבע אינטריגען, דיזעלבע מאָטיווען זיינען פערבליבען." „עס איז געוועזן פאַטאַל", שרייבט ווייטער מאראַט — „פאר די נידריגע קלאַסען פון דער נאַציאָן איבערגעלאָזען צו ווערען צו קעמפּפען אליין געגען דעם העכסטען קלאַס. אין דעם מאָמענט פון אויפשטאַנד וועט דאָס פאָלק אַלעס צושטערען, אָבער וועלכען נוצען ער מעג האָבען דערפון אין אָנפאַנג, ענדיגט זיך עס אָבער אימער דערמיט, וואָס ער ווערט בעזיעגט פון די שווינדעל פון די העכערע קלאַסען. געבילדעטע מענשען, מענשען, וואָס זיינען גוט אָב, און די כיטרע פון די העכערע קלאַסען, האָבען צוערשט זיך געשטעלט געגען דעם דעספּאָט. אָבער בעצוועקט האָבען זיי נור דאָס ווענדען זיך געגען פאָלק, נאָכדעם, ווי זיי האָבען געקראָגען זיין צוטרוי, און האָבען זיך בענוצט מיט זיינע כחות צו פערנעהמען די פּלעצער פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, וועמען זיי האָבען פערטריבען."

„אזוי", זעצט פאָרט מאראַט — און זיינע ווערטער זיינען פון גאָלד — אזוי ווי, מען קען זאָגען, זיי וואָלטען היינט געשריבען געוואָרען — אין דעם 20טען יאהרהונדערט — „אזוי איז עס, דאָס די רעוואָלוציע איז געמאַכט און אויסגעהאַלטען געוואָרען נור פון די נידריגסטע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט — פון די ארבייטער, די קליינע געשעפטס־לייט, די ערד־ארבייטער, פון די, וועמען די שענדליכע רייכע רופען אָן „די קאַ־

נאליע", און וועמען די רוימישע חוצפה האָט אָנגערופען מיט דעם נאָמען פּראָלעטאריער. אָבער ווער וואָלט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלען, דאָס דיזע רעוואָלוציע וועט זיין נור צו גונסטען פון די קליינע לאַנד-אייגענטהימער, די געזעץ-מענשען, די אונ־טערשטיצער פון שווינדעל?"

אין דעם טאָג נאָך דעם איינגעהמען פון דער באסטיל, וואָלט עס געווען לייכט פאר די פאָרשטעהער פון פאָלק „צו האָ־בען סוספּענדירט פון זייערע עמטער דעם דעספּאָט און זיינע אַגענטען", האָט מאראט ווייטער געשריבען. „אָבער אום דאָס צו טהאָן, האָבען זיי בעדארפט זיין קלוג." „אָנשטאָט זיך אלע צו בעוואפּענען, האָבען זיי ערלויבט נור איין טהייל פון די ביר־גער זיך צו בעוואפּענען (מיינענדיג די נאציאָנאל-גוואַרדיע, וואָס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון אקטיווע בירגער) און אָנשטאָט צו אטאקירען די פיינד פון דער רעוואָלוציע גלייך, האָט דאָס פאָלק אויפגעגעבען דעם פאָרצוג פון זיין זיעג דער־מיט, וואָס ער איז געבליבען בלויז אין אַ צושטאַנד פון פער־טהיידיגונג...."

„היינט", זאָגט מאראט, „נאָך דריי יאָהר פון אייביג-אָנ־האַלטענדע רעדעס פון די פּאַטריאָטישע געזעלשאפטען און נאָך אַ מבול פון שרייבעכטצען.... איז דאָס פאָלק ווייטער פון פיה־לען, וואָס ער האָט צו טהאָן אום צו שטעלען זיך געגען זיינע אונטערדריקער, ווי ער איז עס געווען אין דעם ערשטען טאָג פון דער רעוואָלוציע. צו יענער צייט האָט ער געפאָלגט זיין נאַ־טירליכען אינסטינקט, זיין איינפאכען גוטען פערשטאַנד, וועל־כע האָבען איהם געמאכט געפינען דעם אמת'ען וועג, אום צו בעקעמפּפען זיין אייביגען שונא... איצט זעה איך איהם גע־שמידט אין נאָמען פון געזעץ, טיראַניזירט אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט; דאָס פאָלק איז איצט אַ מאסע קאָנסטיטוציאָ־נעללע שקלאַפען!"

דאָס וואָלט געקאָנט געשריבען ווערען נעכטען, און דאָך איז עס ארויסגענומען פון נומער 657 פון „אמי דיו פּיפּעל".

אַ טיעפע ענטמוטהיגונג האָט ארומגעכאפּט מאראט'ען,

און ער האָט געזעהען בלויז איין אויסוועג: „עפּעס אַן אויסברוך פון בירגערליכען צאָרן“ פון דער זייט פון פאָלק, ווי אין דעם 13טען און 14טען יולי און דעם 5טען און 6טען אָקטאָבער, 1789. די פערצווייפלונג האָט איהם געגעסען, ביז די פעדעריר־טע פון דער פּראָווינץ זיינען געקומען נאָך פּאריז. דאָס האָט איהם ערפילט מיט נייע האָפנונג.

די שאַנסען פון אַ קאָנטר־רעוואָלוציע זיינען געווען אַזוי גרויס ענדע יולי, 1792, דאָס לואי דער זעכצעהנטער האָט גאַנץ קורץ ענטזאָגט זיך אָנצונעהמען דעם פאָרשלאַג פון די זשיראָנדיסטען. האָבען דען די פרייסען שוין ניט געהאַלטען אין מארשירען נאָך פּאריז? און לאַפאַיעט און אויך לוקנער, זיינען זיי דען ניט געווען פערטיג צו געהן מיט זייערע אַרמייען געגען די יאַקאָבינער, געגען פּאריז? דער לאַפאַיעט, וועלכער האָט געהאַט אַזוי גרויסע מאַכט אין די נאָרד און איז געווען דער אָבגאָט פון דער מיטעל־קלאַסישער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע אין פּאריז!

ווי דער אמת איז, האָט דער קעניג געהאַט פיעלע גרינדע צו ערוואַרטען אַ זיעג. די יאַקאָבינער האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו האַנדלען, און ווען מאַראַט, דעם 18טען יולי, נאָך דעם ווי דער פעררעטה פון לאַפאַיעט און לוקנער איז בעקאַנט געוואָרען — זיי האָבען געוואָלט אַוועקפיהרען דעם קעניג דעם 16טען יולי, און ברענגען איהם צו זייערע אַרמייען — ווען מאַראַט האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל נעהמען דעם קעניג אַלס משכן פון דער נאַציאָן געגען דעם איינברוך פון די אויסלענדישע אַרמייען, האָט זיך יעדער איינער געווענדעט געגען איהם, און מען האָט איהם בעהאַנדעלט ווי אַ משוגענעם. ער האָט ניט געהאַט קיינעם אויסער די סאַנקיולאָטען אין זייערע חורבות, וואָס האָבען איינגעשטימט מיט איהם. ווייל ער האָט געהאַט דעם מוטה צו זאָגען אין יענעם מאָמענט דאָס, וואָס מיר ווייסען היינט, איז געווען דער אמת, ווייל ער האָט געהאַט דעם מוטה צו דענונצירען די קאָנספּיראַציע פון דעם קעניג מיט דעם אויסלענדישען שונא, איז מאַראַט פערלאָזען געוואָרען פון יעדען, זאָגאַר פון יענע יאַקאָבינישע פּאַטריאָטען, אויף וועמען ער,

וועלכער ווערט רעפּרעזענטירט אלס איינער, וואָס טרויט ניט קיינעם, האָט זיך דאַן געהאַט שטאַרק פערלאָזען. זיי האָבען זיך זאָגאַר ענטזאַגט צו געבען איהם אַ פּלאַץ, וואו זיך צו בעהאַלטען, ווען מען האָט איהם פערפאָלגט, אום צו אַרעסטירען איהם, און ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין זייערע טהירען, ערוואַרטענדיג צו געפינען ביי זיי שוץ.

וואָס די זשיראָנדיסטען אנבעטרעפט, נאָך דעם, ווי דער קעניג האָט זיך ענטזאַגט אָנצונעהמען זייער פאָרשלאַג, האָבען זיי ווייטער פאָרטגעזעצט זייערע פערהאַנדלונגען מיט איהם דורך די פערמיטלונג פון דעם מאָלער ד אָ ז ע. זיי האָבען איהם געשיקט אַ צווייטע שליחות דעם 25טען יולי.

נור 15 טעג האָבען אָבגעשיידט פּאַריז פון דעם 10טען אויגוסט. דאָס רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך איז געווען אויף דער העכסטער מדרגה פון אונגעדולד. ער האָט געוואוסט, אז עס קומט דער העכסטער מאָמענט. אָדער עס מוז געגעבען ווע־רען דער לעצטער קלאַפּ דעם קעניגטהום, אָדער די רעוואָלוציע בלייבט ביי גאָרניט. ווי האָבען זיי געקאָנט דערלאָזען דעם קע־ניגטהום זיך אָרומצורינגלען מיט סאָלדאַטען און צו אָרגאַניזי־רען די גרויסע פערשווערונג, וועלכע האָט עס געזאָלט איבער־געבען פּאַריז אין די הענד פון די דייטשען? ווער ווייס, ווי־פיעל נאָך יאָהרען וואָלט דער קעניגטהום, עטוואָס בענייט, אָבער נאָך אַלץ כמעט אבסאָליוט, פאָרטגעזעצט צו בעהערשען פראַנקרייך?

און דאַן, אין דיזען העכסטען מאָמענט, איז די גאַנצע זאָרג פון די פּאָליטיקער בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען דעבאַטירט צווישען זיך, אין וועמעס הענד זאָל די מאַכט קו־מען, ווען זי וועט אַרויספאַלען פון די הענד פון קעניג!

די זשיראָנדיסטען האָבען געוואָלט, אז זי זאָל אָנקומען צו זייער קאָמיטע פון 12, וועלכע זאָל דאַן ווערען די עקזעקוטיוו מאַכט. ראָבעספּיער, פון זיין זייט, האָט געפאָדערט נייע וואהלען — אַ בענייטע פערזאַמלונג — אַ קאָנווענשען, וועלכע זאָל געבען פראַנקרייך אַ נייע רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע.

וואָס אָבער מכח האַנדלונג, מכח זיך פאָרצובערייטען פאַר דיזען טהראָנען־שטורץ, וועגען דעם האָט קיינער ניט געטראַכט אויסער דעם פאָלק. די יאַקאָבינער האָבען וועגען דעם געטראַכט אַזוי וועניג, ווי די אַלע אַנדערע פאָליטיקער. עס איז ווידער אַמאָל געווען „די אונבעקאַנטע מענער“, די ליעבלינגע פון פאָלק — סאַנטעי, פורניער, דער אַמעריקאַנער, דער פּאָליאַק לאַזאָווסקי, קאַררא, סימאָן (דיעזער איז געווען אַ דייטשער לעהרער, אַן אַלטער מיטאַרבייטער פון באַזועדאָ אין דעם פילאַנטראָפּיום אין דעסאו), וועסטערמאַן, צו יענער צייט אַן אייגפּאַבער קלוירק — וועלכע זיינען צוזאַמענגעקומען אין סאַלעל ד'אָר אום צו פּלאַנעווען די בעלאַגערונג פון דעם פאַלאַץ און דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, מיט דער רויטער פאָהן אַן דער שפּיצע. עס איז געווען די סעקציאָנען, די מאַיאָריטעט פון די פּאַריזער סעקציאָנען, און אייניגע דאָ און דאָרט אין נאָרד־פראַנקרייך, און ענדליך די פרייוויליגע פון מאַרסעל און ברעסט, ועמען דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט צוגעקראָגען צו גונסטען פון דעם אויפשטאַנד.

דאָס פאָלק! אימער דאָס פאָלק!

„דאָרט (אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג) זיינען זיי געווען, ווי אַדוואָקאַטען, וועלכע קריגען זיך, ווי משוגעים, אָהן אַן אויפהער, איבער קלייניגקייטען, אונטער דער בייטש פון זייערע בעלי בתים“...

„דאָ (אין דער פערזאַמלונג פון די סעקציאָנען) ווערען געלעגט די סאַמע פונדאַמענטען פון דער רעפּובליק“, ווי שאָמעט האָט עס אייסגעדריקט אין זיינע נאָטיצען איבער דעם 10טען אויגוסט.

## דריי און דרייסיגסטער קאפּיטעל.

# דער צעהנטער אויגוסט און זיינע באַלדיגע פאָלגען.

די בויערען איגנאָרירען די פעאָדאַלע סיסטעם. — די ענדערונג אין דעם צושטאַנד פון פראַנקרייך. — אדמיניסטראַציע. — אַרמיי. לאַפּאַיעט. — פעאָדאַלע געזעצע. — דער קעניג און די דייר־טשען. — די רעוואָלוציאָנערען האָבען מורא פאַר פאָלקס־אויפ־שטענדע. — ראָבעספּיער. — די רעוואָלוציאָנערע פיהרער פער־אייניגען זיך ענדליך. — דאָס פאָלק פערטיג. — אַ נייע קאָמונע שפּרינגט אַרויס. — דער צעהנטער אויגוסט. — די ראָיאַליס־טען האָפען אויף אַ זיעג. — די אונענטשלאָסענהייט פון דער פערזאַמלונג. — די אָבשאַפונג פון קעניגטהום. — דער טרי־אומף פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע. — דעקרעטען דורכגעפיהרט אונטער צוואַנג דורך די פערזאַמלונג. — פעאָדאַלע געזעצע. — דאָס לאַנד פון די עמיגראַנטען. — דער פאָרשלאַג פון מאַילהע. — די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג לייזט זיך אויף. — די קאָ־מונע פון פּאַריז.

---

מיר האָבען געזעהען, וואָס עס זיינען געוועזן די צושטענדע אין פראַנקרייך דורך דעם זומער פון 1792. דריי יאָהר לאַנג איז דאָס לאַנד געוועזן אין אַן אָפענער רעוואָלוציע און אַ צו־ריקקעהרען זיך צו דעם, וואָס איז געוועזן אַמאָל, איז געוועזן אַב־סאָליוט אונמעגליך. ווייל, אויב די פעאָדאַלע סיסטעם האָט נאָך עקזיסטירט, לויט געזעץ, איז זי אָבער אין דער ווירקליכ־קייט ניט מעהר אַנערקענט געוואָרען פון די בויערען. זיי האָ־בען גענומען בעזיץ פון די מאַיאָנטקעס פון די גלחים און די

עמיגראנטען פון אדעל; און אין געוויסע פלעצער האבען זיי אבגענומען פון דעם לענדלארד דאס לאנד, וואס האט פריהער געהערט צו דער דארפס־געמיינדע. אין זייערע דארף־מוניציפאליטעטען האבען זיי זיך בעטראכט אלס די בעלי בתים פון זייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען.

די שטאאט־אינסטיטוציאנען זיינען אויך געווען פונקט אזוי געענדערט. די גאנצע אדמיניסטראטיווע געביידע, וועלכע האט אויסגעזעהען אזוי מעכטיג אונטער דעם אלטען רעזשים, האט געהאלטען אין צופאלען אונטער דעם אטהעם פון דער רעוואלוציע. ווער האט איצט געהאט אירגענד וועלכען רעספעקט פאר דעם געוועזענעם גובערנאטאר פון דער פראווינץ, אדער פאר דעם מארשאל פון געריכט און פאר די ריכטער פון די אלטע פארלאמענטען? די נייע מוניציפאליטעט, גוט בעוואכט פון די לאקאלע סאנקיולאטען, די פאלקס־געזעלשאפט פון דעם פלאץ, די פריימערי־פערזאמלונג, די מענער מיט די פיקעס — דיזע האבען עס איצט רעפרעזענטירט די נייע מאכט פון פראנקרייך.

דער גאנצער אנבליק פון לאנד, דער גאנצער גייסט פון פאלק, זיין שפראך, זיינע מאניערען, זיינע אידעען — אלעס איז געענדערט געווארען דורך די רעוואלוציע. א נייע נאציע איז געבארען געווארען, און אין איהרע פאליטישע און סאציאלע בעגריפע האט זי זיך פאלשטענדיג אונטערשיידעט פון דאס, וואס זי איז געווען קוים מיט צוועלף מאנאטען צוריק.

אבער דער אלטער רעזשים איז נאך אלץ געבליעבען. דער קעניגטהום האט נאך אלץ עקזיסטירט און האט רעפרעזענטירט אן אונגעהויער גרויסע מאכט, ארום וועלכע די קאנטער־רעוואלוציאנערען זיינען געווען פערטיג זיך צוזאמענצושארען. די נאציאן האט געלעבט אונטער איבערגאנגס־פערהעלטניסע. צוריקצוגעבען דעם קעניגטהום זיין פריהעריגע מאכט איז געווען, נאטירליך, א חלום, אין וועלכען קיינער, א חוץ אייניגע הויף־פאנאטיקער, האט ניט געגלויבט. אבער די מאכט פון קעניגטהום

צו טהאָן בייזעס איז אַלץ געווען נאָך זעהר גרויס. אויב ער האָט ניט געקאָנט צוריקברענגען די פעאָדאַלע סיסטעם, דאָך וואָס פאר א בייז האָט ער ניט געקאָנט טהאָן די בעפרייטע בויערען, ווען נאָכדעם, ווי ער וואָלט געקראָגען די אויבערהאנד, וואָלטען זיינע אונטערשטיצער בעשטריטען אין יעדען דאָרף דאָס לאַנד און די פרייהייטען, וואָס די בויערען האָבען געוואו־נען? דאָס איז ווירקליך געווען, וואָס דער קעניג און א היבשע ביסעל פון די קאָנסטיטוציאָנעללע מאָנארכיסטען האָבען גע־פלאַנעוועט אזוי שנעל, ווי די הויף־פּאַרטיי זאָל האָבען פערניכ־טעט די יעניגע, וועמען זיי האָבען גערופען „די יאקאָבינער“.

וואָס אנבעלאַנגט די אדמיניסטראציע אין צוויי־דריטעל פון די דעפּאַרטמענטס און זאָגאר אין פּאריז, איז זי געווען אין גאנ־צען געגען פאָלק, געגען די רעוואָלוציע, און זי וואָלט געווען פערטיג זיך צוצופּאַסען צו אירגענד א פערזעהעניש פון א קאָנ־סטיטוציע, וואָס זאָל ערלויבען די מיטעל־קלאַסען זיך טהיילען אין דער רעגיערונגס־מאַכט מיט דעם קעניג.

די ארמיי, קאָמאַנדירט פון מענשען, ווי לאַפאיעט און לוק־נער, האָט געקאָנט געברויכט ווערען אין אירגענד א מאָמענט געגען די נאציע. אין דער טהאַט האָבען מיר געזעהען, ווי נאָך דעם 20טען יוני האָט לאַפאיעט פערלאָזען זיין לאַגער און איז געקומען נאָך פּאריז אָנצובאָטען דעם קעניג די הילפע פון „זיין“ ארמיי געגען דאָס פאָלק, צו צוברעכען די פּאַטריאָטישע געזעל־שאַפטען און צו מאַכען א „קו־דעטאַ“ צו גונסטען פון קעניג.

און צו דעם אַלעם, זיינען נאָך די פעאָדאַלע געזעצע געבלי־בען אין פוללער מאכט. אויב די בויערען האָבען אויפגעהערט צו צאָהלען די פעאָדאַלע צינזען, איז דאָס געווען א פערברע־כען געגען געזעץ. און אין דעם מאָמענט, ווען דער קעניג קריגט צוריק זיין אויטאָריטעט, וואָלטען די בויערען געווען געצוואונ־גען צו בעצאָהלען פאר אַלעס, אזוי לאַנג ווי זיי האָבען זיך ניט בעפרייט פון די קלאַיען פון דער פעאָדאַלער פערגאנגענהייט דורך זייער אויסקויפען זיך — זיי וואָלטען געמוזט צוריק־גע־בען דאָס גאנצע לאַנד, וואָס זיי האָבען צוגענומען פון דעם

לענדלאָרד און זאָגאר דאָס, וואָס זיי האָבען געקויפט פון שטאַאט.

עס איז געווען קלאָר, אז דיזער איבערגאַנגס־צושטאַנד האָט ניט געקאָנט געדויערען לאַנג. א נאַציע קען ניט לעבען מיט א שווערד, הענגענדיג איבער איהר קאָפּ. און נאָך מעהר, דאָס פאָלק, געפיהרט פון זיינע ריכטיגע אינסטינקטען, האָט געוואוסט זעהר גוט, דאָס דער קעניג קאָנספּירירט מיט די דייטשען, און לאַדעט זיי איין צו מאַרשירען אויף פּאַריז. עס איז אמת, אז צו יענער צייט איז נאָך ניט געווען בעקאַנט קיין געשריעבענער בעווייז פון זיין פעררעטה. די קאָררעספּאָנדענץ פון דעם קעניג און מאַריע אַנטואַנעט איז נאָך דאַן ניט אויס־געפונען געוואָרען, און מען האָט ניט געוואוסט נאָך דאַן, ווי דיזע צוויי פעררעטהער האָבען אָנגעטריבען די עסטרייכער און די דייטשען זיך אונטערצוּאייַלען מיט זייער מאַרש נאָך פּאַריז; מען האָט נאָך דאַן ניט געוואוסט, ווי זיי האָבען זיי געלאָזט וויסען פון יעדער בעוועגונג פון די פראַנצויזישע סאָלדאַטען, מיטטהיילענדיג זיי אַלע מיליטערישע געהיימניסע, און אזוי איבערגעבענדיג פראַנקרייך צום שונא. דאָס אַלעס האָט מען זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער, און זאָגאר דאַן גאַנץ דונקעל, נאָך דעם, ווי די טויליערי זיינען איינגענומען געוואָרען, וואו געווויסע פּאַפּירען פון דעם קעניג זיינען געפונען געוואָרען אין א שאַפּפע, וועלכע דער שלאָסער גאַרמאַין האָט פאַר איהם גע־מאַכט. אָבער פעררעטה קען ניט לאַנג בלייבען פערבאָהאַל־טען, און פון א טויזענד סמנים, וועלכע די מענער און פרויען פון פאָלק האָבען געזעהען, זיינען זיי געווען איבערצייגט, דאָס דער הויף האָט אַן אָבמאַך מיט די דייטשען, און דאָס עס האַלט דערביי, אז פראַנקרייך זאָל זיי איבערליפערט ווערען.

די אידעע האָט זיך פּאַמעלעך פערשפּרייט איבער פּאַריז און די פּראָווינצען, דאָס עס איז נויטיג צו געבען א שטאַרקען קלאַפּ די טויליערי; דאָס דער אַלטער רעזשים וועט בלייבען אַן אייביגע סכנה פאַר פראַנקרייך אזוי לאַנג ווי לואי דער זעכ־צעהנטער וועט בלייבען אויף זיין טהראָן.

און אום צו דערלאַנגען דיזען קלאַפּ, האָט געמוזט געמאַכט ווערען אַן אויפרוף פאַר אַן אויפשטאַנד פון דעם פאָלק פון פּאַריז — צו די מענער מיט די פּיקעס — ווי דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין 1789 פאַר דעם 14טען יולי. און דאָס גראַדע האָבען די מיטעל־קלאַסען זיך ענטזאַגט צו טהאָן; פאַר דעם האָבען זיי מעהר, ווי פאַר אַלעם אַנדערע, מורא געהאַט. אין די שריפטען פון יענער צייט געפינען מיר ווירקליך אַ געוואַלדיגע מורא פאַר די מענער מיט די פּיקעס. וועלען זיי וויעדער ערשיינען, דיזע מענשען, וועלכע זיינען געווען אַזאַ שרעק פאַר די רייכע?

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דיזע מורא האָבען געשפּירט ניט בלויז די אייגענטהומס־קלאַסען, נור אויך די פּאַרטגעשריטענע פּאָליטיקער. ראָבעספּיער, ביז יוני, 1792, איז אויך געווען נעגען אַן אויפרוף פאַר אַ פאָלקס־אויפשטאַנד. „דער אומשטורץ פון דער קאָנסטיטוציע אין דיזען מאָמענט", האָט ער געזאָגט, „קען נור ארויסרופען אַ בירגער־קריעג, וועלכער וועט פיהרען צו אַנאַרכיע און דעספּאָטיזם." ער האָט ניט געגלויבט אין די מעגליכקייט פון אַ רעפּובליק. „וואָס?" האָט ער אויסגעשריען, „אין מיטען פון אַזוי פיעל פּאַטאַלע שטרייטיגקייטען ווילען זיי אונז פלוצלינג לאָזען אָהן אַ קאָנסטיטוציע?" „די רעפּובליק, לויט זיין מיינונג, וואָלט געווען דער הפקר־ווילען פון די ווענינע". ער האָט דערמיט געמיינט די זשיראָנדיסטען. „דאָס איז דער ציעל פון די אַלע אינטריגען, וואָס האָבען אונז ניט געגעבען קיין רוה פאַר אַזאַ לאַנגע צייט". און אום צו צושטערען דיזע אינטריגען, האָט ער עס געהאַלטען פאַר גלייכער צו בלייבען ביים קעניג און ביי די אינטריגען פון הויף! אַזוי האָט ער גערעדט אַזוי שפּעט, ווי אין יוני, צוויי מאָנאַט פאַר דעם 10טען אויגוסט.

אום צו איבערצייגען, אלזאָ, די רעוואָלוציאָנערע „פיהרער פון דער מיינונג", אַז עס איז נויטיג צו געבען אַ שטאַרקען קלאַפּ די טיוליערי און צו מאַכען דאָרום אַן אויפרוף פאַר אַ פאָלקס־אויפשטאַנד, האָט זיך געפאָדערט ניט ווענינער, ווי דאָס זיי זאָלען האָבען קלאָרע בעווייזע פון דער רעאַקציע, וועלכע

האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך דעם 20טען יוני — דער קומען פון לאַפאַיעט נאָך פּאַריז אָנצובאָטען „זיין“ אַרמיי פאַר אַ ראָיאַ־ ליסטישען שטאַאַט־שטרייך, די דייטשען מאַכענדיג זיך פאַרטיג צו מאַרשירען אויף פּאַריז „צו בעפרייען דעם קעניג“ און „צו בעשטראָפען די יאַקאָבינער“ און ענדליך די אַקטיווע מיליטערישע פאָרבערייטונגען, וועלכע דער הויף האָט געמאַכט אום צו אַטאַקירען פּאַריז. ערשט דאַן האָבען זיי בעשלאָסען און פערשטאַנען די נויטוועגדיגקייט פון דעם אויפשטאַנד. אָבער איינמאָל איז דאָס בעשלאָסען געוואָרען, האָט דאָס פאָלק גענומען אויף זיך צו טהאָן דאָס איבעריגע.

עס איז זיכער, דאָס דאַנטאָן, ראָבעספּיער, מאַראַט, ראָ־ בערט און אייניגע אַנדערע זיינען געקומען צו אַ פריהעריגער איינפערשטענדניס. ראָבעספּיער האָט געהאַסט אַלעס אין מאַ־ ראַט; זיין מיליטערישע בעגייסטערונג, וועלכע ער האָט גע־ האַלטען פאַר איבערטריבען, זיין האַס צו די רייכע, זיין אַב־ סאָליוטען מיסטרוי צו די פּאָליטיקער — אַלעס, זאָגאַר די אָרימע און שמוציגע קליידער פון דעם מאַן, וועלכער, זייט די רעוואָלו־ ציע האָט אויסגעבראָכען, האָט ניט געגעסען קיין אַנדער זאַך, ווי נור דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט געגעסען, ברויט און וואַסער, און האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו דער זאַך פון פאָלק. און דאָך, דער עלעגאַנטער און פּינקטליכער ראָבעספּיער, ווי אויך דאַנטאָן, האָבען זיך דערנעהערט צו מאַראַט און זיינע נאָכפאָלגער, האָבען זיך דערנעהערט צו די מענער פון די פּאַרי־ זער סעקציאָנען פון דער קאָממונע, און געקומען מיט זיי צו אַן איינפערשטענדניס איבער די מיטלען, ווי דאָס פאָלק ווידער אויפצואוועקען, ווי דעם 14טען יולי. זיי האָבען ענדליך פער־ שטאַנען, דאָס אויב דיזע צייטליכע לאַגע וועט געדויערען פיעל לענגער, וועט די רעוואָלוציע אויסגעהן, ניט האָבענדיג אויסגעפיהרט אירגענד וואָס דויערהאַפטעס.

אָדער עס זאָל געמאַכט ווערען אַ צורוף צום פאָלק, און דאַן זאָל איהם געגעבען ווערען די פולע פרייהייט צו בעקעמפפען זיינע שונאים, ווי עס זעהט איהם אויס צו זיין אם בעסטען, און

צו נעהמען, וואָס זיי קענען, פון דעם איינגענטהום פון די רייכע, אָדער אין דעם קאמפף וועט געווינען די קעניגליכע מאַכט, און דאָס וואָלט געמיינט דער טריאומף פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, די פערניכטונג פון דאָס ביסעלע, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען אין דער ריכטונג פון גלייכהייט — דער ווייסער טערראָר פון 1794 וואָלט זיך אָנגעפאַנגען אין 1792.

עס איז דאַרום געקומען צו אַן איינפערשטענדניס צווישען אַ קליינער צאָהל פון די מעהר פאָרטגעשריטענע יאַקאָבינער און די יעניגע פון פאָלק, וועלכע האָבען געוואָלט דערלאַנגען אַן ענטשיעדענעם קלאַפּ אין די טיוליערי. אָבער פון דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען געקומען צו דיזער איינפערשטענדניס, פון דעם מאָמענט, ווען „די פיהרער פון דער מיינונג“, די ראָבעספיערס, די דאַנטאָנס און זייערע נאָכפאָלגער האָבען פערשפּראָכען ניט צו זיין מעהר דאַגעגען אַ פאָלקס־אויפשטאַנד און האָבען זיך ערקלערט בערייט צו אונטערשטיצען איהם, איז דאָס איבעריגע איבערגעלאָזען געוואָרען צום פאָלק, וועלכער האָט פערשטאַנען פיעל בעסער, ווי די פיהרער פון די פּאַרטייען, די נויטווענדיג־קייט פון געמיינזאַמער טהעטיגקייט, ווען די רעוואָלוציע האָלט ביים געבען אַזאַ ענטשידענעם קלאַפּ.

דאָס פאָלק, דאָס גרויסע אונבעקאַנטע, האָט איצט אָנגע־הויבען זיך צו פאָרבערייטען פאַר דעם אויפשטאַנד און האָט בעשאַפען ספּאָנטאַן פאַר די בעדירפניסע פון דעם מאָמענט דעם סאָרט סעקציאָנעלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ערקלערט געוואָ־רען, אלס די פאַסענדסטע צו געבען די נויטווענדיגע גאַנצקייט דער בעוועגונג. וואָס אַנבעטרעפט איינצעלהייטען, איז דאָס איבערגעלאָזען געוואָרען צו דעם אָרגאַניזאַציאָנס־גייסט פון דעם פאָלק, פון די הינטער־געסלאַך, און ווען די זון האָט זיך ערהויי־בען איבער פאַריז, וואָלט קיינער דאַן ניט געקאָנט פאָראויסזאָ־גען, ווי יענער גרויסער טאָג וועט זיך ענדיגען. די צוויי באַ־טאַליאָנען פון די פעדעראַלע פון מאַרסעל און ברעסט, גוט אָר־גאַניזירט און בעוואפענט, האָבען זיך אין גאַנצען געצעהלט אַ טויזענד מענשען, און קיינער, אַ חוץ די יעניגע, וועלכע האָבען

געאַרבייט אין די פאַריגע טעג און נעכט אין די רויט־הייסע שמעלץ־אויוועגס פון די פאַבוריגען, וואָלטען ניט געקאָנט זאָגען, צו דיזע אַלע פאַבוריגען וועלען זיך ערהויבען אין זייער גאַנצער מאַסע, צו נים.

„און די געוועהנליכע פיהרער, וואו זיינען זיי געווען, און וואָס האָבען זיי געטהאָן?“ פרעגט לואי בלאַן. „עס איז גאָר ניטאָ, וואָס זאָל אָנווייזען“, ענטפערט ער, „וואָס עס האָט גע־טהאָן ראָבעספיער אין דיזער העכסט־וויכטיגער נאַכט, און צו ער האָט איבערהויפט עפּעס געטהאָן.“ אויך איז ניט קענטיג, אַז דאַנטאָן זאָל האָבען גענומען אַן אַקטיווען אנטייל אין די פאָר־בערייטונגען פאַר דעם אויפשטאַנד אָדער אין דעם קאַמפּף גופא דעם 10טען אויגוסט.

עס איז גאַנץ זיכער, דאָס אַזוי גיך, ווי עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצופאַנגען די בעוועגונג, האָט דאָס פאָלק זיך שוין מעהר ניט גענויטיגט אין די פּאָליטיקער. וואָס עס איז געווען נויטיג, איז צו בעוואַפענען דאָס פאָלק, צו צוטהיילען די וואַפען צווישען די יעניגע, וועלכע האָבען פערשטאַנען, ווי זיך צו בענו־צען מיט זיי, צו אָרגאַניזירען דעם קערן פון יעדען באַטאַליאָן און צו בילדען אַ קאָלומנע אין יעדער גאַס. פאַר דיזע אַרבייט וואָלטען די פּאָליטישענס געווען בלויז אַ שטערונג, און די מע־נער פון פאָלק האָבען זיי געהייסען בעסער געהן שלאָפען, וועה־רענד די בעוועגונג איז ענדליך אָרגאַניזירט געוואָרען אין דער נאַכט פון 9טען אויפ'ן 10טען אויגוסט. דאָס איז עס אויך גע־ווען, וואָס דאַנטאָן האָט געטהאָן, און ער האָט געשלאָפען פריד־ליך, ווי מיר דערוויסען זיך עס פון לוסיל דעמולענס זשורנאַל.

נייע מענער, אונבעקאַנטע מענער, זיינען געקומען צום פראָנט אין יענע טעג, ווען אַ נייער גענעראַל־ראַטה, די רעוואָ־לוציאָנערע קאָממונע פון דעם 10טען אויגוסט, איז בעשטימט געוואָרען פון די סעקציאָנען. נעהמענדיג דעם געזעץ אין זייערע אייגענע הענד, האָט יעדע סעקציאָן נאָמינירט דריי קאָמיסיאָ־נערען אום „צו רעטען דאָס לאַנד“, און דער אויסוואַהל פון פאָלק איז געפאַלען, אַזוי דערצעהלען אונז די געשיכט־שרייבער,

אויף אונבעקאַנטע מענשען. דער „עקסטרעמיסט" הער־בערט איז געווען איינער פון זיי; דאָס איז געווען גאַנץ כדרך הטבע. אָבער מיר געפינען ניט מאַראַטען און ניט דאַנטאָנען אין אַנפאַנג צווישען זיי.*)

אזוי איז עס, אלזאָ געווען, דאָס אַ נייע קאָמונע — די אינ־סורגענטישע קאָמונע, איז ארויסגעשפרונגען אין מיטען פון פאָלק, און האָט גענומען אויף זיך די פיהרונג פון דעם אויפ־שטאַנד. און מיר וועלען זעהען דיזע קאָמונע אויסאיבענדיג אַ מעכטיגען איינפלוס אויף דעם פראָגרעס פון די פאָלגענדע פאַ־סירונגען, בעהערשענדיג די קאָנווענשען און אָנטרייבענדיג דעם „בארג" צו רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג, אזוי, אז מען זאָל קענען זיין זיכער, וועניגסטענס, מיט די זיגע, וועלכע די רעוואָלוציע האָט שוין געוואונען.

עס וואָלט געווען אוננוצליך צו דערצעהלען דאָ די פאַסי־רונגען פון דעם גאַנצען טאָג פון אויגוסט 10. די דראַמאַטישע זייט פון דער רעוואָלוציע איז די, וועלכע איז אם בעסטען דער־צעהלט געוואָרען פון די געשיכטס־שרייבער, און אויסגעצייכענ־טע שילדערונגען פון איהרע פאַסירונגען וועט מען געפינען ביי מישלע און לואי בלאַן. מיר וועלען דערפאַר זיך בעגרענצען מיט דער דערמאָנונג אָן די הויפּט־שטריכען פון יענעם טאָג.

זייט מאַרסעל האָט זיך ערקלערט צו גונסטען פון דעם ארונטערוואַרפען דעם קעניג פון זיין טהראָן, זיינען צו דער פער־

*) „ווי גרויס עס איז געווען די פערזאַמלונג!" זאָגט שאָמעט אין זיינע מעמואַרען. „פון וועלכע ערהאַבענע אויסבריכע איך בין עס געווען אַ עדות אין דער צייט פון די דיסקוסיאָנען איבער די אַראָבוואַרפונג פון לואי דעם 16טען פון טהראָן! וואָס פאַר אַ בער־דייטונג האָט געהאַט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג מיט איהרע קליינליכע לייַדענשאַפטען, מיטלען, איהרע דעקרעטען דערשטיקט ביי זייער געבורט, און דאַן צוקוועטשט פון דעם וועטאָ, וואָס פאַר אַ פערגלייך, זאָג איך, איז עס צווישען דיזער פערזאַמלונג און דער פערזאַמלונג פון די קאָמיסיאָנערען פון די פאַריזער סעקציאָנען!"

זאַמלונג אָנגעקומען אין אַ גרויסער צאָהל פּעטיציעס און אדרעסען מיט דעמזעלבען פערלאַנג. אין פּאַריז האָבען צוויי און פערציג סעקציאָנען אויסגעשפּראָכען זיך צו גונסטען פון דעם. פּעטיציאָן האָט זאָגאַר דעם 4טען אויגוסט פאָרגעבראַכט דיזע רעזאָלוציאָן פון די סעקציאָנען פאַר דער פערזאַמלונג.

די פּאָליטיקער אָבער האָבען אויף דאָס מינדעסטע ניט בעגריפען די ערנסטקייט פון דער לאַגע; און חאָטש מיר געפינען אין בריעף געשריבען פון פּאַריז פון מאַדאַם זשוליען אַזעלכע זעצע, ווי דיזע: „אַ שרעקליכער שטורם וויזט זיך אויפ׳ן האָריזאָנט.... אין דיזען מאָמענט איז דער האָריזאָנט פול מיט דעם שטומאַן, וועלכער מוז פיהרען צו אַ שרעקליכער עקספּלאָזיאָן“ — דאָך די פערזאַמלונג אין איהר זיצונג פון דעם 8טען האָט רוהיג געשטימט פאַר אַ פערשפּרעכונג פון לאַפאַיעט פאַר זיין בריעף, אזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען אַזאַ זאַך, ווי אַ בעוועגונג פון האַס געגען קעניגטהום.

און דערווייל האָט זיך די גאַנצע צייט דאָס פאָלק פאָרבערייט פאַר אַן ענטשידענעם קאַמפּף. די אינסורגענטישע קאָמיטע האָט אָבער געהאַט גענוג שכל ניט צו בעשטימען אַ געוויסען טאָג פאַר דעם אויפשטאַנד. זי האָט נור געזעהען ריכטיג אויסגעפינען די זיך בייטענדע שטימונגען פון דער פּאַריזער בעפעלקערונג, האָט געטהאָן איהר בעסט צו מאַכען שטאַרק דעם ענטשלוס פון פאָלק, און האָט גוט אויפגעפּאַסט אויף דעם מאָמענט, ווען עס וועט קענען געמאַכט ווערען דער צורוף צו בעוואַפענען זיך. אזוי האָבען זיי פּרובירט אַרויסצורופען אַן אויפשטאַנד דעם 26טען יוני, נאָך אַ פאָלקס־באַנקעט צווישען די רואינען פון דער באַסטיל, אין וועלכען גאַנץ פּאַריז האָט גענומען אַן אַנטהייל — די מענשען ברענגענדיג צום באַנקעט זייערע אייגענע טישען און פּראָוויזיע (מאָרטימער טערנאָ, לאַ טעראָר“, באַנד 2, זייטע 130). און זיי האָבען פּרובירט אַרויסצורופען נאָך אַן אויפשטאַנד יולי דעם 30טען, אָבער ווידער האָט זיך דער פערזוך ניט איינגעגעבען.

און אויך איצט וואָלטען די פאָרבערייטונגען צום אויפ־

שטאנד, שלעכט ווי זיי זיינען געווען אונטערשטיצט פון „די פיהרער פון דער מיינונג“, געווען זיך פערשלעפּט אויף אַ לענגערע צייט, ווען די אינטריגעס פון קעניגליכען הויף וואָלטען זיי ניט אונטערגעיאָגט. מיט דער הילפע פון די הויפליים, וועלכע האָבען געשוואָרען צו שטאַרבען פאַר'ן קעניג, צוזאמען מיט מאַנכע באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע זיינען געבליבען געטריי צום קעניג און מיט די שווייצאַרישע סאָלדאַטען, זיינען די ראָיאַליסטען געווען זיכער מיט אַ זיעג. זיי האָבען בעשטימט דעם 10טען אויגוסט פאַר דעם „קו־דע־טאַ“. „דאָס איז געווען דער טאָג, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען פאַר די קאָנטר־רעוואָלוציע“, לעזען מיר אין איינעם פון די בריעף פון יענער צייט. „דער פאָלגענדער טאָג האָט געזאָלט זעהען אַלע יאַקאָבינער ווערענדיג דערטרונקען אין זייער אייגענע בלוט.“

דער אויפשטאַנד האָט שוין דאַרום לענגער ניט געקאָנט אָבגעלייגט ווערען. אין דער נאַכט פון דעם 9טען אויפ'ן 10טען, פונקט אין מיטען נאַכט, האָט געקלונגען דער אַלאַרם־גלאָק אין פּאַריז. צוערשט אָבער איז דער אָברוף, ווי עס שיינט, ניט געווען קיין זעהר שטאַרקער, און אין דער קאָמונע האָט מען זיך איבערלייגט, אויב דער אויפשטאַנד זאָל ניט צוריקגעהאַלטען ווערען. זיעבען אין דער פריה זיינען נאָך געוויסע טהיילען פון פּאַריז געבליבען גאַנץ רוהיג. אין דער ווירקליכקייט אָבער שטעלט זיך ארויס, אז דאָס פאָלק פון פּאַריז מיט זיין וואונדערבאַרען אינסטינקט פאַר די רעוואָלוציע, האָט ניט געוואָלט קומען אין אַ שטרייט מיט די קעניגליכע סאָלדאַטען אין דער פינסטער, ווייל אזא קאַמפף וואָלט זיך לייכט געקאָנט ענדיגען אין זייער פערניכטונג.

דערווייל האָט די אויפשטענדישע קאָמונע גענומען בעזיץ פון האָטעל דע־וויל אין דעם משך פון דער נאַכט, און דער לעגאַלער ראטה פון דער קאָמונע האָט רעזיגנירט אין דער אנוועזענהייט פון דיזער נייער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, וועלכע האָט גלייך גענעבען אַ שטאַרקען שטויס פאָראויס דעם אויפשטאַנד.

ארום זיעבען אין דער פריה זיינען נור איינינע מענשען מיט פיקעס, געפיהרט פון די פעדערירטע פון מארסעל, אָנגעקור־מען אויף דעם פּלאַס דיו קאַרוסעל. אָבער אין א שטונדע שפּע־טער האָבען גרויסע מאַסען מענשען זיך אָנגעהויבען ריהרען, און דער קעניג איז בענאַכריכטיגט געוואָרען, דאָס „גאַנץ פּאַריז" מאַרשירט אויף די טיוליערי.

עס איז ווירקליך געווען גאַנץ פּאַריז, ד. ה., דער גאַנצער פּאַריז פון די אָרימע, אונטערשטיצט פון די סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע פון די ארבייטער־פּערטלען.

ארום האַלב נאָך אכט, ווען דיזע מאַסען האָבען זיך דער־נעהענטערט צום פּאַלאַץ, האָט דער קעניג, פערפאָלגט פון דער עראינערונג אָן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט דעם 20טען יוני, און מורא האָבענדיג דאָס מאָל געטוידטעט צו ווערען פון פאָלק, האָט ער פערלאָזען די טיוליערי און איז אַוועק זוכען שוץ אין דער פערזאַמלונג, איבערלאָזענדיג זיינע געטרייע דיענער צו פערטיידיגען דעם פּאַלאַץ און אויסצושלאַכטען זיינע אָנפאַלער. אָבער אַזוי שנעל, ווי דער קעניג איז געווען אַוועק, האָבען גאַנצע באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע פון די רייכע מיטעל־קלאַס־פערטלען זיך אויפגעלייזט, אום ניט צו שטעהן געגען פאָלק אין זיין אויפשטאַנד.

געדיכטע מאַסען פון פאָלק האָבען זיך דאַן צוזאַמען גע־קליבען אין פראָנט פון פּאַלאַץ, און זייער אַוואַנגאַרד, ערמונטערט פון די שווייצארישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען ארויסגעוואָרפען זייערע קוילען פון די פּאַלאַץ־פענסטער, זיינען אריינגעדרונגען אין איינעם פון די הויפען פון די טיוליערי. אָבער דאָ האָבען אנדערע שווייצארישע סאָלדאַטען, קאָמאַנדירט פון די הויף־אָפיצערען און שטעהענדיג אויף די גרויסע טרעפּ פון דעם הויפּט־אריינגאַנג, געשאָסען אין די מאַסע, און אין איינינע מי־נוטען זיינען פיער הונדערט פון זיי געלעגען טוידט הורבעס־ווייז ביין פוס פון די טרעפּ.

דיזער שיסען האָט בעשלאָסען דעם שיקזאַל פון טאָג. די געשרייען: פערראַטה! טוידט צום קעניג! טוידט צו דער עסט־

רייכישער פרוי!” האָבען זיך שנעל פערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט, און דאָס פאָלק פון פּאַריז איז געלאָפען צו די טיולירי פון אַלע זייטען — די פאָבורגען סאַן אַנטואַן און סאַן־מאַרסאָ זיינען אהין געלאָפען אין זייערע גאַנצע מאַסען — און באַלד זיינען די שווייצאַרישע סאָלדאַטען, אונטער דער מורא׳דיגער אַטאַקע פון פאָלק, אָדער ענטוואַפענט, אָדער געטוידטעט געוואָרען.

איז עס נויטיג צו דערמאָנען אָן דעם פאַקט, דאָס זאָגאַר אין דיזען העכסט־וויכטיגען מאָמענט איז די פערזאַמלונג געבליבען וואַקעלדיג, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן? זיי האָבען געהאַנדעלט ערשט נור דאַן, ווען די בעוואַפענטע מענשען האָבען זיך אַריינגעבראָכען אין זאַאַל, וואו זיי זיינען געזעסען, סטראַשענדיג צו טוידטען דעם קעניג און זיין פאַמיליע, ווי אויך אַלע דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו ערקלערען זיך פאַר די אַראָבוואַרפונג פון קעניג. אפילו נאָך דעם, ווען די טיולירי איז שוין איינגענומען געוואָרען און ווען דער קעניגטהום האָט שוין אין דער ווירקליכקייט ניט עקזיסטירט, האָבען די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען פריהער אַזוי ליעב געהאַט צו ריידען וועגען דער רעפּובליק, זיך נאָך אַלץ געוואַקעלט און האָבען זיך ניט געקאָנט ענטשליסען צו אַ פעסטען שריט. אַלעס, וואָס ווערניאָ האָט געהאַט דעם מוטה צו פאָדערען, איז געווען „אַ צייטליכע סוספּענדירונג פון דעם קאָפּ פון דער עקזעקוטיווער מאַכט“, וועלכער זאָל פון איצט אָן און ווייטער אינסטאַלירט ווערען אין דעם לוקסעמבורגער פּאַלאַץ.

עס איז געווען ערשט אין צוויי אָדער דריי טעג שפּעטער, ווען די רעוואָלוציאָנערע קאָמונען האָבען אריבערגענומען לואי דעם 16טען און זיין פאַמיליע פון דעם לוקסעמבורגער פּאַלאַץ, פון וואַנען זיי האָבען געקאָנט לייכט אַנטלויפען, נאָך דעם טורעם פון טעמפּעל, און האָבען זיך אונטערנומען צו האַלטען זיי דאָרט, אַלס דעם פאָלק׳ס געפאַנגענע.

דער קעניגטהום איז, אַלזאָ, אָבגעשאַפט געוואָרען אין דער טהאַט. פון דאַן אָן האָט די רעוואָלוציע געקאָנט זיך ענטוויק־

לעז פאַר אַ ווייַלע, ניט דאַרפענדיג מורא האָבען צו ווערען פלוצ־לינג געשטערט אין איהר גאַנג פון אַ ראָיאַליסטישען שטאַאט־שטרייך אָדער פון אַן אויסשלאַכטונג פון די רעוואָלוציאָנערען דורך דעם „ווייסען טעררער".

פאַר די פּאָליטיקער איז דער הויפּט־אינטערעס אין דער רעוואָלוציע פון אויגוסט 10 געווען אין דעם קלאַפּ, וועלכען זי האָט דערלאַנגט דעם קעניגטהום. פאַר דעם פאָלק איז ער אָבער בעזאָנדערס געווען אין דעם, וואָס עס איז פערניכטעט געוואָרען יענע מאַכט, וועלכע איז געווען די גאַנצע צייט געגען די אויס־פיהרונג פון די דעקרעטען געגען די פעאָדאַלע רעכטע, געגען די עמיגרירטע אַדעל־לייט און געגען די פּריסטער, און וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט אַפּעלירט צו דער הילפע פון די דייטשע סאָלדאַטען פאַר די צוריק־אויפבויאונג פון דער פעאָדאַ־לער מאָנאַרכיע. פאַר דעם פאָלק איז דער אינטערעס געלעגען אין דעם טריאומף פון אַ פאָלקס־רעוואָלוציע, אין דעם טריאומף פון די מאַסען, וועלכע האָבען געקאָנט איצט פאָרווערטס שטויסען די רעוואָלוציע אין דער ריכטונג פון גלייכהייט — דער חלום און דער ציעל פון די אָרימע. פאָלגליך, גלייך אויף מאָרגען נאָך דעם 10טען אויגוסט, האָט די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג, רעאַקציאָ־נער, ווי זי איז געווען, געמוזט אָננעהמען אונטער דעם דרוק פון דרויסען, געוויסע דעקרעטען, וועלכע האָבען געזאָלט אַ שטופּ טהאָן די רעוואָלוציע אַ טריט פאָראויס.

יעדער פּריסטער (אַזוי האָבען געלויטעט דיזע דעקרעטען), וועלכער האָט נאָך ניט געשוואָרען און וועלכער איז אין דעם משך פון די נעכסטע צוויי וואָכען וועט זיך ענטזאַגען צו שווערען צו פאָלגען דער קאָנסטיטוציע, און וועלכער זאָל דאָך געפונען ווע־רען נאָך יענער צייט אויף דעם פראַנצויזישען באָדען, זאָל פער־שיקט ווערען נאָך קאַיען.

דאָס גאַנצע לאַנד פון דעם עמיגרירטען אַדעל, אין פראַנק־רייך און אין די קאָלאָניעס, ווערט צוגענומען און געשטעלט צום פערקויף אין קליינע חלקים.

אַלע אונטערשיידונגען צווישען פּאַסיווע בירגער (די אָרי־

מע) און די אקטיווע בירגער (די איינגעגטהומס־קלאסען) זיינען אבגעשאפט געווארען. יעדער איינער איז געווארען א וועהלער, דערגרייכענדיג זיין 21טען יאהר, און בערעכטיגט אויפגעוועהלט צו ווערען צו 25.

וואס עס אנבעטרעפט די פעאדאלע געזעצע, האבען מיר געזעהען, ווי די גרינדונגס־פערזאמלונג, דעם 15טען מערץ, 1790, האט פערפאסט א דעקרעט, לויט וועלכע די פעאדאלע אבצאהלונגען האבען עס געזאלט כלומר'שט רעפרעזענטירען דעם פרייז פון א געוויסער בעוויליגונג פון לאנד, וועלכע דער לאנד־אייגענטהימער האט אמאל געמאכט דעם טענאנט — וואס דאס איז, נאטירליך, געוועזן פאלש — און אלס אזעלכע האבען די אבצאהלונגען געמוזט אזוי לאנג אנגעהן, ביז דער בויער זאל זיי ניט אויסקויפען. דיזער דעקרעט, אזוי אויסטייטשענדיג די פערזענליכע אבצאהלונגען, אלס דעם רעזולטאט פון רענט, האט אין דער ווירקליכקייט פערניכטעט דעם דע־קרעט פון דעם 4טען אויגוסט, 1789, וועלכער האט ערקלערט דיזע אבצאהלונג, אלס אבגעשאפט. דורך דעם דעקרעט פון מערץ דעם 15טען, זיינען דיזע בעשליסע ווידער אנגענומען גע־ווארען אונטער דעם אויסרייד, וועלכער האט זיי רעפרעזענ־טירט, אלס די בעצאהלונג פאר דעם בעזיץ פון לאנד. דאס איז עס, וואס קוטהאן האט געמאכט גאנץ קלאר אין זיין רעפארט, פארגעלעזען פאר דער פערזאמלונג דעם 29טען פעברואר, 1792.

אבער דעם 14טען יוני, 1792, דאס הייסט, ווען דער 20טער יוני איז געוועזן אזוי נאהענט, און עס איז געוועזן נויטיג מיט עטוואס איינצושטילען דאס פאלק, האט „די לינקע“, בע־נוצענדיג זיך מיט דעם צופעליגען ניט־קומען פון געוויסע מיט־גליעדער פון „די רעכטע“, אבגעשאפט אהן אויסלייז־געלד מאנכע פון די פערזענליכע צינזען, די וויכטיגסטע פון וועלכע זיינען געוועזן: דאס רעכט פון דעם פריץ צו נעהמען אן אב־צאהל אין פאל פון געוויסע ירושות, איבערגעלאזען פון זיינע בויערען, אן אבצאהל פון חתונות, אן אבצאהל אויף דעם פערקויף

פון וואָס־עס איז, אויף דעם וויין־פּרעס, דעם מילל און אנדערע קאָממונאַלע נויטווענדיגקייטען.

נאָך דריי יאָהר פון רעוואָלוציע איז געווען נויטיג א פּאר־לאַמענטאַרישער טריק, אום ארויסצוקריגען פון דער פערזאמלונג די אָבשאַפונג פון דיזע שענדליכע אָבצאָהלונגען. אין געוויסע פעללע האָט מען זי נאָך אַלץ געמוזט אויסקויפען. אָבער לאָמיר דאָס אויסלאָזען.

וואָס אנבעטרעפט די יעהרליכע פעאָדאַלע צינזען, ווי קוויט־רענטס, פעלד־טאַקסעס און זאָ ווייטער, וועלכע זיינען גע־צאָהלט געוואָרען אַלס א הוספה צו די רענט און האָבען רעפּרע־זענטירט די איבערבלייבאַכץ פון דער אַלטער קנעכטשאַפט, דיזע זיינען געבליבען אין פולער מאַכט.

אָבער אָט איז געקומען דער 10טער אויגוסט. דאָס פאָלק האָט גענומען בעזיץ פון די טוילעריי, און דער קעניג איז אראָב־געוואָרפען געוואָרען פון טהראָן און איז ארעסטירט געוואָרען. און אזוי שנעל ווי דיזע נייעס האָט זיך פערשפּרייט איבער די דערפער, האָבען פּעטיציעס פון די בויערען פערפליצט די פער־זאמלונג, פאָרדערענדיג די גענצליכע אָבשאַפונג פון די פע־אָדאַלע רעכטע.

דיזע זיינען געווען די טעג פאר דעם 2טען סעפּטעמבער, ווען די שטעלונג פון פאָלק פון פּאַריז איז ניט געווען שטארק צום הארצען דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג, וועלכע איז בע־שולדיגט געוואָרען אין מאַכען פערשווערונגען מיט'ן קעניגטהום. און דאָך זעהענדיג זיך געצוואונגען צו מאַכען וועלכען־עס־איז שריט פאָרווערטס, האָט זי ארויסגעלאָזען די דעקרעטען פון אויגוסט 16 ביז 25, 1792.

א דאַנק דיזע דעקרעטען, איז יעדע פערפאָלגונג פאר ניט צאָהלען פון פעאָדאַלע צינזען אָבגעלייגט געוואָרען. די פּריי־צישע רעכטע פון אַלערליי סאָרטען, וועלכע זיינען ניט געווען דער פּרייז פאר אַן אָריגינעלע בעוויליגונג פון לאַנד, זיינען אונ־טערדריקט געוואָרען אָהן אַן אויסקויף־געלד.

און דורך דעם דעקרעט פון אויגוסט דעם 20טען איז עס

געוועןָ ערלויבט אויסצוקויפען בעזונדער פערשיעדענע רעכטע, די געזעצליכקייט פון וועלכע עס האָט געקאָנט בעוויזען ווערען דורך די פּרעזענטירונג פון דעם אָריגינעלען טיטעל פון דער בע־ווילינונג פון דאָס לאַנד. דאָס אַלעס אָבער איז געוועןנור גילטיג אין פאַל פון א נייעם קויף דורך א נייעם אייגענטהימער.

די אָבשאַפונג פון די פערפּאָלגונגען האָט רעפּרעזענטירט, אונצווייפעלהאַפט, א גרויסען שריט פּאָרווערטס. אָבער די פּעאָדאַלע רעכטע זיינען נאָך אַלץ פערבליבען. זיי האָבען נאָך אַלץ געמוזט אויסגעקויפט ווערען. דער נייער געזעץ האָט נור פערמעהרט די צוזאמענמישעניש, מיט דעם רעזולטאַט, דאָס פון דאַן אָן האָט דער בויער גאָר־ניט געקאָנט ניט בעצאָהלען און ניט אויסקויפען. און דאָס טאַקי האָבען די בויערען געטהאָן, וואַרטענדיג אויף א נייעם זיעג פון פאָלק און אויף א נייע בעווילינונג פון דער זייט פון דעם הערשענדען קלאַס.

אין דער זעלבער צייט זיינען אַלערליי מעשר־אָבצאָהלונגען און אַלערליי געצוואונגענע אַרבייט פאַר די גייסטליכע, וואָס איז נאָך געבליבען פון די טעג פון לייב־אייגענשאַפט און טוידטער האַנד, אָבגעשאַפט געוואָרען אָהן אַן אויסלייז־געלד. דאָס איז געוועןא שטאַרקער געווינס. אויב די פערזאַמלונג האָט בעשיצט די לאַנד־מאָנאָפּאָליסטען, האָט זי וועניגסטענס ניט געשאָנעוועט די פּריסטער, זייט עס איז ניט געוועןמעהר דער קעניג, וואָס זאָל זיי פערטהיידיגען.

אָבער צו דערזעלבער צייט האָט די פערזאַמלונג פערפּאַסט א געזעץ, וועלכער, ווען ער וואָלט נור אָנגעווענדעט געוואָרען, וואָלט אויפגערעגט די גאַנצע פראַנצויזישע בויערשאַפט געגען די רעפּובליק; זי האָט אָבגעשאַפט די געמיינשאַפטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר צאָהלונגען, וועלכע האָט עקזיסטירט אין די בויערן־קאָמונען (ווי עס שיינט, איז עס געוועןדיזעלבע זאַך, וואָס עס עקזיסטירט אין רוסלאַנד אונטער דעם נאָמען „קרוגאָוואַיאַ פּאָרוקאַ“, אַלעמענס פעראַנטוואָרטליכקייט) און, אָננעהמענדיג דעם פּאָרשלאַג פון פראַנסוּאַ דע נעפשאַטאָ, האָט

די פערזאמלונג בעשלאָסען די צוטהיילונג פון קאָמונאַלען לאַנד צווישען די בירגער. עס ווייזט זיך אָבער ארוים, אז דיזער דע־קרעט, אויסגעדריקט אין אייניגע שורות און אין זעהר דונקעלע ווערטער, איז קיינמאָל ניט גענומען געוואָרען ערנסט. זיין אָנ־ווענדונג וואָלט יעדענפאַלס געווען אזוי שווער, אז ער וואָלט גע־מוזט בלייבען א טוידטער בוכשטאַב. און ווען די פראגע וועגען דעם איז ווידער אויפגענומען געוואָרען, האָט די גזעצגעבענדע פערזאמלונג, האַבענדיג אויסגעווען איהר צייט, זיך אויפגעלייזט ניט קומענדיג צו אירגענד וועלכען בעשלוס.

וועגען דאָס לאַנד פון די עמיגרירטע אדעל־לייט איז עס בעשלאָסען געוואָרען צו פערקויפען עס אין קליינע חלקים פון צוויי, דריי, אָבער ניט מעהר, ווי פיער אקערס. און דיעזער פערקויף האָט געדאַרפט געמאַכט ווערען אויף א ליעז, אויף א צייט, וועלכער זאָל קענען אימער אויסגעקויפט ווערען. דאָס מיינט, אז דער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין געלד, האָט דאָך גע־קאָנט קויפען דאָס לאַנד מיט דעם תנאי צו צאָהלען רענט, און וועלכע ער זאָל קענען אויפהערען צו צאָהלען, ווען ער וועט האָבען גענוג געלד צו קויפען דאָס לאַנד. דאָס איז, נאַטירליך, געווען זעהר גוט פאר דעם אָרימען בויער, אָבער דאָך אַלע סאָרטען שוויריגקייטען זיינען אָוועקגעלייגט געוואָרען אין דעם וועג פון דעם קליינעם קויפער. רייכע מיטעל־קלאַס מענשען האָבען שטארק געגאַרט צו קויפען מיט א מאָל די מאַיאָנטקעס פון דעם עמיגרירטען אדעל, און צו ספעקולירען שפּעטער אין דעם פער־קויף פון דעם לאַנד אין קליינע חלקים.

ענדליך — און דאָס איז געווען אויך זעהר חאַראַקטעריס־טיש — האָט איינער פון די מיטגליעדער, מארלי, זיך בענוצט מיט דעם געפיהלס־צושטאַנד פון די מענשען אין דיזען מאָמענט, אום פאָרצושלאָגען א געזעץ, וועלכער איז געווען ווירקליך רע־וואָלוציאָנער און וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען ערשט שפּע־טער, אין 1793, נאָך דעם פאַל פון די זשיראָנדיסטען. ער האָט געפאָדערט, דאָס די ווירקונג פון דעם קעניגליכען בעפעהל פון 1669 זאָל אָבגעבראָכען ווערען, און דאָס די פריצים זאָלען גע־

צוואונגען ווערען צוריקצוגעבען צו די דאָרף־קאָמונען דאָס לאַנד, וועלכע זיי האָבען אַוועקגענומען אַ דאַנק דיזען קעניגליכען בע־פעהל. זיין פאָרשלאַג איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרען. אַ נייע רעוואָלוציע איז נויטיג געווען פאר דעם.

דיעזע, אַלזאָ, זיינען געווען די רעזולטאַטען פון אויגוסט 10; דער קעניגטהום איז געשטירצט געוואָרען, און עס איז גע־ווען איצט מעגליך פאר די רעוואָלוציע איבערצומישען אַ נייע בלאַט אין דער ריכטונג פון גלייכהייט, אויב נור די פערזאמלונג און די הערשענדע קלאַסען זאָלען ניט שטערען.

דער קעניג און זיין פאַמיליע זיינען געווען פעראַכטעט. אַ נייע פערזאמלונג, אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן, איז איינבערופען געוואָרען. די וואהלען האָבען געזאָלט געמאכט ווערען דורך אַל־געמיינע שטימרעכט, אָבער נאָך אימער אין צוויי גראַדען.

עס זיינען גענומען געוואָרען מאַנכע שריט געגען די פּריסטער, וועלכע האָבען זיך ענטזאגט אָנצוערקענען די קאָנסטיטוציע, און געגען דעם עמיגרירטען אַדעל. עס איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אַ בעפעהל צו פערקויפען זיין לאַנד, וועלכעס איז צוגענומען גע־וואָרען לויט דעם דעקרעט פון מערץ 30, 1793.

די מלחמה געגען אויסלאַנד האָט געזאָלט געפיהרט ווערען ענערגיש פון די סאַנקיולאָטישע פרייוויליגע. אָבער די גרויסע פראַגע: „וואָס טהאָן מיט דעם פעררעטהער, דעם קעניג — און יענע אַנדערע גרויסע פראַגע, וועלכע איז געווען אַזוי וויכטיג פאַר 15 מיליאָן בויערען — די פראַגע פון פעאָדאַלע רעכטע — דיזע זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען. עס איז נאָך אַלץ געווען נויטווענדיג אויסצוקויפען יענע רעכטע, אום זיי אָבצו־שאַפען. און דער נייער געזעץ איבער די צוטהיילונג פון דעם קאָמונאַלען לאַנד האָט אַרויפגעוואָרפען אַ שרעק אויף די דערפער.

אָט דאָס איז עס געווען, ווארום די געזעצגעבענדע פערזאמ־לונג האָט זיך אויפגעלייזט, נאָך דעם, ווי זי האָט געטהאָן אַלעס, אום צו שטערען דער רעוואָלוציע זיך צו ענטוויקלען נאָרמאַל, און צו מאַכען אַ סוף צו יענע צוויי ירושות פון דער פערגאַנגענהייט;

די אבסאָליוטע אויטאָריטעט פון קעניג און די פעאָדאַלע געזעצע.

אָבער ביי דער זייט פון דער לעגיסלאַטיווער פערזאַמלונג איז אויסגעוואקסען, זייט דעם 10טען אויגוסט, א נייע מאכט, די קאָמונע פון פאריז, וועלכע האָט גענומען אין איהרע הענד די רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיווע, און ווי מיר וועלען באַלד זעהען, האָט זי עס אויסגעפיהרט אָנצוהאַלטען איהר פאַר כמעט צוויי יאהר.

## פיער און דרייסיגסטער קאפיטעל.

# די איבערגאנגס־פעריאָדע — פערועטהעריען.

דאָס פאָלק פערלאַנגט גערעכטיגקייט. — די סוספענדירונג פון קעניג. — די געפאהר פון דער ארייגדרינגונג פון דער דייטשער ארמיי. — די פערצווייפלונג פון פאָלק. — לאפאַיעט'ס פאָפולאַריטעט. — די פאָזיציע פון די מיטעל־קלאַס־לאַנד־אייגענטהימער. — ראָיאַליסטישע פערשווערונגען פאר דעם קעניג'ס אַנטלויפען. — דער כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע ענדערט זיך. — דער קאַמפף צווישען דער פערזאמלונג און דער קאָמונע. — לאָנגווי גיט זיך אונטער. — די פרייד פון די ראָיאַליסטען. — ראָיאליסטישע פערשווערער פרייגעשפראָכען. — אָביסקעס אין ראָיאליסטישע הייזער. — באַלד צוויי טויזענד פערהאַפטעטע. — די פערזאמלונג בעפעהלט די אויפלייזונג פון דעם גענעראַל־ראַטה פון דער קאָמונע. — די קאָמונע ענטזאגט זיך צו פאָלגען. — דער ראָיאַליסטישער פלאַן אויסגעפונען. — די בעלאַגערונג פון ווערדין. — דער צאָרן פון די רעוואָלוציאָנערע.

---

דאָס פאָלק פון פאריז האָט געוויינט נאָך זיינע טוידטע, און האָט הויך פערלאַנגט גערעכטיגקייט און בעשטראָפונג פון די יעניגע, וועלכע זיינען געוועזן פעראַנטוואָרטליך פאר די מענשען־הריגה ארום די טיולירי.

עלף־הונדערט מענשען, זאָגט מישלע, און דריי־טויזענד, לויט ווי דער עולם האָט גערעדט, זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען דורך די בעשיצער פון דעם פאַלאַץ. דאָס זיינען געוועזן מייסטענס די מענער מיט די פיקעס, די גאַנץ אָרימע פון די געסלאַך פון פאַ־

ריז, וועלכע זיינען געטווידטעט געוואָרען. זיי האָבען געשטורמט די טיוליערי אין גאַנצע מאַסען, און זיי זיינען געפאַלען אונטער די קוילען פון די שווייצאַרישע סאָלדאַטען און די אַדעל־לייט, וועלכע זיינען געווען גוט געשיצט דורך די דיקע ווענד פון פּאַלאַץ.

וואָגענס, אָנגעלאָדען מיט טוידטע, זיינען געפאָהרען צו די אָרימע גאַסען פון פּאַריז, דערצעהלט מישלע, און דאָרט זיינען די טוידטע אויסגעלייגט געוואָרען, אַזוי, אַז מען זאָל קענען זיי דערקענען. די מאַסע האָט זיך צוזאַמענגעקליבען ארום זיי, און די ראַכע־געשרייען פון די מענער האָבען זיך צונויפגעמישט מיט דעם וויינען פון די פרויען.

אין דעם אבענד פון 10טען אויגוסט און דעם פאָלגענדען טאָג איז דער כעס פון פאָלק געווען מייסטענס געגען די שווייצאַ־רען. האָבען דען ניט מאַנכע פון די שווייצאַרישע סאָלדאַטען ארויסגעוואָרפען זייערע קוילען דורך די פענסטער, און דערמיט איינגעלאַדען די מאַסע אהינצוגעהן אין פּאַלאַץ? האָט דען ניט דאָס פאָלק געמאַכט אַ פערזוך צו שליסען ברודערשאַפט מיט די שווייצאַרען, וועלכע זיינען געווען אַוועקגעשטעלט אויף דעם גרויסען טרעפּ ביים אריינגאַנג, ווען זיי האָבען גלייך פון דער נאָהענט אָנגעהויבען מערדערליך צו שיסען אויף די מאַסע?

אָבער דאָס פאָלק האָט באַלד בעגריפען, דאָס עס איז געווען נויטיג צו טרעפען העכער, אויב זיי ווילען דערגרייכען די אמת׳ע שולדיגע אין דיזער מענשען־הריגה: אין דעם קעניג און די קע־ניגין און אין „די עסטרייכישע קאָמיטע" אין די טיוליערי.

אָבער דעם קעניג, די קעניגין און זייערע אנהענגער האָט די פערזאַמלונג גענומען אין שוץ. עס איז אמת, דאָס דער קעניג, די קעניגין און זייערע קינדער און די נאָהענטע פריינד פון מאַריע אַנטואַנעט זיינען געווען פערשפּאַרט אין דעם טעמפּעל־טורעם. די קאָמונע האָט אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל זיי ארי־בערפיהרען אהין, ווייל זי האָט זיך ענטזאָגט פון יעדער פעראַנט־וואָרטליכקייט, אויב מען זאָל זיי איבערלאָזען אין לוקסעמבורג.

אָבער אין דער ווירקליכקייט איז גאָר ניט געטהאָן געוואָרען, גאָר־ניט ביז דעם 4טען סעפּטעמבער.

דעם 10טען אויגוסט האָט די פערזאמלונג זאָגאר ענטזאגט זיך צו פּראָקלאמירען, אז לואי דער 16טער איז שוין מעהר קיין קעניג ניט. אַלעס, וואָס זי האָט געטהאָן, איז צו ס ו ס פּ ע נ־ד י ר ע ן איהם דערווייל און אויסוועהלען אַן ערציהער פאר זיין יורש. און דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען דאַן, ווען די דייטשען, וועלכע זיינען אריין אין פראנקרייך דעם ניינצעהנטען, האָבען מארשירט אויף פּאריז, אום צו העלפען דער אויפריכטונג פון קעניג און פון זיין אבסאָליוטער מאכט, מבטל צו זיין אַלע דעקרעטען פון דיביידע פערזאמלונגען, און צו „טוידטען אַלע יאקאָבינער", וואָס דאָס האָט געמיינט אַלע רעוואָלוציאָנערען.

עס איז לייכט צו פערשטעהן דעם צושטאנד פון גייסט, וואָס האָט געהערשט אין פּאריז אונטער דיזע אומשטענדען. אונ־טער אַן אויבען־אויפיגער רוהיגקייט, האָט אַן אונרוהיגער אומעט געהערשט אין די אָרימע טהיילען פון פּאריז, וועלכע נאָך זייער זיעג אין די טוילערי, פאר וועלכען זיי האָבען בעצאָהלט אזא טהייערען פּרייז, האָבען זיך געפיהלט פערראַטהען פון דער פער־זאמלונג, און פון די רעוואָלוציאָנערע „טאָן־געבער", וועלכע האָ־בען זיך אויך געוואקעלט צו ערקלערען זיך געגען קעניג און די קעניגליכע מאכט.

יעדען טאָג זיינען געבראכט געוואָרען נייע בעווייזע פון דער פערשווערונג, וועלכע איז אויסגעארבייט געוואָרען אין די טוילערי פאר דעם 10טען אויגוסט און וועלכע איז נאָך אַלץ ווייטער געטריבען געוואָרען אין פּאריז און אין די פּראָווינצען. די פערזאמלונג, די מיטינגען פון דער קאָמונע און די פּרעס האָ־בען געהאַט דיזע בעווייזע, און דאָך איז גאָר ניט געטהאָן געוואָ־רען, אום צו בעשטראָפען די שולדיגע, אָדער צו שטערען זיי ווייטער אויפצונעהמען דאָס געוועב פון זייערע קאָנספּיראציעס.

מיט יעדען טאָג זיינען די נאָכריכטען פון גרענעץ געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר בעאונרוהיגענד. די פעסטונגען זיינען ניט געווען פערטיג פאר פערטהיידיגען זיך; קיין זאך איז ניט גע־

טהאָן געוואָרען, אום צו שטערען דעם פּאָרטשריט פון שונא. עס איז געווען בעשיינפּערלאך, דאָס די שוואכע פראנצויזישע פּאָלקען, קאָמאַנדירט פון אָפּיציערען, וועלכע מען האָט ניט גע־קאָנט טרויען, האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט אָבשטעלען די דייטשע ארמייען, וועלכע זיינען געווען אין צאָהל צוויי מאָל אזוי גרויס, געוועהנט צו קריעג־פיהרונג, און אונטער גענעראַלען, וועמען זייערע סאָלדאַטען האָבען געטרויט. די ראָיאַליסטען האָבען שוין אויסגע׳חשבון׳ט דעם טאָג, די שעה, ווען די ארייג־דרינגענדע ארמייען וועלען אָנקלאַפּען אין די טויערען פון פּאריז.

די פּאָלקס־מאַסען האָבען פערשטאַנען די געפאהר; אלע די, וועלכע זיינען געווען יונג, שטאַרק, ענטהוזיאסטיש אין דעם רעפּובליקאַנישען פּאריז, האָבען זיך געאיילט זיך איינצושרייי־בען פאר דעם דיענסט ביין גרענעץ. דער ענטהוזיאזם איז גע־וואָרען העלדיש. געלד, ציערונג און אלע סאָרטען מתנות פון פּאטריאָטען זיינען געבראַכט געוואָרען אין דעם רעקרוטען־אָפּיס.

אָבער וואָס האָט גענוצט דיזע גאַנצע געטריישאַפט, ווען יע־דער טאָג האָט געבראַכט די נייעס פון עפּעס אַ פרישען פער־ראַטה, און ווען דער קוואַל פון אַלע דיזע פערראַטהען זיינען גע־ווען דער קעניג און די קעניגין, וועלכע, כאָטש פערשפּאַרט אין טעמפּעל, האָבען דאָך פון דאָרט ניט אויפגעהערט אָנצופיהרען די פערשווערונג? ניט קוקענדיג אויף די גוטע בעוואַכונג, אויס־געפיהרט פון דער קאָמונע, האָט דען מאַריא אנטואנעט ניט גע־וואוסט ריכטיג אלעס, וואָס עס איז פּאָרגעקומען דרויסען? זי האָט געוואוסט פון יעדער בעוועגונג פון די דייטשע אַרמייען; און ווען ארבייטער זיינען געקומען צוצומאַכען גראַטעס צו די פענסטער פון טעמפּעל, האָט זי געזאָגט: „צו וואָס נוצט עס? אין אַ וואָך אַרום וועלען מיר שוין דאָ ניט זיין!“ און, ווירקליך, עס איז געווען צווישען דעם 5טען און 6טען סעפּטעמבער, ווען די ראָיאַליסטען האָבען ערוואַרטעט דאָס אריינקומען פון 80 טוי־זענד פּרייסען אין פּאריז.

וואָס נוצט עס דאָס בעוואַפנען־זיך און דאָס איילען־זיך צום גרענעץ, ווען די געזעצגעבענדע פערזאמלונג און די פּאַרטיי, וואָס

איז אין מאכט, זיינען די אויסגעשפראָכענע פיינד פון דער רע־פובליק? זיי טהוען אַלעס מעגליכע אום אויפצוהאַלטען דעם קע־ניגטהום. צוויי וואָכען פאר דעם 10טען אויגוסט האָט דען בריססאָ ניט גערעדט געגען די קאָרדעליערס, וועלכע האָבען פער־לאַנגט א רעפּובליק? האָט ער דען ניט געפאָדערט, אז זיי זאָ־לען בעשטראָפט ווערען מיט די וואפען פון געזעץ?*) און איצט, נאָך דעם 10טען אויגוסט, האָט דען ניט דער יאקאָבינישער קלוב, וואו עס פלעגען צוזאמענטרעפען זיך די מיטעל־קלאַסע מענשען, האָט ער דען ניט געשוויגען ביז דעם 27טען אויגוסט, איבער דער פראַגע, וועלכע האָט אזוי אויפגעקאָכט גאַנץ פּאַריז: „צו זאָל דער קעניגטהום, וועלכער ערוואַרטעט זיין שטיצע פון די דייטשע ביקסען, אויפגעהאַלטען ווערען — יע אָדער ניין?“

די מאַכטלאָזיגקייט פון די רעגיערענדע קלאַסען, די פייג־הייט פון די פיהרער פון געדאַנק אין דיזער שעה פון געפאהר האָט געמוזט ברענגען דאָס פאָלק אין פערצווייפלונג. און די טיפענים פון דיזער פערצווייפלונג קען איינער ערשט בעגרייפען, ווען ער זאָל לעזען די צייטונגען פון יענע טעג, די מעמוּאַרען און די פּריוואַט־בריעף, און פּרובירען דורכצולעבען די פער־שיעדענע געפיהלען, וועלכע פּאַריז האָט דורכגעלעבט נאָך דער ערקלערונג פון קריעג. אָט וואַרום איך וועל קורץ איבערדער־צעהלען די הויפּט־פּאַסירונגען.

אין דעם מאָמענט, ווען דער קריעג איז ערקלערט געוואָרען, איז לאַפאַיעט נאָך אַלץ געהויבען געוואָרען ביז׳ן הימעל און בע־וואָנדערט אין די מיטעל־קלאַס־קרייזען. זיי זיינען געווען מלא שמחה צו זעהען איהם אַן דער שפּיצע פון דער אַרמיי. עס איז

---

*) „אויב עס זיינען דאָ מענשען“, האָט ער געזאָגט, „וועלכע אַרבייטען פאַר די עטאַבלירונג פון דער רעפּובליק אויף די רואינען פון דער קאָנסטיטוציע, דאַרף דער אָרעם פון געזעץ זיי בעשטראָפען, אַזוי גוט, ווי די אַקטיווע אַנהענגער פון די צוויי קאַמערען און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען אין קאָבלענץ.“

אמת, דאָס זייט דער מענשען־אויסשלאַכטונג אויף דעם מאַרס־פעלד (יולי, 1791), זיינען אויסגעדריקט געוואָרען איבער איהם מאַנכע צווייפעל, און דאָס שאַבאָ האָט וועגען זיי גערעדט אין דער פערזאַמלונג אין אָנפאַנג יוני, 1792, אָבער די פערזאַמלונג האָט בעהאַנדעלט שאַבאָ'ן אַלס אַן אַגיטאַטאָר, אַלס פעררעטער, און האָט איהם געבראַכט צום שווייגען.

דאַן, יוני, דעם 18טען, האָט די פערזאַמלונג ערהאַלטען פון לאַפאַיעט זיין בעריהמטען בריעף, אין וועלכען ער האָט דענונצירט די יאַקאָבינער און האָט געפאָדערט די אונטערדריקונג פון אַלע זייערע קלובען. דיזער בריעף, קומענדיג איינינע טעג נאָך דעם, ווי דער קעניג האָט אָבגעזאָגט דעם זשיראָנדיסטישען מיניסטעריום — דעם יאַקאָבינישען מיניסטעריום, ווי מען האָט איהם דאַן גערופען — האָט דיזע פערזאַמלונג געמאַכט מענשען דענקען. דאָך די פערזאַמלונג האָט עס פערשטיקט מיט דעם, וואָס זי האָט געוואָרפען אַ חשד אויף די עכטקייט פון דעם בריעף, און דאַן האָט דאָס פאָלק גאַנץ נאַטירליך געפרעגט זיך, אויב די פערזאַמלונג איז ניט אין חברותא מיט לאַפאַיעט.

אונגעאַכטעט אויף דעם אַלעם, איז די אויפרעגונג אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען, און דעם 20טען יוני האָט דאָס פאָלק רעבעללירט. וואונדערבאַר־גוט אָרגאַניזירט פון די סעקציאָנען, איז דאָס פאָלק אריינגעדרונגען אין די טױליערי. קיינע בעזאָנדערע רציחות פון דער זייט פון פאָלק זיינען, ווי מיר האָבען געזעהען, ניט פאָרגעקומען. אָבער די מיטעל־קלאַסען איז בעפאַלען אַ שרעק, און די פערזאַמלונג האָט זיך אריינגעוואָרפען אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע, אָננעהמענדיג אַ רייאָט־געזעץ געגען די עפענטליכע פערזאַמלונגען אין די גאַסען. נאָך דעם איז לאַפאַיעט אָנגעקומען, דעם 23־טען; ער איז אוועק צו דער פערזאַמלונג, וואו ער האָט אַנערקענט זיין בריעף פון דעם 18טען יוני, און איז דערביי פעסט געבליבען. ער האָט פערדאַמט אין שטאַרקע ווערטער דעם 20טען יוני און האָט דענונצירט די יאַקאָבינער מיט נאָך מעהר ביטערקייט. לוקנער, וועלכער האָט קאָמאַנדירט איבער די צווייטע אַרמיי, האָט זיך פעראייניגט מיט

לאַפאַיעט געגען די טהעטיגקייט פון פאָלק דעם 20טען יוני און אין זיין ערקלערען טרייהייט צום קעניג. נאָך דעם איז לאַ־פאַיעט דורכגעפאָהרען פאַריז „מיט זעקס אָדער אַכט הונדערט אָפיציערען פון דעם פאַריזער גאַריזאָן אַרום זיין קאָטש"*). איצט ווייסען מיר, ווארום לאַפאַיעט איז דאַן געקומען נאָך פאַריז. עס איז געווען, אום איינצורעדען דעם קעניג, ער זאָל זיך לאָזען אוועקפיהרען און זיך שטעלען אונטער דעם שוץ פון דער אַרמיי. עס איז נור איצט, ווען מיר ווייסען דאָס אַזוי זיכער, אָבער לאַ־פאַיעט'ס דאַמאָלסדיגע אויפפיהרונג איז שוין געווען זעהר פער־דעכטיג. פאר דער פערזאמלונג איז געמאכט געוואָרען אַ פאָר־שלאַג פאר זיין פערפאָלגונג, אָבער די מאַיאָריטעט איז געווען דאַ־געגען. וואָס האָט דאָס פאָלק געמוזט דענקען וועגען דעם?**)

*) מאַדאַם זשוליען צו איהר זוהן (דער זשורנאַל פון אַ בור־זשואַ, זייטע 170). אויב די בריעף פון מאַדאַם זשוליען זיינען ניט ריכטיג אין מאַנכע קליינע איינצעלהייטען, זיינען זיי אָבער זעהר ווערטהפול פאר יענע פעריאָדע, ווייל זיי דערצעהלען גאַנץ פינקטליך, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער פאַריז האָט געזאָגט און געדענקט אין אַזעלכע טעג.

**) לאַלי־טאָללענדייל, אין אַ בריעף אַדרעסירט צום קעניג פון פרויסען, פערלאַנגענדיג די בעפרייאונג פון לאַפאַיעט, האָט אויסגערע־בענט די גרויסע טובות, וואָס דער כיטרער גענעראל האָט געבראַכט דעם קעניגליכען הויף. נאָך דעם, ווי דער קעניג איז געבראַכט געוואָרען צוריק אין פאַריז פון וואַרען, יוני, 1791, זיינען די הויפט־פיהרער אין דער גרינדונגס־פערזאמלונג צוזאמענגעקומען אום צו בעשליסען, אויב דער קעניג זאָל ניט פראָצעסירט ווערען, און עס זאָל ניט ער־קלערט ווערען אַ רעפובליק. לאַפאַיעט האָט דאַן צו זיי געזאָגט: „אויב איהר וועט טוידטען דעם קעניג, וואָרן איך אייך, דאָס דעם נעקסטען טאָג וועל איך אין די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע פראָקלאַמירען דעם ראָיאַליסטישען פרינץ". ער געהערט צו אונז, מיר מוזען אַלעס פערגעסען", האָט געזאָגט מאַדאַם עליזאַבעט, די שוועסטער פון לואי דעם 16טען, אין יוני, 1792, צו מאַדאַם

„מיין גאָט, מיין פריינד, ווי שלעכט אַלעם געהט!“ האָט

טאַנער, רעדענדיג פון לאַפּאַיעט. און אין אָנפאַנג יולי, 1792, האָט לאַפּאַיעט געשריבען צום קעניג, וועלכער האָט איהם געענטפערט. אין דיזען בריעף, דאַטירט דעם 8טען יולי, האָט ער פאָרגעשלאָגען די אָר־גאַניזירונג פון דעם קעניג׳ס אנטלויפען. ער האָט געזאָלט קומען דעם 15טען מיט 15 סקאַדראָנען און מיט 8 קאַנאָנען, אום אַרויסצונעהמען דעם קעניג אין קאמפּיין. לאַללי־טאָלענדויל, אַ ראָיאַליסט מיט לייב און לעבען, האָט פאָלגענדעס פעסטגעשטעלט: „זיין (לאַפּאַיעט׳ס) פּראָקלאַמאַציע צו דער ארמיי, זיין בעריהמטער בריעף צו דער פערזאַמ־לונג, זיין אונערוואַרטעטער קומען נאָך פּאַריז נאָך דעם שרעקליכען 20טען יוני — דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען מיט מיין וויסען, קיין זאַך ניט אָהן מיין בעטהייליגונג... דעם טאָג נאָך זיין קומען נאָך פּאַריז, האָב איך אַ טהייל פון דער נאַכט פערבראַכט מיט איהם: מיר האָבען דיסקוטירט, צו עס זאָל ערקלערט ווערען קריעג די יאַקאָ־בינער אין פּאַריז גופא — קריעג, אין דעם פולסטען זין פון וואָרט.“ זייער פּלאַן איז געוועזען צו פעראייניגען אַלע אונצופריעדענע לאַנד־אייגענטהימער און אַלע די אונטערדריקטע, וועמעס צאָהל איז געוועזען גרויס, און צו פּראָקלאַמירען: קיינע יאַקאָבינער און קיין קאָבלענץ! צו פיהרען דאָס פאָלק נאָך דעם יאַקאָבינער קלוב, צו ארעסטירען זייערע פיהרער, און ארונטעררייסען זייער הויז. לאַפּאַיעט האָט עס שטאַרק געוואונשען; ער האָט געזאָגט צום קעניג: „מיר מוזען פער־ניכטען די יאַקאָבינער פיזיש און מאָראַליש.“ זיינע שרעקעדיגע פריינד זיינען געוועזען אָבער דאַגעגען. „ער האָט מיר געשוואָרען, דאָס ער וועט אזוי שנעל, ווי ער וועט זיך צוריקקעהרען צו דער ארמיי, גלייך אָנהויבען צו ארבייטען צו געפינען מיטלען פאַר דעם קעניג׳ס בעפרייאונג.“ און דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָבען די קאָמיסיאָנערען, געשיקט צו לאַפּאַיעט נאָך אויגוסט דעם 10טען פון דער פערזאמלונג, געהאַט דעם אויפטראָג אָנצובאָטען לאַפּאַיעט דעם ערשטען פּלאַץ אין דער נייער אָרדנונג. דער פערראַטה אין דער פער־זאַמלונג צווישען די זשיראָנדיסטען איז, אַלזאָ, געוועזען פיעל טיעפער, וויפיעל איינער קען גלויבען.

געשריבען מאדאם זשוליען צו איהר מאן, דעם 30טען יוני, 1793. „מערק נור, ווי די אויפפיהרונג פון דער פערזאמלונג רעגט אויף דאס פאלק; עס קומט דערצו, דאס ווען לואי דער 16טער וועט נעהמען די בייטש פון לואי דעם 14טען, אום ארויסצוטרייבען דיזע צוקראכענע מענשען פון פארלאמענט, וועלען דאן זיין געשרייען פון אלע זייטען, מיט זעהר פערשיעדע־נע בעדייטונגען, — אמת, אבער וואס איז עס פאר א חילוק פאר טיראנען, אבי דאס שטימט מיט זייערע פלענער! די ארים־טאקראטישע מיטעל־קלאס איז ווילד פון שמחה, און דאס פאלק איז אין דער טיפעניש פון פערצווייפלונג. און פאלגליך ברויזט דער שטורם". (זשורנאל פון א בורזשוא, זייטע 164).

פערגלייכען מיר דיזע ווערטער מיט די ווערטער פון שא־מעט, וועלכע זיינען פריהער איבערגעגעבען געווארען, זיינען מיר דאן אין שטאנד צו פערשטעהן, דאס פאר דעם רעוואלוציאנערען עלעמענט פון דער בעפעלקערונג פון פאריז האט די פערזאמלונג געמוזט אויסזעהען, ווי א קאנאנען־קויל, וואס איז צוגעטשעפעט צו די פיס פון דער רעוואלוציע.*)

---

*) אין דיזען מאמענט איז דער האריזאנט אנגעלארען מיט פארעס, וועלכע מוזען פראדוצירען אן עקספלאזיאן", האט געשריבען מאדאם זשוליען דעם 8טען אויגוסט. „די פערזאמלונג זעהט מיר אויס צו זיין שוואך, אום צו אונטערשטיצען דעם ווילען פון פאלק, און דאס פאלק זעהט מיר אויס צו שטארק, אז עס זאל זיך לאזען בעהער־שען פון דער פערזאמלונג. און אט פון דיזען קאמפף מוז עפעס ארויסקומען: אדער פריוהייט אדער שקלאפעריי פאר 25 מיליאן מענ־שען." (זייטע 21). און ווייטער: „די ארונטערזעצונג פון קעניג, וואס ווערט געפאדערט פון דער מאיאריטעט און וואס ווערט פערווארפען פון א מינאריטעט, וועלכע בעהערשט די פערזאמלונג, וועט מוזען ברענגען יענעם קאמפף, וועלכער האלט זיך אין פארבערייטען. די פערזאמלונג וועט ניט האבען די העזה צו ערקלערען איהם, און דאס פאלק וועט ניט זיין אזוי געמיין צו דולדען די פעראכטונג, וועלכע ווערט ארויסגעוויזען דער עפפענטליכער מיינונג." און ווען די פער־

נון, איז געקומען דער צעהנטער אויגוסט, און דאָס פּאריזער פּאָלק, אין זיינע סעקציאָנען, האָט איבערגענומען די בעוועגונג. אָנגעהענדיג אויף אַ רעוואָלוציאָנערען שטייגער, האָט דאָס פּאָלק אויסגעקליבען זיין אייגענעם קאָמאַנדע־ראַטה אום צו געבען דעם אויפשטאַנד דעם כאַראַקטער פון איינייגקייט. דאָס פּאָלק האָט ארויסגעטריבען דעם קעניג פון די טיוליערי, און האָט זיך אַליין געמאַכט פאַר דעם בעל־הבית פון פּאַלאַץ נאָך אַ שאַרפען קאמפּף, און די קאָמונע האָט ארעסטירט דעם קעניג אין דעם טורעם פון טעמפּעל. אָבער די לעגיסלאַטיווע פערזאמלונג האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט, און באַלד איז זי געוואָרען דער פּונקט, ארום וועל־כען עס האָבען זיך ארומגעקליבען די אַלע ראָיאַליסטישע עלע־מענטען.

די מיטעל־קלאַס־לאַנד־אייגענטהימער האָבען גלייך בע־מערקט, וואָס פאר אַ נייע רעוואָלוציאָנערע ווענדונג עס האָט אָנגענומען דער אויפשטאַנד, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער פון אויס־גלייכונג ער האָט געטראָגען, און זיי האָבען זיך נאָך פעסטער אָנגעקלאַמערט אָן דעם קעניגטהום. אַ טויזענד פּלענער זיינען געמאַכט געוואָרען פאר די איבערגעבונג פון דער קרוין צו דעם יורש פון לואי דעם 16טען, וואָס וואָלט אויך געשעהן, ווען די נויטוועגדיגע דערוויילינגע הערשאַפט פון מאריע אנטואנעט וואָלט ניט פון אַלעמען געווען אַזוי פערהאַסט — אָדער צו איר־גענד אָן אַנדער קאַנדידאַט, אַ פּראַנצויז, אָדער אָן אויסלענדער. גראַדע ווי נאָך דעם אַנטלויפען פון לואי דעם זעכצעהנטען נאָך וואַרען, אַזוי איצט ווידער האָט פּאַסירט אָן אויפלעבונג פון דעם סענטימענט צו גונסטען פון קעניגטהום. און ווען דאָס פּאָלק האָט הויך פּערלאַנגט, אַז די פערזאמלונג זאָל זיך ערקלערען גע־

---

זאַמלונג האָט רייגעוואַשען לאַפאַיעט'ען, האָט מאַדאַם זשוליען אַזוי פּראָפעציייט: „אָבער דאָס אַלעס פיהרט אונז צו אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע וועט מאַכען אויפשוידערען די פריינד פון דער מענשהייט: וויל עס וועט רעגענען מיט בלוט. איך איבערטרייב ניט.“

גען קעניגסהום, איז זי, ווי אַלע פערזאַמלונגען פון פּאַרלאַמענטאַ־רישע פּאָליטיקער, ניט זייענדיג זיכער, וועלכע זייט וועט ענדליך געווינען, געווען זעהר פּאָרזיכטיג זיך ניט צו קאָמפּראָמעטירען. זי איז געווען פיעל מעהר גענייגט צום קעניגסהום און האָט זיך פיעל מיה גענומען צו פערדעקען די אַלע פריהערדיגע פערברע־כענס פון לואי דעם 16טען. זי איז געווען דאַגעגען, אז דיזע פערברעכען זאָלען בעקאַנט ווערען אין זייער גאַנצער העסליכ־קייט דורך אַ שטרענגע פערפאָלגונג פון די שולדיגע.

די קאָמונע האָט געמוזט סטראַשענען מיט דעם קלינגען אין דעם אַלאַרם־גלאָק, און די סעקציאָנען האָבען געמוזט אָנהויבען צו רעדען פון אַן אויסשלאַכטונג פון אַלע ראָיאַליסטען*), איידער די פערזאַמלונג האָט בעשלאָסען נאָכצוגעבען. ענדליך האָט זי בעפוילען, דעם 17טען אויגוסט, די בילדונג פון אַ קרימינעלען טריבונאַל, וועלכער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון 8 ריכטער און 8 דזשורי־מענער, אויסערוועהלט דורך די פּאַרשטעהער פון די סעקציאָנען. אָבער די פערזאַמלונג האָט נאָך אַלץ געוואָלט בעגרענצען די מאַכט פון דעם געריכט. ער האָט ניט געדאַרפט אַזוי פיהרען דעם פּראָצעס, אז ער זאָל קענען אויסגעפינען וועגען דער קאָנספּיראַציע, וועלכע איז געפּלאַנעוועט געוואָרען אין די טיוליערי פאַר דעם 10טען אויגוסט. ער האָט זיך געמוזט בע־גרענצען בלויז מיט דער אויספאָרשונג פון דעם, ווער איז געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר דאָס, וואָס האָט פּאַסירט דעם 10טען אויגוסט.

דאָך עס האָבען געהאַלטען אין איין אָנקומען די בעווייזע פון אַ פערשווערונג. יעדען טאָג זיינען זיי געוואָרען אַלץ מעהר בע־שטימט. צווישען די פּאַפּירען, וועלכע מען האָט געפונען ביים איינגעהמען פון די טיוליערי אין דעם דעסק, וועלכער האָט גע־הערט צו מאַנטמאַרין, דעם פּאַטער פון דעם ציוויל־ליסט, זיינען

*) „איהר שיינט צו זיין שטאַרק אין דער פינסטער וועגען דעם, וואָס עס קומט פאָר אין פּאַריז", האָט געזאָגט דער פאָרשפּרעכער פון איינער פון די דעפּוטאַציעס פון דער קאָמונע צו דער פערזאַמלונג.

געווען פיעלע קאָמפּראָמענטירענדע דאָקומענטען. צווישען אַנ־
דערע איז דאָרט געווען אַ בריעף צו די פּרינצען, וועלכער האָט
בעוויזען, אז זיי האָבען געהאַנדעלט אין איינפערשטענדניס מיט
לואי דעם 16טען, ווען זיי האָבען ארויסגעשיקט די עסטרייכישע
און פּרייסישע אַרמייען געגען פראנקרייך און האָבען אָרגאַניזירט
אַ קאָרפּוס קאַוואַלעריע פון צווישען די „עמיגראַנטען", וועלכע
האָבען מאַרשירט מיט די דאָזיגע ארמייען פון פּאריז. מען האָט
דאָרט אויך געפונען אַ לאַנגע ליסטע פון פּאַמפלעטען און בעליי־
דיגונגען געריכטעט געגען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און די יאַ־
קאָבינער. דיעזע בלבולים געגען פאָרשטעהער פון פאָלק זיינען
פּאַבריצירט און בעצאָהלט געוואָרען מיט דעם געלד פון דעם
ציוויל־ליסט. צווישען זיי זיינען אויך געווען אזעלכע בלבולים,
וועלכע האָבען בעצוועקט ארויסצורופען אַ רייאָט ביי דעם אָנקו־
מען פון די פעדערירטע פון מאַרסעל, און אַן אויפהעצונג פון דער
נאַציאָנאַל־גוואַרדיע אויסצושלאַכטען זיי.*)

און ענדליך איז דאָרט געווען דער בעוויז, דאָס די „קאָנ־
סטיטוציאָנעללע" מינאָריטעט פון דער פערזאמלונג האָט פער־
שפּראָכען נאָכצופאָלגען דעם קעניג אין פאַל, ער וועט פערלאָ־
זען פּאריז, אויב ער וועט ניט געהן ווייטער, יעדענפאַלס, פון
דעם גרענעץ, וועלכער איז איהם ערלויבט פון דער קאָנסטיטוציע.
דאָרט זיינען געווען, אַ חוץ דעם, פיעלע אַנדערע זאכען, אָבער

---

*) אין איין בריעף פון שווייצאַריען איז דיסקוטירט געוואָ־
רען די בעשטראָפונג פון די יאַקאָבינער: „מיר וועלען אויספיהרען
די גערעכטיגקייט אויף זיי; זיי זאָלען זיין אַ שוידערליכער ביי־
שפּיעל.... קריעג געגען דאָס פּאַפּיר־געלד. אָט דאָ וועט זיך עס אָנ־
הויבען דער באַנקראָט. די גייסטליכע און די „פּאַרלאמענטען" זאָ־
לען צוריק אינסטאָלירט ווערען.... דאָס ערגער פאר די יעניגע, וועלכע
האָבען געקויפט דעם אייגענטהום פון די גייסטליכע...." אין אַ צוויי־
טען בריעף לעזען מיר: „קיין מאָמענט טאָר מען ניט פערליהרען.
מיר מוזען מאַכען פיהלען די מיטעל־קלאַס, אז דער קעניג אַליין נור
קען איהר רעטען."

מען האָט זיי בעהאַלטען, אום דער צאָרן פון פאָלק זאָל זיך ניט אויסגיסען אויף די פערהאַפטעטע אין טעמפעל. און מיר קענען צולעגען, וואַהרשיינליך, אויך אויף דער פערזאַמלונג.

ענדליך זיינען די פעררעטהערייען, וועלכע מען האָט שוין אַזוי לאַנג צוריק פאָראויסגעזעהען, אויסגעבראָכען אין דער אַרמיי. דעם 22טען אויגוסט איז בעקאַנט געוואָרען דער פערראַטה פון לאַפאַיעט. ער האָט פּרובירט צווינגען זיין אַרמיי איהם נאָכצופאָלגען און מאַרשירען אויף פּאַריז. אין דער ווירקליכקייט איז זיין פּלאַן שוין געווען פערטיג מיט צוויי מאָנאַטען צוריק, ווען ער איז געקומען נאָך פּאַריז אום אויסצוגעפינען די ריכטיגע לאַגע נאָך דעם 20טען יוני. איצט האָט ער פון זיך אַראָבגעוואָרפען די מאַסקע. ער האָט בעפוילען די פערהאַפטונג פון דריי שלוחים, וועלכע זיינען צו איהם געשיקט געוואָרען פון דער פערזאַמלונג, אום צו מעלדען איהם וועגען דער רעוואָלוציע פון דעם 10טען אויגוסט. און דער אַלטער פוקס לוקנער האָט מסכים געווען צו זיין האַנדלונג. גליקליכערוויזע האָט די אַרמיי פון לאַפאַיעט ניט געפאָלגט איהר גענעראַל, און דעם 19טען אויגוסט האָט ער, בעגלייט פון זיינע מיטהעלפער, געמוזט אַריבערלויפען איבער׳ן גרענעץ, האָפענדיג צו געפינען זיין וועג נאָך האָללאַנד. אבער ער איז גראַדע אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די עסטרייכער, און ער איז פון זיי אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס, וואו זיי האָבען זיך בעגאַנגען מיט איהם גאַנץ שטרענג, וואָס דאָס ווייזט, ווי די עסטרייכער האָבען בעאַבזיכטיגט צו האַנדלען געגען יעדען רעוואָלוציאָנער, וואָס זאָל האָבען דאָס אונגליק אַריינצופאַלען אין זייערע הענד. זיי האָבען הינגעריכטעט אויפ׳ן שטעל די יעניגע מוניציפּאַלע בעאַמטע, וועלכע זיינען געווען „פּאַטריאָטען", און ווען עס האָט זיי געלונגען צו פאַנגען; און ביי מאַנכע פון זיי האָבען זיי אָבגעשניטען די אויערען, און געלאָזט צושלאָגען זיי מיט טשוועקעס צו זייערע שטערנס דורך די אולאַנער.

אויף מאָרגען נאָך לאַפאַיעט׳ס פערראַטה איז אין פּאַריז אָנגעקומען די נייעס, אז לאָנגווי האָט זיך גלייך אונטערגעגעבען

צום שונא, און דאָס צווישען די פּאַפּיערען פון דעם קאָמאַנדיר, לאַוועררן, האָט מען געפונען אַ בריעף, וועלכער האָט ענטהאַלטען אַנבאָטונגען פון פעררעטה צו גונסטען פון לואי דעם 16טען פון דעם הערצאָג פון ברוינשווייג.

„סיידען אַ נס זאָל געשעהן, אָבער ווייטער קען מען זיך אויף די אַרמיי ניט פערלאָזען", איז איצט געווען די אַלגעמיינע מיינונג.

וואָס פּאַריז אַנבעטרעפט, איז ער געווען פול מיט פעררעטהער. אַ מאַסע „עמיגראַנטען" איז צוריקגעקומען און דער מיליטער־מאַן איז אָפט דערקענט געוואָרען פערשטעלט אַלס גלח. אַלערליי קאָנספּיראַציעס, די סמנים פון וועלכע דאָס פאָלק, וועלכעס האָט שטאַרק בעוואַכט דעם קעניגליכען געפענגניס, האָט גלייך דערקענט, זיינען געשפּונען געוואָרען אַרום דעם טעמפּעל. די ראָיאַליסטען האָבען געהאַט בדעה צו בעפרייען דעם קעניג און די קעניגין אָדער דורך אַנטלויפען אָדער דורך אַ פּלוצלינגען אָנפאַל אויף דעם טעמפּעל, און זיי האָבען געהאַלטען אין פּלאַנעווען אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד דעם 5טען אָדער דעם 6טען סעפּטעמבער, ווען די פּריסען האָבען בעדאַרפט זיין ביי די טויערען פון פּאַריז. זיי האָבען גאָרניט בעמיהט זיך צו האַלטען עס אַלס אַ סוד. די זיעבען־הונדערט שוויצאַרישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען פערבליעבען אין פּאַריז, האָבען עס בעדאַרפט דיענען אַלס דער מיליטערישער פונדאַמענט פאַר דעם אויפשטאַנד. זיי האָבען דאָס געזאָלט מאַרשירען צום טעמפּעל, בעפרייען דעם קעניג און אַוועקשטעלען איהם אָן דער שפּיצע פון דער בעוועגונג. אַלע געפענגניסע האָבען עס געזאָלט געעפענט ווערען און די געפאַנגענע אַרויסגעלאָזען אויפ'ן שטאָדט אום צו פּלינדערען, אַזוי אַרום פערשטאַרקענדיג דעם טומעל, ווען פּאַריז זאָל ווערען אונטערגעצונדען *).

---

*) די געפאַנגענע אין דעם געפענגניס לאַ פאָרס האָבען טאַקע שוין געמאַכט אַ פּראָבע אונטערצוציגדען איהם, דערצעהלט מישלע, לויט דער אויספאָרשונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען איבער די סעפּטעמבער־טעג.

אזוי, וועניגסטענס, איז געווען דער קלאַנג, וועלכען די ראַיאַליסטען אַליין האָבען פערשפּרייט. און ווען קערעאַן האָט פאָרגעלעזען דעם רעפּאָרט איבער דעם 10טען אויגוסט, האָט דיזער רעפּאָרט פעסטגעשטעלט דיזען קלאַנג. אין די ווערטער פון איינעם, וואָס האָט געלעבט צו יענער צייט: „עס האָט געמאכט איינעם ציטערען..." אזוי גוט זיינען געווען די נעצען אויסגעשפּרייט ארום די רעוואָלוציאָנערען. און דאָך דער גאַנ־צער אמת איז נאָך ניט דערצעהלט געוואָרען.

אין מיטען פון דיזע אַלע שוועריגקייטען, איז געווען בלויז די קאָמונע מיט איהרע סעקציאָנען, וועלכע האָט זיך אָבגערופען אויף די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע. זיי אַליין, אונטער־שטיצט פון „די קאָרדעליערס קלוב", האָבען געאַרבייט מיט דעם צוועק אויפצואוועקען די מענשען און ארויסצוקריגען פון זיי די העכסטע אנשטרענגונג פאַר די רעטונג פון דער רעוואָלוציע און פון לאַנד, ווייל די זאַך פון ביידע איז דאָך געווען איינע און דיזעלבע.

דער גענעראַל־ראַטה פון דער קאָמונע, אויסערוועהלט אויף א רעוואָלוציאָנערען אופן פון די סעקציאָנען דעם 9טען אויגוסט, האָט געאַרבייט מיט בעגייסטערונג פאַר די בעוואָפנונג, צו־ערשט, פון דרייסיג־טויזענד, און דאַן פון זעכציג־טויזענד פריי־ווילליגע, וועלכע האָבען געזאָלט ארויסגעהן צום גרענעץ. אונ־טערשטיצט פון דאַנטאָנ'ען, האָבען זיי געפונען פאַר זייערע שטאַרקע אויפרופע די ווערטער, וועלכע האָבען עלעקטריזירט פראַנקרייך. ווייל, איבערלאָזענדיג איהרע מוניציפּאַלע פונק־ציאָנען הינטער זיך, האָט די קאָמונע דאַן גערעדט צו גאַנץ פראַנקרייך און, דורך איהרע וואָלאָנטירס, אויך צו דער ארמיי. די סעקציאָנען האָבען אָרגאַניזירט די אונגעהויערע גרויסע ארבייט פון פערזאָרגען די פריייווילליגע מיט אַלעם נויטיגען, און די קאָמונע האָט געהייסען אויסגראָבען די בלייענע טרונעס און זיי צושמעלצען אין קוילען, און די הייליגע כלים פון די קירכען אומצואוואנדלען אין בראָנז פאַר קאַנאָנען. די סעקציאָנען זיינען געוואָרען דער ברענענדער אויווען, אָן וועלכען זיי האָבען געשאַרפט זייערע וואפען, מיט וועלכע די רעוואָלוציע האָט עס

געזאָלט בעזיעגען די פיינד און מאכען א צווייטען שריט פאָר־וועדטס — א שריט צו גלייכהייט.

ווייל, אין ווירקליכקייט, א נייע רעוואָלוציע — א רעוואָ־לוציע, וועמעס ציעל איז געווען גלייכהייט — גענומען פון פאָלק אין זיינע אייגענע הענד, האָט זיך שוין געהאַלטען אין ענט־וויקלען. און עס איז צום רוהם פון פאַריזער פאָלק, דאָס ער האָט פערשטאַנען, דאָס אין זיין פאַרבערייטען זיך צוריקצו־שטויסען דעם אויסלענדישען שונא, האָט ער ניט בלויז געהאַנ־דעלט אויס א געפיהל פון נאַציאָנאַלען שטאָלץ; אויך איז דאָ ניט געווען די פראַגע פון בלויז ניט דערלאָזען די צוריקקעהרונג פון דעם קעניגליכען דעספּאָטיזם. עס איז געווען די פראַגע פון פערייניגען די רעוואָלוציע, פון ברענגען איהר צו א געוויסען פראַקטישען שלוס צום גוטען פון דער מאַסע פון פאָלק, דורך די אָנפיהרונג פון א רעוואָלוציע, וועלכע זאָל זיין אין איהר כאַראַקטער אזוי סאָציאַל, ווי זי איז עס געווען פּאָליטיש. און דאָס האָט געמיינט די ערעפנונג דורך א בעזונדערס גרויסע אַנשטרענגונג פון פאָלק פון א נייע בלאַט אין דער געשיכטע פון ציוויליזאַציאָן.

אבער אויך די מיטעלקלאַסען האָבען בעגריפען דעם נייעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, וועלכע די פאַריזער קאָמונע האָט זיך אונטערנומען דורכצופיהרען. דערפאַר האָט די פער־זאַמלונג, וועלכע האָט מעהר פון אַלץ רעפּרעזענטירט די מיטעל־קלאַסע, געאַרבייט אויף אַלע כלים צו שטערען דעם איינפלוס פון דער קאָמונע.

שוין דעם 11טען אויגוסט, וועהרענד דער פּאַלאַץ טיולערי האָט נאָך געברענט, און די טויטע זיינען נאָך געלעגען אין דעם הויף פון פּאַלאַץ, האָט די פערזאַמלונג בעפוילען די אויס־וואַהל פון א נייעם דירעקטאָריום פון דעם דעפּאַרטמענט, וועל־כען זיי האָבען געוואָלט האָבען אַלס אַן אָפּאָזיציאָן צו דער קאָמונע. די קאָמונע האָט עס ניט דערלאָזען, און די פערזאַמ־לונג האָט געמוזט נאָכגעבען. אבער דער קאַמפּף איז פאַרט־געזעצט געוואָרען. אַן אונערבאַרמליכער קאַמפּף, אין וועלכען

די זשיראָנדיסטען אין דער פערזאַמלונג האָבען צו געוויסע צייטען פראָבירט אָבצווייסען די סעקציאָנען פון דער קאָמונע און אויפצולייזען דעם גענעראַל־ראַטה, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען אויף אַ רעוואָלוציאָנערען אופן דעם 9טען אויגוסט. שענדליכע אינטריגען אין אַזאַ צייט, ווען דער שונא איז מיט יעדען טאָג געקומען אַלץ נאָהענטער צו פּאַריז, רויבענדיג און פּלינדערנדיג אויף זיין וועג.

דעם 24טען אויגוסט איז אָנגעקומען די נייעס, אַז לאָנגווי האָט זיך אונטערגעגעבען אָהן אַ קאַמפּף, און דורך דעם איז די חוצפה פון די ראָיאַליסטען געוואַקסען. זיי האָבען געזונגען דעם הימן פון „זיעג". די אַנדערע שטעדט וועלען פּונקט אַזוי זיך אונטערגעבען, ווי לאָנגווי, און זיי האָבען שוין געגלאָזט וויסען, אַז אין אַ וואָך ארום וועלען זייערע דייטשע חברים זיין אין פּאַריז. זיי האָבען זאָגאר שוין אָנגעגרייט קוואַרטירען פאַר זיי. מאַסען ראָיאַליסטען האָבען זיך פערזאַמעלט ארום דעם טעמפּעל, און די קעניגליכע פאַמיליע האָט זיך פעראייניגט מיט זיי אין דעם וואונש פון ערפאָלג צו די דייטשען. אָבער די שרעקליכסטע זאַך איז געווען, דאָס די יעניגע, וועלכע זיינען עס דאַן געווען די רעגיערונג פון פראַנקרייך, האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו טהון עטוואָס, אַז פּאַריז זאָל זיך ניט דאַרפען אונטער־געבען צום שונא, ווי לאָנגווי. „די קאָמיסיאָן פון 12", וועלכע האָט עס געזאָלט זיין דער צענטר פון טהעטיגקייט אין דער פער־זאַמלונג, איז געוואָרען ווי צומישט, און דער זשיראָנדיסטישער מיניסטעריום — ראָלאָן, קלאַוויער, סערוואַן און די אַנדערע — איז געווען פון דער מיינונג, אַז מען דאַרף אַנטלויפען נאָך בלאָי אָדער נאָך זיד־פראַנקרייך, און איבערלאָזען די רעוואָלוציאָ־נערען פון פּאַריז צו דעם צאָרן פון די עסטרייכער, פון דעם דיוק פון בראַנזוויק און די „עמיגראַנטען". „די דעפּוטאַטען האָבען שוין ווירקליך אָנגעהויבען צו אַנטלויפען איינער נאָכ'ן צווייטען, ווי אַלאַר דערצעהלט אין זיינע „עטיודען און לעסאָנס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", און די קאָמונע איז געקומען צו דער פערזאַמלונג מיט אַן עפענטליכער קלאַגע געגען דעם. דאָס

האָט געמיינט פערראַטה מיט געמיינהייט אַלס צוגאַב, און פון אַלע מיניסטאָרען איז דאַנטאָן געווען דער איינציגער, וואָס איז געווען אבסאָלוט געגען אַזאַ האַנדלונג.

עס איז געווען בלויז די רעוואָלוציאָנערע סעקציאָנען און די קאָמונע, וועלכע האָבען פערשטאַנען, אַז אַ זיעג מוז געוואָרען ווערען, וואָס עס זאָל ניט זיין דער פרייז; און דאָס אום צו געווינען איהם, מוזען דער אויסערליכער שונא געשלאָגען ווערען ביי די גרענעצען און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען אין פּאַריז.ביידע אין איין און דערזעלבער צייט.

אָבער דאָס געראַדע האָבען די הערשענדע קלאַסען ניט געוואָלט נאָכגעבען. נאָך דעם, ווי דער קרימינאַל־געריכט, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען צו פּראָצעסירען די שולדיגע אין דער הריגה פון דעם 10טען אויגוסט, איז אינסטאַלירט געוואָרען מיט אַ גרויסען אנשטעל פון ערנסטקייט, איז עס באַלד געוואָרען קלאָר פאר אַלע, אַז דיזער טריבונאַל מיינט אזוי ווענינ צו בעשטראָפען די שולדיגע, ווי דער געריכט פון אָרלעאַן, וועלכער איז געוואָרען — אום זיך צו בענוצען מיט בריסאָס אויסדרוק — „דער בעשיצער פון די קאָנספּיראַטאָרס". ער האָט צוויי אָדער דריי אויפגעאָפּפערט, אַלס קרבנות פאר לואי דעם 16טען, אבער נאָך דעם האָט ער פריינעשפּראָכען איינעם פון די וויכטיגסטע פערשווערער, דעם געוועזענעם מיניסטער מאָנטמאַרין, און אויך דעסאָנוויל, וועלכער איז געווען פערמישט אין דער קאָנספּיראַציע פון ד'אָנגרעמאָן, און האָט זיך געקווינקעלט צו בעשטראָפען באַכמאַנען, דעם גענעראַל, וואָס האָט קאָמאַנדירט די שוויייצאַרישע גוואַרדיע. נאָכדעם האָט מען שוין פון דיזען טריבונאַל גאָר ניט מעהר געקענט ערוואַרטען.

מאַנכע שרייבער האָבען געמאַכט אַ פערזוך פאַרצושטעלען די בעפעלקערונג פון פּאַריז אַלס אַזעלכע, וואָס איז בעשטאַנען פון קאַניבאַלען, בלוטדורשטיגע, וועלכע זיינען געוואָרען מלא רציחה, ווען זיי האָבען דערזעהען איינעם פון זייערע אָפּפער ארויסרייסען זיך פון זיי. דאָס איז אבסאָלוט פאַלש. וואָס די בעפעלקערונג האָט פערשטאַנען אונטער דיזע פריישפּרעכונגען

איז געוועזן דאָס, וואָס דער הערשענדער קלאַס האָט ניט געוואָלט ארויסברענגען פאַר די ליכט פון טאָג די אַלע קאָנספּיראַציעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין די טױליערי, ווייל זיי האָבען געוואוסט, ווי פיעלע פון זיי זיינען פערמישט אין דעם, און ווייל דיזע קאָנספּיראַציעס האָבען נאָך גאָר ניט אויפגעהערט. מאַראַט, וועלכער איז געוועזן זעהר גוט אינפאָרמירט, איז געוועזן גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, דאָס די פערזאַמלונג האָט מורא פאַר'ן פאָלק, און דאָס זי וואָלט געוועזן גאַנץ צופריעדען, ווען לאַפאַיעט וואָלט געקומען מיט זיין אַרמיי, אום צוריק אויפצוריכטען דאָס קעניגטהום.

די ענטדעקונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען דריי מאָנאַטען שפּעטער, ווען גאַסין האָט מיטגעטהיילט וועגען דער עקזיסטענץ פון דעם אייזערנעם שראַנק, אין וועלכען עס זיינען געוועזן די געהיימע פּאַפּיערען פון לואי דעם 16טען, האָבען דאָס ווירקליך אַלעס בעוויזען. די קראַפט פון קעניגטהום איז געלעגען אין דער פערזאַמלונג.

דאַן האָט דאָס פאָלק, זעהענדיג די אַבסאָלוטע אונמעגליכקייט פעסטצושטעלען די פעראַנטוואָרטליכקייטען פון יעדער איינער פון די מאָנאַרכיסטישע קאָנספּיראַציעס, און בעגרייפענדיג די געפאַהר פון דיזע קאָנספּיראַציעס אין דער צייט פון דעם אריינדרינגען פון דעם אויסערליכען שונא, בעשלאָסען צו דערלאַנגען א קלאַפּ, ניט פיעל קלייבענדיג, די אַלע, וועלכע האָבען פערנומען די שטעלען פון צוטרוי אין דעם קעניגליכען הויף, און וועלכע זיינען בעטראַכט געוואָרען אַלס געפעהרליך פון די סעקציאָנען, ווי אויך די יעניגע, אין וועמעס הייזער מען זאָל געפינען וואַפען בעהאַלטען. אום דאָס צו טהון, האָבען די סעקציאָנען געצוואונגען די קאָמונע, און די קאָמונע האָט געצוואונגען דאַנטאָנען, וועלכער האָט געהאַט דעם פּאָסטען פון מיניסטער פון יוסטיץ זייט דעם 10טען אויגוסט, צו בעפעהלען אַן אַלגעמיינע הויז־זוכונג איבער גאַנץ פּאַריז, אום צו פערכאַפּען די וואַפען, וואָס זיינען פערבאַהאַלטען אין די הייזער פון די ראָיאַליסטען און פּריעסטער, און צו אַרעסטירען די יעניגע, וועל־

כע זיינען געווען שטארק פערדעכטיג אין זיין יד אחת מיט דעם אריינדרינגענדען שונא. די פערזאַמלונג האָט ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי נאָכצוגעבען, און האָט ארויסגעגעבען די נויטיגע הויזזוכונג־ערלויבניסע. דאָס זוכען פון די בעהאלטענע וואפען האָט שטאטגעפונען אין דער נאכט פון דעם 29טען אויגוסט, און די קאָמונע האָט עס אויסגעפיהרט מיט א חשק און קראפט, וועלכע האָבען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף די קאָנספיראטאָרס. דעם 29טען אויגוסט בייטאָג האָט פאריז אויסגעזעהן טוידט, א רה״ב פון פינסטערען שרעק. עס איז פערבאָטען געוואָרען אימיצען צו פערלאָזען זיין הויז נאָך זעקס אין אָוועגד; אלע גאסען, ביים אָנקומען פון דער נאכט, זיינען געווען אין דעם בעזיץ פון די פאטרולען, יעדער בעוואפענט מיט א סאבליע אָדער אן אימפראָוויזירטע פיקע. ארום א זייגער איינס ביינאכט האָט זיך אָנגעהויבען די הויז־זוכונג איבער גאנץ פאריז. די פאטרולען זיינען אריין אין יעדען הויז, זוכענדיג וואפען און צונעהמענדיג די יעניגע, וועלכע זיי האָבען געפונען אין די הייזער פון די ראָיאליסטען.

כמעט דריי־טויזענד מענשען זיינען יענע נאכט ארעסטירט געוואָרען און כמעט צוויי־טויזענד ביקסען זיינען געפונען געוואָרען. מאנכעסמאָל האָט די זוכונג פון א הויז גענומען שטונדענלאנג, אָבער קיינער האָט זיך ניט געקענט בעקלאָגען, אז די זוכער זאָלען האָבען צוגענומען א חוץ די וואפען עפעס אנדערעס, וואָס האָט געהאט א געלד־ווערטה.

אויף מאָרגען זיינען די מייסטע ארעסטירטע פרייגעלאָזען געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון דער קאָמונע, אָדער אויף די פאָדערונגען פון די סעקציאָנען. וואָס אנבעטרעפט די יעניגע, וועלכע זיינען פערהאלטען געוואָרען אין געפענגניס, איז עס העכסט־וואהרשיינליך, דאָס מען וואָלט שפעטער זיי סאָרטירט און דאָס עס וואָלטען געגרינדעטע געוואָרען געריכטע אום צו פּראָצעסירען זיי, ווען די פאסירונגען אויף דעם פלאץ פון דער מלחמה און אין פאריז גופא וואָלטען דערצו ניט געשטערט.

וועהרענד גאנץ פאריז האָט זיך געהאלטען אין בעוואפנען

נאָך דעם מעכטיגען אויפרוף פון דער קאָמונע; וועהרענד אויף יעדען עפענטליכען פּלאַץ זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען „אַלטאַרען צום פאַטערלאַנד“, ביי וועלכע די יוגענד פון פּאַריז האָט זיך געלאָזט איינשרייבען אַלס סאָלדאַטען, און אויף וועלכע די בירגער, רייך און אָרעם, האָבען אַוועקגעלעגט זייער ביישטייערונג צום פאַטערלאַנד; וועהרענד די קאָמונע און די סעקציאָנען האָבען ארויסגעוויזען אַן ענערגיע, וואָס איז געווען ווירקליך צו בעוואונדערען, אין דער פערזאָרגונג און בעוואַפנונג פון זעכציג־טויזענד פרייוויליגע צום גרענעץ; און כאָטש אַלעם האָט געפעהלט צו דיעזען צוועק, דאָך האָבען זיי אויסגעפיהרט אַוועקצושיקען יעדען טאָג צוויי טויזענד — אָט דיזען מאָמענט האָט די פערזאַמלונג אויסגעקליבען אום צו אַטאַקירען די קאָמונע. אויף דעם רעפּאָרט פון דעם זשיראָנדיסט גאָדע, האָט זי ארויסגעגעבען אַ דעקרעט, וואָס האָט בעפוילען די זאָפאָרטיגע אויפלעזונג פון דעם גענעראַל־ראַטה פון דער קאָמונע און נייע וואַהלען.

ווען די קאָמונע וואָלט געפאָלגט דיזען בעפעהל, וואָלט עס געמיינט אַ צושטערונג מיט איין קלאַפּ, צום נוצען פון די ראָיאַליסטען און די עסטרייכער, פון דער אָרגאַניזירוג און אָבשיקונג פון די וואָלונטירען צום גרענעץ, די איינציגע מעגליכקייט פאַר די צוריקשטויסונג פון שונא און פאַר די בעקעמפּפונג פון קעניגטהום. עס איז קלאָר, דאָס דער איינציגער ענטפער, וואָס די רעוואָלוציע האָט געקענט געבען אויף דיזען בעפעהל, איז געווען ניט צו פאָלגען און צו ערקלערען די פערפאַסער פון דיזען בעפעהל אַלס פעררעטהער. דאָס האָט אויך די קאָמונע געטהאָן איניגע טעג שפּעטער, ווען זי האָט בעפוילען אַ הויז־זוכונג ביי די מיניסטאָרען ראָלאַן און בריססאָ. וואָס מאַראַט אַנבעטרעפט, האָט ער אָפען געפאָדערט די אויסראָטונג פון יענע פעררעטהערישע געזעצגעבער.

דעמזעלבען טאָג האָט דער קרימינאַל־געריכט פריגעשפּראָכען מאָנטמאָרין — און דוקא דאַן, ווען ער האָט שוין מיט איניגע טעג צוריק דערוואוסט זיך דורך דעם פּראָצעס פון ד'אַנגעמאָן, אַז די ראָיאַליסטישע פערשווערער, גוט בעצאָהלטע, האָבען

איינגעשריעבען און צוטהיילט אין די בריגאַדען סאָלדאַטען, וועלכע, וואַרטענדיג נור אויף דעם סיגנאַל פון אַ צענטראַל־קאָמיטע, האָבען געזאָלט ערשיינען אין די גאַסען און אַטאַקירען די פּאַטריאָטען אין פּאַריז און יעדער שטאָדט פון די פּראָווינצען.

צוויי טעג שפּעטער, דעם 1טען סעפּטעמבער, איז געמאַכט געוואָרען אַ נייע ענטדעקונג. די אָפיציעלע צייטונג פון דעם זשיראָנדיסטישען מיניסטעריום, דער „מאָניטאָר", האָט פער־עפענטליכט „אַ פּלאַן פון די כחות, וואָס זיינען פעראייניגט געגען פראַנקרייך", וואָס איז ערהאַלטען געוואָרען — אַזוי איז געווען ערקלערט — פון אַ פערטרויענסווירדיגער קוועלע אין דייטש־לאַנד. און אין דיעזען פּלאַן איז געווען ערקלערט, דאָס וועהרענד דער הערצאָג פון ברוינשווייג קעמפּפט געגען די פּאַטריאָטישע אַרמייען, דאַרף דער פרייסישער קעניג מאַרשירען דירעקט אויף פּאַריז; און דאָס אַזוי שנעל, ווי ער וועט ווערען דער בעל־הבית פון דער שטאָדט, וועלען די איינוואוינער צוטהיילט ווערען אין צוויי סעקציאָנען — אין רעוואָלוציאָנערען און ראָיאַליסטען, און דאָס אַלע רעוואָלו־ציאָנערען וועלען געטויטעט ווערען; דאָס אין פאַל אַ שטאָדט וועט ניט קענען איינגענומען ווערען, וועט זי אונטערגעצונדען ווערען. „בעסער וויסטעס איידער אַ פאָלק אין אויפשטאַנד", האָבען די פעראייניגטע קעניגע ערקלערט אין זייער מאַניפעסט. און אַזוי ווי צו בעשטעטיגען דיזען פּלאַן, האָט גאָדע דערצעהלט פאַר דער פערזאַמלונג וועגען דער פערשווערונג, וועלכע איז ענטדעקט געוואָרען אין גרענאָבעל. אין דעם הויז פון אַ געוויסען מאָניע, אַן אַגענט פון די „עמיגראַנטען", האָט מען פערכאַפּט אַ ליסטע פון מעהר ווי אַ הונדערט לאָקאַלע פיהרער פון דער פער־שווערונג, און דיזע האָבען גערעכענט אויף די הילפע פון 25־ביז 30־טויזענד מענשען. די דיסטריקטען פון דיו־סעווער און פון מאָרביהאַן האָבען אָנגעפאַנגען אַן אויפשטאַנד אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען געהערט פון דעם אונטערגעבען־זיך פון לאָנגווי: דאָס האָט ווירקליך געהערט צו דעם פּלאַן פון די ראָיאַליסטען און פון רוים.

דעמזעלבען טאָג, נאָכמיטאָג, איז געקומען די נייעס, דאָס ווירדין איז בעלאַגערט, און יעדער איינער האָט פערשטאַנען, אַז אויב דיזע שטאָדט וועט זיך אונטערגעבען, ווי לאָנגווי, דאַן וועט שוין באַלד גאָרניט איבערבלייבען, וואָס זאָל קענען שטערען דעם מאַרש פון די פּריסען אויף פּאַריז; און דאָס די פערזאַמלונג וועט אָדער פערלאָזען פּאַריז, איבערלאָזענדיג איהם צום שונא, אָדער זי וועט איינוויליגען צו דער צוריקקעהרונג פון קעניג צום טהראָן און געבען איהם די פולע מאַכט צו שטילען זיין ראַכע דורך די אויסראָטונג פון די פּאַטריאָטען.

ענדליך, דעם זעלבען טאָג, סעפּטעמבער דעם 1טען, האָט מיניסטער ראָלאַן ארויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט צו די אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפטען, וועלכער איז געווען צוקלעפּט איבער די ווענד פון פּאַריז און אין וועלכען ער האָט גערעדט וועגען דער גרויסער פערשווערונג פון די ראָיאַליסטען: צו שטערען די פרייע צירקולירונג פון נאַהרונגס־שטאָף. נעווער און ליאָן האָבען שוין געליטען דורך דעם.

דאַן האָט די קאָמונע געשלאָסען די טויערען און האָט בעפוילען דאָס קלינגען אין גלאָק און דאָס אויסשיסען פון דעם אַלאַרם־ביקס. אין אַ שטאַרק־פערפאַסטער פּראָקלאַמאַציע, האָט זי אויפגעפאָדערט אַלע פרייוויליגע, וועלכע זיינען געווען פערטיג צו געהן צום גרענעץ, צו שלאָפען יענע נאַכט אויף דעם מאַרספעלד, אַזוי, דאָס זיי זאָלען זיין פערטיג צום מאַרש דעם קומענדען טאָג.

צו דערזעלבער צייט האָט איבער גאַנץ פּאַריז געקלונגען דער געשריי: „לאָמיר שטורמען די געפענגניסע!" דאָרט זיינען געווען די פערשווערער, וועלכע האָבען נור געוואַרט אויף דאָס קומען פון די דייטשען, וואָס זאָלען פערוויסטען און אונטערצינדען פּאַריז. מאַנכע פון די סעקציאָנען האָבען געשטימט, אַז דיזע קאָנספּיראַטאָרס זאָלען געטוידטעט ווערען. „מיר מוזען מאַכען אַ סוף מיט זיי!" — און אַ שטורם טהאָן די רעוואָלוציע אין אַ נייע ריכטונג.

(ענדע פון ערשטען טהייל.)